STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01002

DER VEG TSU UNDZER YUGNT

Max Weinreich

Permanent preservation of this book was made possible
by Samuel Gubins
in honor of
Jack Gubins

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ
ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
אָפּצווייַג יוגנט־פֿאָרשונג

ד"ר מאַקס ווײַנרײַך

דער וועג צו אונדזער יוגנט

יסודות, מעטאָדן, פּראָבלעמען פֿון ייִדישער יוגנט־פֿאָרשונג

ווילנע / 1935

דרוקעריי ד. קריינעס
ווילנע, רודניצקער 2

„דער וועג צו אונדזער יוגנט” איז געמיינט ניט אין פּובליציסטישן זינען, נאָר אין וויסנשאַפֿטלעכן. אויב די וואָס ווילן צוציִען די יוגנט וועלן פֿונדאַנען עפּעס אַרויסטראָגן, איז אַוודאי רעכט; אָבער איך מיט מײַן אַרבעט בין אויסן ניט אײַנצונעמען די יוגנט, נאָר זי צו דערקענען און צו פֿאַרשטיין. אויפֿן סמך פֿון די פֿאַקטן וואָס איך ווייס, אויפֿן סמך פֿון דעם, צו וואָס איך בין דערגאַנגען בײַם אָפּשאַצן פֿאַרשיידענע מעטאָדן, פּרוּוו איך אָנצייכענען אַ ציל און אַ פּלאַן פֿון פֿאָרשונג. דאָס בוך איז ניט קיין אונטערשטע שורה, נאָר אַ התחלה. טייל קאַפּיטלעך זײַנען פּשוט שטאָף צום איבערטראַכטן.

דאָס קלײַבן מאַטעריאַל פֿאַר דער אַרבעט איז מיר פֿאַרגרינגערט געוואָרן דורך דער הילף פֿון דער ראָקעפֿעלער-פֿונדאַציע.

איבער דעם פּרעלימינאַרן כאַראַקטער פֿון בוך האָב איך זיך געשאַפֿט אַ ביסל פֿרײַער מיט ציטאַטן. אָנשטאָט איבערצודערציילן מיט מײַנע ווערטער האָב איך געלאָזט ריידן די מחברים גופֿא, איבערהויפּט ווו ס'איז געגאַנגען וועגן פֿרעמד-שפּראַכיקער, ניט אַזוי גרינג צוטריטלעכער ליטעראַטור. ווי באַלד איך בין אַן אומר דבֿר בשם אומרו אין טעקסט, פֿאַרשפּאָר איך שוין דאָ אויסצורעכענען די אַלע, וואָס פֿון זייערע אידעען האָב איך גענאָסן. לאָמיך נאָר פֿאַרצייכענען מיט דאַנק די נעמען פֿון דרײַ מענטשן, וואָס דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט זיי האָט מיר געגעבן אַ סך מער איידער ס'איז קענטיק פֿון דער צאָל אויסצוגן: פּראָפֿ' עדוואַרד סאַפּיר (ניו-הייוון), פּראָפֿ' דזשאָן דאַלאַרד (ניו-הייוון), ד"ר זיגפֿריד בערנפֿעלד (ווין).

עטלעכע ווערטער מוז איך דאָ זאָגן וועגן די ייִוואָ-מאַטעריאַלן, פֿון וועלכע איך האָב מיט אַ גענוג ברייטער האַנט געבראַכט אַרויסזאָגונגען פֿון יוגנטלעכע. די יוגנט-פֿאָרשונג פֿון ייִוואָ איז פּאָפּולער געוואָרן אין 1934 אַדאַנק אונדזער קאָנקורס אויף דער בעסטער אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אַ ייִדישן יוגנטלעכן. טייל האָבן געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז דער קאָנקורס איז די יוגנט-פֿאָרשונג. אין דער אמתן איז ער געווען נאָר אַן אָנזאָג אויף אַן אָנהייב. אין דעם איצטיקן בוך (קאַפּ' 32—41) רעדט זיך באַריכות וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ ווערדע עס האָבן אויטאָביאָגראַפֿיעס. דאָ בײַם סאַמע אַרײַנפֿאָר וויל איך פֿון זיך פּערזענלעך נאָך אָפּגעבן אַ האַרציקן דאַנק די אָנטיילנעמער פֿונעם קאָנקורס פֿאַר דעם רײַכן אילוסטראַטיוון מאַטעריאַל וואָס זיי האָבן מיר צוגעשטעלט. אַ סך זאַכן זײַנען מיר פּערזענלעך קלערער געוואָרן בײַם לייענען די אויטאָביאָגראַפֿיעס, און אויך פֿאַרן לייענער פֿון דעם בוך וועלן אַ סך

געדאַנקען אַרויסקומען בולטער אַדאַנק די אויסצוגן פֿון אויטענטישע לעבנס־דאָקומענטן. ליידער האָב איך נאָך געהאַט זייער ווינציק דאָקומענטן אין מײַן רשות, בשעת איך האָב געשריבן דעם ערשטן טייל; אַ פּאָר אויסצוגן אויף ממלא צו זײַן בלויזן ברענג איך אין די הוספות צום סוף בוך (זז׳ 295—299).

אויסגענוצט האָב איך דאָ, איבער דוחק אין פּלאַץ, נאָר אַ לפֿי־ערך קלײנעם טייל אויטאָביאָגראַפֿיעס; אָבער מען קען זאָגן אָן גוזמא, אַז עס איז צווישן זיי ניטאָ ממש קיין איינע וואָס זאָל זײַן אָן אַ ווערט. און דער מאַטעריאַל ווערט מיר טאָפּל טײַער, ווען איך דערמאָן זיך, אונטער וואָסערע אומשטאַנדן דאָס רובֿ אָנטיילנעמער האָבן געשריבן.[1]

נאָך אַ התנצלות וועגן דער שפּראַך פֿון בוך. אַ סך טערמינען וועלן אויס־קומען פֿרעמדלעך, אָבער איך זע דערצו קיין עצה ניט. ניט פֿאַר אַלץ איז אין יידיש פֿאַראַן דער אַדעקוואַטער אויסדרוק; מוז מען ווערן אַ שותּף למעשה בראשית אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס איידער עס וואָלט זיך וועלן. אַ צווייטער וועג וואָלט געווען איבערצושרײַבן דײַטשע ווערטער מיט ייִדישע אותיות און נאַרן זיך, אַז דאָס איז ייִדיש. אָבער פֿאַר מײַן געפֿיל איז אַ נײַ נאָך ניט אַרומ־געהובלט ייִדיש וואָרט טויזנט מאָל בעסער ווי אַ דײַטשמערישער באַרבאַריזם. אַגבֿ וואָלט ניט אַלעמאָל געווען בײַ דער האַנט אַ דײַטשמערישער אויסדרוק אויך; איך האָב דעם גאַנצן ענין דורכגעטראַכט אויף ייִדיש און ס׳האָט מיך ניט געאַרט, צי ערגעץ ווו ליגט שוין צוגעגרייט אַ פּאַרטיקער שפּראַכיקער פֿורעם צי ניין. וואָס שייך צום סטיל וואָס איז ערטערווײַז האַרבלעך, טרייסט איך זיך אויך, אַז ס׳איז ניט אין גאַנצן מײַן שולד: איך רייד דאָך וועגן עניינים וואָס זײַנען האַרב אין גרונט.

צום סוף נאָך אַ וואָרט, טאָמער איז בײַ עמעצן פֿאַראַן וועגן דעם אַ ברעקל ספק. וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס (טייל מעלדן אַפֿילו וועגן דעם בפּירוש אויף איטלעכער פּובליקאַציע) זײַנען ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די מיינונגען וואָס זייערע מיטגלידער און מיטאַרבעטער זאָגן אַרויס. אַזוי איז מיטן ייִוואָ אויך, און אַזוי איז מיטן איצטיקן בוך: די וויסנשאַפֿטלעכע אַחריות פֿאַר אַלץ וואָס איז דאָ אַרויסגעזאָגט טראָגט ניט דער ייִוואָ, נאָר בלויז

מ. ווײַנרײַך

ווילנע, יוני 17, 1935.

---

[1] זע ז׳ 138 און די הוספות ז׳ 298.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז איך האָב געקוקט אויף די אויסצוגן ווי אויף פּסיכאָלאָגישן, ניט ווי אויף לינגוויסטישן מאַטעריאַל. איך האָב דעריבער ניט אָפּגעהיט דיפּלאָמאַטיש געטרײַ אַלע ספּעציפֿישקייטן פֿונעם טעקסט: אַחוץ וואָס דער אויסלייג איז אומעטום פֿאַראייניקטהייטלעכט האָב איך אויך אַ ביסל אויסגעגלעט די ענדונגען: איך שטעל „פֿון דער...״ אָנשטאָט „פֿון די...״ אד״גל. חוץ דעם דאַרף מען האָבן אין זינען—אַ געניט אויג וועט דאָס דערקענען—אַז טייל אויטאָביאָגראַפֿיעס זײַנען געשריבן ניט אין ייִדיש; ממילא זײַנען די אויסצוגן איבערגעזעצט, און ניט דער מחבר פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם ייִדישן טעקסט.

אינהאַלט

זײַט

הקדמה 3

I. יסודות 9–67

1. צוויי צילן פֿון דער יוגנט־פֿאָרשונג . . . 9
2. די פֿאַקטן . . . 12
3. יחיד און קיבוץ . . . 14
4. די וויסנשאַפֿט פֿון קולטור און פערזענלעכקייט . . . 19
5. צוגעהעריקייט צו אַ געצייכנטן קיבוץ . . . 21
6. „אַלגעמיינע" און „יידישע" עלעמענטן פֿון דער פערזענלעכקייט . . . 23
7. ביאָלאָגישע ירושה און סאָציאַלע ירושה . . . 26
8. שווער צו זײַן אַ קינד . . . 32
9. „גלײַכע באַדינגונגען" . . . 36
10. דער ערשטער ציקל: אַ פּרווו־מאָביליזאַציע . . . 40
11. דער צווייטער ציקל: פֿון צײַטיקונג צו צײַטיקייט . . . 45
12. שול און פֿאַמיליע . . . 52
13. ענגלער דערוואַקסן . . . 56
14. קולטור און קולטור־פֿורעם . . . 60
15. דער באַטײַט פֿון אַ קולטור־פֿורעם . . . 63

II. מעטאָדן 68–168

16. זיבן נעגאַטיווע עיקרים . . . 68
17. דער סטאַטיסטישער מעטאָד . . . 72
18. די אָנווענדלעכקייט פֿון סטאַטיסטיק . . . 75
19. ספּעציעלע ציילונגען . . . 78
20. דער געזעלשאַפֿטלעך־עקאָנאָמישער מעמד . . . 84
21. אַנקעטעס . . . 87
22. סאָציאָגראַפֿישע שטודיעס . . . 90
23. אינטעליגענץ־טעסטן . . . 93

24. דער אינטעליגענץ־ווינדער 96
25. קריטיק אויף די אינטעליגענץ־טעסטן 101
26. פערזענלעכקייט־טעסטן 106
27. די גאַנצע סיטואַציע און דער גאַנצער מענטש 110
28. שיקאַגער שטודיעס וועגן געזעץ־ברעכער 115
29. וואָס טויג צו פאָרשן יחידים? 118
30. פסיכישער קאָנפליקט 121
31. אַ גאַנג באַגריפן 123
32. די פסיכאָגראַפיע 129
33. פּראָבלעמען פון דער אויטאָביאָגראַפיע 133
34. אויטאָביאָגראַפיעס פון עלטערע און פון יונגע 136
35. מאָטיווירונגען ביים שרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע 138
36. „ליגנס" אין אַן אויטאָביאָגראַפיע 143
37. צופוץ אין אַן אויטאָביאָגראַפיע 147
38. אויטאָביאָגראַפיע און טאָגבוך 149
39. מאָטיווירונגען ביי אַ טאָגבוך 154
40. פאַרלאָזלעכקייט פון אַ טאָגבוך 158
41. אָפּגעוואָרער דאָקומענט און פסיכאָאַנאַליטישער ווידוי . . . 161
42. שטודיעס פון אונטן אַרויף 166

III. פּראָבלעמען 169—294

43. נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער פערזענלעכקייט 169
44. די ייִדישע פסיכישע ספּעציפישקייט 173
45. דער מיזרח־ייִדישער קיבוץ 178
46. אינעווייניקסטע קאָנטראַסטן 182
47. דער ערשטער „אַטאַק פון ייִדישקייט" 186
48. פּעדאַגאָגישע קשיות 190
49. די ערשטע קאָמפּענסאַציעס 193
50. די פרעמדע שול 197
51. עמאָציאָנעלקייט און אינטעלעקטועלקייט 201
52. דער צווייטער אַטאַק 203
53. יוגנט אָן אַ מאָרגן 207
54. „אַלעמען איז שלעכט" 210

55. קאָנפֿליקט און רעאַקציע 216
56. אויטיסטישע רעאַקציעס 219
57. די פּסיכישע פֿונקציע פֿון לייענען 224
58. פּסיכאָזן 227
59. נעווראָזן 230
60. עגאָצענטרישע רעאַקציעס 234
61. אינדיווידואַליסטישע רעאַקציעס 238
62. געזעלשאַפֿטלעכע רעאַקציעס 243
62. לאָגיק און ליבידאָ 245
64. מיט וואָס ציט די פּאַרטיי? 249
65. פֿילפֿאַכיקע באַדינגטקייט 252
66. אינדיווידועלע און כּללישע מאָטיוון 255
67. טענות צו די „קאַריעריסטן" 258
68. מען בייַט פּאַרטייען: פֿון רעכטס אויף לינקס 261
69. מען בייַט פּאַרטייען: פֿון לינקס אויף רעכטס 265
70. אינדיווידואַליסטישע פּאַרטייִשקייט 270
71. עגאָצענטרישע פּאַרטייִשקייט 273
72. פֿון וואָסער זייַט מען קוקט 278
73. פֿאָרש־אויפֿגאַבעס 282
74. וויסנשאַפֿט לשמה און וויסנשאַפֿט פֿאַרן לעבן 287
75. גליקן אָדער גליק 291

הוספות 301–295

צו ז' 22: פֿרומקייט און אַפּיקורסות 295
צו ז' 37: מיטקינדער־באַציִונגען 297
צו ז' 46: ערשטע און צווייטע פֿאַזע 297
צו ז' 138: בייַ וואָסערע אומשטאַנדן מען האָט געשריבן די אויטאָביאָגראַפֿיעס 298
צו ז' 238 א"וו: דאָס סעקסועלע לעבן פֿון דער ייִדישער יוגנט 299
צו ז' 239: ליטעראַטור וועגן ספּעציפֿישע ייִדישע פֿעיִקייטן 300
צו ז' 285: צווייִשפּראַכיקייט 301
וואָס יעדער איינער קען טון פֿאַר דער יוגנט־פֿאָרשונג 302
זוכצעטל 303

צום לייענער

לאָזט אונדז וויסן אײַער מיינונג
וועגן דעם בוך
שרײַבט אונדז אויף פֿאַקטן וואָס
באַקרעפֿטיקן אָדער לייקענען אָפּ
די הנחות פֿונעם בוך

Żydowski Instytut Naukowy
Wiwulskiego 18, Wilno

באַמערקטע דרוקגרײַזן

זײַט	שורה	שטייט	דאַרף שטיין
69	8 פֿון אויבן	גראָבע	גראָדע
89	2 פֿון אונטן	Johns	Jones
187	19 פֿון אויבן	ווערטקייט	ווערטיקייט
195	12 פֿון אויבן	א חוץ	אַחוץ
304	8 פֿון אויבן	גאַרעטה	גאַרעט, ה.

I. יסודות

1. צוויי צילן פון דער יוגנט־פאָרשונג

די דערוואַקסענע וועלט איז פול מיט טענות צום יונגן דור:

די יוגנט האָט ניט קיין דרך־ארץ פאַר עלטערע מענטשן; די יוגנט איז ניט געניג ערנצט; זי איז איינגעטונקט אין עולם־הזה, זי האָט ניט קיין אידעאַלן; און אויב שוין יאָ אידעאַלן, איז ניט די וואָס זיינען דעם בעל־טענה צום האַרצן.

פאָטערס און קינדער זיינען אַלעמאָל און ביי אַלע פעלקער געווען צעריסן צווישן זיך. אָבער עס ווייזט אויס, אַז אין אונדזער דור איז דער ריס געוואָרן שטאַרקער, ווייל די פאַמיליע האָט פאַרלוירן אַ גרויסן טייל פון אירע אַמאָליקע פונקציעס און ממילא איז די פאַרבינדונג פון די קינדער מיט דער היים געוואָרן לויזער. אַזוי ווי מען באַקט שוין היינט בדרך־כלל ניט קיין ברויט אין שטוב, נאָר מען ברענגט פאַרטיקע לעבלעך פון בעקער, אַזוי האָט די שול סטאַנדאַרדיזירט דאָס לערנען, און פּרטימדיקע אייגנהייטלעכע פּראָגראַמען פון מיניסטעריום ווייזן אָן דעם לערער, וואָס פאַר אַ קורס ער דאַרף דורכגיין פון וואָך צו וואָך. יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און ספּאָרט האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דער פאַמיליע און דעם אונטערוואַקסנדיקן קינד. דאָס גיין אין קינאָ מיינט ניט נאָר אַוועקגיין אויף עטלעכע שעה פון דער היים, נאָר אויך איינזאַפן אין זיך די אידעאַלן, אינטערעסן און העוויות פון האַליוווד.

וואָס איז דער חידוש, וואָס די לופט איז פול מיט קאָנפליקטן צווישן עלטער און יינגער?

פאַר באַוווסטזיניקע עלטערן וואָס טראַכטן וועגן זייערע דערציִערישע פליכטן איז די סיטואַציע נאָך אַ שווערערע. וווהין זאָלן זיי פירן זייערע קינדער, אַז די לאַנגאָניקע חוקים פאַלן איין ווי קאָרטן־שטיבלעך! זאָלן מיר לערנען אונדזערע קינדער שפּאָרן, בשעת מיר האָבן שוין געזען ווי אינפלאַציע מאַכט אַ תל פון אַלע אָפּשפּאָרונגען? צי זאָל מען לערנען לייגן כבוד אויף אויטאָריטעטן, בשעת די גאָס פאַרגעטערט געצקעס? פאַרקערט, מען דאַרף אפשר לערנען ברעכן אויטאָריטעטן; נאָר צי וועט ניט דאָס קינד דורך דער איבערמאָס קריטישקייט אָנווערן יענעם געפיל פון זיכערקייט וואָס ער באַקומט דורך אָנשפּאַרן זיך אויף אַ שטאַרקן בוים?

און אַפילו די „אָביעקטיווע" אויפפיר־כללים האָבן זיך אויך אַ וואַקל געטאָן. אַמאָל האָט מען געוווסט, אַז אָנאַניזם איז שעדלעך, און עלטערן האָבן זיך געפלייסט אויסצוואָרצלען די „יוגנט־זינד" ביי זייערע קינדער. צי ס'איז זיי געראָטן אָדער ניט, איז אַן אַנדער פראַגע; נאָר היינט קומט גאָר די עלטערן אויס צו הערן, אַז כמעט אַלע קינדער ליידן פון דער „קראַנקייט" און דער בעסטער מיטל פטור צו ווערן פון איר איז: מאַכן זיך ניט ווי ס'דיק.

אמאל האבן מאראליסטן געפריידיקט, אז ס'איז דאס בעסטע פאר דער יוגנט צו בלייבן תמימים ביז דער חתונה. היינט אבער קען אזא ערנצטער שרייבער ווי ד"ר האדאן ארויסגיין מיט א פעסטשטעלונג וואס לייענט זיך אזוי:

„א מאנצביל וואס האט חתונה מיט א בתולה-מיידל ניט האבנדיק פריער באוירדט קיין פרוי ווייזט זיך דאס רוב ארויס פאר א ליבע-צעשטערנדיקן לעקיש".

און ווען דער פארבאנד קאטוילישע לערער אין דייטשלאנד האט אויפגעווארפן דער פסיכאאנאליטישער שול, וואס זי פארשפרייט אזא אפשטויסנדיקע לערע, האט ד"ר מענג, א באוווסטער פסיכאאנאליטישער פעדאגאג, אפגעענטפערט[1]:

„האדאן איז אפילו ניט קיין פסיכאאנאליטיקער, נאר דער פסיכאאנאליז גיט ניט קיין מאטעריאל אפצופרעגן האדאנס קאנסטאטירונג".

ווו מען גיט נאר א קוק, זיינען פאראן קאנפליקטן, אויב די עלטערן זיינען קאנסערוואטיוו, און צעטומלטע ספקות, אויב די עלטערן גופא ווילן מיטגיין מיט דער צייט.

נאר אויב די עלטערע קענען שוין מער ניט זיין אזוי איינגעגלייבט אין זיך, צי איז כאטש די יוגנט אויסגעבאלאנסירט און צופרידן? ניין, דאס אויך ניט. צי דא זיינען פארמישט נאר סאציאלע פאקטארן אדער ביאלאגישע אויך, נאר די הארבסטע אליין-קריטיק פון איין זייט, די גוזמאדיקסטע אליין-אכפערונג פון דער אנדערער זייט געפינען מיר ביי דער יוגנט היינט פונקט אזוי ווי אין דער תקופה פון ראמאנטיק. גיט נאר א שמועס מיט יונגעלייט, גיט נאר א קוק אריין אין ווערק ווו דער עלטער ווערט געשילדערט[2].

---

[1] Zeitschrift für psychoanalytische Pädagogik III, 10 (Juli 1929).

[2] אין 1929 האט א. ב. זאלקינד געשריבן אין רוסישן זשורנאל „פעדאלאגיא": „...עס איז א קאמף-אויפגאבע וואס טאר בשום-אופן ניט אפגעלייגט ווערן, צו קאנטראלירן גרונטיק און אביעקטיוו יענעם סקעפטישן אפנייג וואס איז פאראן אין דער מערבדיקער פעדאלאגיע לגבי דעם אקטועלסטן עלטער פון אונדזער פינפיאר — דעם פעריאד פון דערוואקסלינגשאפט. צי איז טאקע אזוי טראגיש מיט דער איראדיאציע (איבערצעוועקטקייט), מיט די געפעס-צערודערונגען, מיטן פאטאלן אינדיווידואליזם פונעם דערוואקסלינג, ווי מען שרעקט אונדז. דערצו דארף אויסגעפארשט ווערן ניט דער אבסטראקטער דערוואקסלינג בכלל (אויף מערב און אין פאראקטאבערדיקן רוסלאנד דערעיקרשט דער גימנאזיסט פון די פארמעגלעכע קלאסן), נאר אונדזער סאוועטישער דערוואקסלינג, אין דער ערשטער ריי דער ארבעטערשער און פויערשער" (Педология 1929, נומ' 3, ז' 298).

לײדער האט די סאוועטישע וויסנשאפט ניט פארענטפערט פאר די פארגאנגענע פינף יאר כמעט קיין איינע פון יענער גרויסער צאל אויפגאבעס, וואס זאלקינד האט אין יענעם ארטיקל געהאט אנגעצייכנט פאר איר מיט אזא ברייטער האנט. אבער ווען מען לייענט אשטייגער וו. ווערעסאיעווס ראמאן „שוועסטער" (ארויס 1933), זעט מען, אז די פראבלעמען פון דערוואקסלינגשאפט זיינען אין ראטן-פארבאנד אויך געגנוג אקטועל. א גענויער אנאליז וואלט מסתמא געוויזן, אז אונטערן פסעוודאנים פון „אינטעליגענטישער צעקראכנקייט" אדער פון „פראלעטארישער אומבאוווסטזיניקייט" באהאלטן זיך פראבלעמען פון דערוואקסלינגשאפט.

עס איז אַ סברא, אַז אין ערגעץ איז דער אָפּשטאַנד פון יונג ביז אַלט ניט אַזוי ווײַט, ווי בײַ אונדז ייִדן. קיין איין פאָלק האָט ניט אַדורכגעשפּרײַזט פאַר אַזאַ קורצער צײַט אַזאַ קאָלאָסאַלן מהלך, און דער ספּעציפֿישער גאַנג פון ייִדישן לעבן האָט געשאַפֿן אויך אַ ספּעציפֿישע אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער פּערזענלעכקייט. אין ערגעץ אפשר טרוימט ניט די אידעיִשע יוגנט מיט אַזאַ אינטענסיווקייט וועגן אַנטלויפֿן פון די אַלטע לעבנספֿאָרמען. ממילא קומען אויך די ט ע נ ו ת צו דער יוגנט אַרויס בײַ אונדזער עלטערן דור מיט אַ ספּעציעלער שאַרפֿקייט. מען איז אַפֿילו ניט צופֿרידן פון דער יוגנט פונעם א י י ג ע נ ע ם געזעלשאַפֿטלעכן לאַגער.

ווו איז אונדזער שוליוגנט? אַזוי פֿרעגט אַ ייִדישיסט מיט אַ צעווייטאָגט האַרץ.

> „מיר זעען נישט קיין ייִדישע שוליוגנט וואָס זאָל ברענען, וואָס זאָל זיך באַגײַסטערן מיט דער ייִדישער שול און מיט דעם וואָס די ייִדישע שול דאַרף באַגײַסטערן, דאַרף אַנטציקן — מיט דעם אַקטיוון ייִדישן קולטור־שאַפֿן. מיר זעען ניט די יונגע מחנות, וואָס זאָלן שטיין שטאָל און אײַזן אין שורק פֿאַר דער ייִדישער שול, פֿאַר אירע דעראָבערונגען און פֿאַר די ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס וועלכע זײַנען לויט זייער מהות און אינהאַלט דער המשך פון דער שול. . . . ווו זײַנען עס די פֿאַרבאַנדן פון די אַביטוריענטן פון דער ייִדישער שול, ווו זײַנען די זעלבסט־בילדונגס־קרײַזלעך פון די געוועזענע שילער פון די ייִדישע שולן, ווו איז זייער השפּעה אויף דעם אָרעמען ייִדישן קולטור־לעבן אין פּוילן ?" (נחמן מײַזיל, ליטע־ראַרישע בלעטער נומ׳ 12, מערץ 23, 1934).

גאַנץ ענלעכע געדאַנקען, נאָך מיט מער ביטערקייט, זײַנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויפֿן מישפּט איבער דער העברעיִשער יוגנט אין ארץ־ישראל דעם 14טן און 15טן מאַי 1933, אונטער ח. נ. ביאַליקס פֿאָרזיץ. אָט וואָס עס האָט געזאָגט יעקב פֿיכמאַן, דער פּראָקוראָר, אין ערשטן פּונקט פון זײַן באַשולדיק־רעדע:

> „די ארץ־ישראלדיקע יוגנט, דווקא די וואָס איז אויסגעוואַקסן אונטער דער זון פון פֿאָטערלאַנד, וואָס איז אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער שפּראַך פון איר פֿאָלק, וואָס האָט זיך געלערנט אין דער העברעיִשער שול — דווקא די יוגנט האָט זיך צו גרינג געמאַכט אין פּרט פון נעמען אויף זיך דעם עול פון אַ פֿולער און אײַנגעפֿונדעוועטער העברעיִשער קולטור — זי וויל ניט קיין פֿעסטערע באַגרינדונג, קיין שטאַרקערע פֿאַרטיפֿונג אין דער קולטור פון דער נאַציע. ס׳איז אַ דור וואָס איז שוואַך אין בינדונגען, שוואַך אין ווילן. ניט וואָס ער וואַרפֿט אַראָפּ דעם עול, נאָר ער באַנוגנט זיך מיט ווייניק. און אָט דאָס האָבן מיר געוואָלט דערעיִקרשט אונטער־שטרײַכן בײַם באַשולדיקן די יוגנט: עס פֿעלט איר א ל י י ן ־ ד ע ר צ י ִ ו נ ג. מיר געפֿינען ניט בײַ דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט קיין קרײַזלעך פון יונגעלײַט וואָס זאָלן זיך האָבן אָרגאַניזירט צוליב אַליין־בילדונג..." (מאזנים נומ׳ מו, מאַי 11, 1933).

מיר גייען איצט ניט מעסטן, אויף וויפֿיל די טענות פון די מאָנער זײַנען גערעכטע; ס׳גייט נאָר וועגן דעם פֿאַקט, וואָס מען מאָנט. און אַז אונדזער יוגנט אַליין איז אויך ניט צופֿרידן פון זיך און פון איר סיטואַציע, וועגן דעם איז אויך

אָפּגערעדט. גילגולים פון מירעלע הורוויצן, פון ביידע געשלעכטן, באַגעגענען מיר היינט ניט ווינציקער ווי מיט 25 יאָר צוריק.

דאָס זיינען פאַקטן וואָס יעדער איינער ווייס. נאָר עס איז דאָך ניט גענוג צו האָבן אַן איינדרוק אָדער געוווּיר צו ווערן עפּעס על-פּי טראַף. און ווער וואָלט זיך געקאָנט היינט באַרימען, אַז ער איז גוט באַקאַנט מיט דער ייִדישער יוגנט, ווער האָט זי אויסגעפאָרשט מיט די מעטאָדן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט?

קיינער ניט. מיר ווייסן כּמעט גאָרניט וועגן דעם לעבן אירן, און די יוגנטלעכע אַליין ווייסן דאָס אויך ניט, וואָרעם יעדערער זעט דאָך נאָר זיך אַליין און זיין אייגענעם ווינקל. נאָך ווינציקער ווייסן מיר וועגן די פּסיכישע איבערלעבונגען פון אונדזערע יוגנטלעכע. פּשיטא איז אונדז גאָרניט מיט גאָרניט באַוווּסט וועגן די פאַקטאָרן וואָס פורעמען אויס די ייִדישע פּערזענלעכקייט פון געבוירן ביז אין דער דערוואַקסנשאַפט אַריין. און די היינטיקע יוגנט וועט דאָך מיט אַ צענדליק-צוויי יאָרן שפּעטער פאַרנעמען דעם אויבנאָן. „ווער עס האָט די יוגנט, דער האָט די צוקונפט" איז שוין געוואָרן כּמעט ווי טריוויאַל. היינט זאָגט מען דעם פּסוק פאַרקערט: ווער עס האָט די צוקונפט, דער האָט די יוגנט. וועלכער נוסח עס זאָל ניט זיין גערעכט, איז עס אָבער ניט סתּם אַן ענין פון נייגעריקייט, ווען מען וויל דערקענען דעם יונגן דור. אויב מען וויל איבערמאַכן, דאַרף מען פריִער דערקענען. אויב מיר ווילן ניט אומגיין ווי בלינדע אין אַ וועלט פון איבערקערענישן, מוזן מיר שטרעבן וואָס בעסער צו פאַרשטיין די פּערזענלעכקייט פונעם ייִדישן יוגנטלעכן און דערוואַקסלינג.

פון דעם וואָס עס איז אָקאָרשט געזאָגט געוואָרן, דרינגען שוין ממילא אַרויס צוויי ציל-פּונקטן, אויף וועלכע אַ יוגנט-פאָרשונג קען קאָנצענטרירן איר הויפּט-אויפמערק:

1) באַשרייבן דאָס אויסווייניקסטע און פּסיכישע לעבן פון אונדזער יוגנט;

2) אויסגעפינען די אינעווייניקסטע רעגולערקייט פון דער אַנטוויקלונג, וואָס דאָס מיינט צוויי זאַכן:

א) די פאַקטאָרן וואָס פורעמען אויס די פּערזענלעכקייט פונעם ייִדישן יוגנטלעכן דווקא אַזוי און ניט אַנדערש, און

ב) די צוריקווירקונג פונעם ייִדישן יוגנטלעכן אויפן קיבוץ.

2. די פאַקטן

ווער עס איז אַ מסתּפּק במועט מעג זיך באַנוגענען מיטן ערשטן פאָרשציל; דער ערשטער פּונקט אָן דעם צווייטן קען גרינגלעך געמאָלט זיין. נאָר עס איז אוממיגלעך צו שטעלן זיך די צווייטע אויפגאַבע איידער מען האָט ווי עס איז פאַרענטפערט די ערשטע; וואָרעם אָן די אויסווייניקסטע פאַקטן און אָן די פּסיכישע איבער-לעבונגען וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן קענען מיר דאָך ניט צוקומען צו די פאַקטאָרן וואָס האָבן גורם געווען די אָדער יענע אַנטוויקלונג.

שילדערן דאָס פֿאַקטנדיקע[3] לעבן פֿון אונדזער יוגנט מיינט אָפּטון צוויי זאַכן. ערשטנס: אויפֿקלײַבן דעם מאַטעריאַל. צווייטנס: אַרויסברענגען אים פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט.

קודם-כּל דאַרף מען אויפֿקלײַבן דעם מאַטעריאַל. דאָס איז ניט אַזוי פּשוט ווי עס דוכט זיך אין פֿלוג. וואָרעם באַשרײַבן אַלע לעבנס-פֿאָרמען איז דאָך ניט שייך; הייסט עס, אויפֿקלײַבן פֿאַקטן מיינט פֿאַר איינס: אָפּקלײַבן, און דערצו דאַרף מען פֿון פֿריִער האָבן אַ צוגאַנג. מען דאַרף וויסן וואָס עס אינטערעסירט, מען דאַרף האָבן כאָטש אַן אַלגעמיינעם געדאַנק וועגן דעם וואָס מיט וואָס עס איז געקניפּט. בשעת איך פֿאָרש דעם אינטעלעקטועלן שטאַפּל פֿון אַ געוויסער גרופּע יוגנטלעכע, וועל איך זיך ניט נאָכפֿרעגן אויף דעם סכום זייף וואָס גייט בײַ זיי אַוועק, סײַדן איך טראָג זיך אַרום מיט אַן אידעע, אַז עס איז פֿאַראַן עפּעס אַ קאָרעלאַציע צווישן אינטעליגענטקייט און ריינטלעכקייט. מען קען דעריבער ניט זאָגן: פֿריִער וועל איך זיך אָנגרייטן דעם מאַטעריאַל, דערנאָך וועל איך אים אויספֿאָרשן; דערפֿון וואָס איך וויל וויסן איז געווענדט, וואָסערע פֿאַקטן איך הייב אויף און וואָסערע איך לאָז ליגן.

פֿריִער וועלן מיר הייסט עס, אויפֿן סמך פֿון אונדזער פּרעלימינאַרער קענטעניש, פּרוּוון אַנאַליזירן וואָס עס איז אַזוינס די ייִדישע יוגנט. לאָמיר פֿריִער טיילן לויט סאָציאַל-קולטורעלע סימנים; אויך שפּילן דאָ מיט, פֿאַרשטייט זיך, עקאָנאָמישע אונטערשיידן. אָט האָבן מיר אַשטייגער די סבֿיבֿה ווו עס זײַנען נאָך גאַנץ שטאַרק די טראַדיציאָנעלע בינדונגען און ווו דאָס קינד מאַכט אַדורך אַ וועג, וואָס איז ניט אַזוי ווײַט פֿון שלמה ר׳ חיימס וועג. אַ צווייטער שיכט וואָלט געווען די אַ״ג ייִדיש-וועלטלעכע סבֿיבֿה, דורכגענומען דאָס רובֿ מיט סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע השפּעות. ווײַטער קען מען אָנצייכענען אַ ציוניסטיש-העברעיִסטישן שיכט מיט אַן אָריענטאַציע אויף ארץ-ישׂראל. ווידער פֿאַר זיך איז די אַסימילירטע סבֿיבֿה. די גרענעצן פֿון די אַלע סבֿיבֿות זײַנען פֿליסיקע, און וועגן דער צעטיילונג גופֿא קענען אויך זײַן חילוקי-דעות; אָבער פֿאַר אַן ערשטן אָנהייב קען דאָס אונדז אפֿשר קלעקן.

אַ צווייטער טייל-פּרינציפּ איז די עלטער-פּאַזע. אין יעדערער פֿון די סבֿיבֿות גייט דאָס קינד אַדורך דורך די פּאַזעס פֿון עופּעלעשאַפֿט, קליינקינדשאַפֿט, קינדשאַפֿט, ערבֿ-צײַטיקונג, צײַטיקונג, דערוואַקסלינגשאַפֿט. הייסט עס, אויב מיר ווילן באַקומען אַ רעכטן איבערבליק, וועלן מיר אין יעטווידער סבֿיבֿה נעמען אין אַכט די פֿינף אויסגערעכנטע פּאַזעס.

פֿאַראַן אין יעטווידער מענטשלעכן קיבוץ לעבנס-פֿאַרהעלטענישן וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט אינסטיטוציעס (פֿאַמיליע, דאַוועגען, שול אָדער חדר, יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט אד״גל) און אַנדערע וואָס זײַנען ניט אינסטיטוציאָנאַליזירט:

---

[3] איך שאַף דאָס וואָרט „פֿאַקטנדיק״, ווײַל „פֿאַקטיש״ מיינט דאָך אויך: דאָס אמתע, דאָס וואָס עס ליגט הינטערן פֿירהאַנג פֿון אָבסערוואַציע.

פאַנטאַזירן, קינדערשע שפּילן, אָפּהיטן פרומקייט, לייענען ביכער און צײַטונגען, ערראָטישע און סעקסועלע באַציִונגען אד"גל. פאַר דער פאָרשונג זײַנען ביידע מינים גלײַך וויכטיק, און מען דאַרף אפשר אַכט געבן ספּעציעל אויף די ווינציק אינסטי- טוציאָנאַליזירטע לעבנספאָרמען, ווײַל זיי זײַנען מער עלול זיך אָפּצוגליטשן אין אַ זײַט פון דעם פאָרשערס אויפמערק.

אויף צו געבן אַן אַלגעמיין בילד פון דער יִידישער יוגנט מוזן מיר זיך פריִער אָפּפאַרטיקן מיט אייניציקע אָפּשניטן. די איינצל-שטודיעס קען מען, לויט זייער טעמע, צעטיילן אויף צוויי מינים. מיר קענען אויספאָרשן א י י ן געוויסן ענין בײַ אַ גרעסערער צאָל אָביעקטן; דאָס ווילן מיר אָנרופן ק וו ע ר ש נ י ט י ק ע שטודיעס. לדוגמא וועל איך דאָ אָנרופן עטלעכע אַזוינע טעמעס: די יִדישע יוגנט-פּרעסע. דאָס אַרײַנדרינגען פון ספּאָרט אין יִדישן לעבן (בכלל אָדער אין איין שטאָט). אַן אינ- האַלטיקער אַנאַליז פון לערנביכער אין פאַרשיידענע שולן, איבערהויפּט אויף וויפיל ס'גייט וועגן מער בייגעוודיקע לימודים (ליטעראַטור, געשיכטע). יתומים-דערציִונג. פאַך-קאָנסולטאַציעס.

בײַ ל ע נ ג ש נ י ט י ק ע שטודיעס גייט מען מיט אַ פאַרקערטן גאַנג: מען פאָרשט אויס ווי מיגלעך אַלע ענינים בנוגע איין געוויסן אָביעקט. פון דעם טיפּ זײַנען די אַרבעטן וועגן דעם קינדערהויז אין קאָוונע אָדער וועגן דעם חדר אין טישעוויץ[4]. נאָך טעמעס פון דעם מין וואָלטן געווען: אַ סיסטעמאַטישע באַשרײַבונג פון אַ קבוצה, פון אַ רינג אין אַ סקויטישער אָרגאַניזאַציע, פון אַ שילער-קלוב, פון אַ שול, פון אַ קלאַס, פון אַ געוויסן יוגנט-זשורנאַל אאַז"וו.

דאָס אייגענע איז פאַראַן אַ לענגשניטיקער און אַ קווערשניטיקער דרך, בשעת דער אָביעקט איז ניט אַן אינסטיטוציע, נאָר לעבעדיקע מענטשן. קווערשניטיקע פאָרשונגען זײַנען אַשטייגער: פאַרשפּרייטונג פון פּסיכישע קראַנקייטן צווישן יִדישע קינדער און דערוואַקסלינגען. קאָרטן-שפּילן, שיכּרות, פּראָסטיטוציע בײַ דער יִדישער יוגנט. קאַלירן-חוש בײַ יִדישע קינדער. צייכן-פעיִקייטן בײַ דער יִדישער יוגנט. לייען-אינטערעסן פון דער יִדישער יוגנט. אויף ווי ווײַט איז חתונה-האָבן נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פון ריידן אַ שידוך, פון געבן נדן אאַז"וו? קרימינעלקייט צווישן יִדישע קינדער און יוגנטלעכע.

אַנטקעגן וועט זײַן אַ לענגשניטיקע אַרבעט, אויב מיר וועלן נעמען די לעבנס- געשיכטע פון איין באַשטימטן מענטשן און מיר וועלן באַהאַנדלען אי זײַנע לייען-אינטערעסן, אי זײַן קאָרטן-שפּילן און שיכּורן, אי זײַן אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג, זײַן קאַלירן-חוש, זײַן פעיִקייט צום צייכענען אאַז"וו.

מאַטעריאַל קומט אויס דעם פאָרשער צו נעמען פון פאַרשיידענע מקורים. ער קען אַרויסנעמען פונעם גרייטן יענע פאַקטן וואָס ער דאַרף האָבן צו זײַן טעמע, אַשטייגער פון די רעזולטאַטן פון פאָלקסציילונגען, פון באַריכטן פון אינסטיטוציעס. ער קען אַליין אויסזוכן אַן אונטערשפּאַר פאַר זײַנע טעזיסן אין דער פּרעסע, אין

---

[4] ביידע געדרוקט אין די פּסיכפּעדשריפטן פון יִיוואָ I, ווילנע 1933, ז"ז 327-354 און 445-461.

שילערשע אַרבעטן אָדער אין פּערזענלעכע דאָקומענטן: טאָגביכער, אויטאָביאָגראַפֿיעס, בריוו אאַז"וו. ענדלעך קען ער אויך מאַכן ספּעציעלע אויספֿאָרשונגען דורך אינטער־וויוען, אַנקעטעס, טעסטן, עקספּערימענטן אד"גל. פֿאַרשיידענע ענינים פֿאָדערן פֿאַרשיידענע מקורים. עס וועט נאָך בײַ אונדז ניט איין מאָל קומען צו רייד באַריכות סײַ וועגן די מקורים, סײַ וועגן דעם אופֿן און די גרענעצן פֿון אויסנוצן זיי[5].

אַז מען איז פֿאַרטיק מיט צונויפֿנעמען די פֿאַקטן, קומט די צווייטע זאַך: פֿירבערענגען דעם מאַטעריאַל פֿאַרן עולם. דאָס איז אַ שרײַבערישע אויפֿגאַבע; אָבער גרינגשאַצן זי טאָר מען בשום־אופֿן ניט, מחמת אַ האַמעטנע באַאַרבעטונג, זעען מיר געגוג אָפֿט, מאַכט קאַליע די וויכטיקסטע טעמע און דעם ווערטיקסטן מאַטעריאַל. איינער פֿון די גרינדער פֿון דער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגיע, קולי, האָט געזאָגט וועגן דעם גאָלדענע ווערטער:

„מען האָט זיך אײַנגעוויינט, אונטער דער השפּעה פֿון די נאַטור־וויסנשאַפֿטן, צו טראַכטן וועגן וויסנשאַפֿטלעך און ליטעראריש ווי וועגן אַנטיטעטישע טערמינען. איך מיין, אַז מיר דאַרפֿן זיך אָרויסשלאָגן אָט דעם געדאַנק פֿון קאָפּ; מיר דאַרפֿן פֿאַרשטיין, אַז אַ ליטעראַרישע טעכניק, אַ דיסציפּלינירטע, אַ פֿאַראַנט־וואָרטלעכע און פֿאָרט אַ לעבעדיקע און אַ בילדערישע, איז אַ זאַך, וואָס אָן איר קען מען זיך ניט באַגיין בײַם באַשרײַבן דאָס סאָציאַלע לעבן... אַזאַ אַרבעט קען ניט אָפּגעטאָן ווערן, אויב מען באַהערשט ניט דעם אינסטרומענט"[6].

אָבער אָנגענומען, אַז דער צוגאַנג איז דאָ, די טעמע איז דאָ, די שרײַבערישע קוואַליפֿיקאַציע איז דאָ, קען מען דאָס לעבן פֿון אונדזער יוגנט באַשרײַבן בשלמות און אָן גרויסע טעאָרעטישע זוכענישן אויך. דער וועג איז אויסגעטראָטן פֿון דער אייראָפּעיִשער, און דער עיקר פֿון דער אַמעריקאַנער וויסנשאַפֿט, און עס גייט נאָר וועגן אַריבערטראָגן פֿיל־וויניציק אײַנגעשטעלטע מעטאָדן אין אַ נײַער סבֿיבֿה אַרײַן. געוויינטלעך וועלן מיר מוזן לויט דער ספּעציפֿישער סבֿיבֿה מאָדיפֿיצירן די מעטאָדן אויך; אָבער אין גרונט ווייסן מיר וואָס מיר האָבן צו טון.

3. יחיד און קיבוץ

אַ סך אַ גרעסערער פֿאָרשערישער פּראָבלעם איז די צווייטע אויפֿגאַבע: צוקומען צו דעם אופֿן, ווי אַזוי עס פֿורעמט זיך אויס די פּערזענלעכקייט פֿונעם ייִדישן יוגנטלעכן און ווי אַזוי זי ווירקט צוריק אויפֿן קיבוץ. דאָ, נעם איך זיך אונטער צו זאָגן, ליגט פֿאַר אונדז דער שווערפּונקט פֿון דער יוגנט־פֿאָרשונג; און דעם דאָזיקן ענין־גראָד ווײַל ער איז צום וויכטיקסטן קלאָר—איז אָפּגעגעבן דער גרעסטער טייל פֿון דעם איצטיקן בוך.

---

[5] M. J. Karpf. The Scientific Basis of Social Work. N. Y. 1931. :פֿאַרגלײַך
S. Rychliński. Badania środowiska społecznego. Warszawa 1932.

[6] Charles H. Cooley. Case Study of Small Institutions as a Method of Research. In: Publications of the American Sociological Society 22 (1929), pp. 123–132.

עס איז ניט שווער צו זען, אַז די אויפגאַבע לאָזט זיך ניט שטעלן איזאָלירטערהייט. ס'איז אַן איינצלפאַל פון דער האַרבער אַלגעמיינער פּראָבלעם וועגן **יחיד און קיבוץ**.

מיר האָבן דאָ צוויי פּראָבלעמען אין איינס. די ערשטע פּראָבלעם איז: די אָרגאַנישע און סבֿיבֿהדיקע באַדינגטקייט פונעם יחיד. נאָר היות דאָ אָפּערירן צוויי כּוחות, קיבוץ און יחיד, בעט זיך באַלד דער צוריקפרעג אויך: ווי אַזוי באַווירקן די יחידים זייער קיבוץ?

וואָס דער קיבוץ און די קולטור פונעם קיבוץ מיינען פאַרן יחיד, איז גאָרניט שייך צו זאָגן[7]. דער גאַנצער ווידעראַנאַנד יחיד–קיבוץ איז דאָך אַ געקינצלטער, ווײַל ווו איז עס בנימצא אַ יחיד מחוץ אַ קיבוץ? ווען דער יחיד באַווײַזט זיך אויף דער וועלט, איז שוין דער קאָלעקטיוו פון זײַנטוועגן אָנגעגרייט. אַ מענטש ווערט געבוירן בײַ די און די טאַטע-מאַמע, אַרומגערינגלט פון אַ באַשטימטן קרײַז מענטשן: פון שוועסטער און ברידער, פון אַ זיידן מיט אַ באָבען, פון חברים און גוטע פרײַנד. ער שפּילט זיך און נעמט אויף די וועלט איידער ער גייט אין שול, ער גייט דערנאָך אין שול, ער לערנט זיך אַ פאַך, ער אַרבעט ערגעץ אָדער גייט אום אָן אַרבעט, ער חברט זיך צונויף מיט אַ קאָמפּאַניע, ער בויט אויף אַן אייגענע פאַמיליע. ניטאָ דער מאָמענט וואָס מען זאָל קענען זאָגן: אָט דאָ האָט זיך **אָנגעהויבן** די ווירקונג פון דעם קאָלעקטיוו אויפן יחיד. די אינסטיטוציעס פון טאַטע-מאַמעשאַפט, פון מישפּחה, פון קרובֿים וואָס זאָגן אַ דעה, פון אַ שול און פון אַן אַרבעטפּלאַץ זײַנען געוועזן געגעבן, נאָך איידער אונדזער יחיד ראובֿן בן שמעון איז געבוירן געוואָרן. ער, אָט דער ביאָלאָגישער איינס, איז **אַרײַנגעבוירן** געוואָרן אין אַ קאָנסטעלאַציע מיט טויזנטער פאַקטאָרן, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע אאַז"וו[8]. איז קומען מיר ממילא צו פרעגן:

א) אויב אין אַ געוויסער סבֿיבֿהדיקער סיטואַציע S בײַט זיך דער עלעמענט s_1 אויף s_2, וואָסערע שינויים קומען יעמאָלט פאָר אין דער פּערזענלעכקייט פונעם יחיד I?

אָבער קיינער וועט דאָך ניט זאָגן, אַז דער יחיד איז נאָר אַ טראַנספּאָרט-וועגעלע, וואָס דאָס לעבן פּאַקט אין אים אַרײַן אַ סכום קאָלעקטיווע קולטור. אַ מענטש ווערט געבוירן מיט אַ ביאָלאָגישער אויסשטאַטונג און ער אַרבעט איבער דאָס וואָס דער קאָלעקטיוו גיט אים; מוזן מיר הייסט דעם ביאָלאָגישן פאַקטאָר אויך אַרײַננעמען, און מסתמא ניט אויף קיין דערונטערדיקן אָרט, צווישן די פורעם-

---

7 „קולטור" מיינט דאָ, מיטן אַמעריקאַנער פּשט פון וואָרט, ניט בלויז ליטעראַטור, קונסט אאַז"וו, נאָר אַלע אַרויסווײַזונגען פונעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, מאַטעריעלע און גײַסטיקע; „קולטור" ווערט געשטעלט אַנטקעגן „נאַטור".

8 וועגן דער ראַנגיקייט און דעם ווירקונג פון די פאַרשיידענע פאַקטאָרן דאַרף מען ריידן באַזונדער. דערווײַל איז דאָ דער סדר נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע אאַז"וו בלויז אַ סדר פון אַלף-בית, ניט פון פריִערקייט אין צײַט אָדער פון לויט-ערכדיקער חשיבֿות.

פאַקטאָרן פון דער פּערזענלעכקייט. אָבער מער ווי דאָס: דער יחיד טראָגט אַרײַן זײַן חלק אין דעם קאָלעקטיווס קולטור אויך, דאָס הייסט ער מאָדיפיצירט זי. בנוגע גרויסע מענטשן, שעפערישע נאַטורן איז דאָס בולט קלאָר, און די גאַנצע חקירה קען נאָר גיין אַרום דעם, אַז „אויב ס'וואָלט ניט געווען צעזאַר (אָדער מחמד, אָדער פּיאָטער דער גרויסער, אָדער ביסמאַרק, אָדער לענין), וואָלט געווען עמעץ אַנדערש". אָבער אַפילו דער מענטש פון אַ גאַנץ יאָר בײַט וויפל עס איז די קולטור פון זײַן קיבוץ, הגם דאָס זעט זיך ניט אָן אַפילו מיט אַ שפּאַקטיוו. די קולטור געפינט זיך אין אַ שטענדיקן פּראָצעס פון איבערשאַפונג, און אין אַ געוויסן זינען קען מען זאָגן אויף יעדן יחיד, אַז ער איז אַ מיט-איבערשאַפער פון זײַן קאָלעקטיווס קולטור. קומען מיר הייסט עס אַוועקצושטעלן די צווייטע פּראָבלעם וואָס שטעקט דאָ:

ב) אויב אין דער פּערזענלעכקייט פונעם יחיד I בײַט זיך דער עלעמענט i_1 אויף i_2, וואָסערע שינויים קומען יעמאָלט פאָר אין דער סביבהדיקער סיטואַציע S?

אַנדערע צווײַגן פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן האָבן אָפט צו טון מיט ענלעכע פּראָבלעמען, נאָר — זאָל יענע צווײַגן צו קיין גנאַי ניט זײַן — די פּראָבלעמען פון קיבוץ- און יחיד-פאָרשונג הייבן זיך אָן פונקט דאָרט, ווו אַנדערע דיסציפּלינען האַלטן זייער אַרבעט פאַר אָפּגעטאָן.

צו באַנוגענען זיך מיט איין בײַשפּיל, לאָמיר נעמען די אויסגעצייכנטע אַרבעט וועגן דער קרימינאַליטעט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּוילן, וואָס ל. הערש האָט אָפּגעדרוקט אין די עקאָנאָמישע שריפטן פון ייִוואָ[9]. אַנאַליזירנדיק די פּוילישע אָפיציעלע מאַטעריאַלן קומט הערש צום אויספיר, אַז אין פּוילן גילט דער אַלגעמיינער כּלל: אין די שטעט און שטעטלעך איז די פאַרברעכערישקייט גרעסער איידער אין די דערפער. אָבער אַ מאָדנע זאַך: דער דאָזיקער אייראָפּעיִש-אַמעריקאַנער כּלל, וואָס גילט אויך פאַר פּוילן, גילט ניט פאַרן פּוילישן ייִדנטום. 75 פּראָצ' פון די דרײַ מיליאָן פּוילישע ייִדן וווינען אין די שטעט און שטעטלעך, אין דער צײַט וואָס די פּראָפּאָרציע שטאָטלײַט און דאָרפסלײַט בײַ ניט-ייִדן איז פונקט אַ פאַרקערטע. וואָלט דאָך דער פּראָצענט פאַרברעכער בײַ ייִדן געדאַרפט זײַן אַ גרעסערער. ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'איז פונקט קאַפּויר: אויף יעדע הונדערט מענטשן איז בײַ ייִדן ווינציקער ווי אַ העלפט פאַרברעכער איידער בײַ ניט-ייִדן.

ווײַטער ווערן מיר געוווירר פון הערשס טאַבעלעס, אַז די פאַרטיילונג לויט די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס פאַרברעכנס איז בײַ ייִדן אין גאַנצן אַ ספּעציפישע. ייִדן זענען לפי-ערך אַ סך ווינציקער פאַרטראָטן צווישן די פאַרברעכער אַנטקעגן פּערזאָן (מאָרדן, קערפּער-שעדיקונגען אאַז"וו); פאַרקערט, די קאַטעגאָריע פאַרברעכנס „קעגן די רעכטלעכע גיטער פונעם כּלל", ד"ה די אַזויגערופענע „פּאָליטישע פאַרברעכנס", פאַרנעמט צווישן ייִדישע פאַרברעכנס אַ צוויי ביז דרײַ מאָל ברייטערן פּלאַץ ווי צווישן די ניט-ייִדישע.

---

[9] פּראָפ' ל. הערש. די פאַרברעכערישקייט פון דער ייִדישער און ניט-ייִדישער באַפעלקערונג פון דער פּוילישער רעפּובליק. אין: עקאָנאָמישע שריפטן פון ייִוואָ II, ווילנע 1932, ז"ז 174—202.

אויב סטאַטיסטיק איז ביכולת אַרויסצוברענגען אַזעלכע קלאָרע רעזולטאַטן, האָט זי באמת דערגרייכט אַ סך. אָבער דער מחבר פונעם אַרטיקל גופא ענדיקט מיט אַ „תּיקו״, בשעת ער קומט צו דיסקוטירן די סיבות פון דער ייִדישער אויסנאַמיקייט.[10]

> „דער פאַקט, וואָס ניט געקוקט אויף איר שטאָטישקייט האָט די ייִדישע באַפעלקערונג גראָד אַ סך אַ קלענערע קרימינאַליטעט ווי די ניט־ייִדישע באַפעלקערונג, באַווײַזט בכל־אופן, אַז אין דעם לעבן פון דער ייִדישער מאַסע שפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע ניט נאָר איר שטאָטישקייט, נאָר נאָך אַנדערע מעכטיקע פאַקטאָרן, און אַז יענע פאַקטאָרן זײַנען אָפטמאָל אָן אַן ערך ווירקזאַמער ווי די שטאָטישקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.
>
> וועלכע פאַקטאָרן ליגן דאָס אַרויף אַזאַ מעכטיקן שטעמפּל אויף דער פּסיכאָלאָגיע, אויפן שטייגער לעבן און ווירקן פון דער ייִדישער מאַסע? איינער וועט זאָגן: די ראַסע; דער צווייטער וועט זאָגן: די רעליגיע; אַ דריטער: די טראַדיציע; אַ פערטער—אַ פערטע זאַך, אאַז״וו, אאַז״וו.
>
> זאָגן איז פאַרשטייט זיך לײַכט; באַווײַזן איז אַ רעכט ביסל שווערער. צו דעם פאָדערט זיך אַ גאַנצע מאַסע גענוי פעסטגעשטעלטע פאַקטן, און אין ערשטער ליניע אויספירלעכע סטאַטיסטיק איבער די פאַרשיידענע זײַטן פון ייִדישן לעבן. איך האַלט דעריבער, אַז די אויבן אַנאַליזירטע דאַטעס מכוח דער פאַרברעכערישקייט בײַ דער ייִדישער און ניט־ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס ווײַזן ווי ניט געענג עס איז די „אורבאַניסטישע״ טעאָריע פון די ייִדישע אייגנאַרטיקייטן, שטויסן דערמיט גופא אויך צו נײַע פאָרשונגען פון דער ייִדישער ווירקלעכקייט אפילו אויף אַזעלכע געביטן וואָס האָבן מיט דער קרימינאַליטעט קיין דירעקטע שײַכות ניט.״

ל. הערש איז גערעכט, ווען ער שטעלט מערניט אַוועק אין יענעם אַרטיקל זײַנע פראַגעס און ער מאַכט אַפילו ניט קיין פּרוּוו זיי צו פאַרענטפערן. ער איז אויסן געווען אַ סטאַטיסטישע אויספאָרשונג, און פאַרן סטאַטיסטיקער ליגן שוין די אַלע פראַגעס אויף יענער זײַט פלאַנקען. וואָרעם עס זײַנען דאָך דאָ אַרײַנגעמישט ביאָלאָגישע, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, פּסיכישע עלעמענטן און נאָך אַנדערע, דערווײַל ניט דערמאָנטע. ווי באַלד אונדזער זעפעלד דאַרף זײַן אַזוי גרויס כּולל צו זײַן אין זיך אַזוי פיל פאַרשיידענע עלעמענטן, איז דערפון געדרונגען, אַז די פּראָבלעמען אונדזערע קענען זיך ניט אויסלייגן אין גבול פון איין באַשטימטער אָפּגעצאַמטער וויסנשאַפט. די גרויסע פּראָבלעמען פון קיבוץ און יחיד אין זייערע קעגנזײַטיקע באַווירקונגען זײַנען אַן ענין פאַר אַ ספּעציעלן נײַעם צווײַג פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן. לאָמיר אים טאַקע פּראָוויזאָריש אָנרופן אַזוי: די וויסנשאַפט וועגן קיבוץ און יחיד אָדער—מיט אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער—די וויסנשאַפט וועגן קולטור און פּערזענלעכקייט.

---

10 דצ״וו ז׳ 200.

4. די וויסנשאַפט פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט

מיר ווען זיך נאָך שפּעטער אומקערן צו דער פּראָבלעם, פאַר וואָס ייִדן זײַנען היינטערשטעליק אין קרימינאַליטעט און דערגרייכן ניט דעם פּראָצענט, וואָס „עס קומט״ זיי, אויב מיר שטייען פאַר גלײַך-באַרעכטיקונג, לויט דער פּראָפּאָרציע פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד. נאָר מיר מעגן שוין אַרויסגיין מיטן גאַנצן אמת:

ס׳וואָלט הייסן לייגן זיך פייגעלעך אין בוזעם, ווען מען זאָל זיך אײַנריידן, אַז אויב מיר מאַכן אַ וואָרע פאַר אַ נײַער וויסנשאַפט, איז שוין דערמיט געקומען דער תשבי צו פאַרענטפערן ל. הערשס וואָגיקע קשיות. ניין, בײַ הײַנטיקן טאָג האַלט נאָך גאָרניט דערבײַ. אונדזער גאַנצע וויסנשאַפט פון קולטור און פּערזענ-לעכקייט שטייט נאָך ערשט בײַ בראשית. עס וועט נאָך אַוועקגיין היפש צײַט, ביז וואַנען מיר וועלן זײַן בכּוח אַוועקצושטעלן אָפּגעמאָסטענע גרייסן אָנשטאָט די S, I, s_1, s_2, i_1 און i_2 פון אונדזערע צוויי פונדאַמענטאַלע פּאָרמלען.

איז צו וואָס דער גאַנצער פאַראַד אַזש מיט אַ נײַער וויסנשאַפט, ווי באַלד קיין תּכלית איז פון איר אויך ניט? אפשר וואָלט אונדז געקלעקט פּסיכאָלאָגיע, וואָס זי שטודירט דאָך דעם יחיד? אָדער אפשר סאָציאָלאָגיע, וואָס זי איז דאָך לויט איר דעפיניציע די לערע וועגן קאָלעקטיוון. און אויב ניט די און ניט יענע, איז אפשר ביידע צוזאַמען, כּדי מיר זאָלן שוין האָבן בײַנאַנד אי די וויסנשאַפט וועגן יחיד, אי די וויסנשאַפט וועגן קיבוץ?

ניין. אַפילו אויב מיר וועלן נאָך מצרף זײַן ביאָלאָגיע, לינגוויסטיק, עטנאָ-לאָגיע, עקאָנאָמיק, פּסיכיאַטריע און אַזוי ווײַטער און דערגיין ביז אַ גאַנצן מנין וויסנשאַפטן, וועלן מיר נאָך אויך ניט האָבן דאָס וואָס מיר דאַרפן. מעכאַנישער חיבור וועט אונדז ניט פירן צו קיין גמר: די ספּעציפישע צילשטעלונג פאָדערט ספּעציפישע מעטאָדן, און די ביידע ספּעציפישקייטן צוזאַמען איז דער טײַטש: אַ זעלבשטענדיקע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין. זי וועט האָבן אַ סך צו לערנען פון אַלע אויסגערעכנטע וויסנשאַפטן, אָבער אַפילו דעם מאַטעריאַל וואָס זי נעמט פון אַנדערע דאַרף די וויסנשאַפט וועגן קולטור און פּערזענלעכקייט אויך פאַרניצן אויף איר פאַרזיכדיקן שטייגער.

הגם יעדע אַנאַלאָגיע הינקט אַ ביסל אונטער, וועט די אַנאַלאָגיע מיט געשיכטע, רעכן איך, זײַן צו דער זאַך. אַ היסטאָריקער קען זיך ניט באַנוגענען מיט קענען כראָנאָלאָגיע און דעם פאַרלויף פון די פאַקטן. ער מוז זײַן אין דער היים אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ער מוז וויסן וועגן רעכט, ער מוז זײַן באַהאַוונט אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט פון דער עפּאָכע וואָס ער באַאַרבעט—וועגן געאָגראַפיע און קריגס-וויסנשאַפט און פּסיכאָלאָגיע איז אָפּגערעדט. אָבער צי קען מען אַוועקזעצן בײַ איין טיש אַן עקאָנאָמיסט, אַ סטראַטעג, אַ יוריסט, אַ סקולפּטאָר אאַז״וו און מיינען, אַז אָט די געהויבענע קאָלעגיע וועט געבן אַ רעכטע היסטאָרישע אַרבעט? ניין, געשיכטע איז ניט נאָר אַ סומע באַזונדערע ספּעציאַליטעטן, נאָר ס׳איז אַ ספּעציעל פעלד פון וויסנשאַפט. געשיכטע שנײַדט איבער די קרײַזן פון די אַלע אויסגערעכנטע וויסנשאַפטן און פון נאָך אַנדערע, אָבער זי האָט זיך איר

אייגענעם קרייז, וואָס דעקט זיך ניט מיט קיין איינעם פון די אַלע דערמאָנטע און אויך ניט מיט אַלע צוזאַמען. פאַר זיך — דאָס איז אַ פראַגע פון געשמאַק און פון אָפּשאַצונג — מעג געאָגראַפיע זיין חשובער איידער געשיכטע, אָבער פאַרן היסטאָריקער איז זי מערניט אַ העלף-וויסנשאַפט. ווי אַ כלל קען ער ניט איבער-נעמען פון די העלף-וויסנשאַפטן קיין פאַרטיקס; ער דאַרף אַליין בודק זיין דעם מאַטעריאַל און אויספאָרשן דאָס מיט זיינע אייגענע מעטאָדן, צוליב זיינע אייגענע צילן און אופן סמך פון די דערקענטענישן וואָס זיינען אים צוגעקומען פון זיין אייגענעם אַרבעטפעלד.

דער נמשל איז: אויך די וויסנשאַפט וועגן דער קעגנזייטיקער באַווירקונג פון יחיד און קיבוץ איז ניט אידענטיש מיט אַנדערע וויסנשאַפטן וועלכע גיבן זיך אָפּ מיטן מענטש, און ניט קיין סומע פון זיי אַלע אויך. פסיכיאַטריע, עטנאָלאָגיע, ביאָלאָגיע אאַז"וו זיינען אַלע פאַרנומען מיט טייל ן, מיט געוויסע זייטן פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט אָדער פון מענטשלעכן קאָלעקטיוו. איטלעכע פון די דאָזיקע וויסנשאַפטן איז געוויינטלעך לעגיטימירט צו באַהאַנדלען אירע ענינים, אָבער יחיד און קיבוץ אין זייערע קעגנזייטיקע באַווירקונגען איז איין גאַנצהייטיקער קאָמפּלעקס דערשיינונגען, און מיר קענען ניט יוצא זיין מיט די איינגעשטעלטע צילן און מעטאָדן פון די איינגעשטעלטע טייל-דיסציפּלינען. איינמאָל האָבן מיר באַקומען די אויפגאַבע, איז מיגלעך און נייטיק אַ ספּעציעלע דיסציפּלין, וואָס איר אָביעקט זאָל זיין אָט דער גאַנצהייטיקער קאָמפּלעקס. אָט דאָס איז עס די נייע וויסנשאַפט וועגן קולטור און פערזענלעכקייט, וואָס האָט נאָך ניט באַקומען איר גילטיקן נאָמען, נאָר וואָס אירע קאָנטורן זעען זיך שוין אַרויס. ווי אַזוי רופט מען אָן דאָס קינד? „סאָציאַלע פסיכאָלאָגיע" וואָלט אפשר געווען אָנגעמאָסטן, אויב דער אַדיעקטיוו וואָלט ניט געשפּייזט די אילוזיע, אַז ס'איז פאַראַן וועלכער עס איז אַרויסווייז פון פסיכישן לעבן וואָס איז ניט סאָציאַל באַדינגט. „מענטש-וויסנשאַפט" וואָלט אין יידיש געווען אַ פּאַסיקער נאָמען, ווען פּראָפ' ס. שניאורסאָן וואָלט עס שוין ניט געהאַט צוגענומען פאַר זיין שיטה; דאָס אייגענע איז שוין פאַרנומען דער געלערנטער נוסח פון דעם נאָמען, „אַנטראָ-פּאָלאָגיע". אָבער דער נאָמען זאָל זיין די לעצטע זאָרג, זאָל נאָר די וויסנשאַפט זיך אַנטוויקלען.

און זי איז דאָ און אַנטוויקלט זיך — אין אַמעריקע, אין מערב-אייראָפּע, אין ראַטן-פאַרבאַנד. זי איז נאָך זייער ווייט פון צו זיין צייטיק; אָבער קוקנדיק אויף די אָנהייבן מעגן מיר שוין זאָגן, אַז ניט נאָר קענען מיר זיך ריכטן אויף גוטע רעזולטאַטן אין פאָרשן (ד"ה אין פאַרשטיין און דערקענען), נאָר אַז לעתיד-לבוא וועט אויך אויפגעשטעלט ווערן אַן אָנגעווענדטע וויסנשאַפט, וואָס זאָל שטיין צו דער ריינער פאָרשונג אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע, ווי אינזשעניעריע צו פיזיק אָדער ווי אַגראָנאָמיע צו באָטאַניק.

די פאָרשונג פון קולטור און פערזענלעכקייט איז ממילא ניט נאָר אַ וויסנשאַפט לשמה, נאָר אויך אַ וויסנשאַפט פאַרן לעבן.

5. צוגעהעריקייט צו א געצייכנטן קיבוץ

וועגן דעם וועג פון דער פאקטנדיקער באשרייבונג האבן מיר גערעדט פריער. איצטער שטייט אויף די פראגע: ווי אזוי קומט מען צו צו די פראבלעמען פון יחיד און קיבוץ?

דער ערשטער געדאנק איז, אז דא איז דער וועג א גרינגערער איידער ביי דער פאקטנדיקער באשרייבונג. דארטן קענען מיר נעמען פון דער פרעמד ניט מער ווי די מעטאדן; אויפקלייבן דעם ספעציפישן מאטעריאל וועגן די יידישע לעבנס-פארהעלטענישן מוזן מיר זיך מטריח זיין אליין. אבער בשעת מיר ריידן וועגן די פורעם-פאקטארן און די אויסשטראלונגען פון דער פערזענלעכקייט, זיינען מיר דאך אין פלוג ניט אזוי עלנט. סוף-כל-סוף איז דאך נאר א טייל יידישע פערזענלעכקייט נאציאנאל באדינגט. דאס וואס עס גילט וועגן א בן-יחיד, א בכור, א מיזיניק סתם גילט אויך וועגן א יידן אין דער זעלבער פאמיליע-סיטואציע. די זעלבע לאסט וואס ליגט אויף פראלעטארישע קינדער סתם ליגט אויך אויף יידישע פראלעטארישע קינדער. קינאה, אמביציע, ריוואליטעט זיינען אלמענטשלעכע אייגנשאפטן. נו, וועט מען קודם נעמען דאס אלץ וואס די אלגעמיינע וויסנשאפט וועגן קולטור און פערזענלעכקייט האט ארויסגעבראכט וועגן דעם מענטשן סתם, און דערנאך וועט מען מאכן צוגאב-אויספארשונגען וועגן די ספעציפיש יידישע פאקטארן: צוויישפראכיקייט, אנטיסעמיטיזם, רעליגיע, אינטעלעקטואליזירונג און אזוי ווייטער. אט אזוי ווי מען לערנט אין טייל יידישע שולן געאגראפיע: מען גייט אדורך א קורס געאגראפיע סתם, און ווו דער לערער געפינט פאר בייטיק, גיט ער צו ידיעות וועגן יידן אין דעם אדער יענעם לאנד.

צי דאס איז א גוטער מעטאד פון לערנען געאגראפיע, איז ניט שייך צו אונדזער טעמע. אבער פאר שטודירן די יידישע פערזענלעכקייט, ווייזט זיך ארויס, איז דאס ניט נאר א ספקדיקער מעטאד, עס איז גלאט קיין גאנג ניט. ווייל פון וואנען ווייסן מיר, וואס עס איז יידיש אין אונדז און וואס עס איז „אלגעמיין מענטשלעך“?

דרויסנדיקע סימנים קענען אונדז דא גאנץ ווייניק העלפן. למשל אויב א קינד באקומט שטארקע איבערלעבונגען פון גיין מיטן טאטן אין קלויז, פון זיצן פסח ביים סדר אאז״וו, האבן מיר דא געוויס צו טון מיט ספעציפישע יידישע שטייגער-פארמען, אבער עס קען גרייליך זיין, אז ביי א גענויערן אנאליז זאל זיך ניט ארויסווייזן קיין עיקרדיקער, פרינציפיעלער אונטערשייד צווישן זיינע רעליגיעזע איבערלעבונגען און די איבערלעבונגען פון א קריסטלעכן יינגל אין קלויסטער. עס מוז זיך ניט ארויסווייזן, נאר עס קען זיך ארויסווייזן. אונדזער בליק דארף זיין געווענדט ניט אויף דער אויסווייניקסטער, פאקטנדיקער פארם, נאר אויף דער פסיכישער פונקציע פון דער איבערלעבונג. דער זעלבער רעליגיע-אקט קען באפרידיקן ביי איינעם דעם מיסטישן דראנג צו דער אומענדלעכקייט, ביי א צווייטן דעם זייער ערדישן דראנג זיך אויסצופייניקן מיט א קול-נגינה;

לאָמיר אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז דער זעלבער אַקט קען אויך בײַ איין מענטשן אָפּטמאָל עטלעכע פֿונקציעס פֿאַר אַ מאָל. און צוריקגערעדט קען געמאָלט זײַן, אַז פֿאַרשיידענע אַקטן, פֿאַקטנדיק דיאַמעטראַל אַנטקעגנדיקע, זאָלן דינען דער זעלבער פּסיכישער באַדערפֿעניש. צווישן אונדז גייען אום גענוג מענטשן, וואָס צו 14 יאָר האָבן זיי באַפֿרידיקט זייער מיסטישן דראַנג צו דער אומענדלעכקייט מיט שלמותדיקער פֿרומקייט און צו 18—מיט פֿאַנאַטישער אַפּיקורסות. מיט אַנדערע ווערטער: פּונקט ווי איין אַקט קען האָבן פֿאַרשיידענע פּסיכישע פֿונקציעס, אַזוי קענען פֿאַרשיידענע אַקטן האָבן די זעלבע פּסיכישע פֿונקציע.

אָבער דאָס איז אַ פֿאַקט וואָס בלײַבט: צווישן די אַלע פֿאַקטאָרן, פֿון וועלכע עס שטעלט זיך צונויף דעם מענטשנס סבֿיבֿה, איז אויך פֿאַראַן זײַן צוגעהעריקייט צו אַ נאַציאָנאַלן אָדער אַ ראַסנדיקן קאָלעקטיוו. און ס'איז אַ מעכטיקער פֿאַקטאָר. דאָס רובֿ רעדט מען וועגן דעם קיבוצדיקן פֿאַקטאָר בײַ יענע קיבוצים וואָס לײַדן דערפֿון, אַ שטייגער נעגערס אין אַמעריקע. קיבוצים וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער אָנבליק זײַנען טאַקע אויסגעשטעלט אויף פּערזענלעכקייט-פּראָבלעמען, פֿון וועלכע אַנדערע זײַנען פּטור. אָבער אין גרונט שאַפֿט יעדע געצייכנטקייט (אויך אַן אינדיווידועלע) אַ ספּעציעלע פּסיכישע סיטואַציע. „דער מענטש וואָס לאַכט" בײַ וויקטאָר הוגאָ, דאָס באַשעפֿעניש אין שלום אַשס „ערד" האָבן אַ ספּעציעלע סיטואַציע אין דער וועלט אַדאַנק זייער „מומיקייט". דאַרפֿן מיר פֿאַרשטיין, אַז די צוגעהעריקייט צו אַ געוויסן קיבוץ פֿורעמט — אָדער דעפֿאָרמירט, דאָס איז שוין אַ פֿראַגע פֿון אָפּשאַצונג — די פּערזענלעכקייט פּונקט אַזוי ווי דאָס באַזיצן אַ קערפּערדיקן סימן.

לאָמיר נעמען אַזאַ מין פּרט, אַרויסגעפּישט אויף טראַף: דער שבט באַקאַירי, דערציילט העוולאָק עליס, האָט ניט קיין שום געפֿיל פֿון בושה פֿאַר נאַקעטקייט, נאָר זיי שעמען זיך צו עסן פֿאַר לײַטן[11]. צי איז ניט קלאָר, ווי שטאַרק דאָס מוז באַאײַנפֿלוסן די גאַנצע פּערזענלעכקייט?

אָדער לאָמיר נעמען אַן אַנדער פֿאַקט, פֿון אונדזער אייגענער וועלט. צוויי טויזנט יאָר ווי ייִדן לעבן שוין אַרײַנגעשפּרענקלט צווישן אַנדערע פֿעלקער, נאָר מיר זײַנען דוכט זיך די איינציקע, פֿאַר וועמען פֿערד איז אַ סימבאָל פֿון נאַרישקייט און הונט אַ סימבאָל פֿון בייזקייט.

וועגן דעם ספּעציעלן גורל פֿון יחידים וואָס באַלאַנגען צו אַ מיעוט-קיבוץ זאָגט אַ דײַטשער מחבר ריידנדיק וועגן די קאַשובן אין מיזרח-פּרײַסן:

„דאָס איז דאָס טראַגישע אין לעבן פֿון יעטווידער מיעוט: ווען דער יחיד פֿונעם מיעוט עפֿנט אויף די אויגן פֿאַר אַ באַוווּסטזיניקן לעבן, לעבט ער איבער פֿון זײַן פֿריסטער קינדהייט און ביז דער צײַטיקסטער דערוואַקסנשאַפֿט, טאָג פֿאַר טאָג און שעה פֿאַר שעה, דעם געפֿיל פֿון מינערקייט, וואָס מאַכט אומזיכער די איצטיקייט און שטעלט אין סכּנה דעם עתיד"[12].

---

[11] Havelock Ellis. Studies in the Psychology of Sex II, 1909.

[12] W. Wegener. Zur Frage der Wurzeln völkischen Geschehens. In: Internationale Zeitschrift für Individualpsychologie IX (1931), p. 440.

אַזוי זאָגט אַן אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגישער שרײַבער. דער מינערקייט-געפיל איז אַ צערטל-קינד בײַ די אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגן, און די אָפּשאַצונג „טראַגיש“ דרינגט אַרויס פון דעם דאָזיקן צוגאַנג. פאַקטיש קען זײַן, אַז די צוגעהעריקייט צו אַ מיעוט זאָל אַרויסרופן ניט קיין מינערקייט-געפילן, נאָר פונקט דעם היפוך דערפון; גיט נאָר אַ טראַכט וועגן אַן ענגלישן קינד וואָס וואַקסט אויף אין אַ קאָלאָניע. און אַפילו די פּסיכישע סיטואַציע פון אַ *ייִדישן* קינד, ווי מיר וועלן נאָך זען, פּאַסט זיך ניט אַרײַן אין דעם סדום-בעטל מינערקייט-געפיל. צווישן פאַרשיידענע באַזונדערע מינאָריטעטן איז אויך פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד. ס'איז אַן אונטערשייד אין דעם גראַד דרוק, אונטער וועלכן דער קיבוץ געפינט זיך, אַן אונטערשייד אין די קעגנשטעל-כּוחות וואָס דער קיבוץ ווײַזט אַרויס, אַן אונטערשייד אין די לעבנס-פאָרמען וואָס דער קיבוץ באַשאַפט.

אָבער אַז די צוגעהעריקייט צו אַ מיעוט באַשאַפט אַ *ספּעציעלע* פּסיכישע קאָנסטעלאַציע, דערין איז ניטאָ דער מינדסטער ספק. דער קיבוץ באַשטייט פון יחידים; אָבער פאַר יעדן נײַעם יחיד וואָס ווערט אַרײַנגעבוירן אין דעם קיבוץ איז שוין די פּסיכישע קאָנסטעלאַציע *אָנגעגרייט* אין אַ היפּשער מאָס.

מיר מוזן גיין נאָך ווײַטער: ס'איז אַ טעות, אויב מען זוכט דעם נאַציאָנאַלן אָדער ראַסנדיקן פּערזענלעכקייט-עלעמענט נאָר בײַ באַזונדערע מיעוטים אָדער אַפילו נאָר בײַ מיעוטים סתּם. מיר געפינען אַזעלכע עלעמענטן בײַ מיטגלידער פון *מאַיאָריטעטן* אויך. דער ווײַסער אַמעריקאַנער פאַרמאָגט אויך אין זײַן פּערזענלעכקייט אַ קיבוצדיקן עלעמענט וועלכער נעמט זיך פון דעם, וואָס אַרום אים ווידמענען זיך שוואַרצע, צו וועלכע ער *באַלאַנגט ניט*.

אויף וויפל דאָס איז שייך צו דער ייִדישער יוגנט — וואָרעם צוליב איר איז דאָך דאָס אַלץ געקומען צו רייד — קען מען דאָס איבערפאָרמולירן אַזוי: אין דער פּסיכישער סיטואַציע פון יעדן ייִדישן יוגנטלעכן, צי אין מיזרח- צי אין מערב-אייראָפּע, צי ער לערנט זיך אין אַ ייִדישער אָדער אַ העברעיִשער אָדער אַ לאַנד-שפּראַכיקער שול, איז פאַראַן אַ ספּעציעלער פאַקטאָר — זײַן צוגעהעריקייט צום ייִדישן קיבוץ.

6. „אַלגעמיינע“ און „ייִדישע“ עלעמענטן פון דער פּערזענלעכקייט

וואָסערע שטריכן עס זײַנען ייִדיש באַדינגט אין יעדן יחידס פּערזענלעכקייט, איז פון די שווערסטע זאַכן צו פּסקענען. אויב מען איז ניט גענוג געוואָרנט אין אָפּשיידן צווישן ייִדישע פאַקטן און ייִדישע פּסיכישע איבערלעבונגען, קען מען אַמאָל דערגיין צו גראָטעסקע אויספירן. אַ רײַסיקער בײַשפּיל איז דער פאַל מיט לודוויג לויִסאָנען, דער ייִדיש-אַמעריקאַנער שרײַבער וואָס האָט זיך באַקאַנט געמאַכט מיט זײַן אויטאָביִאָגראַפישער בעלעטריסטיק. מיט לויִסאָנען האָט געטראָפן אַן אומגליק: ער האָט חתונה געהאַט און זיך ניט געקענט אײַנלעבן מיט זײַן פרוי. ער האָט געהאַט מיטגעבראַכט אין זײַן פאַמיליע-לעבן אַרײַן דעם אידעאַל פון אַ פאָרפאָלק-באַציִונג, וואָס ער האָט געהאַט געזען בײַ זײַנע אייגענע טאַטע-מאַמע;

אַז דער מאַן איז אין שטוב דער גאַנצער בעל־הבית. זײַן װײַב האָט אָבער ניט געהאַט קיין חשק צו לעבן לויטן דאָזיקן אידעאַל, זי האָט געהאַט אַספּיראַציעס אויף זעלבשטענדיקייט, און דערפֿון האָבן זיך גענומען קאָנפֿליקטן וואָס האָבן לויסאָנען (און מסתמא דעם צווייטן צד ניט ווייניקער) פֿאַרביטערט דאָס לעבן.

אַזעלכע פֿאַמיליע־קאָנפֿליקטן טרעפֿן זיך אין די טויזנטער אונטער אַלע געאָגראַפֿישע בררייטן. לויסאָן אָבער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז די גאַנצע צרה איז אַרויסגעקומען דערפֿון, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין. ווײַל בײַ קריסטן, פֿאַרשטייט איר, איז אַזאַ אײַנפֿיר, אַז פֿרויען זאָלן בעל־הבתּעווען איבער זייערע מאַנען, אין דער צײַט וואָס בײַ ייִדן גילט די טראַדיציאָנעלע מאָראַל פֿונעם פּסוק: „והוא ימשול בך". בכן, ייִדן, האָט ניט חתונה מיט קיין גויעס, אויב איר ווילט אויסמײַדן פֿאַמיליע־טראַגעדיעס!

עס קען זײַן, אַז געמישטע חתונות זײַנען טאַקע אָנגעלאָדן מיט קאָנפֿליקט־שטאָף און קענען אויפֿרײַסן פֿון אַ ליאַדע שטויס; אָבער נאָר אַן אָפּגעפֿרעמדטער ייִד קען מיינען, אַז אין אַלע ריין־ייִדישע פֿאַמיליעס ווערט פֿאַרווירקלעכט דער אידעאַל פֿון „והוא ימשול בך".

די זאַך איז אַ סך קאָמפּליצירטער. ייִדישע שטייגער־עלעמענטן, ווייסן מיר שוין, זײַנען נאָך ניט קיין ראיה אויף ספּעציפֿיש־ייִדישע עלעמענטן פֿון דער פּערזענלעכקייט. אָט די ייִדישע עלעמענטן אַנטפּלעקן זיך גאָרניט דווקא מיט קולות וברקים; געוויינלעך זײַנען זיי ממש פֿאַרשטויסן אין אומבאַוווסטזײַן אַרײַן, און פּאָרט לאָזט דאָס אונדז הערן אַ סך.

אַ בײַשפּיל אויף קלאָר צו מאַכן דעם געדאַנק:

מיר איז אויסגעקומען צו לייענען אַ טאָגבוך פֿון אַ בערלינער ייִדישער מיידל, געבוירן 1883, געשריבן בשעת זי איז אַלט געווען עפּעס איבער 15 יאָר[13]. די אינטערעסן אירע זײַנען דורכויס דײַטשע. וואָס עס דערמאָנט אין איר ייִדישקייט, זײַנען דאָס רוב שטייגערדיקע זאַכן: יאָרצײַט נאָך איר טאַטן, אַ שטיקל אָפּקלאַנג פֿון ימים־טובים. איינמאָל פֿאַרטראַכט זי זיך וועגן דעם וואָס אַ חברטע וויל זיך מער מיט איר ניט חברן, און ס'גנבעט זיך אַרײַן אין איר אַ חשד: אפֿשר איז דאָס דערפֿאַר, ווײַל יענע וויל ניט האָבן קיין עסקים מיט אַ ייִדישער מיידל. אָבער דאָס איז אויך ניט זייער טיף, און מען וואָלט געקענט מיינען, אַז פֿאַר דער דאָזיקער מיידל עקסיסטירט שוין ניט קיין ייִדישקייט, סײַדן דורך אַ געדעכעניש פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט אָדער דורך אַ שטורך פֿון דער ניט־ייִדישער וועלט. נאָר אָט קומט זי צו דערציילן וועגן דעם, אַז אַ בחור האָט זיך פֿאַרליבט אין איר שוועסטערקינד. דערציילט זי דאָס אַזוי:

---

[13] ס'איז דער מאַנוסקריפּט M26 אין דער זאַמלונג יוגנטלעכע טאָגביכער, וואָס פּראָפֿעסאָר שאַרלאָטע בילער (Bühler) האָט אויפֿגעקליבן אין פּסיכאָלאָגישן אינסטיטוט פֿון ווינער אוניווערסיטעט. צווישן דער מאה טאָגביכער זײַנען פֿאַראַן אַ צען ייִדישע. איך ניץ אויס די געלעגנהייט אָפּצודאַנקען פֿרוי פּראָפֿעסאָר בילער פֿאַר געבן מיר די מיגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער דאָזיקער פּרעכטיקער זאַמלונג.

„איינמאָל איז אַ יונגערמאַן געזעסן... אין קאָנקע און האָט זיך פאַרליבט אין אַ יונגער שיינער מיידל, וואָס האָט געהייסן רעגינע פּ., מיין ליבע שוועסטערקינד, 20 יאָר אַלט, וועלכע האָט גראָד געהאַלטן אין שמועסן אַזוי פיין מיט אַן עלטערער קריסטלעכער דאַמע. די דאַמע איז געווען ניט קיין אַנדערע ווי רעגינעס שוואָכקייט ק. צ.“

בשעת די מיידל האָט אַרויסגערוקט איר ייִדישקייט איבערקלייבנדיק אַלע אומשטאַנדן, וואָס קענען זי פאַרמיאוסן אין די אויגן פון איר שול-חברטע גרעטע, האָט דאָס געהאַט אַ זינען; אָבער דאָ, בשעת עס האָט אַבסאָלוט ניט צום ענין? גראָד אין דעם צוזאַמענהאַנג האָט דאָך די פראַגע ייִד—קריסט ניט געהאַט דעם מינדסטן באַטרעף.

אָבער פאַר דער מיידל האָט קענטיק יאָ געהאַט אַ באַטרעף דער פאַקט, וואָס אירס אַ שוועסטערקינד חברט זיך מיט אַ קריסטלעכער דאַמע, און בעת זי האָט גענומען באַשרייבן אירע אַלע מעלות, האָט זיך ניט ווילנדיק און ניט טראַכטנדיק אויך די דאָזיקע מעלה אַ שטופּ געטאָן אונטער דער פעדער.

דאָ זאָגט דאָס עדות, אַז אומבאַוווּסטזיניק פאַרנעמט איר ייִדישקייט אַ סך אַ גרעסערן פּלאַץ אין איר פּערזענלעכקייט, איידער זי וואָלט מודה געווען, איידער זי אַליין ווייס גאָר; און דאָס איז ניט קיין זאַך וואָס מען קען אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, וואָרעם עס מיינט, אַז אין געוויסע סיטואַציעס (למשל ווען זי האָט אויסצוקלייבן צווישן אַ ייִדישער און אַ ניט-ייִדישער פריינדין, צווישן אַ ייִדישן און אַ ניט-ייִדישן ליבהאָבער) קענען אירע מעשים גאַנץ היפּש באַשטימט ווערן פון די דאָזיקע אומבאַוווּסטזיניקע ייִדישקייט-פאַקטאָרן אין איר פּערזענלעכקייט.

דערפון לערנען מיר אָפּ: פאַר אונדז זיינען וויכטיק אַלע אַרויסווייזונגען פון דער צוגעהעריקייט צום ייִדישן קיבוץ, אַלץ איינס צי זיי דערגייען צום באַוווּסטזיין פון אונדזער סוביעקט גופא אָדער ניט. דאָס איז אַ וויכטיקער אויספיר, און מיר וועלן אים גוט האַלטן אין זינען, בשעת מיר וועלן קומען צו פרעגן, ווי שטאַרק פּרטימדיק מיר דאַרפן זען אַריינצודרינגען אין אַ מענטשנס פּערזענלעכקייט כדי אים צו פאַרשטיין. דער ענטפער איז: קיין צו טיף איז ניטאָ.

אָבער די ווירקונג פון דער צוגעהעריקייט צום ייִדישן קיבוץ דאַרף זיך גאָרניט אַרויסווייזן דווקא אין שפּירן זיך ווי אַ ייִד. יעדער פּערזענלעכקייט-עלעמענט קען קומען פון דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן מקור. אַמביציע טרעפט זיך ביי אַלע פעלקער, נאָר ביי פלוני-בן-פלוני קען די אַמביציעזקייט זיין אַ רעזולטאַט פון זיין ייִדישקייט. און אַזוי קען יעדער פּערזענלעכקייט-עלעמענט זיין אָדער אַ „נאַציאָנאַלער“ אָדער אַן „אַלגעמיין-מענטשלעכער“: אַ שוואַכע טביעת-עין קען זיין, ביי אַ באַשטימטן יחיד, אַ נאַציאָנאַלע אייגנקייט; יאָ אָדער ניט מוזיקאַליש קען זיין אַ נאַציאָנאַלע אייגנקייט; מורא פאַר הינט אַ נאַציאָנאַלע אייגנקייט.

מיט אַנדערע ווערטער: לכתחילה איז ניטאָ קיין מיגלעכקייט אָפּצוטיילן די ספּעציפיש ייִדישע פּערזענלעכקייט-עלעמענטן פון די אַלגעמיין-מענטשלעכע. אויב ס'איז בכלל מיגלעך צו איזאָלירן דאָס ייִדישע אין אַ באַשטימטן יחיד, איז יעדנפאַלס ניט לכתחילה, נאָר ערשט אין גאַנג פון דער פאָרשונג.

בכן קענען מיר ניט גיין מיטן קירצערן וועג, ווי ס'האָט זיך אונדז געהאַט אָפּגעדוכט אויף אַ ווײַלע, און באַגרענעצן זיך מיט אויספאָרשן נאָר דעם יִדישן סעקטאָר פון דעם יִדישן יוגנטלעכנס פערזענלעכקייט. מיר דאַרפן פריִער דערזען דעם גאַנצן יִדישן יוגנטלעכן, און ערשט דערנאָכדעם, ווען מיר וועלן צוקומען גענוג נאָענט צו פאַרשטיין אים אין טוונגען און מאָטיוואַציעס, וועלן מיר זען, צי האַלטן מיר שוין אַזוי ווײַט, אַז מיר זאָלן קענען דאָס יִדישע אַרויסדערקענען פון צווישן אַלע אַנדערע פערזענלעכקייט-עלעמענטן.

דער מײַן-אַקצענט אין אונדזער זוכן איז אויף דער נאַציאָנאַלער באַזונדערקייט. מיר וועלן אַלעמאָל אָנשטעלן אונדזער בליק אויף זאַכן וואָס דרינגען אפשר אַרויס פון דער צוגעהעריקייט צום יִדישן קיבוץ, און ווו דער דאָזיקער יִדישער פאַקטאָר וועט זיך אַנטפּלעקן, וועלן מיר אים נאָכגיין מיט אַ באַזונדער אינטערעס. אבער בכדי אויפצוטון עפּעס, מוזן מיר פריִער דערזען אַ גאַנצן יִדישן יוגנטלעכן: די פיזיאָלאָגישע אַנטוויקלונג, די פאַמיליע-קאָנסטעלאַציע, די ווױן-באַדינגונגען, די עקאָנאָמישע לאַגע — מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע בילד דאַרפן מיר האָבן פאַר די אויגן, איידער מיר גייען איזאָלירן איינצלהייטן.

געוויינטלעך וועלן אונדז שטאַרק צו ניץ קומען, אין די פּראָבלעם-שטעלונגען און אין די מעטאָדן, די דערגרייכונגען פון אויספאָרשונגען וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן אין אַנדערע סביבות. אָבער לאָמיר כסדר געדענקען, אַז אויך די פערזענ-לעכקייט אין אַנדערע סביבות איז סביבהדיק באַדינגט, און ממילא זײַנען אפשר ניטאָ קיין אוניווערסאַלע אויספירן וואָס מען קען איבער־נעמען פאַרטיי־ערהייט.

לאָמיר זיך איצטער אומקערן צו אונדזער אויסגאַנג-פונקט, צו דער עיקר-אויפגאַבע פון דער יִדישער יוגנט-פאָרשונג. מיר ווילן דערגיין צו דער אָרגאַניש־ער און סביבהדיקער באַדינגטקייט פון דער פערזענלעכקייט פונעם יִדישן יוגנטלעכן; אויך ווילן מיר דערגיין, ווי אַזוי די פערזענלעכקייט פונעם יִדישן יוגנטלעכן איז צוריק משפּיע אויפן קאָלעקטיוו. דאָס איז טײַטש: אונדזער יוגנט-פאָרשונג איז אַ טייל פון דער נײַער אויפבליִענדיקער וויסנשאַפט וואָס מיר האָבן געפּרוווט כאַראַקטעריזירן. יעדער אויספיר, צו וועלכן מיר וועלן קומען אויפן פעלד פון דער יִדישער יוגנט-פאָרשונג, וועט אונדז ניט נאָר אויפקלערן אומקלאָרקייטן פון יִדישן לעבן, נאָר ער וועט אויך זײַן אַ צושטײַער צו פאַרענטפערן די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון דער וויסנשאַפט פון קולטור און פערזענלעכקייט.

7. ביאָלאָגישע ירושה און סאָציאַלע ירושה

פון וועלכן מאָמענט אָן מוזן מיר זיך אינטערעסירן מיט דער פערזענלעכקייט?

שיִער ניט ביז מיט אַ דור צוריק האָט מען געהאַלטן, אַז אין דער פריִער קינדהייט איז אַפילו ניט כדאַי זיך אײַנצוקוקן. אָט ווי אַנאַ פרויד[14] באַשרײַבט די מיינונגען וואָס האָבן געהערשט ביז גאָר ניט לאַנג צוריק:

---

[14] Anna Freud. Psychoanalysis of the Child. In: Murchison [ed.], A Hand-book of Child Psychology, Worcester, Mass. 1931, pp. 555—567.

„סײַ דער סתם עולם, סײַ די װיסנשאַפֿטס־לײַט זײַנען געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז די ערשטע פֿיר—פֿינף יאָר לעבן האָבן אַ קנאַפּן באַטרעף פֿאַר דער אַנטװיקלונג פֿון דער פּערזענלעכקײט. די װיסנשאַפֿט האָט געזאָגט, אַז אַ גרױסע װערדע האָבן די דאָזיקע יאָרן אױף װיפֿל דאָס איז נוגע דער פֿיזישער אַנטװיקלונג. מען האָט געװוּסט, אַז אין דער צײַט פֿאַרלױפֿן זיך װיכטיקע פֿיזיאָלאָגישע דערשײַנונגען, אַשטײגער די װאַקסנדיקע פֿאַרפֿולקומונג פֿון די שפּיראָרגאַנען, און אַז דאָס קינד אײגנט זיך צו פֿונדאַמענטאַלע כּוחות, אַשטײגער דאָס רײדן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט די פּאַסירונגען פֿון װאַקסן און לערנען פֿאַרפֿולן אין גאַנצן דעם ערשטן פּעריאָד פֿון לעבן און אַז אַזאַ דערצײַונג װאָס שאַפֿט די בעסטע באַדינגונגען פֿאַרן װאַקסן און לערנען באַפֿרידיקט אַלע פֿאָדערונגען. פֿאַר דער פֿראַגע װעגן דעם פּסיכישן אינהאַלט פֿון דעם דאָזיקן פּעריאָד איז ניט געװען קײן פּלאַץ.

אָט די אָביעקטיװע װיסנשאַפֿטלעכע באַשרײַבונג פֿון די ערשטע פֿינף יאָר לעבן איז צונױפֿגעפֿאַלן מיטן סוביעקטיװן געפֿיל פֿונעם הדיוט. ס'איז געװען גאָר גרינג צו גלײבן, אַז דער דאָזיקער פּעריאָד האָט ניט קײן ערנצטן פּסיכישן אינהאַלט, װײַבאַלד כּמעט קײנער קען זיך ניט דערמאָנען זײַן אײגענע פֿריִע קינדהײט ...“

הײַנט װעלן מיר אױף דער פֿראַגע: „פֿון װעלכן גאָמענט אָן?“ ענטפֿערן גאָר אַנדערש. מיר װעלן זאָגן: ק ײ ן צ ו פֿ ר י א י ז נ י ט אָ. מיר הײבן אָן אַזױ פֿרי װי מיר קענען, און דערבײַ דאַרפֿן מיר האָבן אין זינען, אַז עס איז מסתּמא געװען נאָך עפּעס פֿריִערס װאָס מיר האָבן בלית־ברירה פֿאַרזען; און אַזױ דאַרפֿן מיר בכלל אַלעמאָל צװישן די פֿאַרשײדענע פֿאַקטאָרן מיט װעלכע מיר אָפּערירן אַרײַנשטעלן אַ היפּשע צאָל אומבאַקאַנטע — מיט אַ האָפֿענונג, אַז מיר װעלן זײ אפֿשר שפּעטער קענען דעשיפֿרירן.

בײַ זײַן געבױרן װערן איז שױן דער מענטש באַשטימט דורך אַ גאַנצער קאָנסטעלאַציע פֿאַקטאָרן. די פֿאַקטאָרן זײַנען ירושהדיקע און סבֿיבֿהדיקע; מיר מוזן זײ שטעלן אין דעם סדר, װאָרעם די ירושה איז פֿאַרן יחיד עלטער אײדער די סבֿיבֿה. אָבער װאָס איז חשובֿער, װאָס שפּילט אַ גרעסערע ראָלע אין דעם יחידס װײַטערדיקן לעבן? דער קאָליר פֿון די אױגן גיט זיך איבער, דער קאָליר פֿון די האָר, אַ „זעקסטער פֿינגער“. אָבער װאָס איז דער מער מיט אַ כּעסן בן כּעסן, אָבער מיט אַ שיכּור בן שיכּור, אָדער, להבֿדיל, מיט אַ שרײַבערס אַ זון װאָס איז אױך געװאָרן אַ שרײַבער? װי אַזױ איז מיט טובערקולאָז? צי גיט זיך איבער, װי מען האָט אַמאָל געהאַלטן, די קראַנקײט גופֿא אָדער נאָר אַ דיספּאָזיציע צו דער קראַנקײט (שװאַכע לונגען, פֿלאַכער ברוסטקאָרב אד"גל), און אפֿשר װאָלט דאָס קינד קײן מאָל ניט געהאַט קײן טובערקולאָז, אױב מען װאָלט אים בײַצײַטנס צוגענומען פֿון דעם טאַטנס שטוב? װי אַזױ איז מיט פֿאַרברעכערישקײט? אײנער אַ מומחה זאָגט װעגן דעם:

„אַלע באַריכטן װעגן די אַזױ גערופֿענע פֿאַרברעכער־מישפּחות ברענגען ניט קײן באַװײַז, אַז קרימינעלע נײגונגען גיבן זיך איבער בירושה; גאָר שװערע

שעדיקונגען וואָס די סבֿיבֿה טראָגט אַרײַן און ירושהדיקע באַלאָדונג לאָזן זיך אין די דאָזיקע מישפּחות ניט אָפּטרייסלען[15].

דער בריטישער עולם איז ניט אַזוי קריטיש ווי דער אָקאָרשט ציטירטער שרײַבער, ער האַלט פֿון ירושהדיקייט אַ סך מער איידער די וויסנשאַפֿט. „עס ליגט אים אין בלוט“, זאָגט דער עולם; פֿאַרן מענטשן פֿון אַ גאַנץ יאָר קען אין בלוט ליגן אַ נטיה צום שאָכשפּילן, אָדער מוזיקאַלישקייט, אָדער רציחה, אָדער איידלקייט, אָדער קאַרגשאַפֿט. ווי אַזוי די אַלע מעלות קומען אַרײַן אין בלוט, און צי ליגן זיי אין די רויטע אָדער אין די ווײַסע בלוט-קײַקעלעך — וועגן דעם טראַכט מען ניט קיין סך. פֿאַר אַנדערע וואָס ניצן דעם אויסדרוק „בלוט“ איז דאָס מערניט אַ מעטאַפֿער. זיי מיינען פּשוט צו זאָגן, אַז דאָס קינד האָט דאָס אויף עפּעס אַ וועג באַקומען פֿון זײַנע עלטערן.

ווידער אַנדערע נעמען אַרויס פֿון אַרכיוו די אַלטע טעאָריע וועגן דער „טאַבולאַ ראַזאַ“, אויף וועלכער יעדער סבֿיבֿה-פֿאַקטאָר שרײַבט אָן וואָס אים גלוסט זיך. אָבער מען דאַרף גאָר ניט זײַן אַזאַ אָרטאָדאָקסאַלער „סבֿיבֿיסט“ כּדי צו אָנערקענען די גוואַלדיקע ווערדע פֿון דער סבֿיבֿה. אָט שרײַבט דער אַמעריקאַנער גענעטיקער הענקינס:

„אין פֿאַרשיידענע „אַרומען“ ווערט אַ געגעבענער יחיד זיך אַנטוויקלען פֿילפֿאַרשיידן. אָבער דאָס איז ניט דערפֿאַר ווײַל ער ווערט אויסגעקנאָטן דורך זײַן סבֿיבֿה, נאָר ווײַל פֿאַרשיידענע סבֿיבֿות באַפֿרײַען פֿאַרשיידענע מיגלעכקייטן וואָס זײַן נאַטור האָט נאָך תּחילת געהאַט אין זיך“[16].

הייסט עס, פֿאַרן מחבר פֿון די זאַצן איז דאָס וויכטיקסטע די אײַנגעבוירענע אויסשטאַטונג; אָבער אַפֿילו ער איז מודה מיטן פֿולן מויל: די זעלבע אײַנגעבוירענע אויסשטאַטונג גיט אין פֿאַרשיידענע סבֿיבֿה-באַדינגונגען פֿאַרשיידענע רעזולטאַטן.

די וויסנשאַפֿט פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט איז ניט דער געהעריקער פּלאַץ צו שטעלן די גאַנצע פֿראַגע וועגן ירושונג, ווי וויכטיק דער ענין זאָל ניט זײַן פֿאַר אונדז. עס איז אַ פֿראַגע וואָס באַלאַנגט צום אייגעניקער, צום גענעטיקער, צום ביאָלאָג. איינס נאָר קענען מיר זאָגן: די פֿאָרשונג פֿון די לעצטע צענדליגער יאָרן האָט צעטרייסלט דעם פּעסטן גלויבן אין דעם באַטײַט פֿון ירושהדיקייט ווי אַן אומאָפּשרײַלעכער פֿאַטום. דער פֿאָרשער פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט קען דעריבער זאָגן: איך מעג מיר טעאָרעטיש זײַן אַ „ירושיסט“ אָדער אַ „סבֿיבֿיסט“ אָדער אַ מאמין אין ביידע פּרינציפּן, נאָר מײַן פֿאָרשונג וועל איך פֿירן אַזוי, גלײַך

---

[15] Ed. Hapke. Die Bedeutung des Anlagefaktors im verbrecherischen Charakter. In: Zeitschrift für angewandte Psychologie 33 (1929), p. 34.

[16] Frank H. Hankins. Organic Plasticity versus Organic Responsiveness in the Development of the Personality. In: Publications of the American Sociological Society 22 (1928), pp. 43—51.

ס׳וואָלטן ניט געווען קיין שום אײַנגעבוירענע עלעמענטן אין מײַן אָביעקטס פּער־זענלעכקייט. איך וועל מערניט האָבן כּסדר אין זינען, אַז אין מײַנע פֿאָרמלען איז פֿאַראַן אַ געוויסער X; און ווען עס איז וועלן מיר אפשר צוקומען צו אַזוינע פּסיכישע עלעמענטן וואָס וועלן זיך ניט לאָזן אַרויספֿירן פֿון דרויסנדיקע השפּעות; וועלן מיר יעמאָלט אָנערקענען, אַז דאָס זײַנען *בירושהדיקע* עלעמענטן.

דער גענעטיקער וועט אין דער זעלבער צײַט גראָבן דעם טונעל פֿון דער צווייטער זײַט, למשל דורך שטודירן איינאייִקע צווילינגען. אין אַ געוויסן פּונקט וועלן זיך ביידע דיסציפּלינען באַגעגענען, און יעמאָלט וועט זיך אין גאַנצן אַנטפּלעקן דער ווערט פֿון דעם X.

אָבער אויב מיר נעמען זיך ניט אונטער צו דערגיין, וואָס עס קומט צום מענטשן בירושה און וואָס פֿון דער סבֿיבֿה, מוזן מיר אָבער קלאָר מאַכן דעם *באַגריף* ירושהדיקייט. וואָרעם ניט יעדערער טראַכט זיך דערבײַ דאָס זעלבע.

לאָמיר זאָגן, אַז איינער האָט אַ זעקסטן פֿינגער אויף אַ האַנט, אָדער אַ געבוירן־פֿינטעלע אויף דער לינקער באַק, אָדער גרינע אויגן, און בײַ אים ווערט געבוירן אַ זון מיט די זעלבע סימנים. יעמאָלט וועלן מיר זײַן זיכער, אַז דער זון האָט דאָס באַקומען בירושה פֿון זײַן טאַטן. אָבער איצטער שטעלט זיך פֿאָר, אַז דער טאַטע וועט איין מאָל אין אַן אַנפֿאַל פֿון כּעס דערלאַנגען דעם זון מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, און פֿון דעם קלאַפּ וועט בײַם זון בלײַבן אַ גריבל אין באַק אויפֿן גאַנצן לעבן. דאָס גריבל האָט ער אויך *באַקומען פֿון טאַטן*, און אויב מען וויל, קען מען זיך אויסדריקן בלשון מליצה, אַז ער האָט דאָס באַקומען *בירושה* פֿון זײַן טאַטן. דער טאָג־טעגלעכער שפּראַכבאַנוץ שאַפֿט זיך טאַקע מיטן אויסדרוק „ירושה" אויף אָט דעם פֿורנישן שטייגער. אַ ייִדישער יוגנטלעכער שרײַבט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע: „איך פֿלעג דאַוונען פֿאַרן עמוד מיט אַ נגינה וואָס איך האָב געירשנט נאָך מײַן פֿעטער"[17]. אַן אַנדערער פֿאַרגינט זיך אפֿילו צו שרײַבן: „אויך איז ער [דער חבֿר] אַ מעלאָמאַן, און איך ירשן פֿון אים אַ געוויסן פּראָצענט ליבשאַפֿט פֿאַר מוזיק".[18] אָבער עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דאָ רעדט זיך וועגן צוויי גאַנץ פֿאַרשיידענע מינים ירושה. בכדי צו מאַכן דאָס בקיצור, קענען מיר דעם ערשטן מין אָנרופֿן *ביאָלאָגישע* און דעם צווייטן מין—*סאָציאַלע* ירושה.

דער משל מיטן שטעקן איבערן קאָפּ וועט אפֿשר ניט אַזוי אויסנעמען, אָבער דער עיקר איז, אַז דער נימשל זאָל זײַן קלאָר. אין אַנאַליזירן דעם אופֿן, ווי אַזוי אַ מענטש פֿורעמט זיך אויס, מוז מען מאַכן אַ גאַנץ שאַרפֿן אונטערשייד צווישן די צוויי מינים ירושהדיקייט.

---

[17] פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 16 אין דער זאַמלונג פֿון ייִוואָ (סימן: בן־יהושע), ז׳ 22.

[18] פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 31 אין דער זאַמלונג פֿון ייִוואָ (סימן: דער זון פֿון פֿאָלק), ז׳ 29.

ווו זשע איז דער גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ ביאָלאָגישע ירושה פֿון סאָציאַלער? דאָ זײַנען מיר ניט אַזוי בלינד.

לאָמיר נעמען דעם ענין טובערקולאָז. דער פֿאָטער אין אַ פֿאַמיליע לײַדט פֿון טובערקולאָז, און ער היט זיך ניט אָפּ לויט ווי די כּללים פֿון היגיענע וואָלטן דאָס געפֿאָדערט. אין שטוב איז פֿאַראַן אַ קינד, וואָס בײַ אים ווײַזן זיך אויך סימנים פֿון דער קראַנקייט. די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג פּסקנט אָפּ אויף גיך: דער טאַטע אַ סוכאָטניק, דער זון אַ סוכאָטניק—דער זון האָט דאָס געירשנט פֿון טאַטן.

אין דער אמתן איז דאָס אַ ראַיה ווי דרײַ מאָל גאָרניט. ס'קען גרײַלעך זײַן, אַז ווען מען זאָל געווען אַרײַנברענגען אין דער דאָזיקער שטוב אַן אַבסאָלוט געזונט קינד, וואָלט ער זיך אויך אָנגענומען, און אפשר נאָך גיכער, ווײַל ער האָט ניט אין זיך די קעגנשטעליקייט וואָס האָט זיך אַנטוויקלט בײַם סוכאָטניקס זון. מיט אַנדערע ווערטער, אַפֿילו אויב דער טאַטע האָט טובערקולאָז און דאָס קינד האָט טובערקולאָז, זאָגן די פֿאָרשער דאָ אויך, אַז מיר האָבן צו טון ניט מיט קיין געירשנטער, נאָר מיט אַן איבערגענומענער קראַנקייט.

מיר מעגן אַפֿילו בײַ דער ביאָלאָגישער ירושה דעזאַנעקטירן אַ שטיק טעריטאָריע, וואָס דאָס רובֿ טיילט מען זי איר צו אָן שום טענות און מענות. דאָס זײַנען די אייגנשאַפֿטן וואָס קומען צו דעם קינד אין די נײַן חדשים פֿון טראָגן—פֿון יצירת-הוולד ביזן ערשטן געשריי. די געלערנטע האַלטן נאָך דערווײַל אין זוכן, פֿרעגן און עקספּערימענטירן, און דעריבער האָבן מיר נאָך ניט קיין פֿולע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם וואָס עס איז גוט פֿאַרן קינד אין דער מוטערס טראַכט און וואָס עס איז שלעכט. אָבער געוויס איז ניט גלײַכגילטיק, צי די מעוברת גייט אַ סך אָדער זי זיצט כּסדר אויף אַן אָרט, צי זי עסט אַלצדינג אָדער זי היט אָפּ אַ באַשטימטע דיעטע. און דאָס איז ניט נאָר אַ פֿראַגע פֿון דער מוטערס געזונט, ווי מען קען מיינען אין פֿלוג: עס קען זייער זײַן, אַז פֿון דעם ווי אַזוי די מעוברת פֿירט זיך ווערט באַשטימט די קאָנסטיטוציע, ד"ה אין אַ געוויסער מאָס די גאַנצע ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פֿונעם קינד. די דײַטשן חכמהנען זיך אַמאָל—און אין דער ווערטערשפּיל שטעקט אויך אַ חלק ערנצטקייט,—אַז der Mensch ist, was er isst. ניט מיט ווינציקער רעכט קען מען אפשר אויפֿשטעלן דעם גראָטעסקן טעזיס, אַז דער מענטש איז וואָס זײַן מאַמע עסט.

אָדער לאָמיר נעמען אַן אַנדער פּרט פֿאַר אַן אילוסטראַציע. צווישן די פֿאַרשיידענע זאַפֿטן וואָס דער אָרגאַניזם אַרבעט אויס איז אויך פֿאַראַן דער פּראָדוקט פֿון דער בײַניר; לויטן לאַטײַנישן נאָמען פֿון דער בײַניר („אַדרענאַלע" דריז) רופֿט מען אָט דעם פּראָדוקט אַדרענין אָדער אַדרענאַלין. אָט דער סעקרעט איז זייער אַ וויכטיקער אין לעבן פֿון אָרגאַניזם: ער פֿאַרענגערט די בלוטגעפֿעס, פֿאַרגיכערט דאָס קלאַפּן פֿון האַרץ, פֿאַרפֿאַמעלעכט די באַוועגונג פֿון די געדערעם אאַז"וו; און זײַן ווירקונג איז אַזוי שטאַרק, אַז בײַ אַן אײַנשפּריצונג האָט נאָך איין חלק אויף הונדערט מיליאַרד חלקים וואַסער אויך אַ פּעולה. איז ווײַזן געוויסע

פֿאַרשונגען פֿון ערשטקלאַסיקע ענדאָקרינאָלאָגן, אַז ווען דער בעל־חי ווערט שטאַרק אויפֿגערעגט, למשל אין צושטאַנד פֿון שרעק אָדער כּעס אָדער ווייטאָג, אַרבעט אויס די בײַניר אַ גרעסערן סכום אַדרענין[19]. דער וולד און די מעוברת זײַנען דאָך אָבער ביז וואָס ווען איין אָרגאַניזם—נו, ווי שייך, אַז אויב דער וולד ווערט פֿאַרסמט דורך אַ גרעסערן צופֿיר פֿון אַדרענין, זאָל זיך דאָס ניט אָפּרופֿן אויף דער גאַנצער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דעם דאָזיקן יחיד? אַזוי קענען אויך קומען אין דער ביזגעבורטיקער צײַט אַנדערע פֿאַרסמונגען, דעפֿאָרמאַציעס, אינ־פֿעקציעס.

אין פֿלוג קומט אויס, אַז דאָס איז אויך גערשנטקייט. אָבער ס'איז אַ טעות. נעמט למשל אַ קיבוץ ווי דעם ייִדישן, ווו ס'איז אָנגענומען, אַז אַ מעוברת טאָר מען קיין זאַך ניט אָפּזאָגן. פֿאַרגלײַכט דאָס מיט דער סיטואַציע פֿון פֿרויען בײַ פֿאַרשיידענע ווײַטע שבֿטים, ווו זיי טוען די שווערסטע אַרבעט די גאַנצע צײַט פֿון דער שוואַנגערשאַפֿט און עס טרעפֿט גאַנץ אָפֿט, אַז די ווייען כאַפּן זיי אָן בשעת זיי האָרעווען אין פֿעלד. צי איז דאָס אַ ביאָלאָגישער אונטערשייד צווישן צוויי פֿעלקער? ניין, ס'איז אַ קולטורעלער, אַ סאָציאַלער אונטערשייד. זאָלן זיך בײַטן די לעבנס־אומשטאַנדן פֿון יענע נעגערשע שבֿטים און זאָלן זיי קומען צו דער מדרגה פֿון אונדזערע קלייןשטעטלדיקע ייִדן—אָדער זאָלן פֿאַרקערט אונדזערע ייִדן זיך אויסגלײַכן אין זייער קולטור מיט די נעגערס פֿון אַפֿריקע, וועט דער דאָזיקער איבערבײַט אין די סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן בלי־שום־ספֿק משפּיע זײַן אויך אויף דער פּערזענלעכקייט פֿון די קינדער.

דאָס מיינט, אַז אויב מיר קוקן זיך אַרום ווי ס'געהער צו זײַן, מוזן מיר דעם גרענעץ פֿון ביאָלאָגישער „ירשעוודיקייט" אַרויפֿרוקן אַ סך העכער. מיר מוזן זאָגן, אַז ביאָלאָגיש גערשנט איז אייגנטלעך בלויז דאָס וואָס עס איז געווען אין דער זרע אָדער אין דעם אייעלע, ד"ה דאָס וואָס עס איז שוין געווען בנימצא אין דעם מאָמענט פֿון באַפֿרוכפּערונג. אַלע אַנדערע מעלות און חסרונות וואָס זײַנען צוגעקומען דעם קינד שפּעטער זײַנען שוין ניט קיין ביאָלאָגישע ירושה, נאָר צוקומענישן, און אויב מען וויל זיך ניט שיידן מיטן טערמין „ירושה", מוז מען זיי רופֿן סאָציאַלע ירושה, וואָס זי נעמט זיך אָן אָדער נעמט זיך ניט אָן אויפֿן באַזיס פֿון גערשנטע דיספּאָזיציעס. אַן אויסנאַם וועלן מיר מאַכן נאָר בנוגע אייגנשאַפֿטן וואָס באַווײַזן זיך אַרויס ערשט בהדרגה, אין גאַנג פֿון דעם קינדס וואַקסן. אַן אַנאָמאַליע אין ריידן אָדער אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער דערוואַקסענער סעקסועלער סיסטעם וועלן מיר זיך ניט ריכטן אויסצוגעפֿינען בײַם קינד באַלד ווי ער גייט אַרויס פֿון דער מוטערס טראַכט, און פֿאָרט קען געמאָלט זײַן, אַז די אַנאָמאַליע זאָל זײַן אַ ביאָלאָגיש גערשנטע.

---

[19] זע: Cannon, W. B. Bodily Changes in Pain, Hunger, Fear and Rage. New-York 1929, pp. 37-65.

אָט די חקירה וועגן די צוויי מינים געזעלשאַפֿטלעכקייט איז ניט סתם פּילפּול, דאָס איז זייער אַן ערנצטער חילוק פֿאַר יעדער איינעם וועמען עס איז פֿאַראינטערעסירט אין געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. דעם קאָליר פֿון די אויגן קען מען ניט איבערבײַטן, דאָס איז אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. אָבער די סאָציאַלע ירושה לאָזט זיך יאָ בײַטן דורך דעם וואָס מען בײַט די באַשטאַנדטיילן פֿון וועלכע זי שטעלט זיך צונויף. ממילא מוז מען שטרעבן זי צו בײַטן דאָרטן ווו זי איז, לויט אונדזערע געזעלשאַפֿטלעכע אידעאַלן, שעדלעך אָדער געפֿערלעך. יעדע סאָציאַלע רעפֿאָרם, יעדער מעדיציניש-היגיענישער מאָסמיטל, קען מען זאָגן, טוט בײַטן די עלעמענטן פֿון דער „סאָציאַלער ירושה". הייסט עס, וואָס גרעסער עס איז די טעריטאָריע וואָס מיר רײַסן אָפּ בײַ דער ביאָלאָגיע, אַלץ אָפּטימיסטישער מעג זײַן אונדזער פּראָגנאָז פֿאַר דער בעסערונג פֿון מענטשלעכן מין. געוויינטלעך וועלן מיר געפֿינען אַזוינע אָפּטימיסטן נאָר צווישן יענע וואָס גלייבן, אַז דער מענטש איז בכלל פֿעיק איבערצובויען זײַן לעבן אויף אַ בעסערן שטייגער.

8. שווער צו זײַן אַ קינד

דער ביזאיצטיקער אַרומקוק האָט אונדז געגעבן אַ מיגלעכקייט אַוועקצושטעלן צוויי גרענעצסלופּעס אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם יחיד וועלכן מיר גייען נאָך, און מיר האָבן אָנגעצייכנט דרײַ סטאַדיעס אין מענטשנס לעבנסגאַנג:

1. די ביז-יצירהדיקע סטאַדיע, וואָס איז אייגנטלעך נאָר אַ סומירונג פֿון די „פּרעהיסטאָרישע" ירשעוודיקע עלעמענטן אין דעם פֿאָטערס און דער מוטערס פּערזענלעכקייטן;
2. די ביזגעבורטיקע סטאַדיע;
3. די נאָכגעבורטיקע סטאַדיע, דאָס וואָס מען רופֿט בעצם דאָס מענטשלעכע לעבן. די סטאַדיעס צוויי און דרײַ באַלאַנגען שוין אין גרונט צום פֿעלד פֿון סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן, מערניט וואָס עס איז אפֿשר פֿאַראַן אין זיי אַ ביאָלאָגישער קאָמפּאָנענט (אויב מיר זײַנען הונדערט-פּראָצענטיקע „סביביסטן", וועלן מיר זאָגן, אַז אָט דער ביאָלאָגישער קאָמפּאָנענט איז $= 0$).

צווישן דער ביזגעבורטיקער און דער נאָכגעבורטיקער סטאַדיע איז פֿאַראַן אַן איבערגאַנג: דער אַקט פֿון געבוירן ווערן גופֿא. טייל פֿאָרשער האַלטן, אַז דער אַקט שפּילט אַ גוואַלדיקע ראָלע. זיי זאָגן: עס איז ניט נאָר אַ פֿראַגע פֿון מעכאַנישע שעדיקונגען וואָס קענען אַרויסקומען פֿון ניצן צוואַנגען, אָדער פֿון מאַכן אַ ניט אין גאַנצן געראָטענע אָפּעראַציע. אַפֿילו אויב אַלצדינג גייט דורכויס כשורה, איז דער פֿאַקט פֿון אָפּרײַסן זיך פֿון דער מוטערס קערפּער, ווו מען איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אויף אַלעם גרייטן, און פֿון „אַוועקשטעלן זיך אויף די אייגענע פֿיס" מיסתמא די גרעסטע רעוואָלוציע אין יעדער מענטשנס לעבן. און אפֿשר, זאָגן זיי, איז די בענקשאַפֿט נאָך „עפּעס", פֿון וועלכער דער מענטש ווערט כמעט קיינמאָל ניט פּטור, אַ בענקשאַפֿט נאָך יענעם פֿאַרלוירענעם גן-עדן פֿון פֿאַרן געבוירן, ווו עס איז געווען רויק, היימלעך און וואַרעם.

איינמאָל אַרויס אויף דער וועלט, הייבט זיך אָן פֿאַרן מענטשן אַ נייַע סדרה. די שרייַבער פֿון אַלטן חדר האָבן אונדז צוגעוויינט צו דער קלישע-פֿאָרשטעלונג וועגן די גליקלעכע קינדערשע יאָרן, אָן זאָרג און אָן צער, אָן שוועריקייטן און פֿאַרדרייעניש. ווי ווייַט איז דאָס אַלץ פֿונעם אמת, און ווי אויסטערליש איז געבויט אונדזער פסיכיש לעבן, אויב מיר פֿאַרגעסן דאָס. דאָס צוזאַמענלעבן אין אַ קיבוץ גיט ניט נאָר גוטיקייטן, ס'לייגט אַרויף אויף אונדז האַרבע איסורים אויך. ריכטיק איז נאָר, אַז דאָס קינד האָט אַ נ ד ע ר ע דאגות איידער דער דערוואַקסענער, און יעדער מוטערמענטש מיינט דאָך, אַז נאָר זייַנע דאגות זייַנען די אמתע צוליב דעם פשוטן טעם וואָס זיי זייַנען זייַנע. דער אָרעמאַן טראַכט: וואָס וואָלט מיר געפֿעלט, ווען איך בין ראָטשילד? דער גבֿיר ווידער קלערט: דער אָרעמאַן האָט דאָך ניט קיין דאגות; אַז זייַן גאַנצע השגה גייט ניט ווייַטער פֿון אַ גראָשן! און אַזוי טראַכטן בײדע, דער אָרעמאַן און דער גבֿיר, וועגן זייערע קינדער: אָט די צוציקעס האָבן דאגות? הלוואַי אויף מיר געזאָגט געוואָרן!

אָבער ווען די קינדער זאָלן געווען זייַן אין שטאַנד אַרויסצוברענגען זייערע אומקלאָרע געדאַנקען און אָפּשאַצונגען אויף אַ דערוואַקסענעם לשון, וואָלטן מיר פֿון זיי דערהערט פֿאַרחידושט חוזקדיקע רייד: וואָס, איר קומט אויך מיט טענות צו דער וועלט? איר דאַרפֿט ניט וואַרטן אויף דער מאַמעס ברוסט, נאָר איר קענט צוגיין צו דער שאַפֿע און נעמען עסן ווען און וויפֿל עס ווילט זיך. אונדז לאָזט איר זיך ניט שפּילן מיט אונדזער אייגענעם קערפּער, און אַליין שפּילט איר זיך יאָ אויף אייַער שטייגער. איר קומט אַהיים פֿון דער אַרבעט, ווו דער באַלעבאָס איז אייַך דערגאַנגען די יאָרן, לאָזט איר אויס דעם כּעס צו אונדז מיט געשרייען און אַמאָל טאַקע מיט קלעפּ; צו וועמען קענען מיר אויסלאָזן אונדזער כּעס? אַז דער טאַטע וויל, נעמט ער צו די מאַמע פֿון די קינדער. אונדז הייסט מען גיין שלאָפֿן, און אַליין זיצט איר ביז האַלבע נאַכט און לענגער. דערפֿאַר וואַלגערט איר זיך אין דער פֿרי אין די בעטן ווי לאַנג איר האָט נאָר חשק. ווען מיר בעטן בייַ אייַך עפּעס, דרייט איר זיך אַרויס, און אויב מיר בעטן אַ צווייטן מאָל, גיט איר אונדז נאָך אַ מאָל אַ זעץ אויך, אויסנוצנדיק אייַער פֿיזישע שטאַרקערקייט. אויב עס גייט אונדז אין לעבן צו וויסן עפּעס, וואָס ענטפֿערט איר אונדז? „טשעפּע זיך אָפּ פֿון מיר! אַז דו וועסט אַלץ וועלן וויסן, וועסטו גיך אַלט ווערן!" אַליין לייגט איר אין אייַערע געשעפֿטן און אין אייַער פּריוואַטן לעבן אויף וואָס די וועלט שטייט, און אונדז לערנט איר, אַז מען טאָר ניט זאָגן קיין ליגן. און דערנאָך, ווען מיר וואַקסן אונטער, האַלט איר איין זאָגן אונדז מוסר, כאָטש אַליין פֿלעגט איר טון די זעלבע זאַכן וואָס איר רופֿט אָן „מיאוס", און גיכער ווי אַלץ טוט איר זיי נאָך הייַנט אויך.

אָט אַזוי וואָלטן געטענהט קינדער, אויב זיי וואָלטן געהאַט לשון, און זיי וואָלטן פֿון זייער שטאַנדפּונקט געווען גערעכט אַנטקעגן אונדז.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דער אַנטוויקלונג פֿון קינד. אַפֿילו אויב מיר וועלן לאָזן אין אַ זייַט די כעמישע אונטערשיידן צווישן נאַטירלעכער און קינסט-

לעכער נערונג, בלײַבן נאָך אַלץ טויזנטער וואַריאַציעס וואָס האָבן אפשר נאָך אַ גרעסערן באַטײַט. אַמאָליקע יאָרן זײַנען ניט געווען קיין שום באַשטימטע צײַטן צו געבן דעם זויגקינד עסן: ווען ער פלעגט נעמען שרײַען, פלעגט אים די מוטער שטופן דעם ברוסטאָפל אין מויל אַרײַן. הײַנט האַלט מען שוין אין זייער ברייטע קרײַזן פון אַ געוויסן סדר, מען שטילט די קינדער אין אָפּשטאַנדן פון דרײַ אָדער פיר שעה. ווי שייך, אַז די דאָזיקע אומסיסטעמאַטישקייט אָדער סיסטעמאַטישקייט זאָל ניט ווירקן אויפן כאַראַקטער פון קינד? די יונגע יאָרן, ווייס יעדער איינער, זײַנען די בעסטע און דויערדיקסטע שול אויפן גאַנצן לעבן. הײַנט ווי אַזוי קען דאָס זײַן אַלץ איינס, צי מען גיט דעם קינד עסן ווען עס מאַכט זיך, אָדער מען געוויינט אים צו צו אַן אײַנפיר, אַז קיין עסן וועט ניט זײַן איידער עס קומט די באַשטימטע צײַט?

די אײַנגעליבטע מוטער איז אויך פון די קלישעען מיט וועלכע די סענטימענטאַלע שרײַבערײַ פון פאַרגאַנגענע צײַטן פלעגט זיך צו פיל באַנוצן. ווי הייליק מען זאָל ניט האַלטן דעם געפיל פון מוטער-ליבע, מוז מען אָבער פאַרשטיין, אַז ניטגעוואָלטע קינדער זײַנען אַ סך אָפטער איידער מען שטעלט זיך פאָר.

אָט איז אַ מאָנאָלאָג פון אַזאַ „מוטער איבערגעוואַלד", 23 יאָר אַלט, אַן ערשטלינג, פאַרשריבן אין אַן אַמבולאַטאָריע פאַר פרויען און קינדער אין שיקאַגאָ:

„צי מוז איך דערפירן די שוואַנגערשאַפט ביזן סוף? צי קענט איר מיר ניט אפשר געבן עפעס פטור צו ווערן דערפון? איך האָב געקויפט אַ סך רפואות, נאָר געהאָלפן האָבן זיי ניט. איר ווייס טניט, ווי איך האָב פײַנט די קלעם, אין וועלכער איך בין אַרײַנגעפאַלן! איך שפיר, אַז איך וועל אַלעמאָל פײַנט האָבן אָט דאָס קינד, וואָרעם איך האָב ניט געוואָלט פאַרגיין אין טראָגן. ווען איר זאָלט נאָר וויסן, ווי איך ציטער פאַר אָרעמקײַט! מײַן גאַנץ לעבן קען איך זי! איך אַרבעט כסדר פון זעקס יאָר אָן. כ׳פלעג דאַרפן העלפן דער מאַמען שיילן ניס ווען איך פלעג קומען פון שול. וואָלט מײַן מאַן געהאַט אַרבעט, וואָלט מיר, מיין איך, געווען בעסער אויפן האַרצן, נאָר איצטער, שפיר איך, וועלן מיר פאַרלירן דאָס ביסל מעבל וואָס מיר האָבן. איך האָב געפרוווט אַרבעטן, נאָר איך האָב ניט געקענט צוליב דער איבלקײַט. ווי איך האָב פײַנט דאָס חתונה-לעבן!"[20]

דאָ נעמט זיך די מורא פאַרן קינד—אַזוי לפחות דוכט זיך דער פרוי—פון דער מורא פאַר אָרעמקייט. אָבער יעדער גוטער אָבסערוואַטאָר וועט אויסגעפינען, אַז דאָס איז ווײַט ניט דער איינציקער מאָטיוו בײַ פרויען וואָס ווילן ניט קיין קינדער. אויב זיי ווילן ניט און האָבן ניט, איז דאָס אַ פערזענלעכקייט-פראָבלעם פאַר די ניט-דערגאַנגענע מוטערס; אָבער אויב זיי ווילן ניט און האָבן פאָרט (אַלץ איינס צוליב וואָסערע סיבות), איז דאָס אַ האַרבע פערזענלעכקייט-פראָבלעם פאַרן קינד אויך. וואָרעם נאָר אַ נאַיִווער קען מיינען, אַז די מאַמע קען „זיך באַ-

[20] Mental Hygiene 17, 2 (April, 1933), p. 228.

הערשן" און ניט געבן צו פֿילן דעם קינד איר באַציִונג. אַפֿילו ווען זי פֿלײַסט זיך מיט אַלע כּוחות, וועט איר דאָס אויך ניט געראָטן. דער ניו־יאָרקער קינדער־פֿאָרשער ד. לעווי האָט געפֿונען, אָבסערווירנדיק אַ היפּשע צאָל ניטגעוואָלטע קינדער, אַז זיי ווילן ניט נעמען די ברוסט. אַזאַ „אומגערנדיקע מאַמע" האָט ניט פֿאַרן קינד דעם גאַנצן אויפֿמערק, זי אײַלט זיך, זי וויל דאָס מאַכן בקיצור. דאָס עופֿעלע כאַפּט אויף דעם מוסקלטאָן, און אויב די ליבשאַפֿט וואָס די מוטער טראָגט אַנטקעגן איז ניט די פֿולע, וויל דאָס קינד גאָרניט. אַזוינע קינדער האָבן דערנאָכדעם אין זייער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג עמאָציאָנעלע שוועריקייטן וואָס וואַקסן אַרויס פֿון די קלײנטשינקע דערנערונג־שוועריקייטן אין די ערשטע חדשים פֿון זייער לעבן.

מיר ווייסן, אַז אַמאָליקע יאָרן פֿלעגט מען די קינדער שטילן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, אַז מען פֿלעגט באַווײַזן זיי אויסצולערנען צו מאַכן אַ ברכה אויף דער מאַמעס ברוסט. הײַנט איז שוין דוכט זיך פֿיל־ווייניק אַן אַלגעמיינער כּלל, אַז מען אַנטוויינט דאָס קינד איידער ער ווערט אַלט אַ יאָר. צי קען דאָס זײַן אינדיפֿערענט?

צוויי אַמעריקאַנער פֿאָרשער, טשילדערז און היימיל, האָבן אויסגעפֿאָרשט די לעבנס־געשיכטעס פֿון 469 קינדער אונטער 13 יאָר, וואָס מען האָט געבראַכט אין אַ נעוראָפּסיכיאַטרישער קליניק אין דעטרויט, און דערבײַ האָבן זיי פֿעסטגעשטעלט, אַז פֿאַרשיידענע מינים אומגעוווּנטשענער אויפֿפֿיר זײַנען בדרך־כּלל אָפֿטער בײַ אַזוינע קינדער וואָס זײַנען אַנטוויינט געוואָרן פֿון דער ברוסט צווישן דעם ערשטן און פֿינפֿטן חודש פֿון זייער לעבן. די צווייט שווערע גרופּע זײַנען געווען יענע קינדער וואָס האָבן קיין מאָל ניט געקראָגן די ברוסט. נאָך אַ קלענערן פּראָצענט אומגעוווּנטשענע אויפֿפֿירשטריכן ווײַזן יענע קינדער וואָס זײַנען געשטילט געוואָרן מיט דער ברוסט ביז דער נאָרמאַלער אַנטוויינצײַט (צענטער—עלפֿטער חודש). דער אויספֿיר וואָס בעט זיך פֿון דער פֿעסטשטעלונג איז, אַז ס'איז ניט אַזוי וויכטיק די כעמישע קאָנסיסטענץ פֿון מוטערמילך אָדער קיִישע מילך, נאָר אַז דאָס אָפּרייסן פֿון דער ברוסט אין אַן עלטער ביז אַ האַלב יאָר שאַפֿט געוויסע עמאָציאָנעלע שוועריקייטן פֿאַרן קינד, וואָס ווײַזן זיך אַרויס נאָך אַ סך שפּעטער, און מיסתּמא דאָס גאַנצע לעבן[21].

אַלץ וואָס מיר האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז קליינע קינדער פֿאַרשטייען ניט, אַז אַ קינד פֿאַרגעסט גיך, אַז „ביז דער חתונה וועט פֿאַרהיילן" אאַז"וו—די אַלע השגות דאַרף מען פּשוט אָוועקוואַרפֿן אין אַלטן אײַזן. אויב מען וועט זאָגן פּונקט פֿאַרקערט, וועט מען זײַן אַ סך נעענטער צום אמת: ניטאָ קיין פּעריִאָד וואָס זאָל שפּילן אַזאַ ראָלע בײַם אויספֿורעמען די פּערזענלעכקייט פֿונעם מענטשן,

---

[21] Childers, A. T. and Hamil, B. M. Emotional Problems in Children as Related to Duration of Breast Feeding in Infancy. In: American Journal of Orthopsychiatry, April 1932.

ווי די ערשטע עטלעכע יאָר פֿון זײַן לעבן. און גראָד די פּשוטסטע, די וואָכע־דיקסטע ענינים שפּילן אַ גרעסערע ראָלע איידער די אידעען וואָס מען פּריידיקט אַרײַן אין קינד און די פּאָרציעס מוסר וואָס מען דערלאַנגט אים.

וואָס מער די געלערנטע געפֿינען אויס וועגן דער זויגצייט, אַלץ קלערער ווערט פֿאַר אונדז, סאַראַ קאָלאָסאַלע ווערדע אָט די סטאַדיע פֿון עופֿעלעשאַפֿט האָט פֿאַר יעדער איינעם. ס'איז די ערשטע שול פֿון לעבן, און זייער אַן ערנצטע שול. צו ברענגען מערניט איין בײַשפּיל: בשעת דאָס קינד איז בײַ דער ברוסט, גיט די מאַמע נאָר אַכטונג צי ער זויגט אָדער ער זויגט ניט. אָבער דאָס איז ניט דאָס איינציקע וואָס ער טוט בשעת־מעשה. זײַנע אויגן, זײַנע הענט, זײַנע פֿיס פֿאַרנעמען זיך אויך מיט אַ גאַנצער ריי טעטיקייטן וואָס קענען האָבן דעם גרעסטן באַטײַט אין זײַן גאַנצן שפּעטערדיקן לעבן. דער אופֿן ווי אַזוי אַ קינד האַלט די האַנט אונטער דער מוטערס ברוסט חזרט זיך אַמאָל איבער ווי אַ פֿעסטע געוויינטשאַפֿט אין 25 יאָר אַרום און קען אַמאָל זײַן דער אויסגאַנגפּונקט פֿאַר שווערע שטערונגען און פּערווערסיעס.

גאָר אַ וויכטיקער עלעמענט אין דעם קינדס אַנטוויקלונג איז דער אופֿן, ווי אַזוי מען לערנט אים אויס צו באַהערשן זײַנע אויסשיידונגען. דערוואַקסענע געדענקען ניט, וואָס פֿאַר אַ האַרבער און מאַטערדיקער לימוד דאָס איז געווען. אויב אַלצדינג גייט גלאַטיק, געדענקט דאָס די מאַמע אויך ניט. אָבער גיט נאָר אַ טראַכט וועגן דער גרויסער צאָל בעטנעצער וועלכע קענען זיך קיין עצה ניט געבן ביז נאָך בר־מיצווה, וואָס פֿאַר אַ פּײַן זיי לעבן דאָס איבער ביז וואַנען זיי לערנען זיך אויס דאָס וואָס אַנדערע קינדער קענען שוין אין עלטער פֿון דריט־האַלבן אָדער דרײַ יאָר. עס וועט מיסתּמא ניט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דער גאַנצער ווײַטערדיקער כאַראַקטער פֿון אַ מענטשן ווערט אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט דורך דעם, צי און ווי אַזוי ער האָט זיך בײַצײַטנס אויסגעלערנט צו טון זײַן צורך אויף אַ דערוואַקסענעם שטייגער[22]. דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז דאָ געוועלטיקן דורכויס סאָציאַלע סיבות; עס קען זײַן, אַז די אַזוי גערופֿענע „ענורעסיס" באַווײַזט זיך אויפֿן באַזיס פֿון קאָנסטיטוציאָנעלע דעפֿעקטן. אָבער ווידער אַ מאָל, סאָציאַלע מיטלען (דאָס הייסט דערציִונג) קענען פֿאַרריכטן אָדער פֿאַרערגערן די קאָנסטיטוציאָנעלע אויסשטאַטונג.

9. „גלײַכע באַדינגונגען"

בײַם ריידן וועגן די אויסשיידונגען זײַנען מיר שוין צוגעקומען גאַנץ נאָענט צום פֿעלד פֿון דער אַזוי גערופֿענער קינדערשער עראָטיק, וועגן וועלכער די פֿרוידיאַנער האָבן געמאַכט אַזעלכע גוואַלדיקע אויפֿדעקונגען. דעם קינדס באַציִונגען צו דער מאַמען און צום טאַטן זײַנען געווען ניט נאָר אומבאַקאַנט

---

[22] Cf. Frank, Lawrence K. Physiological Tensions and Social Structure. In: Publications of the American Sociological Society 22 (1929), pp. 74—82

איידער פֿרויד האָט זיי געגומען פֿאָרשן, נאָר קיינער האָט אפֿילו ניט געוווּסט, אַז דאָ שטעקט אַ פּראָבלעם. און אפֿילו הײַנט זײַנען נאָך פֿאַראַן מענטשן וואָס האַלטן, אַז פֿרויד טײַטשט מערניט אַרײַן „שמוציקע עראָטיק“ אין די צאַרטע געפֿילן פֿון די ריינע מלאָכימלעך.

אָבער אויב די באַציִונגען קינד—מאַמע און קינד—טאַטע זײַנען אפֿילו הוילע מלאָכישקייט, האָבן נאָך אָבער דאָס רובֿ קינדער ברידער אָדער שוועסטער, און אין די מיטקינדער-באַציִונגען[23] איז מען שוין גיכער נוטה מודה צו זײַן מענטשלעכע שוואַכקייטן. אָט נעמט למשל די סיטואַציע פֿונעם עלטסטן קינד, בשעת עס ווערט געבוירן אַ צווייטער. פֿריִער איז ער געווען אַליין אויפֿן פּלאַץ. מיט אַ מאָל זעט ער (און אויב ער זאָל אפֿילו נאָך קיין צוויי יאָר ניט אַלט זײַן, באַמערקט ער דאָס תּיכּף), אַז אין דער מישפּחה איז צוגעקומען אַ קאָנקורענט. קודם-כּל איז דער מוטערס גאַנצער אויפֿמערק ממילא געווענדט צו יענעם, ווײַל יענער בייטיקט זיך טאָקע אין מער זאָרג. קינדער זײַנען זייער שפּירעוודיק, אויב מען גיט זיי ניט אָפּ געניג אינטערעס. ווײַטער לייגט מען גלאַט מער כּבֿוד אויפֿן ייִנגערן, ווײַל דער מיזיניק איז דאָך אַ נײַעס. ווער רעדט נאָך, אויב דאָס ערשטע קינד איז געווען אַ מיידל און איצטער האָט גאָט געהאָלפֿן און ס'איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל!

אַ געוויסער געפֿיל פֿון מינערקייט וואַקסט אַפּנים אויס בײַ יעדער מיידל אין אַ געוויסן עלטער, און דאָס איז געבויט ניט אויף סאָציאַלער אײַנשאַצונג, נאָר אויפֿן פֿיזיאָלאָגישן אונטערשייד; די סאָציאַלע אײַנשאַצונג פֿון גלײַכווערטיקייט און גלײַכבאַרעכטיקונג קען נאָר קאָריגירן און אויסבאַלאַנסירן דאָס וואָס די נאַטור מאַכט קאַליע. אויב אָבער קיין סאָציאַלע אויסבאַלאַנסירונג איז ניטאָ, קענען מיר אין אַ פּאָר צענדליגג יאָר אַרום זיך באַגעגענען מיט איינער פֿון יענע פֿאַרשלאָסענע פֿאַראומערטע מיידלעך וואָס האַלטן גאָרניט פֿון זיך און זײַנען גרייט צוליב אינעווייניקסטער אומזיכערקייט אָפּצוטרעטן יעדערן זייער פּלאַץ, כאָטש זיי האָבן אַ סך מער קענטעניש און שכל איידער יענער. עס קען אָבער אויך פֿאַרשטייט זיך טרעפֿן, אַז פֿון אַזאַ מין באַעוולטער אָפּגעשטופּטער מיידל זאָל אויסוואַקסן דווקא יענער טיפּ רעבעלישע פֿרויען וואָס ווייסן תּמיד בעסער און וואַרפֿן תּמיד אַ קאַץ אין פּנים.

מען וועט מיך דאָ כאַפּן בײַ אַ סתּירה: אויב די זעלבע סיטואַציע אין דער פֿאַמיליע קען אַרויסברענגען צוויי גאַנץ פֿאַרשיידענע מענטשן, טאָ וואָס פֿאַר אַ האַפֿט האָט די סבֿרא, אַז די סיטואַציע אין דער פֿאַמיליע האָט אַזאַ גוואַלדיקן באַטײַט? איך וועל דערויף ענטפֿערן צוריק מיט אַ פֿראַגע: פֿון וואַנען ווייסן מיר, אַז איןביידע פֿאַלן איז טאָקע געווען די זעלבע פֿאַמיליע-סיטואַציע? אידענטיש איז דאָך געווען נאָר איין עלעמענט: אַ מיידל צו וועלכער ס'איז

[23] איך לייג פֿאָר דאָס וואָרט „מיטקינד“ ווי אַן עקוויוואַלענט פֿאַרן דײַטשן Geschwister, ענגליש sibling.

צוגעבוירן געוואָרן אַ ייִנגל. ווײַטער קענען זײַן טויזנטער פֿאַרשיידנקייטן סײַ אין דער אָביעקטיווער אַרומרינגלונג, סײַ אין דער ביאָלאָגישער אויסשטאַטונג, סײַ אין די באַוווּסטזיניקע דערציִונגס-געננג פֿון די עלטערן, און פֿון דער אָפּעראַציע וואָס דאָס לעבן מאַכט מיט די אַלע גרייסן ווען די אונטערשטע שורה געווינטלעך זײַן אַן אַנדערע, כאָטש איין כּפֿלער איז געווען דער זעלבער.

נאָך אַ וואָרט אַנטקעגן דעם וואָס מען זאָגט: גלײַכע באַדינגונגען. ווען מיר זעען בײַ עלטערן צוויי קינדער וואָס זײַנען גאַנץ פֿאַרשיידן אין זייער כאַראַקטער, חידושן זיך די עלטערן גופֿא: מיר האָבן זיי דאָך געגעבן די זעלבע דערציִונג, טאָ פֿון וואַנען זײַנען זיי געוואָרן אַזעלכע פֿאַרשיידענע מענטשן? פּסקנט מען: ניט אַנדערש זיי האָבן דאָס בירושה; און מען איז צוליב איינעם מטריח אַ זיידן, אויפֿן צווייטן זאָגט מען, אַז ער איז געגליכן צו דער מאַמעס ברידער. אָבער וואָס קומט אַרויס פֿון פֿאַרבײַטן דעם X אויף אַן Y? קען זײַן, אַז דאָ שטעקט יאָ אַ ביאָלאָגישער פֿאַקטאָר, אָבער אַזוי ווי מיר קענען אים ניט, איז ניט כּדאַי, לכל-הפּחות אין דער ערשטער סטאַדיע פֿון אויספֿורעמען אַן אַרבעט-היפּאָטעז, אַרײַנצופֿירן די „שטים פֿון בלוט" און ענלעכע אומבאַשטימלעכע גרייסן. לאָמיר זיך דערווײַל באַנוגענען מיטן לעבן פֿון אונדזער יחיד גופֿא. די לעבנס-בינע איז פֿאַר יעדן יחיד אויסגעשטעלט אַנדערש. עלטערן זאָגן, אַז זיי באַציִען זיך צו אַלע זייערע קינדער גלײַך. אָבער צי וועט ניט יעדע מוטער און יעדער פֿאָטער מודה זײַן, אַז זיי לעבן איבער דאָס צווייטע קינד אַנדערש איידער דאָס ערשטע? ממילא איז אויך די צוריקבאַציִונג פֿונעם קינד צו טאַטע-מאַמע אַן אַנדערע. און אויב מיר זאָלן אַפֿילו בלײַבן בײַ דער פֿיקציע, אַז די עלטערן פֿונקציאָנירן אַנטקעגן זייערע קינדער אַזוי ווי אַ זייגער וואָס קלאַפּט אויס זײַן צײַט פּונקט-פּינקטלעך אַלע שעה, קומט דאָך צו די מיטקינדער-סיטואַציע, וואָס איז פֿאַר יעדער ווײַטערדיקן קינד גאָר אַן אַנדערע. הײַנט צי האָבן מיר געפֿרעגט, אין וואָסער עלטער די כּלומרשט „גלײַך דערצויגענע" קינדער זײַנען אַנטווייגט געוואָרן? און אַ ים פֿאַקטן איז פֿאַראַן, וואָס אַפֿילו ווען מיר זאָלן זיך נאָכפֿרעגן, וועלן מיר ניט געוויר ווערן, ווײַל קיינער געדענקט ניט. צי איז ניט. איינער פֿון די קינדער געשלאָפֿן אַמאָל אַ נאַכט בײַ די עלטערן אין שלאָפֿצימער?[24]

אָט דאָס דאַרף מען תּמיד האָבן אין זינען בשעת מען רעדט וועגן דעם פֿונדאַמענטאַלן באַטײַט פֿונעם סדר פֿון געבורט פֿאַר דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט. די פֿראַגע: דאָס וויפֿלטע קינד? איז גוואַלדיק וויכטיק, און בײַם וועלן פֿאַרשטיין אַ מענטשן טאָרן מיר קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן צו שטעלן די פֿראַגע: בן-יחיד?

---

[24] דער געדאַנק, אַז אַפֿילו אין דער זעלבער פֿאַמיליע לעבן צוויי מיטקינדער אין צוויי באַזונדערע סבֿיבֿות, איז זייער איבערצײַגנדיק אַרויסגעבראַכט אין דער אַרבעט:

Weill, Blanche. The Behavior of Young Children of the Same Family. Cambridge, 1928.

בכור? מיזיניק? מיטלסטער? אָבער דאָס גיט ניט קײן רעכט, ווי אַנדערע טוען[25], אויפֿצושטעלן פֿעסטע נאָרמעס פֿאַר יעדן עלטסטן, מיטלסטן, לעצטן קינד.

בשעת איך שרײַב דאָס, שטײען מיר פֿאַר די אויגן צווײ בני־יחידים פֿון צווישן מײַנע באַקאַנטע. בײדן האָט מען אין דער קינדהײט שטאַרק געבאַלעוועט, בײדן האָט מען רק געקוקט אין די אויגן, קײן שום ברידער און שוועסטער האָבן ניט צוגענומען קײן ברעקל פֿון די עלטערנס ליבשאַפֿט. בײדע זײַנען דעריבער געוואָרן פֿולקומע עגאָצענטריקער. אָבער נאָר בנוגע אײנעם איז מקוים געוואָרן די נבֿיאות וועגן דער צוקונפֿט פֿון אַ בן־יחיד, וואָס בריל גיט אין דעם נאָר וואָס דערמאָנטן בוך. אָט דער אײנער איז טאַקע גרויסהאַלטעריש און אײפֿערזיכטיק, און אויב זײַנעם אַ ריוואַל געראָט עפּעס וואָס אים איז ניט געראָטן, איז ער זיכער, אַז עמעצער אַ ניטפֿאַרגינער האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל דורך אַן אינטריגע. די גאַנצע וועלט באַטראַכט ער נאָר אין שײַכות צו זיך, און דעריבער איז זײַנע באַקאַנטע שווער מיט אים. דער אַנדערער איז „גאָר אַן אַנדער מענטש". ער רעדט טאַקע אויך גענוג אָפֿט וועגן זיך (פֿאַרן געפֿיל פֿון טײל אַרומיקע אַ ביסל צו אָפֿט), אָבער אין באַציִונגען מיט מענטשן איז ער פֿרײַנדלעך און פֿרײלעך, ער מאָנט ניט בײַ דער וועלט קײן יושר פֿאַר די פֿאַקטישע אָדער געדוכטע עוולות וואָס זי איז אַנטקעגן אים באַגאַנגען.

בײַ די צווײ בני־יחידים איז אידענטיש זײער בן־יחידשאַפֿט, נאָר אַנדערע פֿורעם־פֿאַקטאָרן אין זײער פּערזענלעכקײט זײַנען אַפּנים געווען אין גאַנצן פֿאַרשײדן.

דער אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָג וואַטסאָן האָט געגעבן אַ פּשוטן בײַשפּיל צו ווײַזן, ווי נאַיִוו עס איז דער געדאַנק, אַז ס'איז בכלל פֿאַראַן עפּעס אַזוינס ווי „גלײַכע דערציִונג" פֿאַר צווײ פֿאַרשײדענע מענטשן. אַ טאַטע איז אַרויס מיט צווײ זין זײַנע אין גאַס און איז צוזאַמען מיט זײ געקומען אַהײם. דוכט זיך בײדע האָבן געהאַט די זעלבע איבערלעבונגען. נאָר אײן ייִנגל איז געגאַנגען פּאַזע די הײַזער און געקוקט אויף דער וויטרינע פֿון אַ בלומענקראָם. דער צווײטער איז געגאַנגען פּאַזע פֿאָרוועג און געזען, ווי אַן אויטאָמאָביל איז אַריבערגעפֿאָרן אַ מענטשן. איז שוין יאָ דאָ אַן אונטערשײד אין די אײַנדרוקן וואָס יעדערער האָט געבראַכט פֿון דעם זעלבן שפּאַציר?

היוצא מדברינו: עס איז גאָר ניט אויסצודערצײלן, ווי גרויס אין צאָל און ווי קאָמפּליצירט אין זײער מהות עס זײַנען די פֿאַקטאָרן וואָס ווירקן אויפֿן מענטשן אין זײַן אַנטוויקלונג. איז דעריבער קײן חידוש ניט, אויב בײַ עמעצן לאָזן זיך אַראָפּ די הענט און ער איז זיך מיאש: אַן אויפֿגאַבע מיט אַזוי פֿיל אומבאַקאַנטע

---

25 עטלעכע קאָנסטרוקציעס אַזעלכע: Adler, A. Characteristics of the First, Second, Third Child. In: Children, 3 (1928), pp. 14, 52.

Brill, A. A. Psychoanalysis. Philadelphia, 1922.

Hug-Hellmuth, H. Vom „mittleren" Kinde. In: Imago 7 (1921), pp. 93-94.

לאָזט זיך ניט באַשיידן; מיר ווייסן ניט און מיר וועלן ניט וויסן. אַזאַ מין אָפּהענגיקייט קען מען פֿאַרשטיין. אָבער אומדערלאָזלעך איז, אַז ווײַל די פּראָבלעם איז צו קאָמפּליצירט, זאָל מען זי פֿאַראײַנפֿאַכערן אויפֿן פּאַפּיר. מען מעג רעזיגנירן, אָבער מען טאָר ניט סכעמאַטיזירן איידער עס איז געקומען די צײַט דערצו. עס קענען געמאָלט זײַן צוויי ציִלן פֿון פֿאָרשונג: אויסגעפֿינען, אין וואָס מענטשן זײַנען גלײַך צווישן זיך און אויסגעפֿינען, אין וואָס זיי גייען זיך פֿונאַנדער. פֿאַר זיך זײַנען מיסתּמא ביידע אויפֿגאַבעס אין דער זעלבער מאָס בכּבֿודיק, אָבער אויף יעדער זאַך איז פֿאַראַן איר צײַט. לעת־עתּה, בין איך זיכער, דאַרפֿן מיר זוכן יעדערנס איינציקייט. מיר האַלטן נאָך ניט בײַ אײַנשטעלן קאַטעגאָריעס, געזעצמעסיקייטן און „טיפּאָלאָגיעס". לעת־עתּה דאַרפֿן מיר זײַן צופֿרידן, אויב עס געראָט אונדז אויפֿצוהייבן אויף אַ האָר דעם שלייער און צו פֿאַרשטיין אַ קאַפּ דאָס לעבן אין זײַן מילי־מיליאַסנדיקער קאָנקרעטקייט. אויב יאָ אַ סכעמע, איז נאָר אויף צו אָריענטירן זיך אין די פֿאַקטן, ניט אויף צו פֿאַרבײַטן די פֿאַקטן.

10. דער ערשטער ציקל: אַ פּרווו־מאָביליזאַציע

וואָס ווײַטער אין וואַלד אַרײַן, אַלץ געדיכטער די ביימער. בשעת מיר האָבן אין פֿריִערדיקן קאַפּיטל גערעדט וועגן אַזוינע „פּשוטע" זאַכן ווי זויגן און אַנטווייגען, האָבן מיר שוין געזען, אַז די אויפֿגאַבע פֿון דערקענען די פֿורעם־פֿאַקטאָרן איז גרויס, ממש אין יִאוש אַרײַנצופֿאַלן. אָבער ווײַטער ווערט נאָך קאָמפּליצירטער.

די יאָרן פֿון צײַטיקונג און דערוואַקסלינגשאַפֿט זײַנען בײַם מענטשן די שטורעמיאָרן; יעמאָלט, קען מען זאָגן, באַשליסט זיך זײַן גורל. אָבער אַ שטאַרק געבײַ טראָגט איבער דעם שטורעם, אַ שוואַך געבײַ ווערט אײַנגעבראָכן; און דער פֿונדאַמענט פֿאַר דעם יחידס פֿעיִקייט אָדער ניט־פֿעיִקייט איבערצוקומען דעם שטורעם ווערט געלייגט נאָך אין דער סטאַדיע פֿון עופֿעלעשאַפֿט און קליינקינדשאַפֿט. נאָך מער ווי דאָס: אין משך פֿון די ערשטע 5 — 6 יאָר פֿון זײַן לעבן (דער דאָזיקער מין „בר־מיִצווה" איז ניט בײַ אַלע קינדער אין איין עלטער) שפּרײַזט דאָס קינד אַדורך אַן ערך דעם זעלבן וועג וועלכן ער מאַכט אַדורך שפּעטער, פֿאַרלענגערטערהייט און מאָדיפֿיצירט, פֿון דער צײַטיקונג ביז אין דער דערוואַקסנשאַפֿט אַרײַן.

די פֿונדאַמענטאַלע ענלעכקייט צווישן דעם קינדערשן ציקל און דעם צײַטיקונגציקל זעט זיך אַרויס אין דער אַנטוויקלונג פֿון סעקסואַליטעט.

„איידער דער פּסיכאָאַנאַליז איז געקומען, זײַנען ניט נאָר קינדער־פּסיכאָלאָגן און פּעדאַגאָגן, נאָר די גאַנצע געבילדעטע און אומגעבילדעטע וועלט געווען איבערצײַגט, אַז קינדהייט און סעקסואַליטעט זײַנען באַגריפֿן וואָס קלעפּן זיך ניט איינער מיטן אַנדערן ... טאָמער האָט אַ קינד יאָ ווען עס איז אַרויסגעוויזן אַן אומצווייפֿלדיק סעקסועלע עמאָציע, האָט מען געקוקט דערויף ווי אויף אַ זעלטנקייט און אויף אַ שוידערער אומנאָרמאַלקייט ... די ערשטע עמאָציעס, וואָס די

סבֿיבֿה האָט זיי אָנערקענט פֿאַר סעקסועל, פֿאַרלוירן זיך, האָט מען געמיינט, אין דער צײַטיקונג, און מיט זיי פֿאַרענדיקט זיך דער פּעריאָד פֿון קינדשאַפֿט.

די נײַע פּסיכאָאַנאַליטישע טעאָריעס האָבן דערלאַנגט אַ שווערן קלאַפּ אָט דעם „אומשולדיקן" באַנעם פֿון קינדשאַפֿט. דער פּסיכאָאַנאַליז האָט ניט נאָר צוגעטיילט דעם קינד אַ סעקסועל לעבן; ער האָט אויך דערקלערט, אַז דאָס דאָזיקע סעקסועלע לעבן באַשטייט ניט פֿון איזאָלירטע, מער־ווייניקער צופֿעליקע שפּרינגען, נאָר ס'איז אַ הויך אָרגאַניזירטע סיסטעם פֿון אינסטינקטן־אַנטוויקלונג, וואָס האָט די גרעסטע ווערדע פֿאַרן קומענדיקן לעבן פֿון דעם קינד...

דאָס קינד האָט טאַקע סעקסועלע געפֿילן און נטיות, מיט וועלכע ער איז געגליכן צום דערוואַקסענעם, אָבער... דער פּסיכאָאַנאַליז איז געווען ביכולת צו דערווײַזן, אַז ביזן דערגרייכן די לעצטגילטיקע דערוואַקסענע פֿאָרם גייט די סעקסועלע אַנטוויקלונג אַדורך דורך פֿאַרשיידענע פֿאַרדעמדיקע סטאַדיעס"[26].

ערנעסט דזשאָונס, אויך גאָר אַ וויכטיקער פּסיכאָאַנאַליטיקער, צייכנט אָפּ פֿינף פֿאַזעס אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער קינדערשער סעקסואַליטעט[27]; ער באַוואָרנט זיך אָבער, אַז מען זאָל ניט נעמען די סכעמע פֿאַר אַן אָפּבילד פֿון דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, ווײַל „די קאָמפּליצירטקייט, פֿילצאָליקייט און בײַטעוודיקייט פֿון די פֿאַקטאָרן וואָס זײַנען דאָ משפּיע דערלאָזן ניט צו רעדוצירן דעם אַנטוויקל־פּראָצעס ביז צו אַן אײנפֿאַכער פֿאָרמל... מען דאַרף זיך אויך ניט ריכטן, אַז די איינציקע פֿאַזעס זײַנען שאַרף אָפּגעטיילט איינע פֿון דער אַנדערער; זיי גייען אַריבער איינע אין דער אַנדערער, און אַמאָל באַווײַזן זיי זיך אין איין צײַט".

די פֿינף פֿאַזעס זײַנען:

(1) *די אויטאָעראָטישע*. דאָס קינד פֿאַרשאַפֿט זיך תּענוג דורך רייצן ספּעציעל שפּירעוודיקע טיילן פֿונעם גוף, וועלכע פֿרויד רופֿט אָן „עראָגענע זאָנעס": מויל, געשלעכט־אָרגאַנען, פּי־טבעת, הויט. אַזוי ווי אין דער פֿאַזע גיט דער אייגענער קערפּער פֿולע באַפֿרידיקונג, האָט פֿרויד איבערגענומען העוולאָק עליסעס טערמין: אויטאָעראָטיזם. זויגן דעם פֿינגער, סמאָקטשען זײַנען גוטע בײַשפּילן פֿון אַזאַ מין אויטאָעראָטישער באַפֿרידיקונג. דאָס מויל איז דער אָרגאַן וואָס פֿאַרשאַפֿט צום מערסטן תּענוגדיקע שפּירונגען.

(2) *די פּרעגעניטאַלע*. דאָ דאַרף שוין דאָס קינד אָנקומען צו אַ צווייטער פּערזאָן פֿאַר זײַן באַפֿרידיקונג. די אימפּולסן ווײַזן זיך אַרויס ווי אַקטיווע און פּאַסיווע, דאָס הייסט אין היפּוכדיקע פּאָרלעך. די וויכטיקסטע טייל־אימפּולסן זײַנען: דער תּענוג פֿון פֿאַרשאַפֿן פּײַן (סאַדיזם) מיט זײַן פּאַסיוון אַנטקעגנער (מאַזאָכיזם), ווײַטער דער חשק פֿון אונטערקוקן און, פּאַסיווערהייט,

---

[26] אַנאַ פֿרויד, דצ"וו ז' 556.

[27] Jones, Ernest. Einige Probleme des jugendlichen Alters. In: Imago IX (1923), 2, pp. 145—168.

פֿון ווײַזן זיך (עקסהיביציאָניזם). צום מערסטן איז אויסגעפֿאָרשט דער אויפֿקום פֿונעם סאַדיסטישן אימפּולס, וואָס לויט פֿרוידן אַנטוויקלט ער זיך אין יענעם עלטער, בשעת מען דערציט דאָס קינד צו ריינטלעכקייט; היות דער לאַטייַנישער נאָמען פֿאַר פּי־טבעת איז „אַנוס", ריידן די אַנאַליטיקער וועגן „אַנאַל־עראָטיק".

(3) די געניטאַלע, בשעת די געשלעכט־אָרגאַנען פֿאַרנעמען שוין דעם אויבנאָן. פֿאַר דער צײַט איז כאַראַקטעריסטיש אָנאַניזם. עס אַנטוויקלט זיך נאַרציזם, אײַנגעליבטקייט אין זיך. אין אַ נאָענטן פֿאַרבונד מיט דער דאָזיקער פֿאַזע שטייט

(4) די האָמאָסעקסועלע, וואָס זי איז באַצייכנט דורך אינטערעס צום גלײַכגעשלעכטיקן עלטערן־האַלב: צום טאַטן (אויב ס'גייט וועגן אַ ייִנגל) אָדער צו דער מאַמען (אויב ס'גייט וועגן אַ מיידל). די אינטענסיווקייט פֿון די וועלעכיש אין דער פֿאַזע איז ניט אַלעמאָל די זעלבע.

(5) די העטעראָסעקסועלע פֿאַזע איז שוין באַצייכנט דורך אַ שטאַרקער צובינדונג צום אַנדערש־געשלעכטיקן עלטערן־האַלב: בײַם ייִנגל צו דער מאַמען, בײַ דער מיידל צום טאַטן. דאָ, הייסט עס, האָט דאָס קינד שוין אויסגעקליבן אַן אָביעקט, און די אַנדערע פּערזאָן שפּילט די עיִקר־ראָלע.

„[ווען ער ווערט אַלט פֿינף־זעקס יאָר,] איז פֿאַראַן אַ קנאַפּער חילוק פֿון דעם קינדס עמאָציאָנעלן און סעקסועלן לעבן ביז דעם דערוואַקסענעמס. דאָס קינד איז געוואָרן מסוגל צו קאָנצענטרירן זײַן ליבע אויף אַ באַשטימטער פּערזאָן, להיפּוך צום ערשטן יאָר פֿון זײַן לעבן, ווען ער איז געווען... פֿאַרליבט אין זיך אַליין און ווען אַנדערע מענטשן האָבן עקסיסטירט פֿאַר אים נאָר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל זיי זײַנען נייטיק געווען פֿאַר זײַן אייגענער זעלבסט־אויפֿהיטונג... דעם ייִנגלס ערשטער ליבע־אָביעקט אין דער דרויסנדיקער וועלט איז די מוטער; דער מיידלס, נאָך אַ לענגערן אינטערעסאַנטן פּראָצעס פֿון אָפּרײַסן זיך פֿון דער מוטער, דער פֿאָטער. מיט דעם דאָזיקן ליבע־אָביעקט ווילט זיך דעם קינד באַפֿרידיקן פֿאַרלאַנגען וועלכע זײַנען דער רעזולטאַט פֿון די פֿאַרשיידענע קאָמפּאָנענטן פֿון זײַן קינדערשער סעקסועלער אָרגאַניזאַציע..

דאָס קינד פֿילט, אַז זײַנע אינסטינקט־באַדערפֿענישן זײַנען שאַרף און דרינגלעך; ווען זיי ווערן ניט אַזוי גיך באַפֿרידיקט, דוכט זיך אים, אַז ס'איז ניט איבערצוטראָגן. די כסדרדיקע און אומאויסמײַדלעכע אָפּזאָגן און נייטיקן דורכן אַרויס שווערע רעאַקציעס פֿון אַנטוישונג און ברענגען אַרויס ווירקונגען אויף דער אַנטוויקלונג פֿון כאַראַקטער און נעוראָזן וועלכע בלײַבן אויף שטענדיק. אָט די סטימולירונג פֿון פּסיכישער צײַטיקייט וואָלט געקאָנט פֿירן צו דער מסקנא, אַז עס פֿעלט מער ניט איין טריט צו פֿאַרענדיקן די סעקסועלע אַנטוויקלונג: דאָס דערגרייכן די פֿיזישע סעקסועלע צײַטיקייט.

אָבער בײַ דעם פּונקט פֿאַרהאַלט זיך די אַנטוויקלונג... אַנשטאָט צו גיין אין טראָט מיט דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון קינד, פֿאַרלירן איצטער די סעקסועלע אימפּולסן צו ביסלעך זייער ענערגיע (זייער „ליבידאָ", ווי די פּסיכאָ־

אַנאַליטיקער רופֿן עס). דער קאַמף פֿאַר תּענוג טרעט אָפּ מער און מער אין הינטערגרונט אַרײַן. די שטורעמדיקע ליבע פֿאַר די עלטערן נעמט קלענער ווערן און ווערט סוף־כּל־סוף מערניט אַ צוגעבונדנקייט אָדער אַ וואַרעמע פֿרײַנדלעכקייט. די כּמוֹ צײַטיקייט וואָס דאָס קינד האָט דערגרייכט ווערט אינגאַנצן נעלם״[28].

אין עלטער פֿון 5—6 יאָר האָט דאָס קינד דערגרייכט אַ הויכפּונקט, פֿון וועלכן ער גייט צוריק אַראָפּ, און דערנאָך קומט אָן אַ שטילע, אַ רויִקע צײַט.

עס בעט זיך דאָ אַ האַרבע פֿראַגע. אַפֿילו די פּסיכאָאַנאַליטיקער גופֿא זאָגן דאָך ניט, אַז דאָס קינד איז מסוגל צו דערוואַקסענער געשלעכט־אָרגאַניקער סעקסואַליטעט. אַפֿילו ווען זיי באַהאַנדלען דעם הויכפּונקט, בײַ וועלכן, ווי זיי זאָגן, עס איז פֿאַראַן אַ קנאַפּער חילוק פֿון דעם קינדס עמאָציאָנעלן און סעקסועלן לעבן ביז דעם דערוואַקסענעמס, טראַכטן זיי דאָך אויך ניט וועגן סעקסועלן תּענוג אין דעם זינען, ווי מיר זײַנען אײַנגעוווינט צו טראַכטן וועגן דעם בנוגע דערוואַקסענע. אויב אַזוי, טאָ וואָס פֿאַר אַ זינען האָט עס געהאַט אַרײַנצונעמען די אַלע דערשײַנונגען אין גבֿול פֿון סעקסואַליטעט? צי וואָלט ניט אַן אַנדער נאָמען, אַ נייטראַלערער, געווען מער צוגעפּאַסט?

„איך האָב געניצט דאָס וואָרט סעקסואַליטעט מיט אַ סך אַ ברייטערן פּשט איידער איר זײַט אײַנגעוווינט דאָס צו פֿאַרשטיין. איך בין גערן דאָס מודה צו זײַן, — זאָגט זיגמונד פֿרויד. אָבער ס'איז אַ פֿראַגע, צי איר, פֿאַרקערט, ניצט ניט דאָס וואָרט אין צו אַן ענגן זינען, אויב איר באַגרענעצט עס צום געביט פֿון געוויינטן קינדער״[29].

און פֿרויד גיט צו פֿאַרשטיין אין פֿאַרשיידענע ווערק זײַנע אויף זייער אַן אײַנדריקלעכן אופֿן, פֿאַר וואָס ער איז געקומען צו ניצן דאָס וואָרט מיט אַזאַ פֿאַרברייטערטן פּשט. מען קען די אַלע טעמים אפֿשר צונויפֿנעמען אַזוי:

ערשטנס ווערט דורך דעם מיגלעך צו פֿאַרשטיין פֿולער און בעסער די פֿיזישע און גײַסטיקע אַנטוויקלונג פֿונעם קינד. מיר באַקומען דאָ אַ שליסל צו די קאָנפֿליקטן פֿון קינד מיט זײַנע עלטערן און מיט די מיטקינדער.

צווייטנס געפֿינען מיר אין אָט די קינדערשע קאָנפֿליקטן דעם וואָרצל פֿון נעוראָזן וואָס פֿאַרסמען סײַ די קינדערשע יאָרן, סײַ שפּעטער דאָס לעבן פֿון דעם דערוואַקסענעם.

דריטנס אַנטפּלעקן מיר דאָ דעם אָפּשטאַם פֿון די פּערווערסיעס פֿון דערוואַקסענעם לעבן. מען רופֿט אָן „פּערווערסיע״ (איבערגעקערטקייט) יעדן אַקט וואָס פֿאַרשאַפֿט סעקסועלן תּענוג מיט דער הילף פֿון וועלכן עס איז אַנדער קערפּערטייל איידער די געשלעכט־אָרגאַנען. אויך אין נאָרמאַלן דערוואַקסענעם געשלעכט־לעבן האָבן אַ געוויסן, הגם אַ צווייטראַנגיקן, באַטײַט יענע ערשטע

---

28 אַנאַ פֿרויד, דצ״ווֹ, זז' 560, 562.

29 פֿון זיגמונד פֿרוידס לעקציעס: „דער אָפּשטאַם און די אַנטוויקלונג פֿון פּסיכאָאַנאַליז״, געלייענט 1910 אין קלאַרק־אוניווערסיטעט. ווּסטער (פֿאַראייניקטע שטאַטן), פֿערטע לעקציע.

תענוג-שאַפֿנדיקע אָרגאַנען (מויל, פּי-טבעת אאַז״וו) וואָס האָבן געשפּילט די ראָלע פֿון ערֿאָגענע זאָנעס אין דער עופֿעלעשאַפֿט און קינדשאַפֿט. דער דערוואַקסענער, אויב ער וויל אויסשליסלעך דעם קינדערשן טיפּ תענוג, איז פּאַטאָלאָגיש; אָבער גענעטיש איז די דאָזיקע אומנאָרמאַלקייט נאָר אַ הינטערשטעליקייט — אַ המשך פֿון יענער קינדערשער סעקסואַליטעט וואָס איז געווען אין גאַנצן נאָרמאַל, אין גאַנצן צוגעמאָסטן צו יענעם שטאַפּל פֿון אַנטוויקלונג.

אויב מיר האָבן ביי די פּערווערסיעס אַ פּאַטאָלאָגישע „פֿאַרקינדערשונג״, אַ רעגרעסיע צו אַן איבערגעקומענעם שטאַפּל, האָבן מיר בדרך-כּלל אין די יאָרן פֿון צייטיקונג און דערוואַקסלינגשאַפֿט אַ נאָרמאַלעווידערקערונג פֿון דעם קינדערשן אַנטוויקלונגס-ציקל. די דאָזיקע פֿאַרברייטערטע איבערחזרונג איז דער פֿערטער, און אפֿשר דער וואָגיקסטער מאָטיוו צו באַצייכענען די קינדערשע אַנטוויקלונג, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט, מיטן נאָמען „סעקסואַליטעט״. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די פּסיכישע כּוחות וואָס האָבן אויפֿגערודערט דאָס קינד און דערפֿירט צום שטורעם אין עלטער פֿון 5—6, זיינען ניט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, ניט בטל געוואָרן, זיי האָבן זיך נאָר פֿאַרבאַהאַלטן ביז אַ צייט. עס איז געווען אַזוי ווי אַ פּרווו-מאָביליזאַציע, און נאָך דער „לאַטענץ-צייט״ וואָס ציט זיך אַ יאָר 6 — 7 קומט אַ נייע מאָביליזאַציע, דאָס מאָל שוין אויף אַן אמת, מיטן אָנהייב פֿון דער צייטיקונג[30].

עס קומט אויס, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ היפּש שטיקל באַרעכטיקונג אין דעם פֿאָלקס אָבסערוואַציע, אַז „אַלע זיבן יאָר בייט זיך די נאַטור״.

צו כאַראַקטעריזירן די לאַטענץ-צייט לאָמיר נאָך אַ מאָל נהנה זיין פֿון אַנאַ פֿרוידס קלאָרע פֿאָרמולירונגען[31]:

„אין דער זעלבער צייט, אין וועלכער דאָס אינסטינקט-לעבן פֿון קינד קומט צו אַן אָפּשטעל, קומט פֿאָר עפּעס אַזוינס ווי אַן איבערבראָך אין זיין פּערזענלעכקייט. די איינגנשאַפֿטן וואָס האָבן זייער באַשטימט באַצייכנט זיין פֿירונג אין דער פֿריִער קינדהייט ווערן פֿאַרשווּנדן אָדער פֿאַרוואַנדלען זיך אין זייער היפּוך. ווען די אינסטינקטיווע פֿאַרלאַנגען שטילן זיך איין, פֿאַרקלענערט זיך די וועלערישקייט. בהדרגה ווערן פֿאַרשווּנדן דער השק צו צעשטערן, די אַכזריותדיקייט, די חוצפּה און די נייגעריקייט וואָס האָבן, אַלס פּועל-יוצא פֿון דער קינדערשטער סעקסואַליטעט, באַהערשט דאָס בילד און כּסדר געגעבן שטאָף פֿאַר קאָנפֿליקטן מיט דער סבֿיבֿה. אָנשטאָט זיי קומען אויף איינגנשאַפֿטן, וואָס פֿאַר דעם קינדס סבֿיבֿה זיינען זיי אַ סך סימפּאַטישער. דאָס קינד לערנט זיך אויס צו זאָרגן פֿאַר אומבאַלעבטע חפֿצים און

---

[30] היינט זיינען שוין די פּסיכאָאַנאַליטיקער ניט אַליין מיט זייער טעאָריע, אַז דעם דערוואַקסלינגס קאָנפֿליקטן פֿון צייטיקונג (פּובּערטעט) האָבן אַ פּראָטאָטיפּ אין די קאָנפֿליקטן פֿון זיין קינדשאַפֿט. זע למשל וואָס עס שרייבט וועגן דעם אַ פֿאַרביסענער קעגנער פֿון פּסיכאָאַנאַליז:
Bühler, Charlotte. Das Seelenleben des Jugendlichen. Jena, 1929.

[31] דצ״וו, ז' 562 א״וו.

מיטצופֿילן מיט אַנדערע לעבעדיקע באַשעפֿענישן; די נײַגעריקייט איז פֿאַרהאַמעוועט, אָדער לפּחות אָפּגעווענדט פֿון דער סעקסועלער ספֿערע צו דער אינטעלעקטועלער; און דאָס קינד פֿילט בושה און דערווידער אין יענע אַלע פֿאַלן, ווו דעם דער־וואַקסענעם דוכט זיך אויך, אַז אַזאַ, און נאָר אַזאַ רעאַקציע מוז זײַן.

אויף דער הייך פֿון דעם ערשטן פּעריאָד פֿון קינדהייט האָט דאָס קינד געהאַט אַן אייגן סעקסועל לעבן וואָס איז געווען זייער ענלעך צום דערוואַקסענעמס, און אַן עיקרדיקער אונטערשייד פֿונעם דערוואַקסענעם איז געווען נאָר אין זײַנע פֿערזענלעכע אייגנשאַפֿטן און אָפּשאַצונגען. איצטער איז פֿאַרקערט. אין אָט דעם צווייטן פּעריאָד שיידט זיך דאָס קינד אונטער פֿונעם דערוואַקסענעם דורך דער אָרעמקייט פֿון זײַן אינסטינקטיקן לעבן און דורך דער אונטערגעאָרדנטער ראָלע פֿון זײַן סעקסואַליטעט; אָבער אין זײַן פֿירונג און אין זײַנע ווערטן איז ער אין גאַנצן געגליכן צום דערוואַקסענעם.

דער ריס צווישן דעם ערשטן און דעם צווייטן פּעריאָד פֿון קינדהייט איז בדרך־כּלל אַ פֿולקומער. דאָס קינד אַנטוויקלט זיך ניט נאָר מחוץ די צילן, כּשרות און טעטיקייטן פֿון זײַן סעקסועלן פּעריאָד, נאָר אַפֿילו אין אַ קעגנדיקער ריכטונג. די רעשטן פֿון די פֿריִערדיקע אימפּולסן שטערן אויף אַזוי פֿיל, אַז ניט נאָר וואָס זיי ווערן אונטערדריקט, נאָר זיי ווערן אַפֿילו... אַרויסגעטריבן פֿונעם זכּרון. פֿאַרגעסן די פֿריִע קינדהייט איז אַ טייל פֿון דעם קינדס נאָרמאַלער אַנטוויקלונג אויף דער מדרגה...

[אָבער] ווען ס'רײַסט זיך אויבן די צײַטיקונג, קערט זיך אום די קינדערשע סעקסואַליטעט בײַ יענעם פּונקט, ווו זי האָט געהאַט אויפֿגעהערט אין לאַטענץ־פּעריאָד. די ערשטע אַרויסווײַזונגען פֿון צײַטיקונג ווײַזן, אַז דאָס קינד איז נאָר געווען אין שטאַנד צו מאַכן שווײַגן די קינדערשע סעקסואַליטעט מיט איר פּסיכישן אינהאַלט; אָבער עס איז קיין זאַך ניט צעשטערט אָדער אָפּגעמעקט געוואָרן".

11. דער צווייטער ציקל: פֿון צײַטיקונג צו צײַטיקייט

דער איבערגאַנג פֿון קינדשאַפֿט צו צײַטיקונג איז אָנזיכטיקער פֿאַר אַלץ אַ **פֿ י ז י ש ע ר** איבערגאַנג. דאָס וואַקסן וואָס האָט זיך געוויזט אַ ביסל פֿאַרהאַלטן ווערט שטאַרקער; איבערהויפּט וואַקסן די אייבער־אָרעמס, אַזוי אַז דער גאַנצער שטאַלט פֿונעם יוגנטלעכן קומט אויס אַ ביסל אומגעלומפּערט. דער מוסקל־כּוח ווערט אויך גרעסער. דאָס האַרץ וואַקסט אויס אין צווייען און דער דיאַמעטער פֿון די אַרטעריעס אַ סך ווינציקער; ממילא ווערט היפּש שטאַרקער דער בלוט־דרוק. מען קען ברענגען נאָך מער דערשײַנונגען פֿון וואַקסונג; דאָס וויכטיקסטע זײַנען אָבער די שינויים אין די דריזן פֿון דער אינעווייניקסטער סעקרעציע, ספּעציעל אין די געשלעכטדריזן. פּאַמעלעך באַווײַזן זיך די סעקונדערע געשלעכט־סימנים.

אין איינעם דערמיט קומט אַ שאַרפֿער איבערבײַט אין **פּ ס י כ י ש ן** לעבן אויך. די דאַמבעס וואָס די לאַטענץ־צײַט האָט געהאַט אויפֿגעשטעלט ווערן אַראָפּ־געשווענקט, און דאָס פֿאַרהוילענע אַנטפּלעקט זיך איבער אַ נײַס. די סעקסועלע

אימפולסן לעבן אָפּ און זוכן אַן אויסוועג אויף גאַנץ ענלעכע אופנים און אין דעם אייגענעם סדר ווי אין דעם פעריאָד ביזן ערשטן הויכפּונקט.

דזשאָונס שטעלט דאָ אויך איין פינף פּאַזעס, פּאַראַלעל צו יענעם ערשטן ציקל. ווידער אַ מאָל דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז זיי זײַנען נאָר אַ סכעמע. אין דער פּראַקטיק זײַנען די איינציקע פּאַזעס ניט אַלע אויסגעדריקט גלײַך בולט, און זיי זײַנען אויך ניט אַזוי שאַרף אָפּגעטיילט פונאַנאַנד, אַז מען זאָל קענען זאָגן: הײַנט האָט זיך אויסגעלאָזט איין אָפּשניט, מאָרגן הייבט זיך אָן דער צווייטער.

די ערשטע פּאַזע איז אויטאָעראָטיזם. די באַפרידיקונג געפינט דער מענטש אין אָנאַניזם אָדער, סובלימירטערהייט, אין אַ רײַכערער פאַנטאַזיר-אַרבעט, אין טראַכטן וועגן זיך אַליין, אין פאַרשיידענע מדרגות שעמעוודיקייט און אײַנגעצויגנקייט אין זיך.

„מײַן שעמעוודיקייט איז געווען אַזוי גרויס,— דערציילט אַנאַטאָל פראַנס — אַז איך האָב זיך ניט געקענט ניט צוועקזעצן, ניט זאָגן גוט מאָרגן, מײַן שטערן זאָל זיך ניט באַדעקן מיט שווייס“.

די צווייטע פּאַזע ווערט כאַראַקטעריזירט דורך דעם היפוך פון שעמעוודיקייט — דורך חוצפּה. דאָ וועט אפשר דער יוגנטלעכער נעמען רייכערן די עלטערן אויף צו להכעיס.

„געווען אָפּט האָבן קרובֿות עגמת-נפש דערפון, וואָס אַן איידעלער, זײַדענער צעניאָריקער איז מגולגל געוואָרן אין אַ גראָבלעכן צעפּאַטלטן דרײַצניאָריקן. גרובאַדיקייט, אומפּינקטלעכקייט, אײַנגעשפּאַרטקייט, זאַמל-שיגערן און אַנדערע כאַראַקטער-שטריכן פון אַנאַל-עראָטישן אָפּשטאַם ווײַזן זיך ספּעציעל אַרויס אין דעם עלטער“[32].

פרויד ברענגט אַרויס, אַז פון דעם חשק אונטערצוקוקן, וואָס ער האָט קאָנסטאַטירט בײַ קינדער אין דעם עלטער, וואַקסט אַרויס דער חשק צו פאָרשן, צו דערגיין; פון דעם חשק צו ווײַזן זיך אַנטוויקלט זיך דער אימפּולס צו טעאַט-ראַלישער און קינסטלערישער אויסדריקונג. דאָס איז די פאַראיידלטע (סובלימירטע) פאָרם פון די אימפּולסן; פּרימיטיווערהייט טרעפן מיר זיי אינעם תענוג פון קוקן אין פרעמדע טעפּלעך, פון אונטערהערן פרעמדע סודות, אָדער, פאַרקערט, אינעם תענוג פון ווײַזן זיך פאַר דער וועלט פיזיש אָדער גײַסטיק נאַקעט.

אומפּינקטלעכקייט, אײַנגעשפּאַרטקייט זײַנען שוין פאַראיידלטע פאָרמען פון סאַדיזם. אין זײַן תחילתדיקער פאָרם קען זיך סאַדיזם אַרויסווײַזן בײַם דערוואַקסלינג ווי אַ חשק צו צעשטערן, צו שלאָגן, צו זען פלייצן בלוט, און יעמאָלט ווערט פון דעם מענטשן אַ גזלן, אַ מערדער, אַ הענקער. דער סאַדיסטישער אימפּולס קען אָבער אויסגעאיידלט ווערן אויך; וועט דער דערוואַקסלינג אפשר האָבן חשק צו ווערן אַ קצבֿ. נאָך אַ העכערע מדרגה סובלימירונג וועט מאַכן דעם תחילתדיקן סאַדיסט פאַר אַ כירורג, און אויב ער האָט געפונען אַן אויסגאַנג פאַר זײַנע סאַדיסטישע

[32] דזשאָונס, דצ״וו, ז' 159.

אימפּולסן אין דער כירורגישער טעטיקייט, קען ער אַמאָל אין זײַן לעבן פֿון אַ גאַנץ יאָר זײַן צאַרט ווי אַ טויב.

די דריטע פֿאַזע איז קענטלעך דורך נאַרציזם:

„דער נאַרציזם קען זיך גרינג אויסדריקן אי פּאָזיטיוו אי נעגאַטיוו: וואָרעם די הוילכשפּרעכערישקייט, די פֿאַרליבטקייט און אײַנגעגלייבטקייט אין זיך זײַנען פּונקט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אָט דער פֿאַזע פֿון יוגנט ווי די אַנטקעגנדיקע שטריכן—אַראָפּמאַכן זיך אַליין, אומזיכערקייט, געפֿאַלנקייט: דאָס רוב בײַטן זיך ביידע אײַנשטעלונגען בײַ דער זעלבער פּערזאָן“[33].

אין דעם צושטאַנד צום מערסטן וועט דער יוגנטלעכער זוכן איינזאַמקייט, אומגיין פֿאַרטמט און פֿאַרחלומט, לייענען אַ ספּעציעלן סאָרט סענטימענטאַלע ליטעראַטור; אין דעם פֿאַררעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד זײַנען נאַדסאָנס לידער געווען ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר דער פֿאַזע. טייל יוגנטלעכע ווערן פּלוצלינג פֿרום, אָפֿטמאָל גראָד אין אַן אַרעליגיעזער סבֿיבֿה[34]. מען וויל געפֿינען אַן אויסדרוק פֿאַר די בענקענישן נאָך „עפּעס“, נעמט מען אַליין שרײַבן לידער (אויף וועלכע מען ווערט דער אמתער מבֿין ערשט אין אַ יאָר פֿיר—פֿינף אַרום), אָדער מען נעמט פֿירן אַ טאָגבוך—מיט דער גרעסטער שרעק, אַז קיין זײַטיק אויג זאָל חלילה אַהין ניט אַרײַנקוקן. אַן אַנדער פֿאָרם ליטעראַרישע עקספּרעסיע, שילער-זשורנאַלן, איז שוין אפֿשר מער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער פֿערטער פֿאַזע.

די האָמאָסעקסועלע פֿאַזע, די פֿערטע, טרעפֿט זיך ניט אויף קיין מדרגה אַזוי אָפֿט ווי אין דעם עלטער פֿון צײַטיקונג: בחורים זוכן זיך ייִנגלשע קאָמפּאַניעס און „פֿאַראַכטן“ מיידלעך; מיידלעך חבֿרן זיך מיט מיידלעך און זײַנען פֿאַרליבט אין די חבֿרטעס. דער אידעאַל קען אויך זײַן אַן עלטערע גלײַכגעשלעכטיקע פּערזאָן: אַ לערער, אַ פֿירער אין דער יוגנט-אָרגאַניזאַציע. געוויינטלעך איז ניט בײַ אַלע יוגנטלעכע די אינטענסיווקייט פֿון די האָמאָסעקסועלע אימפּולסן די זעלבע.

אין איינער פֿון די אָקאָרשט דערמאָנטע פֿאַזעס קען דער יוגנטלעכער דערשפּירן אַ ספּעציעלן דראַנג צו מאָראַלישקייט. ניט נאָר ער אַליין טוט אַ נדר צו לעבן מעשה נזיר (ער וועט ניט רייכערן, ער וועט ניט טרינקען קיין אַלקאָהאָל, און געוויס וועט ער ניט אײַנגעזונקען ווערן אין שמוציקע סעקסועלע

---

33 דזשאָונס, דצ״וו, ז׳ 160.

34 ווילי‌אַם בלאַטץ, פּראָפֿעסאָר פֿון פּסיכאָלאָגיע אין טאָראָנטאָ, זאָגט, אַז דער גרעסטער טייל האַלוצינאַציעס בײַ סכיזאָפֿרעניע איז, בײַ אַמעריקאַנער יוגנטלעכע, געבויט אויף רעליגיעזע קאָנפֿליקטן. זע:

Blatz, William E. Mental Hygiene for the Teacher and Parent. In: Toward Understanding Children II, Univ. of Iowa, Bull. 283, 1. I. 32, p. 109.

ס׳וואָלט געווען זייער וויכטיק צו הערן פֿון פּסיכיאַטערס, צי דאָס אייגענע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן סכיזאָפֿרעניע בײַ ייִדן אין מיזרח-אייראָפּע.

תּענוגים), נאָר ער וויל אויך מתקן זײַן די וועלט וואָס זינקט אין שמוץ און וואַכעדיקייט. ניט זעלטן וויל מען דאָס טון בציבור, אויף אַן אָרגאַניזירטן שטייגער.

אַזוי ווי די דאָזיקע דערשײַנונג איז ווינציק באַלויכטן, וועל איך ברענגען אַ פּאָר אילוסטראַציעס.

אָט וואָס עס דערציילט אַ געוועזענער תּלמיד פֿון אַ ייִדיש־וועלטלעכער שול אין ווילנע; ס'איז שייך צום זיבעטן לערניאָר, בערך אַרום 1924, ווען דער שרײַבער איז אַלט געווען אַ יאָר 12:

„איין מאָל אויף אַ גרויסער הפּסקה האָבן מיר אָפּגערופֿן אין אַ זײַט א, ב, ג, ד [פֿיר בחורים פֿון זעלבן קלאַס] — אַלע וואָס האָבן זיך צוגערעכנט צו די פּני פֿון קלאַס—און פֿאַרטרויען מיר אַ סוד, אַז זיי האָבן געגרינדעט אַ געזעלשאַפֿט מיטן נאָמען „אַגפֿאַריע" (די באַדײַטונג פֿון דעם וואָרט וואָס שטעלט זיך צונויף פֿון ראָשי־תּיבֿות געדענק איך ניט), וואָס האָט פֿאַר אַ ציל נאָכצושפּירן אַלע אומ־מאָראַלישע זאַכן וואָס קומען פֿאָר [אין שול], ספּעציעל פֿון די עלטערע קלאַסן. די אַלע באַמערקטע זאַכן װעלן פֿאַרנאָטירט ווערן אין אַ ספּעציעלן העפֿט, וואָס קיינער וועט ניט וויסן, ווו זי געפֿינט זיך, חוץ די געציילטע מיטגלידער פֿון „אַגפֿאַריע".

... קיין אַקטיווער מיטגליד בין איך ניט געווען, מיר פֿלעגט מען נאָר דערציילן די גרויסע „נסים" וואָס די איבעריקע מיטגלידער פֿלעגן ווײַזן. דאָס „אויפֿהיטן" די מאָראַל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויף די הפּסקות פֿלעגט מען אַראָפּגיין אין קאָרידאָר, ווו עס האָבן זיך געפֿונען די עלטערע קלאַסן, און ווי באַלד מען האָט דערזען, אַז אַ ייִנגל גייט אַרום מיט אַ מיידל, האָט מען עס באַלד פֿאַרשריבן אין ספּעציעלן העפֿט, כאָטש עס האָט געקענט זייער אָפֿט טרעפֿן, אַז דער ייִנגל און די מיידל פֿלעגן צוזאַמען איבערחזרן די לעקציע. אָדער אַז מען האָט אויסגעפֿונען צוויי אינציאַלן אויף דער צווייטע, האָט מען עס באַלד אויסגעטײַטש, אַז אַ געוויסער ייִנגל האָט זיך אויף אַזאַ אופֿן פֿאַראייביקט מיט אַ געוויסער מיידל.

... די אויסשפּיר־אַרבעט האָבן אונדזערע פּני ביסלעכווײַז אַריבערגעטראָגן אויך אויף אונדזער אייגענעם קלאַס. ספּעציעל האָט מען גענומען נאָכגיין און נאָכשפּירן די מיידלעך. איך האָב פֿון דעם ניט געוווּסט. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם ערשט דאַן, ווען ס'איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער סקאַנדאַל. אַן „אַגפֿאַריעניסט" האָט איבערגעכאַפּט אַ צעטעלע וואָס ס'האָט געשריבן, דוכט מיר, אַ ייִנגל צו אַ מיידל. די פֿאַראינטערעסירטע אין דעם צעטעלע האָבן זיך דערוווּסט, אַז עמעצער האָט דעם צעטעלע איבערגעכאַפּט. פֿאַראייננוועגס האָט מען זיך שוין געכאַפּט, אַז מען שפּירט בכלל נאָך..."[35]

---

[35] פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 28 אין דער זאַמלונג פֿון ייִוואָ (סימן: אָניקס) זז' 31—32.

אַ צווייטער יונגערמאַן גיט איבער עפּעס ענלעכס. דער באַריכט איז שייך צו 1927 אַן ערך. עס רעדט זיך וועגן אַ סאָציאַליסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע אין ווילנע, ווו דער מחבר, יעמאָלט אַ יינגל פֿון אַ יאָר 13, איז געווען אַ מיטגליד.

„די דאָזיקע צײַט איז נאָך מערער אינטערעסאַנט געווען פֿאַר מיר מיט דעם, וואָס דאַן האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיט דער פּראָבלעם יינגל און מיידל.

די אָנפֿירער אונדזערע האָבן זיך באַמיט אונדז צום דערציִען אין אַ גײַסט אַ פֿרײַען, מיר זאָלן ניט קוקן אויף אַ מיידל מיט הינטערגעדאַנקען, נאָר ווי אויף אַ גלײַכער צו זיך חבֿרטע. מיר אָבער, איך און מײַן גרופּע, האָבן זיך באַמיט די אָרגאַניזאַציע צום האַלטן אין וואָס מער „מאָראַלישע" ראַמען. יעדער פֿון אונדז האָט געהאַלטן פֿאַר ניט פֿײַן, ווען אַ חבֿר איז מיט אַ חבֿרטע אַוועק שפּאַצירן אָדער אין קינאָ: אָבער גלײַכצײַטיק האָט מען אין ענלעכע פֿאַלן, וואָס האָבן געטראָפֿן מיט זיך אַליין, געהאַלטן זיך פֿאַר פֿולשטענדיק אין אָרדענונג, וואָס עס איז אין דער אמתן געווען אין גאַנצן אויף אַן אָרט. מיר אָבער זײַנען דאַן געקומען פֿון שטוב וועלכע איז פֿול מיט פֿאָראורטיילן וועלכע מיר האָבן זיך להלוטין ניט באַמיט אויסצוראָטן אין אונדז, ניט געקוקט אויף דעם וואָס מיר האָבן זיך גערעכנט פֿאַר יונגע סאָציאַליסטן"[36].

לאָמיר נאָך ברענגען אַ דריטן ענלעכן באַריכט. דער שרײַבער איז געבוירן געוואָרן 1913 אין אַ שטעטל אין ווילנער געגנט, שפּעטער אַריבערגעפֿאָרן אין ווילנע. ער האָט זיך געלערנט אין אַ רעליגיעזער שול.

„איך ... קניפּ אָן ענגערע באַציִונגען מיט די קינדער בײַ אונדז אויפֿן הויף ... אין 1926 ... מיר לעבן זיך צונויף, און ערבֿ מײַן בר־מיצווה געפֿינען זיי זיך אונטער מײַן אײַנפֿלוס. איך נעם זיך דאַן אונטער צו דערפֿאָרמירן די באַציִונגען צווישן אונדז, און צו דעם צוועק אָרגאַניזיר איך אַ קבֿוצה וועלכע טראָגט שפּעטער דעם נאָמען „קבֿוצת משה", היות ווי אַלע אירע מיטגלידער זײַנען רעליגיעז געשטימט. די קבֿוצה שטייט אויפֿן וואַך פֿון מאָראַל. קיינע „גראָבע" ווערטער טאָר מען נישט ריידן, ניט געדאַכט זאָלן ווערן צונעמעניש און אַז"וו.

מיר קלײַבן געלט. שפּעטער, ווען די קאַסע איז שוין פֿול, אין 1927טן יאָר, לייג איך פֿאָר אייגענע מונדירן באַשטעלן און אַ פֿוטבאָל קויפֿן. כמעט יעדע צוויי טעג קומט בײַ אונדז פֿאָר אַסיפֿות, אויף וועלכע ס'פֿלעגן ערליידיקט ווערן אַלע סיכסוכים צווישן די קינדער. אַליין אָננעמען וואָסערע שטעלונג לגבי דעם חבֿר איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן, אַזוי אַרום אַז אַלע ווערן פֿאַרבונדן דורך דער אחריות וועלכע העננט אויף זיי. די שטראָפֿן זײַנען צוגעפּאַסט פֿאַר אונדז: נישט באַטייליקן זיך אַ מאָל, אָדער צוויי, אין שפּאַצירן אין וואַלד, און במילא נישט

---

[36] פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 23 אין דער זאַמלונג פֿון ייִוואָ (סימן: ל. שטורמער), ז' 35.

שפּילן זיך אין פּילקעס (דאָס איז געווען דאָס גרעסטע קלעמעניש וואָס מען האָט פֿאַרשאַפֿט דעם „זינדיקן״); אויך נישט ריידן מיט דעם „זינדיקן״ עטלעכע שעה אין טאָג, און אַזוי ווײַטער.

מײַן ברודער קאָנסטרויִרט דאָן אַ קליינעם וועגעלע וועלכן מען קען, מיט דער הילף פֿון אַ רודער פֿון אַ צעבראָכענעם ראָווער, לאָזן אין גאַנג, אַרבעטנדיק דערבײַ מיט די הענט ווי אַן אייזל. דער דאָזיקער וועגעלע איז די סענסאַציע פֿון אַלע קינדער. בעת איך נעם אים אַרויס אויפֿן קאָרידאָר, לויפֿן אַלע אָנקוקן דעם „בייזן ווונדער״.

איך ניץ דעם וועגעלע אויס צו קבוצה-צוועקן. ווער ס׳פֿירט זיך גוט אויף, פֿאָרט אומזיסט, אַלע אַנדערע צאָלן 5 גראָשן פֿאַר מאַכן צוויי קרוגן מיט אים. אַלע סטאַרעווען זיך דעריבער צו געפֿינען חן בײַ מיר...[37]

אפֿילו אין די בלייזיקע ציטאַטן וואָס מיר האָבן געבראַכט ווײַזט זיך אַרויס, אַז די אמתע מאָטיוון פֿון די שרײַבער זײַנען אפֿשר אַנדערע איידער די וואָס זיי אַליין האָבן געמיינט. אָבער דער פֿאַקט וואָס האָט אונדז אינטערעסירט איז אַרויסגעקומען בולט: בײַ יוגנטלעכע איז פֿאַראַן אַ צײַט, ווען די מורא פֿאַר זינד (אפֿשר וואָלטן מיר געמעגט זאָגן: דער חשק צו „זינד״, פֿאַר וועלכן זיי האָבן מורא) טרײַבט זיי צו ווערן „משגיחים על הכּשרות״.

ענדלעך קומט די פֿינפֿטע פֿאַזע — די העטעראָסעקסועלע; דער דער-וואַקסלינג קלײַבט זיך צו אַן אַנדערש-געשלעכטיק פּאָרל. בכדי דער יוגנטלעכער עלטער זאָל זיך ענדיקן מיט נאָרמאַלער דערוואַקסנשאַפֿט, מוזן אַלע פֿריִערדיקע אימפּולס-קאָמפּאָנענטן, די אויטאָעראָטיק אַזוי גוט ווי די אַנאַל-עראָטיק, אונטער-געבן זיך אונטער דער אייבערהאַרשאַפֿט פֿון די געניטאַלע (געשלעכט-אָרגאַניקע) ווילעניש. אויב דאָס גיט זיך ניט אײַן, בלײַבט איבער אַ קערן פֿון קרענקלעכקייט. נאָר זעלטן ווײַזן זיך נעווראָזן און פּערווערסיעס אַרויס אין אַ בפֿירושער פֿאָרם, אַז זיי זאָלן זיך וואַרפֿן אין די אויגן; אָבער אַ סך אָפֿטער איידער מען מיינט פֿאַרביטערן זיי די יאָרן פֿון כּמו „נאָרמאַלע״ מענטשן און מינערן זייער אַרבעטקראַפֿט און לעבנספֿרייד.

אויף אַ רגע וועט דאָ זײַן כּדאַי זיך אומצוקערן צו דער פּלוגתא אַרום די באַגריפֿן ביאָלאָגיש — סאָציאַל, מיט וועלכע מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אין אַ פֿריִערדיקן

---

[37] פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 21 אין דער זאַמלונג פֿון ייִוואָ (סימן: דער זון פֿון פֿאָלק), זז׳ 22—23.

דאָס וואָס אַלע דרײַ בײַשפּילן פֿון מאָראַל-שפּרייטערײַ זײַנען פֿון ווילנע, נעמט זיך ניט פֿון אַ ספּעציפֿישער צניעותדיקייט פֿון דער דאָזיקער שטאָט. די סיבה איז אַ פּשוטערע: אין דער ערשטער העלפֿט פֿון דער איצטיקער שריפֿט זײַנען אויסגענוצט איבערהויפּט די אויטאָביאָגראַפֿיעס וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען אין ייִוואָ ביז סוף 1932, און יענע זײַנען אַלע געווען אָדער פֿון ווילנע, אָדער פֿון ווילנער פּראָווינץ.

קאַפּיטל. די וואָס ריידן אין טערמינען פֿון אינדיווידועלער באַשטימונג און לייקענען אָדער זײַנען מבטל דעם סאָציאַלן דעטערמינאַנט, טײַטלען כּסדר אויף דעם סעקסועלן פֿאַקטאָר וואָס האָט דאָך אַבּוֹלוט ביאָלאָגישן כאַראַקטער. געוויס איז דאָס ריכטיק, אָבער דאָס דאַרף פֿון אונדז ניט פֿאַרשטעלן דעם פֿאַקט, אַז דער סעקסועלער געפֿיל שטראָמט ניט בײַ אונדז אַזוי ווי אַ טײַך אין אַ קדמון-וואַלד, נאָר אַז די מענטשלעכע קולטור האָט אים אײַנגעצאַמט און האָט מאָדיפֿיצירט זײַן געלעגער אויף פֿאַרשיידענע, אָפּטמאָל אויסטערלישע אופֿנים. בײַ אַן אַנדער אײַנצאַמונג זעט דער שטראָם גופֿא אויך אויס אַנדערש. אָט דערציילט מאַרגרעט מיד אין איר בוך וועגן סאַמאָאַ[38], אַז דאָרט אויף די אָקעאַנישע אינדזלען האָבן ניט די „ווילדע“ קיין רעפּרעסיוון סעקס-קאָדעקס, קענען זיי ממילא אַרײַנפֿירן זייער אונטערוואַקסנדיקע יוגנט אין דער סעקסועלער פּראַקטיק אָן אינעווייניקסטע קאָנפֿליקטן און אָן סיכסוכים מיט די עלטערע.

אָבער אויב מיר ווען אַפֿילו ניט פֿאַרקריכן אַזש קיין אויסטראַליע און מיר וועלן פֿאַרגלײַכן נאָר דאָס לעבן פֿון אונדזער דור מיטן לעבן פֿון אונדזערע עלטער-זיידעס — צי וועלן מיר דאָ ניט זען קיין גוואַלדיקן אונטערשייד? דעמאָלט האָט מען קינדער חתונה געמאַכט באַלד נאָך דעם ווי זיי זײַנען צײַטיק געוואָרן, און טיילמאָל אפֿשר נאָך פֿריִער. דורך דעם האָט מען זיי פֿאַרהיט פֿון אַלע יסורים וואָס עס שטייען אויס אונדזערע יונגעלײַט אין משך פֿון צען יאָר צום ווייניקסטן, איידער זיי פּאַסן זיך אַרײַן ווי עס איז אין דער לעבנס-סיסטעם וואָס באַשטייט פֿון פֿאַמיליע-לעבן, פֿון פּראָסטיטוציע, פֿון אַזוי גערופֿענע פֿרײַע פֿאַרבינדונגען, פֿון אַבסטינענץ, פֿון פּערווערסיעס, אָדער פֿון קאָמבינאַציעס פֿון די אַלע עלעמענטן.

וויפֿל האָט מען געלאַכט בײַ אונדז פֿון די חבֿרות „הכנסת כּלה“; אָבער גוט צי שלעכט, דורך חתונה מאַכן די מיידלעך פֿלעגט מען זיי כאָטש פֿאַרהיטן פֿון די טיפּישע נעוראָזן, מיט וועלכע די בירגערלעכע קולטור האָט מזכּה געווען די „אַלטע מויד“. מען קען דערויף ענטפֿערן, אַז בענקען נאָך די „גוטע אַלטע צײַטן“ איז ניטאָ וואָס, ווײַל אַנשטאָט די נעוראָזן זײַנען יעמאָלט מיסתּמא געווען אַנדערע, אַרויסגערופֿן דורך אומגעראָטענע און געצוווּנגענע שידוכים. קען גרײַלעך זײַן; איך בין ערשט ניט קיין פֿירשפּרעכער פֿאַר די אָדער יענע לעבנס-פֿאָרמען; מיך אינטערעסירט איצט נאָר די מאָדיפֿיצירלעכקייט פֿון די סעקסועלע באַציִונגען. זאָג איך: אין פֿאַרלויף פֿון אַזאַ קורצער צײַט האָבן זיך אינעם גבֿול פֿונעם זעלביקן קיבוץ אַזוי שטאַרק געביטן די אַרויסווײַז-מיגלעכקייטן פֿאַר די סעקסועלע אימפּולסן, אַז מען קען ניט לייקענען דעם סאָציאַלן חלק אַפֿילו אין די „ביאָלאָגישע“ עלעמענטן פֿון דער פּערזענלעכקייט. מען קען דאָך ניט לייקענען, אַז צוויי מאָל צוויי איז פֿיר.

---

[38] Mead, Margaret. Coming of Age in Samoa. New York, 1928. 297 pp.

12. שול און פֿאַמיליע

מיר וועלן ניט האָבן קיין ריכטיקע פֿאָרשטעלונג וועגן די כּוחות, וואָס אונטער זייער דרוק פֿורעמט זיך אויס די פּערזענלעכקייט, אויב מיר וועלן ניט דיסקוטירן אַ ביסל די ראָלע פֿון דער שול.

ווי וויכטיק די שול איז אין דער סיסטעם פֿון דער הײַנטיקער געזעלשאַפֿט, פֿאַרשטאָרט מען מאריך צו זײַן. עס איז דאָך קלאָר, ווי וויכטיק עס איז אַ גוטע, פֿרײַנדלעכע, היימלעכע שול ווי אַ פֿורעם-פֿאַקטאָר פֿון דער פּערזענלעכקייט ספּעציעל דאָרטן, ווו די היים איז אָרעם און אומבאַהאָלפֿן. אָבער אין פּרט פֿון איבער-פֿורעמען די סאָציאַלע סבֿיבֿה פֿאַרנעמט די שול אַ מער דערונטערדיקן פּלאַץ, איידער מיר וואָלטן זיך אין פֿלוג געריכט. און דאָס איז שייך צו יעטווידער שול, ניט דווקא צו אַזאַ גערודפֿטער און ממילא אײַנגעענגטער שול ווי אונדזערע.

בשעת איינער קלאָגט זיך אויף דער קנאַפּלעכער ווירקונג וואָס די ייִדיש-וועלטלעכע שול אין פּוילן האָט אויף דער סבֿיבֿה, קען מען אים דערויף ענטפֿערן, אַז אונדזער שול איז שוואַך מאַטעריעל און ממילא אָפּגעשוואַכט גײַסטיק, און מען קען ברענגען נאָך אַנדערע זייער וואָגיקע ראַיות צו דערקלערן דעם פֿאַקט. אָבער נעמט די ניט-ייִדישע שול אין ראַטן-פֿאַרבאַנד, וואָס אי זי האָט דאָך געוויס די פֿולע מאַטעריעלע שטיצע פֿון דער מלוכה, אי זי איז דורכויס אַן עקספּאָזיטור פֿון דער מלוכה-מאַכט, די דורכפֿירערין פֿון דער מלוכה-פּאָליטיק אין דער קינדערשער סבֿיבֿה. דאָרטן, וואָלטן מיר געקאָנט מיינען, איז די שול שׂיִער ניט אַלמעכטיק בײַם איבערפֿורעמען די קינדערשע פּסיכיק. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז ניט: ווו די שול טרעפֿט זיך אויף מיט אַ קעגנשטעל פֿון דער סבֿיבֿה, איז די סבֿיבֿה שטאַרקער.

אָט האָט מען אין ווײַסרוסלאַנד געמאַכט אַ מאַסן-אויספֿאָרשונג וועגן די פֿאָרשטעלונגען פֿונעם ווײַסרוסישן קינד וועגן דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און אירע דערגרייכונגען. איז דער סך-הכּל: קלענערע קינדער זײַנען גיכער מסכּים מיטן לערער, ד"ה פּשוט גערעדט, זיי ריידן נאָך וואָס דער לערער זאָגט; אָבער

„וואָס מער דאָס קינד וואַקסט און אַנטוויקלט זיך, אַלץ דײַטלעכער הערן זיך אין זײַנע ענטפֿערס אָפּקלאַנגען פֿון דער סבֿיבֿה, אין וועלכער ער וואַקסט".

און טאָמער בלײַבט נאָך איבער בײַ אונדז עפּעס אַ ספֿק, גיט דער אויס-פֿאָרשער צו:

„קיין צוריקווירקונג פֿון דעם לערנען אין שול אויף אָט די השפּעות פֿון דער סבֿיבֿה איז דורך אונדזער אויספֿאָרשונג ניט פֿעסטגעשטעלט געוואָרן"[39].

דער זעלבער מחבר האָט אין 1929 געפֿירט אין מאָסקווע אַן אויספֿאָרשונג וועגן רעליגיעזע שטימונגען צווישן די קינדער. די אַנטירעליגיעזע טענדענץ פֿון דער שולפּראָגראַם איז אין אַלע שולן די זעלבע; אַז וועלכער עס איז לערער זאָל באַהאַלטענערהייט אַרײַנפֿירן אין אַ מאָסקווער שול רעליגיעזקייט, לייגט זיך אויך

---

[39] Ривес. Результаты массового обследования представлений белорусского ребенка об октябрской революции и ее завоеваниях. In: Основные проблемы педологии в СССР, Москва 1928, стр. 143—144.

ניט אויפֿן שכל. פֿונדעסטוועגן זײַנען די רעזולטאַטן גאַנץ פֿאַרשיידענע אין פֿאַר־שיידענע שולן און אין פֿאַרשיידענע ראַיאָנען. ריוועס לייקנט קאַטעגאָריש אָפּ די סבֿרא, אַז וואָס עלטער די קינדער, אַלץ מער באַפֿרײַען זיי זיך, אונטער דער ווירקונג פֿון דער שול, פֿון זייערע רעליגיעזע שטימונגען. ער זאָגט פֿאַרקערט: „דווקא אין די עלטערע גרופּעס איז ספּעציעל שלעכט". און ווען ער נעמט אַנאַליזירן די באַציִונג צו רעליגיע אין פֿאַרשיידענע גרופּעס, ווײַזט זיך אַרויס, אַז איבערהויפּט איז גרויס די צאָל רעליגיעז־געשטימטע קינדער אין דער שול אויף איין געוויסער פֿאַבריק. די סיבה ליגט אויבן אויף: די **עלטערן** זײַנען דאָרטן אויך רעליגיעז געשטימט.

„אויף דער טריאָכגאָרנאַיאַ מאַנופֿאַקטוראַ, ווייסן מיר, זײַנען זייער שטאַרק די רעליגיעזע שטימונגען צווישן דעם גרעסטן טייל אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער. ניט אָן ערפֿאָלג דרייען זיך דאָרט באַפּטיסטן, און דאָס אפּיקורסים־קעמערל שפּילט נאָך דאָרט ווײַט ניט די ראָלע וואָס עס איז באַרופֿן צו שפּילן"[40].

גאַנץ ענלעכע אויספֿירן ברענגט, אינעם זעלבן נומער פֿון דעם זעלבן זשורנאַל, אַ. מ. העלמאָנט אין זײַן אויספֿאָרשונג: „קינדער און פּאָליטיק"[41]. ער האָט אויפֿ־געקליבן אַן ערך 8000 קינדערשע ענטפֿערס אויף אַזאַ פֿראַגע פֿון אויסווייניקסטער פּאָליטיק: „ווי אַזוי **לעבן** צווישן זיך פּסס"ר און די בורזשואַזע לענדער? און ווי אַזוי, מיינסטו, **דאַרפֿן לעבן** צווישן זיך פּסס"ר און די בורזשואַזע לענדער?" די פֿראַגע האָט מען געשטעלט מינדלעך, געענטפֿערט האָבן די קינדער שריפֿטלעך אין משך פֿון אַ לעקציע. די ענטפֿערס, שאַצט אָפּ העלמאָנט, זײַנען צו פֿיל „פּאַ־ציפֿיסטיש" און צו ווינציק „דיאַלעקטיש". און ער דרינגט דערפֿון:

„אַרום און אַרום גיבן די פֿאָרשטעלונגען פֿון אונדזערע קינדער און זייער אײַנשטעל אין דער פֿראַגע פֿון אונדזער אויסווייניקסטער פּאָליטיק גאָר ניט קיין פֿריילעך בילד, זיי רופֿן אַרויס אַ באַפֿרידשע אומרויִקייט.

„די קינדערשע אידעאָלאָגיע ווערט באַאַרבעט ניט נאָר דורך דער שול און ניט אַזוי דורך דער שול, ווי דורך דער קאָמפּליצירטער סאָציאַלער סבֿיבֿה, אין וועלכער די קינדער לעבן".

אָבער דער מחבר איז אויך גענוג געוואָרנט און הייסט זיך היטן פֿון דער מעכאַניסטישער אײַנריידעניש, אַז אויב עמעצער איז אַן אַרבעטער לויט זײַן פּאַס און אין דער סטאַטיסטיק, איז ער שוין ממילא אַ טרעגער פֿון דעם וואָס מען רופֿט „פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע":

וואָס שייך צום דערציִען די קינדער פֿון אַרבעטער־קלאַס, טאָרן מיר ניט לאָזן פֿאַרשלעפֿערן אונדזער וואַכיקייט דורך די שעדלעכע טעאָריעס, אַז דער עצם פֿאַקט פֿון פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם דעצידירט שוין כּלומרשט. אין די מאַטעריאַלן

[40] Ривес, С. М. Дети и религия. In: Педология 2 (1929), 4, стр. 577-594.

[41] Гельмонт, А. М. Дети и политика. In: Педология 2 (1929), 4, стр. 595—611.

וועגן דער קינדערשער אידעאָלאָגיע זעען מיר, אַז פּראָלעטאַרישע קינדער ווײַזן אַמאָל אַרויס אַן אידעאָלאָגיע וואָס איז פֿרעמד דעם אַרבעטער־קלאַס און זײַן קאָמוניסטישן אַוואַנגאַרד, אַז ניט אַלעמאָל גייען זיי בראָש פֿון די קינדער פֿון אַנדערע קלאַסן און סאָציאַלע גרופּעס".

מיר וואָלטן געמעגט דערפֿון אָפּלערנען, אַז „פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע" איז בלויז אַ פּסעוודאָנים פֿאַר „סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע" אָדער „קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע". אָבער וויכטיקער איידער די דאָזיקע טערמינאָלאָגישע אויסבעסערונג איז אַן אַנדער זאַך: ב ײַ ט ן די שול איז געוויס נוציק, נאָר ניט דאָס דעצידירט אָבער וועגן בײַטן די קינדערשע פּסיכאָלאָגיע. העלמאַנט איז אין גאַנצן גערעכט, ווען ער לאָזט אויס דעם רעזומע פֿון זײַן אַרטיקל מיט די ווערטער:

„באַהערשן די אידעאָלאָגיע פֿון אונטערוואַקסנדיקן דור, משפּיע זײַן אויף איר אין גײַסט פֿון אונדזערע קלאַסנצילן מיינט: באַהערשן אַלע קאָמפּליצירטע פֿאַקטאָרן וואָס ווירקן אויף דער קינדערשער פּסיכיק — די שטוביקע און חברשע אַרומרינגלונג, די גאַס און אַזוי ווײַטער".

אויב אַזוינס האָט געקאָנט געשריבן ווערן צוועלף יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, מוזן מיר פֿאַרשטיין די פֿולע ווערדע פֿונעם געדאַנק, אַז „סבֿיבֿה" איז אָן אַ שיעור אַ קאָמפּליצירטערער באַגריף איידער די פּאָליטישע אָדער אַפֿילו די עקאָנאָמישע אָרדענונג.

פֿאַר אונדזער אויספֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער יוגנט מיינט דאָס: די שול־סיסטעמען בײַ אונדז קענען הײַנט ניט האָבן אַזאַ באַטײַט ווי אַמאָל. בשעת דער חדר איז געווען אַן אויסדרוק פֿון דער אומגעשפּאָלטענער סבֿיבֿה, איר אויסדרוק און איר נאַטירלעכער המשך, האָט ער געטאָן אַ פֿונקציע פֿון דער סבֿיבֿה, און ממילא איז זײַן ראָלע ווי אַ פֿורעם־פֿאַקטאָר פֿון דער פּערזענלעכקייט (צי אין דער פּאָזיטיווער, צי אין דער נעגאַטיווער זײַט איז שוין אַ פֿראַגע פֿון אָפּשאַצונג) געווען גוואַלדיק גרויס. הײַנט, אין אונדזער תּקופֿה, אַלץ איינס צי מיר וועלן זי באַצייכענען מיטן וואָרט „פֿונאַנדערפֿאַל" אָדער „איבערבוי", איז ניטאָ קיין איינהייטלעכע ריכטונג פֿון לעבן און ס'איז דאָס רובֿ ניטאָ קיין אַבסאָלוט איינהייטלעכע ריכטונג פֿון דער שול. ווי באַלד אַזוי, קען שוין ניט די שולסיסטעם האָבן קיין ערשטראַנגיקן באַטײַט.

געווייִנטלעך האָט אַ גוטע שול אַ גוואַלדיקן באַטרעף פֿאַר די קינדער. אַנשטאָט צו ריידן אַרום און אַרום, וועל איך בעסער ברענגען אַ דאָקומענט. אַ בחור, געבוירן 1912, פֿון אַ שטעטל אין מיזרח פֿון פּוילן, וואָס האָט איבערגעלעבט אַן אומגעווייִנטלעך שווערע יוגנט פֿון דחקות אין אַ שווער קאָנפֿליקטיקער פֿאַמיליע, מיט געשלעגן צווישן די עלטערן און רציחהדיקע קלעפּ פֿאַר די קינדער, דערציילט:

„דאָס איינציקע ליכטיקע אין מײַן דעמאָלטיקן חושכדיקן לעבן איז געווען די שול. דאָ צווישן די שולווענט איז מיר שוין געווען גוט. די שול איז געווען פֿאַר מיר כּמעט די צווייטע היים, ווי מען איז געוויינט צו זאָגן וועגן אונדזער שול, נאָר די איינציקע היים. איך פֿלעג שטענדיק מקנא זײַן די קינדער וואָס פֿלעגן זיך

אַרויסגייען פֿון שולע מיטן לעבעדיקן טומל, געלעכטער. אַז איך האָב דאָס דערגרייכט, בין איך נישט געבליבן אַנטוישט. איך האָב זיך אין גאַנצן אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט פֿון דער שול. געוואָרן אַקטיוו אין שילער־אַרבעט. איך וואָלט געקענט זיין די בעסטע אילוסטראַציע פֿאַר דער גרויסער באַדייטונג פֿון אונדזער ייִדיש־וועלט־לעכער שול, פֿאַר אירע גרויסע פֿאַרדינסטן. די ליבע וואַרעמע באַציִונג פֿון די לערער האָט פּשוט געהיילט מיין יונגע פֿאַרוווּנדעטע, פֿאַרביטערטע נשמה, האָט געוווּנען מיין צוטרוי, מיר אַרויסגענומען פֿון מיין פֿאַרשלאָסנקייט, מיר געגעבן חבֿרים, חבֿרטעס, מיר געגעבן קינדערשע פֿרייד, פֿונאַנדערגענומען אין מיר פֿאַרשיידענע דרימלענדיקע איינגשאַפֿטן, מיר געוויזן דעם וועג צו אַקטיווער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. וואָס וואָלט פֿון מיר, דעם שוין אַזוי שטאַרק געשטראָפֿטן, באַעוולטן יינגל מיט דער עמפּינדלעכער, פֿילבאַרער נשמה געוואָרן, ווען איך וואָלט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו געניסן פֿון די פֿריידן פֿון שוללעבן, פֿון דער דערציִונג און וואַרעמער באַציִונג פֿון די לערער און דער סבֿיבֿה פֿון חבֿרים און חבֿרטעס"[42].

די לערער וואָס האָבן געשאַפֿן אָט די שול מעגן זיך געוויס בענטשן מיט אַזאַ רעזולטאַט און מעגן געפֿינען אין אַזאַ מין גערנוויליקן עדות־זאָגן אַ געצאָלט פֿאַר יאָרן אָפּקומעניש. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון שול־פּאָליטיק דאַרף מען זאָגן, אַז דווקא אין אַזאַ צייט איז יעדע גוטע שול אַ טאָפּעלער געווינס, וואָרעם כאָטש אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרלינדערט זי פֿאַר אַ געוויסער צאָל קינדער די ווירקונגען פֿון דער דעסטרוקטיווער סבֿיבֿה. אָבער איבערפֿורעמען די סבֿיבֿה קען אַפֿילו אַזאַ שול אויך ניט.

אַזוי ווי מען איז נוטה איבערצושאַצן דעם באַטייט פֿון דער שול, אַזוי דערשאַצט מען אָפֿט ניט דעם באַטייט פֿון דער פֿאַמיליע. אין דער אמתן האָט זי נאָך היינט אויך אַ גוואַלדיקן באַטרעף, כאָטש דער קריַיז פֿונקציעס אירע האָט זיך אַזוי שטאַרק פֿאַרקלענערט לגבי פֿריִערדיקע דורות. אירע ווירקונגען גייען אַזוי וויַיט, אַז ס'איז ממש נשתומם צו ווערן; זי ווירקט אַפֿילו דאָרט, וווּ מיר קענען זיך ניט דערקלערן צו דער סיִבה.

נעמט למשל אַזאַ גאַנג דערשיינונגען. פּראָפֿעסאָר באָאַז האָט אויסגעפֿאָרשט די וואָג און מאָס פֿון ייִדישע קינדער אין ניו־יאָרק און געמאַכט אַ פֿאַרגלייַך צווישן האָדעוואַניקעס פֿון יתומים־היַיזער און אָרעמע תּלמידים פֿון די פּאָבליק־סקולס[43]. דערבייַ האָט ער אויסגעפֿונען, אַז קינדער אין די יתומים־היַיזער, אַפֿילו ווען מען זעט זיי גוט צו און מען גיט זיי גוט צו עסן, זיַינען הינטערשטעליק אין זייער וואָג און מאָס. עס איז ניט קלאָר, אין וואָס עס באַשטייט דער חיסרון פֿון די יתומים־היַיזער, נאָר עס איז ניטאָ קיין אַנדער וועג ווי מודה זיַין, אַז דווקא דער אונטערשייד צווישן דער היימישער סבֿיבֿה און דער אינסטיטוציע־סבֿיבֿה איז דאָ שולדיק.

---

[42] פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 268 אין די זאַמלונגען פֿון ייִוואָ (סימן: כ. זילבער), ז' 21.

[43] Boas, F. The Growth of Children as Influenced by Environmental and Hereditary Conditions. In: School and Society 17 (1923), pp. 305—308.

טאָמער האָט מען נאָך געקאָנט חושד זײַן, אַז באַזונדערע אויספֿירן קומען פֿון עפּעס אַ פֿעלער אָדער אַ צופֿעליקייט, האָבן פּראָפֿ׳ הוירסקאָוויטסעס פֿאָרשונגען אין דער נעגערשער סבֿיבֿה געמאַכט אַ סוף צו אַזאַ חשד. הוירסקאָוויטס האָט בפֿירוש גענומען פֿון איין זײַט זייער אַ גוט יתומים־הויז, פֿון דער צווייטער זײַט אָרעמע שולקינדער אין האַרלעם, דעם נעגערשן שטאָטטייל פֿון ניו־יאָרק; יעדער איינער, זאָגט ער, וואָלט מודה געווען, אַז די יתומים האָבן געלעבט אין בעסערע און רעגולערערע פֿאַרהעלטענישן. און פֿונדעסטוועגן זײַנען זײַנע אויספֿירן אין גאַנצן איינטײַטשיקע:

„(1) אויב פֿאַרגלײַכן מיט אָרעמע פּאָבליק־סקול־קינדער פֿונעם זעלביקן ראַסנדיקן טיפּ, זײַנען נעגערשע יתומים־הויז־קינדער לײַכטער אין וואָג און קלענער אין וווּקס, יאָר פֿאַר יאָר, פֿון פֿינפֿטן ביזן זעכצעטן יאָר.

(2) דאָס מעג צוגעשריבן ווערן דעם סבֿיבֿהדיקן חילוק פֿון דער אינסטיטוציאָנעלער ביז דער היימישער ספֿערע”[44].

די דאָזיקע אָביעקטיווע השפּעה פֿון דער פֿאַמיליע האָט גאָר ניט צו טון מיט דעם שוין פֿריִער באַרירטן פֿאַקט, וואָס פֿון ערבֿ דער צײַטיקונג אָן באַמערקט זיך בײַם יוגנטלעכן, איבערהויפּט בײַם ייִנגל, אַ סוביעקטיווער דראַנג צו עמאַנסיפּירן זיך פֿון דער היים. אַ השפּעה קאָן דאָך זײַן גרויס, קאָן זײַן איבער־מעכטיק אַפֿילו ווען מען ווייס ניט פֿון איר, נאָך מער—אַפֿילו ווען מען האָט זי פֿײַנט תּכלית־שינאה.

וועגן אָט דער עמאַנסיפּאַציע וועלן מיר ריידן אַ ביסל באַריכות אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם קומענדיקן קאַפּיטל. פֿריִער נאָך וועגן דעם וועג פֿון דעם קינדערשן עולם־הדימיון צו דערוואַקסענער רעאַליטעט.

13. ענדלעך דערוואַקסן

מיר דערוואַקסענע זײַנען נוטה צו מיינען, אַז אויף זײַן וועג צו דער דערוואַקסנשאַפֿט ווערט דאָס קינד אַלץ שטאַרקער אַנטקעגן דער דרויסנדיקער וועלט. פֿון אַן אומבאַהאָלפֿענעם עופֿעלע וואַקסט אויס אַ מענטש וואָס איז בכּוח צו שטיין אויף די אייגענע פֿיס. אָבער אויב מען קוקט פֿונעם קינדס זײַט, קומט אויס גאָר אַנדערש. ערנסט דזשאָנס איז אין גאַנצן גערעכט, ווען ער שרײַבט:

„אָפֿט טײַטשט מען אויס פֿאַלש דעם קינדס אָפּהענגיקייט, ווײַל אין דעם פּרט, פּונקט ווי אין אַ סך אַנדערע, שאַצט מען אָפּ דעם קינדס סיטואַציע פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון אַ דערוואַקסענעם. דער דערוואַקסענער ווייס, אַז דאָס קינד וואָלט אומגעקומען אָן דעם פֿילעווען און האָדעווען; דרוכט זיך אים אָפּ, אַז דאָס קינד כאַפּט אויך אויף אָט דעם צוזאַמענבונד און מוז ערשט פּאַמעלעך דערוואַקסן צו אַ געוויסער זעלבשטענדיקייט. מיט אַנדערע ווערטער, ער קוקט אויף דער פֿראַגע

[44] Herskovits, Melville J. The Influence of Environment on a Racial Growth Curve. In: School and Society 22 (1925), pp. 86-88.

פֿון די רעאַלע דערוואַקסענע פֿאַרהעלטעניש אַרויס און פּראָיעקטירט דעם זעלבן אײַנשטעל אין דעם קינדערשן דענקען אַרײַן. איך האַלט אָבער, אַז אַזאַ קוק איז אין גאַנצן אײַנזײַטיק. דעם קלײנעם קינדס באַדערפֿענישן ווערן באַפֿרידיקט אויף אַזוי פֿיל אויטאָמאַטיש און דער חילוק וואָס ער קען מאַכן פֿון זײַן איך ביז דער דרויסנדיקער וועלט איז נאָך אויף אַזוי פֿיל ניט שלמותדיק, אַז אַ סך גיכער קען מען משער זײַן בײַ אים אַ מאַכטגעפֿיל, איידער דעם געפֿיל פֿון הילפֿלאָזיקייט; מיר וואָלט זיך מיסתּמא אויך געמיינט, אַז מיר זײַנען זייער מעכטיק, אויב מיר וואָלטן זיך געמעגט ריכטן, אַז אונדזערע פֿאַרלאַנגען וועלן אויך באַפֿרידיקט ווערן אַזוי זיכער און אַזוי גיך״[45].

דאָס וואָס דזשאָונס זאָגט אַרויס היפּאָטעטיש („אַ סך גיכער קען מען משער זײַן״), זאָגט ש. פֿערענצי, אַן אַנדער פּסיכאָאַנאַליטיקער, מיטן פֿולן מויל און אין גאַנצן איבערצײַגנדיק. דעם קינדס וואַקסן, זאָגט ער, איז אַ וועג פֿון אַלמעכטיקייט צו רעזיגנירטער באַגרענעצטקייט. ער האָט דאָס אָנגערופֿן זייער געראָטן: דאָס בהדרגהדיקע וואַקסן פֿונעם חוש פֿון רעאַליטעט[46].

אָנהייבן הייבט אָן דאָס קינד מיט אַ פֿ אַ ק ט י ש ן צושטאַנד פֿון אַלמעכטיקייט. „אין דער מוטערס טראַכט... לעבט דער מענטש ווי אַ פּאַראַזיט פֿון דער מוטערס גוף. אַ „דרויסנדיקע״ וועלט איז פֿאַראַן פֿאַר דעם וואַקסנדיקן באַשעפֿעניש נאָר אין זייער אַ באַגרענעצטער מאָס; זײַן גאַנצער באַדאַרף אין שוץ, וואַרעמקייט און נערונג ווערט באַפֿרידיקט דורך דער מוטער. ער דאַרף זיך אַפֿילו ניט נעמען די מי אַרײַנצוכאַפּן דעם זויערשטאָף און דאָס עסנוואַרג, מחמת עס איז שוין אַזוי אײַנגעאָרדנט, אַז די דאָזיקע שטאָפֿן קומען אַרײַן גלײַך אין זײַנע בלוטגעפֿעס אַרײַן״.

דערנאָך קומט דער שטאַפּל פֿון ה אַ ל ו צ י נ אַ ט אָ ר י ש ע ר אַלמעכטיקייט. אין דער אמתן איז קיין שוואַכערס, קיין אומבאַהאָלפֿענערס ווי אַן עופֿעלע ניטאָ; אָבער היות מען גייט אַרום אים כּסדר, קומט אויס פֿון זײַן שטאַנדפּונקט, אַז עס דאַרף זיך אים נאָר פֿאַרוועלן עפּעס (זויגן, ליגן טרוקן, וויגן זיך), ווערט דער פֿאַרלאַנג באַלד מקוים.

אַז דאָס קינד ווערט עלטער, קלעקט שוין ניט די האַלוצינאַטאָרישע פֿאָרשטעלונג פֿון פֿאַרלאַנג אַליין אויף טאַקע צו רעאַליזירן דעם פֿאַרלאַנג. די פּערזאָנען אַרום דעם קליינקינד וואַרטן שוין אויף סיגנאַלן, ד״ה אַז דאָס קינד דאַרף אָפּטון אַ געוויסע מאָטאָרישע אַרבעט אויף צו דערשלאָגן זיך צו עפּעס: שרײַען, צאַפּלען. דעם קינדס טווּנגען אויף דעם שטאַפּל קאָן מען גלײַכן צום גאַנג פֿון אַ כּישוף־מאַכער, וואָס ער דאַרף מאַכן אַ זשעסט אָדער אַרויסזאָגן דעם שפּראָך, כּדי אין דער דרויסנדיקער וועלט זאָל פֿאָרקומען דער שינוי וואָס ער פֿאַרלאַנגט. ס׳איז דער שטאַפּל פֿון מ אַ ג י ש ע ר אַלמעכטיקייט.

---

[45] דזשאָונס, דצ״ווו, ז׳ 163.

[46] Ferenczi, S. Entwicklungsstufen des Wirklichkeitssinnes. Bausteine zur Psychoanalyse I (Theorie), Wien 1927, pp. 62—83.

מיר זעען, אַז וואָס קאָמפּליצירטער עס ווערן דעם קינדס פֿאַרלאַנגען, אַלץ מער „באַדינגונגען" מוז ער אויספֿאָלגן אויף צו דערשלאָגן זיך זײַנס. אָבער עס מערן זיך אויך די פֿאַלן, ווען קיין שום „מאַגיע" (שרײַען, וואַרפֿן זיך, אויסציִען די האַנט) העלפֿט ניט; די פֿאַרלאַנגען בלײַבן ניט באַפֿרידיקט. צו דער „אַלמעכטיקייט" נעמט אַ סוף; דער קליינער מענטש מוז זיך צוגעוויינען צום ווייטאָגדיקן פֿאַקט, אַז עס זײַנען פֿאַראַן זאַכן וואָס זײַנען ניט משועבד צו אים; די דרויסנדיקע וועלט טיילט זיך אָפּ פֿון זײַן איך.

דערמיט איז מען נאָך אָבער אויך ניט פֿאַרטיק. די רעאַליטעט איז נאָך תּחילת פֿאַרן קינד באַלעבט; אויף דעם דאָזיקן אַנימיסטישן שטאַפּל זוכט דאָס קינד צו דערקענען אין יעטווידער זאַך זײַנע אייגענע אָרגאַנען און זייערע טוּונגען.

דער פֿולער חוש פֿאַר רעאַליטעט קומט ערשט צום דערוואַקסענעם, בשעת ער עמאַנסיפּירט זיך פֿון טאַטע-מאַמע און ווערט אַ מענטש פֿאַר זיך. ערשט יעמאָלט פֿאַרשטייט ער, וואָס עס מיינט „דער כּוח פֿון די אומשטאַנדן".

אָט די עמאַנסיפּאַציע איז אַ לאַנגער און פּײַנלעכער פּראָצעס.

אין דער צײַט פֿון עופֿעלעשאַפֿט און קליינקינדשאַפֿט קומען אַלע סאָציאַלע השפּעות צום קינד כּמעט נאָר דורכן פֿילטער פֿון דער פֿאַמיליע. „תּחילת, זאָגט פֿרויד, זײַנען פֿאַרן קליינעם קינד די עלטערן דער איינציקער מקור פֿון גלויבן. דער אינטענסיווסטער, עגאָיִסטישער חשק פֿון די דאָזיקע קינדערשע יאָרן איז: ווערן אַזוי ווי די עלטערע"[47]. געוויינטלעך הייסט דאָס ניט, ווי אַנדערע נאַיִווע מיינען, אַז דאָס קינד שטייט יעמאָלט מחוץ סאָציאַלע פֿורעם-פֿאַקטאָרן: פֿאָטער און מוטער זײַנען דאָך אויך אַ פּראָיעקציע און אַן אינסטרומענט פֿון דער דרויסנדיקער וועלט. שפּעטער קומען צו חבֿרים, דאָס רובֿ גלײַכגעשלעכטיקע, און עס באַווײַזט זיך, צו דער פֿאַמיליע, אַ צווייטער אינסטיטוציאָנאַליזירטער פֿאַקטאָר, די שול. נאָך שפּעטער אַנטפּלעקט זיך אַ פֿאַראינטערעסירונג אין ברייטערן כּלל, וואָס קאָן זיך אויסדריקן אין אַ לײַדנשאַפֿט פֿאַר קינאָ, אין לייענען זשול ווערנען און מײַן-רידן, אין רעליגיעזער התלהבֿות, אין נאַיִוו-פּאָליטישן אימפּעט, אין סקויטישע טוּונגען. ווײַטער קומט דער אינטערעס צו אַנדערש-געשלעכטיקע פּערזאָנען, און ענדלעך די פֿיקסירונג צו אַ באַשטימטן אַנדערש-געשלעכטיקן אָביעקט און די שטרעבונג צו פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אינעם דערוואַקסענעם לעבן. וואָס ווײַטער ווערט אַלץ שטאַרקער אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג די השפּעה פֿון דרויסנדיקע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַקטאָרן, אַלץ ווינציקער דאַרף דאָס דרויסנדיקע אָנקומען צו דער פֿאַרמיטלונג פֿון דער פֿאַמיליע אָדער פֿון דער שול.

עס קומט אַ צײַט אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם יוגנטלעכן — בײַ דזשאָנסן וואָלט דאָס אַרײַנגעפּאַסט אין דער צווייטער פֿאַזע, — ווען ער ווערט קאַלט צו דער היים. אָנשטאָט דעם נעמען אימפּאָנירן חבֿרים, זיי ווערן דער העכסטער אויטאָריטעט.

---

[47] איבערגעגעבן בײַ:

Rank, Otto. Der Mythus von der Geburt des Helden, p. 64.

פֿאַראַן מאַמעס וואָס קענען דאָס ניט פֿאַרלײַדן: פֿאַרוואָס האָסטו מיט חיימקען אַלע מאָל וואָס צו ריידן, און אין שטוב גייסטו אום אַ שטומער? אַנדערע מאַמעס קלאָגן זיך, אַז זייערע חבֿרה-לײַט כאַפּן זיך נאָר אַרײַן אין שטוב אָפּעסן, און באַלד זײַנען זיי ווײַטער ניטאָ.

ווײַל איז צו די קינדער, ווען זיי האָבן עלטערן וואָס זײַנען אין שטאַנד גובֿר צו זײַן זייער אייפֿערזוכט!

„דער דערוואַקסלינג וואָס האָט תּמיד אָנגענומען די אָפּשאַצונגען וואָס די עלטערן פֿלעגן אים אונטערטראָגן איז... אומגליקלעך, וואָרעם ער וועט ניט זײַן בכּוח צו באַגיין זיך אָן זיי אין דערוואַקסענעם לעבן... עס איז דעריבער גוואַלדיק וויכטיק פֿאַר די עמאַנציפּאַציע אימפּולסן פֿונעם דערוואַקסלינג, ווי אַזוי די עלטערן האָבן באַהאַנדלט דאָס עופֿעלע און קליינקינד... דאָס באַפֿרײַען זיך פֿון דער פֿאַמיליע-איינהייט וועט קענען דורכגעפֿירט ווערן אָן עמאַנציפּאַציע רעוואָלוציע נאָר אויב עס זײַנען צוגעגרייט געוואָרן שוין פֿון אַ סך פֿריִער פֿאַרבײַטערס פֿאַר די עלטערן און מיטקינדער און אויב די עלטערן האָבן דערמוטיקט אַזאַ פֿאַרבײַטונג... קינדער וועמען מען האָט געגעבן אַ מיגלעכקייט צו געניסן דאָס לעבן אַ מחוץ די עלטערנס אײַנפֿלוס, אַ יאָ אונטער זייער אײַנפֿלוס, האָבן אַ גוטע גאַראַנטיע, אַז זיי וועלן בשלום אַדורכגיין דורך דעם פּעריִאָד פֿון דערוואַקסלינגשאַפֿט"[48].

עס איז מער ניט ווי נאַטירלעך, עס איז אויף הונדערט פּראָצענט נאָרמאַל, ווען דאָס קינד וויל זיך עמאַנסיפּירן פֿון שטוב. דער חבֿר ווערט אַן אויטאָריטעט נאָר טאַקע צוליב דעם, וואָס ער איז ניט קיין עלעמענט פֿון דער שטובּיקער קאָנסטעלאַציע. ער איז אַ דרויסנדיקער, און דאָס איז זײַן מעלה, דאָס איז זײַן כּוח.

מיטן פֿולן מויל זאָגט דאָס אַרויס אַ 17-יאָריקע מיידל אין וו. ווערעסאַיעווס פֿריִער דערמאָנטן ראָמאַן „שוועסטער":

„פֿון סאַמע גרויסן אָקטאָבער אָן — איך בין יעמאָלט אַלט געווען נײַן יאָר און ליאָלקע [די עלטערע שוועסטער] עלף — אָט פֿון יעמאָלט אָן האָט זי [די מאַמע] געזידלט און אָראָפּגעריסן דעם קאָמוניזם. מיר האָבן איר דעריבער הייס ליב באַקומען און פֿײַנט געקריגן דעם טויטן אינטעליגענטישן מאָראַליזם"[49].

צי קען מען דאָס זאָגן נאָך קלערער: די מאַמע איז געווען קעגן, דעריבער זײַנען די טעכטער געווען פֿאַר!

פֿרויד האָט זיך איין מאָל אויסגעדריקט וועגן דעם אַזוי[50]:

---

48 פֿון אַ רעפֿעראַט וואָס אָסקאַר ב. מאַרקי (Markey) האָט געהאַלטן אויף דער קאָנפֿערענץ פֿאַר דערוואַקסלינגשאַפֿט אין קליוולענד, אָהייאָ, 1930. זע:

Physical and Mental Adolescent Growth. The Proceedings of the Conference on Adolescence, Cleveland, O., Oct. 17 and 18, 1930, p. 119.

49 Вересаев, В. Сестры. Москва 1933, стр. 6.

50 איבערגעגעבן פֿון אָטאָ ראַנק אין זײַן בוך Der Mythus von der Geburt des Helden, ז' 64.

„דאָס וואָס דער אויפוואַקסנדיקער יחיד רײַסט זיך אָפּ פֿון אויטאָריטעט פֿון די עלטערן איז איינער פֿון די נייטיקסטע אויפטוען פֿון דער אַנטוויקלונג, אָבער איינער פֿון די סאַמע ווייטאָגדיקע אויך. ס'קען ניט זײַן אַנדערש, דאָס מוז געשען, און מען דאַרף רעכענען, אַז יעטווידער מענטש וואָס איז געוואַקסן נאָרמאַלערהייט האָט דאָס אָפּגעטאָן אין אַ געווייסער מאָס. מען קען זאָגן, אַז דער פּראָגרעס פֿון דער געזעלשאַפֿט איז בכלל אויפֿגעבויט אויף אָט דער סתּירה צווישן די צוויי דורות".

ספּעציעל איז נאָך וויכטיק צו האָבן אין זינען דעם געדאַנק וועלכן פֿרויד גיט באַלד צו:

„פֿון דער אַנדער זײַט איז פֿאַראַן אַ קלאַס נעוראָטיקער, וואָס אין זייער צושטאַנד זעט מען, אַז ס'איז זיי ניט געראָטן זיך אַן עצה צו געבן מיט דער דאָזיקער אויפֿגאַבע [פֿון עמאַנסיפּירן זיך]".

ס'איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס ל. האָלינגוואָורטה, אַן אַמעריקאַנער פֿאָרשערין[51], שטעלט אַוועק די דאָזיקע עמאַנסיפּאַציע אויפֿן ערשטן אָרט צווישן אַלע פֿיר אויפֿגאַבעס וואָס יעדער געזונטער מענטש האָט איבערצוקומען אויפֿן שוועל פֿון דערוואַקסנשאַפֿט. די פֿיר אויפֿגאַבעס לייענען זיך אין האָלינגוואָורטהס פֿאָרמולירונג אַזוי:

(1) פּסיכאָלאָגיש אַנטוויינען זיך פֿון דער פֿאַמיליע;
(2) געראָטן צופּאַסן זיך צום אַנדערן געשלעכט;
(3) געפֿינען זיך אַ פֿאַך און אַ געוויסע עקאָנאָמישע זיכערקייט; און
(4) אויסאַרבעטן זיך אַ קוק אויפֿן לעבן, וואָס זאָל געבן אַן אָנהאַלט.

אויב אַ יחיד האָט די אַלע פֿיר פֿאָדערונגען אויסגעפֿאָלגט, האָט ער דערגרייכט דעם פּונקט, ווו ער הערט אויף צו זײַן אַן אָביעקט פֿון דער יוגנט-פֿאָרשונג. ער איז שוין אַ דערוואַקסענער: ער איז געוואַקסן אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער איז ד ע ר וואַקסן.

14. קולטור און קולטור-פֿורעם

אין דעם בילד פֿון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, וואָס איך האָב געפּרוווט סקיצירן אין די לעצטע קאַפּיטלען, האָב איך ניט געקענט א ו י ס ש ע פּ ן די פֿאַקטן. איך האָב דאָס געוווּסט לכתּחילה. די פֿאַקטן וואָס איך האָב יאָ געבראַכט זײַנען געווען מער לשם אילוסטראַציע און אָריענטאַציע; מײַן עיקר מיין איז געווען אָנצוצייכענען די אַלגעמיינע ליניע.

געוויס האָט דער אויפֿמערקזאַמער לייענער געהאַט צוזאַמען מיט מיר דעם אײַנדרוק, אַז אָט-אָט גליטשן מיר זיך אַראָפּ פֿון קולטור- און פּערזענלעכקייט-פֿאָרשונג אין פּסיכאָלאָגיע אַרײַן. אָבער פֿאַרפֿאַלן, מיר אַרבעטן אויף אַ גרענעץ-געביט, לאָזט זיך ניט אויסמײַדן די סכּנה, אַז מיר זאָלן דאָ און דאָרטן אַריבער איבערן

---

[51] ל. ס. האָללינגוואָורט, ציטירט אין דעם גיט לאַנג דערמאָנטן (זע הערה 48): Physical and Mental Growth etc., p. 104.

גרענעץ. עס וועט אַוודאי קומען אַ צײַט, ווען די וויסנשאַפֿט וועגן קולטור און פּערזענלעכקייט וועט אויך באַקומען צוגעטיילט בהסכם כּולם אַן אָפּגעגרענעצטע טעריטאָריע. אָבער אונדזער וויסנשאַפֿט נעמט זיך דאָך ערשט אָרגאַניזירן, און אפֿשר דאַרף מען זײַן נאָך באַשיידענער און זאָגן, אַז מיר האַלטן ערשט ע ר ב אָרגאַניזירונג. עס איז גלײַכער צו אָרגאַניזירן אַ וויסנשאַפֿט ניט „אויף קרעדיט", נאָר נאָך דעם ווי ס'איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ גרויסע צאָל פּרט־שטודיעס; אונדזער יוגנט־פֿאָרשונג איז איינע פֿון זיי. אַרבעטן קען מען איצטער אויך, וואָרעם אַ „קען זײַן" איז בעסער איידער „איך ווייס ניט". אָבער בײַ אַזאַ מין צושטאַנד מוז מען דווקא אויפֿפּאַסן די גרענעצן פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע „טעריטאָריעס"; און די אַנדערע, די שכנישע דיסציפּלינען זאָלן האָבן פֿאַראיבל נאָר אין דעם פֿאַל, אויב מיר וועלן ניט זײַן קיין אומרים דבר בשם אומרו.

עס איז אַ גליק פֿאַר דער יונגער וויסנשאַפֿט וועגן קולטור און פּערזענלעכקייט, וואָס זי טרעט ניט אויף קיין קרקע בתולה. אַ סך לאַנד איז שוין באַאַרבעט געוואָרן דורך פֿאָרשער אויף קרובֿישע געביטן. איבערהויפּט קומט אַ דאַנק צוויי דיסציפּלינען. איינע פֿון זיי איז די דינאַמישע פּסיכאָלאָגיע; אויב מען זאָל אַראָפּרעכענען דאָס וואָס מיר האָבן שטאַרק אויסגעברייטערט די סאָציאַלע ראָם, קען מען בעצם זאָגן, אַז טאַקע די אויסגעפֿינסן פֿון דער דינאַמישער פּסיכאָלאָגיע האָבן מיר פֿירגעבראַכט בײַם שילדערן די אויספֿורעמונג פֿון דער פּערזענלעכקייט. אַ צווייטן וויכטיקן סכום פּרעלימינאַרע קענטענישן האָט אונדז געגעבן די וויסנשאַפֿט, וואָס אין אייראָפּע רופֿט מען זי דאָס רוב עטנאָלאָגיע[52].

איינער פֿון די וויכטיקסטע פּונקטן, צו וועלכע די פֿירער פֿון דער עטנאָלאָגיע זײַנען געקומען בײַ הײַנטיקן טאָג, איז דער נײַער, פֿאַרטיפֿערטער באַגעם פֿון דעם באַגריף „קולטור־פֿורעם".

וואָס מיינט „קולטור־פֿורעם"? ס'איז אַן איבערזעצונג פֿונעם ענגלישן culiural pattern וואָס איז פֿון די אָנגענומענסטע טערמינען אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַלער וויסנשאַפֿט. ס'איז אַ האַנטיקער טערמין: ער ווײַזט אונדז אַ סך זאַכן פֿון אַ נײַער זײַט, ער שפּאָרט אונדז אײַן רייד מיט זײַן קורצקייט. עס וועט דעריבער אין דעם ווײַטערדיקן טייל פֿון אונדזער בוך ניט איין מאָל קומען צו רייד וועגן „פֿורעמס". נאָר היות אין יידיש קלינגט דער טערמין ביז איצט פֿרעמדלעך[53], מוזן מיר אָפּגעבן אַ ביסל פּלאַץ אויף צו אַנאַליזירן אים.

קודם קולטור. קולטור ווערט דאָ גענוצט ניט מיטן ענגן פּשט פֿון „ליטעראַטור, טעאַטער אַזו"וו", נאָר מיט יענעם ברייטן פּשט וואָס מיר האָבן אַרײַנגעפֿירט נאָך אין קאַפּיטל 3[54]. דער קלאַסיקער פֿון עטנאָלאָגיע ע. ב. טײַלאָר (Tylor)

---

[52] אין אַמעריקע, וווּ זי איז דערהויבט אַנטוויקלט געוואָרן, ספּעציעל בײַם אויספֿאָרשן די אינדיאַנער שבֿטים, טראָגט זי דעם נאָמען קולטור־אַנטראָפּאָלאָגיע, להיפּוך צו דער פֿיזישער אַנטראָפּאָלאָגיע וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם מענטשנס קערפּערדיקע אייגנשאַפֿטן.

[53] לייבוש לעהרער ניצט אים טיילמאָל. [54] זע ז' 16, הערה 7.

האָט געגעבן אַזאַ מין דעפיניציע, וועלכע איז אַלגעמיין אָנגענומען: קולטור איז „יענע קאָמפּליצירטע גאַנצהייט וואָס שליסט איין וויסנשאַפט, גלויבן, קונסט, מאָראַל, געזעץ, מינהג און אַלע אַנדערע כישרונותן און געוווינהייטן וואָס דער מענטש האָט זיך צוגעאייגנט ווי אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט". אַ היינטיקער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג, עלסוווירטה פאַריס, פאָרמולירט גאַנץ ענלעך, אַז אין גדר פון אַ קולטור פון אַ פאָלק גייען אַריין „די שפּראַך, סאָציאַלע מינהגים, טראַדיציעס און מיטלען, דורך וועלכע די פּראָבלעמען פון כללישן לעבן ווערן פאַרענטפערט".

איצטער וואָס איז פורעם? מיט „פורעם" גיבן מיר איבער דאָס ענגלישע וואָרט pattern, וואָס די ווערטערביכער טײַטשן: מוסטער, מאָדעל, שאַבלאָן[55]. אונטער פורעם דאַרפן מיר פאַרשטיין אַזאַ מין פאָרם פון אויפפיר, וועלכע איז אָנגענומען אין אַ געזעלשאַפט און האָט אין דעם קיבוץ אַ געוויסע ווערדע. מען רעדט וועגן אַן אויפפיר-פורעם, אַ קולטור-פורעם, אַ פּסיכישן פורעם אדג"ל[56].

ווען מען אָפּערירט מיטן באַגריף „אויפפיר-פורעם", קען מען איבערדעפינירן, צוזאַמען מיט ע. סאַפּירן, דעם באַגריף קולטור בזה-הלשון:

„די אַזוי גערופענע קולטור פון אַ גרופּע מענטשלעכע באַשעפענישן — זאָגט ע. סאַפּיר — איז בעצם אַ סיסטעמאַטישע רשימה פון אַלע סאָציאַל-גערירשנטע אויפפיר-פורעמס וועלכע קענען אילוסטרירט ווערן אין דעם פּאַקטישן אויפפיר פון אַלע אָדער פונעם רוב יחידים אין דעם קיבוץ"[57].

אַמאָל קען אַ פורעם זײַן אַ לעבנס-וויכטיקע זאַך: אַז אַ באַליידיקונג קען אָפּגעוואַשן ווערן נאָר דורך בלוט, אַז אַ סיכסוך צווישן מלוכות מוז פאַרענטפערט ווערן דורך אַ מילחמה, אַז אַ מלוכה מוז האָבן געריכטן. אַנדערע פורעמס זײַנען פאַרבונדן מיט טאָגטעגלעכקייטן: קנײַפּן סתם איז אַן אַכזריות, נאָר „אַ קניפּ אין בעקל" איז גאָר אַ צערטלעכקייט. אַ פורעם איז צו שרײַבן נד צוזאַמענגעגאָסענערהייט, צו זאָגן „פאָרלייג" אָנשטאָט פאָרשלאָג, צו פאַרבן די נעגל אויף רויט, צו טראָגן לײַבקאָלירענע זאָקן אָדער אַ בערעט.

קולטור-פורעמס בײַטן זיך אין זייער ווערדע. אַמאָל איז פאַר אַלע יידן געווען אומגעהײַער וויכטיק צו זאָגן אין געוויסע פאַלן „אָן עין-הרע", „ניט פאַר

---

[55] די פּוילישע סאָציאָלאָגן און עטנאָלאָגן גיבן טאַקע איבער דעם טערמין מיט wzór, די דײַטשן מיט Muster.

אין דער ענגלישער בעל-מלאָכישער פאַכשפּראַך, פון וואַנען דאָס וואָרט וואַקסט, מיינט עס בעצם יענעם מאָדעל לויט וועלכן מען מאַכט אויס דעם פורעם; אָבער פאַר אונדזער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע איז דאָס וואָרט „פורעם" גופא גוט צוגעפּאַסט.

[56] פג"ל מ. י. הווירסקאָוויטסעס אינטערעסאַנטן אַרטיקל:

Herskovits, Melyille J. Social Pattern: A Methodological Study. In: Social Forces 4 (1925/26), pp. 57—69.

[57] Sapir, E. Cultural Anthropology and Psychiatry. In: The Journal of Abn·rmal and Social Psychology 27,3 (October—December 1932), pp. 229—242.

קיין ייִדן געדאַכט", „חלילה", „צו געזונט", „צו רפֿואה"; הײַנט האָבן אַ סך צווישן אונדז דאָס אַוועקגעוואָרפֿן, און צווישן די וואָס זאָגן דאָס יאָ זײַנען אויך פֿאַראַן אַזוינע וואָס פֿאַרבינדן ניט דערמיט קיין שום ספּעציעלע באַטײַטיקייט.

אויב מען וויל, קען מען זאָגן, אַז דער גאַנצער קולטור-פּראָצעס איז בעצם אַן אַרײַנגדרינג און אַן אַרויסשטופּ פֿון קולטור-פֿורעמס. דעם קאָנפֿליקט צווישן פֿאַרשיידענע גרופּעס אינעווייניק אין איין קיבוץ קען מען אויך באַטראַכטן ווי אַ צוזאַמענשטויס פֿון פֿורעמס, — אַ שטייגער ווען אַ גרופּע פֿרײַדענקער ווילן אָפּגעבן כּבֿוד זייער געשטאָרבענעם חבֿר דווקא אַן היטלען און די אָרטאָדאָקסן ווילן אָן היטלען ניט אַרויפֿלאָזן אויפֿן בית-עולם. „כּלל-ישראל" איז פֿאַר איינע אַ הויכער באַגריף, אַנדערע אין אונדזער געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿילן קעגן דעם אַ דערווידער. דאָס אייגענע איז מיט אַזעלכע באַגריפֿן ווי „נאַציאָנאַל", „קלאַסנקאַמף", „ייִדישיסטיש".

15. דער באַטײַט פֿון אַ קולטור-פֿורעם

די עטנאָלאָגיע האָט זייער פֿיל אויפֿגעטאָן אין אויסגעפֿינען די פֿאַרשפּרייטונג פֿון געוויסע קולטור-פֿורעמס און דערמיט געגעבן אַ סך אַ בעסערע השגה, ווי אַזוי מינהגים, גלייבונגען, ווערטער, מאָדעס שפּרייטן זיך אויס פֿון מענטש צו מענטש, פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק. אָבער פּאַמעלעך האָט מען זיך דערקעמפּט צום געדאַנק, אַז דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס דער אָדער יענער פֿורעם באַטײַט פֿאַר דעם אָדער יענעם קיבוץ. מער ניט איין בײַשפּיל: קושן די האַנט. אַ שקלאַף, אָדער אַ פֿאַרשקלאַפּטער, קושט די האַנט בײַם פּריץ; אַ קינד קושט דער מוטערס האַנט; אַ פֿרומער קאַטויל גיט אָפּ כּבֿוד דעם גלח דורך אַ קוש אין האַנט; אַ קאַוואַליר גיט אַ קוש אין האַנט זײַן דאַמע. אָבער וואָס וועט אונדז שוין פֿיל אַרויסקומען, אויב מיר וועלן אויפֿשטעלן אַ רשימה פֿון יענע אַלע סבֿיבֿות, אין וועלכע עס איז אָנגענומען דער מינהג פֿון האַנטקוש? וויכטיקער איז שוין אויסצוגעפֿינען, צי די אַלע קושן וואַקסן פֿון איין מקור אָדער ס'איז נאָר אַ צופֿעליקער צוזאַמענטרעף. אָבער אַ פֿורעם קען זײַן פֿון דעם זעלבן אָפּשטאַם צי פֿון אַן אַנדערן, און פֿאָרט קען ער האָבן דעם זעלבן אָדער אַן אַנדער סימבאָלישן ווערט; און דווקא דער דאָזיקער סימבאָלישער באַטײַט פֿונעם פֿורעם פֿאַר זײַנע אָנווענדער איז דאָך דער עיקר בײַם פֿאַרשטיין דאָס רעאַלע לעבן. סײַדן עס גייט וועגן גענעטישע שטודיעס פֿון אַ קולטור-היסטאָריקער.

אַז דער סימבאָלישער באַטײַט איז דער עיקר, זעט זיך אַרויס ספּעציעל קלאָר, ווען מיר גייען פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק. איך נעם אַ בײַשפּיל בכּיוון פֿון צווישן קלייניקייטן. אויפֿן אייראָפּעיִשן קאָנטינענט איז אָנגענומען, אַז אַ הער גריסט פֿריִער די דאַמע; אין דעם דריקט זיך אויס דאָס וואָס מען רופֿט „דאַמען-ערע". אָבער אויב אין ענגלאַנד וואָלט אַ הער דער ערשטער געגריסט אַ דאַמע אין גאַס, וואָלט זי דאָס אויפֿגענומען ווי אַ ניטאײדלקייט. וואָרעם דאָרטן טײַטשט מען דעם פּסוק אַנדערש: דער הער טאָר ניט גריסן פֿריִער איידער די דאַמע האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זי וויל, ער זאָל זי גריסן.

דאָס אייגענע איז, ווען מיר האָבן צו טון ניט מיט פֿאַרשיידענע קיבוצים, נאָר מיט פֿאַרשיידענע טיילן פֿון איין קיבוץ. בעצם אָנערקענען דאָס אַלע סאָציאַלאָגן, ווען זיי ריידן וועגן דער קולטור פֿון פּויפּערטום, פֿון די אַדללייט, פֿון דער גרויס-בורזשואַזיע און אַזוי ווייטער. אָבער עס איז ניטאָ קיין שום גרונד זיך אָפּצושטעלן ביי דער קולטור פֿון די טערמינאָלאָגיש איינגעגליווערטע סאָציאַלע שיכטן. אין יעדער סאָציאַלן שיכט גופֿא זיינען איבער אַ נייס פֿאַראַן ניואַנסן. ביי איין גרופּע אַרבעטער זיינען די וואַלן צום פּאַרלאַמענט מי יודע וואָס, די צווייטע האָבן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אַלע „דעמאָקראַטישע אילוזיעס", ווידער אַנדערע ווייסן נאָך אַפֿילו ניט, וואָס עס איז אַזוינס וואַלן. איין גרופּע קרעמער וועלן זיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט צוליב רבנות אָדער הזנות, און אַנדערע קרעמער, כאָטש זיי וווינען בשכנות און דאַוונען אַפֿילו אין דער זעלבער שול, ווילן זיך ניט מישן אין די עסקים. איז הייסט עס ניט גענוג צו קאָנסטאַטירן, אַז „אַרבעטער" האַלטן יאָ אָדער האַלטן ניט פֿון דעמאָקראַטיע אָדער אַז „יִדישע קרעמער" זיינען פֿאַרקאָכט אין קהלשע געשעפֿטן.

פֿאַראַן פֿורעמס וואָס זעען אויס צו ליגן כּמעט ווי אויף איין פּליין, און פֿונדעסטוועגן איז זייער באַטייט, פֿאַר דעם וואָס ווייס, גאָר אַ פֿאַרשיידענער. צי מען שרייבט נד אין איינעם צי ניט, איז אַ פּריוואַטזאַך, מיט וועלכער עס בינדט זיך ניט קיין שום עמאָציע און קיין שום אידעע. אָבער איבערנעמען די צונויפֿגעגאָסענע צוויי וואָוון, כאָטש ס'גייט אויך נאָר וועגן אַ ריין גראַפֿישן ענין, מיינט שוין עפּעס מער; ס'מיינט, אַז פֿאַר דעם אָ מענטשן האָט דאָס יִדיש שרייבן לכל-הפּחות אַזאַ באַטייט, אַז ער איז גרייט צוליב אַ פֿאַרבעסערונג צו ברעכן אַ געוווינטשאַפֿט.

וואָס איז אַ פּאָר גענדזנפֿיסלעך? נאָר פֿאַראַן אַן אָנזיכטיקע צאָל מענטשן, וואָס ביים שרייבן וועגן רעכטע און לינקע אָפּנייגן וועלן זיי קיין איין מאָל ניט פֿאַרפֿעלן צו שטעלן דאָס וואָרט „לינקע" אין גענדזנפֿיסלעך; ביי זיי איז דאָס געוואָרן אַן אויפֿפֿיר-פֿורעם. „שכנה" צי „שכנטע" איז פֿאַר אונדז אַלץ איינס, מיר וועלן אַפֿילו ניט באַמערקן, וואָסערע פֿון דיביידע פּאַראַלעלע פֿאָרמען מען האָט אָקאָרשט באַנוצט אין אונדזער בייזיין; אָבער אין די צוויי פֿאָרמען „חבֿרטע" און „חבֿרה" שטעקט אַ ים באַטייטיקייט פֿאַר גרויסע גרופּעס מענטשן.

עס איז שוין איצטער גרינג צו דערקענען, אַז די דיפֿערענצירונג גייט נאָך ווייטער. אויב מיר ווילן זען דאָס לעבן גענוג רעאַליסטיש, וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז איינציקע מענטשן, אין דעם נעמלעכן פֿאָלק, קלאַס און פֿאַך, גייען זיך אויך שטאַרק פֿונאַנדער אין זייערע אויפֿפֿיר-פֿורעמס. מען קען זאָגן מיטן פֿולן מויל, אַז אין אַ געוויסן זינען איז יעדער איינער פֿון אונדז אַ גליקלעכער באַזיצער פֿון אַ מין פּריוואַט-קולטור. אָט דאָס „פּריוואַטע אייגעס" אונדזערס האָט פֿאַרשטייט זיך אָן אַ שיעור באַריִרפּונקטן מיט דער קולטור פֿון אונדזערע מיט-מענטשן, אָבער עס זיינען פֿאַראַן גאַנץ היפּשע אונטערשיידן אויך

די דעפֿיניציע פֿון קולטור וואָס סאַפּיר האָט געגעבן פֿאָדערט דעריבער אַ צוגאָב, און ער גיט אַליין די קאָרעקטור אין די זאַצן, וועלכע גייען באַלד נאָך דעם אָקאָרשט ציטירטן שטיקל:

„די אַלע פּראָצעסן, ווען מען נעמט זיי דורך אַבסטראַקציע צונויף אין אַ טאָטאַליטעט, זײַנען עס די קולטור. אָבער דער אמתער אָרט פֿון די דאָזיקע פּראָצעסן איז ניט אין אַ טעאָרעטישן קיבוץ מענטשלעכע באַשעפֿענישן, וועלכער רופֿט זיך געזעלשאַפֿט. דער טערמין „געזעלשאַפֿט" גופֿא איז אַ קולטור־קאָנסטרוקציע, ער ווערט געניצט דורך יחידים וועלכע שטייען איינס צום אַנדערן אין וויכטיקע באַציִונגען, כּדי צו העלפֿן זיי בײַם אינטערפּרעטירן געוויסע אַספּעקטן פֿון זייער אויפֿפֿיר. דער אמתער אָרט, ווו קולטור ווײַזט זיך אַרויס, איז אין די צווישנהאַנדלונגען פֿון ספּעציפֿישע יחידים און, פֿון דער סובעקטיווער זײַט, אין דער וועלט פֿון באַטײַטן וועלכע יעדערער פֿון די דאָזיקע יחידים אַבסטראַהירט פֿון זײַנטוועגן פֿון זײַן אָנטייל אין די דאָזיקע צווישנהאַנדלונגען".

אין אַ צווייטן אָרט[58] דריקט זיך סאַפּיר אויס גאַנץ ענלעך. קולטור, זאָגט ער, איז נאָר „אַן אַבסטראַהירטע קאָנפֿיגוראַציע פֿון אידעען־פֿורעמס און טוונג־פֿורעמס וועלכע האָבן אומענדלעך פֿאַרשיידענע באַטײַטן פֿאַר פֿאַרשיידענע יחידים אין דעם קיבוץ".

אָט אַזוי האָט זיך אונדז, פֿון אַן אַנדער אויסבליקפּונקט, איבער אַ נײַס אַנטפּלעקט דער כּלל־גדול, אַז יחיד און קיבוץ לאָזן זיך ניט אָפּטיילן. יחידים און קיבוץ זײַנען נאָר פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון איינס, אַזוי ווי מיליטער־לייט און אַרמיי, אָדער מיטגלידער און פּאַרטיי, אָדער תּלמידים און קלאַס. ניטאָ קיין אַנדער וועג צו פֿאַרשטיין קולטור־פּראָצעסן אין אַ קיבוץ ווי דורך אויספֿאָרשן די לעבנס־פּראַקטיק פֿון מיטגלידער פֿון אָט דעם קיבוץ. ניט נאָר די פּערזענלעכקייט פֿונעם יחיד, נאָר אַפֿילו די קולטור ווי אַ גאַנצהייט איז צוטריטלעך פֿאַרן פֿאָרשער נאָר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל זי איז אויסגעדריקט אינעם אויפֿפֿיר פֿון אירע טרעגער. צו ניצן די ווערטער פֿונעם שיקאַגער סאָציאָלאָג ראָבערט ע. פּאַרק: „מיר מוזן אויספֿאָרשן די פּערזענלעכע לעבנס־פּראַקטיק פֿון יחידים אויף צו געפֿינען דעם אָפּשטאַם און די באַטײַטן פֿון אונדזער קולטור־געבײַ"[59].

איך וואָלט ניט וועלן, מען זאָל אָפּלערנען פֿון דער אַ דיסקוסיע, אַז מיר מאַכן אַוועק מיט דער האַנט יענעם מין שטודיעס וואָס מיר האָבן אין קאַפּ׳ 2 אָנגערופֿן קווערשניטיקע. אַדרבא, די יוגנט־פֿאָרשונג פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט שליסט אײַן אין איר פּלאַן אַ סך קווערשניטיקע שטודיעס, און וואָס

[58] Sapir, E. The Emergence of the Concept of Personality in a Study of Cultures. In: The Journal of Social Psychology 5 (1934), pp. 408—415.

[59] מער באַריכות וועגן דעם אין צווייטן טייל, אין קאַפּיטל: „די גאַנצע סיטואַציע און דער גאַנצער מענטש".

מער אונדזער אַרבעט וועט זיך אַנטוויקלען, אַלץ מער וועט וואַקסן זייער צאָל[60]. די פֿראַגע איז נאָר וועגן דעם, וואָס און ווען: ווען דאַרפֿן מיר ניצן דעם לעבנסשניט און ווען דעם קווערשניט, און וואָס איז בכּוח צו געבן דער און יענער מעטאָד. וועגן דעם וועלן מיר ריידן בפּרוטרוט אין דעם צווייטן טייל פֿון דעם בוך, וואָס צו אים גייען מיר איצט אַריבער. דאָרטן וועט געגעבן ווערן אַן אַנאַליז פֿון די פֿאַרשיידענע מעטאָדן וואָס קענען אָנגעווענדט ווערן ביים פֿאָרשן די פּראָבלעמען פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט: די סטאַטיסטיק וואָס געניסט פֿון אַלגעמיינע ציילונגען; די סטאַטיסטיק וואָס ניצט ספּעציעלע אַנקעטעס און טעסטן; די סאָציאָגראַפֿישע באַשרײַבונג, און צום סוף די „פּסיכאָגראַפֿיע" וואָס שטרעבט געוווּיר צו ווערן וואָס מער פֿאַקטן וועגן געציילטע יחידים, כּדי אַזוי אַרום צוצוקומען דורך דעם טויער פֿון די ביאָגראַפֿישע פּרטים צום עיקר—צום פּסיכישן עלעמענט.

אין דריטן טייל ענדלעך, ווען מיר וועלן שוין האָבן דעם מעטאָדישן צוגאַנג, וועלן מיר פּרווון באַשטימען, אין וואָס עס באַשטייען די ספּעציפֿישע פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער יוגנט, און דערגרונטעווען זיך צו זייערע סאָציאַלע און פּסיכישע וואָרצלען.

ניט אַבסאָלוט אַלע מאָל מיינט ספּעציפֿישקייט באַצוולטקייט. עס קען זײַן, אַז ייִדישע מאַמעס באַלעווען אין דורכשניט זייערע קינדער מער ווי ניט־ייִדישע און אַז אַ ייִדישער סטודענט וואָס ווערט פֿאַרוואָגלט ערגעץ אין אַן איטאַליע האָט פֿאָרט מער אָנשפּאַר איידער, כּאַפּ איך אָן, אַ רוס פֿון די עמיגראַנטן, ווײַל עס זײַנען פֿאַראַן „אַחינו בני ישראל" וואָס העלפֿן אים ווען עס איז אויס אין אַן עת־צרה. אָבער דאָס רובֿ, פֿאַרשטייט זיך, איז די ספּעציפֿישע סיטואַציע פֿון אונדזער יוגנט אידענטיש מיט ספּעציפֿישע שווערקייטן—עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, פּסיכישע.

ווען איך זאָג ספּעציפֿישע שווערקייטן, האָב איך זיך שוין באַוואָרנט קעגן דער טענה, אַז איך מיין כּלומרשט, אַז יעטווידער ניט־ייִדישער יוגנטלעכער איז געבוירן געוואָרן אין אַ העמדל. אָבער אַז דער ייִדישער יוגנט קומט אויס צו שלאָגן רעקאָרדן אויף איר לעבנסוועג, דערין איז דוכט זיך קיין ספֿק ניטאָ. צו די אַלגעמיינע לאַסטן וואָס עס טראָגט אויף זיך די יוגנט, און ספּעציעל דער נאָך־מלחמהדיקער דור, קומט נאָך צו אַ ספּעציעלע ייִדישע באַלאַסטיקונג.

---

60 אין דעם מאָמענט ווען איך שרײַב די שורות זײַנען שוין בײַ אונדז פֿאַרטיק, אָדער אין צוגרייטונג צום „אַנד אַזויגע אַרבעטן: דרײַ באַשרײַבונגען פֿון ייִדישע שטעטלעך (איינס אין צפֿון־מיזרח, צוויי אין דרום־מיזרח פֿון פּוילן), מיט דער יוגנט אין צענטער; צוויי אַרבעטן וועגן דעם קינדערשן לייענען אין ווילנע; די פֿאַרשיידענע טיפּן ייִדישע שולן; אַ באַשרײַבונג פֿון אַ חלוצישער אָרגאַניזאַציע; שטודיעס וועגן קינדערשער פֿאַרברעכערישקייט בײַ ייִדן אין פֿאַרשיידענע שטעט; אַ שטודיע וועגן פֿאַנטאַזיע בײַ ייִדישע קינדער; די ייִדישע יוגנט־פּרעסע; דאָס אַרײַנדרינגען פֿון ספּאָרט אין ייִדישן לעבן; דאָס ייִדישע קינד אין דער פֿאַמיליע; רעליגיעזקייט און אַנטירעליגיעזקייט בײַ דער ייִדישער יוגנט; די ראָלע פֿון אָרגאַניזאַציעס אין לעבן פֿון אונדזער יוגנט; דער וועג צו אַ פּאַך.

נאָך איין וואָרט, איידער מיר גייען אַריבער צום צווייטן טייל. מיר האָבן אויסגעשניטן פֿאַר אונדזער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער פֿאָרש־אַרבעט נאָר איין סעגמענט פֿון ייִדישן קיִבוץ, די יוגנט, מחמת אינעם יונגן דור ווײַזן זיך בולטער אַרויס אַלע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָצעסן און אַלע אַנטוויקלונגען פֿון דער פּערזענלעכקייט. נאָר דאָס מיינט מער ניט, אַז אויף דער יוגנט וועלן מיר אָנשטעלן די פֿולע שײַן פֿון אונדזער רעפֿלעקטאָר. אָבער אַ גרויסער טייל איבערלעבונגען פֿון דער יוגנט אַנטפּלעקן זיך ווי אַ ריס, אָדער ווי אַ קאָמפּראָמיס, צווישן אַלט און יונג; הייסט עס, אַפֿילו ווען מיר זאָלן דאָס געוועז וועלן, וואָלטן מיר אויך ניט געקענט לאָזן אויסער אַכט דעם עלטערן דור און דעם ייִדישן קיִבוץ ווי אַ גאַנצהייט.

II. מעטאָדן

16. זיבן נעגאַטיווע עיִקרים

מיר וואָלטן שוין איצטער געקאָנט צוגיין גלײַך צו אַנאַליזירן די פֿאַרשיידענע מעטאָדן פֿון פֿאָרשן די „פּסיכישע דינאַמיק“, — אַזוי לאָמיר אָנרופֿן די גאַנצע פּסיכישע אַנטוויקלונג פֿונעם יחיד — ווען ניט די נייטיקייט פֿריִער נאָך אָפּצוראַמען פֿון וועג עטלעכע פֿאָרשטעלונגען וואָס פֿאַרשטערן די פּערספּעקטיוו.

טײלווײז וועט דאָס אונדז אָנקומען גאָר גרינג, ווײַל מיר וועלן זיך מערניט דאַרפֿן דערמאָנען געוויסע באַשלוסן, צו וועלכע מיר זײַנען שוין געקומען אין די פֿריִערדיקע קאַפּיטלעך. מיר האָבן אַשטייגער געזען, אַז איידער מיר אַנאַליזירן דעם מאַטעריאַל וועגן דער פּסיכישער אַנטוויקלונג פֿון אַ מענטשן קענען מיר ניט וויסן, וואָס עס איז געווען וויכטיק און וואָס ניט. אין אַן אַנדער אָרט האָבן מיר געשטעלט די פֿראַגע, ווען עס הייבט זיך אָן צו פֿורעמען דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט, און דער קאַטעגאָרישער ענטפֿער, וואָס ער דאַרף כּסדר שטיין פֿאַר אונדזערע אויגן, איז געווען: קיין צו פֿרי איז ניטאָ, און דווקא די פֿריִיִקע קינדהייט, וואָס מען איז נוטה מבֿטל צו זײַן, טראָגט אַרײַן אפֿשר די וויכטיקסטע פּסיכישע עלעמענטן. דער גרענעץ צווישן קינד און דערוואַקסענעם, האָבן מיר ווײַטער אויסגעפֿונען, איז אַ פֿליסיקער: דער איבערגאַנג קומט פֿאָר בהדרגה, און אַפֿילו אין אַ דערוואַקסענעם שטעקן נאָך מאַסן עלעמענטן פֿון „קינדערשקייט“.

אַ פּלאַץ אין אונדזערע באַטראַכטונגען האָט אויך פֿאַרנומען דער עִנין „נאַציאָנאַל“ לגבי „אַלגעמיין מענטשלעך“. קיין פֿולע עצה האָבן מיר זיך ניט געקאָנט געבן, מיר וועלן זיך נאָך דאַרפֿן דערצו אומקערן, אָבער איינס האָבן מיר יאָ דערזען: אַז דער שאַרפֿער גרענעץ צווישן די ביידע באַגריפֿן איז אַן אָפּדוכטעניש.

די אַלע אויספֿירן לאָמיר פֿאַרפֿיקסירן פּונקטנווייז; און היות דאָ גייט וועגן אויסגלײַכן קרומע השגות, בעט זיך צו פֿאָרמולירן דאָס אויף אַ נעגאַטיוון אופֿן:

(1) ניטאָ קיין אײַנגעשטעלטע לכתחילהדיקע מאָס פֿאַר „וויכטיק“ און „ניט וויכטיק“. וואָס עס איז יאָ געווען וויכטיק פֿאַר אַ מענטשן און וואָס ניט, קען מען וויסן נאָר בדיעבֿד, נאָכן אויספֿאָרשן.

(2) ניטאָ קיין אָפּשניט אין דעם מענטשנס לעבן, וואָס זאָל ניט האָבן קיין ווערדע אין זײַן אַנטוויקלונג; ספּעציעל אַ גרויסע ווערדע האָט די פֿריִיִקע קינדהייט.

(3) ניטאָ קיין פֿעסטער גרענעץ צווישן דערוואַקסענער און קינד.

(4) ניטאָ קיין פֿעסטער גרענעץ צווישן נאַציאָנאַל און אַלגעמיין מענטשלעך.

נאָך דרײַ „ניטאָען" מער וועלן אונדז צוקומען, בשעת מיר וועלן אַנאַליזירן די באַגריפֿן־פּאָרלעך:

פֿיזיאָלאָגיש — פּסיכיש,
אינדיווידועל — סאָציאַל,
נאָרמאַל — אומנאָרמאַל.

מיר האָבן אין אַ פֿריִערדיקן אָרט גערעדט וועגן דעם, ווי שווער עס קומט אָן דעם מענטשן זיך אויסצולערנען צו געוועלטיקן איבער זײַן פּענכער און דעם שליסמוסקל פֿון דער גראָבער קישקע. אַ באַשרײַבונג פֿון פּענכער און שליסמוסקל וועלן מיר געוויס זוכן אין פֿיזיאָלאָגיע; אָבער די פֿאָדערונגען פֿון ריינטלעכקייט, וואָס ווערן געשטעלט צום יחיד אין אונדזער געזעלשאַפֿט, און דער וועג ווי אַזוי דאָס אָ קינד לערנט זיך אויס צו באַהערשן זײַנע אָרגאַנען — דאָס איז אַ פּרק סאָציאַלע קולטור, און בכדי די קאָלעקטיווע נאָרמע זאָל ווערן דעם קינדס אייגנס, מוז זי דורכגיין דורך זײַן אינדיווידועלער פּסיכיק. אָפּגעשטאַנענע קינדער זײַנען הינטערשטעליק אין זייער ריינטלעכקייט אויך.

נאָך אַן אַנדער בײַשפּיל: ריידן איז געווענדט אין פֿיזיאָלאָגישע פֿאָרויס־באַדינגען: ס'איז אַ תּנאַי קודם למעשה, אַז עס מוזן זײַן בנימצא די שטימבענדער ווי אַן אינסטרומענט און דער מויל־חלל און נאָז־חלל ווי אַ רעזאָנאַטאָר. אָבער אין דער זעלבער צײַט איז שפּראַך דאָס סאָציאַלסטע אייגנס וואָס מיר פֿאַרמאָגן, און אויסלערנען זיך ריידן די מוטערשפּראַך, פּונקט ווי אַ פֿרעמדע שפּראַך, איז איינס פֿון די קאָמפּליצירטסטע פּסיכישע געשעענישן.

אָדער אַזאַ זאַך. אַז ייִדישע יוגנטלעכע ווערן דורכשניטלעך מיט אַ יאָר פֿריִער סעקסועל צײַטיק, איז אַ פֿיזיאָלאָגישער פֿאַקט; נאָר צי קען געמאָלט זײַן, אַז דאָס זאָל ניט ברענגען צו אַן ערנסטן פּסיכישן חילוק, לכל־הפּחות אין עלטער פֿון צײַטיקונג? און בכלל: נאָרמאַלע סעקסועלע פּראַקטיק איז אָפּהענגיק פֿון דעם פֿיזיאָלאָגישן תּנאַי, אַז געוויסע דריזן זאָלן שוין פֿונקציאָנירן. אָבער פֿון דעם מאָמענט פֿון צײַטיקונג ביז דעם מאָמענט, ווען דאָס דערוואַקסענע סעקסועלע לעבן הייבט זיך פֿאַקטיש אָן, איז פֿאַראַן, לפּחות אין אונדזער געזעלשאַפֿט, אַ גרויסער אָפּשניט מיט יאָרן, אויסגעפֿילט מיט ערנצטע, אָפֿטמאָל ביז גאָר שווערע פּסיכישע איבערלעבונגען. און די פֿאָרם און דער כאַראַקטער פֿון דער דאָזיקער אינדיווידועלער אַנטוויקלונג זײַנען באַשטימט דורך דעם שכר אָדער דורך דער שטראָף, וואָס די געזעלשאַפֿט האָט אײַנגעשטעלט אין אירע דינים און מינהגים.

מיט אַנדערע ווערטער: אַפֿילו אין די פּריוואַטסטע אַקטן פֿון דעם מענטשנס לעבן זײַנען פֿיזיאָלאָגיש און פּסיכיש, אינדיווידועל און סאָציאַל אויפֿגעפֿלאָכטן ניט צו צערײַסן.

בלײַבט אונדז אײַנצוּוואַרפֿן די גרענעץ־סלופּעס צווישן נאָך צוויי געביטן, וואָס מען קוקט אויף זיי ווי אויף היפּוכים. דאָס זײַנען די געביטן פֿון „נאָרמאַל" און „אומנאָרמאַל". די צעטיילונג נאָרמאַל — אומנאָרמאַל איז אפֿשר אַ מאָל גאַנץ

אָנגעלייגט אין דער שפּראַך פֿון אַ גאַנץ יאָר, נאָר אין וויסנשאַפֿט לאָזט זי זיך ניט אויפהאַלטן.

אין די שריפֿטן פֿון אַ גריכישן דענקער פֿון פֿאַר העכער צוויי טויזנט יאָר געפֿינען מיר אַ דיסקוסיע פֿון צוויי פֿילאָסאָפֿן, מאַראָסאָפֿאָס דעם עלטערן און פּראַטאַגאַראַס פֿון אַבדערע, וועגן דער קאָלירן-בלינדקייט פֿון איינעם קסאַנטיאַס:

מאַראָסאָפֿאָס: אָבער זיכער איז קסאַנטיאַס געווען קראַנק, און זיינע מיינונגען וועגן קאָליר האָבן ניט מער ווערדע ווי די מיינונגען פֿון אַ משוגענעם.

פּראַטאַגאַראַס: דו ווערסט ניט פּטור פֿונעם אונטערשייד, וועגן דו רופֿסט עס משוגעת און קראַנקייט. וואָרעם ווי אַזוי וועסטו דעפֿינירן דעם מהות פֿון משוגעת און קראַנקייט?[1]

ביז היינטיקן טאָג איז מען נאָך ניט אין שטאַנד צו געבן אויף דער פֿראַגע אַן ענטפֿער וואָס זאָל באַפֿרידיקן. עדוואַרד גלאָווער, אַ באַרימטער ענגלישער פּסיכיאַטער, האָט געפּרוּווט געבן אַזאַ פֿאָרמל:

„נאָרמאַל איז אַ מענטש וואָס איז פֿריי פֿון סימפּטאָמען, וואָס איז ניט געשטערט דורך קיין פּסיכישן קאָנפֿליקט און ווייזט אַרויס גענוג אַרבעט-פֿעיִקייט, און דערצו איז ער פֿעיִק ליב צו האָבן עמעצן חוץ זיך אַליין”[2].

ס'ווייזט אויס צו זיין, פֿון פּראַקטישע צוועקן וועגן, זייער אַ גוטע דעפֿיניציע. אָבער נעמט מען דאָס אַ ביסל גענויער, פֿאַרפֿלאָנטערן מיר זיך דאָ אויך אין דעם מחברס אייגענע שטריק. פֿריי פֿון סימפּטאָמען? גוט, אָבער ביז וואָס פֿאַר אַ מדרגה? בייסן די נעגל, אָדער קראַצן זיך דעם קאָפּ, אָדער דרייען דעם האַלדז גלייך דער קאָלנער וואָלט געווען צו ענג זיינען אַלץ נעוראָטישע „סימפּטאָמען”; נאָר אונדזערע נאָענטסטע מיטמענטשן קענען ליידן פֿון די סימפּטאָמען, אָבער זיי אַליין וועלן אפֿשר אַפֿילו ניט וויסן דערפֿון און אונדז וועט דאָס ניט אַרן, ווייל ניט געקוקט אויף זייער בייסן די נעגל זיינען זיי דורכויס אין שטאַנד צו פֿאַרנעמען זייער פּלאַץ אין לעבן. „גענוג אַרבעט-פֿעיִקייט”—גענוג אויף וואָס? פֿאַראַן מאַסן מענטשן וואָס ווערן זייער גיך מיד, זיי ציִען זיך צוריק פֿון געזעלשאַפֿט, נאָר דאָס וויכטיקסטע אויף אויפֿצוהאַלטן זייער עקסיסטענץ טוען זיי יאָ, הגם מיט גרויס אָנשטרענגונג. און ענדלעך זיינען פֿאַראַן מאַסן עגאָיִסטן, אויף וועלכע מען קען בפֿירוש זאָגן, אַז זיי האָבן ליב נאָר זיך אַליין, און פֿונדעסטוועגן וועלן מיר זיי ניט אויסמעקן פֿון דעם צעטל נאָרמאַלע. מען ליידט טאַקע פֿון זיי, אָבער עס איז נאָך צו דערליידן. ווען דערגייט עס צו אַזאַ פּונקט, אַז ס'איז שוין ניט צו דערליידן? דאָס ווענדט זיך אין דער סיטואַציע און אין דער איבערטראַגעוודיקייט פֿון די מיטמענטשן.

---

[1] פֿילאָנאָוסעס כּאַפּירוסן, פֿון אַרום 370 פֿ"ק. ציטירט לויט:

White, W. A. Mechanisms of Character Formation. New York 1916.

[2] Glover, Edward. Medico-Psychological Aspects of Normality. In: British Journal of Psychology 23,2 (October, 1932), pp. 152—166.

אין גלאָוועס פֿאָרמל וואָלט מען דעריבער פֿון פּינקטלעכקייט וועגן געדאַרפֿט אַרײַנטראָגן קאָרעקטיוון. מען וואָלט געדאַרפֿט שרײַבן: „לפּי-ערך פֿרײַ פֿון סימפּטאָמען", „אַ געוויסע אַרבעטס-פֿעיִקייט", „...פֿעיִק פֿיל-ווייניק ליב צו האָבן עמעצן חוץ זיך אַליין". דערמיט זײַנען מיר אָבער דערגאַנגען צו אַ רעלאַטיווער אײַנשאַצונג, און גלאָווערן דאַרף מען ניט לערנען, אַז אַזוי איז דאָס; ער אַליין שרײַבט אין יענעם אַרטיקל:

„ביי יעדן פּרווו איינצושטעלן אַן אַבסאָלוטע מאָס פֿאַר נאָרמאַלקייט באַגע-גענען מיר זיך מיטן פֿאַקט, אַז דער באַגריף האָט ניט קיין שאַרף געשניטענעם ברעג".

בשעת עס איז אין אַ פֿריִערדיקן קאַפּיטל געקומען צו רייד וועגן סעקסועלע פּערווערסיעס[3], האָבן מיר געזען, אַז דאָס וואָס מען רעכנט בײַם דערוואַקסענעם פֿאַר „אַראָפּ וועג", איז בײַם קינד אין גאַנצן אין אָרדענונג. הייסט עס, געגעטיש זײַנען די צוויי ענג פֿאַרבונדן. אויך אין פֿאַרשיידענע צײַטן גילטן פֿאַרשיידענע נאָרמעס: אין אַלקיביאַדעסעס תּקופֿה איז האָמאָסעקסואַליטעט געווען באַלד נאָרמאַל. און ס'האָט אַ פּנים, אַז שוין ניט פֿאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אויך שטאַרק געביטן די אָפּשאַצונג פֿון „געשטערטקייט" אָדער „גערירטקייט", אויב דאָס פֿאָלק האָט געמאַכט די איראָנישע פֿעסטשטעלונג, אַז „אַמאָל איז מען געווען משוגע, היינט איז מען נערוועזיש". און אַזוי ווי דער חילוק פֿון תּקופֿה ביז תּקופֿה, אַזוי איז אַ חילוק פֿון קולטור ביז קולטור: בײַם דורכשניטלעכן אייראָפּעער וועלן אויסקומען אומנאָרמאַל די פּובערטעט-צערעמאָניעס פֿון אַ סך פּרימיטיווע שבֿטים, און בײַ זיי ווידער וועלן אויסקומען משונה אַ סך געהייליקטע אײַנפֿירן פֿון אונדזער ציוויליזאַציע. מיר וועלן זיך דערמאָנען, וואָס מיר האָבן גערעדט מיט אַ קאַפּיטל פֿריִער[4] וועגן דעם באַטײַט פֿון אַן אויפֿפֿיר-פֿורעם.

אַנדערש גערעדט הייסט דאָס: די באַגריפֿן נאָרמאַל און אומנאָרמאַל ליגן אויף איין לויפֿיקער ליניע, און דער אונטערשייד איז נאָר אין גראַד אָדער אין אָפּשאַצונג. אַפֿילו אין איין תּקופֿה און אין איין קולטור קען אויך בײַ איינעם אַראָפּגיין פֿאַר נאָרמאַל דאָס, וואָס אַ צווייטנס אָרומיקע וואָלטן פֿאַררעכנט פֿאַר אומנאָרמאַל. אַלץ איז געווענדט אין דעם, וואָס מיר מאַכן אָפּ צו רופֿן „נאָרמע". דער אַמעריקאַנער דזשאָן דאָלאַרד זאָגט טאַקע, אַז דער ערשטער טריט בײַם שטעלן דעם דיאַגנאָז פֿון אַ גײַסטיקער קראַנקייט איז דאָס, וואָס דער קאָלעקטיוו נעמט איזאָלירן און אָפּשטויסן דעם קראַנקן[5].

דאָס איז אַלץ ניט קיין פּילפּול, נאָר זייער אַן ערנצטער ענין; בשעת מיר וועלן האָבן צו טון מיט די אָביעקטן און מעטאָדן פֿון פֿאָרשונג, וועלן מיר מוזן צוריק קומען צו די באַשלוסן פֿונעם איצטיקן קאַפּיטל. דערווײַל גיבן מיר צו נאָך דרײַ מסקנות צו די פֿריִערדיקע פֿיר, דהײַנו:

---

[3] ז' 43 א"ו. [4] ז' 63 א"ו.

[5] Dollard, John. The Psychotic Person Seen Culturally. In: American Journal of Sociology 39,5 (March, 1934), pp. 637–648.

(5) ניטאָ קיין פֿעסטער גרענעץ צווישן פֿיזיאָלאָגיש און פּסיכיש.
(6) ניטאָ קיין פֿעסטער גרענעץ צווישן אינדיווידועל און סאָציאַל.
(7) ניטאָ קיין פֿעסטער גרענעץ צווישן נאָרמאַל און אומנאָרמאַל.

17. דער סטאַטיסטישער מעטאָד

מיט וואָסערע מעטאָדן זאָלן מיר צוגיין צו דער „פּסיכישער דינאַמיק“, כּדי זי צו דערקענען און — שפּעטער צו — אפשר זי צו בײַטן?

מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אין אַ משך פֿון עטלעכע דורות, אַז עס איז פֿאַראַן אַ סוביעקטיווער און אַן אָביעקטיווער צוגאַנג צו זאַכן; אָביעקטיוו, האָט מען אונדז אײַנגעוויגט, איז בעסער ווי סוביעקטיוו, און די אָביעקטיוויסטע פֿון אַלע אָביעקטיווע וויסנשאַפֿטן איז סטאַטיסטיק. וואָס קען זײַן נאָך בעסער פֿון צאָלן, וואָס קען זײַן נאָך זיכערער ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר? אָטאָ בויער האָט אַמאָל געשריבן וועגן דעם צוזאַמענבונד פֿון דער מעסטנדיקער וויסנשאַפֿט מיט דער סטרוקטור פֿון הײַנטיקן ווירטשאַפֿטלעכן סדר. קעטלע, תּחילת אַליין אַן אַסטראָנאָם, האָט פּונקט מיט הונדערט יאָר צוריק[6] דורכט זיך צום ערשטן מאָל געפּרוווט סיסטעמאַטיש דורכפֿירן דעם געדאַנק, אַז די טעאָריע פֿון מיסתּמאדיקייט לאָזט זיך אָנווענדן אויף מענטשלעכן אויפֿפֿיר אויך. פֿאַר וואָס זאָגט מען אויף איין מענטשן, אַז ער איז מוטיקער איידער אַן אַנדערער? ווײַל מען האָט ביידן אָבסערווירט אין זייערע טוונגען. למשל בײַם ערשטן האָבן מיר דורכן יאָר אָנגעציילט 500 מוטיקע טוונגען און בײַם צווייטן מער ניט 300. אָדער מיר ווילן אויסגעפֿינען, צי אין יעדן עלטער טראַכטן מענטשן אין דער זעלבער מאָס וועגן דעם וואָס מאָרגן וועט זײַן; גיבן מיר אַ קוק אין די מאַטעריאַלן פֿון די אַסעקוריר-געזעלשאַפֿטן און פֿון די שפּאָרקאַסעס. קעטלע פֿאָרמולירט דאָס אַזוי:

„מיט די גײַסטיקע פֿעיִקייטן איז בערך אַזוי... ווי מיט די פֿיזישע; מען קען זיי אײַנשאַצן אָנכעמענדיק, אַז זיי שטייען אויך אין אַ פּראָפּאָרציע צו זייערע ווירקונגען“.

אַ ביסל פֿריִער שרײַבט ער:

„פֿאַראַן אַ בודזשעט וואָס ווערט באַצאָלט מיט אַ מאָוימדיקער פּינקטלעכקייט; דאָס איז דער בודזשעט פֿון די תּפֿיסות, גאַלערעס און עשאַפֿאָטן“.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע ריי אויספֿאָרשונגען וואָס ווערן פֿאַראייניקט אונטערן שותּפֿותדיקן קעפּל מאָראַל-סטאַטיסטיק. מען נעמט דעם מאַטעריאַל וואָס די אַלגעמיינע פֿאָלקסציילונגען שטעלן צו און מען געפֿינט אויס רעגלמעסיקייטן אין פּרט פֿון שטאַרביקייט, קרימינעלקייט, אומגעזעצלעכע קינדער אאַז״וו.

פֿון דער דאָזיקער סטאַטיסטיק האָט מען געוואָלט מאַכן אַ סיסטעמאַטישע כּמותדיקע, ד״ה פּינקטלעכע וויסנשאַפֿט וועגן דער געזעלשאַפֿט. אָנגעהויבן האָט

[6] Quetelêt, Adolphe. Physique sociale. Bruxelles 1835

זיך דאָס דוכט זיך אין דײַטשלאַנד, און ס'איז אַריבער קיין אַמעריקע, ווו מען קען הײַנט הערן פֿון אַ היפּשן קרײַז סאָציאָלאָגן, אַז פֿאַר דער פֿאָרשונג האָט אַ ווערדע נאָר דאָס וואָס לאָזט זיך אויסדריקן אין ציפֿער[7]. וויסנשאַפֿטלעכער מעטאָד = קוואַנטיטאַטיווער מעטאָד. וויסנשאַפֿט, זאָגט אַזאַ שטאָלצער סטאַטיסטיקער ווי לונדבערג, איז די טעכניק פֿון אַרויסברענגען וויסן וועגן עפּעס אַ טיפּ דערשײַנונגען אין אַלוועלט און פֿון אָנווענדן דערנאָך דאָס דאָזיקע אַרויסגעבראַכטע וויסן פֿאַר די צוועקן פֿון פֿאָרויסזאָגונג און פֿון קאָנטראָל. „דער סטאַטיסטישער מעטאָד, שרײַבט ער ווײַטער, איז יעדנפֿאַלס דער אײנציקער מעטאָד, וואָס מיט זײַן הילף קען מען אויפֿדעקן טיפּן און קלאַסיפֿיצירן אַ גרויסע צאָל פֿאַלן". הייסט עס בכדי צו ווערן וויסנשאַפֿטלעך, דאַרף די סאָציאַלע וויסנשאַפֿט אויפֿקלײַבן אַזאַ פֿאָרש-מאַטעריאַל וואָס לאָזט זיך באַהאַנדלען סטאַטיסטיש.

ענלעכע געדאַנקען לאָזן זיך הערן אין דער הײַנטיקער פּסיכאָלאָגיע, וואָס אַ היפּשער טייל פֿאָרשטייער אירע רירן זיך ניט פֿון אָרט אָן דער גאַנצער מאַשינעריע פֿון סטאַטיסטישער טעכניק. „אַלץ וואָס עקסיסטירט, עקסיסטירט אין סכומען", זאָגט טאָרנדײַק, און דערפֿון דאַרף זײַן געדרונגען, אַז אַלץ לאָזט זיך אויסדריקן אין ציפֿער.

אָבער מיושבֿדיקע סטאַטיסטיקער גופֿא וועלן געוויס צום ווינציקסטן קלײַבן נחת פֿון אָט דעם קוק, אַז וואָס עס איז אַרויסגעבראַכט אין צאָלן איז וויסנ-שאַפֿטלעך און מחוץ צאָלן איז קיין וויסנשאַפֿט ניטאָ.

די ערשטע באַגרענעצונג וואָס מיר מוזן אײַנשטעלן איז, אַז אויף צו מאַכן אַן אויספֿיר איז איין צאָל ווינציק; מיר דאַרפֿן האָבן לכל-הפּחות צוויי.

„אַן עיקרדיקע פּראַקטישע נוץ פֿון סטאַטיסטיק איז צו ווײַזן די רעלאַטיווע ווערדע, — זאָגט איינער פֿון די גרויסע סטאַטיסטיקער פֿון הײַנטיקן טאָג, דער ענגלענדער באַולי. סטאַטיסטיק איז כמעט אַלעמאָל פֿאַרגלײַכיק. אַ מיטטיילונג וועגן דער צאָל בעטלער אין גרויס-בריטאַניע איז ווערטלאָז, סײַדן מיר ווייסן די אַלגע-מיינע צאָל באַפֿעלקערונג... בײַ די מערסטע סטאַטיסטישע שאַצונגען ווײַזט זיך אַרויס, אַז מיר דאַרפֿן האָבן נאָך אַ גרייס צום פֿאַרגלײַכן איידער מיר קענען דערגיין די ווערדע פֿון דער ערשטער גרייס"[8].

דער שיקאַגער פּראָפֿעסאָר בורדזשעס גיט צו, ציטירנדיק באַולין, נאָך אַ פּאָר אילוסטראַציעס[9]:

---

[7] פֿאַרגלײַך אַשטײגער:

Lundberg, G. A. Social Research. N. Y. 1929. 308 pp.

אַ קורצע, אָבער טרעפֿיקע קריטיק אויף לונדבערגס בוך האָט געגעבן רעדפֿילד אין American Anthropologist 33 (1931) 1, זז׳ 106—107.

[8] Bowley, Arthur L. Elements of Statistics[5]. London 1926, p. 7.

[9] Burgess, Ernst W. Statistics and Case Studies. In: Sociology and Social Research 12,2 (November—December 1927), pp. 103—120.

עס איז פֿאַר אונדז ווינציק וואָס געדרונגען פֿון דער פֿעסטשטעלונג, אַז אין 1924 זײַנען פֿאַרשריבן געוואָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן 1,178,318 חתונות. אָבער די צאָל לאָזט אונדז הערן זייער פֿיל בשעת מיר דערוויסן זיך, וויפֿל בחורים און מיידלעך אין חתונה-עלטער עס זײַנען געווען יענעם יאָר אין לאַנד און וויפֿל גטן מען האָט אָנגעציילט יענעם יאָר. און וואָס מער פֿאַרגלײַכן עס לאָזן זיך צײַען, אַלץ מער לערנען מיר פֿון סטאַטיסטיק. אַשטייגער אַזאַ איזאָליר-טער פֿאַקט, אַז אין 1870 זײַנען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן געווען 28 גטן אויף 100,000 אײַנוווינער, ווערט אַ סך באַטײַטיקער ווען מיר ווערן געוווּיר, אַז דער פּראָצענט גטן האָלט זיך פֿון יעמאָלט אָן אין איין פֿאַרגרעסערן און איז אין 1924 שוין געווען דערגאַנגען ביז 154 אויף 100,000,—דאָס הייסט אַז פֿאַר 54 יאָר איז די מאָס גטן אויסגעוואַקסן אין פֿינפֿן.

פֿאַר וואָס איז וויכטיק די צאָל גטן? די געזעלשאַפֿט, ווייסן מיר, קוקט קרומלעך אויף געגטע מענער און, נאָך מער, אויף געגטע פֿרויען. דאָס ברענגט דערצו, אַז אַ פֿאַרפֿאָלק וואָס שטימט ניט צווישן זיך כאַפּט זיך ניט באַלד צום לעצטן מיטל, צום גט. אויב עס זײַנען פֿאַראַן קינדער, איז דאָס נאָך אַ טעם מער אײַנצוהאַלטן די פֿאַרבינדונג. איז אויב אונטער אַזוינע אומשטאַנדן איז די מאָס גטן פֿונדעסטוועגן שטאַרק אויסגעוואַקסן, מיינט דאָס, אַז דער צוזאַמענהאַלט פֿון דער פֿאַמיליע איז הײַנט אַ סך שוואַכער איידער מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. אויב מיר ווען נאָך אַרײַננעמען אין קאָן דאָס פּשוטע אָװעקװאַרפֿן די פֿאַמיליע (וואָס אין אַמעריקע רופֿט מען עס: „דעם אָרעמאַנס גט"), ווען מיר באַקומען נאָך אַ בעסערן אינדעקס פֿון די געביטענע סאָציאַלע באַדינגונגען. מיר האָבן אויסגעפֿונען אַ סאָציאַלע טענדענץ.

די צווייטע באַוואָרעניש, וואָס דאַרף איצט געמאַכט ווערן, איז: די טענדענץ איז שייך בלויז צום כּלל; אָבער דער כּלל באַשטייט ניט פֿון איינציקע אַטאָמען, וואָס אויף יעדערן פֿון זיי איז די טענדענץ חל. טענדענץ איז אַן אָנצוהערעניש אויף דורכשניט. באַולי זאָגט טאַקע קלאָר און שאַרף: „סטאַטיסטיק מעג מען אָנרופֿן די וויסנשאַפֿט וועגן דורכשניטן". דאָס האָט ניט געוווּסט יענע אירלענדערין אין ניו-יאָרק, וועלכע איז געקומען צו איר גלח בעטן אַ דערלויבעניש אויף אָן אָבאָרט, און ווען דער גלח האָט אַ צעקאָכטער געפֿרעגט, וואָס עס ברענגט זי צו אַזאַ זינדיקער מחשבֿה, האָט זי געענטפֿערט: „איך וויל ניט האָבן קיין ייִד אין דער משפּחה. איך האָב געלייענט, אַז יעדער פֿערט קינד וואָס ווערט געבוירן אין ניו-יאָרק איז אַ ייִד, און דרײַ קינדער האָב איך שוין". אָבער גענוג אָפּט באַגעגנט זיך אַזאַ אומוויסנשאַפֿטלעכקייט בײַ מענטשן, פֿון וועלכע מיר ריכטן זיך אַ סך מער קריטישקייט איידער פֿון יענער פֿרומער קאַטוילין. אַט גיט ריכלינסקי אַזאַ געמעל[10]:

---

[10] דצ״וו ז׳ 43.

„אַ סך דורכשניטלעכע סטאַטיסטישע געגעבענע פֿאַר די צענטראַלע וואָיעוואָדשאַפֿטן (פֿון פּוילן) דעקן זיך מיט די דורכשניטן פֿאַר גאַנץ פּוילן. דאָס איז שווער צו אַזוינע עיקרדיקע עיניניִם ווי די גרייס פֿון די דאָרפֿישע ווירטשאַפֿטן, די ווירן־באַדינגונגען, די מאָס פֿון באַפֿעלקערונג־צוּוואַקס און פֿיל אַנדערע. נו, צי קען מען זאָגן, אַז דאָס געוויזענע קאָנגרעס־פּוילן איז אין וועלכן עס איז פּרט רעפּרעזענטאַטיוו? מער ניט ווי אויפֿן פּאַפּיר, מחמת די סטאַטיסטישע מאַסעס פֿאַר פֿאַרשיידענע טיילן לאַנד ניוועלירן זיך איינע די אַנדערע. דאָס איינענע קען זיך טרעפֿן, אַז עפּעס אַ דאָרף זאָל לויט די סימנים פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכן סדר, לויט די באַפֿעלקערונג־פֿאַרהעלטענישן אאַז״וו סטאַטיסטיש זײַן געגליכן צום גאַנצן פּאָוויאַט, און אין דער אמתן זאָל עס זײַן גאָר ניט קיין רעפּרעזענטאַטיווער דאָרף; מיר וועלן זיך אַפֿילו ניט חידושן, אויב בײַם נעענטערן באַקענען זיך וועט זיך דער דאָרף אַרויסווײַזן פֿאַר אַ יוצא מן הכּלל״.

האָבן מיר שוין הייסט עס צוויי באַוואָרעניִשן. איצטער קומט אַ דריטע, און אויך גאָר אַ וואָגיקע. אַז מיר האָבן שוין אויסגעפֿונען די סאָציאַלע טענדענץ, איז דאָך דאָס ערשט דער אָנהייב פֿון דער פֿאָרשונג. אינטערעסירן אינטערעסירט דאָך אונדז ניט נאָר די טענדענץ, נאָר דער עיקר אירע סיבות. דאָ קומט צו גיין דער סטאַטיסטיקער און ווײַזט אויף די קאָרעלאַציעס צווישן צוויי וואַריאַבלע גרייסן. ער נעמט אַשטייגער פֿאַרגלײַכן די מאָס גטן מיט דער קינדערלאָזיקייט וואָס שפּרייט זיך אויס. דאָ האָט שוין דער פֿאָרשער אַ היפּאָטעז וואָס ער פּרוּווט דערווײַזן. אָבער אַפֿילו אויב עס ווערט אויסגעפֿונען אַ פּאָזיטיווע קאָרעלאַציע, איז נאָך אַלץ קיין ראַיה ניט, אַז ס׳איז אַ סיבּותדיקע באַציִונג. צו נעמען למשל דעם בײַשפּיל וואָס יול (Yule), אַליין אַ סטאַטיסטיקער, ברענגט אויף צו וואָרענען פֿון כאַפּיקע אויספֿירן. אין די יאָרן 1866—1911 איז די שטאַרביקייט אין ענגלאַנד געפֿאַלן אין דער זעלבער מאָס ווי די צאָל חתונות וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין דעם אַנגליקאַנישן קלויסטער. וואָס זשע איז דערפֿון געדרונגען? גאָר ניט מיט גאָר ניט. יעדערער וועט זאָגן: ס׳איז אַ צופֿעליקער צוזאַמענטרעף פֿון פֿאַקטן.

18. די אָנווענדלעכקייט פֿון סטאַטיסטיק

בשעת די זאַך איז אַזוי דורכזיכטיק ווי אין דעם אָ פֿאַל, זײַנען די סטאַטיסטיקער די ערשטע מתרה צו זײַן אַנטקעגן דעם וואָס מען קען אָנרופֿן: צונויפֿפֿירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. אין דעם פֿריִער ציטירטן ווערק שרײַבט באַולי:

„סטאַטיסטיק איז די וויסנשאַפֿט פֿון מעסטן דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם באַטראַכט ווי אַ גאַנצהייט, אין אַלע זײַנע אַרויסווײַזונגען״,

און קאָמענטירנדיק אים, שטרײַכט בוירדזשעס ספּעציעל אונטער די ווערטער: „באַטראַכט ווי אַ גאַנצהייט״. סטאַטיסטיק האָט אַ באַטרעף, אויב זי מעסט עפּעס אַ נאַטירלעכע איינהייט. ס׳האָט זיך למשל אַרויסגעוויזן אין אַמעריקע—און דאָס נעמלעכע מוז זיך אַרויסווײַזן אין יעדן לאַנד אין דער וועלט—אַז פֿירן אין אַ שטאָט סאָציאַלע סטאַטיסטיק לויט פּאָליציייִשע דיסטריקטן (קאָמיסאַריאַטן,

צירקלען) גיט אין גאַנצן אַ קרום בילד. די פּאָליציייִשע אײַנטיילונג מעג זיך זײַן גוט פֿאַר אַדמיניסטראַטיווע צוועקן, אָבער דאָס רובֿ רעכנט זי זיך ניט מיטן אָרגאַנישן וווּקס פֿון דער שטאָט, זי צעשנײַדט די נאַטירלעכע גרופּירונגען וואָס האָבן זיך געשאַפֿן דורך צענדליגער און אַמאָל דורך הונדערטער יאָרן. אַלזאָ אויב מיר ווילן פֿאַרשטיין סאָציאַלע פּראָצעסן אין אַ ווילנע, כאַפּ איך אָן, וועלן מיר דאַרפֿן פֿאַרגלײַכן ניט דעם ערשטן, צווייטן אאַז״וו קאָמיסאַריאַט, נאָר מיר וועלן נעמען אַזעלכע היסטאָריש געוואָרענע אײַנהייטן ווי נאָוויגאָראָד, שניפּישאָק אאַז״וו.

אָבער ווײַט ניט אַלע מאָל איז די זאַך אַזוי קלאָר. אָט האָט די אַלפּוילישע פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 געוויזן אין ווילנע בײַ 14% ייִדן מיט העברעיִשער מוטערשפּראַך. ווער עס ווייס ניט, וועט דאָס אָננעמען פֿאַר גוט געלט און בויען דערויף אויספֿירן. אָבער אַז מען ווייס יאָ, זעט מען, וואָס פֿאַר אַ האַפּט עס האָבן כּמו אָביעקטיווע פּראָצענט-אויסרעכענונגען. ווײַל די 14 פּראָצענט קענען נאָר זאָגן עדות אויף דעם, אַז די אַגיטאַציע פֿאַר העברעיִש האָט זייער גוט געאַרבעט. דאָס ווידער קען הייסן, אַז דער ציוניסטישער אײַנפֿלוס אין ווילנע איז זייער שטאַרק (איבערהויפּט אין יענע שטאָטטיילן ווו מען האָט אַזוי פֿיל אָנגעוויזן העברעיִש פֿאַר מוטערשפּראַך), אָדער אַז די קינדער וואָס לערנען אין די העברעיִשע שולן האָבן גוט באַאַרבעט זייערע פֿאַמיליעס, אָדער עס קען זײַן דער אויפֿטו פֿון די העברעיִסטן צווישן די ציילערס. אפֿשר זײַנען נאָך געווען אַנדערע סיבות וואָס האָבן געבראַכט צו די 14 פּראָצענט, אָבער איינס ווייס יעטווידער בר-דעת: די 14 פּראָצענט העברעיִשע מוטערשפּראַך צווישן ייִדן אין ווילנע זאָגן גראָד ניט דאָס וואָס אַ דרויסנדיקער מיינט, אַז עס זאָגט. עס איז אַ סימפּטאָם פֿון עפּעס; און דערגרונטעווען זיך צו די סיבות מיט די מיטלען פֿון סטאַטיסטיק גופֿא איז ניט מיגלעך.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, דערציילט בווירדזשעס[11], האָט אַ געלערנטער צוגעשטעלט דער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגישער געזעלשאַפֿט אַ רעפֿעראַט, ווו ער האָט אויסגעחשבונט, אַז חתונה-געהאַטע מאַנצבילן לעבן לענגער איידער אַלטע בחורים. דער רעפֿערענט גופֿא האָט דערפֿון געמאַכט דעם אויספֿיר, אַז חתונה האָבן איז אַ סגולה צו לענגער לעבן. האָט מען אים באַלד געענטפֿערט: טאָמער פֿאַרקערט? אפֿשר איז אַזוי, אַז דער וואָס איז געזינטער (אָדער וואָס שפּירט זיך געזינטער) באַשליסט זיך גיכער חתונה צו האָבן. און איינער אַ ווויצלינג האָט אויסגעשאָסן מיט אַן אייגענער סבֿרא: אפֿשר לעבט גאָר ניט דער באַווײַבטער לענגער, נאָר עס ציט זיך בײַ אים לענגער די צײַט? די ביידע ערנצטע אויסטײַטש-פּרווון צוזאַמען מיטן שפּאַס ווײַזן אונדז, אַז סטאַטיסטיק פֿאַר זיך קען, מיט אירע אייגענע מיטלען, דאָס רעטעניש ניט באַשיידן. אויב בכלל, מוז מען אָנקומען צו אַנדערע פֿאָרש-מעטאָדן.

---

[11] דצ״וו ז׳ 111.

מיר האָבן זיך דאָ אָנגעשטויסן אויף דעם זעלבן עיכּוב ווי פּראָפֿעסאָר הערש אין זײַן אַרבעט וועגן ייִדישער פֿאַרברעכערישקייט אין פּוילן[12], און מיר האָבן געזען, אַז דאָרטן האָט דער סטאַטיסטיקער אויך אַפּעלירט נאָך הילף צו אַנדערע וויסנשאַפֿטן. די סטאַטיסטיק האָט געוויזן, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ פּראָבלעם; אָבער פֿאַרענטפֿערן די פּראָבלעם דאַרף מען אויף אַנדערע וועגן.

ווו זײַנען די סיבות פֿון דעם פֿאַקט, וואָס מיר ייִדן דערגרייכן ניט אין פֿאַרברעכערישקייט די פּראָצענט-נאָרמע וואָס עס קומט אונדז לויט אונדזער חלק אין דער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד? איין ענטפֿער וועט מיסתּמא זײַן: די ייִדישע עטיק איז אַזוי שטאַרק, אַז זי דערלאָזט ניט דעם דורכשניטלעכן ייִדן עובֿר צו זײַן אויפֿן „לא תגנובֿ". אַ האַלבער וויצלינג אָדער אַ גאַנצער אַנטיסעמיט וועט זיך אפֿשר פֿאַרגינען צו זאָגן, אַז די מלוכישע סטאַטיסטיק קען פֿאַרצייכענען נאָר אַזעלכע פֿאַרברעכער וואָס מען האָט געכאַפּט, און ייִדן זײַנען גרעסערע בריות זיך אַרויסצודרייען פֿון די הענט פֿון דער גערעכטיקייט. אָבער אויף וועלכן ענטפֿער מיר זאָלן זיך ניט אָפּשטעלן, פֿירט ער אַלץ אַוועק פֿון סטאַטיסטיק צו דער פֿראַגע וועגן דער ייִדישער פּערזענלעכקייט. ווײַל געשײַטקייט פֿאַר זיך אָדער עטיק פֿאַר זיך וואָלטן דאָך ניט געקענט האָבן קיין ממשות, אויב זיי וואָלטן ניט געווען אויף עפּעס אַ סודותדיקן אופֿן פֿאַרקערפּערט אין יעדן ייִדישן יחיד. ייִדן, ווייסן מיר דאָך, זיינען ניט אין גאַנצן פֿרײַ פֿון פֿאַרברעכנס. אָבער דער שמעלצפּונקט, אַזוי צו זאָגן, בײַ וועלכן זייער ערלעכקייט ווערט צעגאַנגען, איז אפֿנים אַ העכערער. בײַ אַ געוויסער סיטואַציע, ווו אַ ניט־ייִד וואָלט שוין אויסגעשטרעקט די האַנט צו גנבֿענען אָדער צו דערלאַנגען אַ שטאָך מיטן מעסער, האַלט זיך נאָך דער ייִד אײַן. ווי אַזוי? מיט וואָסערע פּסיכישע כּוחות? דאָס איז אַ פֿראַגע פֿון פּערזענלעכקייט־פֿאָרשונג, און די טיפֿערדיקע ידיעות וועגן גאַנצע גרופּעס באַפֿעלקערונג קענען נאָר אַוועקשטעלן פֿאַר אונדז די פּראָבלעם, ניט פֿאַרענטפֿערן זי. סטאַטיסטיק פֿאַר זיך, זאָגט טאָמאַס, ווײַזט אונדז נאָר די סימפּטאָמען פֿון אומבאַקאַנטע סאָציאַלע פּראָצעסן.

בווירדזשעס פֿרעגט די אייגענע קשיה בײַ זײַנע אַמעריקאַנער קאָלעגן-סטאַטיסטיקער:

„ווי אַזוי קען אונדזער באַציִונג צו עפּעס... אויסגעמאָסטן ווערן אין צאָלן? ווי אַזוי קענען די אַזוי גערופֿענע ניט־אָנטאַפּלעכע פֿאַקטן פֿון לעבן, די קוואַליטאַטיווע אַספּעקטן פֿון לעבן באַנומען ווערן דורך אַזאַ רייען אינסטרומענט ווי סטאַטיסטיק? וואָסערע צאָלן קענען מעסטן דעם גראַד ליבע צווישן מאַן און ווײַב, אָדער די נאַטור און די אינטענסיווקייט פֿון אַ פֿאָטערס שטאָלצירן מיט זײַנע קינדער, אָדער קוואַליטעטן פֿון פּערזענלעכקייט ווי סימפּאַטישקייט, געטרײַשאַפֿט, פֿירערשאַפֿט?

---

[12] זע אויבן ז' 17—18.

מיט אַנדערע ווערטער קען מען זאָגן דאָס אייגענע אַזוי: די קוואַנטיטאַטיווע מעטאָדן גיבן זיך אָפּ דער עיקר מיט די דרויסנדיקע אַספּעקטן פֿון מענטשלעכן אויפֿפֿיר; אויף אַראָפּצולאָזן זיך אונטערן אייבערפֿלאַך און צו שילדערן און צו אַנאַליזירן דאָס אינעווייניקסטע לעבן פֿון אַ מענטשן דאַרף מען האָבן אַ מעטאָד וואָס פֿילט זיך מער אַרײַן און קען מער אַרײַנדרינגען אין די פּרטים"[13].

נאָך דײַטלעכער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט קולי אין יענעם אַרטיקל וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט אין קאַפּיטל 2[14]:

„מיר זײַנען אײַנגעוווינט צו טראַכטן, אַז וויסנשאַפֿטלעכע אַקוראַטקייט הייסט מעסטן אין קליינע איינסן פֿון אָרט און צײַט... איך וואָלט ניט וועלן אָפּקילן אַט דעם ברען פֿאַר מעסטונגען, וואָס איז אַזאַ געזונטער שטריך פֿון די נײַערע אַרבעטן. אַ סך אָבסערוואַציעס מוזן זײַן כּמותדיק אויף צו זײַן פּינקטלעך, און די סטאַטיס־טישע פּראָצעסן, וואָס דורך זיי ווערן מיר געוווּיר, צי אַן אָבסערווירטער פֿאַקט איז טיפּיש אָדער ניט, זײַנען בטבֿע כּמותדיק...

אָבער ... מיר מוזן מבֿחין זײַן... מעסטונג איז נאָר איינער פֿון די מינים פּינקטלעכקייט. וואָס קען זײַן מער פּינקטלעך אַלס באַריכט פֿון אָנזיכטיקן אויפֿפֿיר אײדער אַ קינאָבילד? אָבער אַזאַ בילד איז ניט כּמותדיק... אונדזערע פּינקטלעכע אינסטרומענטן דאַרפֿן זײַן פֿון אַזאַ מין, אַז זיי זאָלן פֿאַרצייכענען לעבעדיקע גאַנצהייטן, ניט רעדוצירן זיי צו איינסן אָן לעבן. ווען מיר זאָלן געווען האָבן אַ פֿילם פֿון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, מיט אַ פֿאָנאָגראַפֿישן אַקאָמפּאַנימענט[15], ווי ער פֿירט אָן דעם אַטאַק אויף די ענגלענדער בײַ דזשורמענטאַון, וואָלט דאָס מער צוגעטראָגן צו אונדזער פּינקטלעכן וויסן וועגן אים, איידער אַלע מעסטונגען וואָס מען קען זיך נאָר פֿאָרשטעלן. אײַנעקשנען זיך אויף כּמותדיקייט דאָרט, ווו זי איז ניט אויפֿן אָרט, איז איינער פֿון די קוואַלן פֿון יענער פֿלײַסיקער עקרהדיקייט וואָס איז ניט אַזוי זעלטן אין פֿאַרשיידענע געביטן פֿון פֿאָרשונג".

19. ספּעציעלע ציילונגען

ריידנדיק וועגן דעם פֿונאַנדערפֿאַל פֿון דער פֿאַמיליע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן באַמערקט מאַורער, איינער פֿון די בעסטע קענער פֿון דעם ענין[16], אַז די אָפֿיציעלע ידיעות וועגן די סיבות פֿון גטן האָבן קיין שום ווערט ניט, ווײַל זיי זײַנען באַזירט אויף יורידישע באַגריפֿן, ניט צו לייגן קיין שום אַכט אויף דעם מהות פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן פּראָצעס. די ציילונגען פֿון אַנדערע לענדער זײַנען אין אַ סך פּרטים אַוועק ווײַטער, איידער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, און רעכענען זיך

---

[13] דצ"ו ז' 111—112.

[14] זע אויבן ז' 15, הערה 6.

[15] דאָס איז געשריבן 1922, ווען ס'איז נאָך ניט געווען קיין ריידפֿילם.

[16] Mowrer, E. Family Disorganization. Chicago 1927. 317 pp.

אין זייערע רובריציר־ונגען מער מיט די פֿאָדערונגען פֿון די געלערנטע סטאַטיסטיקער; אָבער פֿונדעסטוועגן הערט מען אַנדערשוווּ אויך גענוג אָפֿט פּראָטעסטן קעגן באַנוצנען זיך בלויז מיטן „אָפּפֿאַל פֿון פֿאַרוואַלטונגס־סטאַטיסטיק”, ווי מען דריקט זיך אויס.

ספּעציעל אין אונדזערע יידישע פֿאַרהעלטענישן קומט אָפֿט מאָל אויס פֿעסט־צושטעלן, אַז די מלוכישע ציילונגען נעמען ניט אין אַכט אונדזערע ספּעציפֿישע יידישע פּראָבלעמען. אין דעם פֿריער דערמאָנטן אַרטיקל האָט ל. הערש אַוועק־געשטעלט דעם פֿאָרשלאָג[17]:

„אפֿשר וואָלט מען געקענט ווירקן אויף דעם פּוילישן סטאַטיסטישן אמט, ער זאָל באַאַרבעטן די סטאַטיסטיק איבער די פֿאַרברעכערס פֿון פֿאַרשיידענע רעליגיעס אויך לויט שטאָט און דאָרף. אויב ניט, וואָלט אפֿשר די וואַרשעווער קאָמיסיע פֿון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע פֿון ייִוואָ באַקומען די אָריגינעלע צייל־קאַרטלעך פֿון די יידישע פֿאַרברעכערס און אַליין זיי באַאַרבעטן לויט שטאָט און דאָרף...”

יעקבֿ לעשטשינסקי גייט נאָך ווײַטער. ער האַלט פֿאַרן הויפּט־חיסרון פֿון אונדזער סטאַטיסטישער אַרבעט, וואָס מיר זײַנען געצוווּנגען, ווי ער דריקט זיך אויס, צו קאָנסומירן סטאַטיסטיק אָנשטאָט זי צו פּראָדוצירן.

אין ספֿק ניט אויף קיין איין מינוט, אַז אַ סך פּראָבלעמען פֿון יידישן לעבן, וואָס זײַנען איצט אין שאָטן, וואָלטן באַלויכטן געוואָרן, ווען די עקאָנאָמיש־סטאַ־טיסטישע סעקציע פֿון אונדזער ייִוואָ זאָל קענען צוקומען צו מאַכן אייגענע ציילונגען. מען מעג אפֿשר מורא האָבן, אַז אויב אַזאַ ציילונג וועט דאַרפֿן אַרומ־נעמען צו אַ גרויסן שטח אָדער צו אַ גרויסע צאָל מענטשן, וועט זי, דורכגעפֿירט מיט פּריוואַטע מיטלען, לײַדן פֿון נאָך מער בלייזן איידער די אָפֿיציעלע מלוכישע ציילונגען. אָבער דאָ קען מען זיך שוין פֿאַרלאָזן אויף די ספּעציאַליסטן, אַז זיי וועלן ניט עובֿר זיין אויפֿן „תּפֿסת מרובה”. די מעטאָדישע גרונטפֿראַגע וואָס מיר דאַרפֿן זיך איצט שטעלן איז אַזאַ:

צי קענען ספּעציעלע ציילונגען געבן פּרינציפּיעל בעסערע רעזולטאַטן פֿאַר דער פּערזענליכקייט־פֿאָרשונג?

מיר ווײַזט אויס, אַז ניט. פּרינציפּיעל איז אַלץ איינס, צי מען האָט „קאָנסו־מירט” סטאַטיסטיק אָדער „פּראָדוצירט” סטאַטיסטיק. מער ווי די ציפֿער קענען זאָגן וועלן זיי ניט אויסזאָגן בײַ קיין שום וועג פֿון קלײַבן מאַטעריאַל.

לאָמיר נעמען ווי אַן אילוסטראַציע דאָס אויפֿהיטן די שפּראַך פֿון דער אַלטער היים בײַ די אימיגראַנטישע קינדער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. וועגן דער טעמע זײַנען פּובליקירט געוואָרן, איבערהויפּט נאָך דער מלחמה, אַ ריי אַרבעטן וואָס זיינען באַזירט אויף אַנקעטעס און אויספֿרעגענישן. עס איז געוויס וויכטיק צו באַקומען דעם פּראָצענט קינדער אין אַ געוויסער שול, אָדער אין

---

[17] דצ״וו, ז׳ 178 הערה.

אַ געוויסער שטאָט, וואָס האָבן אָוועקגעוואָרפֿן די שפּראַך פֿון זייערע עלטערן און צו דערוויסן זיך, אַז בדרך כּלל זײַנען די קינדער פֿון דריטן דור (געבוירענע פֿון שוין אַמעריקאַנער געבוירענע עלטערן) מער אַמעריקאַניזירט אין שפּראַך, איידער דער צווייטער. אויב די סטאַטיסטיקער פֿאַרגלײַכן נאָך חוץ דעם די רעזולטאַטן פֿון עטלעכע נאָכאַנאַנדיקע שולצײַלונגען, אָדער עטלעכע נאָכאַנאַנדיקע ספּעציעלע אויספֿאָרעגענישן, קען מען זאָגן, אַז די ציפֿער האָבן אָפּגעטאָן זייערס דורך אַרויס-ברענגען אָנווײַזיקע צאָלן און דורך אַנטפּלעקן אַ געוויסע קולטור-טענדענץ.

נאָר ווידער אַ מאָל, וואָס מיינט אָט די טענדענץ אין דער רעאַלער ווירק-לעכקייט פֿאַרן יחיד? וואָס קומט פֿאַר אין דעם יחיד וואָס גיט אויף איין שפּראַך לטובֿת אַ צווייטער?

מיט דעם וואָס מיר שטעלן איין קאָרעלאַציעס בנוגע דעם אָפּשטאַמלאַנד האָבן מיר ווייניק וואָס געוווּנען. די פֿראַנצויזישע קאַנאַדער האָבן מער ווי וועלכער עס איז אַנדער קיבוץ אַ נטיה אויפֿצוהאַלטן זייער שפּראַך בשעת זיי ווערן פֿאַר-וואָגלט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אָבער אַ סך דורכרײַסן זײַנען פֿאַראַן אין זייער פֿראָנט אויך. אויף די סקאַנדינאַוויער ווידער זאָגט מען, אַז זיי אַמעריקאַ-ניזירן זיך גרינג, אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט פֿאַרצייכנט אַ פֿאָרשער, אַז אין די „צווילינגשטעט" (מינעאַפּאָליס און סענטפּאָל) האַלטן זיך 41,5 פּראָצענט פֿון זיי יאָ בײַ זייער היימשפּראַך[18]. אויב אַזוי, ווו איז דער שוועל וואָס אַ פֿראַנצוי-זישער קאַנאַדער אָדער אַ סקאַנדינאַוויער דאַרף אַריבערטרעטן, בכדי אָפּצווײַכן פֿון דעם „דורכשניט", אויף וועלכן מען ריכט זיך פֿון אים?

מען פּרוּווט זיך העלפֿן דורך קאָרעלאַציעס מיטן סאָציאַל-עקאָנאָמישן מעמד. אָבער דאָס איז אויך אַ קנאַפּע תּרופֿה, וואָרעם דער באַגריף „סאָציאַל-עקאָנאָמישער מעמד" גופֿא שטעלט זיך צונויף פֿון אַ גרויסער צאָל וואַריאַבלע גרייסן[19].

לאָמיר נעמען אַן אַנדער בײַשפּיל – אַ גרויסע שול-אַנקעטע וואָס ווערט איצטער דורכגעפֿירט, לויט אַמעריקאַנער מוסטער, אין סעוולושער קרײַז אין קאַרפּאַטן-רוסלאַנד. אַ פּרעסע-באַריכט וועגן דעם ענין גיט איבער:

„אַ ברייט פֿאַרמאָסטענע אַנקעטע וועגן דעם קאַרפּאַטן-רוסישן קינד ווערט איצטער דורכגעפֿירט אין סעוולושער שולקרײַז וואָס נעמט אַרום אַ 10,000 קינדער פֿון קאַרפּאַטן-רוסישער, מאַדיאַרישער און ייִדישער נאַציאָנאַליטעט. די אונטערנעמונג וואַקסט פֿון דער איניציאַטיוו פֿון שול-אינספּעקטאָר אַ. באַרטאָש און לערער אַ. כּראַפּעק, און אירע רעזולטאַטן דאַרפֿן זײַן דער באַזיס פֿאַר רעפֿאָרמירן דאָס קאַר-פּאַטן-רוסישע שולוועזן. חוץ דעם וועט די אויספֿאָרשונג געבן זייער אַ גרויסן מאַטעריאַל פֿון אַנטראָפּאָלאָגישן, סאָציאָלאָגישן, עקאָנאָמישן, אייגענעם אַז"ו כאַראַקטער. 276 לערער האָבן באַקומען צו אייך גרויסן פֿרעגבויגן-העפֿט, ווו ס'זײַנען פֿאַר יעדן תּלמיד רעזערווירט דרײַ זײַטלעך מיט גאַנצע 74 פֿראַגעס. דאָס

[18] Jordan, R. H. Nationality and School Progress. Bloomington, Ill. 1922, p. 29.

[19] זע אין דעם ווײַטערדיקן קאַפּיטל, ז' 84 א"וו.

קינד ווערט אָבסערווירט אָדער דירעקט, אָדער דורך טעסטן, מעסטונגען און עקס־פּערימענטן. עטלעכע פֿראַגעס ווערן געשטעלט 2—5 מאָל אַ יאָר, דאָס אייגענע ווענט מען די קינדער פֿינף מאָל אַ יאָר. אויף אַזאַ אופֿן וועלן די פֿרעגבויגנס געבן אַ גענוי בילד פֿונעם קינד. צום סוף שוליאָר וועט אָט דער גאַנצער מאַטעריאַל, 276 העפֿטן מיט אַן ערך 740,000 ידיעות וועגן 10,000 תּלמידים, אָפּגעגעבן ווערן אין שול־אינספּעקטאָראַט. די באַאַרבעטונג וועט פֿאַרנעמען אַ וואָסערע פֿינף יאָר צײַט"[20].

געוויס זייער אַן אינטערעסאַנטע אונטערנעמונג, און אויב זי וועט נאָך זײַן גוט געמאַכט, וועט זי זײַן וויכטיק אויך. אָבער אויך דאָ דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז סטאַטיסטיק איז די וויסנשאַפֿט וועגן גאַנצהייטן, און אַז דער דורכשניט וועט ניט זײַן קיין ראַיה אויף די יחידים וואָס באַלאַנגען צום קאָלעקטיוו. עס ווערט געמאַכט, דאַרפֿן מיר געדענקען, אַן אויספֿאָרשונג וועגן קאַרפּאַטן־רוסישע קינדער, ניט וועגן דעם קאַרפּאַטן־רוסישן קינד.

אויך גילט דורכויס בײַ די ספּעציעלע ציילונגען, אַז אויף צו מאַכן עפּעס אַן אויספֿיר פֿון סטאַטיסטיק דאַרף מען קענען די סיטואַציע, אין וועלכער די צאָלן זײַנען געבוירן געוואָרן. אַנדערש קען מען אפֿשר זאָגן, אַז אויף צו קענען געניסן פֿון סטאַטיסטיק דאַרף מען קענען ניט נאָר ציילן, נאָר וועגן און מעסטן אויך. אָט איז אַ פֿולקומע אַנאַלאָגיע צו דעם פֿריִער געבראַכטן בײַשפּיל וועגן דער ווילנער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931:

„אין ווינטער־סעמעסטער 1932—33 האָבן אין קאָוונער אוניווערסיטעט שטודירט סך־הכּל 4332 סטודענטן, דערפֿון 3066 ליטווינער, 1209 ייִדן, 67 דײַטשן... ס'איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז קוים אַ העלפֿט ייִדישע סטודענטן באַהערשן די ייִדישע שפּראַך, אין דער צײַט וואָס העברעיִש איז מער באַקאַנט"[21].

צי איז אין דער אַנקעטע געווען אַ רובריק נאַציאָנאַל־שפּראַך, צי מוטער־שפּראַך, צי ווי עס איז אַנדערש, נאָר פֿאַר יעדער איינעם וואָס שטייט אין ייִדישן לעבן איז קלאָר: די ענטפֿערס אויף דער אַנקעטע זאָגן עדות וועגן פּאָליטישע סימפּאַטיעס, ניט וועגן שפּראַך־פֿאַרהעלטענישן. דער דײַטשער מחבר אָבער, ווײַל ער ווייס ניט פֿון קיין חכמות און בויט אויף סטאַטיסטיק, מאַכט דערפֿון אויספֿירן וועגן שפּראַך־קענטעניש. הייסט עס דאָ האָט די סטאַטיסטיק אָפּגענאַרט אַפֿילו ווי אַ לערע וועגן גאַנצהייטן, וואָרעם דער אויספֿאָרשער איז ניט געווען באַהאַוונט אין דער גאַנצהייט פֿון די דערשײַנונגען. דער ריכטיקער אויספֿיר פֿון יענער אַנקעטע וואָלט זיך געדאַרפֿט לייענען אַזוי: העברעיִסטן זײַנען פֿאַרטראָטן צווישן די קאָוונער ייִדישע סטודענטן שטאַרקער איידער ייִדישיסטן.

[20] Prager Presse, 11. April 1934.

[21] Deutsche Akademie. Mitteilungen III, 1933, p. 307.
ווי אַ מקור ווערט אָנגעוויזן Kölnische Zeitung פֿון 1טן יאַנואַר 1933.

פֿאַרטראַכטן דאַרף מען זיך אויך איבער דער פֿראַגע פֿון קאָרעלאַציעס. אויב צוויי זאַכן באַגעגענען זיך אין איינעם, אַשטייגער אָרעמקייט און גנבֿענען, איז אויף וויפֿל איז מען באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז אָרעמקייט איז די סיבה און גנבֿענען דער רעזולטאַט? מיר האָבן אַ שפּריכוואָרט: „דלות מאַכט פּסלות", און אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס אַוודאי אַ ריכטיקע אָבסערוואַציע. אָבער ווי גרויס איז די „געוויסע מאָס"? אויב נעמען די פֿאַלן וואָס דערגייען צו פּאָליציי אָדער צו די געריכטן, וועט די סטאַטיסטיק אונדז געבן אַ פֿולגילטיקע תּשובֿה: אַזוי און אַזוי פֿיל אויף הונדערט טויזנט.

וועלן מיר אָפּדאַנקען פֿאַר דער וויכטיקער אינפֿאָרמאַציע, אָבער מיר מעגן טראַכטן ווײַטער.

פֿון איין זײַט זעען מיר, אַז גענוג גנבֿות ווערן אָפּגעטאָן פֿון רײַכע מענטשן; פֿון דער אַנדערער זײַט האָבן מיר גענוג פֿאַלן, ווו קינדער וואַקסן פֿון אָרעמע פֿאַמיליעס און זײַנען פֿאָרט געבליבן ערלעך. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ראַסין, אַ בעלגיער, געמאַכט אַן אויסזוכונג וועגן דעם עקאָנאָמישן מעמד ווי אַ פֿאַקטאָר פֿון יוגנטלעכער געזעץ-ברעכונג אין בריסל[22]. דער פֿאָרשער האָט אײַנגעטיילט אַלע הײַזער, פֿון וואַנען די יוגנטלעכע געזעץ-ברעכער זײַנען געקומען, אין פֿינף קאַטע-גאָריעס לויט אַזוינע סימנים: דלות, אָרעמקייט, מיטלקייט, פֿאַרמעגלעכקייט, רײַכקייט. די פֿעסטשטעלונג איז געווען, אַז 40 פּראָצענט געזעץ-ברעכער זײַנען געקומען פֿון הײַזער פֿון די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס, 49 פּראָצענט פֿון דער מיטלסטער קאַטעגאָריע און 11 פּראָצענט פֿון די צוויי אייבערשטע.

איז אויב מיר ווילן זײַן אַ ביסל פּינקטלעכער איידער די פֿאָלקס-חכמה, וועלן מיר בעסער פֿאַרריכטן דאָס שפּריכוואָרט און פֿאָרמולירן: „דלות באַגינציקט פּסלות". אָבער אונטער וועלכע אומשטאַנדן?

ראַסין איז געקומען צו אינטערעסאַנטע געדאַנקען. אָרעמקייט, זאָגט ער, איז ניט קיין אַבסאָלוטע גרייס, נאָר זי איז רעלאַטיוו צו דער פֿאַרמעגלעכקייט פֿון אַנדערע מענטשן אין דער אָ סבֿיבֿה און צו דער פּערזאָנס פֿאַרגאַנגענער סיטואַציע. גיכע עקאָנאָמישע שינויים, אַראָפּ אָדער אַרויף, קענען צעטרייסלען די מאָראַלישע גלײַכוואָג פֿון אַ מענטשן.

צו גאַנץ ענלעכע אויספֿירן נעמט מען קומען אין אַמעריקע. מען האָט דאָרטן געמאַכט אָן אַ שיעור אויספֿאָרשונגען אויפֿן סטאַטיסטישן באַזיס וועגן קינדערשער געזעץ-ברעכונג און מאָראַל, און איינער פֿון די אויספֿירן איז געווען, אַז „עקאָנאָמישע שוועריקייטן" זײַנען אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר. אָבער אויף פֿעסט-צושטעלן, צי לײַדט דאָס קינד פֿון עקאָנאָמישע שוועריקייטן צי ניין, פֿלעגט מען פּשוט פֿרעגן אויף דעם פֿאָטערס הכנסה. די פֿראַגע האָט מען געשטעלט פֿאַרשיידענע

[22] Racine, A. Les conditions économiques de la famille comme facteur de la delinquence juvénile. In: Revue de l'Institut de Sociologie 12 (1932), pp. 539—562.

מאָל פֿיל הונדערטער טויזנטער קינדער, ביז וואַנען לימאָ דעניס, אַ פֿאָרשער מיט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, האָט געגומען רײדן קלאָרע דיבורים: „לויט מײַנע פֿעסטשטעלונגען איז די הייך פֿון דער הכנסה לפֿי-ערך אומוויכטיק ווי אַ באַשטי־מענדיקער פֿאַקטאָר אין די פֿאַמיליע-באַציִונגען". און אַן אַנדער פֿאָרשער, סטאָדאַרד, איז געקומען צום באַשלוס, אַז דעם באַגריף „עקאָנאָמישע שוועריקייטן", אויב ער זאָל האָבן וועלכן עס איז ווערט, דאַרף מען צעשפּאַלטן אין אַ צאָל אונטער־קאַטעגאָריעס:

(1) ווי אַזוי פֿאַרדינט מען; למשל, צי אין ראַיעלע אָדער אין ספּקדיקע געשעפֿטן?

(2) ווי ווײַט רעגולער קומט אַרײַן די הכנסה?

(3) וואָס פֿאַר אַ חלק ברענגען אַרײַן די פֿאַרשיידענע פֿאַמיליע-מיטגלידער (אויב אין שטוב זײַנען פֿאַראַן עטלעכע פֿאַרדינער)?

(4) ווי אַזוי זעט אויס אָט די הכנסה, ווען מען זאָל זי פֿאַרגלײַכן:

(א) מיט דער הכנסה פֿון קרובים;

(ב) מיט דער הכנסה פֿון שכנים;

(ג) מיט דער הכנסה פֿון אַנדערע מענטשן אין דעם זעלביקן פֿאַך;

(ד) מיט דער הכנסה וואָס „די וועלט" האַלט פֿאַר נייטיק אויף דער אָ געזעלשאַפֿטלעכער מדרגה;

(ה) מיט דער הכנסה וואָס וואָלט געווען אַ מינימום אויפֿצוהאַלטן די פֿאַמיליע[23].

אַז סטאָדאַרדס עלאַסטישע סכעמע איז אַ גרויסער טריט פֿאָרויס אַנטקעגן די פֿאַרגלייווערטע „עקאָנאָמישע שוועריקייטן", איז קלאָר ווי דער טאָג. מיר זײַנען דאָ צוגעקומען נעענטער צו די רעאַליטעטן פֿון פּסיכישן לעבן. אָבער אַז מיר האַלטן שוין יאָ בײַ דעם פּונקט, זעען מיר, אַז די נײַע סכעמע איז נאָך אויך ניט דערפֿאָרן גענוג ווײַט. ווײַל מען קען דאָך מאָנען ווײַטער: יעדער איינעמס לעבנס-פּראַקטיק ווערט באַשטעטיקן, אַז די עקאָנאָמישע סיטואַציע, ווי ברייט מען זאָל זי פֿאַרשטיין, איז יעדנפֿאַלס ניט דער איינציקער פֿאַקטאָר פֿון באַשטימען דעם קינדס טוּונגען און שטימונגען. אַ מאַמע מיט אַ פֿרײלעך-ענערגישן טעמפּעראַמענט קען איינהאַלטן אין פּסיכישער גלײַכוואָג אַן אָרעם קינד; אָדער, אומאָפּהענגיק פֿון דער פֿינאַנציעלער לאַגע, קענען שטענדיקע קריגערײַען מיט עלטערע מיטקינדער אַזוי פֿאַרמיִאוסן דעם קינד די שטוב, אַז ער וועט זיך זוכן חברים אין גאַס און וועט אַרײַנפֿאַלן אין אַ שלעכטער קאָמפּאַניע. דאַרפֿן מיר שוין הייסט עס נאָך מער פֿאַרב...ייטערן די אויספֿאָרשונג פֿון די פֿאַקטאָרן און זיך אינטערעסירן, ווי מען

---

[23] Stoddard, George D. The Family as a Mediating Factor in Child Adjustment. In: Fourth Conference on Research in Child Development. National Research Council, Washington D. C., 1933. Appendix F, p. 3.

דעניסעס פֿעסטשטעלונג איז אויך ציטירט לויט סטאָדאַרדן.

רופֿט עס אין אַמעריקע, מיטן גאַנצן געזעלשאַפֿטלעך־עקאָנאָמישן מעמד[24] — אָדער, ווי מיר וואָלטן עס אַנדערש געמעגט אָנרופֿן, מיט דער גאַנצער היים־אַטמאָספֿער. דורך דעם ווערט אָבער נאָך שווערער, דאַרפֿן מיר פֿאַרשטיין, אַרומצוכאַפּן גרויסע צאָלן קינדער; וואָרעם וואָס אינטענסיווער מען פֿאַרנעמט זיך מיט איין יחיד, אַלץ מער צײַט נעמט ער צו בײַם פֿאָרשער.

20. דער געזעלשאַפֿטלעך־עקאָנאָמישער מעמד

אין אַן אויספֿאָרשונג וועגן דער אינטעליגענץ פֿון יידישע און ניט־יידישע קינדער אויף דער איסט־ענד, דעם אָרעמען שטאָטטייל פֿון לאָנדאָן, דערציילט אונדז דער שול־אינספּעקטאָר ווינטש[25], אַז אין פֿאַרלויף פֿון אַ צוויי צענדלינג יאָר אַרבעט איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז די יידישע קינדער צייכענען זיך אויס מיט זייער אינטעליגענץ. נאָך אין 1923 האָט ער געשריבן אין זײַן באַריכט צו דער לאָנדאָנער בילדונגסמאַכט:

„אַ פּאָר ווערטער נאָך וועגן די יידישע שולקינדער, וואָס זייער צאָל איז אַזוי אָנזיכטיק אין דעם דיסטריקט [איסט־ענד]. אַ סך, אויב ניט אַלע שולן, אין וועלכע די יידישע קינדער גייען, זײַנען אין אָרעמע קוואַרטאַלן, אין יענע וואָס מען איז זיך נוהג צו רופֿן „סלאַמס"[26]. אָבער אויף די יידישע קינדער, מיט קליינע אויסנאַמען, זײַנען ניט קענטיק די געוויינטלעכע סימנים פֿונעם סלאַם־קינד; זיי זײַנען גוט געוואַקסענע, גוט גענערטע, גוט אָנגעטאָנענע און אינטעליגענטע קינדער וואָס שטייען אינטעלעקטועל העכער, יאָר פֿאַר יאָר, איידער די קריסטלעכע קינדער פֿונעם זעלבן סאָציאַלן קלאַס"[27].

אָבער פּונקט אַזוי ווי די אָקאָרשט דערמאָנטע אַמעריקאַנער פֿאָרשער זײַנען געוואָרן סקעפּטיש וועגן די „עקאָנאָמישע שוועריקייטן", אַזוי האָט זיך בײַם שול־אינספּעקטאָר אונדזערן נאָך זײַן באַריכט פֿון 1923 אויך אויפֿגעשטעלט די פֿראַגע: צי איז מען בכלל באַרעכטיקט צו פֿאַרגלײַכן יידישע קינדער סתם און ניט־יידישע קינדער סתם? אפֿשר זײַנען גאָר ניט די יידישע קינדער „פֿונם זעלבן סאָציאַלן קלאַס", אפֿשר קומען זיי פֿון אַ העכערן גראַד היימען? אויב יאָ, מיינט דאָך דאָס, אַז זיי ברענגען מיט אין שול אַרײַן מער קענטענישן און מער דענק־פֿעיִקייט.

בכדי דאָס פֿעסטצושטעלן, האָט ווינטש גענומען זוכן אַ קריטעריום. טייל פֿאָרשער, זאָגט ער, האָבן געמאָסטן דעם סאָציאַלן קלאַס לויט דער הייך פֿון דירה־געלט וואָס די פֿאַמיליע צאָלט; אַנדערע האָבן גענומען די באַשעפֿטיקונג פֿון די

---

[24] Socio-economic status איז דער טעכנישער טערמין אין ענגליש.

[25] Winch, W. H. Christian and Jewish Children in East-End Elementary Schools. In: Journal of Psychology 28 (1929/30), 3, pp. 261—273.

[26] Slums, שמוציקע הינטערגעסלעך.

[27] דאָרט, ז' 261.

עלטערן, נאָך אַנדערע די צאָל דערוואַקסענע און קינדער אין דער פֿאַמיליע, אָדער די צאָל צימערן. ווינטש האָט צונויפֿגענומען די אַלע ידיעות וועגן אַלע קינדער וואָס זײַנען געשטאַנען צום אינטעליגענץ־עקזאַמען; חוץ דעם האָט ער געבעטן דעם דירעקטאָר פֿון יעדער שול צו באַצייכענען זײַן מיינונג וועגן דעם סאָציאַלן גראַד פֿון יעטווידער תּלמידס היים מיט די ציפֿער 4, 3, 2, 1 אָדער 0.

אויף דעם סמך האָט ווינטש געמאַכט די ברייטערע אויספֿאָרשונג, וואָס אירע אויספֿירן גיט ער אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל אין אַזוינע זאַצן:

„1. ייִדישע קינדער וואָס גייען אין די איסטענדער שולן זײַנען אינטעלעקטועל העכער איידער די קריסטלעכע קינדער.

2. אַ סך פֿון דער דאָזיקער העכערקייט נעמט זיך ניט פֿון ראַסע, נאָר פֿון אַ העכערקייט פֿון סאָציאַלן קלאַס.

3. אַפֿילו ווען קינדער פֿון דעם זעלבן סאָציאַלן קלאַס ווערן פֿאַרגליַכט, ווײַזן די ייִדישע קינדער נאָך אַלץ אַ געוויסע אינטעלעקטועלע העכערקייט"[28].

דער רעזולטאַט איז דער זעלבער ווי אין כּמעט אַלע אויספֿאָרשונגען פֿון דעם מין: ייִדישע קינדער גייען פֿון פֿאָרנט. וואָס עס זײַנען אַזוינס די אינטעליגענץ־טעסטן, מיט וועלכע מען מעסט דעם אינטעלעקטועלן שטאַפּל, וועט דיסקוטירט ווערן אין אַ ווײַטערדיקן קאַפּיטל; ס'וועט אויך נאָך קומען צו רייד וועגן דעם, וואָס עס איז דער מער מיט די ייִדישע פֿעיִקייטן בכלל. אין דעם איצטיקן קאָנטעקסט אינטערעסירט אונדז די מעטאָדישע זײַט פֿון דער זאַך.

גוט איז נאָר די מענטשן וואָס זעען ניט קיין מעטאָדישע שוועריקייטן. אַז מען דערזעט זיי שוין יאָ, באַמערקט מען כּסדר אַלץ נײַע און נײַע שטרויכל־שטיינער.

ווי אַזוי קען מען גאָר מיינען, אַז מיט די פֿינף אָדער זעקס סימנים וואָס ווינטש איז דערגאַנגען וועגן יעדער היים קען מען אויסשעפּן די אומענדלעכע פֿאַרשיידנקייט פֿון די היים־פֿאַרהעלטענישן? אַנדערע פֿאָרשער זײַנען טאַקע דער־מיט ניט יוצא און פּרוּוון זיך דערגרונטעוועןן טיפֿער. לדוגמא ברענג איך וואָרט אין וואָרט אַ פּרעגבלאַט פֿון אַ דײַטשן פֿאָרשער וואָס האָט געוואָלט אויסגעפֿינען, אויף וויפֿל די פּעולות פֿון קינדער אין שול זײַנען אָפּהענגיק פֿוןווירטשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע השפּעות[29].

A. די פּערזאָנען

(1) צי לעבן די עלטערן? (שטיפֿעלטערן, עלטער, אָפּשטאַמאָרט אאַז"וו).

(2) וואָסער פֿאַך האָט דער פֿאָטער אָדער די מוטער?

(3) ווען קומט דער פֿאָטער אַהיים? (אַרבעטצײַט).

---

[28] דאָרט, ז' 273.

[29] Müller, Alois. Abhängigkeit der Schulleistungen von wirtschaftlichen und sozialen Einflüssen. In: Archiv für die gesamte Psychologie 83 (1932), pp. 119 sq.

(4) צי זעט דאָס קינד דעם פֿאָטער בײַ דער אַרבעט? (אָפֿט, זעלטן, גאָר ניט).

(5) וואָס פֿאַר אַ הכנסה האָט די פֿאַמיליע? (שכירות, פֿאַרמעגן, רענטע, אַנדערע הכנסה־קוואַלן).

(6) צי איז דער פֿאָטער די לעצטע צײַטן געווען אַרבעטסלאָז? צי אַרבעט ער אַ באַגרענעצטע צײַט?

(7) צי מוז די מוטער פֿאַרדינען? (דער מין אַרבעט, אַרבעטצײַט).

(8) צי זײַנען די עלטערן געזונט? (אַרבעט־פֿעיִק, באַגרענעצט אין זייער אַרבעט־פֿעיִקייט).

(9) צי האָט דאָס קינד מיטקינדער? (נאָמען, עלטער, פֿאַך אָדער שול, געזונט).

(10) מיט וואָסערע דערוואַקסענע אָדער קינדער באַגעגנט זיך דאָס קינד צום אָפֿטסטן? וואָס איז פֿאַראַן וועגן זיי ספּעציעל צו באַמערקן?

B. די דירה

(1) לאַגע: גאַס, נומער, גאָרן; צו דער גאַס אָדער צום הויף צו; צי אַ הויז מיט אַ סך דירות?

(2) צי פֿלעגט מען אָפֿט בײַטן דירות? (אין וואָסער הויז געבוירן; ערשטע, צווייטע, דריטע וווינונג).

(3) וויפֿל צימערן זײַנען פֿאַראַן אין דער דירה?

(4) וויפֿל פּערזאָן וווינען אין די צימערן?

(5) וויפֿל בעטן זײַנען פֿאַראַן?

(6) צי האָט דאָס קינד אַ בעט פֿאַר זיך? (אויב ניט, איז מיט וועמען שלאָפֿט ער? שלאָפֿצימערן?)

(7) צי ווערט די קיך אויך גענוצט ווי אַ צימער?

(8) צי ווערן אין דער דירה געטאָן עפּעס מלאָכות? צי איז בײַ דער דירה פֿאַראַן אַ גאָרטן?

(9) ווו געפֿינט זיך דאָס קינד ס׳רובֿ?

C. באַזונדערע דערציִערישע השפּעות

(1) ווען שטייט דאָס קינד אויף, ווען לייגט ער זיך שלאָפֿן?

(2) צי גיט מען אַכטונג אויף די קליידער, אויף גרייטן די לעקציעס, אויף די פּעולות אין שול?

(3) צי מוז ער פֿרעגן, אויב ער וויל אַוועקגיין פֿון שטוב?

(4) ווער גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיטן קינד?

(5) צי מוז ער העלפֿן בײַ שטובּיקע אַרבעטן אָדער אַזוי ווו עס איז?

(6) ווי אַזוי זײַנען די מאָלצײַטן?

(7) ווי לאַנג מעג דאָס קינד בלײַבן מחוץ דער שטוב?

(8) וואָס טוט ער אין דער פֿרײַער צײַט? (שפּילן, גימנאַסטיק, מוזיק, קינאָ, יוגנט-אָרגאַניזאַציע).

(9) צי שפּאַצירט ער אַ מאָל מיט די עלטערן אויך? (וואַקאַציעס).

(10) צי ווערט דאָס קינד אָפֿט באַשטראָפֿט דורך די עלטערן? (ספּעציעלע פֿריילעכע אָדער ספּעציעל אומעטיקע איבערלעבונג).

דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש איידער די רוילעכע לאָנדאָנער קאַטעגאָריעס. אָבער אַז מיר האָבן איין מאָל פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון דעטאַלירונג, זעען מיר ערשט, וויפֿל דאָ פֿעלט שוין נאָך די 29 פֿראַגעס. פֿאַר אַ פֿאַרגלײַך לאָמיר נעמען איינע פֿון די פֿיל אַמעריקאַנער סכעמעס. אַפֿילו ווען מיר וועלן אַראָפּרעכענען די ספּעציפֿישע אַמעריקאַנער מאָסן („צי האָט איר אַן אַנדער אויטאָ איידער אַ משא-אויטאָ?), וועלן מיר באַלד זען, וואָס פֿאַר אַ חלק פֿון דער גײַסטיקער אַטמאָספֿער פֿון דער שטוב ס׳איז אין דעם דײַטשן פֿרעגבלאַט אַפֿילו ניט אָנגערירט.

„צי איז אײַער מוטער געגאַנגען אין הײַסקול?

וויפֿל ביכער אַן ערך געפֿינען זיך בײַ אײַך אין שטוב?

צי האָט איר אַ פּיאַנע אין שטוב?

וויפֿל זשורנאַלן קויפֿט מען רעגולער בײַ אײַך אין שטוב?

צי האָט איר אַ טעלעפֿאָן אין שטוב?

צי האָט איר אַן אַנדער אויטאָ איידער אַ משא-אויטאָ?

צי איז אײַער פֿאָטער געגאַנגען אין הײַסקול?

צי ווערט אײַער הויז באַהייצט דורך אַ גרויסן אויוון אין קעלער?

צי איז ענגליש די איינציקע שפּראַך וואָס ווערט גערעדט בײַ אײַך אין שטוב?

צי האָט איר אַ גראַמאָפֿאָן אָדער אַ ראַדיאָ אין שטוב?

וויפֿל טעגלעכע צײַטונגען האָט איר רעגולער בײַ אײַך אין שטוב[30]?

.21 אַנקעטעס

מאַכנדיק אַזוינע זוכונגען האָבן מיר שוין פֿאַרשטייט זיך לאַנג איבערגעשפּרײַזט דעם שוועל פֿון ציילונגען. מיר האַלטן שוין אין קאָמבינירן די ציילונג מיט דער אַנקעטע. אַן אַנדערש מאָל באַגייט מען זיך, צוליב געוויסע צוועקן, מיט אַנקעטעס אַליין.

וואָס איז דער סימן מובֿהק פֿון אַן אַנקעטע אַנטקעגן אַנדערע מיטלען פֿון סאָציאַלער פֿאָרשונג? די דעפֿיניציעס גייען זיך פֿונאַנדער. איינער זאָגט: יעדע זוכונג אויפֿן אוממיטלבאַרן מאַטעריאַל איז אַן אַנקעטע. אַנדערע מיינען, אַז אַנקעטע דאַרף מען רופֿן יעטווידער סטאַטיסטישע זוכונג וואָס ניצט אַ פֿרעגבויגן און נעמט אַרום ניט אַלע פּערזאָנען וועלכע זי וואָלט געקאָנט אַרומנעמען[31]. אָבער די ערשטע

---

[30] Chapman, J. C. and Sims, V. M. The Quantitative Measurement of Certain Aspects of Socio-Economic Status. In: Journal of Educational Psychology 16 (1925), pp. 380—390.

[31] פּ״גל ריכלינסקי, דצ״ו ז׳ 72 א״וו.

פֿאָרמולירונג איז פֿאַר אונדז צו ברייט, די צווייטע קומט צו צו נאָענט צו דעם וואָס מיר האָבן אָקאָרשט אָנגערופֿן „ספּעציעלע ציילונג“ להיפּוך צו אַלגעמיינע ציילונגען. אַגבֿ: צו אַ פֿרעגבויגן קומט אָן אַפֿילו די מלוכישע פֿאָלקסציילונג; איז דאָך דאָס געוויס ניט קיין סימן פֿון אַן אַנקעטע.

איך לייג פֿאָר אַזאַ מין דעפֿיניציע פֿונעם באַגריף אַנקעטע, וואָס ווײַזט זיך מיר אויס צו זײַן אי דורכזיכטיק אי נוציק:

אַן אַנקעטע איז אַ ווענדונג צו אַ געוויסער צאָל מענטשן מיט אַ פֿרעגבויגן, וואָס מען קען אויף אים ניט ענטפֿערן פּשוט מיט אַ ציפֿער, אָדער מיט „יאָ“ צי „ניין“.

מיט אַנדערע ווערטער: דער אַנקעטע-מעטאָד שטייט אויפֿן האַלבן וועג צווישן סטאַטיסטיק און אָבסערוואַציע (אָדער אויטאָאָבסערוואַציע).

אַ גוטער מוסטער פֿון אָנווענדן דעם אַנקעטע-מעטאָד איז למשל די אויספֿאָרשונג וואָס דע מאַן, דער באַוווסטער בעלגישער סאָציאַל-פּסיכאָלאָג, האָט געמאַכט מיט אַ יאָר אַכט צוריק און פּובליקירט אונטערן טיטל: „דער קאַמף פֿאַר דער אַרבעטפֿרייד“[32]. ער האָט אויסגעפֿרעגט 78 צוהערער פֿון דער געוועזענער „אַקאַדעמיע פֿון אַרבעט“ אין פֿראַנקפֿורט מײַן, וואָסערע געפֿילן פֿון פֿרייד און פֿון דערווידער זיי האָבן איבערגעלעבט בעתן אַרבעטן. צווישן די צוהערער זײַנען געווען פֿאַרטראָטן אַלע טיפּן פֿון אינדוסטריע און אויך אַנדערע מינים אַרבעט. אויפֿן סמך פֿון זײַן מאַטעריאַל איז דע מאַן געקומען צום באַשלוס, אַז יעדער מענטש שטרעבט צו אַרבעט-פֿרייד אַזוי ווי יעדער איינער וויל זײַן גליקלעך. אַ מענטשן ווילט זיך טון. עס ווילט זיך אים אויפֿבויען, דערגיין, עס ווילט זיך אים אויפֿטון און מעסטן זײַנע כּוחות מיט אַ צווייטן. ווי באַלד אַזוי, איז אייגנטלעך ניט נייטיק צו טראַכטן וועגן ספּעציעלע מיטלען וואָס זאָלן הייבן דעם חשק צו אַרבעט, דער חשק איז דאָ ממילא. ווײַטער זײַנען נאָך פֿאַראַן אַנדערע מאָטיוון, לויט דע מאַנען, וואָס גיבן צו פֿרייד צו אַרבעט: אַלע אַרבעטן, ווייל איך אויך זײַן מיט אַלעמען צוגלײַך; מיט גוטער אַרבעט רוק איך זיך אַרויס; מיר הייסט אַרבעטן אַ מענטש, פֿון וועמענס מיינונג איך האַלט; אַ גוט שטיקל אַרבעט איז שיין; גוטע אַרבעט איז אַ וועג צו בעסערע שכירות; גוטע אַרבעט איז גוט פֿאַרן כּלל.

ווי באַלד אַזוי, איז די פּראָבלעם ניט: ווי אַזוי גיט מען צו מענטשן חשק צו אַרבעטן, נאָר: ווי אַזוי ראַמט מען אָפּ די סיבות וואָס טייטן אָפּ בײַ מענטשן די אַרבעטפֿרייד.

אַזוינע נעגאַטיווע מאָמענטן זײַנען, לויט דע מאַנען, פֿאַראַן טעכנישע און סאָציאַלע. די טעכנישע זײַנען: דאָס וואָס דער אַרבעט-פּראָצעס איז צו שטאַרק צעברעקלט און דער אַרבעטער זעט ניט, וואָס עס ווערט פֿון דעם טיילכל וואָס ער מאַכט; דאָס וואָס עס קומט אויס כּסדר צו טון דאָס אייגענע; אײַנמאָטערונג; אַ שלעכט אײַנגעאָרדנטער אַרבעטפּלאַץ אאַז"וו. פֿון סאָציאַלע סיבות ברענגט דע

[32] De Man, Hendrik. Der Kampf um die Arbeitsfreude. Jena 1927, 291 pp.

מאַן אַרויס: אומצופֿרידנקייט מיט די אַרבעט־באַדינגונגען, מיט די שכירות, מיט דער באַהאַנדלונג; כּסדרדיקע מורא פֿאַר פֿאַרלירן די אַרבעט; שוואַכער פּרעסטיזש פֿון האַנטאַרבעטער אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע סאָציאַלע שיכטן.

מיט אַנדערע ווערטער: ניט דער מענטש איז אַ געבוירענער פֿויליאַק, ווען מען מוז מיט אַ בײַטש און אַ צוקער־לעקעך טרײַבן צו דער אַרבעט, נאָר די פֿראַגע וועגן מאַכן די אַרבעט פֿאַר אויס מאַטערניש איז אַ פֿראַגע פֿון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע.

עס איז פֿאַראַן אַ סך צו ריידן וועגן דער ווערטיקייט פֿון דעם אַנקעטע־מעטאָד. טייל חסרונות ליגן אויבן אויף. עס איז שווער צו פּועלן בײַ אַ גרעסערער צאָל מענטשן, זיי זאָלן ענטפֿערן אויף אַ פֿרעגבויגן. וואָס גרעסער די צאָל פֿראַגעס, אַלץ מער סכּנה, אַז דער געפֿרעגטער וועט זיך אָפּשרעקן פֿון סאַמע אָנהייב; אָדער, אויב עס איז פֿאַראַן אַ שטיקל מוז (אַשטייגער די דיסציפּלין בײַ מיטגלידער פֿון אַן אָרגאַניזאַציע), דאַרף מען זיך רעכענען מיט דער ריזיקע, אַז מען ענטפֿערט נאָר פֿון יוצא וועגן. ווי געוואָרנט מען זאָל ניט זײַן בײַם פֿאָרמולירן, איז זייער אָפֿט שוין אין דער עצם פֿראַגע פֿאַראַן אַ געוויסער שטופּ צו ענטפֿערן אַזוי און ניט אַנדערש. אויב מען פֿרעגט וועגן מאָטיוון פֿון טוונגען, ווי דאָס האָט אַשטייגער געטאָן דע מאַן, דאַרף מען זיך כּסדר רעכענען מיט דעם, אַז די אמתע מאָטיוון זײַנען זייער אָפֿט פֿאַרהוילן פֿונעם בעל־דבֿר גופֿא. האַנדלען האַנדלט ער אַזוי ווי זײַנע עמאָציעס, פֿאָראורטיילן, אומבאַוווּסטזיניקע יצרס דיקטירן אים. דערנאָך ערשט, ווען ער דאַרף באַרעכטיקן זײַן האַנדלונג אָדער אײַנשטילן זײַן געוויסן, בויט ער אויף אַ סיסטעם תּירוצים פֿאַר זײַן אויפֿפֿיר. אָט די כּמו לאָגישע תּירוצים רופֿט דזשאָונס[33] אָן מיטן גראָטעסקן נאָמען „ראַציאָנאַליזאַציע". הייסט עס (און דאָס טאָר מען בכלל ניט אַרויסלאָזן אויף קיין איין מינוט פֿון אויג בשעת מען פֿרעגט אַ מענטשן אויף זײַנע מאָטיוון) די ענטפֿערס אויף דע מאַנס אַנקעטע ווײַזן ניט, פֿון וואַנען עס נעמט זיך די אַרבעטפֿרייד, נאָר וואָס מענטשן מיינען וועגן דעם, פֿון וואַנען עס נעמט זיך בײַ זיי די אַרבעטפֿרייד.

אָבער אַפֿילו ווען מיר זאָלן שוין די אַלע באַוואָרענישן נעמען אין אַכט, זײַנען מיר נאָך אויך ניט פֿאַרטיק מיט די ספֿקות. מילערס 29 פֿראַגעס, אַפֿילו נאָך מיט אַ צוגאָב פֿון טשעפּמענס 11, גיבן אונדז אַ ברעקל אָנצוהערעניש אויף דער פֿילפֿאַכיקייט פֿון די לעבנס־פֿאַרהעלטענישן. דע מאַנס אַנקעטע פֿירט אונדז אַרײַן אין אַזוינע טיפֿענישן פֿון מאָטיוואַציע, וואָס וואָלטן אונדז געבליבן פֿאַרשלאָסן, ווען ער זאָל זיך געוועגן לאָזן אין וועג אַרײַן מיט סטאַטיסטיק אַליין.

אָבער מיר קענען וועבן דעם געדאַנק ווײַטער. אין מילערס פֿרעגבלאַט איז דער ערשטער פּונקט: צי לעבן די עלטערן? די פֿראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן, ווײַל די פּראַקטיק ווײַזט, אַז קינדער אָן עלטערן, אָן השגחה, זײַנען

[33] Johns, Ernest. Rationalization in Every-Day Life. In: Journal of Abnormal Psychology, August—September 1908.

גיכער אויסגעשטעלט אויף די שעדלעכע ווירקונגען פֿון דער גאַס. דאָס אייגענע איז ריכטיק וועגן קינדער פֿון „אַ געזינד זאַלבע אַכט און בעטן נאָר צוויי" אין פֿאַרגלײַך מיט רײַכע קינדער. אָבער צי זײַנען דען ניט פֿאַראַן קיין פֿאַלן, ווען רײַכע קינדער גליטשן זיך אויס און אָרעמע יתומים היטן זיך אײַן און ווערן פֿײַנע מענטשן לויטן שטרענגסטן קאָדעקס פֿון דער געזעלשאַפֿט?

אַן ענלעכע קלאָץ-קשיה ווילט זיך פֿרעגן וועגן דע מאַנס אינטערעסאַנטע אויסגעפֿינסן. די צעברעקלונג פֿון אַרבעט-פּראָצעס איז אַ שטער צו האָבן הנאה פֿון אַרבעטן, דאָס אייגענע די קליינע שכירות אָדער די שלעכטע אײַנאָרדענונג פֿון אַרבעטפּלאַץ. אָבער יעדערער פֿון אונז קען מענטשן, וואָס נעמען גוטע שכירות און זיי לײַדן ניט פֿון אַ צעברעקלונג פֿון אַרבעט-פּראָצעס און זייער אַרבעטפּלאַץ איז ניט קיין שלעכטער, און פֿאָרט אַנטוויקלט זיך ניט בײַ זיי קיין אַרבעטפֿרייד. פֿאַרקערט קען ווידער זײַן, אַז אַ מענטש לײַדט יאָ פֿון די אַלע דעפֿעקטן און ס'איז אים פֿאָרט גוט אויפֿן האַרצן.

טראַכט זיך אַרײַן אין אַזאַ קליינער געשיכטע:

A: ווי קענט איר דאָס אויסהאַלטן? טאָג אויס טאָג אײַן רק שטעמפּלען בריוו!

B: פֿאַר וואָס עפּעס? איך שטעמפּל דאָך יעדער מאָל אַן אַנדער בריוו.

ס'קלינגט ווי אַ פּוסטע חכמה, אָבער אין דער אמתן איז אין דעם ענטפֿער באַהאַלטן אַ לעבנס-פֿילאָסאָפֿיע פֿון אַ מענטשן וואָס קען שעפּן נחת אַפֿילו פֿון אַ קאַלושע. אויב מען וויל, קען מען זיך באַפֿרידיקן מיטן ענטפֿער פֿון דער ציילונג אָדער פֿון דער אַנקעטע, אַז „דאָס רובֿ מענטשן" אָדער „50 פּראָצענט מענטשן" אָדער „דורכשניטלעכע מענטשן" זײַנען זיך נוהג אַזוי און אַזוי אָדער טראַכטן אַזוי און אַזוי. אָבער אויב איך וויל וויסן, פֿאַר וואָס איז אייגער יאָ גליקלעך בײַם שטעמפּלען כסדר בריוו און דער אַנדערער ניט, דאַרף מען דאָך פֿרעגן: בײַ וואָס פֿאַר אַ קאָנסטעלאַציע שאַפֿט זיך אַ פּסיכישער קאָנפֿליקט? און דאָ קען אונדז שוין די אַנקעטע, פּונקט ווי די סטאַטיסטיק, קיין תּשובֿה ניט געבן.

.22 סאָציאָגראַפֿישע שטודיעס

איך וויל ברענגען נאָך אַ בײַשפּיל פֿון אָפּערירן מיט ציפֿער—קיין בײַשפּילן פֿעלן גראָד ניט.

אין 1932 האָט אַ גרופּע ווינער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגן, מיט ד"ר פּויל לאַצאַרספֿעלד בראָש, געמאַכט אַן אויספֿאָרשונג פֿון אַ קליין פֿאַבריק שטעטל לעבן ווין, מאַריִענטאַל[34]. זייער אַרבעט האָבן זיי אָנגערופֿן: „אַ סאָציאָגראַפֿישער פּרווו", ניצנדיק יענעם אויסדרוק „סאָציאָגראַפֿיע", וועלכן ר. שטיינמעץ האָט נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק אַרײַנגעבראַכט אין דער דײַטשער סאָציאָלאָגישער ליטעראַטור

[34] Die Arbeitslosen von Marienthal. Ein soziographischer Versuch über die Wirkungen langdauernder Arbeitslosigkeit. Leipzig 1933, 123 pp.

אויף צו באַצייכענען מאָנאָגראַפֿישע שטודיעס וועגן איינציקע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. די פֿאָרשונג ליגט אויף דער ליניע פֿון יענער גרויסער צאָל שטאָט־איבערבליקן (surveys) וואָס זײַנען באַקאַנט פֿון אַמעריקע.

מאַריִענטאַל איז אַ שטעטל, ווו אויף אַ באַפֿעלקערונג פֿון 1486 נפֿשות (=478 פֿאַמיליעס) זײַנען פֿאַראַן מער ניט 22 פֿאַמיליעס וואָס פֿאַרדינען זייער ברויט אויפֿן אָרט: דער בירגערמײַסטער, דער סעקרעטאַר פֿון דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג, 3 זשאַנדאַרן, דער גאַסטהײַזער, די הייבאַם, די לערערין און אַזוי ווײַטער. 71 פֿאַמיליעס האָבן חיונה פֿון שכנותדיקע מקומות, 358 פֿאַמיליעס האָבן קיין שום פּרנסה ניט און לעבן פֿון דער אונטערשטיצונג פֿאַר אַרבעטסלאָזע, 9 האָבן שוין אַפֿילו די אונטערשטיצונג אויך פֿאַרלוירן און האָבן גאָר־גאָרניט.

ווי גרויס איז די אונטערשטיצונג? דעם חשבון מאַכן די מחברים אַזוי. לאָמיר זאָגן, אַז אַ דערוואַקסענער געזונטער מאַנצביל דאַרף האָבן צום לעבן 100 איינסן; יעמאָלט דאַרף אַ דערוואַקסענע געזונטע פֿרוי האָבן 80 איינסן, פּערזאָנען פֿון 14 ביז 21 יאָר אויך 80 און קינדער ביז 14 יאָר 60. הייסט עס אויב אַ פֿאַמיליע באַשטייט פֿון טאַטע־מאַמע און 2 קינדער פֿון 16 און 10 יאָר, באַטרעפֿט די צאָל איינסן וואָס זיי דאַרפֿן האָבן 100+80+80+60, ד״ה 320. די דורכשניטלעכע הכנסה פֿון די מאַריִענטאַלער אַרבעטסלאָזע איז 1.40 שילינג פֿאַר יעדע הונדערט איינסן; דאָס מיינט, אַז יענע פֿאַמיליע האָט 4 שילינג מיט 48 גראָשן אַ טאָג. די וואָס אַרבעטן יאָ האָבן אויך ניט קיין סך מער.

די פּרײַזן זײַנען אין שטעטל בערך אַזוינע: אַ קילאָ קאָכמעל (אַ ביסל דערונטערדיקע) 65 גראָשן, אַ קילאָ פּראָסטע קאַווע — 96 גר, אַ קילאָ זאַלץ 70 גר אַ קילאָ פֿערדנפֿלייש—1 שילינג מיט 80 גראָשן. דירה־געלט צאָלט מען 4—6 שילינג אַ חודש. פֿאַרדינען עפּעס אין דער זײַט קען מען ניט. ס'איז טאַקע ניטאָ ווו, און אויב מען קען יאָ אַ מאָל ערגעץ כאַפּן אַ פֿאַרדינסטל, האָט מען מורא: ווען מען זאָל זיך וועגן דעם דערוויסן, איז אויס אונטערשטיצונג.

מוז מען אויסרעכענען די באַלעבאַטישקייט פֿאָרויס אויף אַ גראָשן. אויף זוילן פֿאַר די שיך מוז מען אָפּלייגן אַפֿריִער, ווײַל אַניט וועט ניט קלעקן; און אַזוי מוז מען אויסמעסטן און איבערמעסטן די קלענסטע אײַנשפּאָרונג וואָס עס בעט זיך. קיין אויסקוק אויף בעסערס איז ניטאָ; אַדרבא, עס רוקט זיך דאָך אָן די צײַט, ווען מען וועט אויפֿהערן קריגן די אונטערשטיצונג פֿאַר אַרבעטסלאָזע[35].

עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אין אַזאַ שטעטל גערועלטיקט אַ מידע מרה־שחורה. אָבער בײַ אַ נעענטערער באַקאַנטשאַפֿט באַווײַזן זיך פֿאָרט אַרויס אונטערשיידן. די אויספֿאָרשער האָבן אײַנגעפֿונען, אַז מען קען די מאַריִענטאַלער באַפֿעלקערונג טיילן אין פֿיר קאַטעגאָריעס[36]:

---

[35] אַ גענויען אינהאַלט פֿון דעם דאָזיקן זייער אינטערעסאַנטן בוך האָב איך אָפּגעדרוקט אין „פֿאָרווערטס“ פֿון יאַנואַר 14, 1934; איבערגעדרוקט אין „ווילנער טאָג“ פֿון 9טן, 11טן, 13טן פֿעברואַר 1934.

[36] דז״ו קאַפּ׳ IV.

1. אַזוינע וואָס האָבן נאָך האָפֿענונגען און ענערגיע;
2. רעזיגנירטע, אָבער דעם שניט פֿון טאָגטעגלעכן לעבן האַלט מען נאָך אויף ווי עס איז און מען פֿאַלט בײַ זיך ניט אַראָפּ;
3. מען האַלט נאָך אויף ווי עס איז די באַלעבאַטישקייט, אָבער מען איז פֿאַרצווייפֿלט;
4. מען איז אין גאַנצן צעבראָכן און אַפּאַטיש.

דערבײַ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אַלגעמיין איז פֿאַראַן אַ קאָרעלאַציע: וואָס מער הכנסה הײַנט, אַלץ מער האָפֿענונגען אויף דער צוקונפֿט.

די מחברים פֿון דעם בוך האַלטן, אַז זיי האָבן אויפֿגעטאָן אַ גרויסע זאַך מיט דעם וואָס זיי האָבן אויסגעפֿונען צאָליקע פֿאַרהעלטעניש. די אַמעריקאַנער surveys, זאָגן זיי, גיבן אָדער נאָר באַשרײַבונגען, אָדער נאָר ציפֿער; די שטודיע וועגן מאַריִענטאַל גיט באַשרײַבונגען, אילוסטרירט און געשטיצט דורך צאָליקע קאָרעלאַציעס.

די באַשרײַבונג אין דעם בוך איז טאַקע אַן אויסגעצייכנטע, אָבער וואָס קען אונדז געבן אַ שטייגער די קאָרעלאַציע הכנסה — האָפֿענונג?

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַלן אין מאַריִענטאַל, ווען מענטשן מיט אַ קלענערער הכנסה זײַנען פֿונדעסטוועגן פֿעסטער בײַ זיך, איידער שכנים זייערע וואָס האָבן מער הכנסה. און דאָ קומט אונדז אויפֿן זינען דער אַפּיקורסישער געדאַנק, אַז אויב מען איז פֿאַראינטערעסירט אין פּערזענלעכקייט, זײַנען די דאָזיקע אויסנאַמען גראָד וויכטיקער איידער די אַנדערע וואָס גייען לויטן כּלל. אַז דעם אָרעמאַן איז ניט גוט אויף דער וועלט, ווייסן מיר בעצם אָן אויספֿאָרשונגען אויך, און אַז מען דאַרף פֿירן אַ געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף פֿאַר אָפּשאַפֿן דעם תּהום צווישן אָרעם און רײַך — דערויף דאַרף מען ניט גיין קיין מאַריִענטאַל, דאָס האָט ענגעלס געוויזן נאָך 1845 אין זײַן ווערק: „די לאַגע פֿון די אַרבעטנדיקע קלאַסן אין ענגלאַנד".

אָבער פֿון די אויסנאַמען וואָלטן מיר יאָ געקענט עפּעס אָפּלערנען. ווײַל וואָס מיינט דער אויסנאַם? ער מיינט, אַז טייל נויטבאַדערפֿטיקע האָבן אין זיך אַזאַ מין פּסיכישן קעגנגיפֿט (דאָס איז געוויינטלעך נאָר אַ בעלעטריסטישער אויס־דרוק, ווײַל מיר האָבן נאָך ניט קיין וויסנשאַפֿטלעכע טערמינען), וואָס ער גיט זיי אַ מיגלעכקייט ניט אַראָפּצופֿאַלן בײַ זיך אין דער צײַט וואָס אַנדערע זײַנען שוין טעמפּ געוואָרן פֿון יִיאוש. זײַנען מיר באַרעכטיקט צו פֿרעגן: ווי אַזוי איז דאָס געוואָרן, אַז ראובֿן האַלט נאָך הויך דעם קאָפּ בײַ 15 שילינג אָדער גילדן אַ וואָך, אין דער צײַט וואָס שמעון האָט שוין אין גאַנצן אַראָפּגעלאָזן קאָפּ און הענט בײַ 25?

אַ גרינגער ענטפֿער וועט זײַן: ראובֿן איז אַ שטאַרקערע פּערזענלעכקייט, נאָר אין גרונט איז דאָך דאָס פֿאַרביטן X אויף Y; ווײַל וואָס איז דער טײַטש שטאַרקערע פּערזענלעכקייט? דאָ הייבט זיך שוין אָן די גרויסע פּלוגתּא. איינער וועט זאָגן: שטאַרקערע נערוון; אַ צווייטער: זײַן פֿרומקייט האַלט אים אויף די פֿיס, וואָס דער גאָטספֿאָרכטיקער ייִדע האָט אין אים אײַנגעפֿלאַנצט; אַ דריטער: אין זײַנע קינדערשע יאָרן האָט ער געהאַט אויסצושטיין אַ שאַרפֿע קאָנקורענץ מיט

אַ ייִנגערן ברודער, און דאָס האָט אים פֿאַרהאַרטעוועט. אויב ראובֿן איז אַ ייִד און שִמעון ניט, קען מען נאָך אַ קאָקעטיר טון מיט מליצה וועגן ראַסע אויך: דעם ייִדן ליגט „אין בלוט” זיך אײַנצושטשעמען מיט די נעגל און מיט די באַקציינער. די אַלע דערקלערונגען דערקלערן גאָר ניט, אָבער איינס ווײַזן זיי יאָ: אַז אין דעם יחידס פּערזענלעכקייט גופֿא דאַרפֿן מיר זוכן דעם שליסל.

עס איז דאָס זעלבע וואָס מיר האָבן געזען אַ ביסל פֿריִער בײַם אַרומריידן די פֿראַגע וועגן דער שפּראַכיקער אַמעריקאַניזירונג פֿון די אימיגראַנטן: דאָס אויפֿגעבן איין שפּראַך לטובֿת אַ צווייטער איז אַ פּראָצעס וואָס קומט פֿאָר אין יחידים. זאָל זײַן אין מיליאָנען יחידים, אָבער דעם י ח י ד ס פּסיכישע דינאַמיק דאַרפֿן מיר אַנאַליזירן אויף צו פֿאַרשטיין וואָס עס איז פֿאָרגעקומען, הגם די ס ִב ו ת פֿונעם איבערגאַנג שטעקן אפֿשר אין אַנטוויקלונגען פֿונעם ק אָ ל ע ק ט י ו.

אפֿשר זײַנען אַ תּרופֿה טעסטן? זיי האָבן דאָך צו טון מיטן יחיד?

23. אינטעליגענץ־טעסטן

איינער אַ טעאָרעטיקער כאַראַקטעריזירט דעם מהות פֿון טעסט אַזוי:

„דער פּרינציפּ פֿון אַ פּסיכאָלאָגישן טעסט איז צו ניצן אַ פּראָבע פֿון עמעצנס אויפֿפֿיר צו באַשטימען זײַנע פֿעיִקייטן אָדער אַנדערע נטיִות, און אויפֿן סמך פֿון דער פּראָבע פֿאָרויסצוזאָגן, ווי אַזוי עס וועט מסתּמא זײַן דעם מענטשנס קומעדיקער אויפֿ־פֿיר... דער וואָס קויפֿט תּבֿואה דאַרף ניט איבערקוקן איטלעך קערנדל אין אַ פֿור ווייץ, און דער בוי־אינזשעניער דאַרף ניט מעסטן די שטאַרקייט פֿון יעטווידן באַלקן וואָס גייט אויף אַ בוי. נאָך דעם ווי ער האָט באַקומען די זיכערקייט, אַז די פּראָבע פֿון תּבֿואה אָדער דער איינציקער באַלקן איז טיפּיש פֿאַר די רעשט, שאַצט ער אָפּ אָדער פּרוּווט אויס די פּראָבע און פֿאַרלאָזט זיך אויף דער איינאַרטיקייט און שטענדיקייט פֿון די באַציִונגען וואָס האָבן באַשאַפֿן אַזוינע רעזולטאַטן”[37].

ווען מען דערמאָנט זיך, וואָס פֿאַר אַ גוואַלדיקן פּלאַץ די טעסטן פֿאַרנעמען הײַנט אין דערציִונגס־פּסיכאָלאָגיע און אין פּסיכאָטעכניק, ווען מען באַרעכנט זיך, אַז די צאָל איינציקע טעסטן וואָס זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן האָט שוין איבער־געשטיגן אַ האַלבן מיליאָן[38], ווילט זיך פּשוט ניט גלייבן, אַז דער גאַנצער מין טעסט איז נאָך קיין 50 יאָר ניט אַלט. אָבער אַזוי איז דאָס: דאָס עצם וואָרט „טעסט” וואָס מיינט אין ענגליש פּרוּוו, אויספּרוּווּנג, האָט קעטעל (Cattell) אין דער אַמע־ריקאַנער דערציִונגס־וויסנשאַפֿט אַרײַנגעפֿירט 1890[39], און דעם באַגריף פֿון „גײַסטיקן

[37] Kingsbury, F. A. The Nature of Psychological Tests. In: University Journal of Business 1 (1923), pp. 249—281.

[38] Herring, John P. The Nature of Intelligence. In: Journal of Educaticnal Psychology 16 (1925), 8, pp. 505—522.

[39] Cf. Pintner, R. Intelligence Testing. N. Y. 1925, p. 15.

עלטער" וואָס האָט בעצם ערשט מיגלעך געמאַכט די אינטעליגענץ-טעסטירונג, האָט בינע (Binet) באַשאַפֿן סך-הכּל אין 1908.

בינע האָט דערבײַ געלייגט די טראָפּ אויף דרײַ סימנים פֿונעם דענקפּראָצעס:

(1) די פֿעיִקייט אָנצונעמען און אָנצוהאַלטן אַ געוויסע ריכטונג;

(2) די פֿעיִקייט זיך צוצופּאַסן אויף וויפֿל דאָס איז נייטיק, כּדי צו דערגרייכן אַ ציל וואָס מען האָט זיך געשטעלט;

(3) די פֿעיִקייט פֿון זעלבסטקריטיק.

טאָמאַס כאַראַקטעריזירט אַזוי בינעס גרויסן אויפֿטו:

„דער באַגריף „גײַסטיקער עלטער"... האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער ווערטיק. בינע וואָס האָט דער ערשטער קלאָר פֿאָרמולירט דעם באַגריף און עקספּערימענטירט אין דער ריכטונג, האָט משער געווען, אַז אין פּרט פֿון וווּקס זײַנען די פֿונקציעס פֿון גײַסט געגליכן צו אַנדערע פֿיזישע פֿונקציעס, ד"ה אַז אַרום צײַטיקייט דערגרייען זיי צו אַ גרענעץ. ער האָט צוגעטראַכט אַ גאַנג טעסטן פֿון פֿאַרשיידענע גראַדן קאָמפּליצירטקייט און דאָס געגעבן קינדער פֿון פֿאַרשיידענע עלטערס. ס'איז געווען אַזוי ווי ער האָט זיך גערעכנט: וואָס האַרבער עס האָט אויסגעזען דער טעסט, אַלץ עלטער האָט בדרך כּלל דאָס קינד געדאַרפֿט זײַן אויף צו באַשיידן אים; און דער כראָנאָלאָגישער עלטער פֿון קינד איז געווען אַן אָנווײַזער אויף דעם מין טעסטן וואָס קענען באַשיידט ווערן. ער האָט עקספּערימענטירט מיט אַ צאָל פֿון די דאָזיקע טעסטן און אויסגעפֿונען, אַז געוויסע טעסטן קענען גרופּירט ווערן פֿאַר יעדן כראָנאָלאָגישן עלטער, ווײַל צווייי דריטל ביז דרײַ פֿערטל קינדער פֿון דעם עלטער, וואָס זײַנען טעסטירט געוואָרן, האָבן געקענט אָט די טעסטן באַשיידן. אַ מאָס פֿאַרן כראָנאָלאָגישן עלטער פֿון 12 יאָר זײַנען בכן אַזוינע טעסטן וואָס קענען, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, באַשיידט ווערן דורך אַן ערך 75 פּראָצענט פֿון אַ ניט-אָפּגעקליבענער גרופּע קינדער וואָס זייער כראָנאָלאָגישער עלטער איז 12 יאָר, דורך אַזוי גוט ווי אַלע קינדער וואָס זײַנען כראָנאָלאָגיש עלטער ווי 12 און דורך זייער ווײניק קינדער וואָס זײַנען יִינגער ווי 12"[40].

די טעמעס פֿון בינעס טעסטן אויס זעען אַן ערך אַזוי[41]:

פֿאַר 3 יאָר:

1. אָנווײַזן נאָז, אויגן, מויל אאַז"וו.
2. נאָכזאָגן קורצע זאַצן (פֿון 6 טראַפֿן).
3. נאָכזאָגן צוויי ציפֿער.
4. אָנרופֿן געגנשטאַנדן אויף בילדער. די בילדער זײַנען: דער הענדלער

---

[40] Thomas, W. I. and Thomas, D. S. The Child in America. N. Y. 1928, p. 335.

[41] געבראַכט לויט Meumann, E. Vorlesungen zur Einführung in die experimentelle Pädagogik², II, Leipzig 1920, pp. 273—4.

און דער יִנגל; דער אַלטער מאַן און די אַלטע פֿרוי אויף אַ באַנק; דער מאַן שטייט אויף אַ קאַנאַפּע און קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער.

5. וויסן דעם אייגענעם פֿאַמיליע־נאָמען.

פֿאַר 4 יאָר:

1. וויסן דעם אייגענעם געשלעכט.
2. אָנרופֿן באַקאַנטע געגנשטאַנדן.
3. נאָכזאָגן דריַי ציפֿער.
4. וויסן, וועלכע פֿון צוויי ליניעס עס איז לענגער.

יעדער עלטער האָט זיך זיַין גאַנג טעסטן אָדער, ווי מען רופֿט עס אַנדערש, זיַין סקאַלע. אַזוי גייט דאָס וויַיטער ביז 16 יאָר. פֿאַר וואָס ניט נאָך וויַיטער? וויַיל די טעאָרעטיקער פֿון טעסטירונג האַלטן, אַז נאָך 16 (אַנדערע מיינען אַפֿילו: נאָך 14 יאָר) וויַיזן ניט די טעסטן קיין שום וווּקס פֿון אינטעליגענץ. אַנדערע זאָגן דאָס אַ ביסל אָפּגעהיטער; למשל פּינטנער:

„מען קען ניט אין גאַנצן לייקענען די מיגלעכקייט פֿון אַזאַ וואַקסן. קען זיַין, אַז די אינטעליגענץ וואַקסט יאָ אַפֿילו ביז אין די צוואַנציקער אָדער אין די דריַיסיקער אַריַין און מערניט אונדזערע טעסטן זיַינען ניט גענוג סובטיל דאָס אויסצוגעפֿינען.

„אָט די הנחה פֿונעם פּסיכאָלאָג, אַז די אַנטוויקלונג פֿון אינטעליגענץ שטעלט זיך אָפּ צווישן 14 און 16, איז דאָס רובֿ אַזוי ווי אַ קלאַפּ פֿאַר סטודענטן אָדער לערער. זיי זיַינען געוווינט איַינגעוויינט צו טראַכטן, אַז דעם מענטשנס גיַיסט וואַקסט און אַנטוויקלט זיך ביז וואַנען עס הייבן זיך אָן די אַלטע יאָרן. מוזן זיי דעריבער געדענקען, אַז דער פּסיכאָלאָג ניצט דעם טערמין „אינטעליגענץ" מיט זייער אַ באַגרענעצטן און באַשטימטן פּשט. דאָס איז די פֿעיִקייט צוצופּאַסן זיך צו לפֿי־ערך ניַיע סיטואַציעס. אויף ווי וויַיט דער פּסיכאָלאָג איז געווען אין שטאַנד צו מעסטן אַזאַ צופּאַסעוודיקייט, געפֿינט ער אויס, אַז דורכשניטלעכע פֿערצן־ביז זעכצן־יאָריקע קינדער באַוויַיזן אַזוי פֿיל צופּאַסעוודיקייט ווי דורכשניטלעכע דערוואַקסענע, אַלץ איינס פֿון וועלכן עלטער. דער פּסיכאָלאָג מיינט ניט, אַז אַזוינע קינדער קענען טון אָדער וויסן אַזוי פֿיל ווי אַ דורכשניטלעכער דערוואַקסענער. ער מיינט פּשוט, אַז אויב אַ 14־ ביז 16־יאָריקער ווערט אַוועקגעשטעלט אין אַ סיטואַציע וואָס איז פֿאַר אים אַזוי ניַי ווי פֿאַר אַ דערוואַקסענעם, וועלן זייערע פּעולות אין דורכשניט זיַין די זעלביקע. וואָס עס קומט צו דעם מענטש בשעת ער ווערט עלטער איז אַלץ אַ גרעסערער און גרעסערער אָנקלויב פֿון פֿאַקטן, אַ גרעסער וויסן, אַ ברייטערע געניטשאַפֿט אין אָפּטון אַ סך פֿאַרשיידענע זאַכן וואָס זיַינען אין הסכּם מיט דער מדרגה פֿון זיַין אינטעליגענץ" [42].

---

[42] פּינטנער, דצ"ו זז' 67, 69 א"וו.

בינעס טעסטן זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ סך קולטורשפּראַכן און ווערן הײַנט אָנגעווענדט, מיט געוויסע לאָקאַלע מאָדיפֿיקאַציעס, אין אַלע וועלטטיילן[43].

דער באַגריף „גײַסטיקער עלטער" איז געוואָרן אַ דבֿר בכל יום, און אויב מען זאָגט אויף אַ 10יאָריקן, אַז ער האָט דעם גײַסטיקן עלטער פֿון 8 אָדער פֿון 12, דאַרף דאָס געבן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן דעם בעל־דבֿר. געוויינטלעך, ווען מען רופֿט אָן עמעצנס גײַסטיקן עלטער, מוז מען זאָגן, צי מען האָט געמאָסטן לויט בינעען אָדער לויט אײנער פֿון די פֿיל אַנדערע סקאַלעס וואָס זײַנען צוגעקלערט געוואָרן נאָך בינעען; וואָרעם אַנדערע סקאַלעס שטעלן אַרויס צו די קינדער האַרבערע אָדער גרינגערע פֿאָדערונגען איידער בינע.

אַז מען וויל נעמען אַ טעסט פֿאַר אַ מעסטער, מוז מען פֿאַרשטייט זיך פֿריִער געבן דעם טעסט צו אַ גענוגער צאָל פּערזאָנען איידער מען קען ריידן וועגן אַ דורכשניט. נאָר בפֿירוש וויפֿל דאַרף מען האָבן אָפּטעסטירט בכדי מען זאָל קענען האַלטן, אַז דער אָ טעסט איז אויסגעפּרוּווט אָדער, ווי מען רופֿט עס, סטאַנדאַרדיזירט?

לאָמיר לאָזן ריידן פּינטנערן, וואָס ער איז פֿון די הויפּט־בר־סמכאס[44]:

„אַ סך טעסטן האָבן אַ צווייפֿלדיקן פּראַקטישן ווערט, ווײַל זיי זײַנען ניט אויסגעפּרוּווט געוואָרן אין גענוג פֿאַלן, אַז מען זאָל זיך קענען פֿאַרלאָזן אויפֿן אויסגעפֿונענעם דורכשניט. ס'איז שווער צו זאָגן, וויפֿל פֿאַלן עס דאַרפֿן טעסטירט ווערן בכדי עס זאָל דערגרייכט ווערן אַ באַפֿרידיקנדיקע סטאַנדאַרדיזירונג. דער בעסטער מעטאָד איז אפֿשר אויסצואַרבעטן די עלטער־אָדער פּראָצענט־נאָרמעס אויף פֿאַרשיידענע מדרגות אין לויף פֿון דער סטאַנדאַרדיזאַציע און דערנאָך לייגן אַכט, צי די דורכשניטן... אָדער פּראָצענטער וואַקלען זיך אַ סך אָדער ווינציק בשעת עס ווערט צוגעגעבן אַ נײַע גרופּע פֿאַלן. נאָכן אָפּטעסטירן, לאָמיר זאָגן, 50 קינדער אַרבעט אויס די נאָרמעס. גיט צו אַ נײַע גרופּע פֿון 50 אָדער אין דעם ערך און אַרבעט איבער אַ נײַס אויס די נאָרמעס; און אַזוי בײַ די ווײַטערדיקע צוּוואוקסן, ביז וואַנען איר שטעלט פֿעסט, אַז די נאָרמע האָט אַן אַלגעמיינע טענדענץ צו בלײַבן סטאַביל. די מסקנא איז יעמאָלט, אַז בײַם צוגעבן נײַע פֿאַלן וועט זיך שוין די נאָרמע אָנזיכטיק ניט בײַטן; מעגן מיר האַלטן, אַז אונדזער סטאַנדאַרדיזירונג איז שוין פֿאַרענדיקט".

24. דער אינטעליגענץ־וויפֿלער

דער אַמעריקאַנער טוירמאַן (Terman) און זײַנע מיטאַרבעטער האָבן אין דער צײַט פֿון דער מילחמה אויסגעאַרבעט אַ רעוויזיע פֿון די בינע־טעסטן און ניט

---

43 אַ גאַנג ייִדישע בינע־טעסטן האָט געהאַט אויסגעאַרבעט אַ. גאָלאָמב פֿאַרן ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע; אַנדערע ייִדישע וואַריאַנטן ווערן גענוצט אין דערציִונגס־אינסטיטוציעס אין ווילנע, וואַרשע און לאָדזש.

44 דצ"ו ז' 84.

נאָר צוגעפּאַסט זיי צו די אַמעריקאַנער פֿאַרהעלטענישן, נאָר אויך געפֿונען אַ בעסערן און קירצערן וועג אויסצודריקן דעם סך־הכּל פֿון דער טעסטירונג.

זײַן געדאַנקען־גאַנג לאָזט זיך כאַראַקטעריזירן אַזוי.

ווען מען זאָגט אונדז: „אַט דאָס קינד האָט אַ גײַסטיקן עלטער פֿון 8", גיט אונדז אַזאַ אַבסאָלוטע פעסטשטעלונג גאָר ניט, ווײַל אַלצדינג איז געווענדט אין דעם, וויפֿל עס איז זײַן כראָנאָלאָגישער עלטער: אויב אויך 8, איז דאָס קינד נאָרמאַל; אויב 10, איז ער אונטערנאָרמאַל; אויב 6, איז איבערנאָרמאַל. אויב מען וועט אונדז זאָגן אַ ביסל גענויער: „דער בעל־דבר איז אין גײַסטיקן עלטער אָפּגעשטאַנען אויף 2 יאָר אַנטקעגן זײַן כראָנאָלאָגישן עלטער", לערנט אונדז דאָס וואָרט „אָפּגעשטאַנען" יאָ עפּעס, אָבער קלעקן קלעקט דאָס אויך ניט. עס איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז צום גיכסטן וואַקסט בײַ אַ קינד די אינטעליגענץ אין עלטער ביז פֿינף יאָר; איז אויב אַ פֿינפֿיאָריקער איז הינטערשטעליק אויף צוויי יאָר, איז דאָס אַ סך אַ גרעסערע אָפּגעשטאַנענקייט איידער ווען אַ צוועלף־יאָריקן פֿעלן צוויי יאָר.

הייסט דאָס אַ ריכטיקע השגה וועגן אַ מענטשן, פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון טעסטירער, האָבן מיר בלויז דורך צוויי צאָלן: גײַסטיקער עלטער און כראָנאָלאָגישער עלטער. יעמאָלט באַקומען מיר ניט קיין אַבסאָלוטע, נאָר אַ רעלאַטיווע גרייס.

דאָ קומט אַרײַן טורמאַן מיט זײַן נײַס. זײַנע זוכונגען האָבן געוויזן, אַז די פֿאַרהעלטעניש פֿון גײַסטיקן עלטער צום כראָנאָלאָגישן עלטער בלײַבט אין דורכשניט פּיל־ווינציק די זעלבע דורך דער גאַנצער קינדהייט און יוגנט[45]. טורמאַן האָט דעריבער געשאַפֿן (אָדער אפֿשר וועט זײַן גערעכטער צו זאָגן: איבערגענומען בײַ סטערנ'ען און אײַנגעפֿונדעוועט) דעם באַגריף: Intelligence Quotient (פֿאַרקירצט .I. Q, אַרויסגערעדט אויף ענגליש אײַ־קיו), וואָס מען קען אויף יִידיש איבערגעבן מיטן טערמין אינטעליגענץ־וויפֿלער (א"וו, אַרויסגערעדט: אַלף־וואָוו).

דער אינטעליגענץ־וויפֿלער (דער אַלף־וואָוו) פֿון אַ סוביעקט איז די פֿאַרהעלטעניש פֿון זײַן גײַסטיקן עלטער צום כראָנאָלאָגישן. דער גײַסטיקער עלטער ווערט געטיילט אויפֿן כראָנאָלאָגישן עלטער, און דער רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער אָפּעראַציע פֿון

---

[45] מען קען גאָר ניט גענוג אונטערשטרײַכן די ווערטער: „אין דורכשניט". טורמאַן גופֿא האָט פֿאַרגלײַכט די וווּקס־קרומע פֿון פֿאַרשיידענע קינדער פֿון יאָר צו יאָר און אויסגעפֿונען, אַז עס טרעפֿן היפּשע שפּרונגען אויך. פֿאַראַן קרומע וואָס מאַכן אַ ספּאַזמאַטישן אײַנדרוק. דאָס דאַרף ניט זײַן דווקא אַ טעות פֿונעם טעסטירער. ס'קען זײַן אַ פּועל־יוצא פֿון אַן איבערגעטראָגענער קראַנקייט, אָדער מיר קענען האָבן צו טון מיט „ניט קיין געשטעלטן" פּאַרשוין. פּינטנער זאָגט דעריבער אָפּגעהיטערהייט (דצ"וו ז' 70): „דער רעגולערער וווּקס פֿון אינטעליגענץ פֿון יאָר צו יאָר, ווי עס ווײַזן אים אונדזערע קרומע, גיט אונדז מיסתּמא אַ בילד וועגן דעם דורכשניט פֿון גרופּעס; אָבער ס'מוז ניט גילטן דווקא פֿאַר יעדן יחיד".

חילוק איז דער אַלף־וואָו. אויב אַ קינד באַשיידט אַלע טעסטן וואָס זײַנען צוגעמאָסטן צו זײַן עלטער, איז זײַן אַלף־וואָו 100 (הונדערט פּראָצענט); אויב ער קומט אַרויס בײַם טעסטירן נידעריקער איידער מען האָט זיך גערעכט וועדליג זײַן עלטער, זאָגט מען, אַז זײַן אַלף־וואָו איז נידעריקער פֿון 100; אויב העכער — איז העכער פֿון 100.

דעם חשבון מאַכט מען אַזוי. לאָמיר אָננעמען, אַז דער גײַסטיקער עלטער (Mental Age, אין ראָשי־תּיבֿות .M. A) איז 10 יאָר מיט 8 חדשים; דער כראָנאָלאָגישער עלטער (Chronological Age, ראָשי־תּיבֿות .C. A) איז 12 יאָר מיט 6 חדשים; יעמאָלט האָבן מיר:

$$I.\ Q. = \frac{M.\ A.}{C.\ A.} = \frac{10.8}{12.6}$$

איצטער דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז 10.8 און 12.6 זײַנען ניט קיין קיין געצענטלטע ברוכצאָלן, נאָר ס׳איז אַ באַצייכענונג פֿון יאָרן און חדשים. בכדי צו מאַכן די אָפּעראַציע פֿון חילוק, מוזן מיר דאָס אַריבערפֿירן אין חדשים. הייסט עס:

$$I.\ Q. = \frac{M.\ A.}{C.\ A.} = \frac{128}{150} = .85$$

דער אַלף־וואָו פֿון אונדזער בעל־דבֿר איז הייסט עס 85.

נאָכן אויסטעסטירן אַ גרויסע צאָל קינדער פֿון פֿאַרשיידענע עלטערס האָט טוירמאַן[46] פֿעסטגעשטעלט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ מער־ווינציקער אײַנגעשטעלטע פֿאַרטיילונג פֿון אַלף־וואָוון. איך חזר דאָ איבער אַ טאַבעלע וואָס גיט זײַנע רעזולטאַטן:

די נידעריקסטע 1 פּראָצענט דערגרייען צו אַן א״ור פֿון 70 אָדער נידעריקער
״ ״ 2 ״ ״ ״ ״ ״ ״ 73 ״ ״
״ ״ 3 ״ ״ ״ ״ ״ ״ 76 ״ ״
״ ״ 5 ״ ״ ״ ״ ״ ״ 78 ״ ״
״ ״ 10 ״ ״ ״ ״ ״ ״ 85 ״ ״

און אַזוי ווײַטער.

נעמען מיר די קינדער וואָס שטײַגן אַריבער דעם דורכשניט, זעט דאָס אויס אַזוי:

די העכסטע 1 פּראָצענט דערגרייען צו אַן א״ור פֿון 130 אָדער אַריבער
די העכסטע 2 ״ ״ ״ ״ ״ ״ 128 ״ ״
די העכסטע 3 ״ ״ ״ ״ ״ ״ 125 ״ ״
די העכסטע 5 ״ ״ ״ ״ ״ ״ 122 ״ ״
די העכסטע 10 ״ ״ ״ ״ ״ ״ 116 ״ ״

און אַזוי ווײַטער.

---

46 Terman, L. M. The Stanford Revision and Extension of the Binet—Simon Scale for Measuring Intelligence. Baltimore 1917.

אין דער צײַט ווען טוירמאַן האָט געמאָלדן וועגן די דאָזיקע רעזולטאַטן— ס׳איז געווען אין מיטן דער וועלט-מלחמה—האָט דער דורך-ארץ פֿאַר די טעסטן און די אײַנגעגלייבטקייט אין זיי דערגרייכט די העכסטע מדרגה. סײַ טוירמאַן אַליין און סײַ אַנדערע געלערנטע האָבן געמאַכט דערפֿון די ווײַטגרייכיקסטע אויספֿירן.

בײַם טעסטירן גרעסערע צאָלן שולקינדער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קינדער פֿון „בעסערע״ היימען האָבן אַ העכערן אַלף-וואָוו; האָט מען דערפֿון געדרונגען:

„קינדער פֿון דערפֿאָלגרײַכע און קולטורעלע עלטערן ווײַזן זיך אַרויס העכער איידער קינדער פֿון קבצנישע און עם-האַרצישע היימען איבער דעם פּשוטן טעם, וואָס זייער ירושהדיקייט איז אַ בעסערע״[47].

פֿאַרשיידענע זוכונגען אין אַנשטאַלטן פֿאַר גײַסטיק-קראַנקע, אין טורמעס, אין קאָרעקציע-הײַזער פֿאַר יוגנטלעכע געזעץ-ברעכער האָבן געבראַכט צו דער פֿעסטשטעלונג, אַז כּמעט קיין איין באַוווינער פֿון אַן אַנשטאַלט פֿאַר גײַסטיק דעפֿעקטיווע שטײַגט ניט אַריבער דעם טעסט פֿאַר 12יאָריקע; אַ סך יוגנטלעכע אָדער דערוואַקסענע פֿאַרברעכער האָבן טעסטירט אונטער 12 יאָר. אויף דעם סמך האָט טוירמאַן ווידער אַ מאָל פֿאָרמולירט אַ כּלל-גדול: „אַלע שוואַכזיניקע זײַנען צום ווייניקסטן פּאָטענציעלע פֿאַרברעכער״[48]. ווילִיאַמס האָט אַרויסגעבראַכט דאָס זעלבע אין אַנדערע ווערטער, אונטערשטרײַכנדיק נאָך מער דעם סיבותדיקן צוזאַמענהאַנג צווישן נידעריקן אַלף-וואָוו און יוגנטלעכער פֿאַרברעכערישקייט:

„אין אַ סך פֿאַלן פֿון פֿאַרברעכערישקייט וואָלט די נידעריקע אינטעליגענץ אַליין פֿאַר זיך געווען גענוג אויף צו דערקלערן, פֿאַר וואָס די חטאָים זײַנען באַגאַנגען געוואָרן. אין אַלגעמיין מעג מען זאָגן, אַז הויכע אינטעליגענץ מיינט דערפֿאָלג און נידעריקע אינטעליגענץ מיינט דורכפֿאַל בײַם צופּאַסן זיך צו די געוויינטלעכע פֿאָדערונגען פֿון דער געזעלשאַפֿט״[49].

ווען די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען אַרײַן אין דער מלחמה און האָבן אָנשטאָט זייער אַרמיי פֿון געדונגענע פֿרײַוויליקע אײַנגעפֿירט אַ מיליטער-צוואַנג, האָט מען דורך פֿאַרשיידענע מינים טעסטן איבערטעסטירט העכער אָנדערטהאַלבן מיליאָן מענטשן; צו העכער 80,000 האָט מען געגעבן אינדיווידועלע טעסטן. דער עיקר האָט מען געניצט צוויי גרופּנדיקע טעסטן, Army Alpha פֿאַר שריפֿטיקע און

---

[47] Terman, Lewis M. The Measurement of Intelligence, 1916, p. 115.
ציטירט לויט טאָמאַס, דצ״וו ז׳ 341.

אַ שטודיע פֿון טוירמאַנס אַ תּלמידה בוירקס, פּובליקירט מיט צוועלף יאָר שפּעטער, קומט צו אַן ענלעכן אויספֿיר: „ארום 75 אָדער 80 פּראָצענט שינויים אין אַלף-וואָוו [נעמען זיך] פֿון אײַנגעבוירענע און ירשעוודיקע סיבות״. זע:

Burks, Barbara Stoddard. The Relative Influence of Nature and Nurture upon Mental Development. In: Yearbook of the National Society for the Study of Education 27 (1928), pp. 219—316.

[48] ציטירט לויט טאָמאַס ז׳ 337. [49] לויט טאָמאַס ז׳ 364.

Army Beta פֿאַר אומשריפֿטיקע און אויסלענדיש-געבוירענע. דערבײַ האָט זיך באַקומען אַזאַ רעזולטאַט: דער מיטעלער גײַסטיקער עלטער פֿון אַ שוואַרצן זעלנער איז געווען 10.4, פֿון אַ ווײַסן זעלנער 13.1. אין דער ווײַסער ראַסע גופֿא ווידער האָט מען אויך פֿעסטגעשטעלט שאַרפֿע אונטערשיידן. אויפֿן ערשטן אָרט שטייען די געבוירענע „הונדערט-פּראָצענטיקע", אַמעריקאַנער, דערנאָך גייען אײַנוואַנדערער פֿון די ענגליש-ריידנדיקע לענדער (קאַנאַדע, ענגלאַנד), ווײַטער די צפֿון-אייראָפּעיִשע אימיגראַנטן, און דערנאָך ערשט די דרום- און מיזרח-אייראָפּעיִשע. למשל די געבוירענע אין גרויס-בריטאַניע שטייען אויפֿן צעטל מיטן דורכשניטלעכן גײַסטיקן עלטער 13.0, די געבוירענע סקאַנדינאַוויער און די געבוירענע אין דײַטשלאַנד מיט 12.9, די געבוירענע אין גריכנלאַנד מיט 11.9, די געבוירענע אין רוסלאַנד מיט 11.3, די געבוירענע אין איטאַליע מיט 11.2 אאַז"וו[50].

פֿון די דאָזיקע „וויסנשאַפֿטלעכע" אויסגעפֿינסן האָט מען געמאַכט שוין גאָר פּראַקטישע אויספֿירן. די שטענדיקע גאווה אַנטקעגן דעם נעגער האָט באַקומען אַ נײַעם אונטערשפּאַר, ווי באַלד עס איז *ריין וויסנשאַפֿטלעך* דערוויזן געוואָרן, אַז יעדער ווײַסער איז צוויי יאָר מיט נײַן חדשים גײַסטיק עלטער איידער אַ נעגער. די שוואַכע ענטפֿערס פֿון אימיגראַנטן אַנטקעגן די הונדערט-פּראָצענטיקע זײַנען ווידער געווען אַ ראָיה, אַז די שטענדיקע פֿאַראַכטונג צום „גרינעם", צום „פֿאַרענער" (foreigner) איז געבויט אויף וויסנשאַפֿטלעך דערוויזענע פֿאַקטן. די פֿאַרשיידענע אַלף-וואָוון פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס האָבן קלאָר געמאַכט, אַז עס לאָזט זיך אויפֿשטעלן אַ לייטער פֿון מער און ווינציקער געווונטשענע אימיגראַנטן (וואָרעם צו וואָס דאַרף אַ לאַנד אַרײַנלאָזן צו זיך מענטשן מיט פֿאַרשטאָפּטע קעפּ?), און די טעאָריע, אַז די „נאָרדיקס" זײַנען דאָס אייבערשטע פֿון שטייסל, האָט געפֿונען איר אָפּשפּיגלונג אין די קוואָטעס וואָס די אַמעריקאַנער נאָכמילחמהדיקע אימיגראַנטן-געזעץ-געבונג האָט אײַנגעשטעלט פֿאַר די פֿאַרשיידענע לענדער.

אָט די געזעץ-געבונג, מיט נאָך נײַע חומרות פֿאַר אַ צוגאָב, גילט ביז הײַנטיקן טאָג, אָבער די וויסנשאַפֿטלעכע יסודות אירע זײַנען אונטערגעשוואַנקט געוואָרן אַזוי גיך ווי מען האָט זיי אויפֿגעשטעלט. ניט וואָס מען האָט אויפֿגעהערט פֿאַרגעבן אינטעליגענץ-טעסטן; נאָר דער גלויבן אין זייער אומאָפּפֿרעגלעכקייט איז שטאַרק געפֿאַלן. בײַ הײַנטיקן טאָג וואָלט מען די מיינונג פֿונעם רובֿ פֿאָרשער געקאָנט פֿאָרמולירן אַזוי: אין געוויסע פּראַקטישע פֿאַלן איז די טעסטירונג נוציק אַפֿילו בײַם איצטיקן שטאַנד פֿון אונדזער וויסן, אָבער ס'וועט נאָך אַ סך מאָל ווערן זומער און ווינטער ביז וואַנען די אינטעליגענץ-טעסטן וועלן ווערן – אויב בכלל – דער באַזיס פֿאַר סאָלידע אורטיילן וועגן דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

---

[50] די רעזולטאַטן פֿון דער דאָזיקער גרויסער אַרמיי-טעסטירונג זײַנען איבערגעגעבן זייער ברייט (און מיט אַ סך ברייטקייט) אין בריגהעמס בוך:
Brigham, C. C. A Study of American Intelligence. Princeton 1923.

25. קריטיק אויף די אינטעליגענץ-טעסטן

לאָמיר פּרוּוון געפּרעסטערהייט צונויפֿנעמען די הויפּט-אַרגומענטן פֿון די סקעפּטיקער.

ראשית: וואָס מעסטן די אינטעליגענץ-טעסטן? דער ענטפֿער איז צום אָנהייב געווען גאָר אַ האָפֿערדיקער. וואָס טײַטש? זיי מעסטן די אינטעליגענץ! אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס אינטעליגענץ? מיר האָבן מיט אַ פּאָר זײַטלעך פֿרִיִער ציטירט פּינטנערס דעפֿיניציע, אַז עס מיינט „די פֿעִיקייט צוצופּאַסן זיך צו לויט-ערך נײַע סיטואַציעס". דאָס איז אַן איבערפֿראַזירונג פֿון סטערנס אַ פֿאָרמל. אין אַן אַנדער אָרט[51] האָט פּינטנער צוגעגעבן:

„אונטער אינטעליגענץ-טעסטן פֿאַרשטײ איך טעסטן פֿון דער אַלגעמיינער יכולת צו טון אַלע מיני זאַכן, — להיפּוך צו טעסטן פֿון אויסבילדונג אָדער פֿון אַ פֿאַך, וואָס זײַער ספּעציפֿישע עובֿדא איז צו מעסטן יענע קענטענישן וועלכע מען האָט דעם יחיד ספּעציעל געלערנט".

אָבער פּינטנער איז מער ניט ווי איינער. אַ צווייטער גדול פֿון די וואָס מיר האָבן דערמאָנט, טוירמאַן, זאָגט:

„אַ יחיד איז אינטעליגענט אין דער מאָס ווי ער איז ביכולת צו דענקען אַבסטראַקט".

הענמאָן (Henmon) זאָגט קאַפּויר ווי פּינטנער:

„די אַזוי גערופֿענע טעסטן פֿון אַלגעמיינער אינטעליגענץ מעסטן בשום אופֿן ניט די אַלגעמיינע אינטעליגענץ, גאָר יענע ספּעציעלע אינטעליגענץ וואָס די שול האַלט פֿאַר געווינטשן... אינטעליגענץ איז אינטעלעקט פּלוס וויסן".

פֿאַר וווּדראָוען (Woodrow) איז אינטעליגענץ

„אַ פֿאַרארייגענונג-פֿעִיקייט".

באַלאַרד (Ballard) דעפֿינירט:

„די לויט-ערך אַלגעמיינע פֿעולהדיקייט (efficiency) פֿון גײַסט, געמאָסטן אונטער ענלעכע באַדינגונגען פֿון וויסן, פֿאַראינטערעסירטקייט און אײַנגעווינטקייט."

טהאָרנדײַק (Thorndike) ווידער זאָגט:

„אינטעליגענץ סתּם וואָלטן מיר געקאָנט דעפֿינירן ווי דעם כּוח גוט צו ענטפֿערן, פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון אמת אָדער פֿון פֿאַקט."

פֿאַראַן נאָך אַנדערע דעפֿיניציעס, און אַ היפּשער טייל אָנטיילנעמער פֿון יענעם סימפּאָזיום האָבן קיין שום קורצע דעפֿיניציעס ניט דערלאַנגט, נאָר בעסער

---

[51] Intelligence and Its Measurement: A Symposium. In: Journal of Educational Psychology 12 (1921), p. 136.

אין דעם דאָזיקן יאָרגאַנג פֿון זשורנאַל זז' 123 — 147 און 195 — 216 האָבן עטלעכע און צוואַנציק פּסיכאָלאָגן, לויט דער בקשה פֿון דער רעדאַקציע, אַרויסגעזאָגט, וואָס זיי פֿאַרשטייען אונטער אינטעליגענץ. די ווײַטערדיקע דעפֿיניציעס זײַנען אויך גענומען פֿון דאָרטן.

געגעבן אַ לענגערע אַרומשרײַבונג. אויף אַזאַ אופן מוז מען קאָנסטאַטירן דעם משונהדיקן פֿאַקט, אַז טעסטן זײַנען אַ נוציקע זאַך בײַם זאָגן מבֿינות אויף שולקינדער (דאָ זײַנען כמעט אַלע מסכּים), אָבער וואָס מען מעסט ווייס מען ניט אויף קלאָר. פינטנער לייגט דעריבער פֿאָר פֿאַר שוללערער אַזאַ מין באַשיידענע באַשרײַבונג: דער אינטעליגענץ־טעסט איז אַ גוטער אָנווײַזער, צי אַ קינד איז ביכולת צו לערנען אין שול, אויב ער איז פֿאַראינטערעסירט און אויב ער באַגערט.

שפּעטיקערע פֿאָרשונגען האָבן שטאַרק אַ טרייסל געטאָן טוירמאַנס כּלל, אַז דער אַלף־וואָוו שפּיגלט אָפּ דעם מיטגעבוירענעם גײַסטיקן פֿאַרמעגן פֿון אַ מענטשן. קאַלווין פֿאַרגלײַכט למשל די טעסטיר־רעזולטאַטן פֿון ברוקלײַן (אין שטאַט מאַסאַטשוזעטס, פֿאַקטיש אַ טייל פֿון באָסטאָן) און סינסינעטי, און שטעלט פֿעסט:

„אַ דורכשניטלעך ברוקלײַנער קינד פֿון 12 יאָר האָט, לויט די דאָזיקע טעסטן, אַ גײַסטיקן עלטער פֿון אַן ערך צוויי יאָר פֿאָרויס לגבי דעם דורכשניטלעכן סינסינעטער קינד. איז וואָס, זאָלן מיר דרינגען דערפֿון, אַז די סינסינעטער קינדער זײַנען באמת נידעריקער אין אײַנגעבוירענער אינטעליגענץ איידער די ברוקלײַנער? איך רעכן, אַז ניט. דעם גרויסן חילוק אין די רעזולטאַטן שרײַב איך צו צום אונטערשייד אין די געלעגנהייטן צו לערנען ווערטער און זייער באַטײַט... ברוקלײַן איז בדרך כּלל אַ קולטור־צענטער, ווו די קינדער לערנען זיך אויס אין דער היים אין אַ העכערער מאָס צו ניצן ענגליש“[52].

איסערליס וואָס האָט אין ענגלאַנד געפֿאָרשט די באַציִונג צווישן היים־באַדינגונגען און אינטעליגענץ פֿון שולקינדער זאָגט אַזוי:

„מיר זײַנען באַרעכטיקט צו באַשליסן, אַז ווען עס וועלן זיך פּראָגרעסיוו פֿאַרבעסערן די היים־באַדינגונגען, וועט דאָס גינציק ווירקן... אויף דער אינטעליגענץ פֿון די שולקינדער“[53].

פֿרימאַן (Freeman) מיט אַ גרופּע מיטאַרבעטער האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק געגעבן אַ באַריכט וועגן אַן אויספֿאָרשונג פֿון אַ גרויסן פֿאַרנעם. מען האָט גענומען קינדער פֿון אינטערנאַטן און זיי אַוועקגעגעבן אויף אַ ריי יאָרן אין פֿרעמדע פֿאַמיליעס. ווײַטער האָט מען אַ צאָל קינדער אַרויסגענומען פֿון זייערע אייגענע פֿאַמיליעס און אַוועקגעגעבן אויף אַ לענגערער צײַט צו האָדעווען בײַ פֿרעמדע. איןביידע פֿאַלן איז די ירושהדיקייט פֿון די קינדער געבליבן די זעלבע, בשעת ווען די סבֿיבֿה־באַדינגונגען האָבן זיך געביטן. די ערשטע גרופּע איז באַשטאַנען פֿון 134, די צווייטע פֿון 159 קינדער. ביידע גרופּעס קינדער האָט מען טעסטירט בײַם אַרויסנעמען פֿון זייער פֿריִערדיקער סבֿיבֿה און דערנאָך, בעת זיי זײַנען שוין אָפּגעווען אין די אַדאָפּטיר־היימען אַ לענגערע צײַט. די אויספֿירן פֿון דער פֿאָרשונג זײַנען אַזעלכע, אַז דער אַלף־וואָוו בײַט זיך יאָ מיטן בײַט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן מעמד. וואָס פֿריִער מען טראָגט אַריבער קינדער אין אַ גינציקערער

---

52 ציטירט לויט טאָמאַס, דצ״ו ז׳ 341.

53 דאָרט ז׳ 342.

סבֿיבֿה אַרײַן, און וואָס לענגער זיי בלײַבן אין דער גינציקערער סבֿיבֿה, אַלץ גרעסער איז דער וווּקס פֿונעם אַלף-וואָוו[54]. דאָס מיינט ניט, אַז דערמיט איז פֿאַרענטפֿערט דער ווידעראַנאַנד ירושה — סבֿיבֿה; אָבער דער גלויבן אין די 70—80 פּראָצענט ירושהדיקע עלעמענטן פֿון אינטעליגענץ ווערט חרובֿ.

ניט ווייניקער איז טוירמאַן דורכגעפֿאַלן מיט זײַן פּסק, אַז אַלע שוואַכזיניקע זײַנען לכל הפּחות פּאָטענציעלע פֿאַרברעכער. ווען די רעזולטאַטן פֿון דער אַמעריקאַנער אַרמיי-טעסטירונג 1917–1919 האָבן באַוויזן, אַז 47 פּראָצענט דערוואַקסענע ווײַסע און 89 פּראָצענט דערוואַקסענע נעגערס דאַרפֿן פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר „שוואַכזיניקע" (אַלף-וואָוו אונטער 70), האָט מען זיך געכאַפּט, אַז עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען אַנטקעגן די גײַסטיק דעפֿעקטיווע און די פֿאַרברעכער. צווישן זיי זײַנען טאָקע פֿאַראַן פּראָצענטועל מער פּערזאָנען מיט אַ נידעריקן אַלף-וואָוו, אָבער דער ווײַט גרעסטער טייל קרימינעלע, סײַ יוגנטלעכע סײַ דערוואַקסענע, איז פֿאָרט אין גאַנצן נאָרמאַל אין פּרט פֿון אינטעליגענץ. און אַפֿילו בנוגע די וואָס זײַנען יאָ גײַסטיק דעפֿעקטיוו קען מען אויך ניט זאָגן, אַז די דעפֿעקטיווקייט איז די סבֿיבֿה פֿון זייער פֿאַרברעכערישקייט; וואָרעם ווייניק זײַנען פֿאַראַן פּאַרשוינען מיט אַ נידעריקן אַלף-וואָוו, וואָס זײַנען קיין מאָל ניט אַראָפּ פֿון דרך-הישר?

דער שטאַרקסטער קלאַפּ פֿאַר דעם גלויבן אין דער אַלצווייסיקייט פֿונעם טעסט איז טאָקע געווען אָט יענע אַרמיי-טעסטירונג. קודם-כּל האָט זיך עפּעס ניט געוואָלט מודה זײַן, אַז 47 פּראָצענט דערוואַקסענע ווײַסע זײַנען גײַסטיק אָפּגעשטאַנען. וועגן די נעגערס וואָלט זיך אַ גרויסער טייל פֿאָרשער גראָד ניט געאַמפּערט, אָבער ס'זײַנען אַרויסגעשווומען אַ פּאָר פּיקאַנטע איינצלהייטן: אַשטייגער אין עטלעכע שטאַטן אין צפֿון איז דער דורכשניטלעכער אַלף-וואָוו פֿון דער נעגערשער באַפֿעלקערונג העכער, איידער דער דורכשניטלעכער אַלף-וואָוו פֿון דער ווײַסער באַפֿעלקערונג אין טייל דרומדיקע שטאַטן. יעדער איינער ווייס, אַז דער צפֿון פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז אַ סך קולטורעלער איידער דער דרום; אָבער ווי באַלד אַזוי, איז דאָך שוין דער אַלף-וואָוו ניט קיין פֿונקציע פֿון ראַסע, נאָר פֿון אַנטוויקלונגס-מיגלעכקייטן און פֿון לעבנס-באַדינגונגען! דאָס אייגענע האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן בנוגע די אימיגראַנטישע גרופּעס.

צום גרעסטן טייל האָט דער אַרמייִשער טעסט פֿאַר אימיגראַנטן שוין דערפֿאַר ניט געהאַט קיין ווערדע, ווײַל זיי האָבן ניט גענוג געקענט ענגליש אויף צו פֿאַרשטיין, וואָס מען וויל פֿון זיי, בשעת מען האָט זיי געגעבן אַריטמעטישע אויפֿגאַבעס אָדער זיי געהייסן פֿון אַ ריי ווערטער אָפּקלײַבן די סינאָנימען. פֿאַר די

---

[54] Freeman, Frank N., Holzinger, Karl J. and Mitchell, Blythe Clayton. The Influence of Environment on the Intelligence, School Achievement, and Conduct of Foster Children. In: Yearbook of the National Society for the Study of Education 27 (1928), pp. 103—217.

אומשריפֿטיקע האָט מען געהאַט די בעטאַ־סקאַלע, וואָס די עקזאַמענירער פֿלעגן דערקלערן „אויף שטום־לשון", מיט זשעסטן און צייכענען אויפֿן טאָוול. אָבער אויב מען נעמט אַן אומשריפֿטיקן איטאַליענער און מען הייסט אים פֿאַרענדיקן אַ צייכענונג פֿון צלמלעך און קײַקעלעך, כּדי עס זאָל אַרויסקומען אַ סימעטרישע פֿיגור — צי איז דאָס אַ ריכטיקע מאָס פֿון זײַן אינטעליגענץ, אויב עס געראָט אים ניט? דער בלײַער גליטשט זיך בײַ אים אין האַנט, ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין עסק מיט סימעטרישע פֿיגורן אויף פּאַפּיר.

די טעסטן זײַנען געווען אויפֿגעשטעלט דורך אַמעריקאַנער געבוירענע, דורכגעדרונגען מיט זייערע השגות. די יעניקע טעסטירטע וואָס זײַנען שוין מער געווען אַרײַנגעוואַקסן אין אַמעריקאַנער לעבן האָבן געקענט ענטפֿערן בעסער. עס איז אַ פֿאַקט, אַז די אימיגראַנטן פֿון צפֿון־ און מערבֿ־אייראָפּע, וואָס זײַנען בדרך כּלל געקומען פֿריִער קיין אַמעריקע, האָבן זיך מער אַמעריקאַניזירט איידער די ראָמאַנער און די סלאַוון; האָבן זיי אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען בעסער. מיט אַנדערע ווערטער, די אַרמיי־טעסטן האָבן געמאָסטן ניט דעם גראַד אינטעליגענץ פֿון די רעקרוטן, נאָר דעם גראַד אַ מ ע ר י ק אַ נ י ז י ר ט ק ײ ט. ווען מען זאָל געווען צונויפֿשטעלן אַ פֿאַרהער־קאָמיסיע פֿון סיציליער פּויערים וואָס האָבן אָקאָרשט אימיגרירט קיין אַמעריקע, וואָלט אַזאַ קאָמיסיע געוויס אײַנגעפֿונען, אַז די בערימטע אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָגן זײַנען זייער קנאַפּ „אינטעליגענט": צו וואָס טויגן זיי, אַז זיי ווייסן ניט די פּשוטסטע זאַכן וועגן האָדעווען ווײַנטרויבן, וועגן קוילענען אַ שעפּס, וועגן דראַפּען זיך אויף שטאָציקע בערג, וועגן אַרײַנשטעכן אַ שטילעט אין זײַט.

פּראָפֿעסאָר בריגהעם, וואָס ער איז דערהויפּט געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר לאָזן אין גאַנג די טעאָריע פֿון אָפּגעשטאַנענע פֿעלקער, האָט דערנאָך, מיט יאָרן שפּעטער, געפֿונען אין זיך דעם מוט (ווי אָפֿט זעט מען עס בײַ אַ געלערנטן, בײַ אַ מענטשן בכלל?) זיך מודה צו זײַן אין זײַן פֿעלער. ער האָט אָפּגעגעבן וועגן דעם אַן עפֿנטלעכע דערקלערונג וואָס לאָזט זיך אויס מיט די ווערטער:

„יענע שטודיע מיט איר גאַנצן היפּאָטעטישן איבערבוי ווערן ראַסנדיקע אינטערשיידן פֿאַלט אײַן אין גאַנצן..."[55]

אַנדערע אויספֿאָרשונגען האָבן געוויזן, אַז מיטן אַלף־וואָוו אַליין קען מען אַפֿילו ניט שטעלן קיין פֿולן פּראָגנאָז אויף די שול־פּעולות, וואָרעם די שול־בילדונג גופֿא איז עלול צו העכערן דעם אַלף־וואָוו. אין אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט האָט מען אָפּגעטעסטירט אַלע סטודענטן און דערנאָך צוגעגלײַכט דעם אַלף־וואָוו צו זייערע פּעולות אין לערנען[56]. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 80 פּראָצענט

[55] Brigham, Carl C. Intelligence Tests of Immigrant Groups. In: Psychological Review 37 (1930), 2, pp. 158–165.

[56] Colvin, S. S. and Mac Phail, A. H. The Value of Psychological Tests at Brown University. In: School and Society 16 (1922), Nr. 4.

אויסצייכענונגען פֿאַר לערנען באַקומען די „הויכע אַלף־וואָוניקעס“, די אַנדערע 20 פּראָצענט די מיטלע. די „נידעריקע“ האָבן פֿון פֿינף ביז זיבן מאָל מער שאַנסן איידער די „הויכע“ צו באַקומען שלעכטע מיינונגען בײַם סוף ערשטן סעמעסטער; דאָס נעמלעכע בנוגע התראות וואָס מען גיט די סטודענטן צום מיטן פֿון ערשטן סעמעסטער. אין דעם פּרט הייסט עס איז דער אַלף־וואָוו אַ נישקשהדיקער מיטל אַרויסצופֿישן די סטודענטן, מיט וועלכע מען וועט האָבן צרות. אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט הערן מיר אין דער זעלבער שטודיע:

„הויכע אַלף־וואָווניקעס האָבן גרטע שאַנסן צו גראַדויִרן, נידעריקע האָבן אַ סך אַ קלענערן שאַנס.

גראַב געמאָסטן לערנען זיך דרײַ דריטל פֿון די „הויכע“ סטודענטן באַפֿרידיקנדיק; פֿון די „נידעריקע“ לערנען זיך באַפֿרידיקנדיק נאָר איין דריטל“.

דאָס איז שוין זייער אַ קנאַפּער קאָמפּלימענט פֿאַרן אַלף־וואָוו, אויב קיין מער זיכערן פּראָגנאָז קען ער ניט געבן.

חוץ דער גאַנצער קריטיק אויפֿן אינטעליגענץ־וויפֿלער איז אָבער פֿאַראַן נאָך איין וויכטיקע טענה, בשעת מען רעדט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק ײ ט־פֿאָרשונג. לאָמיר זאָגן, אַז מיר האָבן צוויי קינדער וואָס ביידנס אינטעליגענץ־וויפֿלער, האָבן מיר באַרעכנט, איז 100. צי זײַנען דען די קינדער פּאַקטיש גלײַך צווישן זיך? געוויס ניט, ווײַל אויף צו באַקומען דעם וויפֿלער האָט מען דאָך צונויפֿגערעכנט די ענטפֿערס, און אויב איין קינד האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער ערשטער קאַטעגאָריע פּראַגעס, גלײַכט דאָס שוין אויס זײַן דערונטערדיקייט אין דער צווייטער קאַטעגאָריע און זײַן אָפּגעשטאַנענקייט אין דער דריטער קאַטעגאָריע, און בײַם חיבור קומט אַרויס דער דורכשניט, „דער נאָרמאַלטיפּ“ — 100. אַ צווייט קינד האָט געקענט זײַן אָפּגעשטאַנען אין דער ערשטער קאַטעגאָריע פּראַגעס און גאָר געהויבן אין דער דריטער, אַ דריט קינד האָט געקענט זײַן מיטלמעסיק אין אַלע דרײַ גרופּעס פֿונעם טעסט. די אונטערשטע שורה וועט אָבער בײַ אַלע דרײַ זײַן די זעלביקע: אַ מיטלמעסיקער מענטש, אינטעליגענץ־וויפֿלער 100.

אַרום און אַרום קומען מיר אָנצונעמען טאָמאַסעס אָפּשאַצונג:

„דער אינטעליגענץ־וויפֿלער, מיט אַלע זײַנע חסרונות, איז אַן אינסטרומענט צו טיילן סוביעקטן אין קלאַסן לויט גאָר גרינג דעפֿינירלעכע סימנים, דהײַנו לויט דעם, צי זײַנען זיי ביכולת אויסצוהאַלטן געוויסע טעסטן בײַ אַ געוויסן כראָנאָלאָגישן עלטער“[57].

אָבער „אַלע זײַנע חסרונות“ זײַנען אויף אַזוי פֿיל וואָגיק, אַז יעדער איינער זעט שוין איצטער: די פּערזענלעכקייט פֿון אַ מענטשן קען אין בעסטן פֿאַל נאָר איינזײַטיק דעפֿינירט ווערן דורכן אַלף־וואָוו, און אויף צוצוקומען צו די פֿ ו ר ע ם־ פֿ אַ ק ט אָ ר ן פֿון דער פּערזענלעכקייט איז ער געוויס גאָר אַ קנאַפּע סגולה.

---

[57] דצ״וו ז׳ 451.

26. פּערזענלעכקייט־טעסטן

ווי באַלד מיר קומען ניט צו צו די פֿורעם־פֿאַקטאָרן, איז שוין ממילא דער אינטעליגענץ־טעסט אַ גאַנץ האַמעטנער אינסטרומענט צו שטעלן אַ פּ ר אָ ג נ אָ ז. אויך־געוועזן אַ צײַט, ווען מען האָט בתמימות געמיינט, אַז עס איז גענוג צו פֿאַרהערן אַ מענטשן מיט אַ גאַנג אינטעליגענץ־טעסטן אין משך פֿון אַ שעה אָדער צוויי, וועט מען שוין קענען באַשטימען, פֿאַר וואָסער פֿאַך ער טויג. הײַנט זײַנען שוין ניט די פּסיכאָטעכניקער אַזוי נאַיִוו. אויב עס וועט קומען צו זיי אַ יחיד איקס און וועט פֿרעגן: „אויף וואָס טויג איך?“, וועט זיך מיסתּמא קיין ערנצטער פּסיכאָ־טעכניקער ניט אָנגעמען צו געבן אַ תּשובֿה. אַנדערש איז, אויב עס וועט קומען דער זעלבער איקס און וועט פֿרעגן: „צי טויג איך פֿאַר אַ שאָפֿער?“ יעמאָלט איז פֿאַראַן אַ מיגלעכקייט צו טעסטירן איקסן לויט די פֿאַרשיידענע מעלות וואָס אַן אויטאָ־טרײַבער דאַרף האָבן און אויסצוגעפֿינען מיט אַ געוויסן גראַד זיכערקייט, צי באַפֿרידיקט דער בעל־דבֿר די פֿאָדערונגען כאָטש אין אַ מינימאַלער מאָס.

אָבער אַפֿילו דאָ איז די ווערדע פֿונעם א י נ ט ע ל י ג ע נ ץ־טעסט אין אייגענט־לעכן זינען שטאַרק רעדוצירט געוואָרן. מחמת וואָס מער מען האָט זיך אַרײַנגעט־אַרבעט אין דעם ענין, אַלץ מער זײַנען דענקענדיקע פֿאַרשער געקומען צו פֿאַרשטיין, אַז די צוגעפּאַסטקייט אָדער ניט־צוגעפּאַסטקייט פֿון אַ מענטשן צו אַ פֿאַך איז געווענדט ניט נאָר אין זײַן אינטעליגענץ אַליין.

אַ מענטש קען זײַן גענוג אינטעליגענט צו פֿאַרשטיין די מאַשינעריע פֿון אַן אויטאָ, נאָר ער קען זײַן אַזוי לײַכטזיניק, אַז מען קען אים בשום אופֿן ניט געטרויען קיין מאַשין; אָדער פֿאַרקערט, ער קען האָבן אַ טעמפּלעכן קאָפּ, נאָר אַזאַ שטאַרקן ווילן, אַז ער וועט דורך התמדה און אײַנגעשפּאַרטקייט גובֿר זײַן אַלע מניעות און ווערן אַ בעסערער שאָפֿער ווי דער ערשטער. ער קען זײַן אַ בריה אויף צײלן גיך געלט, ער קען האָבן אַ שאַרף אויג און דערקענען אויפֿן ערשטן בליק אַלע מינים געלט; וועט אים אַ באַנק אויסכאַפּן פֿאַר אַ קאַסיר. ווי איז אָבער דער דין, אויב דער חבֿרה־מאַן וועט אין באַנק אַרויסווײַזן נאָך אַן אַנדער פֿעיִקייט — אַראָפּצולאָזן געלט צו זיך אין קעשענע? וואָס וועלן די באַנקלײַט זאָגן אויף אַ פּסיכאָטעכניקער וואָס האָט זיך אינטערעסירט נאָר מיט דעם סוביעקטס אינטעליגענץ אַליין און ניט געפּרוּווט דערגרונטעווען זיך צו זײַן ערלעכקייט?

אויף אַזאַ אופֿן זײַנען די טעסטיר־פּסיכאָלאָגן געקומען צום געדאַנק, אַז מען מוז פּרוּוון אויסדריקן כמותדיק ניט נאָר אַ מענטשנס אינטעליגענץ, נאָר אויך זײַן ווילן, זײַן טעמפּעראַמענט, זײַן באַציִונג צו אַנדערע מענטשן אָדער צו פֿרעמדע נאַציאָנאַלע גרופּעס, זײַן אַגרעסיוויקייט און נאַכגיביקייט, זײַן אָפּגעהיטקייט און פֿאַרליטנקייט, די גיכקייט פֿון אָננעמען אַ באַשלוס און די קעגנשטעליקייט קעגן אַ ניסיון, זײַן האַלטן פֿון זיך, זײַן אָפּטימיזם אָדער פּעסימיזם און אַזוי ווײַטער.

די אַלע טעסטן ווערן צונויפֿגענומען מיט איין שותּפֿותדיקן נאָמען: פּערזענלעכקייט־טעסטירונג״[58].

אין זײַן אַרבעט: „פּערזענלעכקייט־טעסטן — וווּהין״? גיט אַ. אַ. ראָבאַק[59] אַ קורצע, אָבער אַ טרעפֿיקע כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם מין טעסטירונג וואָס האָט, ספּעציעל אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, באַקומען פֿון אַן ערך 1920 אַ גוואַלדיקן פֿאַרנעם. „אין מײַן Bibliography of Character and Personality [1927], שרײַבט ער, האָב איך פֿאַרצייכנט אין דער רובריק מעסטונגען 250 נומערן. זינט יענע ביבליאָגראַפֿיע איז פּובליקירט געוואָרן, איז דער מאַטעריאַל צום וויינציקסטן אויסגעוואַקסן אין צווייען, און די מעסט־טעטיקייט ווערט אינטענסיווער פֿון חודש צו חודש״.

אָנשטאָט צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַ סך קלענערע שטודיעס, אַנאַליזירט ראָבאַק די רעפּרעזענטאַטיווסטע פֿון אַלע פֿאָרשונגען פֿון דעם מין — די זוכונג וועגן „כאַראַקטער־דערציִונג״, וואָס די פּראָפֿעסאָרן מיי און האַרטשורן האָבן געפֿירט פֿינף יאָר צײַט מיט אַ שטאַב פֿון 40 מיטאַרבעטער, אַחוץ די מאַסן שול־פֿאַרוואַלטער און לערער וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מן־הצד. די רעזולטאַטן זײַנען איבערגעגעבן אין דרײַ בענד וואָס האַלטן 1700 זייטן[60].

„די אונטערנעמונג, שרײַבט ראָבאַק, איז אַדורכגעפֿירט געוואָרן מיט דער גאַנצער טעכניק און פּינקטלעכקייט, צוליב וועלכער מען יאָגט זיך נאָך אַמעריקאַנער געגנט אין אַלע עקן און קאַנטן פֿון דער וועלט. אין אַ געוויסער מאָס דערמאָנט דאָס אין דעם אופֿן פֿון אָרגאַניזירן אַ גרויסע קינאָ־אויפֿנאַמע... אויב די פּראָפֿעסאָרן מיי און האַרטשורן וואָלטן אויפֿגעטאָן מער ניט ווי אַנטוויקלען אַ מעטאָדאָלאָגיע פֿון כאַראַקטער־טעסטירונג, וואָלטן זיי שוין געווען באַרעכטיקט צו פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אויבן אָן אין דער אַמעריקאַנער כאַראַקטעראָלאָגיע. צווישן די בײַפּראָבלעמען וואָס זיי האָבן געגרונטעוועט זײַנען פֿאַראַן אַזוינע ווי: פֿאַרהעלטעניש פֿון

58 אַן אינטערעסאַנטן באַריכט וועגן אַן אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט־טעסטירונג אין ווילנער ייִדישן לערער־סעמינאַר האָט געגעבן אַ. גאָלאָמב אין זײַן אַרטיקל: „וועגן אַן אינטעליגענץ־עקזאַמען״, ייִוואָבלעטער I, 3, ז׳ 208—219. מערגיט וואָס דאָס קעפּל איז מיר אַ חידוש; מען האָט דאָך טעסטירט ניט די אינטעליגענץ, נאָר די אויפֿמערקזאַמקייט, קאָמבינירפֿעיִקייט, פּעדאַגאָגישע אײַנשטעלונג אאַז״וו פֿון די קאַנדידאַטן.

59 Roback, A. A. Personality Tests—Whither? In: Character and Personality I, 3 (March, 1933), pp. 214—224.

60 Hartshorne, H. & May, Mark A. Studies in the Nature of Character NY I_1, I_2, 1928; II, 1929; III, 1930.

די נעמען פֿון די בענד זײַנען: I: שטודיעס וועגן אָפּנאַרן 1. אַלגעמיינע מעטאָדן און רעזולטאַטן; 2. סטאַטיסטישע מעטאָדן און רעזולטאַטן. II: שטודיעס וועגן צודינען און וועגן אַליין־קאָנטראָל. III: שטודיעס וועגן אָרגאַניזירן דעם כאַראַקטער. (בײַ באַנד II איז נאָך אָנגעוויזן ווי אַ מיטמחבר J. B. Maller, בײַ באַנד III — F. K. Shuttleworth).

אָפּנאָרערײַ צו אינטעליגענץ; דער סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכער אונטערשלאַק, ווי אויך דער קולטורעלער אונטערשלאַק, ווי אַ פֿאַקטאָר אין ערלעכקייט; אונטערשיידן פֿון נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע; די ערלעכקייט-רעאַקציעס פֿון מיטקינדער אאַז״וו.״

דער פּועל-יוצא מיט וועלכן די פּינפּיאָריקע פֿאָרשונג קומט אַרויס איז אַזאַ: ניטאָ בײַ אַ מענטשן קיין אַלגעמיינע „כאַראַקטער-שטריכן״ ווי ערלעכקייט, איידלקייט, שפּאָרעוודיקייט. אויב מיר זאָגן אויף אַ מענטשן, אַז ער איז אַן ערלעכער, מיינט דאָס נאָר, אַז אין אַ געוויסער צאָל אַרויסזאָגונגען אָדער טוונגען האָבן מיר געזען, אַז ער האָט געהאַנדלט ערלעך. אָבער עס קענען זיך מאַכן סיטואַציעס, אין וועלכע דער זעלבער מענטש וועט אָפּנאַרן ניט איבערטראַכטנדיק. מיט אַנדערע ווערטער, די האַלטונג אָדער די טוונג איז אַ פֿונקציע פֿון דער סיטואַציע. אין זייערע אייגענע ווערטער לייענט זיך דאָס אַזוי:

„טענדענצן פֿון ערלעכקייט און אָפּנאַרערײַ זײַנען ניט קיין אַלגעמיינע שטריכן און ניט קיין טעטיקייטן וואָס ווערן געפֿירט דורך אַלגעמיינע אידעאַלן, נאָר ספּעציפֿישע געוווינטשאַפֿטן, אויסגעלערנט אין שײַכות צו ספּעציפֿישע סיטואַציעס, וואָס אין זיי האָט זיך דער אָדער יענער אופֿן אָפּענטפֿער אַרויסגעוויזן פֿאַר גערעכטן[60].

ראָבאַק איז אָבער ביזן סאַמע גרונט מחולק מיט מאַרקן און האַרטשוירנען אין זייער טעאָריע פֿון „ספּעציפֿישקייט״. דאָס וואָס מענטשן זײַנען ניט אַלע מאָל אויסגעהאַלטן, זאָגט ער, איז ניט קיין סימן, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין כאַראַקטער-שטריכן. וויכטיק איז די מאָטיוואַציע, און איידער מיר מעסטן ערלעכקייט דאַרפֿן מיר וויסן, צי דער סוביעקט, וועגן וועלכן מיר ריידן, שאַצט אויך אָפּ די טוונג אַזוי ווי מיר. למשל פֿאָרן אין טראַמווײַ אָן אַ בילעט טאָר מען ניט, און אויב מען כאַפּט עמעצן אָן אַ בילעט, זאָגט מען, אַז ער איז „ניט ערלעך״. אָבער דער אַרבעטער וואָס פֿאָרט אַרויס זונטאָג הינטער דער שטאָט מיט אַ פֿאַמיליע פֿון זעקס און קויפֿט נאָר פֿינף בילעטן, קען זיך בדרך כּלל זײַן דער ערלעכסטער מענטש, נאָר אין דעם פֿאַל האָט ער אפֿשר איבערגעטראַכט: וואָס איז דאָ די גרויסע עוולה? די קאָמפּאַניע וועט ניט בדלות ווערן, אירע דירעקטאָרן נעמען אין איין וואָך מער שכירות איידער איך פֿאַרדין אין אַ יאָר.

אָדער אַזאַ זאַך. אין אַ קלאַס האָט מען אָפּגעטאָן אַן עוולה, דער לערער מאָנט, מען זאָל זיך מודה זײַן, און אַ תּלמיד שטייט אויף און זאָגט: איך בין שולדיק, איך האָב דאָס געטאָן. דאָס וועט מען פֿאַררעכענען פֿאַר ערלעכקייט. אָבער אין דער אמתן קען דאָס זײַן באַרימערײַ פֿונעם תּלמיד פֿאַר זײַן קלאַס („זעט נאָר, וואָס פֿאַר אַ כוואַט איך בין״), אָדער מורא פֿאַר אַ האַרבערער שטראָף, טאָמער וועט דער לערער אַליין אויסגעפֿינען דעם שולדיקן.

הייסט עס, עס זײַנען יאָ פֿאַראַן כאַראַקטער-שטריכן, מיינט ראָבאַק, אָבער זיי ווײַזן זיך אַרויס נאָר יעמאָלט, אויב בײַם סוביעקט טוט ווירקן דער געהעריקער מאָטיוו.

---

[60] דצ״וו III, 372.

מיר קענען דאָ ניט אַרײַנגיין אין קיין ברייטערער חקירה וועגן דעם, צי די מיינונג איז גערעכט אָדער יענע. דאָס גאַנצע איז געקומען צו רייד נאָר מיטן מיין צו ווײַזן, אַז אַפֿילו וועגן די פֿונדאַמענטאַלסטע באַגריפֿן פֿון פּערזענ־לעכקייט־טעסטירונג איז נאָך ניטאָ קיין אײַנשטימיקייט. אין דעם פֿריִער ציטירטן בוך פֿון טאָמאַס, ווו דער עִנין ווערט באַהאַנדלט אויף העכער 60 זײַטן מיט אַ פּרטימדיקן איבערבליק איבער אַ סך זוכונגען און מעטאָדן[61], ווײַזט זיך אַרויס מער סימפּאַטיע צו האַרטשווירן־מייס קוק אויף כאַראַקטער־שטריכן:

„ס'איז בכלל אַ קשיא, צי זײַנען פֿאַראַן אַזוינע שטריכן, ווי טייל טעסטן נעמען זיך אונטער צו מעסטן";

אָבער דער אַלגעמיינער אויספֿיר איז אויך אַ מעלאַנכאָלישער:

„דער גרעסטער טייל שטודיעס וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן האָבן גרויסע פֿעלערן אין מעטאָדאָלאָגיע און לאָזן זיך ניט צוגלײַכן איינס צו דאָס אַנדערע מחמת דעם אונטערשייד אין די גענוצטע איינסן און איבער דעם, וואָס ס'איז ניטאָ קיין סטאַנדאַרדיזירטע פּראָצעדור... גאָר ווינציק פֿון די דאָזיקע טעסטן זײַנען איבערקאָנטראָלירט געוואָרן דורך קריטעריומס פֿון גענױערער אָפּשאַצונג מחוץ דער טעסטיר־סיטואַציע. ווי דאָס איז יאָ געשען, ווײַזט זיך דורכט זיך אַרויס, אַז מען קען זיך אויף זיי ווינציקער פֿאַרלאָזן איידער אויף די פּראָגנאָזן וואָס די אינטעליגענץ־טעסטן שטעלן צו. דאָרט ווו זיי [די פּערזענלעכקייט־טעסטן] זײַנען פֿאַרבונדן געוואָרן מיט אינטעליגענץ־טעסטן, איז זייער פּראָגנאָסטישע ווערדע דורכט זיך געהעכערט געוואָרן"[62].

מיר ווײַזט אויס, אַז דאָס וויכטיקסטע אין דער דאָזיקער פֿעסטשטעלונג איז דער אָנווייז, אַז עס זײַנען נאָך ניטאָ קיין איינהייטלעכע איינסן און ממילא איז נאָך ניטאָ קיין מיגלעכקייט צו מעסטן. דאָס נעמליכע שטרײַכט אונטער דזש. ב. וואַטסאָן אין אַן אַרטיקל, וואָס ראָבאַק ברענגט דערפֿון אַן אויסצוג: מען דאַרף האָבן „בעסערע איינסן צום טעסטירן"[63]. פֿוירפֿי האָט נאָך אין 1926 באַוויזן, אַז ווען מען לאָזט מִשפּטן דערוואַקסענע וועגן דער „סאָציאַלער אַנט־וויקלטקייט" פֿון יִנגלעך, איז די פֿאַרלאָזלעכקייט נאָר .75, אָבער ווען מען צעשפּאַלט די דאָזיקע אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק אויף 18 באַזונדערע קאָמפּאָנענטן און מען בעט די זעלבע דערוואַקסענע צו מִשפּטן וועגן יעדן קאָמפּאָנענט באַזונדער, שטײַגט די פֿאַרלאָזלעכקייט ביז .90 [64].

---

[61] The Child in America, IX: The Personality Testing Approach, pp. 370—434.

[62] דאָרט ז' 433 — 434.— וועגן דעם טערמין „אָרײַנפּאַסונג" און עטלעכע שכנישע באַגריפֿן זע אין אונדזער דריטן טייל, אין קאַפּיטל „וויסנשאַפֿט לשמה און וויסנשאַפֿט פֿאַרן לעבן".

[63] Watson, G. B. Tests of Personality and Character. In: Review of Educational Research II (1932), p. 257.

[64] Furfey, Paul H. An Improved Rating Scale Technique. In: Journal of Educational Psychology 17 (1926), pp. 45 - 48.

90. איז געוויס זייער אַ הויכער גראַד פֿאַרלאָזלעכקייט. אָדער אַפֿילו ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז די אָ כאַראַקטעריסטיק, סאָציאַלע אַנטוויקלטקייט, ווייסן מיר שוין ווי אַזוי צו מעסטן, זײַנען מיר נאָך אַלץ הימל ווײַט פֿון מעסטן די „פּסיכישע דינאַמיק" פֿון דער פּערזענלעכקייט. די אויפֿגאַבע פֿון געפֿינען אויסמעסטלעכע איינסן בלײַבט, אָבער איך ריזיקיר אַרויסצוזאָגן די איבערצײַגונג, אַז אויפֿן וועג פֿון טעסטן, ווי ווײַט מיר זאָלן ניט שפּאַלטן, וועלן מיר צו די אויסמעסטלעכע איינסן, צו די „פּסיכישע עלעמענטן", ניט דערגיין אויך. וואָרעם אויב דער אינטעליגענץ-טעסט נעמט אַרום צו פֿיל דורך דעם וואָס ער איז כולל אונטער איין אומבאַשטימלעכן באַגריף „אינטעליגענץ" אַ סך פֿאַרשיידענע זײַטן פֿון דער פּערזענלעכקייט, איז דער פּערזענלעכקייט-טעסט לײַדט פּונקט אויף דער פֿאַרקערטער שוואַכקייט. ער אַטאָמיזירט די פּערזענלעכקייט, ער רײַסט אַרויס איינציקע „שטריכן" פֿון דעם קאָנקרעטן צוזאַמענהאַנג, וואָס נאָר אין אים קען מען די אָדער יענע טוונג ווי ס'געהער צו זײַן אינטערפּרעטירן.

27. די גאַנצע סיטואַציע און דער גאַנצער מענטש

פֿון דעם וואָס עס איז ביז איצטער געזאָגט געוואָרן איז שוין אפֿשר קלאָר דער געדאַנק, אַז מיט קיין שום הורטפֿאָרשונגען, מיט קיין שום ציילונגען, אַנקעטעס און טעסטן קענען מיר זיך ניט דערגרונטעווען צו די פֿורעם-פֿאַקטאָרן פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

עס בעט זיך דאָ צו ציטירן, וואָס עס זאָגט וועגן דעם קורט לעווין, קאָנסטאַטירנדיק, אַז די פֿאָרשונג פֿון די לעצטע יאָרן האָט אויפֿגעוויזן די קאָלאָסאַלע ווירקעוודיקייט פֿון דער סבֿיבֿה:

„די הײַנטיקע סבֿיבֿה-פֿאָרשונג ניצט דערעיקרשט סטאַטיסטישע מעטאָדן. מען פֿאַרגלײַכט למשל די שולמיינונגען פֿון אַזוי פֿיל בני-יחידים וויפֿל מען קען נאָר באַקומען מיט די מיינונגען פֿון עלטסטע, מיטלסטע און יינגסטע קינדער אין אַ פֿאַמיליע פֿון דרײַ. געוויסע סבֿיבֿהדיקע פֿאַקטאָרן ווערן ביז אַ געווויסן גראַד אויסגעשלאָסן; אַשטייגער בײַם אויספֿאָרשן די ווירקונג פֿון דער גרייס פֿון דער פֿאַמיליע אָדער פֿון דעם אָרט אין דער ריי מיטקינדער נעמט מען אַרײַן נאָר קינדער פֿון בערך דעם זעלבן עקאָנאָמישן מעמד. די דאָזיקע אויספֿאָרשונגען האָבן אַרויסגעבראַכט אַ וועלט מיט אינטערעסאַנטע פֿאַקטן; למשל, אַז אויף געוויסע סאָציאַלע מדרגות אין דײַטשלאַנד איז די גינציקסטע צאָל קינדער פֿאַר שול-פּעולות דרײַ אָדער פֿיר, אָבער אַז אין פּראָלעטאַרישע פֿאַמיליעס, פֿאַרקערט, ברענגען גראָד בני-יחידים די בעסטע מיינונגען פֿון שול[65].

ווי ווערטיק און אומבאַגײַלעך די דאָזיקע פֿאַקטן זאָלן ניט זײַן, קענען זיי אָבער זעלטן געבן מער ווי אַן אָנווינק פֿאַר דער פּראָבלעם וועגן די כּוחות פֿון דער

[65] Busemann, A. Die Familie als E lebnismilieu des Kindes. In: Zsch. f. Kinderforschung 36 (1929), pp. 17—32.

סבֿיבֿה. וואָרעם בײַם אויספֿאָרשן די פֿונדאַמענטאַלע דינאַמישע באַציִונגען צווישן דעם יחיד און דער סבֿיבֿה דאַרף מען כּסדר האַלטן אין זינען די פֿאַקטישע טאָטאַלע סיטואַציע אין איר קאָנקרעטער אינדיווידועלקייט. דער סטאַטיסטישער מעטאָד איז בדרך כּלל געצווונגען צו באַשטימען זײַנע גרופּעס אויפֿן באַזיס ניט פֿון ריין פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיקעס, נאָר פֿון פֿיל-ווינציק אויסווייניקסטע סימנים (למשל די צאָל מיטקינדער), אַזוי אַז פֿאַלן וואָס האָבן גאָר אַ פֿאַרשיידענע אָדער אַפֿילו אַ היפּוכדיקע פּסיכאָלאָגישע סטרוקטור קענען אַרײַנגענומען ווערן אין איין גרופּע. נאָר איבערהויפּט דאַרף באַטאָנט ווערן אַזאַ געדאַנק: אויסרעכענען אַשטייגער אַ דורכשניט פֿאַר „דעם איינאָריקן קינד" איז אויסן אויסצושליסן די „צופֿעליקייט" פֿון דער סבֿיבֿה; באַשטימען די דורכשניטלעכע „סיטואַציע" (אַשטייגער די דורכשניטלעכע ווירקונג פֿון דער סיטואַציע פֿון זײַן אַ בן-יחיד) איז אויסן אויסצושליסן אינדיווידועלע וואַריאַציעס. נאָר דורך דעם ווערט „אַבסטראַהירט" דווקא יענע באַציִונג וואָס איז מכריע בײַם אויספֿאָרשן די דינאַמיק — דהײַנו די באַציִונג וואָס דרינגט אַרויס פֿון דער פּאָזיציע פֿון דעם אָ אינדיווידועלן קינד אין דער אָ קאָנקרעטער גאַנצער סיטואַציע[66].

הייסט עס אָפּלערנען עפּעס פֿון דעם דורכשניט אויפֿן קאָנקרעטן פּרט-פֿאַל איז אוממיגלעך. די באַגריפֿן דורכשניטלעך קינד און דורכשניטלעכע סיטואַציע זײַנען אַבסטראַקציעס וואָס האָבן קיין שום באַטרעף ניט בײַם אויספֿאָרשן די דינאַמיק. סבֿיבֿה-פֿאָרשונגען ווערן דעריבער אין אַלגעמיין אַלץ פּרוכטיקער, וואָס מער אויפֿמערק עס ווערט אָפּגעגעבן צו באַנעמען די קאָנקרעטע גאַנצע סיטואַציע אַנשטאָט וואָס מער צו פֿאַרגרעסערן די צאָל פֿאַלן"[67].

די טעמע פֿון לעווינס אַרבעט זײַנען די סבֿיבֿהדיקע השפּעות, שטרײַכט ער כּסדר אונטער דעם באַטײַט פֿון דער גאַנצער סיטואַציע אין דער ס ב ֿ י ב ֿ ה - פֿ אָ ר - ש ו נ ג. נעמען מיר אָבער דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּערזענלעכקייט און סבֿיבֿה, וועלן מיר לעווינס טעזיס פֿאַרברייטערן. מיר וועלן קומען צום באַשלוס, אַז אויף צו מאַכן אויספֿירן וועגן דער דינאַמיק דאַרפֿן מיר האָבן די פֿ ו ל ע פּ ע ר ז ע נ - ל ע כ ק ײ ט און די פֿ ו ל ע ס י ט ו אַ צ י ע.

ווײַל לאָמיר זיך נאָך אַ מאָל דערמאָנען, צו וואָס מיר האָבן זיך דערטראַכט אין דעם קאַפּיטל וועגן דעם באַטײַט פֿון אַ קולטור-פֿורעם. אַלע פֿורעמס, ווי אַ יום-טובֿ, אָדער אַ מינהג, אָדער אַ פּראָדוציר-פּראָצעס, אָדער דער חדר, אָדער די ישיבֿה זײַנען נאָר אַבסטראַקציעס, סײַדן מען נעמט זיי דורכן מעדיום פֿון זייערע ט ר ע ג ע ר. ווײַל וואָס קומט אונדז אַרויס פֿון דעם אויב מיר ווייסן שוין למשל, אַז יאָרצײַט איז לכתחילה געווען אַ קריסטלעכער מינהג און אַ קריסטלעכער

[66] Cf. Lewin, Kurt. Conflict between Aristotelian and Galileian Modes of Thought in Psychology. In: Journal of Genetic Psychology 5 (1931) pp. 141—177.

[67] Lewin, Kurt. Environmental Forces in Child Behavior and Development. In: Handbook of Child Psychology. Worcester 1931, pp. 94 — 127

טערמין? פֿאַר וואָס איז יאָרציַיט ניט באַקעמפֿט געוואָרן דורך די רבנים און, כאָפּ איך אָן, אַן אָרגל אין שול יאָ? בלויז די מאָטיווירונג, דער פּסיכאָלאָגישער מיין, קען אונדז דאָ פֿירן וויַיטער.

„אַפֿילו ווען מען קען אויספֿאָרשן, אַז דער אָ מינהג איז היסטאָריש אַריבערגעטראָגן געוואָרן פֿון איין פֿאָלק צום צווייטן, רופֿט דער דאָזיקער נאַקעטער פֿאַקט באַ ייִד אַרויס אַ מער אינטערעסאַנטע פֿראַגע: פֿאַר וואָס האָט דאָס צווייטע פֿאָלק אָפּגעקליבן און איבערגענומען דווקא דעם אָ מינהג און ניט קיין אַנדערן, ד״ה וואָס אַזוינס איז שוין געווען אין אים, אַז דער מינהג זאָל באַקומען פֿאַר אים אַ באַטיַיט?“[68].

לאָמיר נעמען אַ ישיבֿה. צי וועלן מיר זי פֿאַרשטיין אין איר רעאַליטעט, אויב מיר וועלן האָבן איר געשיכטע און אירע היַינטיקע תּקנות? ניין. נאָר ווען מיר נעמען די הויפּטטרעגער אירע, די ישיבֿה-בחורים, און מיר פֿאָרשן אויס זייער באַציִונג צום לערנען, צום ראָש-ישיבֿה, צום משגיח און צו די מיטבחורים, צום פּאַטראָנאַט-קאָמיטעט אאַז״וו אאַז״וו, באַקומען מיר אַ בילד פֿון דעם וואָס די ישיבֿה איז. נאָך קלערער וועט אונדז ווערן דער עניָן, אויב מיר וועלן אויפֿן זעלבן אופֿן אויספֿאָרשן אויך די פּאָזיציע און די מיינונג פֿון ראָש-ישיבֿה, פֿון משגיח אאַז״וו.

לאָמיר נעמען אַן אַנדער געביט, די פֿראַגע וועגן אויפֿהיטן די אייגענע שפּראַך אונטערן דרוק פֿון אַן איבערמעכטיקער מלוכה-שפּראַך. וואָס ענטפֿערט אונדז דערויף די סטאַטיסטיק אַפֿילו אויב זי איז ניט קיין געמלאָכהטע? פֿאַראַן סטאַטיסטישן הויפּטאַמט אין וואַרשע איז אַ פּויליש-ריידער פֿון יאַטקעווער גאַס אין ווילנע דאָס אייגענע ווי אַ פּויליש-ריידער אין מאַלאָדעטשנער פּאָוויאַט אָדער ווי אַן איַינווינער פֿון אַ דאָרף לעבן פּויזן. אָבער דער ערשטער איז אַ ייִד וואָס הרגעט אַוועק פּויליש וויַיל ער מיינט, אַז דערפֿון וועט זיַין קינד האָבן אַ גרינגער לעבן, דער צווייטער איז אַ וויַיסרוס אין פּראָצעס פֿון פּאָלאָניזירונג, דער דריטער איז אַ פּאָליאַק פֿון דור-דורות. אויף וויפֿל האָט אונדז די סטאַטיסטיק געבראַכט נעענטער צו פֿאַרשטיין די פֿראַגע? זי וויַיזט אונדז גאָרניט, אַז עס זיַינען פֿאַראַן פּראָבלעמען.

אַן אַנדער ווינקל פֿון דעם זעלבן פעלד. אין אַ שטעטל, לאָמיר נעמען, ווינט אַ לערער פֿון אַ ייִדיש-וועלטלעכער שול מיט אַ פֿרוי און קינד. בעת דער פֿאָלקסציילונג גיט ער פֿאַרשטייט זיך אָן ייִדיש ווי די מוטערשפּראַך פֿון זיַין פֿאַמיליע, און ממילא זיַינען אויפֿן שטח פֿון לאַנד צוגעקומען דריַי ייִדיש-ריידער. נאָר די וואָס קענען די פֿאַמיליע ווייסן וועגן אַ מאָדנער זאַך: דעם לערערס זון וואָס איז אַלט אַ יאָר צען וויל קיין ייִדיש ניט ריידן. לויטן פֿאָטערס פֿאַרלאַנג גייט ער אין דער ייִדישער שול און איז אַ נישקשהדיקער תּלמיד, אָבער מחוץ די ווענט פֿון שול רעדט ער נאָר פּויליש, כאָטש האַק אים און בראָק אים. מענטשן טיַיטלען מיט די פֿינגער, ווער מיט ווייטאָג און ווער מיט אַ טאָן פֿון אַהאַ: „וואָס פֿאַר אַ האַפֿט האָט ייִדיש, אויב אַפֿילו קינדער פֿון ייִדישע לערער ווילן דאָס ניט ריידן?!“

68 Jones, E. In: International Journal of Psychoanalysis I (1920), p. 485.

די אמתע סיבה פֿון דער משוגעהדיקער ערשײַנונג קען אָבער גאָר שטעקן אין דער פֿאַמיליע־סיטואַציע. לאָמיר זאָגן, אַז עס האָט זיך געשאַפֿן אַ סיטואַציע, בײַ וועלכער אַ יונגערמאַן איז אין שטאַנד אָנצושרײַבן אַזוינע שורות (אויטאָב׳ נומ׳ 268 אין די זאַמלונגען פֿון ייִוואָ, ז׳ 15):

„מײַן טאַטע איז איינער פֿון יענע קליינע מענטשעלעך, וואָס זייער גאַנצע הערשערישקייט, טיראַנישקייט און ברוטאַלקייט לאָזן זיי אויס... אויף דער סבֿיבֿה וואָס איז פֿון זיי אָפּהענגיק... זײַטיקע קענען זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, אַז מײַן טאַטע זאָל אַזוי שלעכט באַהאַנדלען דער מאַמען. אויף דער גאַס פֿאַר זײַטיקע מענטשן איז ער די גוטסקייט אַליין. ער פֿײַנט זיך נאָך אויס פֿאַר אַנדערע מיט דאָס בעסטע. פֿאַר דער העכערער מאַכט ווידער איז ער קנעכטיש, פּחדנותדיק, צעקראָכן ביז נישטיגקייט, ביז עקלהאַפֿטיקייט. און אין שטוב פֿירט ער אַ גאַנצע מלוכה, ווי אַ גאַנצער קיסר, ווי אַ פֿאַרצײַטיקער דעספּאָט...״

די שינאה צום פֿאָטער וואָס רײַסט זיך דאָ אַפֿער מיט אַזאַ סטיכישקייט (צי זי איז באַרעכטיקט צי ניין איז ניט אונדזער זאַך) קען בלײַבן אַן אינדיווידועלע שינאה, נאָר זי קען זיך אויך אָנטון אין אַ געזעלשאַפֿטלעכן לבֿוש. אין אַ סבֿיבֿה, ווו דער פֿאָטער איז אַ קעמפֿער פֿאַר ייִדיש, קען די שינאה צום טאַטן מגולגל ווערן אין אַ שינאה צו דעם טאַטנס שפּראַך.

אַן ענלעכן פֿאַל וועלן מיר אַנאַליזירן מער באַריכות אין קאַפּיטל 44.

ממילא איז די פּערזענלעכקייט פֿאַר אונדז דער אויסגאַנגפּונקט, די סטראַטעגישע פּאָזיציע, אַפֿילו בײַם פֿאָרשן די „קולטור״; געוויינטלעך וועלן מיר דערבײַ קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן, אַז די מעשים פֿונעם יחיד קענען פֿאַרשטאַנען ווערן נאָר אויב מען באַטראַכט זיי אין דעם געהעריקן סאָציאַלן און קולטורעלן קאָנטעקסט.

אָבער צוריק גערעדט, בײַם פֿאָרשן די פּערזענלעכקייט וועלן מיר ניט נעמען צעלייגן אויף טעלערלעך די „כאַראַקטער־שטריכן״, ווי די טעסטירער האָבן זיך געריסן צו טון אין זייער ערשטער התפּעלות. די סומע פֿון די כאַראַקטער־שטריכן וואָס לאָזן זיך אַרויסשיילן איז ווײַט פֿון צו זײַן די פּערזענלעכקייט: אַ דרײַעק איז אויך עפּעס אַנדערש ווי די דרײַ איינציקע ליניעס, פֿון וועלכע ער באַשטייט.

צוקומען צו דער פּערזענלעכקייט קען מען נאָר אויף איין וועג: דורך אָבסערווירן און פֿאָרשן איר קאָנקרעטן אויפֿפֿיר. דאָס איז כּולל אין זיך ניט נאָר דעם אויפֿפֿיר פֿונעם יחיד אין דעם איצטיקן מאָמענט, נאָר אויך זײַן צוטריטלעכע פֿאַרגאַנגענהייט וואָס ווערט אונדז צוגעטראָגן דורך אַלע מינים דאָקומענטאַציע אָדער באַווײַזן, צי דאָס קומט פֿון אים אַליין (זיכרונות), אָדער פֿון אַנדערע אָבסערוואַטאָרן. אויפֿפֿיר איז ניט אַלע מאָל פֿון זיך אַליין פֿאַרשטענדלעך, ער פֿאָדערט אַן אינטערפּרעטאַציע דורך השערות וועגן דעם יחידס אינעווייניקסטן לעבן. עס קען אונדז אויך אויסקומען, אין דער פֿאָרשונג פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט, מצרף צו זײַן צו אונדזער מאַטעריאַל דעם אויפֿפֿיר פֿון אַמאָליקע טרעגער פֿון דער אָ קולטור; ממילא וועלן מיר אַרײַננעמען אין קאָן אויך די דעפּאָזיטן פֿון פֿריִערדיקע דורות, אויף וויפֿל די דאָזיקע שאַפֿונגען פֿאַרמאָגן נאָך

אַ באַטײַטיקע לעבעדיקייט, אַשטייגער שפּראַך, פּראָדוקטן פֿון טעכנאָלאָגיע, קונסט אאַז״וו. אָבער דער „שפּיץ״ פֿון דער פֿאָרשונג, איר אויסגאַנגפּונקט און איר רעגולירער, איז די פּערזענלעכקייט.

אויב מיר זאָלן זיך למשל נאָך אַ מאָל אומקערן אויף אַ ווײַלע צו ל. הערשס אַרבעט וועגן ייִדישער פֿאַרברעכערישקייט אין פּוילן[69] און מיר וועלן פֿרעגן איבער אַ נײַס: פֿאַר וואָס ווערן טייל ייִדן נכשל מיט אַ גנבה אונטער אומשטאַנדן, בײַ וועלכע אַנדערע שטייען בײַ דעם ניסיון פֿון גנבֿענען, וועלן מיר זיך דערמאָנען, אַז די סטאַטיסטיק האָט רעזיגנירט פֿון אַן ענטפֿער. אַנדערע רײַן כמותדיקע מעטאָדן צו פֿאָרשן געזעץ-ברעכונג ווי אַ סאָציאַלע דערשײַנונג האָבן אויך ניט איבעריקס פֿיל צוצוטראָגן. כּדי צוצוקומען צו דער קאָנקרעטערווירקלעכקייט פֿון דער סבֿיבֿה, אין וועלכער עס וואַקסן פֿאַרברעכער, וואָלטן מיר זיך דעריבער בלית-ברירה אפשר אָפּגעשטעלט אויף קינסטלערישע באַשרײַבונגען, אַשטייגער אויף „מאָטקע גנבֿ״ אָדער אויפֿן „ראָמאַן פֿון אַ פֿערד-גנבֿ״. אָבער מיט די קינסטלערישע ווערק איז ווידער אַן אַנדער חסרון. אַ ראָמאַן ווערט דאָך געשאַפֿן לויט אַ קינסטלערישער סכעמע וואָס דער מחבר האָט פֿאַר די אויגן, און אַ סך איינצלהייטן לאָזט ער אויסן מיט אַ כּיוון, ווײַל זיי וואָלטן צעשטערט די איינהייט פֿונעם ווערק. ד״ר ה. קאָוואַרסקי האָט אַמאָל געפּרוּווט[70] אויפֿווײַזן, אַז די האַנדלונג פֿון אַנ-סקיס „דיבוק״ איז סתּירותדיק, אויב מען גייט צו צו איר מיט פֿרוידס טעאָריע, נאָר זי קומט אויס אין גאַנצן גלאַטיק, אויב מען אַנאַליזירט זי לויט זײַן, ד״ר קאָוואַרסקיס טעאָריע. איך וויל זיך דאָ ניט אָננעמען פֿרוידס קריוודע, ווײַל איך הייב גאָר אָן מײַנע קשיות פֿריִער: פֿון וואַנען ווייסן מיר, אַז אַנ-סקי האָט ניט געגרײַזט בײַם שילדערן די „פּסיכישע דינאַמיק״ פֿון זײַנע העלדן? געוויס, פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ קינסטלערישער אמת וואָס יעדער קוואַליפֿיצירטער לייענער שפּירט. אָבער ווו איז די ראַיה, אַז אונדזער פֿאָרשטעלונג וועגן קינסטלערישן אמת דעקט זיך מיטן פֿאַקטנדיקן אמת?

מיר בענקען נאָך מאַטעריאַל וואָס זאָל זײַן אַזוי דראַמאַטיש און פּרטימדיק ווי דאָס ווערק פֿונעם קינסטלער און פֿאַר איינס אַזוי פֿאַרלאָזלעך, קיל און קאָנטראָלירלעך ווי די אַרבעט פֿון אַ פֿאָרשער. אין דער דאָזיקער דראַמע דאַרף די פּערזענלעכקייט זײַן ניט קיין שטיק דעקאָראַציע וואָס ווערט איבערגערוקט דורך די פֿאַרנאַנטע „אָביעקטיווע אומשטאַנדן״, נאָר אַן אַקטיווער טוער; און אויף דער סבֿיבֿה וועלן מיר קוקן ניט ווי אויף אַ שפּײַכלער אָנגעשטעלט מיט זאַכן, נאָר ווי אויף אַ לעבנספּלאַץ וואָס האַלט זיך אין איין בײַטן, צווישן אַנדערע אויך אונטער דער ווירקונג פֿון אונדזער יחידס טוונגען.

נאָך בײַ הײַנטיקן טאָג זײַנען ריכטיק ווי גאָלד די ווערטער וואָס ראָבערט דייל אָוען האָט געשריבן מיט הונדערט יאָר צוריק אין זײַן „מאָראַלישער פֿיזיאָלאָגיע״:

---

[69] זע אויבן זז׳ 17 — 18 און ז׳ 77.

[70] ייִוואָ-בלעטער IV (1932), 3 זז׳ 209—222.

„ס'איז אַ געוואַלדיקער שאָד, וואָס די מענטשהייט האָט ניט אָפּגעגעבן כאָטש אַ קלײנעם טייל פֿון דער צײַט און פֿון דער תּשוקה וואָס איז געפּטרט געוואָרן אויף טעאָרעטישע חקירות, כּדי אויפֿצוקלײַבן און צו פֿאַרגלײַכן די פֿאַקטישע לעבנס־פּראַקטיק פֿון מענטשלעכע באַשעפֿענישן. די דאָזיקע אויפֿגאַבע וואָס איז צו שווער פֿאַר אַ ניט־געלערנטן האָט דער געלערנטער אין אַלגעמײן געהאַלטן פֿאַר צו פּשוט און צו וואָכעדיק"[71].

28. שיקאַגער שטודיעס וועגן געזעץ־ברעכער

מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג פֿון אַ וואָסערע הונדערט יאָר קומען די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן איצטער צו צו דער אידעע, וואָס אָוען האָט זי אַרויסגעזאָגט אַזוי באַשײַמפּערלעך קלאָר אין דעם אָקאָרשט געבראַכטן ציטאַט. אַ דוגמא פֿון דעם, ווי אַזוי דער דאָזיקער צוגאַנג זעט אויס אין דער פּראַקטיק, זײַנען די פֿאָרשונגען וואָס ווערן די לעצטע 7—8 יאָר געפֿירט דורך אַ גרופּע אַמעריקאַנער געלערנטע וועגן דעם ענין יוגנטלעכע פֿאַרברעכערישקייט[72] וואָס איז אַזוי אָנגעווייטאָגט אין אונדזער מאָדערנער געזעלשאַפֿט.

די שטאָט שיקאַגאָ האָט אַ גרויסן שם פֿאַר די גנבֿות, גזלות און רציחות וואָס קומען דאָרטן פֿאָר; אָבער ס'איז ווינציקער באַקאַנט, אַז אויך די אויספֿאָרשונג פֿון פֿאַרברעכן און געזעץ־ברעכונג איז אין אײנעם פֿון די דאָרטיקע אוניווערסיטעטן (University of Chicago) אָוועקגעשטעלט אפֿשר בעסער ווי ווו עס איז אַדאַנק דער שול סאָציאָלאָגן, פֿון וועלכער טאָמאַס, פּאַרק, בורדזשעס זײַנען די וויכטיקסטע נעמען. קליפֿאָרד ר. שאָ, אַ ייִנגערער וויסנשאַפֿטלער וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דער דאָזיקער שול, האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פּובליקירט אַ פֿאָרשונג וואָס האָט געמאַכט דעם גרעסטן רושם אין אַלע געביטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכער וויסנשאַפֿט[73].

אין פֿאַרלויף פֿון יאָר 1926 זײַנען דורך די 37 פּאָליציי־אַמטן פֿון שיקאַגאָ געמאַכט געוואָרן פּראָטאָקאָלן אויף 18,916 יוגנטלעכע אין עלטער פֿון 10 ביז 16 יאָר. בײַם צוקוקן זיך נעענטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טייל יוגנטלעכע האָבן זיך פֿאַרזינדיקט צו עטלעכע מאָל; די צאָל פֿאַרהאַלטענע פּערזאָנען איז געווען 9,243. די וווינערטער פֿון די דאָזיקע אַלע יוגנטלעכע געזעץ־ברעכער זײַנען אַרויפֿגעטראָגן געוואָרן אויף אַ שטאָטפּלאַן וואָס איז געווען צעטיילט אין קוואַד־

---

[71] Owen, Robert Dale. Moral Physiology. London [183—], p. 35.

ראָבערט דייל אָוען איז געווען אַ זון פֿון דעם באַוווּסטן סאָציאַליסט־אוטאָפּיסט ראָבערט אָוען.

[72] דעם אויסדרוק „יוגנטלעכע פֿאַרברעכערישקייט" האָב איך דאָ אָנגעשריבן נאָר אויף צו פּסלען אים. מיר האָבן אין אונדזער פֿריִערדיקער דיסקוסיע, אויף וויפֿל דאָס איז געקומען צו רייד, כּמעט אַלע מאָל גערעדט וועגן יוגנטלעכער געזעץ־ברעכונג. ווער עס איז עובֿר אויף אַ געזעץ, איז נאָך ניט קיין פֿאַרברעכער אין דעם זינען ווי די וועלט נעמט דאָס אויף; לאָמיר בײַ אונדז אויך אָפּהיטן דעם פֿײַנעם פּסיכאָלאָגישן ניואַנס פֿון criminal ביז delinquent.

[73] Shaw, Clifford R. Delinquency Areas in Chicago. Chicago 1929. 214 pp.

ראַטמײַלן; אַרום און אַרום נעמט שיקאַגאָ אַרום 181 קוואַדראַטמײַלן. די אַלגעמיינע צאָל באַפֿעלקערונג אין עלטער פֿון 10 ביז 16 לויט קוואַדראַטמײַליקע שטחים איז שוין געווען אויסגערעכנט פֿריִער, אויפֿן סמך פֿון די דאַטעס פֿון דער פֿאָלקס־ציילונג פֿון 1920.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט אַלע שטאָטטיילן פֿון שיקאַגאָ זײַנען אין דער זעלבער מאָס פֿאַרפֿלייצט מיט גענעץ־ברעכונג. אַן אומפּראָפּאָרציאָנעל גרויסע צאָל יוגנטלעכע געזעץ־ברעכער וווינט אין דעם געגנט וואָס רינגלט דירעקט אַרום דעם „לופּ“ (the Loop), דעם צענטראַלן געשעפֿטלעכן דיסטריקט פֿון שיקאַגאָ. אין די דאָזיקע ראַיאָנען זײַנען אין משך פֿון 1926 בערך 37 פּראָצענט מענלעכע יוגנטלעכע פֿון 10 ביז 16 געבראַכט געוואָרן אין פּאָליציי אונטער דער באַשולדיקונג פֿון ברעכן דעם געזעץ. וואָס ווײַטער פֿון צענטער, אַלץ מער פֿאַלט דער פּראָצענט; בײַם גרענעץ פֿון דער שטאָט גייט ער אַראָפּ ביז 1 פּראָצענט.

שאָ אַליין און די אַנדערע פֿון זײַן גרופּע[74] האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט פֿעסטשטעלן דעם פֿאַקט, נאָר געפֿונען פֿאַר אים אַ דערקלערונג אויך.

יענער געגנט אַרום דעם צענטער איז נאָך מיט לפֿי־ערך אַ קורצער צײַט צוריק געווען „הינטער שטאָט“; דאָ האָט געוווינט מיטלקלאַס, דאָ זײַנען געווען פֿאַבריקן. איצטער האָט מען די פֿאַבריקן אַרויסגעפֿירט ווײַטער, נעענטער צו דער פּעריפֿעריע, און פֿיל־ווינציק פֿאַרמעגלעכע מענטשן ווילן שוין איצט ניט וווינען אַזוי נאָענט צום צענטער. ערד איז דאָ זייער טײַער, ווײַל דער „לופּ“ שפּרייט זיך אויס אַלץ מער. די באַלעבאַטים פֿון די פּלעצער האָפֿן, אַז מען וועט דאָ וועלן בויען געשעפֿטהײַזער, וועלן זיי אויסספּעקולירן גוטע פּרײַזן פֿאַר זייער אייגנס. איידער וואָס ווען בויט מען גאָרניט, ווײַל מען ווייס דאָך ניט, וואָסערע געבײַדעס מען וועט דאָ דאַרפֿן. דערווײַל שטייען די אַלטע הײַזער, היפּש אָפּגע־ניצטע און פֿאַרעלטערטע, אָפּטמאָל האַלב חרובֿע. און אַ מאָדנע זאַך: אויף די פּלעצער וואָס זײַנען בראַנד טײַער איז דירה־געלט זייער וואָלוול. ציִען זיך אַהער אָרעמעלײַט וואָס קענען זיך קיין בעסערס ניט פֿאַרגינען. אָרעמעלײַט אָרטיקע און אָרעמעלײַט געקומענע. אָט דאָ טאַקע האָבן זיך אויסגעשפּרייט די פֿאַרשיידענע אימיגראַנטן־קוואַרטלען, דערינען אויך די ייִדישע געטאָ. דער אַלטער סאָציאַלער קאָנטראָל פֿון די דאָזיקע אימיגראַנטישע גרופּעס איז צעבראָכן, קיין נײַער סטאַנ־דאַרד האָט זיך נאָך ניט אײַנגעשטעלט. דעריבער איז אַזוי שטאַרק די באַטייליקונג פֿון אימיגראַנטן אין דער שיקאַגער פֿאַרברעכער־וועלט.

שאָ האָט אויסגעפֿאָרשט נאָך זיבן אַנדערע רייען געזעץ־ברעכער אין שיקאַגאָ לויט זייער געאָגראַפֿישער פֿאַרטיילונג: 5,159 שול־אַנטלויפֿער, 7,541 דערוואַקסענע געזעץ־ברעכער אאַז״וו, אין איינעם בײַ 56.000 פּערזאָן. דער אויספֿיר איז אַלע מאָל

---

[74] זע למשל דאָס בוך פֿון פֿ. טהראַשער (Thrasher): The Gang, רעצענזירט פֿון ד״ר י. שאַצקי אין די ייִוואָבלעטער I (1931) 1, זז׳ 77—78.

דער זעלבער: דער ווײַט גרעסטער טייל פֿאַרברעכער רעקרוטירן זיך פֿון אָט דעם פֿאַרשאָלטענעם ווינקל.

„די לופֿט איז פֿאַרסמט אין דעם דאָזיקן שטאָטטייל", איז מען זיך נוהג אויסצודריקן בלשון מליצה. אָבער ניט די לופֿט איז פֿאַרסמט, נאָר די ס אָ צ י אַ ל ע אַטמאָספֿער איז אָנגעפֿילט מיט מיאוסן פֿון אַנטיסאָציאַלקייט. שאָ האָט געפֿונען נאָך אַן אַנדער אָנווײַז דערויף: אין 90% פֿאַלן פֿון גנבֿה, וואָס דער יוגנט־געריכט אין שיקאַגאָ באַהאַנדלט, זײַנען אַרײַנגעמישט צום ווייניקסטן צ ו ו י י חבֿרה. היות ניט אַלע מאָל פֿאַקט מען אַ ל ע באַטייליקטע, איז דערפֿון געדרונגען, אַז פּאַקטיש איז די צאָל גנבֿות באַגאַנגענע בחבֿרותא נאָך גרעסער. דאָס הייסט, אַז גנבֿענען איז אַזוי צו זאָגן „אַ געזעלשאַפֿטלעכע שפּיל": חבֿרותא מאַכט יונגעלײַט אין דעם פֿאַרברעכערישן דיסטריקט פֿאַר גנבֿים.

שאָ איז דעריבער געווען אין גאַנצן באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז געזעץ־ברעכונג און פֿאַרברעכערישקייט גיבן זיך איבער אויף אַ ס אָ צ י אַ ל ן אופֿן. אָבער עס איז אַ סימן פֿון פֿײַנעם געפֿיל בײַ דעם דאָזיקן סאָציאָלאָג, וואָס ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אַ ריין סאָציאָלאָגישן אויספֿיר. זײַן ווײַטערדיקן געדאַנקען־גאַנג קען מען אפֿשר איבערגעבן אַזוי. ריכטיק טאַקע, 37 פּראָצענט יוגנטלעכע ווערן געזעץ־ברעכער אויפֿן שטח פֿון געוויסע קוואַדראַטמײַלן אין שיקאַגאָ. קען גרײַלעך זײַן, אַז ווען מען זאָל נעמען קלענערע פּלאַצאיינסן, אַשטייגער בלאָקן (קוואַרטאַלן), וועט מען קומען צו פּלעצער, ווו 90% יוגנטלעכע זײַנען שוין רעגיסטרירט אין פּאָליציי פֿאַר דעם אָדער יענעם חטא. די אומשטאַנדן, די לעבנס־באַדינגונגען, די סבֿיבֿה האָבן זיי אַרײַנגעצויגן. אָבער אַלץ מוז מען נאָך פֿרעגן אויף אינדיווידועלע סיבות אויך. אפֿילו דאָרט ווו 90 פּראָצענט זײַנען קרימינעל, זײַנען דאָך רק פֿאַראַן 10 פּראָצענט וואָס זײַנען געבליבן אויפֿן דרך־הישר: בלײַבט דאָך אַלץ די פֿראַגע וועגן דער פּערזענלעכער מאָטיוואַציע!

אָט אַזוי האָט זיך דער שווערפּונקט פֿון דער פֿאָרשונג אַריבערגעטראָגן פֿון דער יוגנטלעכער ג ע ז ע צ ־ ב ר ע כ ו נ ג אויפֿן יוגנטלעכן ג ע ז ע צ ־ ב ר ע כ ע ר.

שאָ האָט גענומען גיין מיט אַזאַ גאַנג. ער נעמט יונגעלײַט וואָס זײַנען געשטאַנען פֿאַר יוגנט־געריכטן, אויב ער זעט, אַז זיי זײַנען מער ווייניקער אינטעליגענט, און זעצט זיי אַוועק שרײַבן זייערע לעבנס־געשיכטעס. דערבײַ גיט ער זיי ניט קיין שום אינסטרוקציעס, כּדי ניט משפּיע צו זײַן אויף דער שילדערונג. אַז ער באַקומט דעם דאָזיקן ערשטן דאָקומענט, געפֿינט ער דאָרטן אויס, וואָסערע פּונקטן עס זײַנען ניט גענוג באַאַרבעט און וואָס עס איז אָפּגעמאַכט צו שטאַרק בקיצור און וואָס עס איז סותרדיק. ער האָט נאָך אַ מיגלעכקייט צו פֿאַרגלײַכן דאָס מיטן „רעקאָרד" (די אַקטן) פֿון דעם זעלביקן יונגנמאַן אין יוגנט־געריכט. אויפֿן סמך פֿון דעם אַלעם אַרבעט ער אויס אַ צעטל „דעזידעראַטן" און בעט דעם סוביעקט, ער זאָל דאָס משלים זײַן. אַז דער יונגערמאַן מאַכט דאָס איבער, קומט שוין פֿון דעם אַרויס גאָר אַן אַנדער וואַריאַנט פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע, ווײַל דער שרײַבער ווייס שוין איצטער בעסער, וואָס מען וויל פֿון אים.

דאָס איז נאָך אָבער ניט אַלץ, ווײַל דעם סוביעקטיוון מאַטעריאַל פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע קאָנפֿראָנטירט מען נאָך ערשט מיט אַנדערע מאַטעריאַלן. עס קען למשל זיין, אַז די פֿאַמיליע האָט אַ צײַט באַקומען שטיצע פֿון עפּעס אַ צדקה-געזעלשאַפֿט. אין אַמעריקע פֿירט זיך, אַז „סאָציאַלע הילף" ווערט געגעבן נאָך אַן אויספֿאָרשונג, און דער באַריכט פֿונעם „סאָציאַלן אַרבעטער" בלײַבט אַלע מאָל אין די אַקטן. דאָס קען זײַן אַ גוטע דערגאַנצונג צו דעם בעל-דבֿרס אויטאָביאָגראַפֿיע. די אַלע ידיעות סומירט שאָ, און אַזוי אַרום באַקומט ער אַ גאַנץ פּלאַסטיש בילד פֿון דעם בעל-דבֿרס פּערזענלעכקייט. ניט נאָר ווי זי איז איצט זעען מיר, נאָר עס ווערט אונדז אויך אַ סך קלערער, ווי אַזוי זי איז געוואָרן.

שאָ מיט זײַנע מיטטוער האָט שוין באַאַרבעט אַ צאָל אַזוינע לעבנס-געשיכטעס. פּובליקירט האָבן זיי דערווײַל דוכט זיך נאָר צוויי, גראָד פֿון צוויי אימיגראַנטישע יוגנטלעכע: איינער אַ פּאָליאַק און איינער אַ ייִד[75].

29. וואָס טויג צו פֿאָרשן יחידים?

קיין אַלגעמיינע אָנערקענונג האָט נאָך דער וועג, מיט וועלכן שאָ גייט, ניט געפֿונען. הײַנט זײַנען נאָך אויך פֿאַראַן ניט איבעריקס פֿיל בעלנים צו פֿאַר-שטיין, אַז עס קען זײַן כּדאַי און וויכטיק צו פֿאָרשן ניט היסטאָרישע תּקופֿות, ניט גאַנצע פֿעלקער אָדער סאָציאַלע קלאַסן, נאָר פּראָסט-פּשוט יחידים. און פֿאָרט איז דאָס אַ מעטאָד וואָס זאָגט צו די שענסטע רעזולטאַטן.

אונדז אינטערעסירן דאָ טאַקע ניט אַזוי שטאַרק שאָס אויסגעפֿינסן ווי זײַן צוגאַנג און זײַן טעכניק. דאָס וואָס ער האָט געטאָן מיט יוגנטלעכע געזעץ-ברעכער דאַרף אָנגעווענדט ווערן, מיט די געהעריקע פֿאַרבײַטערונגען אין מעטאָד, אויך אויף „אָרנטלעכע" מענטשן.

אין דער פּראָגראַם פֿון דער יוגנט-פֿאָרשונג פֿון ייִוואָ פֿאַרנעמט אָט די אויפֿגאַבע פֿון פֿאָרשן יחידים גאָר אַ חשובֿן אָרט. און נאָך ווי אויספֿאָרשן! אַז עס איז ניטאָ די קלייניקייט וואָס מען זאָל מעגן לכתחילה אָפּוואַרפֿן אין אָפּשאַצן אַ מענטשנס אַנטוויקלונג, האָבן מיר דאָך געזען. אַ וויזיט פֿון ייִדן און באָבען בשעת דער סוביעקט איז אַלט געווען אַ פּאָר יאָר, אַ טויטפֿאַל אין דער משפּחה, דער אָפּפֿאָר פֿון די עלטערן אויף זומער האָבן געקענט—געקענט, אָבער ניט געמוזט—האָבן די גרעסטע ווירקונג. ווי באַלד אַרבעטן אַזוי אינטענסיוו פֿאָרשטייט מען, אַז די צאָל געפֿאָרשטע יחידים מוז זײַן באַגרענעצט. צו זאָגן דאָס קלאָר:

---

[75] (1) The Jack-Roller. A Delinquent Boy's Own Story. The University of Chicago Press. Chicago, 1930. 205 pp.

(2) The Natural History of a Delinquent Career. The University of Chicago Press. Chicago, 1931. 280 pp.

אויספֿאָרשן מיט דער פֿולער אינטענסיווקייט אַ צענדליג דורכשניטלעכע יונגעלײַט וואָלט שוין געווען זייער אַן אָנזיכטיקער אויפֿטו.

איז באַרעכטיקט אַ קשיה: אויב אַזוי, וואָס איז דער תּכלית? ווו איז די ראַיה, אַז די צען יונגעלײַט זײַנען אין וועלכער עס איז מאָס טיפּיש פֿאַר זייער סבֿיבֿה? אפֿשר זײַנען פֿאַראַן, אויב שוין יאָ פֿאַרנעמען זיך מיט דיקדוקי ענװת, הונדערט אַנדערע יונגעלײַט וואָס רעפּרעזענטירן הונדערט אַנדערע טיפּן?

איך ווייס ניט, וואָס שאָ אין שיקאַגאָ ענטפֿערט דערויף; ניט אין זײַנע שריפֿטן און ניט אין די שריפֿטן פֿון דער שיקאַגער שול בכלל האָב איך ניט געפֿונען קיין באַריכותדיקע דיסקוסיע פֿון דער דאָזיקער פֿראַגע. אָבער מיר פֿערזענלעך ווײַזט דאָס אויס צו זײַן קלאָר, און איך גיב דערויף מײַן אייגענעם ענטפֿער.

קודם כּל מוז מען זאָגן, אַז קיינער נעמט זיך טאַקע ניט אונטער צו ווײַזן, אויפֿן סמך פֿון די פֿאָר לעבנס-באַשרײַבונגען, געזעץ-מעסיקייטן וואָס זאָלן גילטן פֿאַר אַלע יוגנטלעכע, אָדער אַפֿילו פֿאַר אַלע יוגנטלעכע געזעץ-ברעכער, צי אַפֿילו נאָר פֿאַר די יוגנטלעכע געזעץ-ברעכער פֿון שיקאַגאָ. דאָס אייגענע וועלן מיר אין אונדזער ייִדישער יוגנט-פֿאָרשונג ניט אַרויסגיין מיט קיין דערקלערונגען וואָס זאָלן זײַן שייך צו אַלע ייִדישע יוגנטלעכע. מיר וואָלטן וועלן געפֿינען טיפּישקייטן, דער דאָזיקער פֿאַרלאַנג שטייט הינטער יעטווידער פֿאָרשאַרבעט, אַזוי ווי אַ הויכער באַרג וואָס זעט זיך פֿונדערווײַטנס הינטער דער שטאָט; אָבער איידער מען קומט צו צו אים מוז מען נאָך אַדורכגיין דורך אַ סך גאַסן, וועגן און שטעגן. אין אונדזער געביט איז אויך אַזוי: אויף צו דערשלאָגן זיך צו עפּעס דאַרפֿן מיר פֿריִער פֿאַר אַלץ קומען צו דער מדרגה פֿון ענװת און מודה זײַן, אַז מיר זײַנען נאָך בלינד. מיר זוכן ניט קיין רעפּרעזענטאַטיווע פּערזענלעכקייטן; מיר נעמען דורכשניטלעכע, מיטלמעסיקע מענטשן.

אַנדערע פֿאָרשער האַלטן אַפֿילו, אַז אַ מיטלמעסיקער מענטש איז אַ בעסערער אָביעקט צום פֿאָרשן. טאָמאַס און זנאַניעצקי האָבן אָפּגעדרוקט אין זייער The Polish Peasant in Europe and America[76] אַן אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון איינעם וולאַדעק ווישניעווסקי וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף לובאָטין ניט ווײַט פֿון קאַליש, און האָט דערנאָך עמיגרירט קיין אַמעריקע. די פֿאָרשער שטרײַכן אונטער, אַז דער אינטערעס אין דער אָ אויטאָביאָגראַפֿיע איז אַ ריין וויסנשאַפֿטלעכער, ניט קיין היסטאָרישער, וואָרעם די פּערזענלעכקייט פֿון דעם דאָזיקן מענטשן פֿון אַ גאַנץ יאָר האָט קיין שום ווערדע ניט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג אין דער פּוילישער געזעלשאַפֿט.

„אָבער דווקא צוליב דעם טעם קען אַ באַריכט פֿון דעם מין זײַן שטאַרק וויכטיק אי וויסנשאַפֿטלעך אי פּראַקטיש—וויכטיקער אפֿשר איידער פֿון אַ שעפֿערישן

[76] אין דער צווייטער אויפֿלאַגע, 1927, פֿאַרנעמט דאָס די זײַטן 1915—2226.

מענטשן; ווארעם נאָר דאָס אויספֿאָרשן אַ מיטלמעסיקייט (common place man) קען אונדז מאַכן פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס זײַנען פֿאַראַן אויף דער וועלט מיטלמעסיקייטן״[77].

שפּרינגט אָבער דאָ אַרויס אַ צווייטע קשיא: פֿון וואַנען ווייסן מיר, וואָס דער דורכשניט איז?

און ווידער גיבן מיר נאָך דעם בעל־פּלוגתא. מיר ווייסן טאַקע ניט אויף קלאָר. אין אַ געוויסן זינען קען מען קיינעם ניט אָנרופֿן דורכשניטלעך, ווארעם יעדערער האָט זיך זײַנע אייגנטימלעכקייטן („יעדער איינער מיט זײַנע משוגעתן״, זאָגט דער עולם). די קאָנקרעטקייט פֿון לעבן איז רײַכער איידער אַבסטראַקטע נאָרמעס. צוריק גערעדט איז כּמעט יעדערער פֿון אונדז אַ דורכשניטלעכער מענטש. טאָ ווו איז דער אויסוועג? דערווײַל נאָר אין דער מידה פֿון ענווות. בײַ הײַנטיקן טאָג, ווען מיר האַלטן נאָך ערשט אין אַריבערטרעטן די שוועל פֿון וויסנשאַפֿט אין דער פֿאָרשונג פֿון קולטור און פּערזענליכקייט (און אפֿשר, זאָל צו קיין גנאַי ניט זײַן, זײַנען מיר נאָך גאָר אויף יענער זײַט שוועל), מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט אַ נעגאַטיוור דעפֿיניציע. מיר וועלן אויסקלײַבן מענטשן וואָס וואַרפֿן זיך ניט אין די אויגן מיט איבעריגרויסע פֿעיִקייטן אָדער מיט זייער הינטערשטעליקייט. מיר וועלן זען אויסצומײַדן סוביעקטן, וועגן וועלכע מיר ווייסן, אַז זיי זײַנען באַלאַסטיקט מיט דער ירושה פֿון אַלקאָהאָליזם אָדער אַנדערע קראַנקייטן. מיר וועלן אויך ניט פֿאַררעכענען פֿאַר דורכשניטלעכע קיין מענטשן מיט אַן אָפֿענעם פֿיזישן מום. ווײַל אויב מיר ווילן למשל אויסגעפֿינען, צי שפּירט זיך טאַקע דאָס יִדישע קינד געפֿאַלן אַנטקעגן דעם ניט־יִדישן, וועט אונדז דער בעל־מום ניט קענען העלפֿן פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע. ער פֿילט זיך דאָס רובֿ יאָ געפֿאַלן אַנטקעגן אַנדערע קינדער, און מיר וועלן ניט וויסן, צי נעמט זיך זײַן מינערקייט־געפֿיל פֿון זײַן יִדישקייט אָדער פֿון זײַן מומיקייט[78].

איצטער קומט די דריטע קשיא: וואָס קומט אונדז אַרויס פֿון פֿאָרשן אַזאַ מיטלמעסיקייט?

איז דער תּירוץ: ניטאָ קיין מענטש וואָס זײַן סבֿיבֿה זאָל ניט האָבן אַרויפֿגעלייגט אויף אים איר שטעמפּל. דורך יעדן יחיד דערקענען מיר די סבֿיבֿה — אויב נאָר, פֿאַרשטייט זיך, מיר וועלן זײַן ביכולת צו באַקומען וועגן אים אַזוי פֿיל מאַטעריאַל וויפֿל מיר דאַרפֿן. דאָ האָט יעדער איינציקער פֿאַל אויב ניט דעם ווערט פֿון אַ דערווײַז, איז דעם ווערט פֿון אַ דוגמא.

---

[77] The Polish Peasant, p. 1907.

[78] זע אויבן ז׳ 22.—ס׳איז קלאָר פֿון זיך אַליין, אַז אַן אײַנבליק אין פּסיכישער אַנטוויקלונג קען מען באַקומען אויך פֿון שטודירן „אומנאָרמאַלע״ לעבנס, אַלץ איינס צי איבערנאָרמאַלע צי אונטערנאָרמאַלע. צו מאַכן דאָס בקיצור: בײַ הײַנטיקן טאָג קען אַ באַשרײַביקער אַנאַליז פֿון י ע ט וו י ד ע ר פּערזענלעכקייט־אַנטוויקלונג שטופּן פֿאָרויס די וויסנשאַפֿט, אויב נאָר די באַשרײַבונג און דער אַנאַליז זײַנען גענוג פֿאַרלאָזלעך, גענוג פּרטימדיק און מעטאָדאָלאָגיש גענוג געזונט. נאָר די „אומנאָר־מאַלע״ זײַנען אַ פּרק פֿאַר זיך.

אָבער מיר ווילן דערקענען נישט נאָר די סבֿיבֿה, מיר ווילן דערקענען די פּסיכישע אַנטוויקלונג פֿון מענטשן, אָדער, ווי מיר האָבן עס פֿריִער אָנגערופֿן, די „פּסיכישע דינאַמיק". און דאָ איז קיין אַנדער וועג נישטאָ ווי צו גיין דורכן יחיד, דורכן פּרט־פֿאַל.

„די געזעצן פֿון פֿאַלנדיקע קערפּערס אין פֿיזיק — זאָגט קורט לעווין אין דעם נישט לאַנג ציטירטן אַרטיקל[79] — קענען נישט אויפֿגעדעקט ווערן דורך נעמען דעם דורכשניט פֿון פֿאַקטישע פֿאַל־באַוועגונגען, לאָמיר זאָגן, פֿון בלעטער, שטיינער און אַנדערע חפֿצים, נאָר מערניט דורך אָנהייבן פֿון די אַזוי גערופֿענע „ריינע פֿאַלן". דאָס אייגענע אין פּסיכאָלאָגיע. די כּוחות פֿון דער סבֿיבֿה און די געזעצן פֿון זייער משפּיע זיין אויף דעם קינדס אויפֿפֿיר קענען אויפֿגעדעקט ווערן נאָר ווען מען הייבט אָן פֿון געוויסע גאַנצע סיטואַציעס וואָס זיינען „איינפֿאַך", אָבער גוט דעפֿינירט אין זייער קאָנקרעטער אינדיווידועלקייט".

אַזאַ מין פֿאָרש־אויפֿגאַבע זעט אויס אפֿשר צו באַשיידן און ביי אַן אַנדערן אפֿשר אַפֿילו נעבעכדיק. אָבער פֿאַרפֿאַלן. ביים איצטיקן שטאַנד פֿון אונדזער וויסנשאַפֿט, האַלט איך, איז יעטווידער ברייטערער פֿאַרגלייך, שוין אָפּגערעדט פֿון גענעראַליזאַציעס, נישט אויפֿן אָרט, ווי גרויס עס זאָל נישט זיין דער ניסיון פֿאַרן פֿאָרשער אַרויסצוגיין פֿון דעם גבֿול פֿון די באַגרענעצטע אויספֿירן צו וועלכע ער איז באַרעכטיקט. לאָמיר אָפּהיטן דעם חילוק פֿון פֿילאָזאָף (אָדער בעלעטריסט) ביז פֿאָרשער און לאָמיר זיך נישט אונטערנעמען צוויי זאַכן פֿאַר איין מאָל. אויב מיר ווילן מאַכן וועלכן עס איז פּראָגרעס לעתיד לבֿוא, קען אונדזער איצטיקע אויפֿגאַבע זיין מערניט זייער אַ באַשיידענע. מיר דאַרפֿן דורכפֿאָרשן, מיט דער גרעסטער זאָרגעוודיקייט און געוואָרנטקייט, זייער אַ באַגרענעצטע צאָל פֿאַלן, כּדי צו אַנטפּלעקן די וועגן פֿון פּסיכישער אַנטוויקלונג אין יעדן געפֿאָרשטן יחיד.

30. פּסיכישער קאָנפֿליקט

די פֿאָרשונגען, וועגן וועלכע מיר ריידן דאָ, דאַרפֿן געפֿירט ווערן נישט צוליב ספּעציעלער פֿאַרקאָכטקייט אין דעם צענדלינג יחידים, וואָס אין דעם מאָמענט ווייסן מיר אַפֿילו נישט ווער זיי זיינען. ס'איז ווי מיר האָבן אָקאָרשט געזאָגט: אונדז גייט אין צוקומען צו די עלעמענטן פֿון פּסיכישן לעבן.

לאָמיר זיך אומקערן צו די עניינים וואָס מיר האָבן אַרומגערעדט אין ערשטן טייל פֿון אונדזער בוך.

דאָס פּסיכישע לעבן, האָבן מיר געזען, איז פֿון ערשטן אָטעם אָן אַ סדרה קאָנפֿליקטן. אויב דאָס זויגקינד וויל עסן אָנדערטהאַלבן שעה נאָך דער לעצטער שפּייזונג און מען לאָזט אים וואַרטן איבעריקע אָנדערטהאַלבן שעה, איז דאָס אַ קאָנפֿליקט; און בכלל האָבן מיר געזען, וואָס פֿאַר אַ קוואַל פֿון קאָנפֿליקטן עס זיינען דער־

---

[79] דער טיטל אויף ז' 111, הערה 67.

נערונגס־פּראָבלעמען. געוויס (צו דערמאָנען אַן אַנדער טעמע פֿון די פֿריִערדיקע קאַפּיטלען) וואַקסן אַרויס ערנצטע קאָנפֿליקטן פֿון דער נייטיקייט צו טיילן דער מוטערס ליבע מיט אַ ייִנגערן מיטקינד[80]. און אַזוי ווײַטער. אַ קאָנפֿליקט קען זיך ענדיקן אָדער מיט אַ ניצחון אָדער מיט אַ דורכפֿאַל, און אַזוי פֿירט זיך שוין אויף דער וועלט, אַז מיר פֿאַלן אַדורך אָפֿטער איידער מיר זיגן. אַ דורכפֿאַל רופֿט אַרויס אַ פּסיכישע שוועריקייט וואָס דער מענטש דאַרף גובֿר זײַן. פֿאַראַן דערויף אין אונדזער פּסיכיק פֿאַרשיידענע מיטלען.

למשל: אַ קינד האָט געוואָלט אָפּטון אַן אַקציע, מען האָט אים ניט געלאָזן און אים נאָך באַשטראָפֿט. ברענט ער פֿון כּעס. אויב ער וועט אין דעם צושטאַנד פֿון כּעס אַ כאַפּ טון אַ וואַזע און געבן אַ שלײַדער אויף דער ערד, וועט דער כּעס זײַן אויסגעלאָדן, און אויב מען וועט אים ווײַטער ניט טשעפּען, וועט ער זיך מסתּמא באַרויִקן. אָבער גאַנץ אָפֿט *קען* ער ניט אויסלאָדן זײַן כּעס, ווײַל ער ווייס, אַז דאָס וועט ברענגען צו נאָך אַ האַרבערער שטראָף. דאָס איז אַ סיטואַציע פֿון אַ פּסיכישן דורכפֿאַל. ווי אַזוי גיט זיך דאָס קינד אַן עצה? ווי אַ מאָל. ביז אַ געוויסן גראַד קען ער דערשטיקן דעם כּעס אָדער, ווי מען רופֿט עס וויסנשאַפֿטלעך, *פֿאַרשטויסן* דעם אימפּולס. ער קען זיך אויך ראַטעווען אין עולם־הדמיון אַרײַן: אָנשטאָט צו פּרוּוון דורכפֿירן זײַן פֿאַרלאַנג, *פֿאַנטאַזירט* ער, אַז ער איז זיך נוקם אין זײַנע פּײַניקער. אָדער ער קען *סובלימירן* דעם אימפּולס: פֿאַרניצן אויף אַ געזעלשאַפֿטלעך אָנערקענטן ציל די ענערגיע וואָס האָט זיך געריסן צו שלעכטס. ער קען למשל אַרויסלויפֿן אין גאָרטן און נעמען זיך רײַסן דאָס ווילדגראָז פֿון זײַנע בייטן מיט אַזאַ אימפּעט, גלײַך ער וואָלט דאָ געריסן אויף שטיקער דעם מענטשן וואָס האָט אים באַעוולט.

אויב דער ניט־אויסגעלאָדענער כּעס ווערט אויסגעבראַכט *אין גאַנצן* דורך איינעם אָדער עטלעכע פֿון די דאָזיקע מעכאַניזמען, יעמאָלט איז גוט. אויב ניט, קען אַפֿילו אין אַזאַ איינציקן ניטוויכטיקן פֿאַל זײַן באַהאַלטן דער זוימען פֿון אַ נעוורשאָז.

אָבער דאָס מענטשלעכע לעבן איז ניט סתּם אַזוי אַ קופּע איבערלעבונגען וואָס וואַרפֿן זיך אָן אויף איינס אויף דאָס אַנדערע. איין געשעעניש קען האָבן אַ גאַנץ פֿאַרשיידענע ווירקונג אויף צוויי פֿאַרשיידענע מענטשן. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן אַ סצענע: דרײַ אירע זיצן אַרום אַ טיש און שפּילן אין קאָרטן; פּלוצלינג גיט אַ פֿאַל אַראָפּ דער ברענענדיקער הענגלאָמפּ. איינער קען קריגן דערפֿון אַ נערוון־

---

[80] אַ דערוואַקסן מיידל דערציילט (אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 147 אין די זאַמלונגען פֿון ייִוואָ, סימן: Dziecko szczęścia, ז׳ 3):

„מיט די ייִנגערע מיטקינדער האָב איך זיך קיין מאָל ניט געשפּילט. איך געדענק נאָר, אַז ווען ס׳איז געבוירן געוואָרן מײַן ייִנגסטער ברודער, האָט מען מיך אַרײַנגעפֿירט אין דער מוטערס צימער און מיר געוויזן דאָס קינד. האָב איך אָנגעשפּיגן אויף אים און בין מיט ווערדע אַרויס פֿון צימער".

דאָ האָט אָפֿן אַרויסגעפּלאַצט אַ באַציִונג וואָס איז אַזוי אָפֿט פֿאַראַן פֿאַרהוילענערהייט.

צעטרייסלונג, דער צווייטער קען אָפּקומען מיט שרעק, און דעם דריטן קען דאָס אָרן אַזוי ווינציק, אַז כאָטש נעם באַלד ווײַטער טאַשן די קאָרטן. בכן איז אַזוי: „אומפערזענלעך" געגומען (אָדער „אָביעקטיוו", ווי מען איז זיך נוהג דאָס צו רופֿן), האָבן מיר צו טון מיט איין פּאַסירונג; אָבער די ווירקונג אויף יעדערן פֿון די דרײַ מענטשן איז גאָר אַ פֿאַרשיידענע.

ווידער רוקט זיך אַפֿער די האַרבע פֿראַגע: ירושהדיקייט אָדער לעבנס-פּראַקטיק? אָבער אָט זעען מיר דאָך, אַז אויך פֿאַר איין מענטשן קען די זעלבע געשעעניש אין פֿאַרשיידענע צײַטן שפּילן אַ פֿאַרשיידענע ראָלע: איין מאָל לאָזט זי אים קאַלט, אַ צווייטן מאָל מאַכט זי אַ טיפֿן רושם. וועלן מיר געוויס מושווה ווערן אויף אַ פֿאָרמולירונג, אַז די פֿריִערדיקע לעבנס-פּראַקטיק פֿון אַ מענטשן האָט יעדנפֿאַלס אַ קאָלאָסאַלע ווערדע.

דער פֿריִער ציטירטער ל. ק. פֿרענק ברענגט אַרויס די דאָזיקע רעלאַטיווקייט אין קלאָרע ווערטער:

„ניטאָ קיין אבסאָלוטן אין דער סיטואַציע פֿון [פּסיכישן] דרוק אָדער פֿון קאָנפֿליקטן. זייער באַטײַט אין פּרט פֿון ווירקונג אויף דער פּערזענלעכקייט ווערט באַשטימט דורך דער רעאַקציע פֿונעם יחיד".

ווי באַלד אַזוי, נעמען זיך אַנטפּלעקן פֿאַר אונדז די קאָנטורן גאָר פֿון אַ נײַעם באַנעם פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. טאַקע יאָ קאָנפֿליקטן ווי אַ באַזיס און אַ טרײַבקראַפֿט פֿון דער פּסיכישער אַנטוויקלונג; אָבער וואָס עס איז יאָ אַ קאָנפֿליקט און וואָס ניט פֿאַר דעם יחיד, מיט וועלכן מיר אינטערעסירן זיך, וועלן מיר שוין איצט ניט גיין באַשטימען אויפֿן סמך פֿון אויסווייניקסטע, „אָביעקטיווע" סימנים, נאָר ווערדליג וואָס פֿאַר אַ ווערדע די פּאַסירונג האָט געהאַט פֿאַר דעם אָ יחיד אין דעם אָ מאָמענט. אָדער — צו ניצן טערמינען וואָס מיר האָבן אַרײַנגעפֿירט נאָך אין אָנהייב בוך, אין קאַפּיטל 5: מיר דאַרפֿן קוקן ניט אַזוי אויף דער פֿ אָ ר ם, ווי אויף דער פּסיכישער פֿ ו נ ק צ י ע פֿון דער איבערלעבונג.

31. אַ גאַנג באַגריפֿן

כּדי צו פֿאַראיינפֿאַכערן זיך די ווײַטערדיקע דיסקוסיע, לאָמיר איצטער אָפּגעבן עטלעכע זײַטלעך אויף צו פּרוּוון שאַפֿן אַ סיסטעם מער אַלגעמיינע באַגריפֿן. מען דאַרף זײַן דעריגען זייער געוואָרנט. ניטאָ קיין גרינגערס ווי פֿ אַ ר ב ײַ ט ן די רעאַליטעט דורך אַבסטראַקטע באַגריפֿן; אָבער די אַבסטראַקציעס זײַנען אַזוי גלאַטיק און אַזוי אָנווערטיק ווי אָפּגעריבענע מטבעות, אויף וועלכע מען קען שוין ניט דער-קענען ניט קאָפּ און ניט אָדלער. טאָ לאָמיר זיך ניט אײַנריידן, אַז דורך אָ נ ר ו פֿ ן זאַכן האָבן מיר זיי פֿאַרשטאַנען, און לאָמיר כּסדר געדענקען, אַז ניט קיין אומפּערזענלעכן שאַבלאָן דאַרפֿן מיר, נאָר מיר דאַרפֿן וואָס פֿולער פֿאַרשטיין די איינציקע, איינמאָליקע פּערזענלעכקייט. בײַ דער געהעריקער געוואָרנטקייט וועט

אונדז יאָ אַרויסקומען אַ טובֿה פֿון אָפּגעניגלטע באַגריפֿן און טערמינען, וואָרעם זיי מאַכן אונדז גרינגער צו קערעווען זיך מיט אונדזער מאַטעריאַל.

די גאַנצע פּסיכישע אַנטוויקלונג פֿון אַ יחיד האָבן מיר אָנגערופֿן *פּסיכישע דינאַמיק*. ס׳איז ניט דאָס אייגענע וואָס זײַן לעבנס־פּראַקטיק: די לעבנס־פּראַקטיק נעמט אַרײַן אַלע פֿאַקטן פֿון זײַן לעבן, אין דער פּסיכישער דינאַמיק רעכענען מיר אַרײַן בלויז יענע דערשײַנונגען וואָס האָבן מיטגעהאָלפֿן צו שאַפֿן די „אונטערשטע שורה” פֿון דעם אָ יחידס פּערזענלעכקייט.

דער לויפֿיקער, ניט־איבערגעריסענער שטראָם פֿון פּסיכישן לעבן, וואָס גייט אָן אין יעטווידער יחיד, זאָל בלײַבן בײַם אָנגענומענעם נאָמען *פּסיכישער פּראָצעס*. דער פּסיכישער פּראָצעס איז נאָר איין אַספּעקט פֿונעם אַלגעמיינעם לעבנס־פּראָצעס.

יעדער איבערלעבונג וואָס רופֿט אַרויס אַ שינוי אין פּסיכישן פּראָצעס זאָל הייסן *פּסיכישער פֿאַקטאָר*. ס׳איז ניט דאָס זעלבע ווי אַן איבערלעבונג סתּם. אַ חלום אָדער אַ פֿאַנטאַזיע („וואָר־חלום” רופֿט מען דאָס אַנדערש), וואָס קיין זײַטיקער האָט קיין מאָל וועגן דעם ניט געוווּסט און אַליין האָט מען שוין דאָס לאַנג פֿאַרגעסן, קען אַמאָל זײַן אַ וויכטיקער פּסיכישער פֿאַקטאָר[81]; פֿאַרקערט ווידער, אַ געשעעניש וואָס בײַ לײַטן רעכנט זיך דאָס פֿאַר וויכטיק קען פֿאַרבײַגיין גרינג ווי אַ האָר פֿון מילך. ווען מיר וועלן זיך דערמאָנען דעם משל מיטן הענגלאָמפּ וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף די דרײַ קאָרטנשפּילער, וועלן מיר זאָגן, אַז פֿאַר דעם וואָס האָט באַקומען אַ נערוון־צעטרייסלונג איז די פּאַסירונג געווען אַ וויכטיקער פּסיכישער פֿאַקטאָר; פֿאַר יענעם וועלכער האָט זיך מערניט אַ ביסל איבערגעשראָקן איז דאָס אַ קנאַפּער פּסיכישער פֿאַקטאָר; און פֿאַרן דריטן, וועמען די גאַנצע געשיכטע האָט געלאָזן קאַלט, איז דער זעלבער פֿאַקט קיין שום פּסיכישער פֿאַקטאָר ניט געווען. פּסיכישער פֿאַקטאָר איז הייסט עס דאָס אייגענע וואָס מיר האָבן פֿריִער אָנגערופֿן „פֿורעם־פֿאַקטאָר פֿון דער פּערזענלעכקייט”. פֿאַראַן געוויסע סיטואַציעס, איבערהויפּט אין דער פֿריִיקער קינדהייט און אין צײַטיקונגס־עלטער, ווען די פּסיכישע פֿאַקטאָרן זײַנען געזייט אַ סך געדיכטער; אָבער וואָסער איבערלעבונג יאָ און וואָסער ניט—דאָס קענען מיר אויסגעפֿינען, אויב בכלל, איז נאָר דורך אַ קאָנקרעטן אַנאַליז פֿון דעם געהעריקן יחידס פּסיכישער דינאַמיק.

---

[81] אַט דערציילט אַ יונגערמאַן אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע (זאַמלונג פֿון ייִוואָ נומ׳ 138, סימן: ל. ליבער, ז׳ 3): „צום מייִנסטן פֿלעג איך פֿאַר אים [דעם פֿעטער] מורא האָבן בשעת ער האָט זיך ראַזירט: די ווײַסע מידלינגעס אויף זײַנע באַקן האָבן מיר דערמאָנט אָן מתים, און איך פֿלעג שטענדיק זיך פֿאַר אים באַהאַלטן”. ווײַטער דערציילט אונדז דער מחבר צו אונדזער חידוש, אַז ער האָט דעם דאָזיקן פֿעטער זייער ליב געהאַט; אָבער פֿאַר אונדז איז וויכטיק די עצם פֿאַנטאַזיע, וואָס הגם זי האָט ניט געהאַט קיין שום רעאַלן אונטערלאַק און הגם דער ייִנגל האָט וועגן איר געוויס מיט קיינעם ניט גערעדט, האָט זי בלי שום ספֿק געהאַט אויף אים אַ שטאַרקע ווירקונג.

אויף צו באַצייכענען די מיטלען, מיט וועלכע אַ מענטש איז בכּוח איבער־צוקומען פּסיכישע שוועריקייטן — סובלימירן, פֿאַנטאַזירן, פֿאַרשטויסן אאַז"וו — לאָמיר ניצן דעם טערמין וואָס די פּסיכאָאַנאַליטיקער האָבן איינגעפֿירט, דהיינו: פּסיכישער מעכאַניזם. אַשטייגער אין דער פּאַסירונג מיטן אַראָפּפֿאַלנדיקן לאָמפּ וואָלט פֿאַרשטויסונג געווען דער מעכאַניזם, מיט וועלכן דער ניט־אָנגענעמער פּסיכישער פֿאַקטאָר וואָלט געקאָנט אָפּגעשטופּט ווערן.

דער כּסדרדיקער פּסיכישער פּראָצעס קען, לכל־הפּחות טעאָרעטיש, צעשפּאָלטן ווערן אין אָפּשניטן. יעדער אָפּשניט אַזאַ, אין וועלכן עס ווערט אונטער דער ווירקונג פֿונעם פּסיכישן פֿאַקטאָר געלאָזן אין גאַנג אַ פּסיכישער מעכאַניזם, קען באַצייכנט ווערן מיטן נאָמען פּסיכישער אַקט.

דער בלייביקער פּראָדוקט וואָס שטעלט זיך אָפּ נאָכן פּסיכישן אַקט איז אַ פּסיכישער עלעמענט. אַשטייגער מורא האָבן פֿאַר אַ לאָמפּ וואָס ברענט איבער דעם פֿריִער דערמאָנטן קאָרטנטיש וואָלט געווען אַ פּסיכישער עלעמענט.

די פּסיכישע עלעמענטן זיינען אומענדלעך אין צאָל. אָבער מען קען זיי קלאַ־סיפֿיצירן אין העכערע איינהייטן, וואָס מיר וועלן זיי אָנרופֿן פּסיכישע פֿורעמס[82]. מורא האָבן פֿאַר אַ ברענענדיקן לאָמפּ אַלץ איינס ווי ער הענגט וועט זיין אַ פּסי־כישער פֿורעם; מורא האָבן פֿאַר הענגלאָמפּן, אַלץ איינס צי זיי ברענען אָדער ניט, איז אַ פּסיכישער פֿורעם פֿון אַ „העכערער", ד"ה אַ מער אַלגעמיינער מדרגה; מורא פֿאַר לאָמפּן, אַלץ איינס צי זיי הענגען אָדער זיי שטייען אויפֿן טיש, איז נאָך אַן אַלגעמיינערער פּסיכישער פֿורעם. אויב אונדזער פֿאַרשוין וויזט נאָך אַרויס קרובֿישע פֿורעמס אויך, אַשטייגער מורא פֿאַר ליאַרעם, אָדער פֿאַר הינט, אָדער פֿאַר אויטאָמאָבילן (וואָס יעדערער פֿון זיי האָט זיך אַנטוויקלט פֿון איינציקע פּסיכישע עלעמענטן), קענען מיר זיך פֿאַרגינען צו גענעראַליזירן נאָך ווייטער, און מיר וועלןריידן וועגן דעם פּסיכישן פֿורעם שרעקעוודיקייט. מיט אַזאַ מין אַלגעמיינעם אויסדרוק זיינען מיר שוין אַרויס אויפֿן אָפֿענעם ים פֿון אַבסטראַקציע; אָבער טייל מאָל קען דאָס זיין נוציק, אויב מיר וועלן נאָר ניט אַרויסלאָזן פֿון אויג די יבשה פֿון פּסיכישער רעאַליטעט.

די אונטערשטע שורה פֿון אַלע פּסיכישע עלעמענטן (אָדער, אויב מיר האָבן זיי שוין אויסגעסדרט פֿריִער און מיר אָפּערירן שוין מיט די העכערע איינהייטן, מעגן מיר זאָגן: די אונטערשטע שורה פֿון אַלע פּסיכישע פֿורעמס) וועלכע זיינען בנימצא אין דעם אַ יחיד איז דאָס וואָס מיר רופֿן אָן דעם יחידס פּערזענלעכקייט.

אויב מיר זאָלן אָנרופֿן

$$f_1, f_2, f_3, f_4 \ldots\ldots$$

די פֿאַרשיידענע פּסיכישע פֿאַקטאָרן וואָס זיינען טעטיק ביים אויספֿורעמען

[82] אין אונדזער טאָגטעגלעכן לשון מיינען מיר אָפֿט מאָל עפּעס ענלעכס, ווען מיר זאָגן „כאַראַקטער־שטריך"; נאָר דער אויסדרוק איז ניט גענוג דעפֿיגירט.

אַ פּערזענלעכקייט, קענען מיר זאָגן: די דאָזיקע ריי באַשטייט פֿון פֿאַרשיידענע „זאַצן". איין זאַץ

$$f_a,\ f_b,\ f_c,\ f_d\ldots$$

קומט אַרויס פֿון דעם יחידס צוגעהעריקייט צו דער אָ פֿאַמיליע; אַ צווייטער זאַץ

$$f_k,\ f_l,\ f_m,\ f_n\ldots$$

קומט אַרויס פֿון זײַן צוגעהעריקייט צו דעם אָ סאָציאַלן קלאַס; אַ דריטער זאַץ פֿאַקטאָרן

$$f_r,\ f_s,\ f_t,\ f_u\ldots$$

איז אַ רעזולטאַט פֿון זײַן צוגעהעריקייט צו דעם אָ נאַציאָנאַלן קיבוץ, און אַזוי ווײַטער. פֿון די אַלע פּסיכישע פֿאַקטאָרן וואַקסן אַרויס, ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט אין אונדזערע דעפֿיניציעס, פּסיכישע עלעמענטן, און אויב די עלעמענטן זײַנען זיך גוט צונויפֿגעוואַקסן, באַקומט זיך דאָס וואָס מען רופֿט „האַרמאָנישע" אָדער „אינטעגרירטע" פּערזענלעכקייט. אין עקסט אומגליקלעכע פֿאַלן האָבן מיר אַ פֿולקומע דיסאָציִירונג; סטיווענסאָן האָט באַשריבן אַזאַ צעשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט אין זײַן קלאַסישן בוך וועגן „דאָקטאָר דזשעקיל און מיסטער הײַד". אָבער אַ געוויסן גראַד דיסאינטעגראַציע פֿון דער פּערזענלעכקייט באַגעגענען מיר גענוג אָפֿט, הגם עס וועט אונדז ניט אײַנפֿאַלן צו פֿאַררעכענען אַזאַ מענטשן צווישן די אומנאָרמאַלע.

לאָמיר נעמען אַ ייִדן וואָס איז אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן אין סוף פֿון די נײַנציקער יאָרן אין אַ שטרענג טראַדיציאָנעלער סבֿיבֿה, און דערנאָך איז ער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער „באַוועגונג" פֿון ערבֿ 1905. דער חורבן פֿון דער רעוואָלוציע האָט אים אָפּגעטריבן צוריק אין שטעטל, און נאָך אַ פּאָר יאָר ראַנגלען זיך איז ער געוואָרן אַ שטעטלשער באַלעבאָס מיט אַן אייגענעם קרעמל. הײַנט האָט ער שטאַרק צו לײַדן פֿון ענדעקישער בויקאָט-אַגיטאַציע.

איצטער לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז אין דעם שטעטל ברענט זיך פֿונאַנדער אַ הייסע וואַל-קאַמפּאַניע. ווי אַזוי וועט אונדזער בעל-דבֿר רעאַגירן? עמאָציאָנעל וועט ער נוטה זײַן צו האַנדלען „ווי אַלע ייִדן". מיסתמא וועלן זיך אין אים אויך אויפֿכאַפּן די אידעען פֿון זײַן הערצישער דערוואַקסלינגשאַפֿט, ער וועט בענקען נאָך דער צײַט, ווען ער האָט געגלייבט אין ניצחון פֿון פּראָלעטאַריאַט און אין דער סאָלידאַריטעט פֿון פֿעלקער. אָבער זײַן שכל קען אים אונטערזאָגן, אַז מען דאַרף טראַכטן „רעאַליסטיש" און מען דאַרף אַוועקלייגן אין אַ זײַט אידעען און געפֿילן. צי וועט ער שטימען פֿאַרן כלל-ישׂראל-צעטל, פֿאַר דער סאַנאַציע אָדער פֿאַרן סאָציאַליסטישן בלאָק אָדער פֿאַר די קאָמוניסטן? בײַ אַזאַ דיסאינטעגרירטער פּערזענלעכקייט איז דאָס אַ סך שווערער פֿאָרויסצוזאָגן איידער בײַ אַ געשטעלטן מענטשן.—

ניטאָ וואָס צו ריידן: פּסיכישע דינאַמיק, פּסיכישער פּראָצעס, פּסיכישער פֿאַקטאָר, פּסיכישער מעכאַניזם, פּסיכישער אַקט, פּסיכישער עלעמענט, פּסיכישער פֿורעם, פּסיכאָגראַפֿיע און אַפֿילו פּערזענלעכקייט אַליין זײַנען אַלץ טערמינען, וואָס מען טאָר ניט איבערטרײַבן זייער האַפּטיקייט. גיכער ווי אַלץ וועט אויסקומען איבערצודעפֿינירן און משנה־שם צו זײַן דערשײַנונגען, וואָס טיפֿער מיר וועלן אַרײַנדרינגען אין די פּסיכישע רעאַליטעטן. אָבער איידער וואָס ווען האָבן מיר פֿאָרט אַ גאַנג טערמינען וואָס ווײַזן אויס צו זײַן דורכגעהאַלטן אין זיך, ממילא קען יאָ זײַן פֿון זיי אַ שטיקל הילף בײַם אָריענטירן זיך אין די פֿאַקטן.

די צאָל „פּסיכישע פֿורעמס" איז געוויינטלעך אויך אומגעהײַער גרויס, אָבער אַלץ קענען מיר רעדוצירן די אויספֿאָרשונג צו אַ *קלענערער* צאָל איינסן, אויב מיר קוקן אויף פֿורעמס אַנשטאָט אויף עלעמענטן; אויך איז אונדז געראָטן אַרײַנצופֿירן *וואָגיקערע* איינסן דורך זוכן פּסיכישע פֿאַקטאָרן, אַנשטאָט צו שאַפֿן זיך סתּם מיט איבערלעבונגען אומאָפּהענגיק פֿון זייער פּסיכישער באַטײַטיקייט.

די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע פֿון דער פֿאָרשונג פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט אויפֿן איצטיקן שטאַפּל איז אויסצוגעפֿינען און צו סטאַנדאַרדיזירן מעטאָדן, דורך וועלכע מען זאָל קענען פּרטימדיק אַנאַליזירן די נאַטור פֿון די דאָזיקע פֿאַרשיידענע איינסן און זייער קעגנזײַטיקן אײַנפֿלוס. מיר וועלן זיך דערמאָנען, אַז ווען מיר האָבן פֿריִער גערעדט וועגן די אינטעליגענץ־טעסטן אָדער וועגן די טעסטן פֿון כאַראַקטער־שטריכן, איז די טענה געווען ניט קעגן דעם וואָס די טעסטירונג ווערט שלעכט געמאַכט. די טענה איז געווען אַ טיפֿערע: מיר זײַנען געקומען צום באַשלוס, אַז בײַ יענע מעסטונגען און ציילונגען זײַנען *די עצם חיבור־צאָלן נאָך ניט די ריכטיקע באַשטאַנדטײלן פֿון דער פּסיכישער דינאַמיק*. עס איז אַזוי ווי מיר וואָלטן געדאַרפֿט מעסטן אין מילימעטערס כּדי צו זײַן פֿיל ווינציק פּינקטלעך, און מען וואָלט אונדז געבן אין האַנט אַרײַן אַ שטאַנג, אויף וועלכן עס זײַנען אָנגעצייכנט נאָר יאַרדן אָדער אַרשינען. וואָס טויג אונדז אַזאַ מעסטשטאַנג? מיר מוזן זוכן ווײַטער, כּדי צוצוקומען צו מער אַדעקוואַטע מעסטאיינסן.

דערווײַל האַלט מען נאָך ערשט בײַם סאַמע אָנהייב. נאָר אויפֿן סמך פֿון דעם וואָס עס איז שוין פֿאָרט דערגרייכט געוואָרן מעג מען אפֿשר זאָגן, אַז דאָס איז אַ שווערע זאַך, אָבער ניט קיין אוממיגלעכקייט. עס וואָלט געווען אַ דאַנקבאַרע אויפֿגאַבע צונויפֿצונעמען אין אַ קריטיש־סינטעטישער אַרבעט דאָס אַלץ וואָס עס איז שוין אויפֿגעטאָן געוואָרן אויף דעם פֿעלד. דאָ קען איך מער ווי אַ ווונק ניט געבן.

אָט איז די אַרבעט וואָס ווערט געטאָן אין דעם „אינסטיטוט פֿאַר מענטשלעכע באַציִונגען" בײַם אַמעריקאַנער יעיל־אוניווערסיטעט דורך דאָראָטי ס. טאָמאַס און אירע מיטאַרבעטער אויף פֿעסטצושטעלן, צי געוויסע אַרויסווײַזונגען פֿון קינדערשן לעבן (באַציִונגען צו אַנדערע מענטשן; באַציִונגען צו מאַטעריאַלן און מכשירים; אײַנשליסן זיך אין זיך אַליין) לאָזן זיך גענוג פּינקטלעך אָבסערווירן

און ווי ווײַט עס גרייכט די פֿאַרלאָזלעכקייט פֿון אַן אָבסערוואַטאָר[83]. אָט איז די אַרבעט פֿון דער בילערשער שול אין ווין, וואָס אַרבעט אויף טעסטן פֿאַר עופּעלעך און קליינקינדער און פּרוּווט געפֿינען קאַטעגאָריעס פֿאַרן אויפֿפֿיר פֿון עלטערע קינדער[84]. וועגן דער טעטיקייט פֿון קורט לעווינס שול גיט אַ געוויסע פֿאָרשטעלונג די אַרבעט פֿון דעם דאָזיקן געלערנטן, איצט אַ פֿאַרטריבענער פֿון דײַטשלאַנד: „די פּסיכאָלאָגישע סיטואַציע בײַ באַלוינונג און שטראָף" (אין די פּסיכפּעדשריפֿטן פֿון ייִוואָ I ז"ז 31—76) אָדער זײַן אַרטיקל: „די סבֿיבֿהדיקע כּוחות אין דעם קינדס אויפֿפֿיר און אַנטוויקלונג"[85].

די דערמאָנטע פֿאָרשער און אַ ריי אַנדערע האָבן זיך פּרײַוויליק, לשם גיין אין דער טיף, באַגרענעצט מיט איינצל-פֿראַגעס אויף זייער אַ קליינעם שטח פֿון דעם אַלגעמיינעם פֿעלד פֿון סאָציאָלאָגישע אָדער פּסיכאָלאָגישע אינטערעסן. אָבער די אַרבעט וואָס זיי טוען איז אי אומבאַדינגט נייטיק, אי זי זאָגט צו אַ סך, ווײַל דאָ ווערן עס אויסגעאַרבעט די מעטאָדן, ווי אַזוי צו צעשפּאַלטן דעם פּסיכישן פּראָצעס אין איינציקע אַקטן, אָדער דעם פּסיכישן פֿורעם אין באַזונדערע עלעמענטן.

עס וועט נאָך קומען אַ טאָג, דאַרף מען האָפֿן, ווען די גאַנצע עקספּערי-מענטאַלע פּסיכאָלאָגיע וואָס האַלט זיך איצטער אין אַ זײַט און קוקט קרומלעך אויף די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן (און דאָס אייגענע צוריק) וועט זיך איבעראָריענטירן אַזוי, אַז אירע אָנספֿקדיקע דערגרייכונגען זאָלן קענען אײַנגעגלידערט ווערן אין דער פֿאָרשונג פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט. מען מעג זיך אַפֿילו שוין פֿאַרגינען צו האָפֿן, אַז ווען עס איז לעתיד-לבֿוא וועט זיך די פּסיכישע דינאַמיק לאָזן אויסדריקן ניט נאָר אין קלאַסיפֿיצירלעכע און דעפֿינירלעכע, נאָר אויך אין אויסמעסטלעכע גרייסן. געוויינטלעך, דערווײַל האַלט נאָך לאַנג ניט דערבײַ, און פֿון איבערגרויסער אײַלעניש וואָלט קיין גוטס ניט אַרויסקומען.

איצטער איז די צײַט צו דערמאָנען זיך נאָך אַ מאָל אונדזער דיסקוסיע פֿון די כּמותדיקע מעטאָדן אין די קאַפּיטלען 17 — 26. נאָך די רייד פֿון דעם איצטיקן קאַפּיטל וועט שוין זײַן קלאָר:

(1) אַז איך האָב חלילה ניט גערעדט קעגן אויסנוצן צאָלן בכלל, נאָר איך האָב מערניט געוואָלט אויפֿווײַזן, ווי געוואָרנט מען דאַרף זײַן בײַם אײַנשטעלן די מעסטאיינסן.

(2) אַז דאָס וואָס מען רופֿט איצטער כּמותדיקער אויסדרוק פֿון דער פּערזענלעכקייט (אַנקעטעס, טעסטן אאַז"וו) ליגט גאָר אויף אַן אַנדער ליניע איידער אונדזער פּראָבלעם;

---

[83] Thomas, Dorothy; Loomis M.; Arrington R.; Isbell C. Observational Studies of Social Behavior Patterns. Institute of Human Relations. Yale University 1933. 271 pp.
אַ דיסקוסיע וועגן דעם עניִן זע אויך אין זשורנאַל Sociologus (לײַפּציק), דעצעמבער 1932 און מערץ 1933.

[84] Cf. Bühler, Charlotte und Hetzer, Hildegard. Kleinkindertests. Leipzig 1932
און אַ היפּשע צאָל אַנדערע אַרבעטן וואָס זײַנען אָפּגעטאָן געוואָרן אָדער ווערן געטאָן אין פּסיכאָלאָגישן אינסטיטוט פֿון ווינער אוניווערסיטעט.

[85] אין ענגליש; עטלעכע מאָל ציטירט אין דעם איצטיקן בוך; פֿולער טיטל ז' 111, הערה 67.

(3) אַז אויסדריקן די פּערזענלעכקייט אין אויסמעסטלעכע גרייסן איז דערוויַל אַן אידעאַל וואָס איז נאָך אַפֿילו ניט פֿאָרמולירט ווי ס׳געהער צו זיַין;

(4) אַז בכדי צוצוקומען נעענטער צו דעם דאָזיקן אידעאַל דאַרפֿן מיר אָנהייבן פֿון אַלף־בית, פֿון אינטענסיוו אַנאַליזירן די פּערזענלעכקייט פֿון יחידים. גאַנץ־גאַנץ פּאַמעלעך וועט מען פֿון פּשוטער באַשריַיבונג צוקומען צו פּרעציזער פֿאָרמולירונג, און מיט דער ציַיט וועט מען אפֿשר אויך קענען אויסדריקן באַציִונגען און פּרינציפּן אין כּ מ ו ת ד י ק ע טערמינען.

32. די פּסיכאָגראַפֿיע

אויב מיר רופֿן די סומע פֿון אַ מענטשנס אַלע איבערלעבונגען „ביאָגראַפֿיע“, קענען מיר די שילדערונג פֿון זיַין פּסיכישער דינאַמיק אַ נאָמען געבן פּ ס י כ אָ ג ר אַ פֿ י ע. דער ביאָגראַפֿישער פּרט איז דער טויער, דורך וועלכן מען מוז דורכגיין צום פּסיכישן פֿאַקטאָר. מען מ ו ז דורכגיין, וויַל קיין אַנדער וועג אַהין איז ניטאָ; אָבער מען מוז ד ו ר כ ג י י ן, וויַל אַניט וואָלט דאָס הייסן אָפּשטעלן זיך אין דרויסן און זען מערניט דעם פֿאַסאַד.

אַ פּסיכאָגראַפֿיע פֿון אַ מענטשן קען געמאָלט זיַין אַ צווייערלייִקע: א) אויפֿן ניוואָ פֿון אָ פֿ נ וו אָ ר ק י י ט[86] און ב) אויפֿן ניוואָ פֿון פּ ס י כ אָ אַ נ אַ ל י ז. מיר וועלן דערוויַל ריידן מערניט וועגן דעם ערשטן מין; וועגן דעם צווייטן וועט קומען צו רייד אַ ביסל שפּעטער, אין קאַפּיטל 41, און יעמאָלט וועלן מיר שוין מאַכן דעם פֿאַרגליַיך צווישן די צוויי אויך.

לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז מיר האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט אויף אַ מענטשן וואָס איז געגנוג „דורכשניטלעך“ לויט דער דעפֿיניציע פֿון קאַפּיטל 29. מיר וועלן אָנהייבן דערמיט, וואָס מיר וועלן אים בעטן אָנשריַיבן זיַין אויטאָביאָגראַפֿיע. דערביַי וועלן מיר אים געבן, אויב בכלל, איז וואָס ווינציקער אָנוויַיזן און עצות. אַדרבא, זאָל ער שריַיבן ווי וויַיט מיגלעך ניט־באַאיַינפֿלוסט. אַלץ וואָס מיר זאָגן אים אָן איז, ער זאָל ניט זיַין קאַרג אין ווערטער, ער זאָל ניט שאַצן גרינג קיין שום פּרט פֿון זיַין לעבן, וואָס ער געדענקט נאָר, און ער זאָל זיַין אויפֿריכטיק ווי וויַיט ער קען. פֿאַר גוייט קען מען נאָך אָנוויַיזן, ער זאָל שריַיבן אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, און רעקאָמענדירן דערביַי אַ פּאָר פּונקטן פֿון אויפֿמערק[87].

---

[86] איך באַניץ דאָ דאָס אַלטייִדישע וואָרט „אָפֿנוואָר“, וויַל איך זע ניט אין אונדזער היַינטיקער שפּראַך קיין איין וואָרט וואָס זאָל אַזוי פּינקטלעך איבערגעבן דאָס לאַטיַינישע **manifestus**, דעם היפֿוך פֿון „פֿאַרהוילן“.

[87] למשל אין דעם קאָנקורס אויף דער בעסטער אויטאָביאָגראַפֿע פֿון אַ ייִדישן יוגנטלעכן, וואָס דער ייִוואָ האָט אויסגעשריבן 1932, זיַינען געווען אָנגעוויזן לדוגמא אַזעלכע פּונקטן: „איר און איַיער משפּחה. מילחמה־יאָרן. לערער, שולן און וואָס זיי האָבן איַיך געגעבן. חברים, חבֿרטעס. יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטיי־לעבן און וואָס דאָס האָט איַיך געגעבן. ווי אַזוי זעט איר צוגעקומען צו איַיער פֿאַך אָדער ווי אַזוי קליַיבט איר זיך צוצוקומען. וואָסער פּאַסירונג אין איַיער לעבן האָט אויף איַיך געמאַכט דעם גרעסטן איַינדרוק“. — אין דעם קאָנקורס־קאָמוניקאַט פֿון 1934 איז פֿאַר די „מילחמה־יאָרן“ נאָך צוגעקומען אַ פּונקט: „באַציִונגען צווישן די פֿאַמיליע־מיטגלידער“; נאָך די ווערטער „חברים, חבֿרטעס“ איז נאָך געווען צוגעשריבן: „באַציִונגען מיט זיי“.

בעת מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פּערזאָן, האָבן מיר שוין געהאַט אין זינען, אַז ער איז גענוג אינטעליגענט צו פֿאַרשטיין, וואָס מען וויל פֿון אים, און אַז ער מיינט ערנצט מיט דער זאַך; ער איז גרייט צו דינען מיט זײַן לעבנס־פּראַקטיק דער וויסנשאַפֿט, כּדי זי זאָל קענען אויסגעפֿינען וועגן, ווי אַזוי צו פֿאַר־גרינגערן אַנדערע מענטשן דאָס לעבן. אָבער עס זײַנען געווען נאָך סיבות, צוליב וועלכע מיר האָבן די פּערזאָן אויסגעקליבן פֿון אַ גרויסער צאָל אַנדערע, הגם ער אַליין מעג יאָ און מען ניט וויסן וועגן דעם. מיר האָבן זיך גערעכנט מיט דעם, אַז אַרום אים זײַנען פֿאַראַן נאָך מענטשן וואָס זײַנען גענוג אינ־טעליגענט און גענוג צוטריטלעך, אַז מען זאָל פֿון זיי קענען געוווּיר ווערן הוספֿה־ידיעות. אַ מאָל קען דאָס זײַן די מאַמע, אַ מאָל אַ ברודער אָדער אַ פֿעטער אָדער אַ שכנטע וואָס האָט געהאַט די מיגלעכקייט נאָכצופֿאָלגן נאָך דער אַנטוויק־לונג פֿון דער פּערזאָן. ווען מיר וועלן באַקומען די אויטאָביאָגראַפֿיע, וועלן מיר ניט נאָר פֿונעם בעל־דבֿר אַליין פֿאַרלאַנגען, ער זאָל משלים זײַן וואָס עס פֿעלט לויט אונדזער מיינונג אין זײַן דאָקומענט, נאָר מיר וועלן אויך נעמען באַריכות־דיקע אינטערוויוען מיט אַלע אַרומיקע פּערזאָנען וואָס קענען עפּעס צוטראָגן צום פֿאַרשטיין די דאָזיקע פּערזענלעכקייט.

בײַם אינטערוויוירן די נאָענטע צו אונזער פּערזאָן וועלן מיר זיך קודם־כּל אינטערעסירן מיט די ייִנגסטע יאָרן זײַנע, וואָרעם פֿון יענע צײַט וועט ער אַליין קענען צוטראָגן צום ווינציקסטן און צום ווינציקסטן זיכער[88].

אויב מיר זאָלן האָבן אויסצוקלײַבן צווישן צוויי סוביעקטן וואָס זײַנען גלײַך אין אַנדערע זאַכן, וועלן מיר אָפּקלײַבן דעם, וואָס מיר האָבן מער מאַטעריאַל וועגן זײַן שול־קאַריערע. אין אַזאַ מין פֿאַל וועלן מיר ניט נאָר אַרײַנקוקן אין די שולאַקטן כּדי אַרויסצונעמען פֿון דאָרטן אַלץ וואָס עס איז נוגע אונדזער בעל־דבֿר, נאָר מיר וועלן זיך אויך דורכשמועסן ווי ס׳געהער צו זײַן מיט זײַנע לערער און מיט די חבֿרים פֿון זײַן קלאַס און זען אַרויסצוקריגן בײַ זיי אַלץ וואָס זיי וויסן וועגן דעם סוביעקט און וואָס מיר ווייסן נאָך ניט. און ווידער אַ מאָל וועט תּמיד לײַכטן פֿאַר אונדזערע אויגן דער כּלל: ניטאָ קיין אומוויכטיקע פּרטים.

אין טייל פֿאַלן וועט אונדז אפֿשר אָפּגליקן, און מיר וועלן אָפּזוכן עלטערע פֿאַמיליע־קאָרעספּאָנדענץ, העפֿטן, ווו מען האָט פֿאַרשריבן די הוצאות און הכנסות, אַ מאָל אפֿשר אַ טאָגבוך פֿון אַן אַנדער פֿאַמיליע־מיטגליד. אַזוינע געפֿינסן וועלן זײַן בײַ אונדז זייער אָנגעלייגט ווען אונדזער בעל־דבֿר וועט דאָרטן אַפֿילו ניט

---

[88] מען מוז אָבער זאָגן, אַז אייגענע זיכרונות פֿון יענער פֿאַזע לעבן קענען אַ מאָל אויך האָבן אַ גרויסן ווערט בײַם פֿאַרענטפֿערן פֿראַגעס פֿון קינדערשער און פֿון אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגיע. פֿאַרגלײַך:

Reichardt, H. Die Früherinnerung als Trägerin kindlicher Selbstbeobachtung in den ersten Lebensjahren. Halle 1928.

און

Blonsky, P. Das Problem der ersten Kindheitserinnerung und seine Bedeutung. In: Archiv für die gesamte Psychologie 71 (1929), 3, 5.

זײַן דערמאָנט. ווײַל אַזוי פֿיל ווייסן מיר שוין וועגן דעם עניָן, אַז יעדער יחיד איז ניט קיין מענטש פֿאַר זיך, נאָר ער איז אײַנגערינגלט אין סבֿיבֿה־אײַנפֿלוסן אַזוי ווי עס טרעפֿט אַ מאָל אַ פֿליגעלע אין אַ שטיק בורשטין. אַשטייגער, אויב מיר זאָלן גצוויר ווערן וועגן דער מאַטעריעלער לאַגע פֿון דער פֿאַמיליע אין דעם מאָמענט, ווען דער בעל־דבֿר איז געבוירן געוואָרן, קען דאָס אַ מאָל זײַן אַ גוטער שליסל צו געוויסע שטריכן פֿון זײַן פּערזענלעכקייט. ווער רעדט, אויב מיר זאָלן פֿעסטשטעלן, צי די עלטערן זײַנען געווען צופֿרידן וואָס דאָס קינד קומט אָדער ניט — דאָס קען אַ מאָל זײַן אַ פֿאַקט וואָס באַשטימט די גאַנצע ווײַטערדיקע סיטואַציע פֿונעם קינד אין דער פֿאַמיליע, און ממילא אין אַ גרויסער מאָס זײַן גאַנצע פּערזענלעכקייט.

אָט זײַנען עטלעכע פּונקטן, אויף וועלכע מיר ווילן פּרוּוון געפֿינען אַ תשובֿה בנוגע יעדן סוביעקט וועלכן מיר שטודירן; און כאָטש די רשימה איז היפּש לאַנג, דאַרף מען שוין מוסר־מודעה זײַן, אַז זי איז געוויס ניט קיין אויסשעפּיקע, נאָר ס'איז בלויז אַן אויסרעכענונג לדוגמא.

פּערזענלעכקייט פֿון די עלטערן. דער קולטורעלער און פּסיכישער „אונטער־שלאַק" פֿון טאַטע־מאַמע. קינדער־אַנטוויקלונג ווי אַ באַוווסטזיניקע פּראָבלעם אין דער פֿאַמיליע (וואָס טראַכטן טאַטע־מאַמע וועגן זייערע רעכט און פֿליכטן לגבי די קינדער). וווין־באַדינגונגען וואָס זײַנען משפּיע אויף דעם קינד (וויפֿל צימערן, ווער שלאָפֿט ווו און מיט וועמען, וואָסערע מיגלעכקייטן פֿון איזאָלירן זיך און דאָס גלײַכן). דערנערונג און היגיענע. באַהערשונג פֿון די אָרגאַנישע פֿונקציעס (הונגער, שלאָף, אויסשיידונגען אאַז"וו) און פֿון עמאָציאָנעלע שטערונגען (כעס, מרה־שחורה אאַז"וו). אַנטוויקלונג פֿון ריידן. אײַנפֿלוס פֿון צווייִשפּראַכיקייט (וואָסער שפּראַך האָט מען אָנגעהויבן ריידן מיטן קינד, ווי אַזוי ריידן די עלטערן צווישן זיך אאַז"וו). באַציִונגען פֿון טאַטע־מאַמע צווישן זיך און צום קינד. מיטקינדער, קרובֿים. שפּילן און שפּיל־חבֿרים. באַציִונגען מיט ניט־ייִדן. אײַנגלייבעניש, רעליגיע, אַנטירעליגיעזע השפּעות. ווירקונגען פֿון דער שול. אײַנפֿלוס פֿון קינאָ. סעקסועלע אויפֿקלערונג. פֿריִיִקע סעקסועלע פּראַקטיק. רייכערן, טרינקען, טאַנצן, קאָרטן־שפּילן, גימנאַסטיק און ספּאָרט. יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אויסקלײַב פֿון אַ פֿאַך.

בײַם איבערלייענען דאָס צעטל וועלן מיר זען, אַז דאָ זײַנען פֿאַראַן פּסיכישע און פֿיזיאָלאָגישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דעטערמינאַנטן. דאָ איז די צײַט זיך צו דערמאָנען אין די זיבן נעגאַטיווע עיקרים פֿון קאַפּיטל 16. לאָמיר זײַן צופֿרידן, אויב מיר וועלן **אידענטיפֿיצירן** טייל פֿאַקטאָרן; בײַ איזאָלירן זיי האַלט נאָך ניט.

געוויינטלעך וואָלטן מיר זיך קיין טריט ניט געקענט רירן אין פֿאָרשן **יחידים** פֿון דער ייִדישער סבֿיבֿה, אויב מיר וואָלטן ניט געהאַט קיין אַלגעמיינע השגה וועגן דער סבֿיבֿה. ווען מיר, וואָס מיר שטייען אינעווייניק אין ייִדישן לעבן, גייען צו צו אונדזערס אַ יחיד, האָבן מיר שוין דעם אַלגעמיינעם קאָנ־טעקסט. מיר וועלן זיך קיין מאָל ניט אײַנעקשענען בײַ דער תּחילתדיקער סכעמע,

מיר מוזן כסדר זײַן גרייט זי צו רעווידירן און זי איבערצובויען, אָבער בלינד בײַם אָנקוקן אונדזער יחידס פּסיכישע אַנטוויקלונג זײַנען מיר ניט.

איצט ווערט שוין אין גאַנצן קלאָר, אין וואָס עס באַשטייט דער גרויסער ווערט פון אַ גרויסער קאָלעקציע אויטאָביאָגראַפיעס. אויף אויסצובויען עטלעכע הונדערט פּסיכאָגראַפיעס אויף דעם אופן, ווי מיר האָבן דאָס אויסגעמאָלט, דאַרף מען האָבן געוואַלדיקע מיטלען אין אויסגעשולטע פּאָרשער און אין געלט; אָבער ווי אַ פאַרגלײַך-מאַטעריאַל איז אַפילו אַ פּשוטע, ניט אויסגעברייטערטע אויטאָביאָגראַפיע אויך ניט אָפּצושאַצן. און דאָ מעגן מיר זאָגן ניט אַרײַנפּאַלנדיק אויף קיין האָר אין באַרימערײַ: דער רוי-מאַטעריאַל פון אויטאָביאָגראַפיעס, וואָס איז אָנגעגרייט אינעם אָפּצווײַג יוגנט-פאָרשונג פון ייִוואָ, איז גוט און פאַרלאָזלעך. דורך צוויי קאָנקורסן, אין 1932 און 1934, האָבן מיר אַרײַנבאַקומען אויטאָביאָגראַפיעס פון 310 יוגנטלעכע פון 11 לענדער, פון 155 שטעט. צוזאַמען ציילט דער פאָנד אויטאָביאָגראַפיעס איבער 17,000 זײַטן מאַטעריאַל. דער מינימום פאַרנעם וואָס אונדזערע קאָנקורסן האָבן געפאָדערט איז געווען 25 זײַטן. אָבער נאָר אַ 15 פּראָצ׳ אָנטיילנעמער האָבן זיך געהאַלטן בײַ דער נאָרמע. דער דורכשניט איז בײַ 60 זײַטן. פאַראַן אויטאָביאָגראַפיעס וואָס שטײַגן אַריבער 500 זײַטן. חוץ דעם האָבן 20 אָנטיילנעמער צוגעשיקט זייערע טאָגביכער, צוזאַמען העכער 10,000 זײַטן (אייניקע טאָגביכער פאַרנעמען ביז 1000 זײַטן); אַנדערע ווידער האָבן בײַגעלייגט בריוו, ליטעראַרישע שאַפונגען, פאָטאָגראַפיעס, צייכענונגען אאַז״וו.

צווישן די מחברים פון די אויטאָביאָגראַפיעס זײַנען פאַראַן 58 מיידלעך.

העכער 90 פּראָצענט אָנטיילנעמער זײַנען פון פּוילן, פון 132 שטעט. דערין צו העכער 100 אָנטיילנעמער פון די מיזרחדיקע און פון די צענטראַלע וואָיעוואָדשאַפטן און פּופּציק פון גאַליציע. אויפן ערשטן אָרט פון די שטעט גייען ווילנע מיט 38 דאָקומענטן, וואַרשע מיט 31, לאָדזש מיט 8, גראָדנע און לעמבערג צו 7, ביאַליסטאָק 6, בעלעם 5, קראָקע און סטאַניסלאַוו צו 4.

פון אַנדערע לענדער זײַנען פאַרטראָטן: לעטלאַנד מיט 8 דאָקומענטן, ארץ-ישראל און ליטע מיט 7 איטלעכע, רומעניע מיט 6 אאַז״וו.

די קאָלעקציע אויטאָביאָגראַפיעס איז אויך אַן ערשטקלאַסיקער שטאָף פאַר קווערשניטיקע שטודיעס, ווי זיי זײַנען כאַראַקטעריזירט געוואָרן אין די קאַפּיטלעך 2 און 15. עטלעכע אַזעלכע שטודיעס אויפן באַזיס פון די ייִוואָ-מאַטעריאַלן זײַנען שוין טאַקע אַ באַשלאָסענע זאַך. אָבער די ווערדע פון אויטאָביאָגראַפיעס אין דעם פּרט איז דאָך אויף אַזוי פיל קלאָר, אַז ס׳איז ניט כדאַי וועגן דעם מאריך צו זײַן.

בײַם אויסברייטערן די פּסיכאָגראַפיע קען אונדז אויך לוינען צו ווענדן זיך צו נאָך אַנדערע מקורים, געדרוקטע און געשריבענע, אויף צו רעקאָנסטרויִרן די לעבנס-בינע פון אונדזער יחיד. אַשטייגער די פּרעסע פון אַ געוויסער צײַט, אָדער די פּאָלקס-גלייבענישן פון אַ געוויסן געגנט קענען אונדז ניט איין מאָל אויפקלערן טונקעלע פּונקטן. די זאַמלונגען פון ייִוואָ וועלן אונדז דאָ היפּש צודינען.

אויב ווידער עס וועט זיך אין גאַנג פון שטודירן אַ געוויסן יחיד אַרויס־ווײַזן, אַז דער אָדער יענער אויפֿפּיר־פֿורעם זײַנער איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, אָדער אַז די אָדער יענע אינסטיטוציע, וואָס זי האָט מיטגעפֿורעמט אונדזער יחיד, איז נאָך אַלץ ניט גענוג פֿאַרשטענדלעך, מוז וועגן דעם אַ אויפֿפּיר־פֿורעם, וועגן דער אַ אינסטיטוציע געמאַכט ווערן אַ ספּעציעלע שטודיע. אַשטייגער אויב אין דער לעבנס־געשיכטע פון אַ מענטשן ווײַזט זיך אַרויס די שטאַרקע ווירקונג פֿון זאַבאָ־באָנעס, קען זיך אַ מאָל שיקן צו מאַכן אַ שטודיע וועגן אײַנגלייבענישן אין יענעם ישובֿ. אַזוי קענען מיר אויך דאַרפֿן, לשם אילוסטראַציע, אַ ספּעציעלע שטודיע וועגן חדר, אָדער וועגן אַ באַזונדערער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אָדער וועגן אַ קאָאָפּעראַטיוון וואַרשטאַט, אָדער וועגן וועגערישע קראַנקייטן אין אַ געוויסער שטאָט.

דער וועג פֿון אונדזער אַרבעטן קומט בכן אויס אַזוי:

אונדזער אַלגעמיינע קענטעניש פֿון דער יידישער סבֿיבֿה גיט אונדז אַ מיגלעכקייט אָנצוהייבן יענע לענגשניטיקע פֿאָרשונג פֿון אַ פּערזענלעכקייט, וואָס מיר האָבן זי באַצייכנט מיטן נאָמען „פּסיכאָגראַפֿיע“.

אין גאַנג פֿון פֿאָרשן די פּסיכיק פֿונעם יחיד קומט אונדז בסדר אויס אויפֿצוקלערן די אָדער יענע סבֿיבֿהדיקע פֿאַקטאָרן; דאָ קומען אונדז צו הילף די קווערשניטיקע שטודיעס.

33. פּראָבלעמען פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע

פֿון דעם פֿריִערדיקן קאַפּיטל איז צו זען, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער פּסיכאָגראַפֿיע, ווי מיר האָבן זי דעפֿינירט, און סתּם אַן אויטאָביאָגראַפֿיע. מיר גייען ניט מיטן גאַנג פֿון יענע וואָס האַלטן, אַז מיט אויטאָביאָגראַפֿיעס אַליין, אָן אַ ווײַטערדיקער פֿאַרטיפֿערונג, קען מען אַוועקגיין זייער טיף אין פּערזענלעכקייט־פֿאָרשונג. אָבער די אויטאָביאָגראַפֿיע סתּם פֿאַרנעמט אויך אַ חשובֿן אָרט אין דעם פֿאָרשוועג וואָס מיר האָבן אָנגעצייכנט. זי האָט אַ טאָפּעלן באַטײַט. אין דער פּסיכאָגראַפֿיע איז זי דער ערשטער טריט; פֿון איר הייבן מיר אָן, פֿון איר לאָזן מיר זיך אויף ווײַטערדיקע אויסשפּיר־רײַזעס דורך אינטערוויוען און דאָקומענטן. חוץ דעם אָבער אָפּערירן מיר מיט אַ גרעסערער קאָלעקציע אויטאָביאָגראַפֿיעס ווי מיט אַ צוגאָב־מאַטעריאַל, מיר פֿאַרגלײַכן און מיר לערנען אָפּ. אויך פֿאַר קווערשניטיקע פֿאָרשונגען, וועגן וועלכע עס איז שוין עטלעכע מאָל געקומען צו רייד, קענען אויטאָביאָגראַפֿיעס זײַן אַן אויסגעצייכנטער פֿונדאַמענט, וואָרעם דאָ ווײַזט זיך פֿאַר אונדז אַרויס אונדזער קולטור־געבײַ אויסגעדריקט ניט אין אַבסטראַקציעס, נאָר אין דער פּערזענלעכער לעבנס־פּראַקטיק פֿון יחידים[89].

[89] זע אויבן ז' 65 און זז' 110—115.

אַ וויכטיק בוך, הגם מיט אַן אַנדער צוגאַנג צו אונדזער טעמע, איז:

Misch, Georg. Geschichte der Autobiographie, I. Leipzig 1907.

אין זײַן צוגאָב צום בוך וועגן דעם „דזשעק־ראָלער"[90] שטעלט בוירדזשעס אויף פיר טיפּן פון אויטאָביאָגראַפיע־שרײַבער:

(1) דער כראָניקער. ער שרײַבט פּראָסט־פּשוט אַ באַריכט.

(2) דער זיך־פאַרענטפערער. עס דוכט זיך אים, אַז די וועלט האָט צו אים טענות, איז ער אַ מליץ־יושר פאַר זיך אַליין.

(3) דער בעל־ווידוי זאָגט אויס זאַכן וועלכע ער האָט נאָך קיין מאָל ניט דערציילט.

(4) דער גריבלער אַנאַליזירט זיך אַליין, צעגלידערט זײַנע טוונגען און מאָטיוון.

מיר דוכט, אַז די דאָזיקע קלאַסיפיקאַציע באַפרידיקט ניט. נעמען מיר למשל דעם כראָניקער. עס איז אַ גרויסער אונטערשייד, צי שרײַבט ער דעם באַריכט וועגן זיך, וועגן זײַן ראָלע אין זײַן וועלט, אָדער ער שילדערט די „אומשטאַנדן". אַלע מחברים פון די יִיוואָ־אויטאָביאָגראַפיעס האָבן איבערגעלעבט די וועלט־מילחמה. נאָר טייל גיבן אַ באַריכט וועגן דעם, ווי אַזוי זיי האָבן געהונגערט, ווי אַזוי מען האָט זייער טאַטן געפירט שיסן, ווי אַזוי זיי זײַנען געפאָרן פון זייער פאַרוואָגלעניש צוריק אַהיים; אַנדערע דערציילן וועגן געשעענישן פון דער וועלט־מילחמה, וועגן דעם, אַז עס איז געווען אַ הונגער און אַז מען האָט די היימלאָזע שלעכט באַהאַנדלט.

אויך דער גראַד אָפנהאַרציקייט קען בײַ פאַרשיידענע מחברים פונעם טיפּ כראָניקער זײַן גאָר אַ פאַרשיידענער. פאַראַן אַזעלכע וואָס זײַנען פאַרשלאָסן אין זיך; אין איין אָרט האָט ער אפשר ניט ווילנדיק אויף אַ פינגער די ברייט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג פון זײַן אינטימען לעבן, האָט ער באַלד חרטה און מעקט אויס די פּאָר שורות. אַנדערע דערקעגן גיבן איבער מיט אַלע פּרטים די איינצלהייטן אַפילו פון זייער סעקסועלן לעבן. מען קען זיי אָבער ניט פאַררעכענען צו די בעל־ווידויס פון בוירדזשעסעס סכעמע, וואָרעם ס'ווײַזט אויס, אַז ס'איז בײַ זיי ווײַט ניט דאָס ערשטע מאָל ווען זיי דעקן אויף אָט די סודות. די אמתע פּסיכאָלאָגישע באַצייכענונג פאַר אַזאַ מענטשן וועט מיסתמא זײַן ניט בעל־ווידוי, נאָר עקסהיביציאָניסט. כאָטש ער שרײַבט אַן אינטימען דאָקומענט, פאַלט ער אָבער צײַטנווײַז אַרויס פון טאָן און דערמאָנט וועגן דעם „קומעדיקן לייענער".

דאָס זײַנען דערווײַל מער ניט ווי אַ פּאָר דרך־אַגבֿדיקע באַמערקונגען; אויפן סמך פון אונדזער קאָלעקציע אויטאָביאָגראַפיעס קענען מיר די טעמע פון קלאַסיפיצירונג גוט באַאַרבעטן. דאָס דאַרף געטאָן ווערן אין אַ ספּעציעלער שטודיע, און מיסתמא וועלן מיר אַ ביסל פריִער אָדער שפּעטער קומען דערצו.

נאָר צי זײַנען מיר גאָר באַרעכטיקט צו לייגן אַזוי פיל וואָג אויף דער אויטאָביאָגראַפיע? געגנוג אָפט קומט אויס צו הערן, אַז אַן אויטאָביאָגראַפיע איז דאָך

---

[90] דעם פולן טיטל זע אויבן ז' 118. „דזשעק ראָלער" איז אַ ספּעציעלער פאַך אין דער אונטערוועלט פון שיקאַגאָ; די „אַרבעט" באַשטייט אין באַגזלען שיכורים אין די גאַסן.

דורך און דורך סוביעקטיוו, און ממילא אומפֿאַרלאָזלעך; אַז די איינצלהייטן פֿון אַ יחידישן לעבן, אַפֿילו ווען זיי זײַנען שוין אָפּגעמאָלט ריכטיק, גיבן אונדז אויך ניט קיין טיפּישע בילדער. און באמת: יעדער איינער ווער עס האָט ווען עס איז וויסנשאַפֿטלעך געאַרבעט מיט אויטאָביאָגראַפֿיעס דערמאָנט זיך דעם אײַנדרוק: בשעת מיר הייבן אָן לייענען, גיט אויף אונדז אַ פֿלייץ אַ געוויסער פֿון פֿאַקטן וואָס מיר קענען אַפֿילו ניט באַנעמען צו זײַן, און אַרײַנברענגען אין אַ סדר אַוודאי ניט. אויב עס זײַנען פֿאַראַן וועלכע עס איז סענסאַציאָנעלע איבערלעבונגען, רוקן זיי זיך אַרויס אויבן אָן; אויב ניט, שפּרייטן זיך פֿאַר אונדז ברייטע פּוסטע פֿעלדער. קיין חידוש ניט, וואָס צײַטנווײַז פֿאַלט אונדז אײַן אַ געדאַנק: מיט וואָס האָט עס דער דאָזיקער יחיד פֿאַרדינט, מיר זאָלן פּטרן אויף אים אַזוי פֿיל כּוחות? און מיר גיבן אַ טראַכט, אַז בעסער וואָלטן מיר זיך אפֿשר פֿאַרנומען מיט אונדזערע אייגענע עסקים איידער זיך אַרײַנצולאָזן אין די פּריוואַטע געשעפֿטן פֿון אַ מענטשן, וועלכע זײַנען אַפֿילו ניט אַלע מאָל גענוג טשיקאַווע.

אָבער וואָס מער מיר ווערן באַהאַוונט אין דער געשיכטע פֿון דעם אַ לעבן, אַלץ מער ווערט פֿאַרשווונדן די תּחילתדיקע צעטומלעניש און עס שאַפֿט זיך אַ נײַער אײַנדרוק. וואָס מער מיר דערזעען הינטער דעם ביאָגראַפֿישן פּרט דעם פּסיכישן פֿאַקטאָר, אַלץ מער זעט זיך אַרויס דורך דעם שימערירנדיקן טאַנץ פֿון פֿאַקטן אַ סיסטעם איינהייטלעכע ליניעס. פֿון אונטער דער בונטקייט וואָס האָט אונדז צום אָנהויב צעטומלט טרעט אַרויס אַ געוויסע סכעמע, אַ סקעלעט פֿון דער פּערזענלעכקייט. און אויב מיר זײַנען גענוג אָפּגעהיט, קענען מיר אויך אַ מאָל פֿאַרגלייכן די סכעמעס פֿון עטלעכע פּערזענלעכקייטן און פּרוּוון אויסגעפֿינען, וואָס עס איז דער צד־השווה בײַ זיי.

צי האָבן מיר מיט די לעצטע פּאָר זאַצן אָפּגעפֿרעגט די ספֿקות פֿון די סקעפּטיקער? ניין, דערווײַל האָבן מיר נאָר אַוועקגעשטעלט אײַנדרוק קעגן אײַנדרוק. בכדי דער עניין זאָל אונדז ווערן קלאָר ניט אָפּצופֿרעגן, איז ניט גענוג צו זאָגן „איך האַלט יאָ” אָדער „איך האַלט ניט”, נאָר מיר דאַרפֿן דורכפֿירן אַן אַ נ אַ ל י ז. מיר וועלן זיך פֿרעגן פֿיר פֿראַגעס.

ערשטנס: וואָסער סאָרט מענטשן נעמט זיך שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפֿיע.

צווייטנס: פֿון וואַנען ווייסן מיר, ווען מיר קענען זיך אויף אַן אויטאָביאָגראַפֿיע פֿאַרלאָזן.

דריטנס: וואָס איז דער ווערט פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿיע אין פֿאַרגלײַך מיט אַ טאָגבוך.

פֿערטנס: וואָס איז דער ווערט פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿיע אין פֿאַרגלײַך מיט אַ פּסיכאָאַנאַליטישן ווידוי.

יעדערע פֿון די דאָזיקע מעטאָדישע פֿראַגעס וועלן מיר אַרומריידן באַריכות. אָבער ס'איז נאָר אַ פּרעלימינאַרע דיסקוסיע, ניט קיין לעצטגילטיקע לעצטגילטיק וועלן מיר אפֿשר קענען פּסקענען, בשעת אונדזער גאַנצער פֿאָנד אויטאָביאָגראַפֿיעס וועט זײַן אויסגעפֿאָרשט ווי ס'געהער צו זײַן.

34. אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון עלטערע און פֿון יונגע

בוירדזשעסעס אָקאָרשט אַרומגערעדטע קלאַסיפֿיקאַציע -- אַלץ איינס צי זי באַפֿרידיקט צי ניט — האָט נאָר געהאַנדלט וועגן דעם אופֿן ווי אַזוי אַ מענטש שרײַבט זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע. עס איז אָבער נאָך פֿאַראַן אַ פֿאַרדעמדיקע פֿראַגע, וואָס מיר מוזן זי, אויב מיר קענען זי ניט באַלד פֿאַרענטפֿערן, איז לכל-הפּחות אַוועקשטעלן און פֿאַרצייכענען צווישן אונדזערע פֿאָרשפּראָבלעמען. דהײַנו: וואָס פֿאַר אַ סאָרט מענטשן נעמען זיך בכלל שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפֿיע און מיט וואָס מאָטיווירן זיי דאָס.

זעצן זיך שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפֿיע פֿאָדערט אָנשטרענגונג און קאָנצענטראַציע. עס מוז זײַן אַן אימפּולס גובֿר צו זײַן די אינערציע. אויף דער עלטער קומט דאָס ס'רובֿ אָן גרינגער: דעם עלטערן מענטשן ווילט זיך אונטערפֿירן אַ סך-הכּל, עס ווילט זיך דורך די זיכרונות איבערלאָזן אַן אָנדענק פֿאַר די קינדער און קינדסקינדער. „שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפֿיע און מאַכן אַ צוואה איז כּמעט אַלץ איינס" (שלום-עליכם)[91]. „איר פֿאַרלאַנגט פֿון מיר, איך זאָל אײַך שרײַבן וועגן זיך אַליין... צו מיר, הייסט עס, זאָגט איר: האָסט אָנגעפֿילט אַ שײַער, דערלאַנגט אונדז דעם שליסל. איך טו עס... גערן" (פּרץ)[92]. אַז אַ יונגער מענטש זאָל זיך פֿון די מאָטיוון אַרויס פֿאַרמעסטן אויף אַן אויטאָביאָגראַפֿיע טרעפֿט אַ סך זעלטענער. טרעפֿן טרעפֿט עס יאָ. אָט שרײַבט אַ בחור פֿון אַ יאָר צוואַנציק:

„כ'האָב זיך שוין פֿון לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק... צו באַשרײַבן מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע. כ'האָב נישט געוואָלט, אַז עס זאָל אָפּגעמעקט ווערן אַ שײנע בלעטל פֿון מײַן פֿאַרגאַנגענהייט. איך האָב געוואָלט, אַז מײַנע קינדער און אייניקלעך זאָלן אַמאָל לייענען פֿון זייער פֿאָטער און זיידן אָט דאָס וואָס ער האָט דורכגעלאָזט [דורכגעלעבט]. און אַגבֿ פֿאַר זיך אַליין האָב איך אויך געוואָלט, מיר איז אינטערעסאַנט... דורכצולייענען און דורכקלערן וואָס מיר איז פֿאַרגאַנגען"[93].

אָבער אַזאַ מין „אינעוויײניקסטע" מאָטיווירונג איז אין אַ יוגנטלעכער אויטאָביאָגראַפֿיע אַ זעלטענע זאַך[94]. אויב אַ יוגנטלעכער זעצט זיך שרײַבן אַ באַ-

---

[91] „פֿונעם יאַריד" I, אַלע ווערק ב' 26, ווילנע 1926, ז' 17.

[92] מײַנע זיכרונות, ווילנע אָ"י, ז' 5.

[93] אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 247 אין די זאַמלונגען פֿון ייִוואָ (סימן י. ב.), אַ בחור.

[94] עפּעס ענלעכס געפֿינען מיר אין אַן אַנדער אויטאָביאָגראַפֿיע אין די זאַמלונגען פֿון ייִוואָ, נומ' 269, אויך פֿון אַ בחור (סימן: פֿאַטום):

„פֿאַרצייכענען דאָס וואָס עס איז מיט מיר געשען אין פֿאַרלויף פֿון די 18 יאָר וואָס איך לעב אויף דער וועלט, דאָס האָב איך שוין ניט פֿון הײַנט אָנגעהויבן, אָבער צוזאַמענבינדן די אַלע קלייניקייטן האָב איך געוואָלט ערשט דעמאָלט, ווען איך וועל קענען אַרויסגעבן מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע מיט אַ רײַכערן אינהאַלט און אין אַ גרעסערן פֿאַרנעם. ערשט דער קאָנקורס פֿון ייִוואָ האָט מיך געבראַנגט צום געדאַנק, דאָס איך זאָל שרײַבן דעם ערשטן טייל פֿון מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע, אום צו האָבן אַ לײַכטערע אַרבעט בײַם צוזאַמענשטעל פֿון צווייטן טייל וועלכער וועט זיכער זײַן רײַכער אין אינהאַלט און שפּאַנענדער פֿון די געשעענישן, אין וועמענס קומען איך בין זיכער".

ריכט פֿון זײַן לעבן, קומט צו אים בדרך כּלל דער שטופּ פֿון דרויסן.

אין אײנציקע פֿאַלן קען שטופּן צום שרײַבן אַן אוממיטלבאַרע נוץ, אָדער כאָטש אַן אילוזיע, אַז פֿון דעם שרײַבן וועט זײַן עפּעס אַ תּכלית. אַ שטײגער אַ יוגנטלעכן געגנסטעטער אין שיקאַגאָ מעגן ליגן אין זינען גאָר אַנדערע זאַכן, נאָר ווען דער יוגנט-געריכט וועט אים איבערגעבן צו שאַ׳ען אין די הענט און ס׳וועט זיך אים אויסדוכטן, אַז מיט אָנשרײַבן זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע קען ער פֿאַרריכטן זײַן מערכה, וועט ער מיסתּמא גיכער נוטה זײַן צו נעמען זיך צו אַזאַ אַרבעט. אָדער ווען אַן אינסטיטוציע שרײַבט אויס אַ קאָנקורס, אַזוי ווי דער ייִוואָ האָט דאָס געטאָן, קען אויך געמאָלט זײַן, אַז עס זאָל זיך פֿאַרקוואַפּען אויף דער פּרעמיע פֿון 150 גילדן אַ מענטש, וואָס אָן דעם לעקעכל וואָלט ער זיך דערפֿאַר ניט גענומען.

אָבער דאָס זײַנען אויסנאַמען, און ניט דאָס מיין איך מיטן דרויסנדיקן שטופּ. אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז אַ קאָמוניקאַט וועגן אַ קאָנקורס ווירקט בלויז אויף יענע וואָס זײַנען שוין בעצם פֿון פֿריִער פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט צום שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפֿיע.

אַ כאַראַקטעריסטישע שטים אין אײנעם פֿון די ייִוואָ-דאָקומענטן[95]:

„...איך בין געווען בײַ מײַנער אַ חבֿרטע און דאָרט בין איך פֿון אירער אַ ייִנגערער שוועסטער געוווּיר געוואָרן וועגן דעם קאָנקורס פֿון ייִוואָ. איך האָב זיך באַלד דערמיט פֿאַראינטערעסירט און גענוי זיך אינפֿאָרמירט. איך האָב זיך דערנאָך גענומען צו דער אַרבעט. מײַן חבֿרטעס שוועסטער פֿלעגט מיך בײַ יעדער געלעגנהייט פֿרעגן: נו, ווי האַלטסטו שוין? און וואָס וועל יאַך האָבן דערפֿון? „קריג איך אַ פּרעמיע — ענטפֿער איך — האָסטו בײַ מיר אַ קינאָ!“ איך בין מודה: ווען ניט די פּרעמיע 150 גילדן, טרעט איך באַלד ניט צו צום שרײַבן. אָבער כ׳מוז אויך זאָגן: איצט, ווען כ׳האָב שוין אָנגעשריבן, גייט מיך שוין די פּרעמיע אָן ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי. איך בין אויסערגעוויינלעך צופֿרידן פֿון דער אַרבעט, ווײַל איך האָב שוין לאַנג געקלערט וועגן אָנשרײַבן מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע, עס האָט זיך נאָר נישט געלוסט. איז געקומען ייִוואָ און מיר אָנגעגעבן דעם חשק...“

דער קאָנקורס איז דאָס יענער דריק אין קנעפּל, וואָס שליסט די עלעקטרישע קייט און מאַכט דורכגיין דעם שטראָם. ניט ווייניקער ווי עטלעכע צענדליקער פֿון צווישן די אָנטײלנעמער אינעם יוגנט-קאָנקורס פֿון ייִוואָ 1934 זאָגן אַרויס דעם אינסטיטוט אַ בפֿירוש דאַנק פֿאַר אויסשרײַבן דעם קאָנקורס. בײַ אַנדערע מענטשן קענט איר „דריקן אויפֿן קנעפּל“ וויפֿל איר ווילט, וועט עס ניט העלפֿן, ווײַל עס זײַנען ניטאָ קיין דראָטן און קיין עלעמענט. איר מעגט די מענטשן דערציילן וועגן קאָנקורס און זיי אַגיטירן, זיי זאָלן שרײַבן; זיי טוען דאָס אָבער ניט, ווײַל זיי זײַנען „פֿויל אויף דער פֿעדער“, זיי „קענען זיך עפּעס ניט צוקלײַבן“. פֿאַר וואָס אָבער האָבן אַנדערע זיך יאָ געקענט זעצן שרײַבן אין

[95] אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 232, אַ בחור (סומן: היינריך עלסקי), ז׳ 100.

אַ סך ערגערע באַדינגונגען, אַ מאָל מיט קראַנקע אויגן, קעגן דעם בפירוש פאַרזאָג פון דאָקטאָר, אַ מאָל שווער פאַרמאַטערטערהייט נאָך אַ לאַנגן אַרבעטסטאָג, אַ מאָל אונטערן חוזק פון די אַרומיקע[96]?

מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז „פויל אויף דער פעדער", פונקט אַזוי ווי פריִער[97] דער „פסיכישער קעגנגיפט", איז נאָר אַ בעלעטריסטישער אויסדרוק־פורעם, אַ דרויסנדיקער שילד, וואָס אונטער אים זײַנען באַהאַלטן זייער פאַרשיידענע פּסיכישע פאַקטאָרן. דאָס רובֿ זײַנען די דאָזיקע פּסיכישע פאַקטאָרן פאַרהוילן פון אונדז; אָבער דער פאַקט בלײַבט, אַז אַ קאָלעקציע יוגנטלעכע אויטאָביאָגראַפיעס קען ניט אָפּשפּיגלען דעם גאַנצן יונגן דור. אין אַזאַ קאָלעקציע, אַפילו ווען זי זאָל זײַן אַ סך גרעסער אין צאָל איידער די וואָס אין ייִוואָ, קענען זײַן רעפּרעזענטירט נאָר יענע פּסיכישע טיפּן וואָס זײַנען עלול אַוועקצוזעצן זיך שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפיע אונטער באַדינגונגען פון ניט קיין צו גרויסער פּרעסיע.

דאָס טאָרן מיר קיין מאָל ניט אַרויסלאָזן פון אויג.

אָט פון צווישן די וואָס זײַנען פּסיכיש גרייט צו שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפיע צו אַ קאָנקורס וועלן מיר איצטער פּרוּוון אַרויסשיילן עטלעכע קאַטעגאָריעס.

35. מאָטיווירונגען בײַם שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפיע

די ערשטע וואַרפן זיך אין די אויגן אַזוינע וואָס ווילן זיך פּשוט אויסריידן דאָס האַרץ.

„איך נעם זיך שרײַבן די דאָזיקע זיכרונות מײַנע מיט גרויס חשק, וואָרעם דאָס איז איינע פון דער קנאַפּער צאָל געלעגנהייטן, ווען איך קען זיך וואָס מען רופט אויסריידן דאָס האַרץ[98]".

„בעת איר האָט אַנאָנסירט וועגן קאָנקורס, האָט איר געשריבן, אַז איר אָרדנט עס אײַן, כּדי יעדער יוגנטלעכער זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצוזאָגן... איך האָב צוליב דעם געשיקט. עס ווילט זיך טיילן מיט אַן אומבאַקאַנטן, ווײַל צו אים האָב איך דאָך ניט קיין אומצוטרוי, פּשוט דערפאַר ווײַל איך קען אים ניט[99]".

אַן ענלעכע מאָטיווירונג בײַ נאָך אַ שרײַבערין:

„איך בין צופרידן דערמיט וואָס איך האָב אָנגעשריבן פאַר זיך אַלץ וואָס איך האָב זיך געקענט דערמאָנען ביז אַהער. פאַר זיך אַליין שרײַבן ווייס איך ניט,

---

[96] די מחברטע פון דער אויטאָביאָגראַפיע נומ׳ 91 (סימן פּ. ר. ו.) האָט געקאָנט שרײַבן נאָר שבת. „אין דער גאַנצער וואָך בין איך באַשעפטיקט... איך מוז זיך באַהאַלטן אין אַ מויזנלאָך, ווײַל ווען מײַן טאַטע וואָלט מיך געזען שרײַבן אום שבת, וואָלט ער מיר שוין געגעבן אַ גוטע פּרעמיע".

[97] אויבן ז׳ 92.

[98] פון דער אויטאָביאָגראַפיע פון אַ מיידל, נומ׳ 147 אין די זאַמלונגען פון ייִוואָ (סימן: Dziecko szczęścia).

[99] פון דער אויטאָביאָגראַפיע פון אַ מיידל, נומ׳ 175 אין ייִוואָ (סימן: י. ג.).

אויב איך וואָלט געהאַט אויף אַזוי פֿיל געדולד... אַזוי האָב איך דאָס אָנגענומען ווי אַ חוֹב און טאַקע אַלץ פֿאַרשריבן"[100].

דאָס אייגענע בײַ אַ בחור:

„איך האָב מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע צוזאַמענגעשטעלט ניט בכדי צו באַקומען אַ פּרעמיע, נאָר פּשוט זיך אַ ביסל גריבלען און פֿאַרצייכענען די זיכרונות"[101].

דאָ איז די מאָטיווירונג נאָך געגעבן אין עפּישע טענער; אָבער בײַ אַנדערע ווערט זי ליריש און דראַמאַטיש.

„שוין אַ צײַט ווי מײַן נשמה גאַרט אויפֿצודעקן פֿאַר אַנדערע די מגילה פֿון פּײַן און פֿון אינעווייניקסטע ליידן וואָס זײַנען פֿון שטענדיק אָן געווען מײַן חלק אין לעבן"[102].

„מיר גייט ניט אין נעמען אַ פּרעמיע. איך שרײַב צו אײַך מײַן לעבנס־געשיכטע, ווײַל איך האָב דאָס געמוזט טון. צו פֿיל אומעט האָט זיך אין מיר אָנגעקליבן, זײַענדיק אָן אַן אויסוועג"[103].

„...האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט אויסצורעדן אין מײַן אינערלעך לעבן. און ווי נייטיק און וויכטיק איז פֿאַר דעם נשמה־לײַדנדן אויסצובליקן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון זײַן לעבן, כּדי צו געפֿינען דעם וואָרצל פֿון גיפֿטבוים וואָס פֿאַרסמט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן... אויסנוצנדיק די ביאָגראַפֿיע־באַשרײַב[!] מײַנע ווײַל איך זיך טאַקע פֿאַרטיפֿן און אויסבליקן אין מײַן אינטימען לעבן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט"[104].

„... האָב איך באַשלאָסן צו באַשרײַבן מײַנע אַלע איבערלעבענישן, מײַנע ליידן און פּײַן, וואָס האָבן איבערפֿולט מײַן אָנגעווייטאָגט האַרץ... און דורך דעם אַ טרייסט געפֿינען אין מײַן ווײַטערדיקן... לעבן... איך וועל געבן דעם ריינעם אמת, כּדי צו היילן מײַן אָנגעווייטאָגט האַרץ"[105].

צום געדאַנק וועגן אַראָפּריידן זיך פֿון האַרצן איז דאָ צוגעקומען נאָך אַ צווייטער: אָפּגעבן זיך אַ חשבון וועגן זיך אַליין, געפֿינען זיך אַליין.

איינע פֿון די צושיקערינס[106] פּראָטעסטירט קעגן די „טשערנאָוויצער בלעטער", ווײַל זיי האָבן בײַם אָפּדרוקן דעם קאָנקורס־קאָמוניקאַט פֿון ייִוואָ צוגעגעבן, אַז אָפּרופֿן וועלן זיך מיסתּמא נאָר די וואָס פֿאַרפֿלייצן די רעדאַקציעס מיט לידער, נאָוועלן אאַז"וו.

---

100 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 205 (סימן: אַ יוגנטלעכע אַרבעטערין).
101 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 241 (סימן: גוטענבערג).
102 אויטאָב׳ נומ׳ 282, בחור (סימן: י. ב.).
103 אויטאָב׳ נומ׳ 99, בחור (סימן: הירש).
104 אויטאָב׳ נומ׳ 281, בחור (סימן: המתחדש).
105 אויטאָב׳ נומ׳ 242, בחור (סימן: י. ק.).
106 אויטאָב׳ נומ׳ 66 (סימן: ראָלאַנדע).

„יענע, שרײַבט זי, די רעדאַקציע־פֿאַרפֿליצערס, קענען נאָך וויניקער זיך צונויפֿקלײַבן צו טראַכטן צו זייער לעבן (איך וויל דערמיט קיינעם ניט באַליידיקן), ווײַל זיי חלומען נאָר צו אומגעווײנטלעכע זאַכן און האַלטן פֿאַר אומווירדיק צו טראַכטן צו זייער פּערזענלעך לעבן".

דער געדאַנק איז זייער אַן אינטערעסאַנטער, און בנוגע דעם גרעסטן טייל אָנטיילנעמער אין אונדזער קאָנקורס איז דאָס זיכער אַ ריכטיקע פֿעסטשטעלונג: דאָס וואָס זיי האָבן צוגעשיקט איז פֿאַר זיי ניט קיין ליטעראַטור, נאָר לעבן. אָבער פֿאַראַן אויך אַ גרופּע אָנטיילנעמער מיט שרײַבערשע אַמביציעס. דאָס וואָרט „אַמביציעס" דאַרף בשום אופֿן ניט אויסגעטײַטשט ווערן צום שלעכטן, מיר גייט נאָר אינעם פֿאַקט.

„אַלץ דוכט זיך מיר הײַנט אויס פֿאַרבלאָז און איבעריק... כ'וואָלט וועלן זיך אָנגעטרויען עמעצן וואָס זאָל מיך פֿאַרשטיין... צופֿעליק האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם קאָנקורס וואָס דער ייִוואָ האָט פּראָקלאַמירט. באַקאַנטע האָבן מיר געגרמען אײַנרײדן, איך זאָל אויספּרוּוון מײַנע שרײַבערשע פֿעיִקייטן. האָב איך זיך געלאָזט אײַנרײדן. כ'האָב אָנגעשריבן. צי טויג עס?"[107]

„כ'מיין, אַז עס איז דאָ אינטערעסאַנטערס פֿאַר ראָמאַנען און אוואַנטורעס, און דאָס איז דאָס פּשוטע לעבן און קאַמף פֿון אַ געווײנלעכן ייִדישן יוגנטלעכן... איך מיין, אַז די ייִוואָלײַט אינטערעסירט דאָך דאָס און ניט אַנדערע זאַכן. איך וויל נאָך אויספּרובירן מײַנע „ליטעראַרישע פֿעיִקייטן", וואָס מענטשן זאָגן, דאָס איך באַזיץ זיי"[108].

דאָס זײַנען אַלץ אַזעלכע, וואָס ציִען צו ליטעראַטור ציט זיי שוין פֿון לאַנג, נאָר עפּעס האָט זיך אַלץ ניט געמאַכט קיין שאַנס, און ערשט איצטער האָבן זיי געפֿונען אַ געלעגנהייט אַרויסצוברענגען זייער פֿאַרלאַנג מכּוח אל הפּועל.

אַ צווייטע גרופּע ליטעראַריש פֿאַראינטערעסירטע זײַנען יענע וואָס שרײַבן שוין לענגער, נאָר אָן דער מיגלעכקייט אַרויסצוגיין מיט זייער שאַפֿונג, און עס דוכט זיך זיי, אַז אין דער קאָנקורס־זשורי האָבן זיי אָנגעטראָפֿן אויף מענטשן וואָס וועלן זיי פֿאַרשטיין.

„ווען מען וואָלט מיר געפֿרעגט, וואָס האָט מיר באַוויגן אָנטייל צו נעמען אין דעם קאָנקורס פֿון ייִוואָ, וואָלט איך געענטפֿערט: דער ווילן און דראַנג צו ייִדישער ליטעראַטור און אין אַ געוויסער מאָס דער עגאָיִזם. פֿון זינט איך בין צו

107 אויטאָב' נומ' 221, אַ מיידל (סימן: פּ. אָ.).

108 אויטאָב' נומ' 195, אַ בחור (סימן: בנימין).—אויך דער מחבר פֿון אויטאָב' נומ' 78, אַ בחור (סימן: פּראָווינציאָנאַל) וויל זיך דורך דער אויטאָביאָגראַפֿיע איבערצײַגן, צי ער האָט „עפּעס אַ שרײַבערשע אָדער".—אויטאָב' נומ' 95, אַ בחור (סימן: חבר פֿאָן אײַזען) האָט „שטענדיק פֿאַנטאַזירט וועגן עפּעס אָנשרײַבן".

מײַן שכל געקומען, פֿיל איך אין זיך עפּעס אַ דראַנג און אַ ווילן צו דעם ייִדישן געדרוקטן וואָרט... צו צען יאָר האָב איך אָנגעשריבן מײַן ערשטע ליד...״[109]

אַן אַנדערער:

„איך האָב זיך... פֿאַרנומען מיט שרײַבן. געמאַכט העברעיִשע לידער... איז מיטן האָב איך אָפּגעשטעלט די שירים און אָנגעהויבן שרײַבן אַ בוך מיטן נאָמען... נאָר אין מיטן האָב איך אויפֿגעהערט דאָס בוך צו שרײַבן צוליב... לעצטנס האָב איך זיך דערוווּסט פֿון אַ בלעטל, אַז עס האָט זיך געגרינדעט אין ווילנע אַ ייִדישער אינסטיטוט וואָס נעמט אויף פֿאַרשיידענע אויטאָביאָגראַפֿיעס. איצט, האָב איך געקלערט, ווײַל איך קענען אַלץ אויסשרײַבן און אַלץ דערציילן, וואָרעם פֿאַר מײַנע חבֿרים האָב איך דאָס ניט געקענט אויף אַזוי פֿיל אַרויסגעבן. איך שרײַב, און טרערן גיסן מיר זיך...״[110]

נאָך נענטער צום ליטעראַרישן „צעך״ איז די דריטע גרופּע. דאָס זײַנען מענטשן וואָס קוקן אויף זיך ווי אויף „יונגע שרײַבער״. זיי האָבן שוין געפּרוווט זייער מזל אין רעדאַקציעס, טייל האָבן שוין אַמאָל זוכה געווען עפּעס אָפּצודרוקן, נאָר בדרך כּלל זײַנען זיי אָנגעשטויסן אויף די רעדאַקציעס.

„איך באַגרעס זיך מיט דער געלעגנהייט צו שילדערן פֿאַר אײַך דעם קאַמף וואָס אַ יונגער ייִדישער שרײַבער מוז דורכמאַכן. די עלטערע וועלכע זײַנען בײַ דער מאַכט קוקן אויף אונדז קרום, פֿאַרמאַכן פֿאַר אונדז די טירן. מיר גייען איינ־זאַם, אַליין, אָן וועלכער עס איז הילף. פֿיל כּוחות יונגע ווערן דאַדורך פֿאַרלוירן...״[111].

אַ צווייטער, כאָטש ער זיצט פֿונעם אָקאָרשט ציטירטן אויף אַ מהלך פֿון אַ פֿיר הונדערט קילאָמעטער, פֿאַרענדיקט זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע, פֿון דער זעלבער שטימונג אַרויס, כּמעט מיט די זעלבע ווערטער:

„אָט האָב איך געשילדערט דעם קאַמף וואָס אַ יונגער שרײַבער האָט דורכ־צומאַכן. פֿילײַכט וועט עס העלפֿן, אַז קיין יונגע קרעפֿטן זאָלן ניט גיין לאיבוד״[112].

לאָמיך ציטירן נאָך איינעם פֿון דער זעלבער גרופּע ליטעראַרישע אָנפֿאַנגער:

„אין דער הײַנטיקער פּובליציסטי־ און פּראָספּעריטי־עפּאָכע, ווען אַלע אידעען ווערן פּראָפֿאַנירט און פֿאַרוואָכיקט,... צי קען... וועלכער ס'איז יוגנטלעכער קומען צום וואָרט פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט? צי קען אַן אָנפֿאַנגער אויפֿן ליטעראַ־רישן געביט... עפּעס אַמאָל דערגרייכן? און צי ווערן ניט דערשטיקט אין דער שטיל פֿיל צאַרטע קולות... צי שרײַבן ניט פֿיל ערנצט דענקענדיקע יוגנטלעכע פֿאַרן פֿײַער און פֿאַרן תּהום?״[113].

---

109 או טאָב׳ נומ׳ 266, בחור (סימן: דער יתום).

110 אויטאָב׳ נומ׳ 74, בחור (סימן: ח. פּ.).

111 אויטאָב׳ נומ׳ 155, בחור (סימן: ש. צאָלער).

112 אויטאָב׳ נומ׳ 175, בחור (סימן: יצחקי).

113 אויטאָב׳ נומ׳ 261, בחור (סימן: איינזאַמער יוגנטלעכער).

איך האָב בכּיוון געבראַכט אַזאַ גרויסע צאָל שטימען פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע, כּדי איך זאָל מעגן זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן, אַז איך האָב דעם גרעסטן טייל קאָנקורסאַנטן מיט שרייבערשע אַספּיראַציעס דערלאָזן צום וואָרט. פאַראַן אַ מיינונג, אַז די אויטאָביאָגראַפיע-שרייבער מיט ליטעראַרישע כּוונות טראָגן אַריין אין זייערע דאָקומענטן ספּעציפישע חסרונות. וועגן דער אויטאָביאָגראַפיע פונעם אַרבעטער וויטשעכאָווסקי, וואָס דער פּוילישער סאָציאָלאָגישער אינסטיטוט אין פּויזן האָט אַרויסגעגעבן[114], זאָגט ריכלינסקי:

„דער ווערט פון י. וויטשעכאָווסקיס לעבנס-באַשרייבונג באַשטייט דער עיקר דערין, וואָס ער האָט ניט קיין ליטעראַרישן טאַלענט און ניט קיין שעפערישע פאַנטאַזיע“[115].

איך מיין, אַז אין דער אַ אַלגעמיינער פאָרם לאָזט זיך ריכלינסקיס טעזיס ניט האַלטן; אַזוי ווי מיר האָבן פריִער צעגלידערט בוירדזשעסעס „כראָניקער“, אַזוי וועלן מיר אויך ריכלינסקיס „ליטעראַרישן טאַלענט“ מוזן צעשפּאַלטן אין עטלעכע מינים, און יעמאָלט וועט זיך אפשר אַרויסווייַזן, אַז אַ געוויסער מין ליטעראַרישער טאַלענט איז אַ מעלה פאַר דער אמתדיקייט פון אַן אויטאָביאָגראַפיע. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זייַן, מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז די „יונגע כּוחות“, ליטעראַרישע אָנפאַנגער, זייַנען צווישן די מחברים פון די אויטאָביאָגראַפיעס אין די ייִוואָ-זאַמלונגען רעפּרעזענטירט זייער שוואַך אין צאָל.

צום סוף וועלן מיר כאַראַקטעריזירן דורך עטלעכע ציטאַטן נאָך איין אויסגעשפּראָכענעם טיפּ פון צווישן די אויטאָביאָגראַפיע-שרייַבער: דאָס זייַנען יענע וואָס גיבן אויף פאַר זייער שרייַבן אַ **געזעלשאַפטלעכן** מאָטיוו.

„מיט אמתדיקער צופרידנקייט האָב איך אויפגענומען די ידיעה וועגן... קאָנקורס... אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָיעקטירטער אונטערנעמונג ...צו באַאַרבעטן אַ ווערק איבער דער יוגנט“[116].

„איך ווייס, אַז איך וועל דערטרונקען ווערן אין די אַרבעטן וועלכע עס וועט צוקריגן דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט... נאָר איך האָב דערפילט מייַן געזעלשאַפטלעכע פליכט פאַר דער אַרבעט וואָס דער ייִוואָ האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע“[117].

אַהער קען מען אויך צורעכענען דעם בחור וואָס וויל אין דער אויטאָביאָגראַפיע זייַנער אָנווענדן זייַנע געזעלשאַפטלעכע אידעען:

„... מייַן גאַנצע שטרעבונג איז געווען צו שרייַבן מייַן ביאָגראַפיע לויט מייַן מאַרקסיסטישע[ר] וועלט-אָנשויונג, אויפצווייַזן די סיבּות און די רעזולטאַטן

---

114 Wojciechowski, J. Życiorys własny robotnika. Poznań 1930.

115 דצ״ו ז׳ 81.

116 אויטאָב׳ נומ׳ 190, בחור (סימן: ס. ו.).

117 אויטאָב׳ נומ׳ 170 בחור (סימן: חייקע).

וועלכע זײַנען געוועזן זייער פּראָדוקט. אויך וויפֿל דאָס איז מיר געלונגען ווייס איך ניט. דאָס לאָז איך אײַך איבער צו אורטיילן"[118]...

סומירנדיק די אַלע אַרויסזאָגונגען קענען מיר אויפֿשטעלן, געווײַנטלעך נאָר גאַנץ פּראָוויזאָריש, פֿיר טיפּן מאָטיווירונגען בײַם שרײַבן אויטאָביאָגראַפֿיעס:

(1) אַ מענטש וויל זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן;

(2) אַ מענטש וויל זיך אָפּגעבן אַ חשבון וועגן זיך אַליין;

(3) אַ מענטש פֿאַרבינדט מיט דער אויטאָביאָגראַפֿיע שרײַבערשע אַספּי-ראַציעס;

(4) אַ מענטש טוט זײַן געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכט.

איך רייד דאָ די גאַנצע צײַט ניט וועגן מאָטיוון, נאָר וועגן מאָטיווירונגען, און דאָס איז ניט קיין צופֿאַל. דער געדאַנק פֿונעם טערמין איז, אַז דער אמתער מאָטיוו פֿון אַ מענטשן קען זײַן גאָר אַן אַנדערער איידער דער וועלכן ער אַליין גיט אויף מיט אַ ריינעם געוויסן. מיר וועלן האַלטן אין זינען דעם טײַטש פֿונעם טערמין „ראַציאָנאַליזאַציע", וואָס מיר האָבן אים אַרײַנגעפֿירט בײַם באַהאַנדלען די ווערטיקייט פֿונעם אַנקעטע-מעטאָד[119].

36. „ליגנס" אין אַן אויטאָביאָגראַפֿיע

נאָר פֿון וואַנען ווייסן מיר, אַז מען קען זיך פֿאַרלאָזן אויף אַן אויטאָביאָ-גראַפֿיע כאָטש נאָר אין עלעמענטאַרן זינען? טאָמער זײַנען אַרײַנגעטראָגן אין דער דערציילונג מעשׂיות ניט געשטויגן ניט געפֿלויגן?

די מורא איז אַ פֿאַרשטענדלעכע, אָבער די סכּנה איז ניט אַזוי גרויס ווי עס דוכט זיך אויס אין פֿלוג. מען דאַרף זיך נאָר קענען באַציִען קריטיש צום מאַטעריאַל[120].

איין כּלל איז: מען דאַרף זײַן געוואָרנט בײַם ניצן אַן אויטאָביאָגראַפֿיע ווי אַ מקור פֿון היסטאָרישער אינפֿאָרמאַציע. דער זכּרון נאַרט אָפּ אַפֿילו דאָרט,

---

118 נומ' 208 (סימן: יאַשע—לעמאַ—עלאַם).

119 אויבן ז' 89. זע אויך אין קאַפּ' 41: „אָפּנוואָרע און פּסיכאָאַנאַליטישע אויטאָביאָגראַפֿיע" ז' 163 א"וו.

120 אַ גוטע סומארישע דיסקוסיע פֿון דער פּראָבלעם האָט געגעבן כאַלאַשינסקי (Chalasiński) אין זײַן בוך Drogi awansu społecznego robotnika, פּויזן 1931, אין קאַפּיטל 2 (זז' 12—30): „אויטאָביאָגראַפֿיעס ווי אַ מאַטעריאַל פֿון סאָציאָלאָגישן אַנאַליז". דאָס קעפּל פֿונעם קאַפּיטל זאָגט שוין אָבער, אַז דער ענין ווערט דאָ באַהאַנדלט ניט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון פּער-זענלעכקייט-קולטור-פֿאָרשונג, נאָר פֿון שטאַנדפּונקט פֿון סאָציִאָלאָגיע. כאַלאַשינסקי איז אַ תּלמיד פֿון דעם פּויזנער פּראָפֿעסאָר זנאַניעצקי, דעם מיטמחבר פֿון דעם פֿונדאַמענטאַלן ווערק The Polish Peasant in Europe and America, אין וועלכן עס זײַנען צום ערשטן מאָל מיט דער ברייטסטער האַנט געניצט געוואָרן אויטאָביאָגראַפֿישע מאַטעריאַלן צוליב סאָציאָלאָגישע שטודיעס.

ווי מיר קענען ניט אָנטאַפּן קיין שום מאָטיוו, אַז דער שרײַבער זאָל וועלן אָפּנאַרן. אָט לייענען מיר אין איינער פֿון די אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון דער ייִוואָ-זאַמלונג[121], אַז „פֿאַר פּסח זײַנען [!] די דײַטשן פּלוצים אָנגעהויבן צו אַנטלויפֿן", און מיט דרײַ שורות שפּעטער ווערן מיר געוווּיר, אַז „געווען איז דאָס אין ענדע 18טן יאָר". ווי אַזוי פּסקנט מען דאָ? גראָד ווייסן מיר, אַז די דײַטשן זײַנען טאַקע אַוועק פֿון דער ליטוויש-ווײַסרוסישער טעריטאָריע סוף 1918, און ממילא איז דער „פֿאַר פּסח" אַ טעות. אַן ענלעכער אויסגליטש פֿון זכּרון איז די מיטטיילונג פֿון אַ מיידל פֿון אַ שטאָט אין דרומדיקן טייל פֿון קאָנגרעס-פּוילן, אַז בשעת זי איז אַריבער פֿון דריטן קלאַס גימנאַזיע אין פֿערטן, איז אין איר שטאָט געווען די עסטרײַכישע אָקופּאַציע. געבוירן איז זי 1912, אויף אַרײַנצוגיין אין פֿערטן קלאַס האָט זי דאָך געמוזט זײַן כאָטש אַ יאָר 12; וואָלט אויסגעקומען, ווען מען זאָל בויען אויף אירע רייד, אַז די עסטרײַכער זײַנען נאָך 1924 געזעסן אין פּוילן ווי אָקופּאַנטן.

עס וואָלט געווען צו כאַפּיק באַלד אָפּצופּסקענען, אַז אַזוינע אויסגליטשן האָבן קיין שום סיבה ניט. אַלצדינג אין פּסיכישן לעבן איז מיסתּמא ווי עס איז דעטערמינירט. אָבער מיר ווייסן ניט די סיבה, דאָס איז וויכטיק. דער מוסר-השכּל פֿאַר אונדז דאַרף זײַן, אַז דער וואָס גייט צו צו פֿאָרשן אַן אויטאָביאָגראַפֿיע דאַרף זײַן באַהאַוונט ניט נאָר אין פּסיכישן און סאָציאַלן לעבן, נאָר ער דאַרף אויך קענען די ספּעציעלע תּקופֿה, אין וועלכער די אויטאָביאָגראַפֿיע איז געשריבן געוואָרן. וואָס אינטימער עס איז זײַן קענטעניש פֿון לעבן, אַלץ גרעסערער וועט זײַן דער רעזולטאַט פֿון פֿאָרשן.

און טאָמער וועט דער שרײַבער באַוווּסטזיניק אָנבראָקן ליגנס? דאָס איז שוין אַן ערנצטערע מורא. אָבער אין יעדער לעבנסגאַנג איז פֿאַראַן אַ געוויסע איינהייטלעכקייט, וואָס ווי אַזוי דער מחבר זאָל ניט שרײַבן, מוז זי זיך פֿאָרט אַרויסווײַזן. אויב ער נעמט אונטערפֿאַלשעווען, ווערט צעריסן אָט די איינהייטלעכע ליניע און „עס קלעפּט זיך ניט".

עס איז שווער צו זאָגן אויף קלאָר, לויט וואָסערע סימנים מען קען דער-קענען די עכטקייט, אָבער בײַם וויסנשאַפֿטלער וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם מאַטעריאַל אַרבעט זיך אויס אַ געוויסער חוש (פּונקט ווי בײַם ספּעציאַליסט אויף טאַבאַק אָדער ווײַן אָדער פֿאַרבן), און דער חוש העלפֿט אים אָפּצושיידן רעכטס פֿון שלעכטס.

אויפֿן סמך פֿון זייער פּראַקטיק זאָגן די פֿאָרשער, אַז דער סכום באַוווּסטזי-ניקע ליגנס וואָס מען געפֿינט אין אויטאָביאָגראַפֿיעס איז אַ קליינער. צום אָנהייב גייט אפֿשר אַ שרײַבער יאָ אַ מאָל צו מיט אַ מיין „אָנצופּרײַערן" דעם קלײַבער פֿון אויטאָביאָגראַפֿיעס. אָבער ווען ער זעצט זיך אַוועק שרײַבן, ציט ער זיך אַרײַן, און די שטרעבונג אונטערצופֿירן פֿאַר זיך אַליין אַן אַדעקוואַטן סך-הכּל פֿון זײַן

[121] נומ׳ 3 (סימן: בת-ציון) ז׳ 11.

לעבן איז גובר אין אַ גרויסער מאָס די זײַטיקע פּניות. אַן אינטערעסאַנטע אילוסטראַציע גיט אונדז דאָ אַ זאַץ אין אַ בריוו פֿון איינעם פֿון די אָנטײלנעמער אין ייִוואָ־קאָנקורס (נומ׳ 125, סימן: פֿיגאַראָ):

„מיט טרערן האָב איך אַ סך פֿון די זײַטלעך געשריבן, כ׳האָב זיך שוין דאַן נישט גערעכנט, ווי מ׳וועט עס אָפּשאַצן און אויך ניט אויסן געווען צו ווירקן אויף אַ זשורנאַליסטישן אופֿן.‟

טאָמאַס און זנאַניעצקי דערציילן אין זייער אַרײַנפֿיר צום לעבנס־באַריכט פֿון דעם פּוילישן פּויער־אימיגראַנט[122]:

„געבראַכט האָבן מיר וולאַדעקן צום שרײַבן דורך צוזאָגן אים געלט. אָבער אַמביציע, ליטעראַרישער אינטערעס אין זײַן אייגענעם לעבן זײַנען מיסתמא תּיכּף געוואָרן די הויפּטמאָטיוון. ער האָט געשריבן מיט אַ חידושדיקער גיכקייט. זײַן אָריגינעלער כּתבֿ־יד איז כּמעט צוויי מאָל אַזוי די גרייס ווי דער טעקסט וואָס מיר דרוקן[123] און איז געווען פֿאַרטיק אין קנאַפּע דרײַ חדשים. דער דאָזיקער פֿאַקט קען ריכטיק אָפּגעשאַצט ווערן נאָר אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט, ווי שווער עס איז די טעכניק פֿון סטיליזירן און שרײַבן פֿאַר מענטשן פֿון זײַן קלאַס‟[124].

דעם „ליטעראַרישן אינטערעס‟ דאַרף מען דאָ ניט נעמען צו שטאַרק אותּ־באותּ; ס׳איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי יענע ליטעראַרישע אַספּיראַציעס, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אין פֿאַרגאַנגענעם קאַפּיטל. טאָמאַס־זנאַניעצקי מיינען דאָ פּשוט: אינטערעס אין באַשרײַבן. וולאַדעק, דער מחבר פֿון דער אויטאָביאָ־גראַפֿיע, איז גאָר אַ קנאַפּער ליטעראַט; ער האָט זייער אַן אָרעמע שפּראַך, ער האָט ווינציק וואָס געלייענט אין זײַן לעבן. אָבער אין אַ געוויסן פּרט איז דאָס אַ מעלה פֿאַרן שרײַבער פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿיע: ער איז באַוואָרנט פֿון „ליטעראַ־טורעוועוען‟ איבער דער מאָס.

„ליטעראַטורעוועוען‟ איז אַ שטריך, אויף וועלכן מיר מוזן גוט אַכט געבן בײַם אַנאַליזירן אַן אויטאָביאָגראַפֿישן דאָקומענט. עס מיינט, אַז בײַ אַזאַ מחבר (און ס׳מוז ניט זײַן דווקא איינער פֿון די „יונגע קרעפֿטן‟, ס׳קען זײַן אַ יונגערמאַן פֿון אַ גאַנץ יאָר אויך) פֿאַרנעמט די מעטאַפֿער און דאָס בילד דעם אויבן אָן און פֿאַרשטעלט דעם תּוכן פֿון דאָס באַשריבענע. צו אַלע צרות זײַנען עס נאָך גאַנץ אָפֿט מעטאַפֿערס אָדער בילדער אַ נ ט ל ײ ע נ ע, איבערגענומענע פֿאַרטיקערהייט; עס ווערט אויף די אָ מחברים מקוים העבריק שענקעוויטשעס וואָרט, אַז טייל מאָל פֿירט ניט דער קאָפּ די פֿעדער, נאָר די פֿעדער דעם קאָפּ.

אויפֿן ערשטן קוק, פֿון איין פֿראַגמענט, קען מען ניט אַלע מאָל דערקענען דעם גראַד עכטקייט. אָט כאַפּ איך אַרויס אַשטייגער אַזעלכע עטלעכע זאַצן:

„...איך געדענק אַן אָוונט אין חדר אין האַרבסטיקן פֿאַרנאַכט, און די נאַכט האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזן אויפֿן שטעטל, זײַנען מיר אַלע געזעסן אין

122 זע אויבן ז׳ 119.

123 אין דרוק האַלט די אויטאָביאָגראַפֿיע 312 געדיכט געזעצטע זײַטן.

124 The Polish Peasant, p. 1912.

> פֿינצטערן צימער יעדער אין אַ באַזונדערן ווינקעלע. פֿינצטער איז געווען אין דרויסן, און אויף די שוואַרצע שויבן פֿון פֿענצטער האָבן לאַנגזאַם געקאַפּעט גרויסע טראָפּנס רעגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גרויסע לײַדנטרערן וואָס זײַנען אַהער פֿאַרטראָגן געוואָרן דורך דעם ווילדן ווינטיאָמער וואָס האָט אַלע ווײַלע איבערגעריסן די טויט-שטילקייט, אין וועלכער עס איז געווען פֿאַרזונקען דער קאַמערל...״[125]

צי איז דאָס אייגנס אָדער פֿרעמדס? אָדער לאָמיר זאָגן אַנדערש: צי איז דאָס מליצה אָדער ס׳איז דורכגעלעבט? איך וואָלט זיך ניט אונטערגענומען באַלד צו פּסקענען. אָבער ווען מען שטודירט דעם גאַנצן דאָקומענט, קען מען דאָס, בײַ אַ שטיקל געניטשאַפֿט, יאָ אויסגעפֿינען.

אַ מאָל קומט צו הילף אַ צופֿאַל. למשל דער מחבר פֿון דעם ייִוואָ-דאָקומענט נומ׳ 74[126], וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל אין הײַנטיקן מיזרח-פּוילן אין דער צײַט פֿון דער מילחמה, דערציילט בײַם אָנהייב פֿון זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע אַזוי:

> „...אין דעם מאָמענט פֿון מײַן געבוירן האָט מען די שטעטל געשטורעמט. האַרמאַטן האָבן געדונערט, באָמבעס האָבן די פֿאַרסמטע לופֿט פֿון די גאַזן מיט קולות דורכגעריסן ווי די ווילדע הייזעריקן. האַנטגראַנאַטן האָבן צוגעפּיקט ווי אויף אַ חתונה. די שראַפּנעלן האָבן באַלויכטן די גאַנצע שטעטל מיט פֿײַער, ווי פֿײַערווערק ווען מען פֿירט דעם חתן פֿון דער חופּה... אין דעם ווילדן אָרקעסטער און פּויקמוזיק האָט מען דעם חתן דורכגעפֿירט, און איך בין געבוירן געוואָרן.״

וואָלט ער עפּעס ענלעכס געשריבן וועגן אַ צײַט וואָס ער קען געדענקען, וואָלטן מיר אפֿשר געטראַכט: דער מענטש זעט אין בילדער. אָבער דאָ זאָגן מיר ניט איבערטראַכטנדיק: געדענקען געדענקט ער די אַלע פּרטים פֿון דעם טאָג פֿון זײַן געבוירן אַוודאי ניט, און דערציילט האָט מען אים דאָס געוויס אויך ניט אין אַזעלכע „ליטעראַרישע״ טערמינען. ער האָט געהערט, אַז אין דעם טאָג פֿון זײַן געבוירן זײַנען אין זײַן שטעטל געווען מילחמה-אָפּעראַציעס (און אפֿשר האָט זיך אַפֿילו נאָר די אַלגעמיינע פֿאָרשטעלונג פֿון מילחמה-יאָרן פֿאַרגעדיכטיקט אין אַזאַ בילד), האָט ער דאָס באַשריבן גלײַך ווי ער וואָלט דאָס דערציילט פֿון זיכּרון. וועלן מיר שוין זײַן אָפּגעהיט בײַם לייענען ווײַטער די דאָזיקע אויטאָביאָגראַפֿיע. פֿון אַזאַ שרײַבער וועלן מיר זיך אויך ניט מיאש זײַן, און עס קען אַפֿילו געמאָלט זײַן, אַז טייל מיטטיילונגען זײַנע זאָלן זײַן זייער ווערטיקע, אָבער אויף די בילדער וואָס ער שילדערט וועלן מיר שוין קוקן מיט אַ שטיקל רעזערוו. פֿון אַזאַ טעקסט דאַרפֿן מיר שוין אָפּלערנען ניט אויף דעם שרײַבערס בילדערישקייט, נאָר אויף דעם שרײַבערס באַאײַנפֿלוסוודיקייט דורך פֿרעמדער מליצה. אָבער דאָס איז, צוריק גערעדט, אויך אַ כאַראַקטעריסטישער „פֿורעם״ פֿון אַ מענטשן.

---

125 אויטאָב׳ 243 אין ייִוואָ (סימן: ישו), ז׳ 11.

126 אַ בחור (סימן: וו. 5.).

37. צופּוץ אין אַן אויטאָביאָגראַפֿיע

וואָס עס טרעפֿט יאָ ווען ניט ווען איז אָט וואָס: דער שרײַבער פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע פּוצט צו זײַן דערציילונג מיט פֿאַנטאַזיעס, ווײַל גראָד דורכן שרײַבן וויל ער אַנטלויפֿן פֿון דער נודנערווירקלעכקייט אין דעם שיינעם עולם-הדימיון אַרײַן[127]. ער דערציילט וועגן אַ גוטן פֿרײַנד וואָס האָט אים אויף לאַנגע שפּאַצירן אין וואַלד געגעבן קלוגע עצות, און איר, דערלייענער, קענט זיך ניט באַפֿרײַען פֿונעם חשד, אַז ער גופֿא זאָגט דאָס אַרויס פֿאַר זיך אַליין די טײַערע געדאַנקען. אַן אַנדערער קומט אַרויס אין זײַן אַחר-המעשהדיקער אָפּמאָלונג אַקטיוו, מוטיק, באַריידעוודיק, בשעת ווען אין דער אמתן האָט ער זיך גאָר געהאַט באַנאַרישט אָדער אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ פּחדן. אַ דריטער ווידער, וואָס האָט די באַדערפֿעניש, איבער אמתע אָדער געדוכטע חטאָ'ים, צו שלאָגן זיך אָשמנו, קען אַמאָל אָנריידן אויף זיך מער עוולות איידער ער האָט פֿאַקטיש באַגאַנגען[128].

מיט אַנדערע ווערטער, אין איטלעכער אויטאָביאָגראַפֿיע דאַרפֿן מיר זיך ריכטן צו געפֿינען דאָס וואָס גלאַגוי אין זײַן אָקאָרשט ציטירטן ווערק רופֿט אָפּט „ראָמאַנען-עלעמענט“. ס'איז ניט דאָס אייגענע ווי אַ טענדענץ, וואָס מיט איר באַגעגענען מיר זיך אַזוי אָפֿט אין מעמואַרן; ס'איז „אַ סך צאַרטער און ס'לאָזט זיך אַ סך שווערער אויסגעפֿינען“.

אין טייל פֿאַלן וועט אַ געניט אויג באַמערקן אַ ניט-דורכגעהאַלטנקייט, כאָטש עס וועט זײַן שווערער צו זאָגן, ווי אַזוי ס'איז יאָ געווען; אין אַנדערע פֿאַלן וועלן מיר טאַקע בלײַבן בײַם ניטוויסן. טאָ וואָס זשע טוט מען?

ווי אַן ענטפֿער אויף די נאָגנדיקע ספֿקות מוז מען זיך קלאָר מאַכן אָט וואָס:

אַפֿילו אויב מיר געפֿינען אין דער אויטאָביאָגראַפֿיע זאַכן וואָס האָבן ניט פּאַסירט אָדער ניט אַזוי ווי זיי האָבן פּאַסירט, איז אויך סוף כּל סוף אָן בייז. שלעכט וואָלט געווען, אויב אַ מענטש וואָלט אונדז געזאָגט אַ ליגן און אונדז אויף דעם סמך אָנגעטאָן אַ היזק אָדער זיך פֿאַרשאַפֿט אַ פּריווילעגיע וואָס אים קומט ניט. אָבער אַזוי ווי אָט די פּראַקטישע סכּנה, מען זאָל בײַ אונדז עפּעס אַרויסנאַרן, איז ניטאָ, זײַנען די אויספּוצונגען אין אַן אויטאָביאָגראַפֿיע ניט געפֿערלעך. די פֿאַנ-טאַזיעס וואָס אַ מענטש קען אויספֿאַנטאַזירן זײַנען פֿאַר אים פּונקט אַזוי כאַראַקטעריסטיש ווי דער אמת פֿון זײַן לעבן. קיינער קען ניט געבן אַ שפּרונג העכער פֿון זײַן אייגענעם קאָפּ, זאָגט אַ רוסיש שפּריכוואָרט; קיינער קען ניט אַרויסקריכן פֿון זײַן אייגענער הויט, זאָגט מען בײַ אונדז. אַזוי איז דאָס. ניט נאָר אין זײַנע פֿאַנטאַזיעס (וואָר-חלומות), נאָר אַפֿילו אין זײַנע נאַכט-חלומות בלײַבט אַ מענטש צוגעפּעסטיקט צו זײַן לעבנס-פּראַקטיק, און ווען מען זאָגט, אַז אַ גאַנדז חלומט זיך האָבער, איז דאָס אַ טיפֿער פּסיכאָלאָגישער אמת. אָפֿט מאָל איז ממש כּדאַי צו לאָזן אַ מענטשן

127 Cf. Glagau, Hans. Die moderne Selbstbiographie als historische Quelle. Marburg 1903.

128 אַזאַ שרײַבער קומט צו נאָענט צו בוירדזשואַסעס טיפּ פֿונעם „בעל-ווידוי“

פֿאַנטאַזירן, כּדי צו דערזען זיין מהות. דערמאָנט זיך אין דעם מלמד וואָס האָט געטראַכט, אַז ווען ער זאָל זײַן ראָטשילד, וואָלט ער געווען נאָך רײַכער פֿון ראָטשילדן, ווײַל ער וואָלט נאָך צוגעקנעלט אַ ביסל. אָדער נעמט טאַקע שלום-עליכמס יידן וואָס פֿאַנטאַזירט אין זײַן מאָנאָלאָג „ווען איך בין ראָטשילד״; וואָס קען זײַן אמתער איידער די דאָזיקע אויסטראַכטעניש? אָדער נעמט מנחם-מענדלען, צי בנימין השלישי, אָדער וועלכן עס איז באַרימער פֿון צווישן אײַערע אייגענע גוטע פֿרײַנד: זייער אמת און זייער ליגן זײַנען איינס.

דאָס זעלבע וואָס וועגן ריידן איבעריקס איז ריכטיק אויך בנוגע ריידן צו ווינציק, ד״ה בנוגע פֿאַרשווײַגן. צום גרינגסטן קען מען זיך ריכטן אויף אַ שטרעבונג באַוווסטזיניק צו פֿאַרשווײַגן בײַ די אויטאָביאָגראַפֿיע-שרײַבער פֿון שיקאַגער טיפּ: בעת אַ יוגנטלעכער געזעץ-ברעכער דערציילט וועגן זיך, מעג מען משער זײַן, אַז ער וועט וועגן דעם אָדער יענעם חטא מאַכן אַ שווײַג. אָבער ניט דווקא נאָר אַזאַ מענטש איז נוטה צו מאַכן אַן אָפּקלײַב. יעדער אייגער האָט אין זײַן לעבן איבערלעבונגען וואָס ער וויל ניט אַרויסרופֿן אין זיכּרון, ווײַל ס׳איז אים שווער[129], אָדער ער שעמט זיך צו ריידן דערפֿון. דער עיקר איז דאָס שעמען זיך שייך צו אַזוינע זאַכן וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיטן סעקסועלן לעבן. אין די עטלעכע און דרײַסיק אויטאָביאָגראַפֿיעס וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען אין ייִוואָ לויטן ערשטן קאָנקורס זומער 1932 זײַנען פֿאַראַן סך-הכּל אַ פּאָר, ווו דאָס סעקסועלע איז ווי ניט איז דערמאָנט; בײַ די אַנדערע איז שאַ-שטיל דערוועגן. איז וואָס, די דאָזיקע גאַנצע ספֿערע פֿון לעבן איז בײַ יענע שרײַבער ניט בנימצא? דער אויספֿיר איז אַן אַנדערער: זיי האָבן זיך געשטערט. אַ מאָל טרעפֿט, אַז אַ מענטש הייבט אָן שרײַבן וועגן עפּעס און דערנאָך האָט ער חרטה – מעקט ער אויס אָדער שערט אַרויס אַ האַלב בלעטל, און אַזוי בלײַבט כאָטש וועלכע עס איז שפּור, זאָל זײַן אַ נעגאַטיווע, אין דער אויטאָביאָגראַפֿיע.

דאָס פֿאַרשוויגענע דאַרף מען אויך פֿאַרשטיין. דאָס פֿאָלק זאָגט, און איז גערעכט: „שווײַגן הייסט אויך גערעדט״, אָדער: „דער וואָס שווײַגט, מיינט אויך עפּעס״. און מען מוז זאָגן, אַז דאָס פֿאַרשוויגענע איז גאָר ניט אַלע מאָל שווערער צו דעשיפֿרירן איידער דאָס גערעדטע.

איצטער קומען מיר צו מאַכן גאָר אַ וויכטיקן אויספֿיר:

ווי אַזוי דער מענטש זאָל ניט שרײַבן זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע און וואָס עס זאָל אים ניט האָבן געשטופּט צום שרײַבן, קענען מיר אָבער שוין אַרויסדרינגען פֿון אונדזער ביזאיצטיקער דיסקוסיע, אַז יעטווידער אויטאָביאָגראַפֿיע איז סוביעקטיוו באַפֿאַרבט. ממילא וואָלט „נאַיִוו״ געווען דער ווייכסטער נאָמען פֿאַר אַ פֿאָרשער

---

129 פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 167 (סימן: א. ה.), אַ מיידל: „עס זיצט נאָך אין מיר צו אַ טיפֿע און שטאַרקע שׂינאה צו מײַן אייגענער קינדהייט, אַז איך זאָל קענען וועגן איר זאָגן עפּעס אָביעקטיווס״. ניט יעדערער איז אין שטאַנד דאָס אַרויסצוברענגען אַזוי קלאָר און אָפֿנהאַרציק ווי די אָ שרײַבערין, אָבער צו אַ גרויסער צאָל מחברים פֿון אונדזערע אויטאָביאָגראַפֿיעס איז דאָס שייך.

וואָס וואָלט אָנגענומען פאַר ליב און רעכט און פאַרלאָזלעך אַלצדינג וואָס דער שרײַבער פון דער אויטאָביאָגראַפיע האָט דערציילט. קיינער האָט ניט גערעדט אַזוי אָפן וועגן די פּאָסטקעס פונעם אויטאָביאָגראַפישן מעטאָד, ווי דווקא יענע פאָרשער וואָס האָבן אים גענוצט צום ברייטסטן. איין מאָל פאַר אַלע מאָל: פּונקט ווי אַ היסטאָרישער אָדער יורידישער אָדער לינגוויסטישער אָדער ליטעראַרישער דאָקומענט, אַזוי פאָדערט דער אויטאָביאָגראַפישער דאָקומענט אויך אינטער־פּרעטאַציע. פּונקט ווי בײַ יעדן אַנדער מין דאָקומענט, קען זיך דאָ אויך אויסלאָזן, אַז טייל פראַגעס וועט מען ניט קענען באַשיידן. אָבער דורך אַ מעטאָדישן צוגאַנג וואָס איז געבויט אויף פּראַקטיק, לערנונג און אינטויִציע קען מען די צאָל ניטבאַשיידטע פראַגעס שטאַרק רעדוצירן.

נאָך אַ זאַך. מען דאַרף זײַן קלאָר, אַז ווען אַ 20יאָריקער דערציילט אין אַן אויטאָביאָגראַפיע זײַנע איבערלעבונגען צו פינף, צען און פופצן יאָר, איז דאָס בעצם ניט די געשיכטע פון זײַן לעבן, נאָר אַ בילד ווי אַזוי דער בעל־דבר זעט די געשיכטע פון זײַן לעבן. מיר ווילן גערן זײַן צו גלייבן דעם מענטשן— סײַדן מיר ווילן אים „כאַפּן בײַ דער האַנט״ — אַז ער איז אויפריכטיק אין זײַן לעבנס-באַשרײַבונג; אָבער דאָס הייסט דאָך נאָר, אַז ער וויל געבן אַלץ וואָס ער געדענקט. נאָר זיכּרון איז אַן איידעלע זאַך, און זייער אָפט, ווייסן מיר, נאַרט ער אָפּ קעגן דעם ווילן פון זײַן באַזיצער. די וויסנשאַפט האָט דערוויזן, אַז עדות שווערן אין גוטן גלויבן, און דערנאָך אַנטפּלעקט זיך, אַז ס׳איז געווען קאַפּויר. וואָס מער אַן עדות איז אַ צד, אַלץ מער איז מען באַרעכטיקט צו וועלן איבערקאָנטראָלירן זײַנע רייד; און ווו איז מען נאָך אַזאַ צד ווי אין אַן אייגענעם עניָנין?

38. אויטאָביאָגראַפיע און טאָגבוך

פאַראַן פאָרשער וואָס האַלטן ניט פון קיין אויטאָביאָגראַפיעס ווי אַ מקור פון פּערזענלעכקייט-פאָרשונג; אַ טאָגבוך, האַלטן זיי, איז אָן אַ שיעור אַ זיכערערער מקור פון דערקענטעניש. איך האָב דאָ אין זינען פּראָפעסאָר שאַרלאָטע בילער אין ווין, וואָס האָט אויפגעטאָן אַזוי פיל אין פרט פון זאַמלען, פּובליקירן און שטודירן טאָג־ביכער[130]. סײַ פון די ווערק פון פרוי בילער און איר שול, סײַ פון פּערזענלעכע שמועסן האָב איך אַרויסגעטראָגן דעם בפירושן אײַנדרוק, אַז אַפילו ביאָגראַפיעס, געשריבן דורך דריטע פּערזאָנען, האָבן בײַ אָט די פאָרשער מער ווערדע איידער אויטאָביאָגראַפיעס. און דער אַטאַק פון דער בילערשער שול גייט ניט אויף דעם פּונקט, אַז אין אַן אויטאָביאָגראַפיע איז דער שרײַבער עלול אָפּצונאַרן אָדער צו וועלן זיך אויספּײַנען. די טענה איז אַנטקעגן דעם, אויף וויפל אַ מענטש איז מסוגל צו פאַרגעדענקען דעם עיקר פון זײַן פריִערדיקן לעבן, די אינעווייניקסטע קאָנפליקטן און די מאָטיוון, פאַר וואָס ער האָט געהאַנדלט דווקא אַזוי. לויט פרוי

---

130 זע אויבן ז׳ 24.

בילער קומט אויס, אַז עס זײַנען שיִער ניט פּסול אַלע אַחר־המעשהדיקע פּערזענלעכע דאָקומענטן, מחמת זיי קומען אַלע אַרויס פֿאַרסכהפּלט, פֿאַרגלאַטיקט, אידעאַליזירט. פֿאַרלאָזן זיך קען מען, לויט דער אָ שיטה, נאָר אויף אַרויסזאָגונגען וואָס זײַנען מיטצײַטיש. מיט אַנדערע ווערטער: ניט קיין אויטאָביאָגראַפֿיעס, נאָר טאָגביכער.

ענלעך שרײַבט אויך דער מאָסקווער פּראָפֿעסאָר מ. רובינשטיין, דערמאָנענדיק צום גוטן שאַרלאָטע בילערס טאָגבוך־פֿאָרשונג:

„די גרויסע ווערדע פֿון טאָגביכער באַשטייט אין דעם, וואָס זיי ווערן געשריבן גלײַך אונטערן דרוק פֿון די באַשריבענע איבערלעבונגען. דאָס זײַנען ניט קיין זיכרונות, בײַ וועלכע ס'קען זיך אַ סך אָפּמעקן אין זיכרון; זיי זײַנען פֿרײַ פֿון דער איבערטראַכטעניש פֿון דעם דערוואַקסענעם און פֿון פֿרעמדער אָפּשאַצונג, ס'איז די פֿרוכט פֿון עכטער נשמה־אינטימקייט; זיי ווערן געבוירן דווקא פֿונעם אומחשק אָדער פֿון דער אוממיגלעכקייט איבערצוגעבן די איבערלעבונגען וועמען עס איז, אַפֿילו אַ נאָענטן גוטן פֿרײַנד,—שרײַבט מען זיי דערײַבער מיט דער מאַקסימאַלער אָפּנהאַרציקייט, אויף די פֿרישע שפּורן פֿון דער איבערלעבונג. זיי ריידן דירעקט וועגן דעם וואָס עס פֿילט אָן דאָס לעבן פֿונעם יונגן טאָגבוך־מחבר, וואָס עס רודערט אים. דאָס זײַנען דירעקטע לעבנס־דאָקומענטן. אין דעם זינען האָט דאָס טאָגבוך אַן אומאָפּפֿרעגלעכע ווערדע און אַ גרויסן פֿאָרשערישן באַטײַט"[131].

אָפּשטופּן די טענה קעגן די אויטאָביאָגראַפֿיעס מיט אַ פּשוטן ניין קען מען געוויס ניט. מיר האָבן דאָך שוין געזען, אַז אויב עמעצער מיינט, אַז ער געדענקט יאָ און גיט דאָס אונדז איבער בהן שלו, איז עס נאָך אַלץ גאָר קיין ראַיה ניט, אַז דאָס איז שוין אַזוי געווען אויף הונדערט פּראָצענט. מערניט איין זאַך קען איך ניט פֿאַרשטיין: וווּ איז די ראַיה, אַז דאָס טאָגבוך (און אַזוי אויך דער בריוו און בכלל יעטווידער מיטצײַטישער דאָקומענט) לײַדט ניט פֿון די זעלבע חסרונות. צי רעדט אַ טאָגבוך פֿאַר זיך און מען דאַרף עס ניט אינטערפּרעטירן?

---

131 Рубинштейн, М. М. Юность по дневникам и автобиографическим записям. Москва 1928, стр. 7.

ס'איז אַ בוך וואָס איז רײַך אין מאַטעריאַל. אונטער „אויטאָביאָגראַפֿישע פֿאַרשרײַבונגען" פֿאַרשטייט רובינשטיין פֿיל־ווינציק בפֿרטיותדיקע גאָטיצן וואָס ער האָט באַקומען אין די יאָרן 1925—1927 פֿון 129 פּערזאָן ווי אַן ענטפֿער אויף אַ פֿרעגבויגן. אויפֿן סמך פֿון דעם אָ מאַטעריאַל מאַכט דער מחבר געוויסע אויספֿירן וועגן טיפּישע סימנים פֿון דער איבערגאַנג־צײַט (צײַטיקונג), וועגן דעם וווקס פֿון די גײַסטיקע אינטערעסן אין די יוגנטיאָרן, וועגן די עסטעטישע אַרויסווײַזונגען, וועגן לייען־אינטערעסן, וועגן קרײַזלעך אין לעבן פֿון דער יוגנט אאַז"וו. צום סוף בוך (זז' 194—275) דרוקט דער מחבר, מיט קליינע קיצורים, אַ טאָגבוך פֿון אַ ייִדיש מיידל (פּסעוודאָנים: זשעניע) וואָס איז 1920, אין עלטער פֿון 11 יאָר, אַריבערגעפֿאָרן מיט אירע עלטערן קיין מאָסקווע און האָט דאָ איבערגעלעבט אַ שווערע ליבע־טראַגעדיע.

בכדי דאָס קלאָר צו מאַכן, מוזן מיר זיך אַרײַנטראַכטן אין דעם עִנין ווי ס'געהער צו זיין.

די ערשטע עלעמענטאַרע פֿראַגע וועלכע בעט זיך איז אַזאַ: וואָס איז בכלל דער חילוק פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿיע ביז אַ טאָגבוך?

פֿון דער פֿאָרמאַלער זײַט איז בערנפֿעלד דאָס מסביר אַזוי:

בײַ דער גאַנצער פֿילמיניקייט זײַנען פֿאָרט פֿאַראַן צוויי מאָמענטן וואָס כאַראַקטעריזירן דאָס טאָגבוך. ס'איז אַ שאַרפֿער חילוק פֿון אים ביז דער אויטאָביאָגראַפֿישער אָפּמאָלונג. דאָס טאָגבוך איז די ביאָגראַפֿיע וואָס האַלט אין ווערן, ס'איז מאַטעריאַל פֿאַר איר, נאָר ס'קען נִיט געבן קיין פֿולע אָפּמאָלונג פֿון אַ גרעסערן משך לעבן. איינציקע פֿאַרצייכענישן פֿליִסן זיך צו געבן אַזאַ קוק אויף צוריק; נאָר אויב דער טאָגבוך־שרײַבער לאָזט זיך אין דעם אַרײַן מיט הנאה, רײַסן אויף אָט די פֿאַרצייכענישן דאָס טאָגבוך און ס'ווערט פֿון אים די אמתע אַליין־אָפּמאָלונג. דאָס טאָגבוך איז כאַראַקטעריזירט מיט דעם וואָס... עס מאָלט אָפּ מערנִיט אַ קורצן אָפּשניט פֿונעם גאַנצן לעבנסלויף: די רגע, דעם אָקאָרשט אָרויסגעגאַנגענעם טאָג, די אָקאָרשט פֿאַרענדיקטע איבערלעבונג... דאָס טאָגבוך טראָגט אַן אַקטועלן כאַראַקטער.

נאָך ווינציקער ספקדיק איז דער צווייטער פֿאָרמאַלער מאָמענט: די פֿילקייט פֿאַרצייכענישן, דורכגעפֿירט דורך אַ געוויסן משך צײַט. איין איינציקע פֿאַרצייכעניש אָדער אַ צאָל פֿאַרצייכענישן דעם נעמלעכן טאָג זײַנען אַוודאי נִיט קיין טאָגבוך"[132].

אָבער מיר זוכן דאָך נִיט קיין פֿאָרמאַלע סימנים, מיר ווילן וויסן אין תּוך, וואָס איז דער חילוק צווישן אויטאָביאָגראַפֿיע און טאָגבוך.

אונדזער ערשטער אײַנפֿאַל פֿון אַן ענטפֿער וועט זײַן: אַן אויטאָביאָגראַפֿיע שרײַבט אַ יונגער מענטש אויף באַשטעלונג, אַ טאָגבוך שאַפֿט ער פֿרײַ, לויט אַן אינעווייניקסטן דראַנג.

מען באַגעגנט זיך טאַקע מיט אַזאַ קוק אין דער וויסנשאַפֿטלעכער ליטעראַטור. שאַרלאָטע בילער פֿאָרמולירט דאָס אַזוי:

„אַ מענטש זעצט זיך אַוועק און שרײַבט; ער שרײַבט נִיט אויף אויסצופֿירן עפּעס אַן אויפֿגאַבע וואָס שטעלט פֿאַר זײַנע אויגן אָדער וואָס מען האָט אים געשטעלט, נאָר אָן אַ ציל וואָס ער אַליין זאָל קענען קלאָר דערקענען"[133].

אָבער איך זע עפּעס נִיט, אַז דער דאָזיקער ערשטער אײַנפֿאַל אונדזערער זאָל קענען בײַשטיין אַנטקעגן אַ טיפֿערן אַנאַליז.

וואָס שייך צו דער באַשטעלטקייט פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע, האָבן מיר אין דער פֿריִערדיקער דיסקוסיע אַרויסגעזען גענוג קלאָר, אַז נאָר געוויסע קאַטעגאָריעס יונגע מענטשן רעאַגירן אויפֿן רוף וואָס איז געווענדט צו אַלע

---

[132] Bernfeld, Siegfried. Trieb und Tradition im Jugendalter. Kulturpsychologische Studien an Tagebüchern. Leipzig 1931, p. 7.

[133] Bühler, Charlotte. Zwei Knabentagebücher. Jena 1925. 169 pp.

גלײַך; עס רופֿן זיך אָפּ נאָר יענע וואָס זײַנען שוין פֿון פֿאָרויס געווען פּסיכיש מוכן-ומזומן און זיי האָבן נאָר געוואַרט אויפֿן שטופּ. פֿון דער אַנדער זײַט ווידער איז דאָס יוגנטלעכע טאָגבוך אויך ניט אַזאַ אינעווייניקסטע אינדיווידואַל-פּסיכישע זאַך ווי עס קען זיך אויסדוכטן אין פֿלוג. בערנפֿעלד האָט אויפֿן סמך פֿון אַ היפּשער זאַמלונג טאָגביכער בולט דערוויזן, ווי שטאַרק דאָס טאָגבוך איז געזעלשאַפֿטלעך-היסטאָריש באַדינגט. ניט אין אַלע צײַטן האָט מען געשריבן טאָג-ביכער, נאָר ס׳איז קענטיק אויפֿגעקומען ערשט מיטן אויפֿקום פֿון בירגערטום, אין 15טן י״ה, און ערשט אין 18טן י״ה איז עס געוואָרן אַ מאָדעזאַך. דער יוגנט-לעכער ווייס פֿון דער ליטעראַטור און פֿון די אַרומיקע, אַז מענטשן „זײַנען זיך נוהג" צו שרײַבן טאָגביכער. אַ מאָל זעט ער, אַז אַן עלטערער ברודער אָדער אַן אַנדערער, צו וועמען ער איז ניט גלײַכגילטיק, גיט זיך אָפּ דערמיט. טייל לערער האָבן אַ טבֿע צוצוריידן זייערע תּלמידים, זיי זאָלן זיך נעמען שרײַבן; אַ שטיקל אַגיטאַציע זײַנען אויך די פֿאַרטיקע גראָבע העפֿטן, אין אַ שיינעם אײַנבונד און מיט אַ שלעסל, וואָס מען פֿאַרקויפֿט אין די פּאַפּירקראָמען. הייסט עס ווען עמעצער נעמט זיך שרײַבן אַ טאָגבוך, איז ער מיטן עצם פֿאַקט ניט אַזאַ גרויסער אויפֿ-טוער; ער פּאַסט זיך צו צו אַן אויפֿפֿיר-פֿורעם.

אָבער ווידער מוזן מיר גיין מיטן זעלבן גאַנג וואָס פֿריִער: דער אויפֿפֿיר-פֿורעם „טאָגבוך" איז דאָך אויך אָנגעגרייט פֿאַר אַלעמען, און רעאַגירן רעאַגירן אויף זײַן אַפּעל מער ניט ווי טייל יוגנטלעכע. וואָסער טייל איז דאָס?

ניט שווער איז אויסצוגעפֿינען, אַז דאָס שרײַבן אַ טאָגבוך איז באַדינגט דורך אַ געוויסער עלטער-פֿאַזע אין לעבן פֿון יחיד. אַוודאי טרעפֿן מיר צײַטנ-ווײַז טאָגביכער פֿון קינדער; אָבער קינדער שרײַבן, מעג מען רעכענען, דערפֿאַר ווײַל דערוואַקסענע האָבן אײַנגערעדט אָדער געהייסן. כאַראַקטעריסטישע זאַצן פֿון אַ טאָגבוך פֿון אַ צוועלפֿיאָריק מיידל ברענגט ריבניקאָוו:

„צו מײַן געבורטסטאָג האָב איך באַקומען אַ טאָגבוך. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז יונגע מיידלעך פֿירן טאָגביכער, זי האָט מיר געוויזן, ווי אַזוי צו פֿירן. מיר ווילט זיך אַפֿילו ניט, נאָר זי האָט געזאָגט, אַז ס׳איז גוט"[134].

פֿון דער אַנדער זײַט זײַנען פֿאַראַן מענטשן וואָס פֿירן זייער גאַנץ לעבן אַ טאָגבוך; פֿון איינעם אַ באַוווּסטן יִדישן געלערנטן, וואָס ער האָט ניט אויפֿגע-הערט צו מאַכן פֿאַרשרײַבונגען אַפֿילו אין די שווערסטע יאָרן פֿון מלחמה און רעוואָלוציע, ווייס איך, אַז ער האָט אָנגעהויבן ערשט צו 25 יאָר.

אָבער דאָס זײַנען אויסנאַמען. דער ווײַט גרעסטער טייל טאָגבוך-שרײַבער נעמען זיך צום שרײַבן אין עלטער פֿון צײַטיקונג און דערוואַקסלינגשאַפֿט.

לויט שאַרלאָטע בילערס אַן איבערבליק איבער העכער 70 טאָגביכער וואָס זי האָט געהאַט אין איר רשות הייבן בחורים אָן צו שרײַבן אין דורכשניט צו

---

[134] Рыбников, Н. Автобиографии рабочих и их изучение. Москва 1930, стр. 61.

15 יאָר, מיידלעך צו 14; ענדיקן ענדיקט אַ בחור אין דורכשניט צו $18\frac{1}{2}$ יאָר, מיידלעך צו 19[135].

אַן ענלעכע פֿעסטשטעלונג מאַכט ריבניקאָוו:

„צום עלטער פֿון צײַטיקייט צו רײַסט זיך דאָס פֿירן אַ טאָגבוך ס'רובֿ איבער"[136].

בערנפֿעלד[137] דער פּסיכאָאַנאַליטיקער קומט צום באַשלוס:

„עס איז נישטאָ כּמעט קיין ספֿק, אַז די קאָנפֿליקטן פֿון דער פּובערטעט זײַנען עס די וואָס מען זוכט גובֿר צו זײַן אין טאָגבוך".

דאָס וואָס ער דערמאָנט ניט די דערוואַקסלינגשאַפֿט איז ניט קיין ראיה, אַז ער איז מחולק מיט יענע ביידע פֿאָרשער; אפֿשר גייט ער מיטן גאַנג, אַז פֿון צווישן די דערוואַקסלינגען זײַנען זיך עוסק מיט אַ טאָגבוך בלויז יענע וואָס זײַנען נאָך הינטערשטעליק און האָבן זיך נאָך מיט זייערע צײַטיקונגס-פּראָבלעמען ניט אָפּגעפֿאַרטיקט.

האָבן מיר שוין אָפּגעגרענעצט אַ געוויסן עלטער אויך. אָבער אויסגעשעפּט די פֿראַגע האָבן מיר נאָך ניט. דאָס טאָגבוך איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ באַשטימטער עלטער-פֿאַזע, אָבער ס'איז דאָך ניט קיין נאַטירלעכער, קיין ביאָלאָגישער פֿאַקט ווי אַשטייגער די סעקסועלע צײַטיקונג וועלכע טרעפֿט אַלע סוביעקטן אין אַ געוויסן עלטער. דאָס טאָגבוך איז אַ קולטור פֿאַקט. בײַ אַן אַנקעטע וואָס האָפֿמאַן האָט געמאַכט אין אַ דײַטשער גימנאַזיע[138] האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בערך אַ העלפֿט פֿון אַלע תּלמידים פֿירן אין דער אָדער יענער פֿאָרם אַ טאָגבוך. איך בין זיכער, אַז ווען מען זאָל נעמען אַנדערע פֿאָלקשיכטן, וועט דער פּראָצענט טאָגבוך-שרײַבער זײַן נאָך אַ קלענערער. אָבער אַ פּראָצענט אַרויף אָדער אַראָפּ — דער פֿאַקט בלײַבט אַ פֿאַקט, אַז זייער פֿיל יוגנטלעכע האָבן קיין מאָל ניט געקלערט וועגן קיין טאָגבוך; נאָך אַנדערע האָבן זיך אפֿשר יאָ אַ מאָל געהאַט פֿאַרמאָסטן, נאָר זיי האָבן זייער פּלאַן ניט דורכגעפֿירט. טאָ ווער יאָ און ווער ניט?

בערנפֿעלד[139] גיט בנוגע דעם טאָגבוך אַ פֿאָרמולירונג וואָס קומט צו גאָר נאָענט צו אונדזער פֿריִער אײַנגעשטעלטן כּלל וועגן די שרײַבער פֿון אויטאָביאָגראַפֿיעס:

„די פֿאָרם [פֿון טאָגבוך] איז שוין בנימצא פֿון פֿאָרויס, זי איז אַ היסטאָריש געוואָרענע; אָבער זי ווערט איבערגענומען דורכן יחיד צוליב באַשטימטע מאָטיוון, מחמת די פֿאָרם גופֿא, אָדער דער פּראָצעס פֿון איבערנעמען די פֿאָרם, באַפֿרידיקט געוויסע פּסיכישע באַדערפֿענישן; די פֿאָרם, אָדער דאָס איבערנעמען די פֿאָרם, פֿירט אויס אַ געוויסע פֿונקציע אין דער פּסיכישער באַלעבאַטישקייט".

---

135 Bühler, Charlotte. Das Seelenleben des Jugendlichen. Jena 1929, pp. 2—3.

136 דצ״וו ז׳ 9.

137 דצ״וו ז׳ 138.

138 ציטירט לויט ריבניקאָוון ז׳ 60.

139 דצ״וו ז׳ 6.

מוזן מיר דאָך פֿרעגן ווײַטער: וועלכע מאָטיוון ברענגען אַ יוגנטלעכן דערצו, ער זאָל יאָ נעמען פֿירן אַ טאָגבוך?

מיר ווייסן שוין פֿון אַרומריידן די אויטאָביאָגראַפֿיעס, אַז צו די אמתע מאָטיוון קענען מיר גלײַך ניט צוקומען. מיר מעגן משער זײַן, אַז בײַ טאָגביכער איז דאָס אייגענע, און מיר שטויסן זיך טאַקע אָן אויף אַזוינע פֿאַקטן. בילער דערציילט אונדז למשל[140] וועגן אַ מיידל וואָס שרײַבט, בלי שום ספק מיט דער פֿולער אויפֿריכטיקייט: „דער באַשלוס צו שרײַבן אַ טאָגבוך איז בײַ מיר אויפֿגעוועקט געוואָרן דורך זייער אַ קאָמישער איבערלעבונג". דאָ ווערט דערציילט אַ קאָמישע פּאַסירונג. „דערבײַ איז אַניטען [די שרײַבערין רעדט וועגן זיך אין דער דריטער פּערזאָן] געקומען דער געהויבענער געדאַנק צו פֿירן אַ טאָגבוך, וואָרעם, האָט זי געזאָגט, אַזאַ איבערלעבונג איז ווערט פֿאַרפֿיקסירט צו ווערן אויפֿן פּאַפּיר". אויף מאָרגן אָבער פֿאַרצייכנט זי שוין גאַנץ פּערזענלעכע עניינים. הייסט עס אַ חשק צו שרײַבן, זיך אַראָפּצוריידן פֿון האַרצן, איז שוין געווען בײַ איר פֿריִער, און די קאָמישע פּאַסירונג איז, אין בעסטן פֿאַל, געווען נאָר דער גורם, ניט די סיבה. מיר וועלן זיך פּרווון אָריענטירן אין די מאָטיווירונגען וואָס די טאָגבוך-שרײַבער גיבן אויף, פּונקט ווי מיר האָבן דאָס פֿריִער געטאָן מיט די מחברים פֿון די אויטאָביאָגראַפֿיעס.

39. מאָטיווירונגען בײַ אַ טאָגבוך

איך נעם קודם-כּל די מאָטיווירונגען וואָס שאַרלאָטע בילער האָט אַרויסגעלייענט פֿון די טאָגביכער וואָס זי האָט באַאַרבעט. זי רעדט וועגן דעם אין די ביידע פֿריִער ציטירטע ווערק אירע. זי ניצט ביידע מאָל צײַטנווײַז ניט די זעלבע אויסדרוקן, אָבער אין דער אונטערשטער שורה קען מען די פֿאַרשיידענע נוסחאָות אײַנטיילן אין פֿיר גרופּעס.

(1) די שרײַבער ווילן אָפּהיטן פֿון פֿאַרגעסעניש זייערע איבערלעבונגען.

„אַ טאָגבוך זאָל אָט דאָס בוך זײַן פֿאַר מיר, ניט קיין זאַמלונג בלעטער, ווו עס זײַנען באַהאַלטן סודות, נאָר אַ בוך, ווו עס זײַנען פֿאַרצייכנט מײַנע לעבנסוועגן, אַ בוך מיט אַ בלײַביקן ווערט פֿאַר מיר".

אַן אַנדערער:

„... איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי איך זאָל ווײַטער שרײַבן דאָס טאָגבוך אין אינטערנאַט... נאָר איך שרײַב, כּדי איך זאָל אַמאָל קענען זען, ווי אַזוי ס'האָט זיך אויסגעפֿורעמט מײַן אַנטוויקלונג ספּעציעל אין פּרט פֿון רעליגיע און ווי אַזוי איך האָב געפֿילט און געטראַכט בשעת איך בין געווען אַן אַכצניאָריקער ייִנגל. איך מיין ניט, אַז איך וועל יעמאָלט שמייכלען פֿון זיך אַליין, איך מיין, אַז איך וועל יעמאָלט נאָך אויך פֿאַרשטיין די בענקשאַפֿט וואָס איך שפּיר איצטער"

---

140 ד״ס אָקאָרשט ציטירטע ווערק ז׳ 9.

(2) די שרײַבער ווילן זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן, זיי ווילן זיך אָפּגעבן אַ דין-וחשבון וועגן זיך אַליין:

„איך שרײַב אין דעם בוך כּדי זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון. איך וועל זיך פֿלײַסן צו זײַן אין גאַנצן ערלעך, — אויב מען קען מיך בכלל אָנרופֿן ניט ערלעך לגבי זיך אַליין".

„איך האָב דאָס בוך, כּדי זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון, כּדי צו זײַן אין גאַנצן ערלעך—לגבי זיך אַליין".

„אַרײַנצושרײַבן דאָס אין מײַן טאָגבוך איז מיר אַן אימה, נאָר איך מוז, וואָרעם איך האָב קיינעם ניט, וועמען איך זאָל דאָס קענען דערציילן".

„וואָס פֿאַר אַ ווערדע עס האָט פֿאַר מיר דאָס „טראַכטן בכּתבֿ" איז גאָר ניט אויסצודערציילן... ווי נאָר איך שרײַב אָן עפּעס וואָס פֿאַרנעמט מיך, מאַטערט מיך, קלעמט מיך, בין איך באַלד דערפֿון פּטור".

(3) די שרײַבער ווילן זיך רייניקן:

„איך וויל פֿרײַער ווי אַלץ אין אָט דעם בוך שטיין אמתדיק פֿאַר זיך אַליין. איך וויל זיך רייניקן פֿון חטאָים און פֿון זינד וואָס איך טו באַגיין אין מײַן לעבן אנטקעגן אַנדערע".

פֿון ריבניקאָווס באַהאַנדלונג[141] זעען זיך אַרויס אַזוינע מיני טאָגבוך-שרײַבער:

(1) אַזאַ וואָס עס ווילט זיך אים „פֿאַרעגיסטרירן זײַן לעבן";

(2) אַזאַ וואָס „ס'איז אין אים ספּעציעל שטאַרק די באַדערפֿעניש צו ריידן וועגן זיך מיט זיך אַליין".

(3) אַזאַ „וואָס וויל זען זיך אַליין ווי אין אַ שפּיגל".

בערנפֿעלד רעדט מער וועגן די פּאַקטישע מאָטיוון פֿון די טאָגבוך-שרײַבער איידער וועגן די מאָטיווירונגען זייערע, אָבער ווען מען אַקערט דורך זײַן בוך געפֿינט מען אַ ביסל צושטײַער צו אונדזער טעמע אויך. ער ווײַזט אָן, אַז די שרײַבער טראַכטן

(1) וועגן קלאָר מאַכן זיך פֿאַר זיך אַליין;

(2) וועגן פֿאַרענטפֿערן זיך;

(3) וועגן אײַנשאַפֿן זיך אַן אָנדענק פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט[142]; ספּעציעל ווילט זיך

141 דצ"וו ז' 9 און 60—62.

142 דצ"וו ז' 21: „גריינג אויף די פּיס איז דאָך דאָס גליק נאָר רעאַלערהייט; אין דער פֿאַנטאַזיע האָט עס דאָך אַ טבֿע צו זײַן אייביק, ווי אַנדערע טאָגבוך-שרײַבער שטרײַכן כּסדר אונטער."

(4) צוהאַלטן, איינהאַלטן גליקלעכע מאָמענטן[143].

ווען מיר קוקן איבער די דריי סך־הכּלען, וואַרפט זיך אונדז אין די אויגן די ענלעכקייט צווישן זיי. מילא וואָס ריבניקאָווס קאַטעגאָריעס דעקן זיך מיט בילערס איז אַ קנאַפּער ווונדער: ער איז אין גאַנצן אונטער איר השפעה. אָבער בערנפעלד און בילער זיינען דאָך אַנטאַגאָניסטן, און פּאָרט גייען זיי זיך צונויף אין דעם פּונקט; אַ סימן, אַז הגם דאָ קענען געמאָלט זיין מאָדיפיקאַציעס און אונטערטיילונגען, איז אָבער די צעטיילונג אין גרונט אַ ריכטיקע.

אָבער נאָך מער וואַרפט זיך אונדז אין די אויגן עפּעס אַנדערש: די קאַטע־גאָריעס וואָס מיר געפינען איינגעשטעלט ביי די טאָגבוך־פאָרשער קומען צו גאָר גאָר נאָענט צו יענע מינים מאָטיווירונגען וואָס מיר האָבן אין קאַפּ' 35 אויסגע־פונען ביי די מחברים פון אויטאָביאָגראַפיעס. טאָ ווו איז דער גוואַלדיקער מהלך צווישן די דאָזיקע צוויי מינים דאָקומענטן?

אין באַוווסטזיין פון די שרייבער איז אַזאַ מהלך ניטאָ. מיר האָבן ביז איצטער אַרגומענטירט מיט פאַרגלייכן מאָטיווירונגען פון פאַרשיידענע שרייבער וואָס האָבן אונדז דערלאַנגט ווער אַן אויטאָביאָגראַפיע און ווער אַ טאָגבוך. מיר האָבן אָבער נאָך אַ בעסערע ראיה: אויף וויפל עס קומט ביי יוגנטלעכע צו רייד וועגן ביידע מינים שאַפונגען,״ זעט זיך ניט, אַז זיי זאָלן מאַכן צווישן זיי וועלכן עס איז פּרינציפּיעלן אונטערשייד. זיי רעדן וועגן ביידע זאַכן בנשימה אַחת, גלייך ס'וואָלט געווען היינו הך. איך ברענג דערויף עטלעכע אויפווייזן פון דער ייוואָ־זאַמלונג.

„...די יאָרשדיקע שטימונג ביי מיר וועל איך אָוועקטרייבן און וועל זיך נעמען צו באַשרייבן מיין אויטאָביאָגראַפיע. איך מיין, אַז דאָס באַדאַרף צו זיין מיין חשבון־הנפש, אונטערשטרייכן דעם סך־הכּל פון מיין גאַנץ אַדורכלעבן ביז היינט צו טאָג, אויף ווי ווייט איך געדענק נאָר... טאַקע האָט איצט געשלאָגן די שעה, איצט איז געקומען די צייט, ווו איך וויל זיך פאַרטיפן אין מיינע געדאַנקען און מיר אַדורכבלעטערן אין מיין זיכּרון מיין פאַרגאַנגענהייט, אַלץ אַדאַנק דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. איך האָב שטענדיק געטרוימט וועגן אַזאַ מין געלעגנהייט. פון קינדווייז אָן האָט זיך מיר געוואָלט פאַרצייכענען אַלע מיינע טאָג־געשעענישן, פירן אַזאַ מין טאָגבוך, אָבער קיין מאָל האָב איך זיך ניט דערצידירט צו דעם״[144].

143 בערנפעלד רופט דאָס: שאַפן זיך רעליקוויעס. „אין אַ געוויסן זינען איז אַ טאָגבוך געגליכן צו אונדזערן אַן אַלטן פּאָרטרעט, און מען באַגייט זיך מיט אים [אין שפּעטערדיקע יאָרן] אויך אַזוי״ (ז' 19).—„להיפּוך צו אַנדערע קאָלעקציעס גייט דאָ וועגן חפצים, וואָס מען שאַצט זיי און היט זיי ניט צוליב זיי אַליין נאָר... צוליב זייער סימבאָלישער ווערדע. די אָנדענקען טייטן אויף אָביעקטן אָדער סיטואַציעס, אויף געשעענישן אָדער איבערלעבונגען, וואָס אָנשטאָט יענע שטייען זיי״ (ז' 17).

144 אויטאָב' נומ' 220, אַ בחור (סימן: וו. בן־עמי).

„...אַ סך מאָל ווי איך האָב שוין אָנגעהויבן שרײַבן מײַן ביאָגראַפֿיע, אַ סך מאָל אָנגעהויבן שרײַבן אַ טאָגבוך, אָבער איך האָב רעזיגנירט, ווײַל עס איז ניט אַזוי לײַכט. אָבער דאָ טו איך [עס], ווײַל—אויב איך האָב קיין טעות—איר הייסט! און דערפֿאַר בין איך אײַך דאַנקבאַר. ניין! עס איז ניט לײַכט צו שרײַבן פֿאַר אונדז קיין ביאָגראַפֿיעס, קיין טאָגביכער, וויפֿל לעבנס־דערפֿאַרונג מיר זאָלן ניט האָבן".[145]

„דער דראַנג אָנצושרײַבן מײַן ביאָגראַפֿיע עקסיסטירט שוין בײַ מיר זייער לאַנג, כמעט פֿון קינדערווײַז אָן, און אַדאַנק דעם איז בײַ מיר די גאַנצע פֿאַרגאַנגענהייט פֿריש אין זיכּרון. כ'האָב עס פֿיל מאָל געפּרוּווט פֿאַרווירקלעכן אין די [דער] פֿאָרם פֿון אַ טאָגבוך, אָדער סתּם נאָטירנדיק מײַנע איבערלעבונגען. קיין איין מאָל איז עס אָבער ניט דערגאַנגען צו קיין סיסטעמאַטישער אַרבעט, ווײַל כ'האָב עס באַלד פֿון אָנהייב איבערגעריסן. געשטערט האָבן מיר די שווערע מאַטעריעלע לאַגע (פֿאַרשאָלטענע באַדינגונגען), אומצופֿרידנהייט מיטן אַרומיקן און פֿיל מער די פּסיכישע לײַדן און ראַנגלענישן פֿון כּסדרדיקן אַרײַנטראַכטן אין זיך... דער העפֿט וואָס איך שיק אײַך דאָ איז דער לעצטער פּרוּוו אָנצושרײַבן די אויטאָביאָגראַפֿיע".[146]

דאָ האָבן מיר געהאַט אַרויסזאָגונגען פֿון דרײַ מענטשן וואָס האָבן געוואָלט שרײַבן אַ טאָגבוך און איבער די אָדער יענע טעמים ניט געקענט. אָבער אַזאַ יונגערמאַן וואָס האָט יאָ געשריבן אַ טאָגבוך סיסטעמאַטיש אין משך פֿון יאָרן קומט אונדז אויך עדות זאָגן, אַז די אויטאָביאָגראַפֿיע איז פֿאַר אים מערניט אַן אַנדער פֿאָרם טאָגבוך. מיר לייענען בײַ אים:

„כ'פֿיר זינט 1927 יאָר (אין לעצטן שוליאָר) אַ טאָגבוך. געמיינט האָב איך שטענדיק, אַז דאָס וועט זײַן אויסשליסלעך פֿאַר מיר, ווײַל ווער וועט אינטערעסירן, וואָס עס לעבט אַדורך, וואָס עס פֿילט און טראַכט אַ יוגנטלעכער אַרבעטער הײַנט צו טאָג? מײַן מיינונג איז ווײַזט אויס אַ פֿאַלשע געווען. דאַרף דעריבער דער קורצער אַרײַנפֿיר זײַן, אַזוי צו זאָגן, אַ באַגריסונג פֿאַרן קאָנקורס־פּראָיעקט".[147]

איך שטעל זיך דעריבער אײַן צו זאָגן:

ניטאָ קיין עיקרדיקער אונטערשייד אין דעם צוגאַנג פֿון אַ יוגנטלעכן צו אַן אויטאָביאָגראַפֿיע אָדער צו אַ טאָגבוך. אויב עפּעס אַן אימפּולס ברענגט אַ מענטשן צו שרײַבן (איינזאַמקייט, אַמביציע, נאָכטוונג, דער אויסקוק אויף אַ פּרעמיע אָדער וואָס עס איז אַנדערש), וועט די זעלבע פּערזאָן אַפּנים קומען צום אויסדרוק אין ביידע שרײַבפֿאָרמען אויף דעם זעלביקן שטייגער.

---

145 אויטאָב׳ נומ׳ 101, אַ בחור (סימן: ווען עס פֿעלט ווערטער).

146 אויטאָב׳ נומ׳ 277, אַ בחור (סימן: שלמה).

147 אויטאָב׳ נומ׳ 89, אַ בחור (סימן: י. ליוואַל).

40. פֿאַרלאָזלעכקייט פֿון אַ טאָגבוך

אין דעם ציטאַט וואָס מיר האָבן פֿריִער געבראַכט פֿון בערנפֿעלדן[148] האָבן מיר געלייענט, אַז ס'איז אַ שאַרפֿער חילוק פֿון טאָגבוך ביז אויטאָביאָגראַפֿיע. אויף אַן אַנדער אָרט פֿון זײַן בוך[149] שטויסן מיר זיך אָן אויף זאַץ וואָס קלינגט נאָך שאַרפֿער:

„ווי פֿליסיק עס זאָלן ניט זײַן די גרענעצן, זײַנען אויטאָביאָגראַפֿיע און טאָגבוך אין זייער אַנטוויקלטער פֿאָרם ממש היפּוכים וואָס שליסן זיך אויס... דאָס טאָגבוך איז אַקטועל (אימפּרעסיאָניסטיש), די אויטאָביאָגראַפֿיע קוקט אויף צוריק (עפּיש)....“

דאָס מוז אונדז געבן צו טראַכטן: בילער איז אַ שאַרפֿע קעגנערין פֿון פּסיכאָאַנאַליז, בערנפֿעלד איז אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער און גראָד דער צווישן פֿרוידס תּלמידים, וואָס איז דער גרעסטער קענער פֿון דעם סכום פּראָבלעמען. איז אויב אַזעלכע צוויי אַנטאַגאָניסטן גייען זיך צונויף אין אַ פּונקט, מוז דאָס שוין זײַן „בדוק ומנוסה“ פֿון אַלע זײַטן.

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז „היפּוכים וואָס שליסן זיך אויס“ זײַנען ביידע מינים פֿאַר בערנפֿעלדן נאָר אין פּרט פֿון פֿאָרם, און דאָס אויך נאָר אין דער טעאָריע. אין דער פּראַקטיק, הערן מיר פֿון אים מיט אַ פּאָר זײַטלעך ווײַטער, איז עפּעס אַנדערש.

„די טאָגביכער פֿון יוגנטלעכע און זייערע אויטאָביאָגראַפֿיעס (אויטאָביאָ-גראַפֿישע התחלות און פּרוּוון) האָבן אין דער פּראַקטיק מערנטיט פֿליסיקע גרענעצן און מישן זיך אויס גענוג אָפֿט... זייער אָפֿט געפֿינען מיר בײַם אַרײַנפֿאָר פֿון טאָג-ביכער קורצע אויטאָביאָגראַפֿיעס; דער מחבר גיט אַ כּוללדיקע אָפּמאָלונג פֿון זײַן לעבן ביזן אָנהייב טאָגבוך אָדער ער שטעלט אויף עטלעכע עפּיזאָדן פֿון זײַן ביז-איצטיקן לעבן“ 150.

און וואָס שייך דער פּסיכישער פֿונקציע, טרעפֿן מיר בײַ בערנפֿעלדן אַ הונדערט-פּראָצענטיקע באַשטעטיקונג פֿון דעם געדאַנק וואָס מיר האָבן אַרויס-געזאָגט אין פֿריִערדיקן קאַפּיטל:

„אויב מיר גיבן אַ קוק איבער דעם מאַטעריאַל,... צווינגט זיך אויף אונדז אַרויף די איבערצײַגונג, אַז טאָגבוך און אויטאָביאָגראַפֿיע וואַקסן אפֿנים פֿאָרט פֿון די נעמלעכע אָדער לפּחות פֿון קרובֿישע פּסיכישע באַדערפֿענישן“151.

אין פּרט פֿון פֿאַרלאָזלעכקייט, האַלט איך, איז אויך דאָס אייגענע. איך זע ניט קיין שום גרונד פֿאַר דעם טעזיס, אַז אויף אַ טאָגבוך קען מען זיך מער פֿאַרלאָזן איידער אויף אַן אויטאָביאָגראַפֿיע.

בילער האָט אונדז געוואָלט איבערצײַגן אין אירע Zwei Knabentage-bücher, אַז

148 זע אויבן ז' 151. 149 דצ״ו ז' 29. 150 דצ״ו ז' 31. 151 דצ״ו ז' 35.

„דער מחבר [פֿון טאָגבוך] אַנאַליזירט זיך... מחמת ער וויל קלאָר ווערן וועגן זיך אַליין. אָט די אויפֿריכטיקע באַמיִונג וואָס איז אויך אַן עלעמענט פֿון שרײַבן אַ טאָגבוך... שאַפֿט אָפֿט זייער אַ געוויסנדיקן שטרעבן צום אמת, וואָס איז געגליכן צום וויסנשאַפֿטלעכן אמת־זוכן".

אָבער שטרעבן צום אמת איז איינס און דערגיין צום אמת איז עפּעס אַנדערש. ווע לן וויל דאָך אַ שרײַבער פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿיע אויך.

אַז בילערס טעזיס איז ניט אַזוי אײַזן פֿעסט, צו דעם דערטראַכטן זיך אַפֿילו טייל שאַרפֿע חסידים פֿונעם טאָגבוך. וואָרעם אויב די אויטאָביאָגראַפֿיע לײַדט פֿון דעפֿעקטן פֿון זיכרון, לײַדט דאָך דאָס טאָגבוך פֿון אַנדערע דעפֿעקטן. דאָס דערקענט אויך רובינשטיין, און מיט צוויי זײַטלעך נאָך יענעם לויבליד וואָס מיר האָבן פֿריער ציטירט[152] גייט ער אַרויס מיט אַזאַ מין סקעפּטישער אָפּקילונג:

„מען דאַרף תמיד האָבן אין זינען, אַז הגם דער יונגער מחבר באַשטימט דאָס טאָגבוך פֿאַר זיך אַליין, אויסצודריקן און צו פֿאַרשרײַבן זײַנע אינטימסטע טראַכטענישן און איבערלעבונגען, רעדט אָבער פֿאָרט האַלב באַזינקט בײַ יעדערן, ווער עס פֿאַרשרײַבט זײַנע געדאַנקען און פֿיקסירט זײַן נשמה־וועלט, דער געדאַנק, אַז אַזאַ פֿאַרשרײַבונג קען אַרײַנפֿאַלן צו אַ זײַטיקן מענטשן אין די הענט. דער פּועל־יוצא איז, אַז מער אָדער ווייניקער באַמערקלעך נעמט מען פֿאַרשווײַגן פֿאַקטן. מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז עס קען זײַן בושה און שעמעוודיקייט פֿאַר זיך אַליין; בײַ יעדן מענטשן וואָס איז ניט פֿאַרדאָרבן ביז לעצט קענען זײַן אַזעלכע איבערלעבונגען און שפּירונגען, וועגן וועלכע ער קען ניט ריידן, ווער רעדט נאָך שרײַבן אָן אַ שווער האַרץ אַפֿילו ווען ער ווייס, אַז קיינער וועט דאָס ניט איבערלייענען. הייסט עס בײַ דער יוגנט דאַרף דאָס אויך קומען צום אויסדרוק אין פֿאַרשווײַגן אַ סך איבערלעבונגען, בפֿרט נאָך אַז זיי קומען צום יונגן מענטשן אין אַ שלייער פֿון אַ פֿאַרוווּרטער פֿרוכט אָדער פֿון אינטימער נײַקייט, אָדער פֿון גרויסער אומזיכערקייט און וואַקלעניש.

... אין טאָגבוך שילדערט די יוגנט אָפֿט ניט דאָס אמתע בילד, נאָר דאָס וואָס עס ווי ל ט זיך איר... דאָס ברענגט דערצו, אַז אָפֿט לייגט זיך אויפֿן טאָגבוך אַ בולטער אָפּדרוק פֿון ליטעראַרישער אָנגעצילטקייט, אַ פֿאַרלאַנג קינסטלעריש צו באַשרײַבן די איבערלעבונגען אאַז"וו. אָט דער חסרון, ד"ה די אומגענדיקע ניט־אויפֿריכטיקייט, איז אַ פֿאַקט ניט אָפּצופֿרעגן"[153].

אין אַן אַנדער אָרט פֿון זײַן בוך שרײַבט רובינשטיין, אַז בײַם באַהאַנדלען אַ טאָגבוך דאַרף מען אַלע מאָל „אַ טייל פֿון די לײדן, וועגן וועלכע עס רעדט דער שרײַבער, אַרויפֿרעכענען אויפֿן חשבון פֿון טאָגבוכיקער אַפֿעקטאַציע און פֿון ליטעראַטורצווען"[154]. טאָ ווו איז די אַבסאָלוטע עכטקייט, אמתדיקייט און פֿאַרלאָזלעכקייט?

---

152 זע ז' 150. 153 מ. רובינשטיין, דצ"וו ז' 10—11. 154 דצ"וו ז' 154.

די ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיטן יוגנט-פֿאָרשונג-מאַטעריאַל פֿון ייִוואָ באַרעכטיקט אין גאַנצן דעם קריטישן צוגאַנג צו טאָגביכער, און דערפֿאַר טאַקע האָב איך געבראַכט דעם לאַנגן ציטאַט פֿון פּראָפֿ׳ רובינשטיינס בוך. דער מחבר פֿון דאָקומענט נומ׳ 255 אין דער זאַמלונג פֿון ייִוואָ, וואָס האָט בײַגעלייגט צו זײַן אויטאָ-ביאָגראַפֿיע גרויסע טאָגביכער אויך (פֿון זינט 1931), גיט איבער מינדלעך, אַז ער האָט פֿריִער, פֿאַר 1931, אויך געהאַט געשריבן טאָגביכער, נאָר ער האָט זיי פֿאַרניכט. אויף מײַן פֿראַגע צו אים, הלמאַי ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער געענטפֿערט, אַז יענע זײַנען ניט געווען עכט און אויפֿריכטיק. ער פֿלעגט למשל שרײַבן גוט וועגן אַ מיידל און דערנאָך איר דאָס געבן איבערצולייענען. דער זעלבער שרײַבער איז איבערצײַגט, אַז הײַנט שרײַבט ער שוין אין גאַנצן אויפֿריכטיק און פֿרײַ; נאָר אין זײַן איצטיקן טאָגבוך וואַרפֿט זיך אויך דורך אַ ווענדונג צום „קומענדיקן לעזער". וואָס ווייסן מיר, וויפֿל טאָגביכער עס ווערן געשריבן מיט אַן אָפֿענעם אָדער האַלב אָפּגעשטופּטן אָדער אומבאַוווּסטזיניקן טראַכט וועגן דעם, אַז דאָס וועט אַרײַנפֿאַלן אין זײַטיקע הענט?

אַן אַנדער מאָל שרײַבט מען אַפֿילו בכּיוון ניט דאָס, מיט וואָס מען איז צום מערסטן באַשעפֿטיקט. אַ בחור פֿון אַ יאָר צוואַנציק פֿאָרמולירט גאַנץ קלאָר[155]:

„אין צווייטן פֿעברואַר שרײַב איך אַ טאָגבוך וועלכן כ׳ענדיק ניט. אינטע-רעסאַנט, אַז דערפֿאַר וואָס דאַמאָלס זײַנען [צו] מיר טאַקע דערגאַנגען די שלעכטע קלאַנגען וועגן חנהן[156] [„אַז זי איז אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג"], שרײַב איך גאָרניט וועגן איר אין טאָגבוך. כ׳דערמאָן איר אַפֿילו ניט".

ווען מיר האָבן נאָר זײַן טאָגבוך, וואָלטן מיר זיך וועגן חנהן אפֿשר גאָר ניט אָנגעשטויסן. פֿון דעם קאָנטעקסט אין דער אויטאָביאָגראַפֿיע אָבער קומט אויס, אַז דער געדאַנק וועגן דעם מיידל האָט אים יעמאָלט באַהערשט אין גאַנצן. לכל-הפּחות דוכט זיך אַזוי אויס דעם שרײַבער הײַנט, ווען ער קוקט אויף צוריק. טאָ ווו איז די גרעסערע פֿאַרלאָזלעכקייט פֿונעם טאָגבוך?

בערנפֿעלד קומט, אויפֿן סמך פֿון זײַן מאַטעריאַל, צו אַזאַ מין פֿאָרמולירונג וואָס דעקט זיך מיט אונדזערע געפֿינסן:

„פֿון איבערלעבונגען... פֿון דער העכסטער פּסיכישער באַטײַטיקייט קען אַ מאָל קיין סימן ניט זײַן, מחמת דער אָפּקלײַב לאָזט זיי ניט אַרײַן... אין טאָגבוך"[157].

אין אַן אַנדער אַרבעט זײַנער, געשריבן מיט עטלעכע יאָר פֿריִער, האָט בערנפֿעלד אויך באַהאַנדלט דאָס טאָגבוך ווי אַ מכשיר פֿון פּערזענלעכקייט-פֿאָרשונג און דערבײַ געגעבן אַזוינע שאַרף אָפּגעטאָקטע זאַצן:

---

155 אויטאָב׳ נומ׳ 46 אין ייִוואָ, ז׳ 39.

156 מיר האָבן דאָ געביטן דעם נאָמען.— אין יענער צײַט איז אונדזער שרײַבער אַלט געווען $16^1/_2$ יאָר.

157 דצ"ו ז׳ 13. — ריבניקאָוו אָבער, דצ"ו ז׳ 61, פּסקנט בתמימות: „דער פֿאַקט, וואָס אַ טאָגבוך ווערט צום אָפֿטסטן געפֿירט פּרײַוויליק, פֿאַר זיך אַליין... מאַכט איבעריק דאָס פּאָזירן".

„טאָגביכער פֿון יוגנטלעכע זײַנען ניט קיין מקורים אין זינען פֿון היסטאָ־רישע מקורים, ד״ה ס׳קען אונדז גאַנץ ווינציק אַרן, צי מען קען די מחברים געטרויען צי ניין. און מען קען זיי אויך ניט ברענגען פֿאַר עדות אויף פֿאַקטן, סײַדן נאָר מיט אַ קריטישער, מעטאָדישער אָפּגעהיטקייט, און מיט דער דאָזיקער אָפּגעהיטקייט דאַרף מען צוגיין סײַ צו די געטרײַלעכע און סײַ צו די ניט געטרײַ־לעכע מחברים און פֿאַקטן. טאָגביכער זײַנען שילדערונגען וואָס זײַנען דעפֿאָרמירט דורך באַוווּסטזיניקע און אומבאַוווּסטזיניקע טענדענצן, אָט פּונקט ווי חלומות, פֿאַנטאַזיעס, פּאָעזיע. זיי גיבן אונדז צוויי זאַכן. ערשטנס ווײַזן זיי אונדז די אָפּנוואָרע (ס׳הייסט אין אַ סך פּרטים דורך טענדענצן דעפֿאָרמירטע) שפּירעכישן, ווערלעכישן און איבערלעבונגען פֿון דער פּובערטעט. צווייטנס זײַנען זיי מקורים אויף צו געפֿינען אַ דערקלערונג אויף די דאָזיקע טענדענצן און אויף דעם פּסיכישן מאַטעריאַל וואָס זיי האָבן דעפֿאָרמירט. אַזאַ דערקלערונג נייטיקט זיך אין אָנשפּאַר־פּונקטן, דערפֿאַר איז אַ טאָגבוך פֿאַר זיך, אויב מער קיין מאַטעריאַל פֿונעם מחבר איז ניטאָ, באַגרענעצט אין זײַן ווערט בײַם דערקענען די פּסיכיק פֿונעם מחבר... בשום־אופֿן טאָר מען ניט „גלייבן״ די טאָגביכער...

אָט מיט וואָס פֿאַר אַ צוגאַנג מיר [פּסיכאָאַנאַליטיקער] גייען צו צו אַ טאָג־בוך: עס גיט אַ שטרענג מאָטיווירטן אָפּקלײַב פֿון איבערלעבונגען; יעטווידער אָנגעשריבן און יעטווידער איבערגעהיפּערט וואָרט האָט זײַן זינען. נאָר ווייסן מיר לײַדער ניט די קריטעריומס פֿון אָפּקלײַב; דער טאָגבוך־שרײַבער גופֿא האָט זיי אויך ניט געוווּסט. מיר טאָרן ניט מערן די גרײַזן וואָס קומען פֿון דעם אָ מקור דורך דעם וואָס מיר ווילן מוטווילליק אַרויסכאַפּן דאָ עפּעס און דאָרטן עפּעס... מעטאָדיש וואָלט געווען צו זײַן קאָנסעקווענט, ד״ה צו פֿאַרניצן אַלע ערטער פֿונעם טאָגבוך...

... אין אַ ניט וויכטיקער נאָטיץ פֿון אַ טאָגבוך זײַנען נאָר יעמאָלט ניטאָ קיין סודות בשעת מיר האָבן פֿאַרשטאַנען יעטווידער דעטאַל אין דעטערמינאַציע און פּשט, און בשעת מיר פֿאַרשטייען, וואָס עס האָט געבראַכט דעם שרײַבער צו פֿאַרשרײַבן דווקא די איבערלעבונג דווקא אין דער פֿאָרם״[158].

41. אָפּנוואָרער דאָקומענט און פּסיכאָאַנאַליטישער ווידוי

עס וואָלט געווייִנטלעך געווען איבערגעטריבענע גדלות צו מיינען, אַז מיט אַ פּאָר ציטאַטן פֿון בר־סמכאס און מיט דעם בינטל אויטענטישן טאָגבוך־מאַטעריאַל האָב איך אָפּגעפֿרעגט די מסקנות, צו וועלכע בילער איז געקומען אין לאַנג־יאָריקער אַרבעט. אָבער אַז מיר קענען איר שיטה ניט אָננעמען איז אויך קלאָר, אונדז גייט ניט — דאָס דאַרף גוט אונטערגעשטראָכן ווערן, טאָמער איז עס ניט געניג אָנזיכטיק פֿון אונדזער ביזאיצטיקער דיסקוסיע — אין מבטל זײַן דאָס טאָגבוך ווי אַ מאַטעריאַל פֿאַר פֿאָרשונג. די אויסקרימונגען, באַפּוצונגען און

---

158 Bernfeld, Dr. Siegfried. Die heutige Psychologie der Pubertät. Kritik ihrer Wissenschaftlichkeit. Wien 1927, p. 40—45.

ניטדערררעדטקייטן לאָזן אַלע עפּעס הערן, פֿון יעטווידער קלייניקייט איז עפּעס געדרונגען. ס׳איז נאָר אַ פּלוגתּא וועגן דעם, צי אַ מיטצײַטישער דאָקומענט איז *דורכן עצם פֿאַקט פֿון זײַן מיטצײַטישקייט* בילכער איידער אַ נאָכצײַטישער.

די פֿאַרענטפֿערונג פֿון אַזעלכע מעטאָדאָלאָגישע ספֿקות קען ניט קומען פֿון דעם, וואָס מען וועט דערלאַנגען עטלעכע גוטע טאָגביכער אָדער דעמאַסקירן אַ ניט־געראָטענע אויטאָביאָגראַפֿיע. אַ מעטאָדיש געפּאַנצערטן דערווײַז קען מען אַרויסבאַקומען נאָר יעמאָלט, אויב מען זאָל *קאָנפֿראָנטירן* ביז אין די דעטאַלן אַרײַן עטלעכע גוטע אויטאָביאָגראַפֿיעס מיט עטלעכע גוטע טאָגביכער פֿון די זעלבע פּערזאָנען; יעמאָלט ערשט וועלן מיר דערקענען די מעלות און חסרונות פֿון דעם נאָכצײַטישן און דעם מיטצײַטישן דאָקומענט.

די יוגנט־פֿאָרשונג פֿון ייִוואָ וועט זיך נעמען דערצו. מיר פֿאַרמאָגן אין אונדזער זאַמלונג אַ געוויסע צאָל טאָגביכער וואָס די מחברים פֿון די אויטאָביאָגראַפֿיעס האָבן געפֿירט פֿריִערדיקע יאָרן. אַ קאָנפֿראָנטאַציע פֿונעם נאָכצײַטישן דאָקומענט (אויטאָביאָגראַפֿיע) מיטן מיטצײַטישן (טאָגבוך, און דאָס אייגענע אויך בריוו, ליטעראַרישע פּרוּוון אאַז״וו) לאָזט אונדז מאַכן אַ פֿאַרגלײַך, ווי אַזוי דער זעלבער מענטש האָט געקוקט אויף זיך אין פֿאַרשיידענע תּקופֿות פֿון זײַן לעבן; און אַ צאָל אַזויגע קאָנפֿראָנטירטע אַרויסזאָגונגען פֿון פֿאַרשיידענע פּערזאָנען וועט האָבן אַ היפּשן מעטאָדאָלאָגישן ווערט, צו פֿאַרענטפֿערן די ביז איצט ניט פֿאַרענטפֿערטע פֿראַגע, אויף וואָס מיר מעגן זיך ריכטן פֿון דעם און פֿון יענעם סאָרט מקור.

איידער דאָס וועט זײַן אָפּגעטאָן, איז ניט נאָר וואָס מיר וועלן זיך ניט בייגן פֿאַר דער האָפֿערדיקער אָנגרײַפֿערישקייט פֿונעם טאָגבוך, נאָר אַ מקשן וואָלט אַפֿילו געמעגט פּרוּוון אַרויסגיין מיט אַ „טאָמער פֿאַרקערט“. גיט נאָר אַ טראַכט. אַ מענטש נעמט זיך דאָך בדרך־כּלל פֿירן אַ טאָגבוך אין אַ צושטאַנד פֿון אויפֿגערודערטקייט (און דערפֿאַר טאַקע שרײַבט מען דאָס רוב טאָגביכער אין דעם פּעריאָד פֿון צײַטיקונג). ווי באַלד אַזוי, איז דאָ דער פֿונאַנדערגאַנג צווישן געוועזן און געדוכט ספּעציעל אַ גרויסער. ס׳איז אַזוי ווי אַ געדיכטער נעפּל וואָלט פֿאַרדעקט אַ טאָל. אין אַ פּאָר יאָר אַרום אָבער איז דער ספּעציפֿישער נעפּל פֿון דער פּובערטעט אַריבער און דער מענטש זעט קלערער; אפֿשר איז אַ סבֿרא, אַז די דאָזיקע *ליטערקייט אויף אַ מהלך* איז דורכזיכטיקער איידער די פֿאַרנעפּלטקייט אויפֿן אָרט?

מיר וועלן ניט נאָכגיין נאָכן מקשן אויך. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף דעם, אַז איידער די קאָנפֿראָנטאַציע, וועגן וועלכער מיר האָבן אָקאָרשט גערעדט, איז דורכגעפֿירט געוואָרן, זײַנען מיר ניט באַרעכטיקט אָפּצוּוואַרפֿן אויף הורט ניט דעם און ניט יענעם מקור. ביידע מיני דאָקומענטן—דערויף מוזן מיר מושווה ווערן ביז וואָס ווען—נײַטיקן זיך אין אינטערפּרעטאַציע. ניט דאָס טאָגבוך און ניט די אויטאָביאָגראַפֿיע זײַנען ניט קיין אָפּשפּיגלונגען פֿון דעם, ווי אַזוי

דער פּסיכישער אַקט איז פּראַקטיש פֿאַרגעקומען. אויב מיר זאָלן זיך פֿאָרשטעלן דעם פּסיכישן אַקט ווי אַ ליניע און די באַשרײַבונג פֿון דעם אַקט אויך ווי אַ ליניע וואָס הייבט זיך אָן אין דעם זעלבן פּונקט, דאַרפֿן מיר זיך לכתחילה ריכטן, אַז די ביידע ליניעס וועלן זיך ניט דעקן, נאָר עס וועט זײַן צווישן זיי אַ ווינקל. ניט אַלע מאָל איז דער ווינקל פֿון איין גרייס. ווי גרויס דער ווינקל איז קענען מיר אויף פֿאָרויס ניט וויסן. ניט תּמיד וועלן מיר דאָס קענען אויסגעפֿינען אויך, וואָרעם חוץ אַלע זאַכן דערציילן דאָך די דאָקומענטן וועגן עבֿרדיקע זאַכן, וואָס אין דעם מאָמענט ווען מיר פֿאָרשן זיי קענען מיר זיי שוין ניט איבער־קאָנטראָלירן.

אין דעם פּרט, קענען מיר שוין איצטער זאָגן, האָבן זיך אויטאָביאָגראַפֿיע און טאָגבוך גאָר ניט וואָס איבערצונעמען איינס אַנטקעגן דאָס אַנדערע: ביידע שטייען אויפֿן פֿלײן פֿון אָפֿנוואָרקייט, און פֿרוידס דינאַמישע פּסיכאָלאָגיע האָט אונדז אויסגעלערנט, אַז דער פּסיכישער אַקט איז איינס און אונדזער וויסן וועגן דעם פּסיכישן אַקט אונדזערן איז גאָר עפּעס אַנדערש.

וואָס אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער האָט צו זאָגן קעגן יעטווידער פּסיכאָגראַפֿיע אויפֿן באַזיס פֿון אָפֿנוואָרע מאַטעריאַלן, וואָלט זיך אפֿשר געלאָזט סומירן אַזוי[159]:

אַפֿילו אויב דער בעל־דבֿר איז אין גאַנצן אויפֿריכטיק און וויל זאָגן דעם גאַנצן אמת, איז זײַן אַרויסזאָגונג אויך באַגרענעצט אין איר איבערצײַגעוודיקייט, וואָרעם מער ווי ער האָט אין זײַן באַוווסטזײַן קען ער דאָך ניט געבן. קודם איז דאָס אַ פֿראַגע פֿון געדענקען און פֿאַרגעסן; דאָס וואָס עס ווילט זיך ניט געדענקען, צוליב די אָדער יענע טעמים, „פֿאַרגעסט מען", ד"ה מען פֿאַרשטויסט עס אין אומבאַוווסטזײַן אַרײַן.

גאָכפֿרעגן זיך בײַ אַנדערע מענטשן, למשל בײַ טאַטע־מאַמע אָדער בײַ עלטערע מיטקינדער, איז אויך ניט קיין סגולה, וואָרעם אין בעסטן פֿאַל וועלן זיך יענע דערמאָנען מערניט אָפּגעריסענע אויסווייניקסטע פֿאַקטן. אינעם רובֿ פֿאַלן וועלן די אַרומיקע זיך בכלל ניט דערמאָנען יענע פֿאַקטן, אויף וועלכע מען פֿרעגט, ווײַל אַן אַפֿעקטיוון ווערט האָבן זיי דאָך געהאַט נאָר פֿאַר אונדזער סוביעקט אַליין. נעמט אַ בײַשפּיל פֿון אַ מעשׂה־שהיה. איינער אַ מענטש איז זיכער, אַז אויף זײַן פּסיכיק האָט געהאַט אַ גרויסן אײַנפֿלוס אַ שטערבלעכע סכּנה, אין וועלכער ער האָט זיך געפֿונען אין עלטער פֿון 5–6 יאָר. ער איז געגאַנגען מיט זײַן פֿאָטער אויף אַ שפּאַציר אין אַ דאָרפֿישער מיל און איז אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ הויכער קופּע תּבֿואה, וואָס איז דאָרטן געווען אָנגעשאָטן. מיט אַ מאָל האָט ער דערשפּירט, אַז ער ווערט אײַנגעזונקען און שטיקט זיך. ער האָט גענומען שרײַען און מען האָט אים אַרויסגעראַטעוועט.

---

159 פֿג"ל אויבן ז' 161 בערנפֿעלדס קריטיק אויפֿן טאָגבוך ווי אַ מכשיר פֿון פּערזענלעכקייט־פֿאָרשונג.

דאָס איז די גאַנצע איבערלעבונג — אַ קלייניקייט וואָס קען זיך טרעפֿן אַלע טאָג, און גיכער ווי אַלץ איז די „שטערבלעכע סכּנה“ דאָ געווען שטאַרק איבער־געטריבן. אַ סימן: קיינער אין דער משפּחה, אַחוץ דעם סוביעקט גופֿא, הייבט ניט אָן צו געדענקען דעם פֿאַל; אויב ס'וואָלט געווען עפּעס ערנצטס, וואָלט מען דאָס אין שטוב געוויס פֿאַרגעדענקט.

אָבער דאָס איז די מעשׂה, וואָס דער ווינקל צווישן אָביעקטיוו וויכטיק און סוביעקטיוו וויכטיק (בעסער וועט זײַן צו זאָגן: סתּם וויכטיק און פּערזענלעך וויכטיק) קען אַמאָל זײַן 180 גראַד די גרייס. מיר דאַרפֿן דאָך ניט אַרויסלאָזן פֿון אויג, אַז ניט נאָר די אמתע איבערלעבונגען פֿון אַ קינד זײַנען פּסיכישע פֿורעם־פֿאַקטאָרן, נאָר אויך זײַנע פֿאַנטאַזיעס (וואָר־חלומות) און זײַנע חלומות[160] און דאָס איז אַלץ בדרך־כּלל אין גאַנצן ניט צוטריטלעך פֿאַרן דרויסנדיקן אָבסערווירער, אַפֿילו אויב עס ליגט אים שוין יאָ אין זינען צו אינטערעסירן זיך מיט די אַלע „נאַרישקייטן“ וואָס דאָס קינד פּראָדוצירט אין זײַנע בײַטאָגיקע און בײַנאַכטיקע חלומות. גאַנץ אָפֿט דערגייען דאָך יענע אומבאַוווּסטזיניקע איבערלעבונגען אַפֿילו צום קינדס אייגענעם באַוווּסטזײַן אויך ניט. און אַפֿילו דער דערוואַקסענער מענטש איז אויך גאַנץ ווײַט פֿון צו קענען זיך אַליין, אי אַחר המעשׂה אי בשעת מעשׂה. ער „ראַציאָנאַליזירט“ זײַנע מאָטיוון, און גאַנץ אָפֿט זײַנען זײַנע אמתע מאָטיוון און כּוונות פּונקט דער היפּוך פֿון דעם וואָס ער אַליין גלייבט באמונה שלמה[161].

פֿאַראַן אָבער געוויסע צושטאַנדן, וועט דער אַנאַליטיקער אָנגיין ווײַטער מיט זײַן קריטיק, ווען עס גיבן זיך אַזוי צו זאָגן אַן עפֿן אויף די פֿאַרמאַכטע לאָדנס פֿון אומבאַוווּסטזײַן. אַזוינע צושטאַנדן זײַנען: קראַנקייטן ווען מען רעדט פֿון וועג; אָדער, להבדיל, די אַלטע יאָרן. פֿאַראַן אויך געוויסע טעכניקעס, מיט וועלכע מען קען מאַכן דעם מענטשן שיידן זיך מיט די סודות וואָס ער האָט ביז יעמאָלט ניט געוואָלט אַרויסגעבן. אַזאַ טעכניק איז למשל היפּנאָז. אָבער דעם באַקוועמסטן—הגם געוויס אויך ניט קיין גרינגן — וועג צו דערגרונטעווען זיך צו די פּסיכישע טיפֿענישן האָט אונדז געגעבן די פּסיכאָאַנאַליטישע שול, וואָס איר האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען די עצם אויפֿדעקונג פֿונעם אומבאַוווּסטזײַן. אין פֿאַרגלײַך מיט היפּנאָז למשל איז פּסיכאָאַנאַליז אי פֿאַרלאָזלעכער אי ער לאָזט זיך בעסער איבערחזרן און קאָנטראָלירן. אַזאַ פּסיכאָאַנאַליטישער „ווידוי“ וועט אויסזען גאָר

---

160 דערמאָנט זיך דעם פֿאַל מיט די מידלינעס בײַם פֿעטער אויף די באַקן—זע אויבן ז׳ 124.

161 אַ פּאָר איינצלפֿאַלן אויף איבערצוטראַכטן, וואָס ווײַזן דעם כּוח פֿון אומבאַוווּסטזײַן אַנטקעגן דעם קאָנטראָלירנדיקן שׂכל:

ער האָט זיך פֿאַררעדט—און דערבײַ ניט ווילנדיק אויסגעזאָגט דעם אמת.

אַ מענטש קען די אויסלייג־כּללים אויף אויסנווייניק, און פֿאָרט שרײַבט ער מיט גרײַזן.

„איך ווייס, אַז עס איז אַ נאַרישקייט, און פֿאָרט עס איך זיך אָפּ דאָס האַרץ“.

„איך וויל, נאָר עס ווילט זיך ניט“.

אַנדערש איידער אַן אָפֿנוואָרע אויטאָביאָגראַפֿיע שוין נאָך אַלע צוגאָבן פֿון אינטערוויוען, דאָקומענטאַציע און אַזוי ווײַטער.

אָט דאָס בערך האָט דער פּסיכאָאַנאַליטיקער צו זאָגן צו אונדזער טעמע, און זײַן קריטיק קען זיך באַרימען צו זײַן באמת וואָגיק. ווי אַזוי מען זאָל ניט קוקן אויף פֿרוידס גאַנצער סיסטעם און אויף דער פֿראַגע וועגן דעם הייל־כּוח פֿון פּסיכאָאַנאַליז, וועט אָבער קיינער דוכט זיך ניט לייקענען אויף ערנצט, אַז אין גאַנג פֿון אַנאַליז, אויב ס'געדויערט נאָר גענוג לאַנג, אַנטפּלעקט דער אַנאַליזאַנד אַזעלכע איבערלעבונגען, וואָס פֿריִער איז ער זיי ניט געווען אין שטאַנד צו דערמאָנען.

אָבער דאָ וואָלט איך אויך אַפּעלירט פֿאַר אָפּגעהיטקייט פּונקט ווי אין דער ניטלאַנגיקער דיסקוסיע אויטאָביאָגראַפֿיע—טאָגבוך. אַ פֿולן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, אין וואָס עס באַשטייט דער רעלאַטיווער ווערט פֿון אַ *גוטער* אָפֿנוואָרער און אַ *גוטער* אַנאַליטישער אויטאָביאָגראַפֿיע, קענען מיר באַקומען נאָר *אויב מיר וועלן דאָס אויספֿאָרשן*. מען דאַרף פֿריִער שאַפֿן עטלעכע ווי ווײַט מיגלעך פֿולקומע לעבנסגעשיכטעס אויפֿן פֿליין פֿון אָפֿנוואָרקייט; הייסט עס באַקומען פֿון די סוביעקטן אי אויטאָביאָגראַפֿיעס, אי טאָגביכער, אי נאָך דאָקומענטאַציע, און דערגאַנצן דאָס דורך אינטערוויוען מיט די בעלי־דבֿרים אַליין און מיט מענטשן פֿון זייער אַרומרינגלונג. דערנאָך דאַרף מען מיט דער זעלבער גרונטיקייט נעמען זיך שאַפֿן די צווייטע זײַט פֿון דער אומגלײַכקייט: נעמען די בעלי־דבֿרים אין אַנאַליז אַרײַן, פֿירן דעם אַנאַליז אַזוי לאַנג ווי מען וועט באַדאַרפֿן און פֿאַרצייכענען די רעזולטאַטן שעה פֿאַר שעה.

דאָס איז אַ שווערע אויפֿגאַבע, נאָך אַ סך שווערער איידער דער סיסטעמאַטישער פֿאַרגלײַך פֿון אויטאָביאָגראַפֿיע און טאָגבוך. אָבער דערפֿאַר איז קלאָר, אַז אויב די פּלוגתּא אויטאָביאָגראַפֿיע—טאָגבוך גייט אַרויס פֿונעם גבֿול פֿון ייִדישער יוגנט־פֿאָרשונג, איז מען דאָס אַוודאי באַרעכטיקט צו זאָגן וועגן דעם ענין, וועגן וועלכן מיר ריידן איצטער. ווען מיר זאָלן קענען דורכפֿירן אַזאַ סיסטעמאַטישן פֿאַרגלײַך צווישן דעם, וואָס אַ מענטש „ווייס“ און צווישן זײַן פּסיכאָאַנאַליטישן „ווידוי“, וואָלט דאָס געווען אַ קאַפּיטאַלער צושטײַער צו דער מעטאָדאָלאָגיע פֿון דער גאַנצער וויסנשאַפֿט פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט.

אַרויסטראָגן דעם פּסק *איידער* די דאָזיקע אַרבעט איז דורכגעפֿירט געוואָרן וואָלט הייסן כאַפּן די פֿיש פֿאַר די נעץ. דערווײַל דאַרף מען אַרבעטן, ווער אויף וועלכן פֿעלד עס קען. אפֿשר האָט יעדער גאַנג זײַנע אייגענע מעלות. דער וואָס אַרבעט אויפֿן פֿליין פֿון אָפֿנוואָרקייט מעג אַפֿילו האַלטן (כּל־זמן ס'איז ניט דערוויזן געוואָרן דער היפּוך), אַז מיט זײַן מעטאָד דערגייט ער צו טייל אַזוינע פּסיכישע אַקטן, וואָס דער אַנאַליטיקער וואָלט זיך אויף זיי ניט אָנגעשטויסן. אויסמײַדן דאַרף מען נאָר מעכאַניש צו שטוקעווען אַנאַליז און אָפֿנוואָרע פּסיכאָגראַפֿיע, וואָרעם מיר וויסן ניט, אויף וויפֿל ביידע מקורים זײַנען מיטמעסטלעך.

42. שטודיעס פֿון אונטן אַרויף

ביידע מינים פּסיכאָגראַפֿיע, די אָפּנוואָרע און די פּסיכאָאַנאַליטישע, קענען צונויפֿגענומען ווערן אין איין גרופּע לויטן סימן, וואָס זיי זײַנען ביידע רעטראָספּעקטיווע, אָדער היסטאָרישע מעטאָדן. ס׳איז פֿאַראַן נאָך אַ וועג וואָס איז פּרינציפּיעל אַנדערש, דער וועג פֿון שטודיעס פֿון אונטן אַרויף, ד״ה פֿון יונג צו עלטער. אויב מיר האָבן יענעם וועג גערופֿן דער היסטאָרישער, קענען מיר דאָ געפֿינען אַן אַנאַלאָגיע מיטן גאַנג פֿונעם קראָניק-שרײַבער וואָס גייט נאָך פּוסטריט נאָך זײַנע איבערלעבונגען און פֿאַרצייכנט זיי טאָג פֿאַר טאָג. ס׳איז אַ טאָגבוך-מעטאָד, אָבער אַ טאָגבוך וועגן יענעם, ניט וועגן זיך.

ע. סאַפּיר צייכנט אָן אַזאַ מין פּראָגראַם פֿאַר אַ פֿאָרשונג פֿון אונטן אַרויף:

„פֿאָרשט דאָס קינד בפּרטיות און זאָרגעוודיק פֿון זײַן געבוירן אָן ביז, לאָמיר זאָגן, זײַן צעניאָריקן עלטער מיטן געדאַנק צו זען דעם סדר, אין וועלכן קולטור-פֿורעמס באַווײַזן זיך אין זײַן פּסיכישער וועלט: פֿאָרשט די וועדרע פֿון די אָ פֿורעמס פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון זײַן פּערזענלעכקייט; און צום סוף פֿון דעם אָנגעוויזענעם פּעריאָד געפֿינט אויס, וואָס פֿאַר אַ טייל פֿון דער גאַנצער אָפֿיציעלער קולטור פֿון דעם קיבוץ האָט פֿאַר אים, קען מען זאָגן, אַ ממשותדיקע עקסיסטענץ. נאָך מער: וואָס פֿאַר אַ גראַד סיסטעמאַטיזירונג, באַוווסטזיניק צי אומבאַוווסטזיניק, אין די קאָמפּליצירטע פֿורעמס און סימבאָליזמען פֿון קולטור וועט אָט דאָס קינד האָבן דערגרייכט? דאָס איז אַ שווערע אויפֿגאַבע, געוויס, אָבער ניט קיין אוממיגלעכע. פֿריִער אָדער שפּעטער וועט דער גענעטישער פּסיכאָלאָג זיך נעמען דערצו״.[162]

די שוועריקייטן פֿאַר אַזאַ מין פֿאָרשונג „פֿון אונטן אַרויף“ זײַנען, ווי איך פֿאַרשטיי, אַזוינע. כּל-זמן דאָס קינד איז קליין, קענען מיר נאָר אָ ב ס ע ר ו ו י ר ן זײַן אויפֿפֿיר, אָבער מיר קענען פֿון אים באַקומען נאָר אין אַ גאַנץ שוואַכער מאָס אַ פּ י ר ו ש אויף זײַנע מאָטיוון און כּוונות; און כאָטש מיר האָבן זיך שוין אויסגעלערנט צו זען דעם אָפּנייג-ווינקל צווישן דעם וואָס אַ מענטש מיינט און צווישן דעם וואָס עס איז מיט אים פֿאַקטיש, איז אָבער זײַן אינטערפּרעטאַציע אויך אַ וויכטיקער מיטל צו פֿאַרשטיין אים. שפּעטער ווידער, ווען דאָס קינד ווערט גרעסער, קען ער אונדז שוין יאָ אויסהעלפֿן מיט זײַן „אייגן-באַגעם“; אָבער וואָס מער ער ווערט זעלבשטענדיק, אַלץ מער עמאַנסיפּירט ער זיך פֿון דער שטוב, אַלץ שווערער ווערט צו אָבסערווירן אים.

אָבער דאָס צווייטע איז אפֿשר נאָר אַ טעכנישע שוועריקייט, און ווען מען זאָל האָבן אַ גענוג פֿאַרלאָזלעכן קאָנטראָליר-אַפּאַראַט, וואָס זאָל פֿאַר איינס ניט פֿאַלן צו לאַסט דעם אָבסערווירטן און ווי ווײַט מיגלעך אַפֿילו זײַן פֿאַר אים אומבאַמערקלעך, קען מען די אָבסערוואַציע טרײַבן היפּש ווײַט. ווי באַלד אַזוי, מוז מען

[162] זע דעם אַרטיקל, וואָס זײַן קעפּל איז ציטירט אויבן ז׳ 65, הערה 58.

אין אַזוינע שטודיעס פֿונאַנדערדרוקן יענע ענדפּונקטן וואָס כאַפּיר מאַרקירט אויס. ער רעדט דאָ וועגן דעם אופֿן ווי אַזוי דער יחיד נעמט איבער די כּלל-קולטור און מאַכט זי איבער אויף זײַנער אַן אייגענער, אינדיווידועלער קולטור; איז אים געגעוג אָנצוהייבן פֿון געבוירן. אָבער אויב מיר האָבן אין זינען אַ לענגשניטיקע פֿאָרשונג פֿון אַ יחיד אין אַ לעצט ברייטן פֿאַרנעם, דאַרפֿן מיר אָנהייבן פֿריִער: אָנגענומען, אַז ס'איז מיגלעך צו אָבסערווירן די קומעדיקע מוטער, דאַרף אויך די ביזגעבורטיקע סטאַדיע פֿונעם קינד פֿאַרצייכנט ווערן ווי ווײַט מיגלעך גענוי. חוץ דעם דאַרף צו דעם מאָמענט ווען דאָס קינד קומט אויף דער וועלט שוין זײַן פֿאַרטיק אַ פֿולער דין-וחשבון (ד"ה אַזוי פֿול ווי עס לאָזט זיך) וועגן זײַן „יִחוס" און די מיגלעכע פֿאַקטאָרן פֿון ירושהדיקייט. ווידער וואָס שייך דער פֿראַגע ב י ז ו ע ן, טאָר מען זיך ניט אָפּשטעלן בײַ צען יאָר און מען דאַרף לכל-הפּחות אַריבערציִען די שטודיע איבער דער שוועל פֿון פּובערטעט.

ווען עס זאָל געראָטן אויף אַזאַ מין אופֿן צו באַקומען עטלעכע פֿאַרלאָזלעכע פּסיכאָגראַפֿיעס „פֿון אונטן אַרויף", וואָלט דאָס שטאַרק באַרײַכערט די וויסנשאַפֿט.

איין באַמערקונג נאָך פֿון אַ מעטאָדישן כאַראַקטער, איידער מיר פֿאַרענדיקן דעם איצטיקן טייל בוך. מיר האָבן אָקאָרשט דערמאָנט די „מ י ג ל ע כ ע פֿאַקטאָרן פֿון ירושהדיקייט", און מיט דעם אָ געוואָרנטן גאַנג זײַנען מיר געגאַנגען די גאַנצע צײַט. ווי וויכטיק עס זאָל ניט זײַן דער עיִנין ירושהדיקייט אָדער סבֿיבֿה אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פֿון אונדזער וויסן פֿון מענטשן, איז אָבער דער עיִנין ניט געקומען צו קיין באַריכותדיקער דיסקוסיע אין דעם דאָזיקן בוך. דאָס איז ניט קיין צופֿאַל, נאָר ס'נעמט זיך פֿון דער איבערצײַגונג, אַז די פּראָבלעם ירושהדיקייט אָדער סבֿיבֿה קען ניט פֿאַרענטפֿערט ווערן דורך אַ פֿראָנטאַלן אַטאַק אויפֿן פֿעלד פֿון דער וויסנשאַפֿט פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט גופֿא. דאָס איז אַן עיִנין פֿאַר אַנדערע וויסנשאַפֿטן.

פֿאַראַן איין פֿעסטשטעלונג וואָס מיר זײַנען דוכט זיך יאָ באַרעכטיקט צו מאַכן: אַז די פֿאָרשונג פֿון די לעצטע פּאָר צענדליקער יאָר האָט צעטרייסלט דעם פֿריִערדיקן פֿעסטן גלויבן, אַז יעדערנס שיקזאַל איז אײַנגעשטעלט דורך די מזלות אָדער דורך זײַן מיטגעבוירנשאַפֿט. אויב אַזאַ זאַך ווי מיטגעבוירנשאַפֿט איז בכלל דאָ, גיט זי פֿונדעסטוועגן גאָר פֿאַרשיידענע פּערזענלעכקייט-רעזולטאַטן, אויב מען שטעלט זי אַוועק אין פֿאַרשיידענע באַדינגונגען. דעריבער קען דער פֿאָרשער פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט—הגם ער דאַרף ניט טעאָרעטיש ווערן קיין „סבֿיבֿיסט"— אָנגיין מיט זײַן פֿאָרשונג אויף אַזאַ אופֿן, גלײַך אין זײַן סוביעקטס פּערזענלעכקייט וואָלטן קיין מיטגעבוירענע עלעמענטן ניט געווען. ער וועט אָבער געדענקען, אַז אין זײַנע פֿאָרמלען איז פֿאַראַן עפּעס אַן X, און ווען עס איז וועט ער אפֿשר דערגרונטעווען זיך צו פּסיכישע עלעמענטן וואָס מען וועט ניט קענען דערקלערן מיט אויסווייניקסטע אײַנפֿלוסן; ממילא וועט פֿעסטגעשטעלט ווערן, אַז דאָס זײַנען געירשנטע עלעמענטן.

דער גענעטיקטער ווידער גראָבט דעם טונעל אין דער זעלבער צײַט פֿון דער אַנדער זײַט, למשל אויף דעם אופֿן ווי מיר האָבן אָקאָרשט אָנגעמערקט, אָדער דורך שטודירן „אידענטישע" (איינאייִקע) צווילינגען. די צווילינג-פֿאָרשונג האָט פֿאַר די לעצטע יאָרן אויפֿגעטאָן אַ סך. זי איז געבויט אויף דער הנחה, אַז איינאייִקע צווילינגען מוזן טראָגן אין זיך די זעלביקע ירושהדיקייט; ממילא זײַנען אַלע שפּעטערדיקע אונטערשיידן צווישן זיי אַרויסגערופֿן דורך סבֿיבֿה-דיקע ווירקונגען.

אין אַ געוויסן פּונקט וועלן זיך ביידע טונעל-גראָבער באַגעגענען, און יעמאָלט וועט זיך אַנטפּלעקן, וואָס עס איז דער רעאַלער ווערט פֿון דעם קולטור-און-פּערזענלעכקייט-פֿאָרשערס X.

ספּעציעל וויכטיק איז די פֿראַגע „וואָס איז בירושהדיק?" פֿאַר דער „מענטש-לעכער טעכנאָלאָגיע" (זע קאַפּ' 74—75). וואָס מער טעריטאָריע מיר קענען אַרויסרײַסן בײַ דער אומברחמנותדיקער בירושהדיקייט וואָס ווייס ניט פֿון קיין אַפּעלאַציע, אַלץ בעסער זײַנען די שאַנסן צו בײַטן דעם מענטשן.

III. פּראָבלעמען

43. נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער פּערזענלעכקייט

ווען מיר קומען איצטער צו, נאָך אַ היפּשער אַרבעט אויפֿן מעטאָדישן אונטערבוי, צו די ספּעציעלע פּראָבלעמען וואָס עס דאַרף זיך שטעלן די ייִדישע יוגנט־פֿאָרשונג, וועט דער לייענער זיך ניט חידושן, וואָס ער וועט אין דעם טייל געפֿינען מער פֿאָדערונגען צו דער וויסנשאַפֿט איידער פֿעסטשטעלונגען, מער פֿראַגעס איידער ענטפֿערס. לאָמיר געדענקען, אַז מען האַלט נאָך ערשט בײַם אָנהייב פֿונעם אָנהייב.

מיר האָבן אין ערשטן טייל פֿון בוך כאַראַקטעריזירט די ראָם, די אַלגעמיינע סכעמע, לויט וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ דאָס לעבן פֿון יעדן ייִדישן יחיד פּונקט אַזוי ווי פֿון אַ ניט־ייִדיש. אָבער ווי נאָר מיר קומען צו פֿונעם „סתּם יחיד“ צום קאָנקרעטן יחיד יוסף אָדער יוזעף אָדער יאָסיף אָדער דזשאָזעף אָדער דזשוזעפּע, זעען מיר באַלד, אַז די סכעמע ווערט מאָדיפֿיצירט, אָט פּונקט ווי דער זעלבער נאָמען האָט זיך געביטן אין געוויסע פּרטים. אין דעם „סתּם לעבן“ פֿון אונדזער ייִדישן יחיד פֿלעכטן זיך כּסדר אַרײַן ייִדישע מאָמענטן, און דערין טאַקע שטעקט דער טעות פֿון אַנטקעגנשטעלן ייִדישע יוגנט־פֿאָרשונג דער סתּם יוגנט־פֿאָרשונג: אויך דער ניט־ייִדישער יוגנטלעכער, צי מען האָט אים געפֿאָרשט אין מאָסקווע אָדער אין ווין אָדער אין ניו־יאָרק, איז סבֿיבֿהדיק באַדינגט, ממילא אויך נאַציאָנאַל באַדינגט.

איינע פֿון די עיקר־פּראָבלעמען פֿון דער גאַנצער פֿאָרשונג אונדזערער איז דעריבער: אין וואָס באַשטייט די ספּעציפֿישע סיטואַציע פֿון דעם ייִדישן קינד און יוגנטלעכן?

מיט דער הילף פֿון דעם גאַנג טערמינען, צו וועלכע מיר האָבן זיך דעראַרבעט אין די פֿריִערדיקע קאַפּיטלעך, קענען מיר דאָס אויסדריקן פּינקטלעכער:

וואָסערע ספּעציפֿישע פּסיכישע פֿורעמס קומען אַרײַן אין דער פּערזענלעכקייט פֿונעם ייִדישן קינד און יוגנטלעכן אַדאַנק זײַן צוגעהעריקייט צום ייִדישן קיבוץ?

צי איז כּדאַי זיך אָפּצוגעבן אַזוי אינטענסיוו מיט דעם ענין? דער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע וואַקלט זיך פֿון „יאָ“ מיטן פֿולן מויל ביזן האַרבסטן „ניין“. פֿאַר איינע איז דאָס נאַציאָנאַלע מערניט אַ בינטל דרויסנדיקייטן וואָס האָבן אַ טבֿע נעלם צו ווערן דורך אַסימילאַציע אין שפּראַך (מען טרעפֿט אויך אַזאַ וואַריאַנט אין פֿאָרמולירן: דאָס נאַציאָנאַלע איז בלויז אַ מאַסקע פֿאַר קלאַסנדיקע היפּוכים, וואָס עמעצן לוינט זיי צו מאַסקירן). פֿאַר אַנדערע ווידער איז נאַציע (פֿון מער חשיבֿות וועגן קרוינען זיי עס מיטן וואָרט „ראַסע“) דער געטלעכער אומפֿאַרענדערלעכער יסוד סײַ פֿון קולטור און סײַ פֿון פּערזענלעכקייט.

אונדזער גאַנג איז ניט דער און ניט דער. אויף ז׳ 125 א״וו האָבן מיר גערעדט וועגן פֿאַרשיידענע „זאַצן״ פֿאַקטאָרן, וואָס זײַנען טעטיק בײַם אויספֿורעמען אַ פּערזענלעכקייט, און מיר זײַנען דערבײַ דורכגעקומען, אַז אַ געוויסן זאַץ פֿאַקטאָרן f_u, f_t, f_s, f_r ... נעמען מיר אָן פֿאַר אַ רעזולטאַט פֿון דעם פֿאַקט, וואָס דער יחיד באַלאַנגט צו אַ געוויסן נאַציאָנאַלן קיבוץ. הייסט עס, פֿאַר אונדז איז ניטאָ קיין מהותיקער אונטערשייד—כאָטש עס איז פֿאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד אין די פֿאַקטנדיקע אַרויסווײַזונגען — צווישן נאַציאָנאַלע שווערקייטן אָדער גוטיקייטן און אַנדערע סאָציאַלע שטערונגען אָדער גוטיקייטן, מיט וועלכע דער וואַקסנדיקער פּערזענלעכקייט קומט אויס זיך צו באַגעגענען. לדוגמא רוף איך אָן אַזוינע סיטואַציעס: דאָס קינד פֿון אַ קערער אַנטקעגן די קינדער פֿון באַלעבאַטישע שכנים; די קינדער פֿון שוואַרצאַרבעטער און זייערע שול-חבֿרים פֿון די „העכערע״ שיכטן; די קינדער פֿון דער אַמאָליקער בורזשואַזיע (איצטיקע „לישענצעס״) אין ראַטן-פֿאַרבאַנד אין פֿאַרגלײַך מיט די פּיאָנערן, וואָס רעפּרעזענטירן די הערשנדיקע פּאַרטיי.

טרעפֿט טאַקע, אַז מענטשן בייגן אַריבער דעם שטעקן אין דער צווייטער זײַט[1] און לייקענען, אַז עס זײַנען בכלל פֿאַראַן וועלכע עס איז ספּעציפֿיש ייִדישע „פֿורעמס״ אין דער פּסיכיק פֿון דער ייִדישער יוגנט. אַלצדינג, זאָגן אָט די מענטשן, לאָזט זיך צעלייגן אין עלטערדיקע, סאָציאַלע אָדער קלאַסנדיקע גרונט-עלעמענטן, אַז עס זאָל ניט בלײַבן קיין נשאר. אַ געפֿיל פֿון מינערקייט, זאָגן זיי, איז פֿאַראַן בײַ יעטווידער קינד אַנטקעגן דערוואַקסענע; דאָס אייגענע איז פֿאַראַן אין יעדער סבֿיבֿה די סיטואַציע פֿון אַ בן-יחיד, פֿון אַן עלטערן ברודער אַנטקעגן אַ ייִנגערן, פֿון אַ באַעוולטן אַנטקעגן פּריווילעגירטע.

אין גרונט איז דאָס אפֿשר ריכטיק, און דעריבער איז בעסער צו ריידן ניט וועגן אַ ספּעציפֿישער ייִדישער פּסיכיק, נאָר וועגן ספּעציפֿישע עלעמענטן פֿון דער ייִדישער פּסיכיק. אָבער עס זײַנען פֿאַראַן סבֿיבֿות וואָס פֿאַרגרינגערן איבערצוקומען אַ געוויסן מין קאָנפֿליקטן און פֿאַראַן אַנדערע סבֿיבֿות, ווו די זעלבע קאָנפֿליקטן ווערן פֿאַרשווערט. פֿאַראַן פֿאַרהעלטעניש וואָס גיבן אַ פּרעמיע פֿאַר פּראָטעסט אָדער פֿאַרקערט, ווו פּחדיקע פּערזאָנען קענען דווקא דערגרייכן אַ גוטע געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציע. דער זעלבער פּערזענלעכקייט-עלעמענט קען אין פֿאַרשיידענע פֿאַרהעלטענישן מאַכן אַ מענטשן גליקלעך אָדער אומגליקלעך.

די אומשטאַנדן, אין וועלכע עס לעבט דער קיבוץ, זײַנען גורם, אַז דער זעלבער שטריך (דער זעלבער „פֿורעם״ לויט דער אַמעריקאַנער טערמינאָלאָגיע וואָס מיר האָבן אָנגענומען) באַווײַזט זיך בײַ אַ סך, און אפֿשר בײַ דער מערהייט מיטגלידער פֿון אָט דעם קיבוץ. דאָס ברענגט דערצו, אַז פֿאַרן דרויסנדיקן אָבסערוואַטאָר האָט דער גאַנצער קיבוץ אָט דעם געוויסן שטריך. דערפֿון נעמט

[1] ט׳איז פּונקט דער היפּוך פֿון דעם וואָס מיר האָבן געזען בײַ לויִסאָנען; זע ז׳ 23 א״וו.

זיך די פֿאָרשטעלונג וועגן דער אַמביציעזקייט, אָדער דער געלטגײַציקייט, אָדער קאָנסערוואַטיווקייט, אָדער רעוואָלוציאָנערישקייט פֿון „אַ" ייִדן; דערפֿון וואַקסט די מוזיקאַלישקייט, אָדער די פֿרומקייט, אָדער די אָפּגעלאָזנקייט פֿון „אַ" נעגער אאַז"וו.

אונדז איז פּריקרע אָט דער סאָרט כאַראַקטעריסטיקעס: טרוקן ווי אַ דײַטש, קאַלט ווי אַן ענגלענדער, היציק ווי אַן איטאַליענער. אפֿשר קומט דער דערווידער פֿון דעם, וואָס די כאַראַקטעריסטיק וואָס מען גיט *אונדז* אין דער דרויסנדיקער וועלט איז דאָס רובֿ אַ נעגאַטיווע. און ווער האָט עס ניט אויסגעפּרוווט אַליין, אַז עס זײַנען דאָ געגנוג סיבות צו ווײַכן פֿון אַזוינע גענעראַליזאַציעס? ווען איר קומט קיין ענגלאַנד, וועט זיך אײַך די ערשטע פּאָר טעג אויסווײַזן, אַז אַלע ענגלענדער זײַנען געגליכן איינס צום אַנדערן מיט זייער שווײַגעוודיקייט, מיט זייער שטרענגן בליק, מיט זייער פּאַרקאָכטקייט אין ספּאָרט אאַז"וו. אָבער אויב מיר זאָלן האָבן אַ געלעגנהייט אָפּצולעבן מיט דעם קיבוץ געגנוג צײַט צוזאַמען, וועלן מיר געוויס קומען צום באַשלוס, אַז דאָס צוזאַמענדיקע וואָס מיר האָבן קאָנסטאַטירט צום אָנהייב איז געווען מערניט אַן אייבערשטער שיכט וואָס האָט צוגעדעקט טיפֿערע אינדיווידועלע אונטערשיידן. בײַ איינעם וועלן מיר אויסגעפֿינען, אַז די כּמו קאַלטקייט האָט געהאַט פֿאַרהוילן דעם טעמפּעראַמענט פֿון אַ כּעסן, און אַ צווייטער וועט זיך אַנטפּלעקן פֿאַר אַ היפּשן ברײַער אונטער דער מאַסקע פֿון אַן אַנגלאָסאַקסישן שווײַגער.

הייסט עס וואָס? ניטאָ אויף אַן אמת קיין נאַציאָנאַלע „פֿורעמס"? ניין, ניט דאָס איז דערפֿון געדרונגען. דער אויספֿיר איז, אַז פֿאַר דעם דרויסנדיקן אָבסערוואַטאָר האָבן אַלע יוונים איין פּנים, פּסיכיש אַזוי גוט ווי פֿיזיש. דער וואָס איז אינעווייניק איז מער מסוגל צו אַבסטראַהירן פֿון די קיבוצדיקע שטריכן (וואָס זײַנען אָבער גאָרניט אַלעמאָל אַן אויסטראַכטעניש), און ער זעט ווידער אַ מאָל דעם יחיד פֿאַר זיך. אַזוי איז ניט דווקא מיט נאַציאָנאַלע שטריכן אַליין. דאָס זעלבע איז מיט די פּסיכישע פֿורעמס פֿון פֿויערטום, פֿון אַלטע בחורים, פֿון איין איינציקער פֿאַמיליע. אַ מיטגליד פֿון אַ פֿאַמיליע וועט ניט אַזוי גיך דערקענען די ענלעכקייט צווישן זײַנע ברידער און שוועסטער ווי אַ זײַטיקער מענטש. דער דרויסנדיקער זעט מער וואָס עס פֿאַראייניקט, דער אינעווייניקסטער זעט גיכער דאָס וואָס עס צעטיילט.

געווײנטלעך שיקט זיך צו פֿרעגן, וואָס עס איז דער *וואָרצל* פֿון די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן. אָבער לאָמיר האָבן געדולד. אויפֿן איצטיקן שטאַפּל פֿון פֿאָרשונג אָרט אונדז בעצם גאָרניט, צי דאָס נאַציאָנאַלע איז געגעבן געוואָרן אויפֿן באַרג סיני פֿאַרטיקערהייט אָדער עס איז אין זיך ווידער אַן אונטערשטע שורה פֿון עקאָנאָמישע, געאָגראַפֿישע און אַנדערע מאָמענטן. פֿאַר אונדז איז וויכטיק איינס: וואָס עס זאָל ניט זײַן דער וואָרצל פֿון די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, אָבער אַ יש זײַנען זיי, און פֿאַראַן זײַנען די דאָזיקע נאַציאָנאַלע פּסיכישע פֿורעמס גאָרניט דווקא נאָר בײַ מיטגלידער פֿון אַ *באַעוולטן* קיבוץ[2].

---

[2] מיר קומען צוריק, בעסער באַוואָפֿנטע, צו די עיבגים וואָס זײַנען אָנגערירט געוואָרן אויבן אין קאַפּ' 5.

געוויינטלעך, ביז גאָר דורכזיכטיק איז דער ענין, לאָמיר זאָגן, בײַם אַמעריקאַנער נעגער, וואָס זײַן גאַנצע עקסיסטענץ איז באַשטימט דורכן קאָליר פֿון זײַן הויט. אַ בולט־קלאָרע איז אויך די סיטואַציע פֿון אַ ייִדן אין אַ ריי אייראָפּעיִשע לענדער, ווו זײַן אויסזען, זײַן שטייגער ריידן און סוף כּל סוף זײַן מעטריקע באַשטימען אין אַ גרויסער מאָס זײַן גורל. אָבער אויסשפּירן די נאַציאָנאַלע עלעמענטן קען מען בײַ יעדער איינעם, וואָס אין זײַן קיבוץ גילט אַ ווערטן־סקאַלע אויפֿן באַזיס פֿון נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט. ווער עס קען אַ ביסל אַמעריקע, דער ווייס, אַז עס איז ניט קיין צופֿאַל, וואָס גראָד אין אַמעריקאַנער ענגליש ווערט דאָס צײַטוואָרט to belong גענוצט אָן אַן אָביעקט, מיטן פּשט פֿון „געהערן צו דער בעסערער געזעלשאַפֿט". די פּערזענלעכקייט פֿון דעם „הונדערט־פּראָצענטיקן" אַמעריקאַנער ווערט היפּט באַשטימט דורך דעם, וואָס אַרום אים זײַנען פֿאַראַן שוואַרצע און אימיגראַנטן, צו וועלכע ער געהער ניט. אָט דאָס ניט־געהערן צו אַ באַוואוסטן קיבוץ באַקומט אַמאָל זייער אַ רעאַלן ווערט. נעמט אַ שטייגער די „אָרעמע ווײַסע" (poor whites איז אַן אָנגענומענער טערמין) אין דרום פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. פֿאַראַן דאָרטן נעגערס וואָס זײַנען רײַכער און געבילדעטער איידער אַנדערע ווײַסע; אָבער די „אָרעמע ווײַסע" האַלטן זיך פֿונדעסטוועגן מיט טויזנט קעפּ העכער פֿאַר י ע ד ן נעגער: ווער בין איך און ווער ביסטו! דאָס אייגענע איז הײַנטיקן טאָג אין דײַטשלאַנד, ווו אַ סך „ריינע אַריער" האָבן כאָטש די סאַטיספֿאַקציע, וואָס זיי שפּירן זיך העכער פֿאַר ייִדן. אָט דאָס זײַנען נאַציאָנאַלע עלעמענטן וואָס קומען פֿון נ י ט ־ געהערן צו אַ קיבוץ, און די עלעמענטן מוזן זײַן היפּש וויכטיק, ווי באַלד זיי קענען ביז אַ צײַט קאָמפּענסירן אַפֿילו דעם מאַנגל אין עולם־הזה.

נאָך מער: אַזעלכע עלעמענטן אין דער פּערזענלעכקייט, וואָס וואַקסן פֿון נאַציאָנאַלע וואָרצלען, קען מען געפֿינען אַפֿילו אין איינפֿעלקערדיקע געזעלשאַפֿטן, אויב נאָר די דאָזיקע געזעלשאַפֿט האָט וועלכן עס איז קאָנטאַקט מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אָדער ראַסעס. דער דורכשניטלעכער ענגלענדער למשל נעמט זיך אַדורך מיטן אונטערשייד צווישן זײַן פֿאָלק און די קאָלאָניאַל־פֿעלקער (די „נייטיווס") לאַנג איידער עס קומט אים אויס צו באַזוכן אַ קאָלאָניע. טעאָרעטיש הייסט עס קען געמאָלט זײַן, אַ קיבוץ זאָל זײַן אויף אַזוי ווײַט איזאָלירט פֿון אַנדערע קיבוצים, אַז אין דער פּערזענלעכקייט פֿון זײַנע מיטגלידער זאָל זיך דער זאַץ נאַציאָנאַלע פֿאַקטאָרן רעדוצירן ביז נול. אָבער אין דער פּראַקטיק, פֿאַרשטייען מיר שוין איצטער, זײַנען אַזוינע סיטואַציעס אַ סך זעלטענער איידער מען מאָלט זיך אויס דאָס רוב[3].

דאָ ווײַזט זיך אַגבֿ אַרויס, אַז אַפֿילו אַזאַ פּשוטער באַגריף ווי מינאָריטעט איז אויך ניט קלאָר פֿון זיך אַליין. דער ענגלענדער אין ראָדעזיע באַלאַנגט אויך צו אַ מינאָריטעט, אָבער גראָד דערין שטעקט זײַן פּריווילעגיע. וואָרעם דאָ מיינט מינאָריטעט: די ווײַסע, די געבילדעטע, מיט איין וואָרט — די הערשנדיקע גרופּע.

3 פּגל׳ אויבן ז׳ 24 א״וו דעם פֿאַל מיט דער בערלינער ייִדישער מיידל.

דאָס רובֿ, געוויינטלעך, איז מינאָריטעט דער טײַטש מינערקייט אין רעכט אָדער, בײַ יורידישער גלײַכבאַרעכטיקונג — מינערקייט אין פּראַקטישע מיגלעכקייטן[4]. ממילא הייסט דאָס, אַז מיטגלידער פֿון אַזאַ קיבוץ מוזן איבערקומען אַ גאַנג פּסיכישע צוגאָב־שוועריקייטן צו יענע אַלע שוועריקייטן וואָס יעטווידער מענטש גייט אַדורך אויפֿן וועג פֿון קינדהייט צו דערוואַקסנשאַפֿט. אויף צו געבן זיך אַן עצה מיט די דאָזיקע שוועריקייטן דינען אים געוויסע פּסיכישע קאָמפּענסאַציעס.

בײַ דער ייִדישער יוגנט, ווי מיר וועלן זען מיט אַ פּאָר קאַפּיטלעך ווײַטער, פֿאָדערן די אָ שוועריקייטן און די אָ קאָמפּענסאַציעס אַ ספּעציעלע אויספֿאָרשונג, וואָרעם דאָ קומט צום אויסדרוק דער ספּעציפֿישער צושטאַנד פֿון הײַנטיקן ייִדישן לעבן. עס איז איינע פֿון די עיקר־אויפֿגאַבעס פֿון אונדזער יוגנט־פֿאָרשונג צו דערגרונטעווען זיך צו די דאָזיקע עלעמענטן פֿון דער פּערזענלעכקייט. איך גלייב, אַז אַ וועג דערצו קען געפֿונען ווערן. דאָס וועט זײַן אַ טריט נעענטער אײַנצושטעלן און צו סטאַנדאַריזירן יענע אויסמעסטלעכע איינסן, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אין קאַפּ׳ 23.

44. די ייִדישע פּסיכישע ספּעציפֿישקייט

געדענקען דאַרף מען נאָר:

די פּערזענלעכקייט־עלעמענטן וואָס דרינגען אַרויס פֿון יעדן „זאַץ" פֿאַקטאָרן, דערין אויך יענע עלעמענטן וואָס וואַקסן אַרויס פֿון דער נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט, בלײַבן ניט ליגן אין דער פּערזענלעכקייט אויף באַזונדערע פּאָליצעס. אַלע עלעמענטן פֿון דער פּערזענלעכקייט זײַנען אויפֿגעגאָסן אין איינעם.

אָט נעם איך למשל אַזאַ מין פֿאַל:

אין אַ העברעיִשער שול אין לעטלאַנד אַרבעט אַן איבערגעגעבענער לערער. זײַן אידעאַל איז „העברעיִזירן דעם גלות". זײַן גאַנצע ענערגיע גיט ער אַוועק פֿאַר דעם אידעאַל, ער האָט געבראַכט פֿאַר זײַן זאַך אַ סך פּערזענלעכע קרבנות און ער האָט טאַקע אַ סך אויפֿגעטאָן אויך. ער שטייט העכער איידער די לערער פֿון די אַנדערע טיפּן שולן אין דעם שטעטל, און ער האָט צוגעצויגן אַ סך עלטערן. עס ווײַזט אויס, אַז ער האָט געזיגט אויפֿן גאַנצן פֿראָנט. נאָר אויף איין אָפּשניט האָט ער דעם שונא, דעם גלות, ניט געקאָנט באַזיגן: אין זײַן אייגענער מישפּחה. ער האָט אַ זון פֿון אַ יאָר 11 וואָס גייט אויך אין דער העברעיִשער שול, ווײַל אַזוי וויל דער טאַטע, און ער לערנט זיך ניט שלעכט אויך. אָבער דער ייִנגל האָט פֿײַנט די שול, האָט פֿײַנט העברעיִש, און כאָטש ברען אים און בראָט אים, וועט ער מחוץ דער שול קיין העברעיִש ניט ריידן. צום טאַטן קומען געסט, אָבער אָנשטאָט צו קענען זיך באַרימען מיטן זון

---

[4] למשל קען אין קיִעוו, פּונקט ווי אין ווילנע, אַ ייִדיש קינד פֿרעגן בײַם טאַטן, פֿאַר וואָס די נעמען פֿון די גאַסן זײַנען ניט אָנגעשריבן אין ייִדיש אויך.

נעמט דער טאַטע פֿון אים אײַן בזיונות. און דורך דעם ווערט דעם לערערס פּאָזיציע אין שטעטל ווידער אַ שווערע. מען מורמלט שוין: וואָס פֿאַר אַ כּוח האָט שוין העברעיִש, אַז אַפֿילו דעם לערערס אייגענער זון וויל ניט?

אין דער אמתן איז דאָ ניט העברעיִש שולדיק און ניט דער לערער איז שולדיק. דער אמתער אונטערשלאַק איז די פֿאַמיליע-סיטואַציע.

צווישן דעם לערער און זײַן פֿרוי איז ניטאָ קיין שלום-בית (לאָמיר זיך באַנוגענען מיט אָט דעם באַלעבאַטישן טערמין, וואָרעם קיין נעענטערע פּרטים דאַרפֿן מיר דאָ ניט). דאָס קינד האָט זיך פֿרי אָריענטירט אין דער אָנגעצויגנקייט און האָט זיך בפירוש געשטעלט אויף דער מאַמעס צד. ניט נאָר אַ געוויסע ריוואַליטעט מיטן פֿאָטער איז אין אים אויפֿגעוואַקסן—דאָס וואָלט גראָד געווען נאָרמאַל—נאָר אַ בפירושע שׂינאה צום פֿאָטער, צו אַלץ וואָס איז מיטן פֿאָטער פֿאַרבונדן.

דאָס איז די אינדיווידועלע פֿאַמיליע-סיטואַציע (וואָס אין שאַפֿן זי האָבן געוויינטלעך מיטגעווירקט סאָציאַלע סיבות אויך). איצטער מוז זיך דעם קינדס אַנטיפּאַטיע אָנקליידן אין געוויסע קאָנקרעטע פֿאָרמען; אָט די פֿאָרמען ווערן צוגעשטעלט דורך דער סאָציאַלער סבֿיבֿה. אין אַ פֿויערשער פֿאַמיליע וואָלט זיך די אַנטיפּאַטיע געקאָנט אויסגיסן בײַם קינד אין אַ פֿאַרביסענעם דערווידער צו לאַנדווירטשאַפֿט, צום אַקערן און מעלקן; אַ דאָרפֿישער יונג מיט די געפֿילן קען אַנטלויפֿן אין שטאָט באַדײַ אויף הונגערן דאָרטן, אַבי ניט זײַן אין דאָרף וואָס איז פֿאַר אים דעם פֿאָטערס לופֿט. אין אַ פֿאַמיליע פֿון אַ פּריץ אַ יעגער וואָלט אפֿשר דער ייִנגל געוואָרן אַ פֿאַנאַטישער וועגעטאַריער, כּדי ניט צו האָבן דעם מינדסטן מגע-ומשא מיט דעם פֿאָטערס ליבהאָבערײַ. אין אַ צוויי-שפּראַכיקער סבֿיבֿה, ווו די שפּראַך פֿונעם מיעוט קעמפֿט פֿאַר אירע רעכט און דער טאַטע איז איינער פֿון די קעמפֿער, קען דאָס קינד דווקא וועלן ריידן ניט אַנדערש אויף דער מערהייטשפּראַך. און ווו דער פֿאָטער איז צונויפֿגעקניפּט מיט העברעיִש און העברעיִש איז דער אָביעקט פֿון זײַן ליבע, קען דאָס קינד פּסקענען פֿאַר זיך: דווקא ייִדיש.

אין קאַפּיטל 6, ווו ס'איז צום ערשטן געקומען צו רייד וועגן די „אַלגע-מיינע" און „ייִדישע" שטריכן פֿון אַ ייִדנס פּערזענלעכקייט, האָבן מיר געזאָגט: אַ שוואַכע טבֿיעת-עין קען זײַן, בײַ אַ באַשטימטן יחיד, אַ נאַציאָנאַלע אייגנקייט; יאָ אָדער ניט מוזיקאַליש אַ נאַציאָנאַלע אייגנקייט; מורא פֿאַר הינט אַ נאַציאָנאַלע אייגנקייט. איצט באַווײַזט זיך, אויף וואָס קוקנדיק איך בין געקומען צו אַזאַ מסקנא.

יעטווידער קינד, סײַדן ער איז אַן אומנאָרמאַלער, האָט אין זיך אַ געוויסע מאָס צייכן-פֿעיִקייטן; אָבער אַנטוויקלען אַנטוויקלען זיי זיך בשעת מען גיט דעם קינד אַ געלעגנהייט זיך צו פּראַקטיקירן. אין די באַדינגונגען פֿון טראַדיציאָנעלן ייִדישן לעבן איז אָבער ניט נאָר וואָס מען האָט די געלעגנהייט ניט געגעבן, נאָר מען האָט ממש געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג פֿון די אָ פֿעיִקייטן. שוין ווײַטער מענטשעלעך? רק ער פּאַטשקעט מענטשעלעך! אַזאַ בחור ווי דו איז קראַנק

אַרײַנצוקוקן אין אַ ספֿר? ממילא איז אַ נאָרמאַל ייִדיש קינד אין אונדזער סבֿיבֿה, ד״ה איבער נאַציאָנאַלע פֿאַקטאָרן, אין פּרט פֿון קענען צייכענען געגאַנגען ניט ווײַטער ווי אַן אָפּגעשטאַנען קינד („אינדיווידועלער פֿאַקטאָר״) אין אַן אַנדער סבֿיבֿה. און עס איז שוין ניט שווער צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס אַן אויספֿאָרשונג פֿון די צייכן־פֿעיִקייטן פֿון ייִדישע קינדער אין אַ שטעטל ווי ווילקאָווישק, ליטע, שטעלט פֿעסט, אַז זיי זײַנען אין דעם פּרט היפּש הינטערשטעליק[5].

מיט מוזיקאַלישקייט איז פֿאַרקערט. נגינה איז בײַ ייִדן אַלעמאָל געווען אָנגעלייגט און באַליבט — הייסט עס די סבֿיבֿה האָט באַגינציקט דעם חשק דערצו. אײַ בײַ ייִדן איז ניט געווען, ביז ניט לאַנג, קיין רעגולערע מוזיקאַלישע אויס־בילדונג, קיין פּיאַנע־שפּיל, קיין קאָנסערוואַטאָריעס? האַלט אַ שרײַבער וועגן דער טעמע, אַז דווקא צוליב דעם זײַנען בײַ ייִדן אין די לעצטע צוויי דורות פֿאַראַן אַזוי פֿיל גוטע מוזיקער: מען האָט בײַ אונדז ניט קאַליע געמאַכט דעם אויער מיט איבערבילדונג[6].

מורא פֿאַר הינט איז געווען נאַטירלעך אין אַ סבֿיבֿה, ווו פּריצים האָבן אָנגעהעצט זייערע הינט אויף ייִדן און ווו האַלטן אַ הונט איז געווען פֿאַר־רעכנט פֿאַר אַ גויִישן ענין. אָנרייצן אַ הונט אויף אַ שונא איז אַן „אַלגעמיין מענטשלעכער״ גאַנג; אָבער ווען עטלעכע טויזנט ייִדישע רענדאַרן האָבן בײַ יעדן גאַנג צום פּריץ אין הויף געדאַרפֿט ציטערן פֿאַרן כּלבֿ בײַם טויער, איז די מורא פֿאַר אַ הונט געוואָרן אַ ייִדישער שטריך. אַזאַ רענדאַר איז געווען גענוג אָנגעשראָקן, און ווען ער פֿלעגט, גייענדיק שבת מיט זײַן זון פֿון קלויז, דערזען פֿונדערווײַטנס אַ הונט, פֿלעגט ער זיך בעסער אָפּטראָגן בײַצײַטנס. אָט אַזוי האָט זיך די מורא פֿאַר הינט בײַ ייִדן געקענט איבערפֿלאַנצן פֿון טאַטעס צו קינדער. ווען איך פֿלעג אין אַמעריקע וועלן וויסן, צי די קינדער אין עפּעס אַ פֿאַמיליע זײַנען דורך און דורך אַמעריקאַניזירט, פֿלעג איך קיין מאָל ניט פֿרעגן אויף דער שפּראַך וואָס דאָס קינד רעדט, נאָר צי ער האָט מורא פֿאַר הינט צי ניין. און מיר דוכט, אַז אין דעם זינען האָבן זיך אַמעריקאַנער ייִדישע קינדער אַסימילירט אַ סך ווינציקער איידער אין שפּראַך.

נאָך אַ וואָרט וועגן שלאָגן זיך מיט „שקצים״. ייִדישע קינדער בדרך כּלל מײַדן אויס צו שלאָגן זיך מיט שקצים. דער עולם זאָגט: „עס ליגט זיי אין בלוט״. מיר האָבן שוין אָקאָרשט געזען, אַז מען דאַרף דאָס בלוט ניט מטריח זײַן, אַז די סאָציאַלע פֿאַקטאָרן אַליין קלעקן פֿאַר אַ דערקלערונג. אָבער פֿאַראַן חבֿרה וואָס שטעלן זיך יאָ אַנטקעגן, הײַנט מער ווי אַמאָל. דאָס וואָס די ייִדישע

[5] Wolberg, Dina. Zur differentiellen Psychologie der Juden. Julius Beltz, Langensalza. 1927. 32 pp.

[6] Rosenthal, H. Die Musikalität der Juden. In: Internat. Zs. für Individualpsychologie 1931, pp. 122-131.

יוגנט איז הײַנט קעגנשטעליקער ווי פֿריִער איז ווידער אַ מאָל אַ סאָציאַלע ערשײַנונג. נאָר ווי אַזוי קומט די סאָציאַלע ערשײַנונג צום יחיד: דורך אַגיטאַציע, דורך מוסר? דער מוסר גייט דאָך צו אַלעמען, און נעמען נעמט ער נאָר אַ טייל. ער נעמט נ י ט די פּחדנים. אָבער בײַ יענע יחידים וואָס זײַנען יאָ פּחדנים קען זײַן, אַז זייער שרעקעוודיקייט וואַקסט גאָר תּחילת ניט פֿון אַן אָנפֿאַל פֿון שקצים, נאָר פֿון דעם, וואָס זיי האָבן זיך אַמאָל שטאַרק איבערגעשראָקן פֿאַר אַ הונט, אָדער פֿון מורא פֿאַרן טאַטן וואָס האָט זיי געשלאָגן[7].

די נאַציאָנאַלע עלעמענטן זײַנען ניט קיין איזאָלירלעכע עלעמענטן אין דעם זינען, וואָס מען זאָל זיי קענען מוטוויליק ארויסנעמען פֿון דעם יחידס אַנטוויקלונג; אָבער אין געדאַנק קען מען זיי יאָ פּרוּוון איזאָלירן. אויף וויפֿל איך זע, וואַקסן נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער פּערזענלעכקייט צום ווינציקסטן פֿון דרײַ מקורים:

1) פֿון די קיבוצדיקע לעבנס-פֿאָרמען דירעקט: אַנדערע מענטשן אַרום אונדז ריידן אויף אַן אַנדער שפּראַך; דער טאַטע (אָדער דער זיידע, אָדער אַ פֿעטער, אָדער שכנים) גייען דאַווענען אין שול, און אַנדערע דאַווענען אין קלויסטער, און אַזוי ווײַטער.

2) פֿון דעם דרוק פֿון דער דרויסנדיקער וועלט אויפֿן ייִדישן קיבוץ און יחיד: מען קאָן ניט גיין שפּאַצירן הינטער דער שטאָט, ווײַל ס'איז אַ סכּנה, אַז שקצים וועלן אָנפֿאַלן; די פּאָליציאַנטן, די בריוונטרעגער זײַנען ניט קיין ייִדן; די גאַסן-נעמען זײַנען אָנגעשריבן ניט אויף ייִדיש, אאַז"וו.

3) פֿון יענע עלעמענטן וואָס לאָזן זיך צום שווערסטן דעפֿינירן און וואָס זײַנען עלעמענטן פֿון דער קאָנסטעלאַציע. דער פֿאָטער און די מוטער און אַלע אַרומיקע האָבן שוין אַרײַנגענומען אין זיך די עלעמענטן פון 1 און 2 נאָך איידער אונדזער יחיד איז געבוירן געוואָרן. זיי האָבן שוין אַליין מורא פֿאַר גוים, זיי שפּירן זיך שוין אַליין אומזיכער אויף דער וועלט צוליב דעם וואָס נאָר אַ גוי האָט מזל, זיי אַליין זײַנען אפֿשר גרויס בײַ זיך מיט דעם וואָס זיי באַלאַנגען צו ייִדן, דאָס פֿאָלק פֿון דעם איינציקן גאָט. דאָס זײַנען אַלץ עלעמענטן וואָס ווירקן געוויס אויפֿן אונטערוואַקסנדיקן קינד, און ווען ער איז אַלט עטלעכע יאָר, האָט דאָס שוין אַזוי אָנגעווירקט אויף אים, אַז אַלע שפּעטערדיקע שינויים אין זײַן לעבנס-שטייגער קענען דאָס מער ניט אויסוואָרצלען; אָבער עס ווירקט אויף אַ סך אַ קאָמפּליצירטערן שטייגער, ווײַל ס'ווירקט אומדירעקט.

4) מיט אַ פֿרעגצייכן, מיט אַלע באַוואָרענישן פֿון די קאַפּיטלעך 7 און 42, דאַרפֿן מיר נאָך דערלאָזן די מיגלעכקייט, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן י ר ש ע ו ו ד י ק ע נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער פּערזענלעכקייט.

---

[7] אין די טערמינען פֿון קאַפּיטל 23 וועט דאָס הייסן, אַז דער פּ ס י כ י ש ע ר ע ל ע מ ע נ ט פֿון שרעקן זיך פֿאַר איין באַשטימטער זאַך האָט זיך אויסגעברייטערט און איז געוואָרן אַ פּ ס י כ י ש ע ר פֿ ו ר ע ם פֿון שרעקעוודיקייט סתּם.

בכן:

פֿון איין זײַט ווירקן נאַציאָנאַלע פֿאַקטאָרן אויף דער אויספֿורעמונג פֿון „אַלגעמיינע" פּערזענלעכקייט-עלעמענטן. אַשטייגער אין אַ ייִדישער קהילה וואָס האָט געליטן פֿון אַ פּאָגראָם קען זיך אַמאָל אַנטוויקלען פּחד. דאָס קען ברענגען דערצו, אַז אין אַ סך פֿאַמיליעס וועט מען די נאָענטסטע יאָרן האָדעווען די קינדער אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך נעמען טרייסלען פֿאַר אַ שאָטן. דאָס אייגענע אָן אַ פּאָגראָם: ווען אַ ייִדישע מאַמע צערטלט איר קינד איבער דער מאָס צוליב אַ טונקעלן פֿאָרגעפֿיל, אַז ער וועט שפּעטער געננג אָפּקומען אין לעבן, שעדיקט זי אים ניט נאָר נאַציאָנאַל, נאָר ווי אַ „מענטש סתם".

אָבער ס'קען זײַן פֿאַרקערט אויך: אַ קינד וואָס איז צו פֿרי אַנטוויינט געוואָרן איז עלול צו ווערן אַ בעל-טענה, און אין שפּעטערדיקע יאָרן קען ער ווערן אַ בעל-טענה אַנטקעגן די געזעלשאַפֿטלעכע באַדינגונגען, אַ פֿירער פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. אויב געוויסע אומשטאַנדן האָבן מיטגעווירקט (למשל אין דער קאָנפֿיגוראַציע פֿון דעם פֿאַרמילחמהדיקן פּוילן), קען דאָס זײַן אַ פּאַרטיי מיט נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן.

אַזוי פֿלעכט זיך דאָס אָן אויפֿהער איינס מיט דאָס אַנדערע. לעבן, אין, דורך דאָס „אַלגעמיין-מענטשלעכע" ציט זיך כּסדר דער נאַציאָנאַלער פֿאָדעם. אָט דאָס איז דער טעם, פֿאַר וואָס איך האָב געשריבן אין קאַפּיטל 6:

„מיר וועלן אַלעמאָל אָנשטעלן אונדזער בליק אויף זאַכן וואָס דרינגען אפֿשר אַרויס פֿון דער צוגעהעריקייט צום ייִדישן קיבוץ, און ווו דער דאָזיקער ייִדישער פֿאַקטאָר וועט זיך אַנטפּלעקן, וועלן מיר אים נאָכגיין מיט אַ באַזונדער אינטערעס. אָבער בכדי אויפֿצוטון עפּעס, מוזן מיר פֿריִער דערזען אַ גאַנצן ייִדישן יוגנטלעכן: די פֿיזיאָלאָגישע אַנטוויקלונג, די פֿאַמיליע-קאָנסטעלאַציע, די וווין-באַדינגונגען, די עקאָנאָמישע לאַגע — מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע בילד דאַרף מען האָבן פֿאַר די אויגן."

צי איז אָבער בכלל מיגלעך, שוין נאָך דעם ווי מיר וועלן האָבן דאָס גאַנצע בילד, צו איזאָלירן, זאָל זײַן כאָטש נאָר אין געדאַנק, וואָס עס איז אַלגעמיין מענטשלעך אין אַ פּערזענלעכקייט, וואָס עס איז אין איר ייִדיש באַפֿאַרבט און וואָס ייִדיש אין מהות?

די דאָזיקע פֿראַגע וועגן גאַנצהייט און וועגן דער איזאָלירלעכקייט פֿון טיילן אין אַ גאַנצהייט איז איינע פֿון די וויכטיקסטע דערקענטעניש-טעאָרעטישע פּראָבלעמען פֿון הײַנטיקן טאָג. זי האָט אַ גרויסע ווערדע, ווי מען זעט, פֿאַר אונדז אויך. מיר קענען זיך דאָ ניט אַרײַנלאָזן אין ווײַטע דרכים, אָבער אַ באַשלוס מוזן מיר האָבן. בײַם נאָכגיין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט אין איר צוזאַמענשפּיל מיט דער סבֿיבֿה האָבן מיר געוויס צו טון מיט אַ גאַנצהייט; אָבער דאָס הייסט ניט, אַז מיר קענען ניט פֿאָרשן געביטנווײַז, טראָט נאָך טראָט. אָט איז דאָך דעם מענטשנס אָרגאַניזם אַוודאי אַ גאַנצהייט, ניט די איינציקע אָרגאַנען פֿונקציאָנירן באַזונדער און ניט מיר קענען זיך פֿאָרשטעלן אַזאַ סעפּאַראַטע

פונקציע. פונדעסטוועגן מעסט מען די טעמפּעראַטור, מען ציילט דעם פּולס, מען רעגולירט די פאַרדייַונג. איינער פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע וואָרנט אַפילו בפירוש:

„גראָד ווען מען וויל אַוועקשטעלן אין מיטלפּונקט גאַנצהייט־פּראָבלעמען, ווערט מען זיך מוזן היטן פאַר דער טענדענץ צו מאַכן די גאַנצהייטן צו אַרומנעמיק פון דרויסן... אין דער פּסיכיק זייַנען פאַראַן סיסטעמען פון לפי־ערך גרויסער פונקציאָנאַלער פעסטקייט און אָפּגעשלאָסנקייט"[8].

45. דער מיזרח־יידישער קיבוץ

נאָך אַ געדאַנק פון אָנהייב בוך קומען מיר איצט צו אַנטוויקלען ברייטער. „דער ספּעציפישער גאַנג פון יידישן לעבן האָט געשאַפן אויך אַ ספּעציפישע אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּערזענלעכקייט"—אַזוי האָבן מיר קאָנסטאַטירט בייַם סאַמע אָנהייב פון אונדזער אַרבעט. דער דאָזיקער אַלגעמיינער טעזיס האָט אונדז געקלעקט בייַם אָריענטירן זיך אין די יסודות פון אונדזער פאָרשונג און בייַם דיסקוטירן די מעטאָדן פון פאָרשן. אָבער איצטער, ווען מיר זייַנען צוגעקומען האַרט צום עיקר און מיר ווילן אַריבערקוקן איבערן פאַרקאַן וואָס רינגלט אַרום די יידישע פּסיכישע ספּעציפישקייט, זעען מיר זיך אַרום, אַז מיר דאַרפן זיך פריִער קלאָרמאַכן, אין וואָס עס באַשטייט די ספּעציפישקייט פון אונדזער סביבה. מיר מוזן אָפּגעבן זיך אַליין אַ סיטואַציע־באַריכט וועגן דעם הייַנטיקן צושטאַנד פון יידישן קיבוץ.

מער ווי אַ סומאַרישער איבערבליק וועט דאָס ניט זייַן, אי ווייַל ניט דאָ איז דער אָרט זיך אַרייַנצולאָזן אין צו פיל פּרטים, אי ווייַל מיר זייַנען אַזוי בעטל אָרעם אַפילו אין פאַקטנדיקע באַשרייַבונגען. קיינער וועט זיך דעריבער ניט ריכטן צו געפינען אין דער איצטיקער אַרבעט אַפילו נאָר אַן אויסרעכענונג פון די הויפּט־פענאָמענען פון קולטור־שינויים וואָס קומען פאָר אין אונדזער סביבה: קלאָרע אויסגעפינסן קענען קומען נאָר ווי אַ רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג, ניט מלכתחילה. אָבער איבערטראַכטן די זאַך קענען און מוזן מיר.

וועלכן טייל פון יידישן קיבוץ האָבן מיר אין זינען? בלי שום ספק איז פאַראַן שותפותדיקס אין גורל, און ממילא אויך שותפותדיקס אין דער פּסיכיק פון אַלע יידן איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער פאַראַן גוואַלדיקע אונטערשיידן אויך. איז די ערשטע מאַרקירונג וואָס מיר מאַכן אויף אָפּצוגרענעצן דאָס פעלד פון אונדזער פאָרשונג: מיר ריידן וועגן מיזרח־יידנטום.

אָבער אין מיזרח־יידנטום גופא קען מען אויך ניט אויסמישן אין איין טאָפּ יענע יידן וואָס זייַנען געבליבן אין זייערע אַלטע היימען אין מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע מיט די „קאָלאָניעס" וואָס האָבן זיך געשאַפן אין די נייַע צענטערס,

[8] Lewin, Kurt. Vorsatz, Wille und Bedürfnis. Berlin 1926, p. 92.

דערעיִקרשט אויף יענער זייט ים. אימיגראַנטיש לעבן רופֿט אַרויס ספּעציעלע אימי-גראַנטישע פּראָבלעמען. דער קאָמפּלעקס וועלכן מיר האָבן קודם-כּל אין זינען נעמט דעריבער אַרום בלויז די בערך אַכט מיליאָן ייִדן וואָס זיצן אין פּוילן, אין ראַטן-פֿאַרבאַנד, רומעניע, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקײַ און אונגאַרן. אין זינען דאַרף מען געוויינטלעך כּסדר האָבן אויך די מיזרח-ייִדישע צענטערס וואָס האָבן זיך אויסגעפֿורעמט אין די ווײַטע לענדער — שוין צוליב דעם אַליין וואָס די פֿאַרבינדונג מיט די ווײַטע „קאָלאָניסטן" ווערט אָנגעהאַלטן און וואָס דער חשק צו עמיגראַציע, אויב ניט די מיגלעכקייט צו עמיגרירן, שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אינעם באַוווּסטזײַן פֿון דער הײַנטיקער ייִדישער יוגנט.

וואָס איז אַזוינס דאָס מיזרח-ייִדנטום? צווישן זיך אַליין דאַרף מען שוין דוכט זיך ניט פֿאַרלירן מער קיין ווערטער אויף צו באַווײַזן, אַז עס איז ניט בנימצא קיין ייִדישע ראַסע מיט יענעם טײַטש וואָס די פֿיזישע אַנטראָפּאָלאָגיע לייגט אַרײַן אין דעם טערמין „ראַסע". אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט זײַנען שוין משמעות ניטאָ הײַנטיקע צײַטן אַזעלכע נאַיִווע מענטשן וואָס זאָלן ריידן וועגן ייִדן נאָר ווי וועגן אַ רעליגיעזער עדה. ניט-אַדעקוואַט איז אויך די באַצייכענונג שפּראַכגרופּע, הגם עס איז אַן אומאָפּפֿרעגלעכער פֿאַקט, אַז דער גרעסטער טייל מיזרח-ייִדנטום רעדט אויף אַן אייגענער שפּראַך וועלכע דער קיבוץ אַליין באַצייכנט מיטן נאָמען ייִדיש. אַמאָל פּרוּווט מען אין סאָציאָלאָגישע קרײַזן בײַצוקומען דער שוועריקייט דורך דעם וואָס מען רופֿט אָן ייִדן „אַן אורבאַניזירטע גרופּע"[9]. דאָס איז געוויס אַ ריכטיקע דעפֿיניציע; די ציילונגען פֿון דער עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישער סעקציע פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט האָבן געוויזן, אַז בײַ דער גאַנצער צעשפּרייטקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק זײַנען אין 1925 64% ייִדן, ד"ה העכער 8 מי-ליאָן, געווען קאָנצענטרירט אין 164 שטעט מיט העכער 10.000 אײַנוווינער. אָבער קלעקן קלעקט די דעפֿיניציע „אורבאַניזירטע גרופּע" אויך ניט, וואָרעם מיר זײַנען אײַנגעוווינט צו פֿאַרבינדן מיט אורבאַניזאַציע געוויסע פֿאָרשטעלונגען, וואָס בײַ ייִדן שטימען זיי ניט. פּונקט ווי די אורבאַניסטישע טעאָריע האַלט ניט אויס, ווי פּראָפֿ' ל. הערש האָט געוויזן[10], בײַם אַנאַליזירן דעם חלק פֿון ייִדן אין פֿאַרברע-כערישקייט, אַזוי איז אויך פֿאַראַן אַ בפֿירושער חילוק פֿון ייִדן ביז ניט-ייִדן (אַפֿילו שטאָטישע ניט-ייִדן) אין אַ סך אַנדערע געביטן פֿון עפֿנטלעכן און פּריוואַטן לעבן. פֿאַראַן אַ חילוק אין דער עקאָנאָמישער שיכטונג אַזוי גוט ווי אין די צאָלן פֿון געבורטיקייט און שטאַרביקייט. פֿאַראַן אַ חילוק אין דער אָרגאַניזאַציע און דיס-אָרגאַניזאַציע פֿון דער פֿאַמיליע, אין סיסטעמען און דערגרייכונגען פֿון דערציִונג, אין דעם גראַד אינטעלעקטואַליזירונג, אין פּאָליטישע גרופּירונגען אאַז"וו.

אין די דיסקוסיעס וועגן דעם סאָציאָלאָגישן מהות פֿון געטאָ, וועלכע האָבן זיך געפֿירט די לעצטע יאָרן, איבערהויפּט אין שײַכות מיט ווירטהס שיקאַגער

---

9 אַשטייגער ניט לאַנג צוריק און American Journal of Sociology, יאַנואַר 1933.

10 זע אויבן זז' 17—18.

בוך[11], האָט מען זיך ווידער אַ מאָל אָנגעשטויסן אויף דער פֿראַגע, וואָס אין דער ייִדישער פּובליציסטיק האַלט מען אין איין ריידן וועגן איר: צי איז די איזאָלאַציע וואָס האָט געמאַכט פֿון ייִדן דאָס וואָס זיי זײַנען געווען אַ פּריווילעגיע אָדער אַ געצוווּנגענע. דאָס איז געוויס זייער אַ וויכטיקע פּראָבלעם, אָבער אין דעם איצ־טיקן פֿאַרבונד ווילן מיר זיך אַפֿילו ניט צורירן צו איר; וואָרעם בײַם אויספֿאָרשן די הײַנטיקע סיטואַציע איז סוף כּל סוף אַלץ איינס, צי מיר נעמען אָן די אָדער יענע אַלטערנאַטיוו אָדער מיר זאָגן, אַז ביידע פֿאַקטאָרן האָבן געווירקט. וואָס עס איז באמת וויכטיק פֿאַר אונדז איז דער פֿאַקט, אַז אין משך פֿון פֿיל יאָרהונדער־טער האָבן ייִדן געלעבט אין אַ סאָציאַלער אָפּזונדערונג, און אַז דאָס האָט געבראַכט צו ווײַטגרייכיקע קאָנסעקווענצן ניט נאָר פֿאַר דער קולטורעלער סטרוקטור פֿון דער גרופּע ווי אַ גאַנצהייט, נאָר אויך פֿאַר איינס פֿאַר דער אַנט־וויקלונג פֿון דער פּערזענלעכקייט בײַ יעדן מיטגליד פֿון דעם דאָזיקן קיבוץ.

מיר רופֿן דעריבער אָן די מיזרח־ייִדן אַ נאַציאָנאַלער קיבוץ, אומאָפּ־הענגיק פֿון די פּאָליטישע בײַטײַטשן און אַרײַנטײַטשן וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיטן דאָזיקן טערמין.

מענטשן פֿון דער זײַט, וואָס קענען ניט די ייִדישע סבֿיבֿה, האַלטן, אַז אונדזער אָפּגעזונדערטקייט מיינט פֿאַרגליווערטקייט. אָבער ווער עס שטייט אינעווייניק אין ייִדישן לעבן, דער ווייס, אַז ס'איז פּונקט דער היפּוך: אין דער צײַט וואָס טייל קולטור־פֿורעמס האַלטן זיך אויף מיט לפֿי־ערך קליינע מאָדיפֿיקאַציעס, ווירקן אָבער אויך געוואַלדיק שטאַרקע פֿאַקטאָרן וואָס שטרעבן פֿונדאַמענטאַל איבערצואַנדערשן די ייִדישע סאָציאַלע סטרוקטור.

עס איז קלאָר, אַז די ערשטע סיבה וואָס האָט געמאַכט פֿאַלן די לאַווינע איז געווען דאָס אַרײַנדרינגען פֿון קאַפּיטאַליזם אין מיזרח־אייראָפּע. יעמאָלט, מיט אַ 70—80 יאָר צוריק און וואָס נעענטער צו אונדזער צײַט אַלץ מיט מער אימפּעט, האָט זיך אַ טרייסל געטאָן דער טראַדיציאָנעלער שטייגער לעבן וואָס האָט זיך געהאַט געהאַלטן דורך יאָרהונדערטער. אָבער עס וואָלט געווען קרום, ווען מען זאָל זיך ווען פֿאָרשטעלן דעם איבערברוך אין ייִדישן לעבן פּשוט ווי איינעם פֿון יענע גוט באַקאַנטע פֿאַלן, ווו די זיגערישע טעכנאָלאָגיע קערט אַרויס מיט איר בעזעם די פֿאַרקאַפּיטאַליסטישע לעבנס־פֿורעמס און פֿירט אַרײַן ניווועלירנדיקע נײַסן. דאָס בילד איז ניט געווען טיפּיש אַפֿילו ביז דער מלחמה. אַפֿילו יעמאָלט האָט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ירושה פֿון דעם דאָזיקן שטח אייראָפּע ניט דערלאָזן קיין גיכן און טריומפֿירנדיקן אַרײַנמאַרש פֿון קאַפּיטאַליזם. נאָך ספּעצי־פֿישער איז געווען דער דאָזיקער פּראָצעס בײַ ייִדן, וואָרעם אין ייִדישן קיבוץ האָבן אַדאַנק היסטאָרישע סיבות דורכויס, אָדער כּמעט דורכויס, געפֿעלט גאַנצע קלאַסן (פּויערים, פּריצים, רעגירונגס־באַאַמטע), אין דער צײַט וואָס אַנדערע שיכטן זײַנען געווען רעפּרעזענטירט איבער דער מאָס.

[11] Wirth, L. The Ghetto. Chicago 1929.

נאָך דער מלחמה איז די סיטואַציע נאָך מער אָוועק פֿון דער נאָרמע, און קיין סוף צו די שוועריקייטן זעט זיך נאָך ניט. בײַ דער הײַנטיקער לאַגע אין די אַגריקולטורעלע לענדער פֿון מיזרח-אייראָפּע קען מען שוין ניט זאָגן מער, אַז דער קריזיס איז אַן איבערגייענדיקע דעפּרעסיע. אין ראַטן-פֿאַרבאַנד זײַנען אַ הונדערט טויזנט ייִדן אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער לאַנדווירטשאַפֿט; די לעצטע יאָרן קומט פֿאָר אַ שטאַרקע אינדוסטריאַליזירונג וואָס האָט אַרײַנגעצויגן אין דער שווערער און לײַכטער אינדוסטריע אויך עטלעכע הונדערט טויזנט ייִדן; אָבער די טאָגטעגלעכע לעבנס-באַדינגונגען זײַנען נאָך אַלץ אומגעהײַער שווערע. מחוץ דעם סאָוועטן-פֿאַרבאַנד באַמערקט זיך ניט קיין אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג; פֿאַרקערט, דאָס רובֿ שטעט וואָס שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין ייִדישן לעבן (וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, לאָדזש, ריגע, דענעבאָרג, קעשענעוו אאַז״וו) זײַנען אָפּגעשטופּט געוואָרן היפּש אויף צוריק — ס׳רובֿ אַפֿילו אַבסאָלוט געגומען, אָבער יעדנפֿאַלס אויף וויפֿל דאָס איז שייך צו ייִדן. דאָס אייגענע, מסתּמא נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, איז נוגע די שטעטלעך, אין וועלכע עס איז קאָנצענטרירט אַזאַ אָנזעעוודיקער טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

אַ וואַרשעווער בחור, אַ מענטש מיט אָפֿענע אויגן, צייכנט מיט פּשוטע ווערטער די סיטואַציע:

„... אַדורכגעמאַכט אַ יאָר פֿון שטרײַקן ספּעציעל בײַ די ייִדישע פֿאַכן, ווי איך האָב מיטגעשטרײַקט, און אָפֿט האָט זיך בײַ מיר געשטעלט די פֿראַגע: ...ווער קענען ווערמען שטרײַקט? עס שטרײַקן שנײַדערס פֿון 2 — 3 הונדערט וואַרשטאַטן וואָס נעמען אַרום ביז צוויי טויזנט אַרבעטער. מערסטנטייל פֿון די אַלע מײַסטערס נעמען אַהיים פֿון אַ גרויסן מאַגאַזינער די אַרבעט, און דער מײַסטער פּונקט ווי די אַרבעטער — ווען ער אַרבעט נישט, האָט ער נישט דעם טאָג איבערצולעבן. איך האָב שוין איבערגעלעבט מאָמענטן, ווען איך בין געקומען זונטאָג צו אַן אַרבעט, בײַ מיטאָג האָט זיך דער מײַסטער געפֿרעגט, צי איך האָב אים נישט צו באָרגן קיין פּאָר גראָשן. אָט אַזוי זעט אויס דאָס ייִדישע לעבן״...[12]

אין דער אָ קאָנפֿיגוראַציע ווערפֿן זיך אויס די אַלטע קולטור-פֿורעמס און ס׳ווערן איבערגענומען נײַע עלעמענטן פֿון קולטור. זײַדענע זאָקן, ראַדיאָ, נאַרטעס און מאַניקור דרינגען אַרײַן אין געגנטן, ווו מענטשן זײַנען שוין געווען אין משך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוגעוווינט צו אײַזנבאַנען און הייבן איצטער איבער אַ נײַס אָן צוליב עקאָנאָמיע צו פֿאָרן מיטן אָקס. מיט אַנדערע ווערטער, די סימבאָלן פֿון מערבֿדיקער ציוויליזאַציע באַווײַזן זיך דאָ ניט ווי באַגלייטערס פֿון העכערע פֿאַרדינסטן, נאָר מען קען זיך דערשלאָגן צו זיי נאָר דורך דעם, וואָס מען דריקט נאָך מער אַראָפּ די הוצאות אויף עסן, וועלכע זײַנען שוין פֿריִער אויך געווען געבוג נידעריק. אָדער, אויסצודריקן דאָס אין מער פּינקטלעכע טערמינען: מערבֿדיקע לעבנס-פֿורעמס דרינגען אַרײַן ניט ווי

[12] אויטאָב׳ נומ׳ 239 (סימן: לאַמעט), ז׳ 22.

אַן אויסדרוק פֿון אַ העכערן לעבנס-סטאַנדאַרד, נאָר אונטער באַדינגונגען פֿון אַן אַלגעמיינעם מאַטעריעלן דוחק.

אַן אַנדער וואָגיקער פּועל-יוצא פֿון דער מילחמה איז דאָס וואָס עס איז איבערגעצייכנט געוואָרן די גאַנצע פּאָליטישע מאַפּע. געגנטן וואָס זײַנען אין משך פֿון יאָרהונדערטער געווען איין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער איינס זײַנען אין גאַנצן צעטיילט געוואָרן, טיילמאָל אַפֿילו (ווי אין דעם פֿאַל ווילנע—קאָוונע אָדער ווילנע—מינסק) הערמעטיש אָפּגעשלאָסן געוואָרן איינס פֿון דאָס אַנדערע. חוץ דעם איז די שאַפֿונג פֿון נײַע מלוכות פֿאַר זיך געווען באַלייט דורך אַ סך גיכגייִקע קאָנסעקווענצן כּמעט אין יעדן פֿעלד פֿון לעבן. די דאָזיקע געשעענישן האָבן געפֿאָדערט ווײַטע און געשווינדע צופּאַסונגען. געוויינטלעך זײַנען פֿון דער איבערגרענעצונג און פֿון די נײַגרינדונגען אַרויסגעקומען גוואַלדיקע איבערקערע־נישן פֿאַר די טרעגער פֿון די נײַע מלוכות אויך; אָבער מען דאַרף ניט זײַן קיין גרויסער חריף אויף צו פֿאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן די רעזולטאַטן פֿאַר ייִדן און פֿאַר די מערהייטפֿעלקער.

46. אינעווייניקסטע קאָנטראַסטן

טאָמער איז דאָס ניט קלאָר פֿון זיך אַליין, דאַרפֿן מיר באַוואָרענען, אַז הגם מיר זײַנען באַרעכטיקט, ביז אַ מאָס, צו נעמען דעם מיזרח-ייִדישן קיבוץ ווי אַן איינס, איז אָבער דער קיבוץ אין זיך זייער ווײַט פֿון צו זײַן האָמאָגען. פּונקט ווי אין יעדן אַנדערן פֿאַל, ווו אַן אַלטער לעבנס-שטייגער ווערט פֿאַרביטן דורך אַ נײַעם, אַזוי דריינגען אויך אין דער ייִדישער סבֿיבֿה די נײַע אײַנפֿלוסן ניט אַרײַן גלײַכמעסיק. מער ווי דאָס. עס וועט אפשר ניט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז זעלטן ווען, און אפֿשר אין ערגעץ, זײַנען די קאָנטראַסטן ניט אַזוי בולט ווי אין דער ייִדישער סבֿיבֿה וואָס האָט ווינציקער ווי אין אַ יאָרהונדערט צײַט דורכגעמאַכט דעם וועג פֿון אַ שיִער ניט מיטל-עלטערישן לעבנס-שטייגער ביז אין דער מאָדערנער ציוויליזאַציע אַרײַן.

אַ היפּשער טייל פֿון אונדזער קיבוץ האַלט זיך נאָך אַלץ פֿאַר דער טראַדיציאָ־נעלער ייִדישקייט, נאָכגעבנדיק אַ רעפֿאָרם נאָר אויף וויפֿל די פֿאַרהעלטעניש נייטן דערצו. פֿון דער אַנדערער זײַט זײַנען פֿאַראַן קרײַזן וואָס „האַלטן שטאַט" אויף אַ מערבֿדיקן, אַפֿילו אויף אַ סנאָבישן פֿאַסאָן. וועגן דער מערהייט קען מען זאָגן, אַז זי נעמט אָן מערבֿדיקע פֿורעמס, אָבער ניט אויף אַ ריין מעכאַנישן שטייגער, נאָר זי קאָמבינירט די נײַע פֿורעמס מיט די אַלטע טראַדיציעס אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים און אין פֿאַרשיידענע מדרגות.

אַ ספּעציעלע פּאָזיציע פֿאַרנעמט איין טייל פֿונעם קיבוץ, דהײַנו די ייִדן אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד, וואָס זייער צאָל דערגרייכט ביז 3 מיליאָן. זיי פֿאַרמאָגן די זעלבע קולטור-ירושה וואָס דאָס גאַנצע מיזרח-ייִדנטום, נאָר איצטער מאַכן זיי דורך אַלע גוואַלדיקע איבעררוקן וואָס קומען פֿאָר אין יענעם לאַנד. די דאָזיקע

שינויים האָבן ווידער אַ השפּעה אויף די ייִדישע מאַסן פֿון יענער זײַט סאָוועטישן גרענעץ, לכל הפּחות אויף טיילן פֿון די דאָזיקע מאַסן.

אָט די קעגנזײַטיקע השפּעה פֿון די ייִדישע קאָלעקטיוון אין פֿאַרשיידענע לענדער איז בכלל אַ טייל פֿונעם בילד. פֿאַר היפּשע טיילן פֿון קיבוץ האָט דאָס לעבן אין ארץ-ישראל אַ גרויסן באַטײַט. די קולטור-ווירקונג פֿונעם שטאַרקן ייִדישן ייִשובֿ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן שפּירט זיך אויך. אַגבֿ-אורחא דאַרף מען נאָך באַמערקן, אַז פֿאַמיליע-הילף איז איינער פֿון די ווינקלשטיינער פֿון אונדזער גאַנצער הײַנטיקער ייִדישער עקאָנאָמישער סיסטעם. אַ יונגער פֿאָרשער וואָס איז פֿאַרנומען מיט אויספֿאָרשן אַ ייִדיש שטעטל ניט ווײַט פֿון ווילנע האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז דער עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע האָט זיך שווערער אָפּגערופֿן אויפֿן מעמד פֿון ייִדן אין יענעם שטעטל, איידער דער עקאָנאָמישער קריזיס אין לאַנד.

אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרמאָגן מיר אַ ים פֿאַרשיידן-מיניקע וואַריאַנטן פֿון דעם וואָס מען רופֿט ייִדישע קולטור. עס איז נאָך ווײַט ביז אַ גלײַכוואָג, אַפֿילו אין דעם רעלאַטיוון זינען, אין וועלכן מען רעדט וועגן אַן אײַנגעשטעלטן סטאַנדאַרד אין מערבֿ-אייראָפּע אָדער אין אַמעריקע. זאָל דעריבער דאָ באַמערקט ווערן פֿאַר-בײַגייענדיק, אַז די פֿאָרשונג וואָלט געגרײַזט, ווען זי וואָלט זיך פֿאַרנומען מיט זוכן סטאַטישע אונטערשיידן; אויף וואָס זי דאַרף אַרויסקוקן איז די אַנט-וויקלונג, די איבעראַנדערשונגען וואָס שפּילן זיך אָפּ פֿאַר אונדזערע אויגן.

אַ קליינע אילוסטראַציע, צו ווײַזן, ווי גיך עיקר-זאַכן הערן אַמאָל אויף צו זײַן אַן עיקר אין אונדזער לעבן. איינער פֿון די שרײַבער פֿון די ייִוואָ-אויטאָביאָ-גראַפֿיעס, פֿון אַ שטעטל ניט איבעריקס ווײַט פֿון ווילנע, דערציילט:[13]

„...כ'געדענק גוט די מײַ-איבערקערעניש, ווי איך מיט נאָך ייִנגלעך זײַנען געשטאַנען אין מאַרק לעבן פּלאַץ, ווו ס'שטעלט זיך אָפּ דער אויטאָבוס וועלכער קומט פֿון באַן, און געוואַרט אויף ידיעות. דער לערער... איז דאַן איין מאָל ספּעציעל צוגעפֿאָרן אין נ—ק נאָך אַ צײַטונג. איך שטאָט איז דאַן געווען אַ סענסאַציע, ווײַל ער איז אַראָפּ פֿון אויטאָ אין מיטן מאַרק שבת בײַ טאָג. איצט אין 1934 יאָר קוקט זיך קיינער אויף אַזעלכע זאַכן ניט אום; דרייכערן אין די גאַסן עפֿנטלעך פֿרײַטאָג צו נאַכט, פֿאָרן אום שבת אין גאַס אויף ראָווערן און מיטן אויטאָ איז אַ געוויינלעכע זאַך. דאַן איז דאָס נאָך געווען אַ נײַעס.״

און אַזוי אין אַ סך אַנדערע געביטן פֿון לעבן, ניט נאָר ווו עס ווערן אָנגערירט גלויבן און איבערצײַגונגען.

„[אין די הדר-יאָרן איז] דער האָריזאָנט מײַנער געווען זייער אַ באַגרענעצטער. דאָס הייסט, קלאָר געזאָגט, איך האָב געפֿילט, אַז עס איז דאָ אַן אַלטער מאַרק, ווו מיר האָבן געוווינט און דאָס חדר איז דאָרט געווען, און די הייף און פּלעצער, ווו מיר האָבן זיך געהאַט צו שפּילן. דער נײַער מאַרק האָט שוין אונדז אויסגעזען

[13] אויטאָביאָגר׳ נומ׳ 202, ז׳ 28.

זייער ווײַט. הײַנט צו טאָג, ווען איך קוק זיך צו, ווי אַזוי די הײַנטיקע קינדער שפּאַצירן אין די ווײַטע גאַסן פֿון אונדזער שטאָט, קען איך וויסן דעם גרויסן אונטערשייד דעם פּסיכאָלאָגישן פֿון אונדז און זיי...״[14]

צו וואָסער געביט פֿון לעבן מיר זאָלן זיך ניט צורירן, אומעטום איז דאָס אייגענע. נעמען מיר למשל געבורטן־קאָנטראָל. אין דעם זעלבן שטעטל וועלן מיר געפֿינען אַ פֿרוי וואָס לאָזט זיך קיין וואַרשע מאַכן אַן אָפּטרײַבונג און אַ צווייטע, וואָס וועט אויסברענגען אירע לעצטע גראָשנס צו פֿאָרן קיין וואַרשע צו אַ חסידישן רבין, כּדי אויסצובעטן ביים בעל־מופֿת כאָטש איין קדיש צו די עטלעכע טעכטער וואָס זי האָט שוין.

און מען דאַרף ניט זוכן אין איין שטאָט; אין דער זעלבער פֿאַמיליע קען מען אָפּט געפֿינען אַזעלכע שפּרונגען. איך וועל ציטירן נאָר איין בײַשפּיל פֿון די וואָס קומען מיר אויפֿן געדאַנק. איך טראַכט וועגן דרײַ אָפּשטאַמלינגען פֿון איינעם פֿון די באַרימטסטע פּוילישע רבנים פֿון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. איינער פֿון די דרײַ איז פֿון די וואַרשעווער „פּני״, אַ חשובֿער פֿאָרשטייער פֿון דער קאָנסערוואַטיווער בורזשואַזיע. אַ צווייטער פֿון דער זעלבער מישפּחה איז ניט לאַנג צוריק געשטאַנען פֿאַרן געריכט ווי אַ באַשולדיקטער אין קאָמוניזם. דער דריטער איז שוין ניט אין פּוילן, ער וווינט אין מאָסקווע. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער שטאַרק באַווירקט געוואָרן פֿון דעם אופֿן, ווי מען באַהאַנדלט די רעליגיע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד; האָט ער אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה, און אַזוי ווי דאָס האָט אים ניט באַפֿרידיקט, איז ער געוואָרן אַ פּראַוואָסלאַווער גײַסטלעכער. סאַראַ מהלך צווישן נאָענטע קרובֿים! און פֿאָרט וואָלט אַ דעטאַלירטער אַנאַליז פֿון די דאָזיקע דרײַ פּערזאָן געוויס אַרויסבאַוויזן ניט ווייניק שטריכן פֿון פּערזענלעכקייט, וואָס זײַנען שותּפֿיש פֿאַר זיי אַלעמען און פֿאַרבינדן זיי אַלעמען מיט זייער זיידן דעם גרויסן רבֿ.

דער אָקאָרשט דערציילטער פֿאַל איז אפֿשר אויסטערליש אין זײַן געדיכטקייט, אָבער פֿאַקטן פֿון דעם מין זעען מיר אַלע טאָג. אָט איז אַ דבֿר בכל יום:

„... די פֿאַמיליע פֿון דער מוטער... איז געווען דורכויס אָרטאָדאָקסיש, אַלע מענלעכע מיטגלידער אירע זײַנען געגאַנגען לאַנגע קאַפּאָטעס, האָבן געהאָדעוועט פּאותן און פֿלעגן פֿאָרן איין מאָל אַ חודש צום גערער רבין. זיי זײַנען געווען גוואַלדיק פֿאַנאַטיש, און אַפֿילו אויפֿן שטאַרק פֿרומען זיידן (פֿון טאַטנס צד) האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַן אַפּיקורס, מחמת ער האָט ניט געהאַט קיין פּאותן און האָט ניט געהאַלטן פֿון רביים. די פֿרויען האָבן געטראָגן פּאַרוקן און מען האָט זיי געהאַלטן ווײַט פֿון די מאַנסבילן, אין זייער לעבן האָבן די פֿרויען קיין אָנטייל ניט גענומען.

אַ היפּוך פֿון דער מוטערס צד איז געווען דעם פֿאָטערס פֿאַמיליע, כּמעט אין גאַנצן אַן אַסימילירטע. איינער פֿון די פֿעטערס, אמת אַ ווײַטער, איז געווען

---

14 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 281 (סימן: המתחדש), אַ בחור פֿון אַ שטאָט פֿון אַ 15.000 אײַנוווינער צו מערבֿ פֿון וואַרשע.

א משומד, דער גרעסטער טייל שוועסטערקינדער איז געזעסן אין תפיסה פאר קאמוניסטישער טעטיקייט אדער האט געמוזט עמיגרירן. אלע מיטגלידער פון דער דאזיקער פאמיליע האבן געהאט מיטעלע אדער העכערע בילדונג, געווען צווישן זיי אדוואקאטן און אינזשעניערן. אין שול פלעגן זיי זיך באווייזן איין מאל אין יאר צו יום-כיפור. די באציונג צווישן די צוויי אזוי פארשיידענע פאמיליעס איז געווען אין גאנצן א פרעמדע..."[15]

די ערשיינונגען פון איבערבייט זיינען אזוי בולט, אז יעדער איינער זעט זיי. אין איינער פון די אויטאביאגראפיעס פון ייווא, צוגעשיקט פון א צענטויזנט-קעפיקער שטאט אין צענטראל-פוילן, געפינען מיר אזא מין כאראקטעריסטיק:

„דאס לעבן אין שטעטל איז נאך דער מלחמה שטארק צעריסן געווארן. אין יעדער גרעסערער מישפחה געפינט זיך עפעס אן אומרויק פינטעלע וואס איז פארווארפן ערגעץ אין א וועלטטייל און לאזט פון צייט צו צייט הערן פון זיך שטויגענדע סענסאציעס. אמאל איז עס א זון, א ברודער, אדער סתם א קרוב, פון וועלכן ס'קומט פלוצים אן א ידיעה וואס איבערראשט אלעמען און וועקט אויף ס'שטעטל פון שלאף..."[16]

מיט א פאר זייטלעך וויטער פלייסט זיך דער מחבר צו געבן א פולדיק בילד פון זיין שטעטל. ס'איז א בילד פול מיט פעסימיזם; ער האלט ניט פון די יונגע, ער האלט ניט פון די עלטערע. לאמיר לאזן אפן די פראגע, צי ער איז גערעכט — אבער אויסהערן וועלן מיר אים; פארטראכטן זיך איז יעדנפאלס כדאי.

„א פראצעס פון פונאנדערפאל און צוזאמענברוך פון דער סאציאלער סטרוקטור און גייסטיק קולטורעלן כאראקטער פון יידישן שטעטל. אלץ איז געווען אמאל — היינט איז גארניט געבליבן. דאס אלטע איז אומבררהמנותדיק צעשטערט געווארן אדער ווערט צעשטערט, און דאס וואס זאל דאס אלטע פארטרעטן איז נאך דערווייל ניטא. חורבה צעשפרייט זיך אומגעשטערט. אומעטום דרינגען אריין די טויטבאצילן וואס וועלן שפעטער צעשיטן דעם קערפער וואס איז פון פרוכנע. דער יסוד אונדזערער איז פארפוילט און אונטערגעשווענקט, און אויב ס'דוכט זיך, אז מיר האבן זיך הויך אויפגעהויבן, איז עס נאר בכדי מיט מער רעש אראפפאלן און צעברעכן האלדז און נאקן. פאר אונדז גילט אויך דער כלל, אז יעדער אקט פון אונטערגאנג פון א נאציאנאלן אדער סאציאלן שיכט ווערט באפארבט פון א מאראלישער ירידה[17]. פון אלע צען געבאט איז נישטא קיין איינער וואס זאל זיין פאר אלעמען פארפליכטנד. די אמתן און יושר-אידעען דינען היינט נאר צו באריכטיקן אלע פארברעכנס וואס ווערן אין זייער נאמען אפגעטאן. מיט יעדער ערשיינונג, מעג זי זיין ווי העסלעך, מאכט מען שלום ווי מיט א פאקט וואס

---

[15] אויטאב׳ נומ׳ 162 (סימן: סאקול), פון א בחור פון 16 יאר. — צי האבן מיר דא ניט צו טון מיט אן אמתער „געמישטער חתונה״?

[16] נומ׳ 123, ז׳ 43.

[17] דער מחבר מיינט צו זאגן: פאר יעדן אקט פון אונטערגאנג... קומט א מאראלישע ירידה,

מ'קאָן ניט מבטל מאַכן. די „כלל־טוער" און „רעפּרעזענטאַנץ" זײַנען קרעציקע מענטשן וואָס פֿירן אַלעמען אַרום בײַם קאָפּ און מאַכן נאָך שפּלדיקער די אונטער־מענטשן און וואַלעטן, אויף וועלכע זיי טראַטעווען. קיינער גלייבט אין גאָרנישט — אַלץ ווערט אויסגעלאַכט. איבער אַלעמען — אייגננוץ. די יוגנט איז עם־האַרציש, פּוסט און גאַוודהדיק, פּול מיט אײַנגערײדעניש און בלאָף, באַגײַסטערט פֿון אַלע זינלאָזיקייטן, נישט פֿעיִק צו טאַט, צום מינדסטן פּערזענלעכן קרבן. פֿול מיט פּרעטענזיעס צו דער וועלט, מיט אומדורכגעטראַכטער שאַבלאָן־קריטיק. די יוגנט איז ברוויזנד, צעבונטעוועט, פּול מיט מרידה און ווייס נישט וואָס זי וויל, ווערט שנעל אָפּגעלאָשן, און דער גרויער תּכלית פּילט איר אויס אינגאַנצן."

47. דער ערשטער „אַטאַק פֿון יידישקייט"

דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן ביז איצט אַרומגערעדט זײַנען געווען סימנים פֿונעם קיבוץ. אָבער וועלכע פּראָבלעם פֿון קולטור־לעבן מיר זאָלן ניט נעמען — פֿאַרברעכן, זעלבסטמאָרד, גטן, וווקס פֿון די אָדער יענע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען, אויסשפּרייטונג פֿון גײַסטיקע קראַנקייטן אאַז"וו — וועט זיך די זעלבע פּראָבלעם אַרויסרוקן, אין אַן אַנדער אַספּעקט, אין דער פּערזענלעכקייט־פֿאָרשונג אויך. יעטווידער קולטור־קאָנפֿיגוראַציע ברענגט מיט זיך ספּעציפֿישע פּסיכישע קאָנפֿליקטן. דערפֿון נעמט זיך יענער גאַנג באַזונדערע פּראָבלעמען פֿון דער יידישער פּערזענלעכקייט, וואָס וועגן אים האָבן מיר גערעדט פֿריִער. טייל פֿון די דאָזיקע פּראָבלעמען — די וואָס זײַנען פּשוט אַ רעזולטאַט פֿון דער יידישער סעפּאַראַטקייט — זײַנען געבליבן לפֿי־ערך ניט־געביטן פֿאַר אַ לענגערער צײַט; אַנדערע זײַנען אַרויסגעשווומען ערשט אין די באַדינגונגען פֿון דער נאָכמילחמהדיקער אייראָפּע.

לאָמיר פֿריִער געבן אַ פּאָר אילוסטראַציעס, דערנאָך וועלן מיר פּרוּוון אַנאַליזירן דעם עניָן.

איינער אַ לערער פֿון אַ יידיש־וועלטלעכער שול אין וואַרשע, אַן אַבסאָלווענט פֿונעם אַמאָליקן ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר, קומט אויף יום־טוב אַהיים צו זיך אין שטעטל. מען קלאָגט זיך פֿאַר אים, אַז דער פּלימעניק, אַ יינגל פֿון אַ יאָר צען, און גראָד ניט קיין נאַרישער יינגל, איז געוואָרן אַ גרויסער באָדיונג; ער וויל זיך ניט לערנען אין שול, ער אָנערקענט ניט קיין שום אויטאָריטעטן. און מען גיט אויף דעם פֿעטער דעם גאַסט, ער זאָל זיך דורכשמועסן ווי ס'געהער צו זײַן מיטן יינגל: ער איז אי אַ לערער, אי אַ גאַסט, איז אפֿשר וועט ער פּועל זײַן. דער שמועס קומט פֿאָר, אָבער אָן אַ פּעולה. דער יינגל איז האָפֿערדיק בײַ זיך און גיט זיך אַ זאָג אין מיטן דרינען:

— איך האָב פֿאַר קיינעם קיין מורא ניט!

ווערט דעם פֿעטער דעם לערער טשיקאַווע און ער פֿרעגט איבער:

— באַטראַכט נאָר, האָסט טאַקע פֿאַר קיינעם קיין מורא ניט?

קלערט דער יינגל אַ ווײַלע און איז דערנאָך מודה:

— פֿאַר אַ שייגעץ האָב איך מורא...

די אָ געשיכטע האָב איך געהערט פֿונעם לערער גופֿא[18]. די צווייטע געשיכטע איז צו מיר געקומען שוין פֿון דער צווייטער האַנט, אָבער מען האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז זי איז אויטענטיש. נאָר טאָמער ניט, איז זי אויך גוט.

אין בערלין, שוין נאָך דער היטלער־איבערקערעניש, גייען צוויי ייִדישע ייִנגלעך. אויפֿן פֿאָרוועג, לעבן סאַמע טראָטואַר, שטייט אַ פֿערד אײַנגעשפּאַנט אין אַ וואָגן. איין ייִנגל צום צווייטן:

— גיי ניט צו אַזוי נאָענט, דאָס פֿערד קען דיך אַ בריק טון!

דער אַנדערער:

— פֿון וואַנען ווייס דאָס פֿערד, אַז איך בין אַ ייִד?

אין אונדזערע אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע יוגנטלעכע פֿיגורירט דער מאָמענט לפֿי־ערך זעלטן. אָבער דאָס איז גאָרניט קיין ראָיה, אַז אין לעבן איז ער ניטאָ אָדער ניט אַזוי וויכטיק. עס ווײַזט אונדז נאָר, אַז מיר דאַרפֿן זיך גוט פֿאַרטראַכטן וועגן דעם מעטאָד, ווי אַזוי מען קען זיך צו די דאָזיקע טיפֿע פּסיכישע שיכטן דערגרונטעווען. פֿאַרן פֿריסטן, ד״ה דעם וויכטיקסטן פֿורעם־פּעריִאָד פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט קען אונדז העלפֿן אַסבֿרא נאָר פּסיכאָאַנאַליז. פֿון שולעלטער אָן און ווײַטער קען מען זיך געוויס דערפֿרעגן אויף אַ סך זאַכן מיטן פּשוטן אינטערוויו אויך; עס קען דאָ אויך געניצט ווערן, בכדי צו באַקומען אַנשפּאַרפּאַקטן, דער אַנקעטע־מעטאָד, אַשטייגער שריפֿטלעכע אַרבעטן אין קלאַסן. אָבער לאָמיר נאָך ניט שאַצן די ווערטקייט פֿון דעם אָדער יענעם מעטאָד, לאָמיר פֿריִער קלאָר מושווה ווערן, אויף וואָס פֿאַר אַ סאָרט ערשײַנונגען מיר טשאַטעווען דאָ.

איין אויסצוג פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿיע, וווּ די אָ טעמע ווערט אָנגערירט, וועל איך דאָ ציטירן[19].

---

[18] אין דער אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 208 (סימן: יאָשע־לעמאַ־עלאַם), פֿון אַ בחור פֿון מיזרח־גאַליציע, געפֿינען מיר אַ באַשרײַבונג, ווי אַזוי אַ גאַנצע חבֿרה ייִנגלעך וואָס האָבן זיך געשפּילט אין זעלנער האָבן זיך אָוועקגעלאָזט הינטער דער שטאָט. „גייענדיק אַזוי האָט די קאָמפּאַניע באַגעגנט אַ שייגעץ וועלכער האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף אַלע „זעלנער“. דער קאָמענדאַנט אָבער האָט אַלע באַרויִקט. מען דאַרף ניט מיינען, אַז דער שייגעץ איז געווען אַזאַ ריז, אַז מען זאָל באַדאַרפֿן פֿאַר אים מורא האָבן, ניין! פֿאַרקערט, ער איז געווען גאַנץ קליין און דאַר, נאָר מורא האָבן פֿאַר אַ שייגעץ איז געווען גאַנץ נאָרמאַל. דער שייגעץ, ווייסנדיק, אַז ער רופֿט אַרויס אַ מורא, איז צוגעגאַנגען צו זיי און געפֿאָדערט קנעפּלעך. מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן, ווי גרויס דער שייגעץ איז געווען, אַז ער האָט געפֿאָדערט קנעפּלעך. פֿונדעסטוועגן האָט זיך קיינער ניט ערוואַגט אים אָפּצוזאָגן.“

[19] נומ׳ 263 (אַ בחור פֿון צענטראַל־פּוילן), זז׳ 7—8. דער שרײַבער איז געבוירן געוואָרן 1911; דאָס וואָס ער דערציילט איז שייך צו סוף 1918.

פֿאַר וואָס געהער איך צו די שוואַכע?

... פֿון יענער צײַט אַן ערך געדענק איך: מעשיות וועגן אָפּשערן בערד בײַ ייִדן, וועגן אַרויסרײַסן פּאות. די „בערדשערער" האָט מען גערופֿן „האַלערטשיקעס". מ'האָט מיר אַמאָל געוויזן אַזעלכע: זיי האָבן געטראָגן מונדירן פֿון בלוי-גרויען קאָליר, גלאַנציקע שטיוועלעך, מיט מאָדנע הויכע קאַנטיקע היטלען. כ'האָב מיט שרעק באַטראַכט זייערע פּנימער... אויף דער גאַס פֿלעגט מען מורא האָבן צו גיין שפּעט אַליין. מײַן פֿאָטער האָט, געדענק איך, מורא געהאַט צו פֿאָרן אויף דער באַן, ווײַל מ'וואַרפֿט אַרויס ייִדן פֿון צוג און מ'רײַסט בײַ זיי אויס די בערד... אין בית-מדרש בײַ אונדז איז געווען אַ ייִד מיט אַ צוגעבונדענער באַק. מ'האָט דערציילט: ער האָט אַ האַלבע באָרד. איין העלפֿט באָרד האָט מען אים אַרויס-געריסן...

איך דערמאָן זיך: כ'פֿלעג דאַן אָפֿט טראַכטן, פֿאַר וואָס מען טוט דאָס אָן די ייִדן אַזעלכע צרות. כ'האָב פֿאַרשטאַנען, געדענק איך, אַז דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל די ייִדן זײַנען די שוואַכע, זיי קענען נישט „צוריקגעבן"... און הערנדיק די אַלע מעשיות, האָב איך זיך אַליין אויך געשראָקן און זיך געפֿרעגט: פֿאַר וואָס געהער איך טאַקע צו די שוואַכע? סאַראַ פֿאַרדרוס, וואָס איך קען ניט זײַן צווישן די שטאַרקע און נישט דאַרפֿן מורא האָבן פֿאַר קיינעמען!...

פֿאַר וואָס שווײַגט גאָט?

אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקע איבערלעבונג פֿון יענער צײַט: אַ בלוטיקער פּאָגראָם. אַלע ליגן באַהאַלטן אין שטוב. די לאָדנס פֿאַרמאַכט (כאָטש מיר האָבן געוווינט אויפֿן ערשטן שטאָק און די פֿענצטער זײַנען אַרויס אויפֿן הויף, זײַנען דאָך געווען לאָדנס). מ'האָט בלויז געהערט ווי עס פּלאַצן שויבן - מער קיין זאַך נישט. אָבער די שרעק וואָס מ'האָט דורכגעלעבט — ווי טיף איז זי אַרײַן אין אונדז! 3—4 טעג נאָכן פּאָגראָם האָט מען מורא געהאַט אין גאַס אַרויסצוגיין, ווי מ'וואָלט נאָך אַלץ „געשלאָגן". מ'האָט דערציילט: עטלעכע ייִדן זײַנען דערשטאָכן געוואָרן, ייִדישע געשעפֿטן צעראַבירט, אַ סך צעשלאָגן. אין פּוילישע פֿענצטער זײַנען „צלמלעך" געווען אַרויסגעשטעלט — מ'זאָל דערקענען, אַז דאָ וווינען נישט קיין ייִדן...

לאַנג נאָך דעם פּאָגראָם האָב איך, געדענק איך, געטראַכט: פֿאַר וואָס שלאָגט מען אונדז? וואָס וויל מען פֿון אונדז? ווײַל מיר גלייבן אין אַן אַנדער גאָט? מיר טשעפּען דאָך דערמיט קיינעם נישט, מיר טוען דאָך קיינעם נישט קיין שלעכטס... און איך האָב בשום אופֿן נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס גאָט וואָס זעט דאָך דאָס אַלץ און קען מאַכן, אַז אַזוי זאָל נישט זײַן — פֿאַר וואָס זיצט ער און קוקט און שווײַגט?

פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט כסדר טראַכט דער מיטגליד פֿון אַ מיעוט-קיבוץ וועגן זײַן באַוואוסטקייט. אָבער די נאַציאָנאַלע פֿורעמס, זײַנען מיר נאָך פֿריִער דורכגעקומען (און דאָ האָבן מיר צו טון מיט איינעם פֿון אַזעלכע פֿורעמס) זײַנען תמיד פֿאַראַן אין דער פּערזענלעכקייט, אַפֿילו ווען זיי זײַנען

פֿאַרשטויסן אין אומבאַוווּסטזײַן אַרײַן, אַזוי ווי אין פֿאַל פֿון דער בערלינער מיידל, וועגן וועלכער מיר האָבן דערציילט פֿריער[20].

ווען זשע באַווײַזט זיך צום ערשטן אָט דאָס וויסן וועגן דער צוגעהעריקייט צו אַ באַוווּסטן קיבוץ? און אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם באַווײַזט עס זיך? קיין לעצטגילטיקע תּשובֿות אויף די פּראָבלעמען, און אַפֿילו קיין לעצטגילטיקע פֿאָרמולירונג, וועלן מיר ניט קענען געבן אויפֿן איצטיקן שטאַפּל פֿון אונדזער קענטעניש, בשעת מיר האַלטן נאָך ערבֿ דער אויספֿאָרשונג. אָבער אַן אַרבעטס־היפּאָטעז מעגן מיר זיך פֿאַרגינען, און איך וויל אים טאַקע דאָ אַנטוויקלען אַ ביסל בפּרטיות.

דאָס זויגקינד שפּירט נאָך גאָרניט פֿונעם אונטערשייד, הגם עס איז קיין ספֿק ניט, אַז נאָך אין אָט דער פֿאַזע איז די באַציִונג פֿון די אַרומיקע צום קינד בײַ ייִדן אַן אַנדערע איידער בײַ ניט־ייִדן. אויב מיר זאָלן אַפֿילו לאָזן אויסער אַכט די פֿראַגע וועגן ירושהדיקייט, אויב מיר זאָלן ווײַטער לאָזן אויסער אַכט (ניט ווײַל ס'איז ניט וויכטיק, נאָר ווײַל מיר ווייסן וועגן דעם גאָרניט) די פּסיכישע ווירקונג פֿון דעם אַקט פֿון מילה אויף ייִדישע ייִנגלעך[21], דאַרף מען זיך אָבער רעכענען מיט דעם וואָס אַ סך מענטשן זאָגן, אַז ייִדישע מאַמעס זײַנען צערטלעכער צו זייערע עופֿעלעך איידער ניט־ייִדישע. מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דעם פֿאַקט און געפּרוּווט געבן דערויף אַ דערקלערונג, אַז אפֿשר רעדט אין זיי אַ טונקעלער געפֿיל: ער וועט נאָך אַזוי פֿיל אָפּקומען, זאָל ער כאָטש איצטער האָבן אַ קאַפּעלע ווױלטאָג... אָבער איך שטעל זיך גאָרניט אײַן, ניט פֿאַר דער דערקלערונג און ניט פֿאַר דעם פֿאַקט גופֿא, ווײַל קיינעם איז נאָך ניט אײַנגעפֿאַלן ביז איצטער אויסצופֿאָרשן די פֿראַגע און ממילא זײַנען נאָך ניטאָ דערויף קיין אַדעקוואַטע מעטאָדן.

נאָר ווי אַזוי די זאַך זאָל ניט זײַן בײַם עופֿעלע, איז אָבער באַלד ווי דאָס קליינקינד רײַסט זיך אָפּ אַ ביסל פֿון דער מאַמעס פֿאַרטעך, דערוויסט ער זיך (און אויב ניט, דערשפּירט ער) וועגן זײַן באַלאַנגען צו אַ געצייכנטן קיבוץ. „געצייכנט“ קען האָבן אַ נייטראַלן טײַטש, ניט צום גוטן און ניט צום שלעכטן; דאָ האָב איך אָבער דער עיקר אין זינען די מיטגלידער פֿון אַ באַוווּסטן מיעוט־קיבוץ.

איך גיי אַרויס מיטן אַרבעטס־היפּאָטעז, אַז עס זײַנען פֿאַראַן צוויי צײַט־אָפּשניטן, ווען די נאַציאָנאַלע צוגעהעריקייט רירט אָן מיט אַספּעציעלן כּוח די אַנטוויקלונג פֿון דער גאַנצער פּערזענלעכקייט:[22]

---

[20] זע ז׳ 24–25.

[21] Cf: Hárnik, Eugen J. Pleasure in Disguise, the Need for Decoration, and the Sense of Beauty. In: Psychoanalytic Quarterly I (1932), p. 222-223.

[22] איך האָב דאָ אין זינען נאָר יענע עלעמענטן וואָס דרינגען אַרויס פֿון די מקורים 1 און 2 וואָס זײַנען אָנגערופֿן אויף ז׳ 176; די עלעמענטן 3 און 4 זײַנען עלטער, זיי ווירקן נאָך אין דער ביזגעבורטיקער סטאַדיע און דערנאָך דאָס גאַנצע לעבן.

דאָס ערשטע מאָל: בשעת דאָס קינד ווערט געוווּיר וועגן זײַן עצם צוגעהעריקייט צו אַ געצייכנטן קיבוץ;

דאָס צווייטע מאָל: בײַם אַרײַנטרעטן אין לעבן.

די צײַטאָפּשניטן קענען קומען בײַ איינעם מיט אַ יאָר פֿריִער, בײַם צווייטן מיט אַ יאָר שפּעטער, די אַנטוויקלונג ווערט צוגעאײַלט אָדער פֿאַרהאַלטן דורך דער קאָנקרעטער סיטואַציע. אָבער אויסמײַדן לאָזן זיך ניט אָט די איבער־לעבונגען. איך רוף זיי אָן מיטן נאָמען „אַטאַקן פֿון יידישקייט"; אויב מיר ריידן וועגן מינאָריטעטן סתם, קענען מיר דאָס אָנרופֿן אַטאַקן פֿון מיעוטישקייט.

48. פּעדאַגאָגישע קשיות

נאָך אַ פּאָר באַטראַכטונגען צו דער פֿראַגע, ווי אַזוי דער ערשטער אַטאַק פֿון מיעוטישקייט טרעפֿט די מיטגלידער פֿון אַ מיעוט־קיבוץ.

אין איינעם פֿון די נעגערשע אוניווערסיטעטן אין דרום פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָב איך סוף 1932 געהאַט אַ מיגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אַ קאָלעקציע אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון די סטודענטן; אין אַ צווייטן נעגערשן קאָלעדזש האָב איך געפֿירט וועגן דעם אַ לענגערן שמועס מיט די סטודענטן און לערער. ניט זעלטן, האָב איך אויסגעפֿונען, קומט די אַנטדעקונג פֿון זײַן „ראַסנדיקער" באַזונדערקייט צום נעגערקינד אין דער פֿאָרם פֿון אַ שאָק. קיין פֿאַקטישע אייגענע לעבנס־פֿאָרמען, קיין אַספּיראַציעס אויף אַן אייגענער קולטור האָט דאָך ניט די גרויסע מאַסע אַמעריקאַנער נעגערס. דער סטאַנדאַרד, נאָך וועלכן זיי גאַרן, איז די ווײַסע אַמעריקע, זייער שפּראַך איז ענגליש; איז ווען זיי ווערן געוווּיר, אַז נאָר בלויע אויגן און ברוינע גלאַטע האָר זײַנען דער שליסל צום גן־עדן, טרעפֿט זיי דאָס ווי אַ דונער.

איך וועל ברענגען פֿון די נעגערשע סטודענטישע אויטאָביאָגראַפֿיעס די דערציילונג פֿון איינער אַ מיידל. זי איז געבוירן געוואָרן אין אַ פֿאַרמעגלעכער פֿאַמיליע; געוואַקסן איז זי אין איינעם פֿון די נײַ־ענגלאַנד־שטאַטן, ווו נעגערס לערנען זיך אין אינאײנעמדיקע שולן,[23] און אויף אַ לערערין האָט זי גראָד אָנגעטראָפֿן אויף אַ ליבער. איין מאָל האָט מען עפּעס געפֿרעגט אויף אַ לעקציע, און אונדזער מיידל איז געווען די איינציקע וואָס האָט געוווּסט. די לערערין האָט זיך אָפּגערופֿן: „דו ביסט די בעסטע אין גאַנצן קלאַס". מען קען זיך אויסמאָלן דעם גליק פֿון דער תּלמידה. נאָר דאָ האָט אַ גרויסער יונג מיט פֿלאַקסענע האָר זיך אויסגעדרייט צו איר און זיך אָפּגערופֿן: „ניגגער".

„אויף דער הפסקה האָב איך געפֿרעגט ריטשאַרדן, וואָס דאָס איז אַזוינס ניגגער. ער האָט געמאַכט אַ גרימאַסע און געענטפֿערט: „קון"[24]. אפֿשר וועט די

---

23 אין אַכצן שטאַטן זײַנען אײַנגעאָרדנט ספּעציעלע שולן פֿאַר נעגערקינדער, און דער געזעץ פֿאַרווערט ווײַסע און „קאָלירטע" קינדער צו לערנען זיך צוזאַמען; אין נאָך פֿיר שטאַטן מעג די בילדונגסמאַכט אײַנאָרדענען באַזונדערע שולן לויט די ראַסעס.

24 „קון" און „ניגגער" זײַנען זידלנעמען. די קאָרעקטע ענגלישע באַצייכענונג פֿאַר נעגער איז Negro (ניגראָו).

לערעדיך וויסן, וואָס דאָס איז ניגגער. האָב איך אָפּגעקלאַפּט די זאַמד פֿון מײַנע פֿיס, אַרײַן אין שול־בנין און גלײַך צו מיס וו.ס טיש.

— מיס וו., וואָס איז אַ ניגגער? — האָב איך געפֿרעגט.

— וואָס איז, קינד? — האָט זי אויסגערופֿן: — ווער האָט דאָס געזאָגט?

מיס וו. האָט געזאָגט: „גיי און זאָג ריטשאַרדן, ער זאָל אַרײַנגיין“.

בײַ נאַכט, נאָך וועטשערע, ווען איך בין געזעסן אַנטקעגן מײַן מוטער און זי האָט מיר געקאַמט די האָר, האָב איך אַ זאָג געטאָן: „מוטער, וואָס איז אַ ניגגער?“

„ווער האָט דיך גערופֿן ניגגער?“ איז געקומען אַ גיכער ענטפֿער. מײַן מוטער האָט מיר דערקלערט, אַז ניגגער איז אַ שלעכטהאַרציקער מענטש, אַ געמיינער און אַן אומגעלומפּערטער. די דערקלערונג האָט קיין סך ניט געהאָלפֿן, איך האָב געפֿרעגט ווײַטער.

— מוטער, צי בין איך שלעכטהאַרציק, צי בין איך געמיין און נישטיק?

מוטער האָט געענטפֿערט: „ניין, געוויס ניט“.

— טאָ פֿאַר וואָס האָט מיך ריטשאַרד גערופֿן ניגגער, מוטער?

— ווײַל ער איז געמיין און אַ בעל־מקנא, — האָט זי געענטפֿערט. מײַן מוטערס שטים האָט געקלונגען מיד און אומגעדולדיק. איך בין אַנטשוויגן געוואָרן.“

איך וויל ניט גיין צו ווײַט אין אַנאַלאָגיעס, הגם מודה זײַן מוז מען, אַז ס'איז יאָ פֿאַראַן אַ סמיכות־הפּרשיות צווישן די נעגערס אין אַמעריקע און די „וואַרשעווער נעגערס“, צו ניצן דעם נאָמען וואָס אַנטאָני סלאָנימסקי האָט אַרײַנגעפֿירט דורך זײַן פּוילישער פּיעסע צו באַצייכענען לעצט אַסימילירטע ייִדן. און נאָך מער ווי אין וואַרשע קען מען אין אַנדערע שטעט פֿון אייראָפּע געפֿינען אילוסטראַציעס צו אונדזער טעמע. פֿאַר די וואָס ספֿקן דערין וועל איך ברענגען אַן עפּיזאָד פֿון געאָרג בראַנדעסעס לעבן[25].

בראַנדעס פֿלעגט קינדווײַז אָפֿט הערן אין גאַס דאָס וואָרט „ייִד“. ער האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס שפּעט מען אָפּ פֿון אים.

„איין מאָל, ווען איך האָב ווידער געהערט דאָס וואָרט, שרײַבט בראַנדעס, האָב איך געוואָלט געוווּיר ווערן, וואָס דאָס איז, און קומענדיק אַהיים האָב איך געפֿרעגט בײַ מײַן מוטער, וואָס דאָס מיינט.

„ייִד, — האָט געזאָגט די מאַמע, ייִדן זײַנען מענטשן“.

— פּאַסקודנע מענטשן?

„יאָ, האָט מײַן מוטער געזאָגט מיט אַ שמייכל: טיילמאָל גענוג פּאַסקודנע, אָבער ניט שטענדיק“.

— איך וואָלט געקאָנט אַמאָל קריגן צו זען אַ ייִדן?

„גאַנץ גרינג“, האָט זיך אָפּגערופֿן מײַן מוטער און מיך גיך אַ הייב געטאָן צום שפּיגל וואָס איז געהאַנגען איבער דער קאַנאַפּע.

---

25 ציטירט לויט: Natansen, Henri. Jude oder Europäer. Berlin 1931

איך האָב אַ געשריי געטאָן, און מײַן מוטער האָט מיך גיך אױפֿגעשטעלט צוריק אויף דער פּאָדלאָגע. איך בין געװען אַזױ צעטראָגן, אַז מײַן מוטער האָט חרטה געהאַט, װאָס זי האָט מיך ניט צוגעגרייט".

ניט נאָר די שטימונג איז דאָ װיכטיק, נאָר דער אויסװאַל פֿון די װערטער אויך. „צוגעגרייט": מען זאָגט ניט אָן אַן אומגליק פֿון העלער הויט; מען דאַרף גײן אַרום און אַרום, מען דאַרף דעם געליטענעם פֿריִער צוגרייטן.

װען בראַנדעס איז עלטער געװאָרן, האָט ער זיך צוגעװױנט אַ ביסל צו זײַן אומגליק; אָבער אַ צרה איז געבליבן פֿאַר אים זײַן ייִדישקייט, אַ צרה אָן שום פֿאַרגיטיקונג. און אין גרונט האַרצן האָט ער די צרה אַפֿילו ניט פֿאַרשטאַנען אויך. אַז ער איז דאָך גאָרניט קיין ייִד! ער האָט פֿאַרשטייט זיך ניט געלייקנט דעם בפֿירושן פֿאַקט, אַז זײַנע טאַטע־מאַמע זײַנען געװען ייִדן. אָבער ער איז געװאַקסן נאָך פֿון יענעם דור װאָס האָט געגלייבט אין דער אַלמעכטיקייט פֿון שׂכל. גײַסט איז פֿאַר אים געװען אידענטיש מיט אינטעלעקט; פֿאַר אויסער־שׂכלדיקע כּוחות, פֿאַר כּוחות פֿון אומבאַװוּסטזײַן איז אין זײַן סיסטעם ניט געװען קיין פּלאַץ. דאָס האָט בײַ אים באַלאַנגט צום מין זאַבאָבאָנעס. ער, געאָרג בראַנדעס, האָט אין זײַנע עלטערנס שטוב קיין מאָל ניט געזען קיין ייִדישע רעליגיעזע צערעמאָניעס; ער, געאָרג בראַנדעס, װײל ניט האָבן קיין מגע־ומשׂא מיטן ייִדישן כּלל; דאָס איז דען נאָך אַלץ ניט גענוג?

װי װײַט עס גייט די דאָזיקע „נעגריזירונג" פֿון מיזרחדיקן ייִדנטום, װאָס איר סימן איז: צרה אָן שום פֿאַרגיטיקונג, װעל איך דאָ ניט אַנאַליזירן. מיר גייט איצטער נאָר אין אַרויסברענגען, אַז באַװוּסטקייט ברענגט ניט נאָר צו יורידישע און מאַטעריעלע, נאָר אויך צו פּסיכישע רעזולטאַטן. עס קען גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז דער גאַנצער װײַטערדיקער לעבנס־צוגאַנג פֿון אַ מענטשן זאָל זײַן געװענדט אין דעם, װי פֿרי און אויף װאָסער אופֿן ער איז דערגאַנגען, אַז ער לעבט ניט אין אַ װעלט פֿון גאָלע גוטע פֿרײַנד.

טײלמאָל טרעפֿט, אַז די עלטערן ציִען אָפּ אויסצוזאָגן דעם קינד דעם „סוד" פֿון זייער צוגעהעריקייט צום מיעוט; אָבער צי דאָס איז אַ גרויסע חכמה איז אַן אַנדער פֿראַגע. די אמתע דערציִערישע קונסט באַשטייט ניט אין אויסבאַהאַלטן זאַכן װאָס לאָזן זיך ניט אָפּראַמען פֿון דער װעלט, נאָר אין אַרײַנפֿירן די קינדער אין דער סיטואַציע אויף אַ געהעריקן אופֿן. די ריכטונג אין װעלכער מען דאַרף זוכן איז דוכט מיר אַזאַ: מען דאַרף דעם קינד בײַצײַטנס געבן אַ געפֿיל פֿון זײַן באַזונדערקייט, פֿון זײַן אַנדערשקייט, אָבער ניט פֿון זײַן באַװוּסטקייט. זאָל די אַנדערשקייט, אויף װיפֿל דאָס איז אין די כּוחות פֿון די דערציִער, קומען צום קינד ניט װי אַ שאָק, נאָר װי אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט. זאָל דאָס קינד דערזען זײַן ייִדישקייט ניט דורך אַ פֿאַל אַלאַ געאָרג בראַנדעס, נאָר דורך דעם װאָס מען רעדט ייִדיש אין שטוב, דורך אַ ייִדיש ברעטל אויף דער טיר. יעמאָלט װעט דאָס קינד װאַקסן מיטן באַװוּסטזײַן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע גרופּעס מענטשן אויף דער װעלט, און מיר זײַנען איינע פֿון זיי, ניט קיין בעסערע און

ניט קיין ערגערע ווי די אַנדערע. בשעת ער וועט שפּעטער געוווּיר ווערן, אַז זײַן קיבוץ איז באַעוולט, וועט דאָס ניט אַרויסרופֿן בײַ אים קיין געפֿיל פֿון מינערקייט; עס וועט זײַן אַן אומרעכט, קעגן וועלכן מען מוז קעמפֿן.

כ'וואָלט ניט וועלן, מען זאָל מיך פֿאַרשטיין אַזוי, אַז איך האַלט פֿון אָפּציִען דעם מאָמענט פֿון „אויסזאָגן" וואָס ווײַטער. אין דעם נעגערשן אינסטיטוט טאַסקיגי, שטאַט אַלאַבאַמאַ, האָט מען מיר דערציילט וועגן איינעם אַ נעגער אַ דאָקטאָר, וואָס האָט געוואָלט פֿאַרמײַדן פֿון זײַן זון די אָפּקומעניש פֿון דער „שוואַרצער געטאָ" און האָט אים דעריבער אָוועקגעשיקט קיין פּאַריז. דער יונגער-מאַן איז צוריקגעקומען קיין אַלאַבאַמאַ צו 27 יאָר. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך שוין ניט געקאָנט אַרײַנפּאַסן אין דעם סדום-בעטל, מיט וועלכן די ווײַסע קולטור פֿון אַמעריקע איז מזכּה אירע נעגערס, און ער האָט געליטן מער ווי יענע וואָס זײַנען קיין מאָל אויף דער פֿרײַ ניט געווען.

פֿאַראַן הייסט עס ניט נאָר אַ צו פֿרי, נאָר מיסתּמא אַ צו שפּעט אויך. ווו איז דער ריכטיקער פּונקט פֿון באַקענען דאָס אונטערוואַקסנדיקע קינד מיט דער ברוטאַלקייט פֿון לעבן?[26] איך בין משער, אַז פֿאַר פֿאַרשיידענע קינדער איז דער צײַטפּונקט אַ פֿאַרשיידענער.

אָבער וועגן די אויספֿירן וואָס די דערציִונג-וויסנשאַפֿט קען מאַכן פֿון די פֿאַקטן דאַרף מען ריידן באַזונדער. פֿריִער זאָל אונדז די יוגנט-פֿאָרשונג געבן די פֿאַקטן.

49. די ערשטע קאָמפּענסאַציעס

יעטווידער קינד, האָבן מיר געזען בשעת מיר האָבן אַנאַליזירט דעם לעבנס-וועג פֿון אַ מענטשן אין ערשטן טייל פֿון אונדזער בוך, איז אויסגעשטעלט אויף אַ געפֿיל פֿון אומזיכערקייט אַנטקעגן דער וועלט פֿון דערוואַקסענע. דער אופֿן ווי אַזוי דאָס קינד גייט אַרויס פֿון די דאָזיקע קינד-דערוואַקסענע-קאָנפֿליקטן באַשטימט אין אַ גרויסער מאָס זײַן פּערזענלעכקייט. בײַ אַ קינד וואָס איז ווי עס איז געצייכנט (אַ בעל-מום, אַן אומגעזעצלעך קינד) ווערט די פּסיכישע סיטואַציע קאָמפּליצירטער. אַ קינד פֿון אַ מיִעוט-גרופּע לעבט פּסיכיש אויך אַנדערש איידער אַ קינד פֿון דער מערהייט. פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען דאָס מיִעוטים-קינד האָט דערקענט זײַן „מיִעוטימשפּט", איז ער באַלאָדן מיט אַ צווייִקער אומזיכערקייט: ווי אַ קינד לגבי די דערוואַקסענע און ווי אַ מיטגליד פֿון אַ מיִעוט לגבי דער מערהייט.

---

[26] אַשטייגער אַזאַ מין פֿראַגע, אויף וועלכער איך בעט אַן ענטפֿער פֿון לערער-פּראַקטיקער: בשעת מען לייענט אין צווייטן אָדער אין דריטן קלאַס פֿון אַ יידישער פֿאָלקסשול ס. מאַרשאַקס וווּנדערבאַר קינדערביכל: „די פּאָסט", וואָס ענדיקט זיך מיט אַ לויב צו אַלע בריוונטרעגער פֿאַר זייער געטרײַער אַרבעט—צי זאָל מען אונטערשטרײַכן דעם פֿאַקט, אַז אין אַ היפּשער צאָל לענדער קען אַ ייִד ניט זוכה זײַן צו ווערן אַ בריוונטרעגער?

בכדי אַרויסצוהעלפֿן דעם קינד, גיט אים די היים אַ געוויסע ראַציאָנאַליזירנדיקע קעגנוואָג. קיין פֿולער עקוויוואַלענט קען דאָס ניט זײַן, ווי גוט און ריכטיק די דערקלערונגען פֿון די דערוואַקסענע זאָלן ניט אויסטײַטשן די סיבות פֿון דער באַעוולטקייט; מחמת די ראַיות ריידן דערציִקרשט צו זײַן ש כ ל, און די באַעוולטקייט פֿ י ל ט ער. אָבער פֿאָרט וואָלט די פּסיכישע משא פֿון דער אומזיכערקייט געווען אָן אַ שיִעור שווערער, און אין טייל פֿאַלן וואָלט זי אפֿשר געווען ניט איבערצוטראָגן, ווען די דערציִונג זאָל ניט געווען פֿאַרזאָרגן דאָס קינד מיט פּסיכישע קאָמפּענסאַציעס. דאָ הייבט זיך שוין אָן דער גרויסער אונטערשייד צווישן די פֿאַרשיידענע באַעוולטע קיִבוצים. פּונקט ווי עס איז פֿאַרשיידן דער גראַד באַעוולטקייט, און ממילא אויך די פּסיכישע טראַוומעס צו וועלכע די באַעוולטקייט ברענגט, אַזוי איז אויך פֿאַראַן גאָר אַ גרויסער חילוק אין די קאָמפּענסאַציעס וואָס אַ קיִבוץ האָט אין זײַן רשות און מיט וועלכע ער קען באַוואָפֿענען זײַנע מיטגלידער. די קאָמפּענסאַציעס הענגען ניט סתם אין דער לופֿטן, מען קען ניט אויסטראַכטן וואָס שענערע. זיי דרינגען אַרויס פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿונעם קיִבוץ, פֿון זײַנע אויפֿטוען בײַ הײַנטיקן טאָג, פֿון זײַנע אַספּיראַציעס אין דער צוקונפֿט.

דער אַמעריקער ייִד האָט פֿאַרגיטיקט זײַן קינד יעדן שטיין פֿון אַ שייגעץ מיט דער פּעסטשטעלונג, אַז אַ ייִד איז אין גלות. די פּאָליאַקן אין דער צײַט פֿון די צעטיילונגען האָבן געקענט שטאַרקן זייערע קינדער דורך דערמאָנען די נאַציאָנאַלע העלדן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט און דורך גלאָריפֿיצירן די קרבנות וואָס פּוילן האָט געבראַכט פֿאַר דער זאַך פֿון פֿרײַהייט. גריכנלאַנד אונטער דער טערקישער ממשלה האָט זיך געגרייסט מיט דער שטאָלצער ירושה פֿון די אַלטע העלענער.

דער ניכטערער דרויסנדיקער אָבסערוואַטאָר וועט דאָ פֿאַלן אויף אַן אַנאַלאָגיע מיט די טאָג־חלומות פֿון שוואַכע קינדער וועגן העראָיִזם אָדער מסירת־נפֿש, און ער וועט גאָרניט זײַן אַזוי אומגערעכט. האָפֿענונגסלאָז פֿלאַך וועט ער ווערן ערשט אין יענעם מאָמענט, ווען ער וועט פּרוּוון דורך דער דאָזיקער אַנאַלאָגיע מ בֿ ט ל ז ײַ ן די טיפֿע פּסיכישע רעאַליטעט פֿון די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אידעאַלן. קולטור־פֿאָרשער וואָלטן געוויס געדאַרפֿט אויספֿאָרשן די דאָזיקע אידעאַלן, אָן אַ פֿאַרקאָכטקייט פֿאַר אָדער קעגן, אויף אַ פֿאַרגלײַכיקן שטייגער און מיט גענוג פּרטים, ווי זיי וואַקסן אויס להיפּוך צו די גרויסמאַכט־אידעאַלן פֿון אַנדערע פֿעלקער.

עס מאַכט ניט אויס, צי די דאָזיקע קאָמפּענסאַציעס זײַנען געבויט אויף פֿאַקטן אָדער אויף אָפּנאַרן זיך אַליין; אַ פּ ס י כ י ש ע רעאַליטעט זײַנען די קאָמפּענסאַציעס יעדנפֿאַלס, און דאָס איז דער עיִקר. עס איז דעריבער גאָרניט קיין קלייניקייט, וואָס דער אַמעריקאַנער נעגער איז אַ סך מער געפּענטעט אַפֿילו אין די קאָמפּענסאַציעס וואָס ער קען געבן זײַנע קינדער, ענטפֿערנדיק אויף זייערע פּײַנלעכע פֿראַגעס. זײַנע טרייסטונגען בײַ הײַנטיקן טאָג זײַנען שטאַרק רעדוצירט דורך דעם וואָס זײַן דאָקומענטירטע פֿאַרגאַנגענהייט איז אַזוי אָרעם.

מיט אַ יונגן נעגער, אַ סטודענט פֿון געשיכטע, האָב איך סוף 1932 געהאַט אַ שמועס וועגן דעם, וואָסערע פֿאָרשערישע אויפֿגאַבעס ער וואָלט פֿאַר זיך אָנגעמערקט. ער האָט מיר געזאָגט: ער האָט ניט לאַנג צוריק געהערט, אַז נאָך ביז קאָלומבוסן האָט מען פֿון אַפֿריקע אַרויס אַנטדעקט אַמעריקע. וואָלט ער וועלן נאָכגיין נאָך דער זאַך; ווען דאָס זאָל זיך לאָזן אויפֿווײַזן דאָקומענטאַל, וואָלט דאָך דאָס געמיינט, אַז נעגערס זײַנען געקומען קיין אַמעריקע פֿריִער פֿאַר די ווײַסע! איך האָב אים געפֿרעגט אַ פֿאַרוווּנדערטער, צי 250—300 יאָר נעגערטום אין אַמעריקע זײַנען ניט גענוג אויף צו באַגרינדן די נעגערשע פֿאָדערונגען נאָך גלײַך־באַרעכטיקונג. אָבער ווען איך האָב דעם שמועס איבערגעטראַכט שפּעטער, האָב איך פֿאַרשטאַנען די פּסיכאָלאָגישע וואָרצלען, פֿון וועלכע זײַן נאַיִווע וועלעניש איז אַרויסגעוואַקסן.[27]

אַ חוץ גלאָריפֿיצירן די פֿאַרגאַנגענהייט, הגם אָנשפּאַרנדיק זיך אויף איר, באַשאַפֿן אויך שוואַכע גרופּעס קאָמפּענסאַטאָרישע פֿאָרשטעלונגען וואָס זײַנען אָנגעצילט אין דער צוקונפֿט אַרײַן. עס קען זײַן אַ פּערזענלעך באַפֿאַרבטע משיח־אידעע, עס קען זײַן אַ טרוים וועגן דעם טויזנטיעריקן מלכות אין אַלגעמיין, עס קען זײַן די האָפֿענונג אויף אויפֿצושטעלן צוריק אַן אייגענע מלוכה.

ווען דער טראַדיציאָנעלער ייִד האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם קינד, אַז אַ ייִד איז אין גלות, איז דאָס געווען ניט נאָר אַ פֿעסטשטעלונג פֿון אַ טרויעריקן פֿאַקט. פֿאַר איינס האָט דאָס געמיינט: אַז משיח וועט קומען, וועט ווערן אַ סוף צום גלות און אַלע ליידן וועלן זיך פֿאַרקערן אין פֿריידן. לאַנג קען שוין דאָס ניט געדויערן, און אויב אַפֿילו יאָ, איז טויזנט מאָל כּדאַי, וואָרעם אונדז און ניט די שטיינער־וואַרפֿער האָט דאָך גאָט אויסדערוויילט פֿון אַלע פֿעלקער. און ווען אויף אַ גויִשער חגא איז געגאַנגען אַ רעגן, איז דאָס געווען אַ באַשטעטיקונג אויף דעם פֿאַקט, אַז גאָט איז מיט אונדז.

צי רעאַליסטיש ריכטיק צי ניט, אָבער ס'איז געווען אַן ענטפֿער צו דער זאַך, אַן ענטפֿער וואָס האָט געהאַט אַ פּסיכישע פּעולה, ווײַל ער האָט פֿאַראייניקט און געשטאַרקט דעם קיבוץ און געגעבן אַ מיגלעכקייט ווי עס איז איבערצוקומען די פּײַן.

עס איז אָבער געקומען די צײַט בשעת דער דאָזיקער ענטפֿער באַפֿרידיקט שוין ניט אַלעמען. איינער פֿון די סימנים פֿון אונדזער תּקופֿה און איינער פֿון די סימנים פֿון דער הײַנטיקער ייִדישער צעריסנקייט באַשטייט טאַקע דערין: בשעת ווען די לאַסט פֿון זײַן אַ ייִד איז געבליבן אין דער אָדער יענער פֿאָרם פֿאַר

27 גאַנץ נאָענט בשכנות ליגט דאָס וואָס איך האָב אַליין געהערט פֿון אבֿרהם־אליהו הרכּבֿין. ענטפֿערנדיק די באַגריסער צו זײַן 75טן געבוירנטאָג האָט הרכּבֿי געזאָגט: אים איז געגאַנגען אין זײַן וויסנשאַפֿטלעכער טעטיקייט אויפֿצווײַזן, אַז ייִדן זײַנען פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער תּושבֿים אויף דער מיזרח־אייראָפּעישער טעריטאָריע, ווײַל ער האָט געוואָלט אַזוי אַרום היסטאָריש באַקרעפֿטיקן די ייִדישע פֿאָדערונג אויף גלײַך־באַרעכטיקונג אין רוסלאַנד.

אַלע ייִדן, גילט די אַמאָליקע קאָמפּענסאַציע נאָר בײַ איין טייל. אָנזעצװודיקע טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק קענען שוין ניט פֿירברענגען די אָ קאָמפּענסאַציע פֿאַר זייערע קינדער, װײַל זיי אַליין קענען זיך שוין אויך ניט טרייסטן דערמיט.

אָנשטאָט דעם זײַנען אויפֿגעקומען פֿאַרשיידענע אַנדערע קאָמפּענסאַציעס. מיר לײַדן, װײַל מיר זײַנען די טרעגער פֿון אמת און יושר אויף דער װעלט, און פֿאַרן אמת שלאָגט מען. אָדער: אַלע זײַנען קעגן אונדז, װײַל מיר האָבן קיין היים ניט; בויען מיר טאַקע איצטער אונדזער אַלט-נײַע היים אין ארץ-ישראל, און דאָס װעט מאַכן אַ סוף צו אונדזערע לײדן. אָדער: די איצטיקע לאַגע אונדזערע איז אַ רעזולטאַט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, דער סאָציאַליזם װעט אויסלייזן אונדז צוזאַמען מיט דער גאַנצער װעלט. אָדער: אין יעדן איינציקן לאַנד זײַנען מיר טאַקע אַ מינדערהייט און אויסגעשטעלט צו רדיפֿות, אָבער דערפֿאַר זײַנען מיר אַ װעלטפֿאָלק מיט אַ ברייטן קוק און מיט מאָסן פֿון אייביקייט. אָדער: װאָס פֿאַר אַ װערדע מישטײַנס געזאָגט האָבן די קלעפּ? פֿון די נביאים ביז אײַנשטיינען זײַנען די גרעסטע מענטשן אַלעמאָל געװען ייִדן. און װי אַן אויספֿיר דערפֿון: האָב די רשעים אין דער ערד, דו װײַז װאָס דו קענסט; מיר מיט אונדזערע פֿעיִקייטן װעלן זיי פֿאָרט פֿאַרשטעקן אונטער דער פּאָלע.

די פֿאָרשונג דאַרף אויסגעפֿינען, אין װאָסערע פֿאַמיליעס װערט װאָסער קאָמפּענסאַציע אַרײַנגעפֿירט; צי מישן זיך אויס די פֿאַרשיידענע פֿאָרשטעלונגען און אין װאָס פֿאַר אַ מאָס; ביז װאָס פֿאַר אַ גראַד און אונטער װאָסערע אומשטאַנדן איז טאַקע פֿאַראַן אַ פּסיכישע פּעולה פֿון די קאָמפּענסאַציעס. דערװײַל װייסן מיר װעגן די אַלע זאַכן גאָרניט, און מער װי אַ שטיקל אָנצוהערעניש אויף דער פּראָבלעם קענען מיר ניט געבן.

אין אַ װינער פֿאַמיליע, װוּ ס'איז ניטאָ קיין טראַדיציאָנעלע פֿרומקייט, נאָר מען טראַכט שטאַרק װעגן ייִדישער דערציִונג בײַ די קינדער, האָט מיר דער פֿאָטער איין מאָל דערציילט, װי שטאַרק דער ייִדישער געפֿיל זיצט שוין אין זײַן פֿיריאָריקער טאָכטער. זי האָט געזאָגט צו דער דינסט: „װאָס, אײַער ניטל איז ניט מער װי צװיי טעג? און בײַ אונדז חנוכּה איז אַ כ ט!“ דער פֿאָטער האָט געמיינט, אַז מיט אַזאַ מין געפֿיל, אַז ייִדישקייט איז בעסער, װעט די מיידל שפּעטער זײַן אימון קעגן די שטאָכן װאָס װעלן קומען פֿון דער ניט-ייִדישער װעלט. איך בין שטאַרק מסופּק, צי דאָס איז אַזוי. די פֿראַגע װעגן יאָ שפּירן אָדער ניט שפּירן ייִדישקייט װי אַ לאַסט איז, דוכט מיר, אַ סך מער געװענדט אין דער אַלגעמיינער פּסיכישער גלײַכװאָג; װײַל װען אַ מענטש איז פּסיכיש ניט אויסגעבאַלאַנסירט, קען זיך אַמאָל מאַכן, אַז ער זאָל מוחל זײַן אַלע גוטיקייטן פֿון דער װעלט, די גוטיקייט פֿון זײַן אַ ייִד אַרײַנגערעכנט, אַבי ניט װאַרפֿן זיך אין די אויגן. פּסיכיש אויסבאַלאַנסירן אָבער קען זיך אַ ייִדיש קינד אַמאָל גיכער דורך ראָבינזאָנען אָדער גוליװערן אָדער דורך אַן ערפֿאָלג אין פֿוטבאָל, איידער דורך לייענען אַ Chanukkahbuch אָדער דורך זיצן פּסח בײַם סדר. װער עס

ווײַל צוביגדן זײַנע קינדער צום יִדישן לעבנס־שטייגער, מוז זיי פֿאַרשטייט זיך אַרײַנפֿירן אין יִדישע שטייגער־פֿאָרמען; אָבער קענען דעם שטייגער איז איינס און פּסיכיש אַקצעפּטירן דעם שטייגער איז עפּעס אַנדערש[28].

נאָר דאָ, פּונקט ווי בכלל אין דעם דאָזיקן גאַנצן בוך מײַנעם, בין איך ניט קיין אַדוואָקאַט פֿאַר און ניט קיין פּראָקוראָר קעגן וועלכער עס איז געזעלשאַפֿט־לעכער אידעע. מיר גייט דאָ נאָר אין אילוסטרירן סיטואַציעס דורך בײַשפּילן.

אַמאָל בײַטן זיך די קאָמפּענסאַציעס אין אַ סבֿיבֿה זייער גיך. נעמט אַשטייגער די גרויסע מאַסע אַמעריקאַנער יִדן וואָס פֿלײַסן זיך אַרײַנצוואַקסן אין אַמעריקע און דאַרן זיך ניט שטאַרק דעם קאָפּ וועגן דער אָדער יענער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. נאָך גאָרניט לאַנג איז די רעאַקציע פֿון אַן אַמעריקאַנער יִדישן יונגנמאַן אויף אַ יִדישקייט־אַטאַק געווען: „איך בין ניט קיין יִד, איך בין אַן אַמעריקאַנער״. דערנאָך איז געקומען אַ צײַט, ווען די רעאַקציע איז געוואָרן: „איך בין אַן אַמעריקאַנער יִד״. איצטער האַלטן מיר שוין בײַ אַ דריטער סטאַדיע, און איר קענט אַלץ אָפֿטער הערן די תּשובֿה: „איך בין אַ יִד און איך שטאָלציר דערמיט״. פֿאַר וואָס האָט דער פֿאַרגאַנגענער דור אָפֿטמאָל ניט געוואָלט אָנערקענען זײַן יִדישקייט, און ווו איז הײַנט דער טעם צו שטאָלצירן מיט אַ זאַך אין וועלכער מען איז אַליין אומשולדיק — דערויף זאָלט איר קיין צו פֿיל קשיות ניט פֿרעגן, וואָרעם ווינציקער ווי אַלץ וועט אײַך דערויף קענען ענטפֿערן דער זאָגער גופֿא. דאָס איז אַן ענין ניט פֿון לאָגיק, נאָר פֿון פּסיכאָלאָגיע, און אויף זײַן אייגענער פּסיכאָלאָגיע איז מען נאָך אַ קנאַפּערער מבֿין ווי אויף יענעמס.

50. די פּרעמדע שול

דעם צווייטן האַרבן „אַטאַק פֿון יִדישקייט״ האָבן מיר צוגעפּעסטטיק צו דער צײַט, ווען דער דערוואַקסלינג טרעט אַרײַן אין לעבן. פּינקטלעכער וועט זײַן צו זאָגן: בשעת דער דערוואַקסלינג נעמט ערנצט איבערטראַכטן זײַן סיטואַציע אין קיבוץ און זײַן אייגענע צוקונפֿט. ווידער אַמאָל איז דאָ אוממיגלעך אָנצווײַזן אויף זיכער, אויף וואָסער עלטער דאָס געפֿאַלט; ס׳קען זײַן פֿריִער אָדער שפּעטער, לויט די אומשטאַנדן. איינער פֿון די פֿאַקטאָרן וואָס קענען היפּש צואײַלן דעם צווייטן אַטאַק איז די שול, אויב דאָס איז אַ שול ווו יִדישע און ניט־יִדישע קינדער גייען צוזאַמען.

יעטווידער שול איז אַ נײַער ערנצטער אָפּשניט אין דעם קינדס לעבן.

„מיטן אָנהייב פֿון שוללעבן... מוז דאָס קינד זיך אויסלערנען ניט נאָר צוצופּאַסן זיך און זײַן אויפֿפֿיר צו די טעטיקייטן און צום אויטאָריטעט פֿון אַ נײַער ווינציקער נאָכגיביקער, ווינציקער פּראָטעקטיווער סאָציאַלער גרופּע, נאָר ער מוז אויך פֿאַרנעמען זײַן פּלאַץ אין דער דאָזיקער גרופּע, ער מוז זײַן אַ יחיד אַן אומאָפּהענגיקער און פֿאָרט גיין אין שפּאַן מיט אַלעמען״[29].

---

28 זע אויבן ז׳ 21.

29 Brown, Frederick W. In: Mental Hygiene, April 1933, p. 270.

די סיטואַציע פֿון די ייִדישע קינדער, ווען זיי קומען אַרײַן אין אַ פֿרעמדער שול, איז נאָך אַ סך קאָמפּליצירטער. צו גלײַך מיט אַלעמען מוזן זיי זיך צופּאַסן צו דעם פֿאַקט, וואָס זייער „ערשטיקע גרופּע", די פֿאַמיליע און די חבֿרים, ווערט איצטער צו ביסלעך פֿאַרביטן דורך דעם מער ווײַטן סאָציאַלן אָרגאַניזם פֿון דער שול. דאָס איז אַ האַרבע פּסיכאָלאָגישע אויפֿגאַבע. נאָר צו דעם קומט נאָך צו אַ צוגאָב-שווערקייט. די ייִדישע קינדער געפֿינען אויס דאָס וואָס פֿריער האָבן זיי געוווסט נאָר זייער אומבאַשטימט: אַז דער ברייטערער קיבוץ איז אין אַ צושטאַנד פֿון קאָנפֿליקט מיט זייער קיבוץ.

אָט ווי אַ בחור פֿון קאָנגרעס-פּוילן, אַ געבוירענער אין 1914, באַשרײַבט דעם ברוך-הבא וואָס ער האָט באַקומען אין אַ פּוילישער שול:[30]

„אין יאָר 1921 טרעט איך אַרײַן אין דער פֿאָלקסשול. צוליב מײַנע קליינע קענטעניש אין דער פּוילישער שפּראַך וואָס איך האָב נאָך אין חדר געלערנט בין איך באַלד אַרײַנגעטרעטן אין צווייטע אָפּטיילונג.

דאָ אין דער פּוילישער פֿאָלקשול איז באַקוועמער [איידער אין חדר]: ריין און לופֿטיק. אויסגעשטעלטע לאַווקעס מיט אַרײַנגעשטעקטע טינטערס מיט טינט גרייט צום שרײַבן פֿאַר יעדן איינעם.

אַ גרויסן אײַנדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דאָס, וואָס די קריסטלעכע קינדער האָבן זיך געזעצט אָפּגעטיילט פֿון אונדז אין אַ אַנדערע זײַט לאַווקעס. מיר ייִדישע קינדער האָבן זיך געזעצט אין דער צווייטער זײַט לאַווקעס. אין פֿלוג האָב איך נישט געקענט פֿאַרשטיין, באַוויל איך האָב זיך נישט פֿאָרגעשטעלט אַזעלכעס. איך האָב דערקענט אין זייערע געזיכטער אַ שטילע שׂינאה צו אונדז. זיי פֿלעגן וואַרפֿן געהיימע בייזע בליקן אַריבער אין אונדזער זײַט. איך בין געזעסן און געטראַכט וועגן דעם. און איך האָב דערפֿילט, אַז עפּעס טיילט אונדז אָפּ פֿון זיי. איך האָב פֿאַרשטאַנען: דאָס וואָס זיי זײַנען קריסטן און גלייבן אין יעזוסן מאַכט זיי פֿרעמד פֿאַר אונדז און פֿאַרשאַפֿט בײַ זיי אַ האַס, דערפֿאַר וואָס מיר גלייבן אין יהוהן"...

פֿון גניעזנע, פּויזנער געגנט, ווו ס'וווינען אַ פֿערציק ייִדישע מישפּחות, דערציילט אַן אָבסערוואַטאָר:[31]

„דאָס מיידל, אַ יאָר 13, גייט אין דער פּוילישער שול. זי רעכנט זיך צווישן די בעסערע, אויב נישט די ב ע ס ט ע שילערינס. ווען ס'קומט דער נאָכמיטאָג, ווערט פֿול די שטוב מיט קאָלעגינס, פּוילישע מיידלעך, וואָס מוזן נעבעך אָנקומען צו סאָרטשען, זי זאָל זיי העלפֿן מאַכן די לעקציעס. אַ גאַנצע וואָך ציט זיך עס

30 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 242 אין די זאַמלונגען פֿון ייִוואָ (סימ: יאשיהו), ז' 11.

31 מ. מאַנדעלמאַן, די טראַגעדיע פֿון ייִדישן קינד. אין: שלוועגן (וואַרשע) II, נאָוועמבער 1934, ז' 57.—נאָך פֿאַקטן פֿון דעם מין דערציילט דער זעלבער מחבר אין „נײַע פֿאָלקסצײַטונג" פֿון 1935/V/19.

אַזוי, קענען זיי סאָרטשען פֿאַר אַ חבֿרטע און קאָלעגין. ווי ס'קומט אָבער זונטאָג, ווען איך סאָרטשע וואָלט געוואָלט גיין שפּאַצירן מיט חבֿרטעס... דעמאָלט באַווײַזט זיך קיינער ניט, און אַז מען באַגעגנט זיך אין גאַס דערקענען זיי זי נישט... דאָס קינד פֿאַרשטייט שוין זייער גוט וואָס דאָ קומט פֿאָר... און מ'קאָן זיך פֿאָרשטעלן די פּײַן פֿון דעם דאָזיקן קינד.״

אַז דאָס 13-יאָריקע קינד פֿאַרשטייט וואָס דאָ קומט פֿאָר, מעג מען זיך פֿאַרלאָזן; קינדער פֿאַרשטייען אַפֿילו גאָר אַנדערע זאַכן. אָט האָט דער אָקאָרשט ציטירטער בחור, הגם ער איז געווען אַ סך ייִנגער, פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז פֿאַרבײַסן די ליפּן און לײַדן, ווײַל די שול ברענגט אים נוצן:

„... דאָס אַלעמאָל באַטאָנען פֿון לערער און אָנשרײַען אויף אונדז ייִדן „זשידזשי״—וואַרפֿט אויף מיר אָן אַן אומצוטרוי צום לערער. איך פֿלעג זיצן מיט אומגעדולד אויף דער לעקציע. אַזוי איז אַדורך טאָג בײַ טאָג. אָבער איך מוז זיך לערנען — פֿלעג איך צו זיך זאָגן, מעג איך מאָראַליש לײַדן אין דער שול. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ קאָן איך געניסן אַ סך וואָס וועט מיר צו ניץ קומען אין ווײַטערדיקן גאַנג פֿון מײַן לעבן. איך לערן זיך און זדאַווע פֿון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער אָפּטיילונג, יאָר בײַ יאָר...״

מיר זײַנען באַרעכטיקט איבערצוקלערן, אַז די בולטע פֿאָרמולירונג: עס איז שלעכט, נאָר דאָ קען מען געניסן אַ סך, דעריבער מוז איך זיך אָנטון אַ כּוח — אַז אָט די ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש איז אַ שפּעטיקערע זאַך. אָבער אַז דער ייִנגל האָט דאָס ג ע ש פּ י ר ט נאָך אין שול זײַענדיק, דערין זע איך ניט קיין גרונד צו ספֿקן.

אַן אַנדער בחור, אויך פֿון צענטראַל-פּוילן[32], האָט איבערגעלעבט דאָס אייגענע, נאָר ענדיקן ענדיקט ער זײַן באַריכט אַנדערש: ניט וועגן אַן אויסוועג דערציילט ער, וואָס ער אַליין האָט געפֿונען, נאָר ער פּרוּווט פֿאַרשטיין די פּאָ-ווישעכנע שול ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכע ערשײַנונג.

„... די מוטער... זאָרגט זייער, אַז איך זאָל נישט זײַן קיין אַנאַלפֿאַבעט און קענען אויך פּויליש, דערצו גיט זי מיך אָפּ אין אַ פּאָווסעכנער שול, אין וועלכער ס'לערנען זיך פּוילישע מיט ייִדישע קינדער צוזאַמען... דער לערער זעצט די ייִדישע שילער אויס אויף באַזונדערע באַצייכנטע בענק, זיי געניסן ניט פֿון קיין שום רעכט אין שול, מען קען זיי שלאָגן און דער לערער מאַכט זיך נישט זען. פֿאַרקערט, מיט זײַנע גיפֿטיקע באַמערקונגען וועגן ייִדן שאַפֿט ער אַ וואַנט פֿון שׂינאה און כּעס צווישן ייִדישע און קריסטלעכע שילער. פֿאַר מיר איז די דאָזיקע ערשײַנונג געווען אַ נײַעס. צי זײַנען מיר נישט גלײַכע מיט יאַנעקן אָדער וואַצעקן וועלכער זיצט אַ באַנק ווײַטער פֿון מיר? פֿאַר וואָס שיקאַנירט מען אונדז ייִדישע שילער? אָבער ווי אַנטוישט בין איך, ווען איך דערוויס זיך, אַז די זעלבע שיקאַנעס און רדיפֿות, די זעלבע העצעס און אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניעס שטייען

32 אויטאָב' נומ' 204 (סימן עמעם), ז״ז 17—18.

נישט מיר בלויז אויס, נאָר דאָס גאַנצע ייִדישע אַרבעטנדיקע פֿאָלק סײַ אין קליינעם מאַסשטאַב אויף דער שולבאַנק, סײַ אין גרויסן מאַסשטאַב אויף דער שויס פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן."

דאָ איז די דערקענטעניש און די פֿאָרמולירונג געוויס אויך פֿאַרויסדאַטירט; אין דער אמתן איז זי געקומען שוין בײַם אַבסאָלווענט; אָבער דער פֿונדאַמענט איז אפֿשר געלייגט געוואָרן אין יענע יונגע יאָרן.

אין אונדזערע אויטאָביאָגראַפֿיעס שטויסן מיר זיך טיילמאָל אָן אויף דער פֿרייד וואָס אַ קינד לעבט איבער בײַם אַריבערגיין פֿון דער געמישטער שול אין אַ שול פֿאַר ייִדישע קינדער.

„[אין דער נײַער גימנאַזיע, ווו ס'זײַנען געווען נאָר ייִדישע קינדער] ...האָב איך זיך געשפּירט ווי אין גן־עדן, ווײַל איך בין שוין פּטור געוואָרן פֿון די אַנטיסעמיטישע לערער און קאָלעגן. דאָ האָב איך ערשט דערקענט, וואָס עס הייסט חבֿרישקייט און יושר מצד די פּראָפֿעסאָרן. ליידער האָב איך געמוזט [פֿון דער גרעסערער שטאָט] אומקערן זיך אַהיים און רעזיגנירן פֿון לערנען ווײַטער אין אַ ייִדישער שול. מען קען זיך אויסמאָלן, סאַראַ אומגליקלעכער איך בין געווען, בשעת איך האָב געדאַרפֿט פֿון אָט דער וואַרעמהויז־אַטמאָספֿער... אומקערן זיך אין דער גויִשער פֿאָלקסשול. מײַן דראַמע האָט זיך אָנגעהויבן איבער אַ נײַס; זי איז געווען נאָך טראַגישער, ווײַל איך האָב זיך שוין געהאַט דערפֿון אָפּגעוווינט."[33]

עס וואָלט געווען צו האַמעטנע פֿאַרצושטעלן די זאַך אַזוי, אַז אין יעדער ניט־ייִדישער שול האָבן ייִדישע קינדער תּמיד אויסצושטיין דווקא רדיפֿות און נגישות. פֿון אונדזערע מאַטעריאַלן זעען מיר, אַז עס זײַנען פֿאַראַן אַנדערע און אַפֿילו קעגנדיקע פֿאַלן. טיילמאָל זײַנען די באַציִונגען מיט די חבֿרים גוטע, און נאָר די לערער דערגייען די יאָרן; טיילמאָל געדענקט מען בכלל ניט קיין שלעכטס. מיר וועלן פֿריִער ציטירן עטלעכע אַזעלכע שטימען, און דערנאָך וועלן מיר זיך אַרומזען, אויף וויפֿל אַזוינע פֿאַקטן דאַרפֿן משפּיע זײַן אויף אונדזער אָפּשאַצונג פֿון דער פֿרעמדער שול.

„... צו אַכט יאָר בין איך שוין געגאַנגען אין דער דאָרפֿישער פֿאָלקסשול. פֿון אָנהייב האָב איך זיך שלעכט געפֿילט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון בלויז שקצים. שפּעטער אָבער האָב איך זיך צוגעוווינט און ס'איז געגאַנגען נישקשהדיק. דערצו האָב איך אַרויסגעוויזן גרויסע פֿעיִקייטן אין לערנען, און דערמיט דערוועקט צו זיך אַ געוויסן דרך־ארץ מצד מײַנע קריסטלעכע חבֿרים. געוווּנדערט האָט מיך אָבער דאָס, וואָס הגם [!] מײַנע פֿעיִקייטן און קענטעניש האָט די קריסטלעכע לערערקע (איינע אין דער גאַנצער שול) באַהאַנדלט מיך גאָר שלעכט, זאָגאַר ווי מיט אַ ספּעציעלע שׂינאה. הײַנט פֿאַרשטיי איך, אַז זי איז געווען אַן אַנטיסעמיטין, אָבער דאַמאָלט איז דאָס ניט געווען קלאָר פֿאַר מיר. בײַ מיר איז קיין אונטערשייד

33 אויטאָב' נומ' 53, אַ בחור פֿון גאַליציע.

צווישן מענטשן ניט געווען, ווײַל צו אַלע האָב איך געהאַט אַ באַציִונג ווי צו גוטע פֿרײַנד...״[34]

אַ בחור פֿון אַ ייִשובֿ אין פּאָלעסיע דערציילט:

„...ס׳איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז טראָץ דעם וואָס איך בין געווען דער איינציקער ייִדישער שילער אין דער לעצטער אָפּטיילונג, האָבן מיר די קריסטלעכע חבֿרים באַהאַנדלט פּונקט ווי זייערן אַ קריסטלעכן חבֿר...״[35]

אין איין אויטאָביאָגראַפֿיע הערן מיר אַפֿילו, אַז די באַציִונג צום שרײַבער איז אין אַ גימנאַזיע פֿאַר ייִדישע קינדער געווען ניט בעסער ווי פֿריִער אין דער פּאָוושעכנער שול; און די דאָזיקע שטים ווײַזט אונדז אָגבֿ, אַז „נאַציאָנאַלע" און „סאָציאַלע" פֿאַקטאָרן ליגן ניט אין דער פּערזענלעכקייט פֿײַן אָפּגעסאָרטירט.[36]

„...בײַ אונדז אין דער פּאָוושעכנער שול האָב איך געהאַט אויסצושטיין ראַסנהאַס — און דאָ קומט אויס (ס׳דאָך פֿאַרט אַ ייִדישע מיטל־שולע) האָב איך באַלד באַמערקט דעם קלאַסנהאַס. ביידע שונאים שטעלן זיך פֿאַר מיר ווי איין שונא, ניט בעסער און ניט ערגער...״[37]

51. עמאָציאָנעלקייט און אינטעלעקטועלקייט

עס וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטע אויפֿגאַבע צונויפֿצונעמען פֿון דעם גאַנצן יוגנט־מאַטעריאַל פֿון ייִוואָ אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות צו דער פֿאַקטישער סיטואַציע און צו די איבערלעבונגען פֿון ייִדישע קינדער אין געמישטע שולן. נאָך מער וואָלטן אונדז מיסתּמא געגעבן ספּעציעלע אויספֿאָרשונגען וועגן דעם ענין. נאָר עטלעכע פֿאָרויסיקע באַמערקונגען וועלן מיר, מיט די געהעריקע באַוואָרעניש, מאַכן.

מיר ווײַזט אויס, אַז בנוגע דער לאַגע פֿון די ייִדישע קינדער אין געמישטע שולן קענען מיר אײַנשטעלן עטלעכע שטאַפּלען; איך גיי פֿון שלעכט צו בעסער.

1) דאָס ייִדישע קינד טרעפֿט אָן אויף רדיפֿות און נגישות מצד די קינדער און לערער.

2) בלויז די קינדער (אָדער בלויז די לערער) זײַנען אומפֿרײַנדלעך.

3) סײַ מצד די לערער, סײַ מצד די קינדער איז די באַציִונג אַ גוטע.

איך מיין, אַז אין די פּאַרהעלטענישן פֿון אונדזער לעבן איז באַרעכטיקט די השערה, אַז די גרופּע 3 איז זעלטענער איידער די אַנדערע צוויי. אָבער אויב דאָס זאָל אַפֿילו זײַן שוואַרצזעערײַ, בײַט דאָס אויך ניט די עיקר פּראָבלעם. אַפֿילו אין דער סיטואַציע פֿון גוטגינציקייט איז די סימפּאַטיע נאָר אַ רעלאַטיווע

34 אויטאָבּ׳ נומ׳ 218, אַ בחור פֿון לאָדזש.

35 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 213.

36 זע אויבן ז׳ 173.

37 אויטאָבּ׳ נומ׳ 240, אַ בחור פֿון לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט.

און די גלייכוואג נאר א לאבילע. געוויסע אפנייגן פונעם אומרו וועלן זיך יעדנ־פאלס טרעפן—צי פון א ניי באשטימטן לערער, צי פון א צוגעקומענעם תלמיד. ממילא איז אויב דאס קינד ל יי ד ט ניט בפועל ממש, איז אבער זיין א י נ ט ע ר ע ס צום עיבֿרי יא יִיד—ניט ייִד תמיד פארשארפט.

דא בעטן זיך עטלעכע אלגעמיינע פראגעס אין צוזאמענהאנג מיט די פארשיידענע בילדונגס־מיגלעכקייטן פאר ייִדישע קינדער.

אין א ייִדישער שול איז ניטא דער צוואנג וואס די פרעמדע (פרעמד־סבֿיבֿהדיקע) שול לייגט ארויף. דאס איז אזא גוואלדיקער און אזא באשיימפערלעכער געווינס פאר דער עמאציאנעלער אנטוויקלונג פון די קינדער, אז ס'איז גאר איבעריק צו ריידן וועגן דעם אווארט. אבער פון דער צווייטער זייט לייגט זיך אויפן שכל, אז א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל זיינען יענע שולן א שטארקערער סטימול. כסדר איז דא פאראן די נייטיקייט זיך צו גלייכן און אריבערצושטייגן. דאס לעבן פאדערט דא מער התמדה, מער שפאנונג.

„צי פאדערט מען ניט פונעם יידישן קינד אלע טאג, אז ער זאל אויפטון מער? צי מוז ער ניט טאגטעגלעך הערן פון די עלטערן: „גראד אויף אונדז יידן ליגט א באזונדערער חוב...“ און אזוי ווערט פון קליינווייז אויף, טאג פאר טאג אריינגעגעבן אינעם קינד דער באוווסטזיין, אז די אטמאספער פון דער וועלט איז די אטמאספער פון א שלאכטפעלד...“[38].

אן אינטערעסאנטע כאראקטעריסטיק גיט א מחבר פון איינער פון די ייִוואָ־אויטאביאגראפיעס. זיינע איינדרוקן קומען פון א שטאט צו צפון־מערבֿ פון ווארשע, לעבן דעם אמאליקן רוסיש־פרייסישן גרענעץ.

„דיי תלמידים אין געמישטע שולן זיינען יידן אן עלעמענט וואס טיילט זיך מיט עפעס אויס. איך האב אומעטום באמערקט ביי יידישע תלמידים דאס אייגענע: אדער זיי זיינען פליייסיקע, ארבעטזאמע, שטילע, וואס אפט פיינען זיי זיך צו שטארק אויס פארן לערער — אדער אזוינע וואס ווילן די וועלט פארכאפן. אט די לעצטע מאכן אן צרות. אין אלגעמיין זיינען די יידן ווייט פון לייכטזיניקייט און זארגלאזיקייט; נעמען נעמט זיך דאס פון זייער ספעציפישער סיטואציע וואס מאכט זיי טראכטן“.[39]

הייסט עס מען וואלט אפשר געקאנט פארמולירן אזוי: נארמאלע עמאציאנעלקייט אין דער ייִדישער שול אנטקעגן איבערוואגיקער אינטעלעקטועלקייט אין דער פרעמדער. די ייִדישע שול גיט פרייקייט, די פרעמדע צווינגט צו האלטן דעם ווילן אנגעשפאנט. מען קען זאגן נאך מער צום פונקט (הגם עס קלינגט פאראדאקסאל): די ייִדישע שול באפרייט דאס מענטשלעכע אינעם קינד, די פרעמדע

---

[38] Maringer, S. Situation und Ausweg. Ed. Sprangers Stellungnahme zur Psychologie der jüdischen Jugend. In. Jüdische Rundschau, 8. VIII. 1933.

[39] אויטאב' נומ' 237, ז' 331.

שול ברענגט דערצו, אַז דאָס ייִדישע קינד זאָל זיך קאָנצענטרירן אויף זײַן אַנדערשקייט. זי דערמאָנט אים כּסדר, אַז ער איז אַ ייִד. זי אײַלט צו דעם צווייטן „אַטאַק פֿון ייִדישקייט".

צו טויג צוצואײַלן דעם אַטאַק? אַן אַנדערער קען מיינען, אַז יאָ: אויב אויסמײַדן לאָזט זיך די זאַך סײַ ווי ניט, איז בעסער פֿריִער—און פּטור. איך וואָלט געענטפֿערט אַנדערש: מען טאָר ניט פֿאַר דער צײַט; און איך וואָלט געגעבן אַ משל: פֿאַראַן קראַנקייטן וואָס זײַנען פֿאַר דערוואַקסענע געפֿערלעך, נאָר פֿאַר קינדער ממש שטערבלעך. ווילנסקראַפּט, וואָלט איך געזאָגט, אַנטוויקלט זיך אין די פֿרעמדע שולן נאָר בײַ די אַזוי גערופֿענע שטאַרקע כאַראַקטערן; די שוואַכערע ווערן פּשוט אײַנגעבראָכן אָדער צעקרימט.

אָבער איך מוז מודה זײַן, אַז דער ענטפֿער וואָס איך גיב וואַקסט אפֿשר פֿון מײַנע געזעלשאַפֿטלעכע איבערצײַגונגען. וויסנשאַפֿטלעך מאָטיווירן קען איך אים ניט. אונדזער יוגנט־פֿאָרשונג מוז נאָך ערשט שאַפֿן די מעטאָדן און שאַפֿן דעם מאַטעריאַל.

ווי אַזוי איז בנוגע דער פּראָבלעם עמאָציאָנעלקייט—אינטעלעקטועלקייט מיט די העברעיִשע שולן, מיט די רעליגיעזע שולן? ווו זײַנען די מעטאָדן אויף צוצוקומען אין דער גאַנצער פּראָבלעם פֿון פֿיל־ווייניק געראָטענע השערות צו אײַנגעפֿונדעוועטע פֿעסטשטעלונגען? אַ וועג דערצו מוז זײַן, די פֿאָרשונג מוז אים געפֿינען.

52. דער צווייטער אַטאַק

בײַ מער גליקלעכע קינדער (די גליקלעכקייט איז מײַן אָפּשאַצונג, חוזר איך איבער) קומט דער צווייטער אַטאַק פֿון ייִדישקייט שפּעטער, אין עלטער פֿון צײַטיקונג אָדער בײַם אַריבערגאַנג פֿון צײַטיקונג צו דערוואַקסלינגשאַפֿט. איצטער איז שוין דער ווייטאָג ניט פֿון סתּם באַעוולטקייט, נאָר ער איז אַזוי צו זאָגן מער לאָקאַליזירט: עס גייט וועגן אַ תּכלית. די האַרבע קשיה: „וואָס וועט זײַן מיט די קינדער?", וואָס דריקט דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, נעמט פֿאַרשאָטענען דאָס געמיט פֿון די קינדער גופֿא אויך.

איך האָב ניט דערויף קיין פֿעסטע ראַיות, נאָר מײַן אײַנדרוק איז, אַז אין די „בר־מיִצווה־יאָרן", ווען דער דאָזיקער אַטאַק קומט אָן, איז דער מענטש לכתּחילה נאָך ניט מסוגל צו באַנעמען די פּראָבלעם ווי אַ פּערזענלעכע, ווי אַ פֿראַגע פֿון פּרנסה און עקסיסטענץ ממש. אויף וויפֿל די שטוב האָט וואָס צו עסן, שפּירט ער זיך אויך פֿיל־ווייניק באַזאָרגט. אָבער וואָס ער נעמט יאָ פֿאַרשטיין צו ביסלעך איז דער שווערער מצבֿ פֿון זײַן קיבוץ. אַן אַמעריקאַנער ייִד וואָס איז מיט אַ יאָר זיבן צוריק געווען צו גאַסט בײַ זײַנע קרובֿים אין אַ שטעטל אין ווילנער געגנט האָט מיר דערציילט מיט חידוש, אַז זײַנער אַ פּלימעניק, אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר צוועלף, האָט אָפּגעזיפֿצט פֿאַר אים: „אוי, שווער די לאַגע פֿון ייִדן אין פּוילן". עס ווײַזט אויס, אַז די דאָזיקע לאַסט איז אין איר ערשטן אָנהייב ניט קיין אינדיווידואַליסטיש־

עגאָיִסטישע, נאָר גיכער אַ דערקענען, אַז דער גאַנצער קיבּוץ איז אַ געפּענטעטער. הייסט עס די ספקות וואָס מאַטערן דעם דערוואַקסלינג וואָלט מען גיכער געקענט פאָרמולירן מיט די ווערטער: „וואָס וועט זײַן מיט ייִדן?" איידער: „וואָס וועט זײַן מיט מיר?"

דאָ קומט אַרײַן אַ האַרבע פּראָבלעם, וואָס וועגן איר האָט מען נאָך גאָרניט רעכט געטראַכט. די סעקסועלע צײַטיקונג קומט בײַ ייִדישע קינדער פריִער — דאָס ווײַזט אויס צו זײַן אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט. טאָ וואָס פאַר אַ פּסיכישע ווירקונג קומט אַרויס דערפון, וואָס דער ייִדישער יוגנטלעכער נעמט אַרײַנזינקען אין דער אַלגעמיינער מרה־שחורה פון דער סבֿיבֿה גראָד אין אַ צײַט, ווען ער האַלט אין באַשטימען זײַן פּלאַץ אין דער וועלט? ניטאָ נאָך לעת־עתה קיין מעטאָדן דאָס אויסצוגעפינען, אָבער מען מוז זיך דעראַרבעטן צו אַזוינע מעטאָדן.

וואָס עלטער עס ווערט דער יוגנטלעכער, אַלץ מער דערזעט ער, אַז פון דער באַעוולטקייט פון זײַן קיבּוץ דרינגט אַרויס אַ שטאַרקע אײַנשרומפּונג פון זײַנע פּערזענלעכע שאַנסן אויך.

„די אומזיכערהייט וואָס איך האָב אַלעמאָל אַליין מיר געמאַכט איז יעצט שוין בײַ מיר אַפילו זיכערהייט. מיר קאָן שוין קיינמאָל נישט גוט זײַן. דער גורל האָט מיך פאַרמישפּט צו לײַדן" —

שרײַבט אַ וואַרשעווער בחור,[49] און דאָס איז דער לייטמאָטיוו פון זייער פיל אויטאָביאָגראַפיעס וואָס זײַנען צוגעשיקט געוואָרן אין ייִוואָ. איך האַלט גוט אין זינען, אַז מישפּטן אַפילו לויט עטלעכע הונדערט אויטאָביאָגראַפיעס וועגן דער גאַנצער ייִדישער יוגנט טאָר מען ניט, וואָרעם שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפיע בײַ אַ קאָנקורס איז מיסתּמא מער נוטה אַזאַ מענטש, וועמען עס איז ביטער אויפן האַרצן; די צופרידענע מיט זיך און מיט דער וועלט ווילן זיך אַ סך זעלטענער נעמען צו דער פעדער.[41] אָבער מיר קענען דאָך דאָס ייִדישע לעבן ניט נאָר פון די אויטאָביאָגראַפיעס, און יעדערער פון אונדז זעט געגנוג אָפט די פאַרלאָשענע אויגן און די אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. דאָס איז אַן ערשײַנונג פון קיבּוץ, כאָטש טעמים פאַר דער מרה־שחורה האָט זיך יעדער יוגנטלעכער זײַנע אייגענע. דער אָקאָרשט ציטירטער בחור שפּירט זיך ווי אַ פאַרפאַלענער, ווײַל דער טאַטע האָט אים ניט געלאָזט לערנען קיין מלאָכה, און באַקומען מאַטורע האָט ער אויך פאַרלוירן יעטווידער האָפענונג. אַ צווייטער האָט יאָ באַקומען מאַטורע, האָט אַפילו געענדיקט אינזשעניער, נאָר צי איז אים דען בעסער?

„דר עלטערן פלעגן מיר אויפוואַרפן, און זייר זײַנען בעוועז געדעכט, אַז איך האָב געדאַרפט אַרבעטן בײַם טאַטן אין געשעפט און ניט שטודירן. זייר פלעגן מיר ווײַזן שנײַדערס וואָס האָבן שוין פאַרדינט פון לאַנג, וואָס גיבן אַפילו זייערע

40 אויטאָביאָגראַפיע פון ייִוואָ נומ' 257, ז' 50.

41 זע אויבן ז' 138 א"וו.

עלטערן אויף אויסהאַלטונג און האָבן אַפילו אָפּגעלייגט אַ נישקשהדיק סומע־לע אין פּק״אָ, און איך, דער „אינזשעניער״, קען צו מאָל ניט פֿאַרדינען קיין נאַרישע הונדערט גילדן אַ חודש. איך בין בטבֿע אַ נערוועזער, פֿלעג איך אין אַזעלכע מינוטן נעמען אַ בוך און אַוועקגיין ווידער אין פּאַרק, אָפּזיצן דאָרט שעהנווייז און דאָס ערגסטע — ניט קענען איבערלייענען קיין איין זייטל. ווייל צי זיינען ניט די עלטערן גערעכט? צי פֿאַרדינט ניט אַ שניידער פֿיר מאָל אַזוי פֿיל ווי אַ דיפּלאָ־מירטער אינזשעניער?״[42]

דעם שרייבער איז ביטער ווי דער טויט, אים דוכט זיך, אַז קיין ערגערס ווי זיין לאַגע איז ניטאָ. אָבער מיר ווייסן דאָך, און מיר ווען דאָס באַלד הערן פֿון עדות, אַז אַזעלכע וואָס זיינען יאָ ביים טאַטן אין געשעפֿט, אָדער אַזעלכע וואָס זיינען יאָ בעלי־מלאָכות הענגען אויך אין דער לופֿטן!

צי איז אונדזער היינטיקע יוגנט וואָס איז אויפֿגעוואַקסן אין די יאָרן פֿון מילחמה, הונגער און אויפֿטרייסלונגען פֿיזיש שוואַכער און פּסיכיש ווייניקער קעגנשטעליק איידער דער פֿריערדיקער דור? אויפֿן שכל לייגט זיך דאָס גרייכלעך. אָבער ווען מיר זאָלן אַפילו די סבֿרא ניט אַרויסרוקן, זיינען פֿאַראַן גענוג אומ־שטאַנדן פֿון היינטיקן לעבן וואָס דערקלערן גענוג די איצטיקע לאַגע.

„אַלע האָבן איין איבערצייגונג, אַז ס'זיינען ניטאָ קיין שום פּערספּעקטיוון. אַרום איין קרעמל דרייען זיך די עלטערן און אָפֿט זעקס דערוואַקסענע קינדער פֿון ביידע געשלעכטן. אין קליינעם שטעטל זיינען די „פֿאַכן״ זייער קליין אין צאָל און באַגרענעצט: שניידעריי און שוסטעריי און קלענערע דריי־פֿיר פֿאַכן (היטל־מאַכעריי, סטאָלעריי — און גענוג). אַלע קענען זיך דאָך ניט לערנען איין מלאָכה. דער רעזולטאַט איז אַ פֿאַטאַלער: 25%, און אפֿשר נאָך ווייניקער, פֿאַר־נומענע אין פֿאַך, טיילמאָל נאָר בשעתן סעזאָן, 25% אַרבעטן אין זייער אומבאַשטימטע באַשעפֿטיקונגען, העלפֿנדיק די עלטערן וואָס וואָלטן זיך זייער גוט געקענט באַגיין אָן זייער הילף אויך. דאָס רובֿ פֿירט „אַ לעבעדיקע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט״ אין די אָרגאַניזאַציעס, קרייזלעך, פּאַרטייען אאַז״וו; מען ליידיקט אויס די פּושקעס פֿון קרן־קימת, מען פֿירט אומלעגאַלע ליטעראַטור. ענדלעך זייער פֿיל שפּאַצירן אום, לייענען וואָס עס איז, באָדן זיך זומער, ווינטער גייט מען אויפֿן אייז וכדומה. שטודירן? ניט די מיטלען דערויף זיינען דאָ, ניט קיין רעאַלע האָפֿענונג צו דערגרייכן עפּעס מיטן שטודיום. די אַמטן זיינען איבערגעפֿולט און ניט צוטריטלעך, ס'איז אָן איבערמאָס פֿון אינטעליגענץ. אין די קליינע שטעטלעך זיינען ניטאָ קיין גרויסע מאַגאַזינען וואָס זאָלן פֿאָדערן אַ שטאַב אָנגעשטעלטע, בוכהאַלטערן און פֿאַרוואַלטערס, ניטאָ קיין פֿאַבריקן. אין די דערפֿער זיינען פֿאַראַן פֿויערים, אָבער הגם זיי זיינען אַפילו געשטימט צו ייִדן פֿויעריש גוטמוטיק, דאַרפֿן זיי קיין מאַשקעס ניט האָבן. די וועלדער געהערן אין אַ גרויסער מאָס צו דער מלוכה, די מאָנאָפּאָלן דינען פֿאַר באַלוינונגען. אויסלאַנד? וווּהין און ווער וועט אונדז

42 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 93, ז׳ 18. דער מחבר איז פֿון מערבֿ־גאַליציע.

צונעמען? מיר וואָלטן זיך פֿון קיין שום אַרבעט ניט אָפּגעזאָגט, נאָר ווו געפֿינט מען זי? דערפֿון נעמט זיך דער ערפֿאָלג פֿון ציוניזם און קאָמוניזם בײַ דער ייִדישער יוגנט. זיי גיבן אַ פֿאַרענטפֿערונג, לכל־הפּחות אַן אָפּדרוקטעניש פֿון אַ פֿאַרענטפֿערונג, אַן אילוזיע. „ראַטעוועט זיך ווער עס קען", רופֿט דער ציוניזם און מען הערט זיך צו צו איס צו. קורץ און שאַרף: די שטרעבונג צו אַ פּראָדוקטיוון קאָנסטרוקטיוון לעבן – אָט דאָס שפּירט זיך אַרויס פֿונעם פּולס־קלאַפּן פֿון יעדן ייִדישן יוגנטלעכן. ער ווערט צײַטיק פֿאַר דער צײַט; לעבנדיק אין אייביקער זאָרג פֿון די קינדערשע יאָרן אָן ווערט ער גיך זעלבשטענדיק, אויב ניט אין טאָגטעגלעכן לעבן, איז כאָטש אין די געדאַנקען".[43]

מיט אַזאַ מין שאַרפֿן בליק — צי אַלע דעטאַלן פֿון דער כאַראַקטעריסטיק זײַנען אונדז צום האַרצן, איז אַלץ איינס — זעט אַן 18־יאָריקער יונגערמאַן פֿון קאָנגרעס־פּוילן די לאַגע פֿון דער הײַנטיקער ייִדישער יוגנט. מיט טייל מאָמענטן, אַשטייגער מיט דער פּאַרטייאישער פֿאַרענטפֿערונג (אָדער כמו־פֿאַרענטפֿערונג, דאָס איז אַ פֿראַגע פֿון סימפּאַטיעס) פֿון די פּסיכישע שוועריקייטן וועלן מיר זיך פֿאַרנעמען שפּעטער מער באַריכות; דערווײַל גייט אונדז בײַ דעם ציטאַט, און אַזוי אויך בײַ די ווײַטערדיקע אויסצוגן, וועגן דעם בילד פֿון דער ווירקלעכקייט. מיר וועלן לאָזן קומען צום וואָרט נאָך עטלעכע יוגנטלעכע, און דערנאָך וועלן מיר פּרווון אַרומכאַפּן מיטן אויג דעם דאָזיקן ים פֿון ביטערניש.

אַ 22־יאָריקער, אַ געבירטיקער פֿון אַ שטעטל צווישן וואַרשע און לאָדזש, שרײַבט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע[44] מיט מער פּאַטאָס איידער דער פֿריִערדיקער, אָבער מיט ניט ווינציקער אויפֿריכטיקן ווייטאָג:

„אין אַ הערמעטיש פֿאַרזיגלטן טאָפּ ברויזט די ייִדישע יוגנט און קאָן ניט אויסלאָדענען איר ענערגיע. אַלע וועגן זײַנען פֿאַר איר פֿאַרמאַכט, מ'לאָזט איר אין ערגעץ נישט צו. זי איז געקרייציקט און אַטאַקירט פֿון באַליידיקטע נאַציאָנאַל־מענטשלעכע און סאָציאַל אויפֿגעטרייסלטע געפֿילן וואָס טרײַבן איר צו מיראַזש און פֿאַרצווייפֿלונג. דאָס לעבן פֿון דער יוגנט, וואָס איז אַזוי היציק און טעמפּעראַמענטפֿול, ווערט ערשט אָפּגעקילט אין די מויערן מימ קליינע פֿאַרגראַטעוועטע פֿענצטערלעך וואָס לאָזן נישט צו צו זיי קיין ליכט. זייערע אויגן ווערן אויסגעלאָשן, מאַט פֿון לאַנגן וואַרטן און קוקן, און ענדלעך דערפֿילן זיי די שוואַכקייט און אָנמעכטיקייט. קיין שום ליכט וועט זיי שוין ניט דערוואַרעמען. פֿאַרגליווערט פֿון הילפֿלאָזיקייט און רעזיגנאַציע שטייען זיי פֿאַר זייער תּהום מידע, צעבראָכענע און צאַנקען ווי אַ גרויסדיק ליכטל. זיי זײַנען אין גאַנצן פֿאַרברענט געוואָרן — געבליבן איז אַש מיט קליינע פֿונקען וואָס זײַנען ניט פֿאַרלאָשן געוואָרן. וועלן זיי נאָך אָנצינדן דאָס אַש?... אַנדערע ווערן פֿאַרווילדעוועט און האָבן די אַבסטראַקטע

43 אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון ייִוואָ נומ' 237, ז' 12 א"ו.

44 אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון ייִוואָ נומ' 123, זז' 45–48.

אילוזיע פֿון אויסלעבן זיך, אַריסטאָקראַטיק אין די אייגענע אויגן צו אַ מעכטיקער גרייס. רעדן וועגן קראַפֿט און קאָנען נישט מאַכן אַ פֿויסט, ברומען ווי טיראַנען און וויינען ווי קינדער, קוקן אויס ווי פּאַיאַצן וואָס בלאָזנעווען — קאַריקאַטורן פֿון געלעכטער און מרה־שחורה. די ענגע דושנע צימערן וואָס ווערן באַלויכטן פֿון קליינע קאָפּטשנדע נאַפֿטלעמפּלעך מאַכן טונקל זייערע מחשבֿות און פֿאַרענגט זייער בליק. יעדער בלאָז פֿון אַ פֿריש ווינטל רוישט זיי אָפּ ווי אַ וואַסער־בלעזל. יעדע פֿרישע קאָניונקטור שטאַלטעט זיי אין גאַנצן איבער סײַ פֿיזיש, סײַ גײַסטיק. גאַנצע בראַנזשעס און פֿאַכן גייען מיט אַ מאָל אונטער אויף מער נישט אויפֿצושטיין. אויף אַ נײַ פֿאַך ווערט אַן איבוראַזיע פֿון אַלץ און אַלעמען. צו פֿיר און פֿינף באַשעפֿטיקונגען האָט כּמעט יעדער, און קיינס טויג נישט. די פּאָפּולערסטע באַשעפֿטיקונג איז שנײַדער, אָדער גאָר סטאָליער, אָבער אויך די בראַנזשעס האָבן קיין קיום אין שטעטל. דאָס שטעטל פּראָדוצירט שנײַדער, שוסטער, שטעפּער סטאָליאַרעס, היטלמאַכער, בעקער, פֿליישער פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַליין קאָן זי זיי נישט ערנערן...״

דער דאָזיקער צווייטער עדות אונדזערער רעדט אויך וועגן אַ פּאַרטייִשן אויסוועג אָדער כּמו־אויסוועג; אָבער ער קוקט פֿון אַן אַנדער ווינקל אַרויס, דעם ציוניזם זעט ער אין גאַנצן נישט, ער האָט זיך אַפּנים מער באַגעגנט מיט אַן אַנדער סאָרט באַוועגונג. צי איז דאָס נאָר אַ סאָציאַלער אונטערשייד, כּדומה אַז קינדער פֿון בירגערטום ציִען אויף איין זײַט און קינדער פֿון דער אָרעמשאַפֿט אויף דער צווייטער זײַט? אָדער דאָ איז מכריִע סוף כּל סוף די פּסיכישע סטרוקטור, אַזוי אַז פּסיכיש ענלעכע מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן קענען קומען צו איין פּאַרטיי, און פֿאַרקערט — מענטשן פֿון איין סאָציאַלן שיכט, אַפֿילו פֿון איין מישפּחה, קענען זיך אָפּשטעלן אין גאַנץ פֿאַרשיידענע פּאַרטייען? אָדער אפֿשר שטייט גאָר די זאַך אַזוי, אַז די צוגעהעריקייט צו דער זעלבער פּאַרטיי קען אויך פֿאַר פֿאַרשיידענע מיטגלידער אירע האָבן אַ גאַנץ פֿאַרשיידענע פּסיכישע פֿונקציע?[45] דאָס זײַנען אַלץ אומגעהײַער וויכטיקע זאַכן, ווען מיר ווילן פֿאַרשטיין דעם ספּעציפֿישן מהות פֿון פּאַרטיי אין אונדזער הײַנטיקן מיזרח־ייִדישן לעבן, אָבער מיר וועלן ריידן וועגן דעם באַזונדער אין אַ ווײַטערדיקן קאַפּיטל. איצטער אינטערעסירט אונדז די אָ ב י ע ק ט י װ ע לאַגע און די פֿראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי די יוגנט גופֿא זעט איר לאַגע.

53. יוגנט אָן אַ מאָרגן

„אָביעקטיווע לאַגע״ איז איבעריקנס אויך אַ טערמין וואָס פֿאָדערט פּירושים. אויב לאָמיר זאָגן אַ פּלאַץ פֿאַר היגטשלעגער איז יאָ פֿאַראַן, נאָר ייִדישע יוגעלײַט ווילן דעם פּלאַץ נישט פֿאַרנעמען צוליב דעם טראַדיציאָנעלן

---

45 וועגן דעם באַגריף „פּסיכישע פֿונקציע״ זע אויבן ז׳ 123.

דערווידער פֿון ייִדן צו דעם דאָזיקן פֿאַך — צי איז דאָס אַן „אָביעקטיווער" שטער אָדער ניט? דאָס האָב איך בכּיוון געגומען אַזאַ ריַיסיקן בײַשפּיל. לאָמיר נעמען אַ לינדערן פֿאַל: אַז למשל אַ סך ייִדישע מיידלעך וואָלטן געקענט זײַן דינסטן, נאָר מען וויל אויף אַזאַ אַרבעט ניט גיין. אָדער נאָך אַ לינדערער פֿאַל (נאָר נאָך נעענטער צו אָפֿטע מעשה-שהיהס פֿון ייִדישן לעבן): אויב אַ באַלעבאַטישער בחור וויל ניט גיין אַרבעטן און זיצן בעסער בײַם טאַטן אויפֿן קראָם וואַרטנדיק אויף אַ שידוך מיט נדן — צי איז דאָס אַן אָביעקטיווער שטער אָדער אַ סוביעקטיווער? לאָמיר זיך בעסער ניט אַרײַנלאָזן אין די טערמינאָלאָגישע פֿונאַנדערשיידונגען און באַשטימען דעם עיקר. דער עיקר איז, אַז דער וועג פֿון דער ייִדישער יוגנט איז פֿאַרצאַמט ניט נאָר דורך עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, נאָר אויך דורך פּסיכאָלאָגישע עיכּובֿים. איך גיי זיי דאָ ניט אַלע איבערציילן, ווײַל איך ווייס זיי אַליין אויך ניט, נאָר עטלעכע פֿון זיי שטעל איך דאָ אַרויס לדוגמא, ווי אַ מאַטעריאַל פֿאַר דיסקוסיע און אויף אָנצוהייבן אַ פֿאָרשונג.

איינער פֿון די דאָזיקע עיכּובֿים איז דאָס, וואָס בײַ ייִדישע יוגנטלעכע איז פֿאַראַן אַ שטאַרקער דערווידער צו די פּרנסות, בײַ וועלכע זייערע עלטערן זײַנען פֿאַרנומען. י. בערנשטיינס אינטערעסאַנטע אַרבעט וועגן דער תּכלית-פּראָבלעם בײַ קינדער[46] גיט אונדז מאַטעריאַל וועגן 474 ייִדישע קינדער פֿון די פּאָווּשעכנע שולן אין פּלאָצק. ווען מען האָט בײַ זיי געפֿרעגט, וואָס זיי וואָלטן וועלן ווערן, האָבן נאָר 43 קינדער אָנגעוויזן זייערע עלטערנס פֿאַך, און גאַנצע 431 האָבן אָנגעוויזן ניט אויפֿן פֿאַך פֿון זייערע עלטערן. דאָס איז אַ געוואַלדיקער פּראָצענט.

איינער פֿון די קוואַלן, פֿון וואַנען עס קומט אָט דער דערווידער, איז דער פֿאַקט, וואָס דער דורכשניטלעכער יוגנטלעכער פֿון הײַנט האָט מער שולבילדונג איידער זײַנע עלטערן. סײַ די עלטערן גופֿא און סײַ די שול האָבן געהאָדעוועט אינעם קינד די איבערצײַגונג, אַז בילדונג איז אַ מיטל צו אַ בעסערן לעבן, און ממילא איז נאַטירלעך, אַז די קינדער ווילן ניט בלײַבן בײַ די שפּלע פּרנסות פֿון זייערע עלטערן. עס איז דאָך איצטער כּמעט אין גאַנץ מיזרח-מיטל-אייראָפּע דער ערשטער דור וואָס גייט מאַסנווײַז אַדורך דורך אַ פֿאָלקסשול; שפּירן זיך אַמאָל די קינדער וואָס מען וויל נאָך דער פֿאָלקסשול שיקן צו „פּראָסטער" פֿיזישער אַרבעט אַזוי דעגראַדירט ווי אַ געענדיקטער דאָקטאָר מעדיצין, ווען מען וואָלט אים, ווי געשריען, פֿאַרגעלייגט צו ווערן אַ שלאָסער.

טייל שולסיסטעמען פּרווון אַנטקעגנווירקן אַנטקעגן דעם דאָזיקן גאווה-סם פֿון בילדונג דורך דעם וואָס זיי פּראָפּאַגירן ליבע צו אַרבעט. מען באַגעגנט למשל דעם געדאַנק פֿון וועקן ליבע צו אַרבעט זייער אָפֿט אין די פֿאָרמולירונגען פֿון די ייִדיש-וועלטלעכע שולן. אָבער אַלע טוער פֿון די ייִדיש-וועלטלעכע שולן

46 י. בערנשטיין. די פּראָבלעם פֿון תּכלית בײַ ייִדישע און בײַ פּוילישע קינדער. אין: ייִוואָ-שריפֿטן פֿאַר פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק I, 1933, ז' 179—256.

וואָלטן גוט געדאַרפֿט דורכטראַכטן די ווײַטערדיקע ווערטער פֿון איינעם אַן אַבסאָלווענט פֿון אַזאַ שול:

„עס איז ניט אין גאַנצן אמת די מיינונג פֿון אונדזערע ערציִער, אַז די שול אַנטוויקלט אַ חשק צו אַרבעט, וואָס פֿאַר אַ זי זאָל ניט זײַן. דאָס הייסט לגמרי ניט, אַז זי לאָזט אַרויס פֿוילערס און אַז מיר זײַנען אַזעלכע געווען. אָבער דאָס איז באַשטימט זיכער, אַז זי אַנטוויקלט אַ נייגונג צו אַזוי גערופֿענע איידעלערע פֿאַכן. אַזאַ באַציִונג צום עִקר פֿאַך איז לכל־הדעות ניט גוט, ווײַל עס אַ מענטש וואָס טראַכט אַזוי וועט גיכער אַרומגיין ליידיק, איידער ווערן אַ שנײַדער אָדער אַ שוסטער.

די דאָזיקע אַרויסגעזאָגטע מיינונג מײַנע, צו וועלכער איך אַליין באַצי זיך מיט גרויס פֿאָרזיכטיקייט, קאָן איך אָבער אונטערשטיצן מיט אַ פֿאַקט פֿון אונדזער אַרויסלאָז. בלויז איין חבֿר איז געוואָרן אַ סטאָליער און איינער אַ שטעפּער, און דאָס אויך דערפֿאַר ווײַל זייערע עלטערן פֿאַרנעמען זיך מיט די זעלבע פֿאַכן. פֿון די אַלע איבעריקע חבֿרים לערנען זיך איינִיקע, טייל זײַנען האַנדלס־אָנגעשטעלטע, טייל פֿאַרנעמען זיך מיט אַזוי גערופֿענע איידעלע פֿאַכן און טייל טוען גאָרניט. אינטערעסאַנט איז אויך, וואָס דעם נאָענסטן יאָר ווי מיר האָבן געענדיקט די שול האָבן זיך פֿון 22 חבֿרים 7 פֿאַרנומען מיט צאָנטעכניקערײַ.“[47]

טאָמער איז די איין אילוסטראַציע ווינציק, האָב איך אַ מיטטיילונג וואָס אַ. גאָלאָמב האָט אַמאָל געמאַכט.[48] אין 1929 האָט מען אין ווילנער ייִדישן לערער־סעמינאַר דורכגעפֿירט בײַ די תּלמידים אַן אַנקעטע אויף דער פֿראַגע: „פֿאַר וואָס האָט איר באַשלאָסן אָנצוקומען אין לערער־סעמינאַר?“ די גרעסטע צאָל האָבן געגעבן אידעאַליסטישע תּשובֿות. צווישן זיי איז אויך געווען איינע אַ שילערין וואָס האָט געשריבן: „די שול האָט בײַ אונדז אײַנגעפֿלאַנצט אַ ליבע צו אַרבעט און צום אַרבעטער“; אָבער די זעלבע שרײַבט מיט עטלעכע שורות ווײַטער: „עס האָט מיר געדראָט צו בלײַבן אַ שנײַדערקע“... דאָ איז ניט שייך חושד צו זײַן אין ניט־אויפֿריכטיקייט; די „ליבע צו אַרבעט“ איז אַ סוגערירטע ראַציאָנאַליזאַציע, וואָס די שרײַבערין גופֿא גלייבט אויך אין איר באמונה שלמה; אָבער עס איז ניט שווער צו קומען צו אַ באַשלוס, וועלכער פֿון די צוויי היפּוכים עס זיצט טיפֿער אין איר פּערזענלעכקייט.

---

47 אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון ייִוואָ נומ׳ 23 (סימן: ל. שטורמער), ז׳ 44. דער שרײַבער האָט געענדיקט אַ ייִדישע שול אין ווילנע.

דער דראַנג צו צאָנטעכניקערײַ רופֿט אַרויס אַ טשיקאַווע אַנאַלאָגיע: פֿון די ייִדישע אַרבעטער וואָס האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אין די ווילנער סאָציאַליסטישע קרײַזלעך אין אָנהייב פֿון די נײַנציקער יאָרן איז אויך אַרויסגעוואַקסן אַ קענטלעכע צאָל צאָנטעכניקער און צאָנדאָקטוירים.

48 אַ. גאָלאָמב. פֿאַר וואָס קומט מען אָן אין לערער־סעמינאַר (רעזולטאַטן פֿון אַן אַנקעטע). אין: ייִוואָבלעטער I (יאַנואַר 1931), זז׳ 89—91.

אַ נײַער שטאַרקער שטראָם פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אַרבעט האָט זיך אַרײַנגעגאָסן די לעצטע יאָרן אין אונדזערע שטעט און שטעטלעך דורך די חלוצים. איך מײַד אויס די פֿראַגע, ווײַל דאָס איז ניט נוגע מײַן איצטיקע טעמע, וועגן די פֿאַרהעלטעניש וואָס האָבן זיך דורך דער חלוצישער אַרבעט געשאַפֿן אויפֿן אַרבעטס־מאַרק. זיכער איז יעדנפֿאַלס, אַז עטלעכע טויזנט „באַלעבאַטישע" בחורים און מיידלעך, וואָס אַנדערש וואָלטן זיי אומגעגאַנגען ליידיק, האָבן גענומען אַרבעטן. אָבער איך זע עפּעס ניט, אַז דאָס זאָל זײַן אַ קאַרדינאַלער איבערבראָך אין דער באַציִונג צו אַרבעט סתּם. מײַן אײַנדרוק איז, אַז דער איבערבראָך קומט דערווײַל פֿאַר נאָר אין דער מאָס, אויף וויפֿל ער איז פֿאַרבונדן מיט דער האָפֿענונג אויף אויסוואַנדערונג.

אויף וויפֿל די האָפֿענונג וועט זיך פֿאַר יעדן יחיד רעאַליזירן, איז אַ שאלה פֿאַר זיך; פּסיכיש איז די האָפֿענונג אויך אַ רעאַליטעט, זי איז אַ מעכטיקער פּסיכאָלאָגישער הייבער. נאָר ווען מיר שאַצן די סיטואַציע אין גאַנצן, מעגן מיר דאָך יאָ פֿרעגן: ווי גרויס איז דער אויסקוק אויף אויסוואַנדערונג פֿאַרן כּלל ייִדישע יוגנט אין מיזרח־אייראָפּע? און ווי נאָר מיר שטעלן זיך די דאָזיקע ניכטערע פֿראַגע, דערזעען מיר באַלד די גוואַלדיקע דיספּראָפּאָרציע צווישן וועלן און קענען.

קיין חידוש ניט, וואָס מיר הערן פֿון דער יוגנט גופֿא פּעסימיסטישע שטימען.

„ווען מען וואָלט פֿון מיר געפֿאָדערט, איך זאָל מיט אײן דעפֿיניציע באַצייכענען מײַן קוק אויף דער תּקופֿה, אין וועלכער מיר לעבן, וואָלט איך אַזוי געענטפֿערט: אַ האָפֿענונגסלאָזער דור."[49]

און פֿון אַ צווייטן הערן מיר גאַנץ ענלעך:

„ס'וועט זײַן אַ גרויס פֿאַרדינסט פֿון יִדוּאַ, ווען ס'וועט אים געלינגען קלאָרער אַרויסצובריינגען די סכּנות וואָס דראָט, ווען ס'וואַקסט אַ יוגנט אָן אַ מאָרגן."[50]

54. „אַלעמען איז שלעכט"

ווען איך האָב אין פֿאַרגאַנגענעם קאַפּיטל רעפֿערירט י. בערנשטיינס אַרבעט וועגן דעם, ווי אַזוי ייִדישע קינדער שטעלן זיך פֿאַר זייער צוקונפֿט, האָב איך איין פּונקט בכּיוון פֿאַרבויגן. איך האָב יאָ דערציילט וועגן זײַן פֿעסטשטעלונג, אַז נאָר 43 קינדער פֿון 474, ד"ה 9 פּראָצענט, ווילן פֿאַר זיך אויסקלײַבן די באַשעפֿטיקונג פֿון זייערע עלטערן. איך האָב אָבער פֿאַרשוויגן, אַז די זעלבע ערשײַנונג, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, האָט בערנשטיין געפֿונען אויך ביי פּוילישע קינדער. פֿון 662 פּוילישע קינדער וואָס ער האָט אויסגעפֿרעגט האָבן נאָר 28,

---

[49] אויטאָב' נומ' 237, ז' 26. [50] אויטאָב' נומ' 259.

וואָס דאָס באַטרעפֿט 4,1%, אַרויסגעזאָגט זיך, אַז זיי וואָלטן וועלן האָבן די זעלבע באַשעפֿטיקונג ווי זייערע עלטערן, און גאַנצע 95,9 פּראָצענט האָבן געוואָלט האָבן אַן אַנדער באַשעפֿטיקונג.

איך זע ניט קיין נויט צו לייגן אַכט אויף דעם אונטערשייד אין די פּראָצענטער צווישן יידישע און ניט־יידישע קינדער; מיר אָפּערירן דאָ סוף כּל סוף מיט אַזוינע קליינע צאָלן, אַז קיין סטאַטיסטישע אויספֿירן לאָזן זיך ניט מאַכן. אָבער איינס זעען מיר דאָך באַשײַמפּערלעך: אַז יידישע קינדער זײַנען ניט קיין יוצא מן הכּלל. אָט דער פֿאַקט דאַרף אונדז לערנען ווידער אַ מאָל, אַז אַ פֿאַרגלײַך צווישן יידן און ניט־יידן מוז געמאַכט ווערן וואָס אָפֿטער, אויב מיר ווילן ניט פֿאַרקריכן אין בוידעריק מיט סבֿרות וועגן יידישער ספּעציפֿישקייט.

און ווי באַלד אַזוי, שטייט אויף בײַ אונדז אַ פֿראַגע שוין ניט וועגן דעם פּרט, נאָר וועגן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס, וועגן וועלכן מיר האַלטן אין ריידן. אפֿשר איז „יוגנט אָן אַ מאָרגן" אויך ניט נאָר אַ יידישע פּראָבלעם? בײַ דער גאַנצער וועלט דאַרט דאָך איצטער דער קאָפּ וועגן דעם, ווי אַזוי אַרײַנצופּאַסן די אונטער־וואַקסנדיקע יוגנט אין פּראָדוציר־פּראָצעס. געפֿינען אַ פֿאַך איז שווער, אויסלערנען אַ פֿאַך איז נאָך שווערער, און אַז מ'קען שוין יאָ, איז אַ סבֿרא, אַז נאָך דעם וועט ניט זײַן קיין אַרבעט און ניט קיין פּרנסה. פֿאַרשטייט זיך, אַז צרת רבים איז ניט קיין טרייסט פֿאַרן יידישן יחיד וואָס לײַדט, אָבער טון עפּעס אַנטקעגן אַ געזעלשאַפֿטלעכן אומגליק קען מען דאָך נאָר, אויב מען זעט די סיבות פֿונעם אומגליק!

מיר איז שוין אויסגעקומען צו הערן אַן עקסטרעמע מיינונג: דער עיקר חילוק באַשטייט אין דעם, וואָס די יידישע יוגנט האָט ווינציקער אילוזיעס, אַז דער מלוכישער אַפּאַראַט און דיווירטשאַפֿטלעכע סיסטעם וועלן זי קענען אַבסאָרבירן. אויב דאָס זאָל זײַן ריכטיק, וואָלטן מיר געהאַט פֿאַר זיך ניט קיין סאָציאַל־עקאָנאָמישע, נאָר בלויז אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע ספּעציפֿישקייט. אין אַזאַ עקסטקייט איז דאָס זיכער אַ פֿאַלשע פֿעסטשטעלונג. מען קען זאָגן אַפֿילו מער: ווער עס באַרויִקט זיך מיט דעם, אַז אייגנטלעך איז קיין אונטערשייד ניטאָ, אַז ווי נאָר ס'וועלן זיך בײַטן די אומשטאַנדן, וועט זיך דער יידישער אָפּשניט פֿונעם פּראָגנאָז (פֿאַראַן אַזעלכע פֿײַנע ווערטער „אָפּשניט", „פּראָגנאָז") ממילא אײַנרעגולירן, דער זעט ניט וואָס עס טוט זיך אַרום אים. אָבער אויף צו דערגרונטעווען זיך צו די ספּעציפֿישע סימנים פֿון אונדזער פּראָבלעם וואָלטן מיר נייטיק געדאַרפֿט האָבן גוטע זאַכלעכע שילדערונגען וועגן דעם עקאָנאָמישן און גײַסטיקן צושטאַנד און אויך וועגן דעם אויסקוק פֿון דער יוגנט בײַ אַנדערע פֿעלקער, איבערהויפּט אין די ספּעציעל געטראָפֿענע לענדער פֿון מיטל־אייראָפּע. איך ווייס ניט פֿון אַזאַ אויספֿאָרשונג, און איך אַליין האָב זי אויך ניט געמאַכט. אָבער טראַכטנדיק וועגן דעם עניין האָב איך סוף 1933 און די ערשטע פּאָר חדשים 1934 על פּי טראַף אויסגעשאָרן פֿון עטלעכע צײַטונגען נאָטיצן וועגן דעם עניין, און פֿון דעם אַליין האָט זיך באַקומען אַן אויפֿטרייסלענדיק בילד.

פֿאַר אַ מאָטאָ איבער אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם פּראָבלעם וואָלט מען געקענט אַוועקשטעלן אַ „וויץ" מישטיינס געזאָגט, וואָס איז געווען געדרוקט אין Berner Bund אַרום נײַיאָר 1934:

סטודענט: הער פּראָפֿעסאָר, וואָס וואָלט איר מיר געראָטן צו לייענען נאָך דעם ווי איך וועל ענדיקן דעם אוניווערסיטעט?

פּראָפֿעסאָר: מײַן עצה וואָלט געווען, איר זאָלט לייענען די אָפּטיילונג „אַרבעטער געזוכט" אין די מודעות פֿון די צײַטונגען.

דאָס כאַראַקטעריזירט די סיטואַציע פֿון דער אַקאַדעמישער יוגנט אין גאַנץ מיטל־אייראָפּע. אין דײַטשלאַנד זײַנען לויט אַן אָפֿיציעלער בערלינער סטאַטיסטיק פֿון אָנהייב 1934 געווען בײַ 60.000 אַקאַדעמיקער אָן שטעלעס [51]. די עצה וואָס די היטלער־רעגירונג האָט ביז איצטער געפֿונען איז באַשטאַנען ערשטנס אין דעם, וואָס זי האָט פֿון אַ טייל אַרבעטספּלעצער באַזײַטיקט יידן און אַוועקגעזעצט אַהין „ריינע אַריער", צווייטנס אין דעם, וואָס פֿון די 40.000 אַביטוריענטן פֿון גימנאַזיעס אין 1934 האָט מען אַרײַנגעלאָזן אין די אוניווערסיטעטן מערניט ווי אַ פֿערטל.[52]

אויך די אַרבעטס־לאַגערן האָבן אַן ענלעכן צוועק.

אין עסטרײַך האָט דאָלפֿוסעס רעגירונג אַרײַנגעבראַכט אין עטלעכע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס אַ צאָל אַקאַדעמיקער, וואָס מען גיט זיי עסן און פּאַפּיראָסן און נאָך 50 גראָשן אַ טאָג קעשענע־געלט,[53] אַבי זיי זאָלן ניט אומגיין אָן אַרבעט. אָבער אַנטקעגן דער אַלגעמיינער צאָל אַרבעטסלאָזע אַקאַדעמיקער אין לאַנד זעען זיך גאָרניט אָן די פּאָר צענדליגג „פּאַרזאָרגטע".

אין אונגאַרן זײַנען די אַנטיסעמיטישע מהומות אין די אוניווערסיטעטן, פּונקט ווי אין פּוילן, געווען בולט פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַגע פֿון געפֿינען שטעלעס, און אַ דעפּוטאַציע פֿון סטודענטן האָט דעם 7 דעצעמבער 1933 באַקומען בײַם פּרעמיער געמבעש דעם צוזאָג, אַז אין בילדונגס־מיניסטעריום וועט געשאַפֿן ווערן אַ ספּעציעלער דעפּאַרטאַמענט, וואָס זײַן עובֿדא זאָל זײַן צו געפֿינען שטעלעס פֿאַר דער אַרבעטסלאָזער דיפּלאָמירטער יוגנט.[54]

אין וואַרשע האָט דאָס אַרבעטס־ביוראָ ביי דער דאָקטוירים־קאַמער אין דער צווייטער העלפֿט 1933 פֿאַררעגיסטרירט 281 דאָקטוירים וואָס האָבן ניט געהאַט קיין באַשעפֿטיקונג. דאָס מיינט העכער 10% פֿון דער אַלגעמיינער צאָל פּראַקטיקירנדיקע דאָקטוירים אין וואַרשע.[55]

אין טשעכאָסלאָוואַקײַ האָט דער פֿאַראיין פֿון אינזשעניערן געהאַט פֿאַרצייכנט העכער 2000 אַרבעטסלאָזע אינזשעניערן, צווישן זיי 800 אַבסאָלווענטן פֿון טעכנישע

---

[51] Wiener Tag, 13.III.34.
[52] Das Neue Tagebuch, 17.III.34.
[53] Wiener Tag, 2.III.34.
[54] Neues Wiener Tagblatt, 8.XII.33.
[55] Ilustrowany Kurjer Codzienny, 13.I.34

הויכשולן, וואָס האָבן נאָך בכלל קיינמאָל ניט געהאַט קיין שטעלע.[56] אין פּראַגער סאָציאַלן אינסטיטוט איז דעם 22 פֿעברואַר 1934 געווען אַ זיצונג וועגן דעם ענין, און דער רעפֿערענט האָט אָנגעוויזן, אַז גאַנצע יאָרגענג שטודירנדיקע יוגנט געפֿינען ניט קיין אַרבעט ניט אין דער היים און ניט אין אויסלאַנד. דאָס באַשאַפֿט בײַ זיי אַ געפֿיל, אַז דאָס גאַנצע שטודיום זייערס איז אַרויסגעוואָרפֿן, און דערפֿון וואַקסן ווידער אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע טענדענצן. דער רעפֿערענט האָט בפּירוש געזעדט ניט נאָר וועגן אַרבעטסלאָזיקייט, נאָר אויך וועגן דעם, אַז די גלײַכוואָג צווישן די דורות איז פֿאַרשטערט געוואָרן.[57]

דאָס איז דערווײַל אַלץ געווען וועגן די אַקאַדעמישע פּראָפֿעסיעס — ניט דערפֿאַר ווײַל די אַנדערע צווײַגן פֿון אַרבעט זײַנען אין אַ בעסערער פּאָזיציע, נאָר ווײַל דער בראָך פֿון די אַקאַדעמיקער וואַרפֿט זיך מער אין די אויגן: ביז ניט לאַנג האָט מען דאָך געמיינט, און טייל עלטערן לעבן נאָך הײַנט אין דעם טעות, אַז די הויכשול איז אַ וועג צו אַ לעבן פֿרײַ פֿון דאגות.

די פֿראַגע וועגן די אַקאַדעמיקער אָן אַרבעט האָט שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו זײַן אַ זאַך פֿון אַ גרויסער צאָל יחידים. ס'איז די אמתע כּלל־פֿראַגע; וועגן דער גרויסער ראָלע וואָס די אַקאַדעמיקערשאַפֿט האָט געשפּילט אין דעם אויפֿשטײַג פֿון פֿאַשיזם איז געגוג פּשוט צו דערמאָנען.

נאָך אַ גרעסערע אימה וואַרפֿט אָן די סיטואַציע בײַ דער אַרבעטנדיקער יוגנט.

אין דײַטשלאַנד האָבן צו פּסח 1934 400.000 יוגנטלעכע פֿאַרענדיקט זייער טערמין בײַ מײַסטערס און זײַנען געשטאַנען פֿאַר דער פֿראַגע, וווּ זאָלן זיי נעמען אַרבעט. 1.255.000 יוגנטלעכע זײַנען אין דער זעלבער צײַט אַרויס פֿון די פֿאָלקס־שולן. אין אַ שמועס צווישן לערער און די אַמטן פֿאַר אַרבעט־פֿאַרמיטלונג אין מערץ מאָנאַט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 75% פֿון די וואָס האָבן געהאַלטן אין ענדיקן האָבן נאָך קיין שום שטעלעס פֿון לערנײַנגלעך ניט געהאַט געפֿונען.[58]

אין עסטרײַך האָט אַ „פּאַטריאָטישע״ אינסטיטוציע געמאַכט אָנהייב 1934 אַן אַנקעטע צווישן 10.848 אַרבעטסלאָזע יוגנטלעכע. פֿון זיי האָבן 7955 (73%) ניט געהאַט קיין שום אַרבעטסלאָזע־אונטערשטיצונג; 2992 האָבן בכלל קיינמאָל אין זייער לעבן אַזאַ אונטערשטיצונג ניט באַקומען, ווײַל לויטן עסטרײַכישן געזעץ באַקומען אונטערשטיצונג נאָר די וואָס האָבן אין משך פֿון 2 יאָר צײַט געאַרבעט אין איינעם צום ווייניקסטן 26 וואָכן. 2353 פֿון די צען טויזנט האָבן געענטפֿערט, אַז זיי האָבן בכלל קיינמאָל ניט אויסגעלערנט קיין שום פֿאַך. 16% פֿון דער גאַנצער צאָל זײַנען געווען אַרבעטסלאָז מער ווי דרײַ יאָר, 29% פֿון צוויי ביז דרײַ יאָר.[59]

---

56 Prager Tagblatt, 25.II.34.

57 Prager Presse, 24.II.34.

58 Das Neue Tagebuch, 17.III.34.

59 Arbeiter-Sonntag (Wien), 22.IV.34.

דאָס בוך וועגן מאַריענטאַל, וואָס איז שוין פֿריִער דערמאָנט געוואָרן,[60] שרײַבט וועגן דעם:

„אין די העכערע עלטער־גרופּעס שטײַגט דער פּראָצענט פֿון יענע קינדער, וואָס אַרבעטסלאָזיקייט איז פֿאַר זיי אַ פּערזענלעכע פּראָבלעם, הגם זיי אַליין האָט דאָס נאָך ניט געטראָפֿן. פֿאַר די דאָזיקע נאָך ניט געטראָפֿענע 13־יאָריקע און 14־יאָריקע איז כאַראַקטעריסטיש, אַז זיי לעבן אין איין שרעק פֿאַר דער צוקונפֿט.“

אין טשעכאָסלאָוואַקײַ האָט מען דעם 28 מערץ 1934 אָפּגעלאָזן פֿון מיליטער־דינסט 70.000 זעלנער. די צײַטונג Národní Politika האָט קאָנסטאַטירט, אַז נאָר 6% פֿון זיי קענען זיך ריכטן, אַז זיי וועלן זיך קענען באַלד אײַנשטעלן אַרבעטן.

„אַ סך פֿון זיי, האָט געשריבן אַן אַנדער בלאַט, זײַנען דורכן מיליטער אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון זייערע פֿאַכן. ווען זיי קערן זיך אום, געפֿינען זיי זייערע ערטער פֿאַרנומען און האָבן ווייניק שאַנסן בקרובֿ צו געפֿינען נײַע אַרבעטפּלעצער. 60.000 יונגטלעכע וועלן פֿון הײַנט אָן מוזן פֿאַלן צו לאַסט זייערע עלטערן און קרובֿים, אויף וויפֿל די דאָזיקע זײַנען ניט אַליין אָן אַרבעט. זיי וועלן טעגלעך דרוקן מודעות, ענטפֿערן אויף מודעות, קלײַבן אַדרעסן, „פֿאָרשטעלן זיך“ בײַ די פּערסאָנאַל־שעפֿן, דורכגיין דעם גאַנצן פּײַנלעכן וועג פֿון זוכן שטעלעס, און נאָר אַ קליינע צאָל וועט האָבן מזל און געפֿינען אַ שטעלע. און נאָך זוכן חדשים לאַנג וועט דער יונגער מענטש ווערן פֿאַרביטערט, מיט אומחשק וועט ער טראַכטן וועגן דעם מיליטער, ווען ער האָט אָפּגעגעבן 18 חדשים פֿון זײַן לעבן צו שיצן דאָס פֿאָטערלאַנד וואָס האָט איצטער ניט קיין אַרבעט מער פֿאַר אים. די צאָל מענטשן וואָס באַגייען זעלבסטמאָרד ביז 24 יאָר איז פֿאַרגאַנגענעם יאָר אַרויפֿגע־שפּרונגען פֿון 16 אויף 20 פּראָצענט. דאָס הייסט, אַז פֿון יעדע 5 זעלבסטמערדער איז איצטער איינער אַ יונגטלעכער. עס איז איינע פֿון די הויפּט־אויפֿגאַבעס פֿון אונדזער רעגירונג צו זאָרגן פֿאַר די יונגטלעכע וואָס ווערן איצטער אָפּגעלאָזן פֿונעם מיליטער אין דער אַרבעטסלאָזיקייט אַרײַן.“[61]

אין דער ערשטער העלפֿט 1934 האָט מען אין טשעכאָסלאָוואַקײַ שטאַרק גערעדט וועגן אײַנאָרדענען אַ גרויסע צאָל אַרבעטס־לאַגערן פֿאַר דער יוגנט. אָבער מען איז דוכט זיך געבליבן בײַם סאַמע אָנהייב. פֿון קיין גרויסע ערפֿאָלגן פֿון די אַרבעטס־לאַגערן האָט מען ניט געהערט – פּונקט אַזוי ווייניק ווי אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך און פּוילן.

אין פֿראַנקרײַך האָט דער קריגס־מיניסטער אָנהייב 1934 אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז די זעלנער וואָס האָבן אָקאָרשט אָפּגעדינט זייערע 12 חדשים מעגן בלײַבן דינען נאָך 6 חדשים, אויב זיי ווילן. ס'איז אויך ערלויבט געוואָרן,

---

[60] זע אויבן ז׳ 90.

[61] Prager Mittag, 29. III. 34

אַז יונגעלײַט וואָס האָבן געדינט אין משך פֿון די לעצטע 5 יאָר זאָלן קענען איבער אַ נײַס פֿאַרקאָנטראַקטירט ווערן פֿאַר זעלנער אויף ווײַטערדיקע 18 חדשים. דער קריגס־מיניסטער האָט ערקלערט, אַז ער איז געקומען צו דעם דאָזיקן באַשלוס צוליב דעם, וואָס עס האָבן זיך גענומען מערן בריוו פֿון זעלנער וואָס האָבן אַרויסגעזאָגט זייער זאָרג, אַז אַהיימקומענדיק פֿון מיליטער־דינסט וועלן זיי בלײַבן אָן באַשעפֿטיקונג.[62]

אָט דאָס ווײַזט אונדז אַ לייענען אויף טראַף אין אַ פּאָר מיטל־אייראָפּעיִשע צײַטונגען אין משך פֿון אַ קורצער צײַט. ווען מען זאָל אויפֿנעמען אַ גאַנץ בילד סיסטעמאַטיזירטערהייט, וואָלט דער שוידער פֿונעם אײַנדרוק געווען נאָך גרעסער.

אָבער בײַ דעם אַלעם איז דאָך פֿאָרט פֿאַראַן אַ ייִדישע ספּעציפֿישקייט. טאָ אין וואָס דריקט זי זיך אויס?

אָט האָב איך אַ שטים פֿון אַ יוגנטלעכן וועגן דעם עִנין; איך ציטיר וואָרט בײַ וואָרט, ניט געקוקט אויף דער ניטגלאַטקייט פֿון סטיל:

„... ס'פּלעגט מיר אָפּט אויסקומען צו שמועסן מיט מײַנע חבֿרים וועגן דעם באַזונדערן גורל פֿון דער ייִדישער יוגנט וואָס ווערט אויפֿגעוואַקסן אַ נישטדער־גאַנצטע, תמיד נישט צופֿרידן, אייביק זוכנד. תמיד נישט צופֿרידן מיט דעם וואָס ס'איז דאָ, דער שטענדיקער ווילן אַוועקצופֿאָרן פֿון דעם אָרט, אום ערגעץ אַנדערש ווײַט פֿון דאַנען לעבן. שוין פֿון זײַן פֿרִיער יוגנט ווערט ער באַלאַסטעט מיט אַזוי פֿיל פּראָבלעמען, אַזוי פֿיל פֿראַגן. אָנשטאָט זוכן די פֿרייד פֿון לעבן געפֿינט ער שטענדיק די טרויעריקע זײַט פֿון דער מטבע, אין געגנזאַץ צו דער נישט־ייִדישער יוגנט וואָס ס'קומט אונדז אויס צו לעבן איז איר לעבן אַ פֿיל אַנדערש — מער רויִק, מער גאַנץ אין זיך. ווער אין דאָרף, ווער אין וואַרשטאַט, ווער אין דער יוגנט־באַוועגונג, ווער אין בילדונג, ווער אויף אַנדערע געביטן אין לעבן. נישט באַלאַסטעט מיט דאגות, קלערט נישט אַזוי פֿיל וועגן אָפּפֿאָרן, ער ווייסט: דאָ איז זײַן אָרט. דאָ מוז ער זיך אויסלעבן און באַמיט זיך צו שאַפֿן באַקוועמערע באַדינגונגען אין לעבן. די ייִדישע יוגנט פֿון קינדווײַז אָן ווערט באַגלייט מיט אַ געדאַנק, אַז ער דאַרף און מוז פֿון דאַנען אָפּפֿאָרן — און דער ייִדישער יוגנטלעכער, ווען ער ווערט נאָר אַלט 17—18 יאָר, נעמט אויף זיך דאָס שווערע פּעקל — און לאָזט זיך דאַמיט אין וועג אַרײַן.“[63]

צי גיט אונדז עפּעס די דערקלערונג? איין זאַך אויף געוויס: זי שטרײַכט אונטער דעם פֿאַקט, אַז די ייִדישע יוגנט שפּירט זיך ניט היימיש אין איר היים. זי הייבט זיך פֿון אָרט מיט אַ מערקווערדיקער לײַכטקייט. מער ווי דאָס: אין דער פֿרעמד איז זי פֿעִיק אויף אַ סך גרעסערע אָנשטרענגונגען און גייט צו צו איר אַרבעט מיט אַ סך אַ פֿריילעכערן געמיט.

---

62 דאָרט גופֿא.

63 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 288, ז"ז 19—20. דער שרײַבער, 21 יאָר אַלט, איז אַ געבוירענער פֿון אַ שטעטל אין לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט, איצט איז ער אין תּל־אָביב.

אין די זאַמלונגען פֿון יִיוואָ זײַנען פֿאַראַן צוויי דאָקומענטן וואָס מען וועט ווען עס איז דאַרפֿן פּובליקירן מיט אַ געהעריקן קאָמענטאַר. דאָס זײַנען צוויי כּמעט אידענטישע, הגם אין גאַנצן אומאָפּהענגיקע איינס פֿונעם צווייטן, באַריכטן וועגן דעם, ווי אַזוי צוויי יונגע מיידלעך האָבן מיט גרויסע שוועריקייטן אין אַ ניט־צוגעגרייטער סבֿיבֿה געעפֿנט קינדער־גערטנער. נאָר איינע שרײַבט פֿון ביראָביד־זשאַן, און מען זעט אַרויס פֿון איר בריוו, אַז זי איז פֿון דער מפּלה ניט נתפּעל געוואָרן און קלײַבט זיך צו באַנײַען די אַרבעט. די אַנדערע איז דורכגעפֿאַלן אין אַ קליינשטעטל פֿון ווילנער געגנט, און פֿון דורכפֿאַל איז זי געבליבן דערשלאָגן און זי זוכט זיך נאָר צו פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זיך אַליין, אַז ניט זי איז שולדיק.

עפּעס ענלעכס ווײַזט זיך אויך אַרויס בײַם אַנאַליזירן אונדזער ארץ־ישׂראל־דיקן מאַטעריאַל. אַ ווילנער „אינטעליגענטער יונגערמאַן", אַזוי ווערט ער כאַראַק־טעריזירט אין דעם באַריכט, איז אַוועקגעפֿאָרן קיין תּל־אָבֿיבֿ און געוואָרן דאָרטן אַ מיסטפּירער. אין ווילנע וואָלט אים די אַרבעט געוויס ניט אָנגעשטאַנען, און אויב ער וואָלט חס־ושלום יאָ געווען געצוווּנגען זי אָנצונעמען, וואָלט ער זיך געשפּירט דעגראַדירט און פֿאַראומגליקט. פֿונדערווײַטנס אָבער באַשרײַבט ער די ריחות וואָס פֿאַרגייען אין אַלע אבֿרים און לאָזט אויס מיט די ווערטער: „אַן אַנטיק צו זײַן אַ מיסטפּירער אין תּל־אָבֿיבֿ. די הארץ איז פֿול מיט פֿרייד."

פֿון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע ערשײַנונג? און צי איז פֿאַראַן עפּעס אַ סגולה צו דער „פֿאַרניינונג פֿון גלות" אין גבֿול פֿון פּערזענלעכע שינויים? דאָס איז אַ פֿראַגע פֿאַר זיך; דאָ גייט מיר אין קאָנסטאַטירן די ספּעציפֿישע פּסיכישע שוועריקייטן, מיט וועלכע אונדזער יוגנט ראַנגלט זיך.

פֿאַר זיך אַליין פּרווו איך אַמאָל פֿאָרמולירן דעם חילוק צווישן דער ייִדישער און דער ניט־ייִדישער יוגנט אַזוי: ס'איז געגליכן צו דער באַוועגונג פֿון אַ באַלעם אויף דער יבשה (וואָס שטייט אויך ניט אויף איין אָרט כּידוע) — אַנטקעגן דער באַוועגונג פֿון אַ באַלעם אויף אַ שיף וועלכע וויגט זיך אויף אַ שטורעמדיקן ים.

אָבער איך גאָר זיך ניט, איך זע קלאָר, אַז דאָס איז אויך ניט מער ווי אַ מעטאַפֿער וואָס קען קיין אויספֿאָרשונג ניט פֿאַרבײַטן. עס איז זייער בייטיק אויסצופֿאָרשן, אין וואָס אונדזער ספּעציפֿישקייט באַשטייט. עס וואָלט אונדז ניט נאָר געוואָרן ליכטיקער פֿון וויסן, נאָר אפֿשר וואָלטן מיר אויך געפֿונען, אַפֿילו אין אונדזערע איצטיקע פֿאַרהעלטעענישן, כאָטש שטיקלעך בעסערע תּרופֿות אויב מיר וואָלטן בעסער געוווּסט, ווו מיר האַלטן אין דער וועלט.

55. קאָנפֿליקט און רעאַקציע

איצטער לאָמיר אויפֿמישן נאָך אַ מאָל יענע קאַפּיטלעך אין ערשטן טייל פֿון אונדזער בוך, ווו מיר האָבן גערעדט וועגן דעם מענטשנס וועג פֿון קינדהייט צו דערוואַקסנשאַפֿט. מיר האָבן דאָרטן גערעדט וועגן „אַלגעמיין מענטשלעכע" שטריכן, ניט אויסטיילנדיק קיין ספּעציפֿישע ייִדישע סיטואַציעס. אָקאָרשט האָבן מיר

געפּרוּווט אָנווינקען אויף צוגאָב-שוועריקייטן, מיט וועלכע דער יוגנטלעכער באַצאָלט פֿאַר זײַן צוגעהעריקייט צו דער ייִדישער סבֿיבֿה. דאָס אַלץ צוזאַמען גיט אונדז אַ שטיקל פֿאָרשטעלונג וועגן די קאָנפֿליקטן, וואָס פֿאַר זיי ווערט אָוועקגעשטעלט דער ייִדישער דערוואַקסלינג.

אויף קאָנפֿליקט-סיטואַציעס *רעאַגירט* מען. ווי אַזוי? פֿאַראַן פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון רעאַקציע, און עטלעכע פֿון זיי וועלן מיר דאָ פּרוּוון סקיצירן.

פֿריִער וועל איך אָבער איבערחזרן—בעסער זאָגן אַן איבעריקס מאָל, איידער עס זאָל בלײַבן וועגן דעם אַ שמץ פֿון אַ ספֿק—אַז אין רעאַלן לעבן לאָזן זיך ניט די ייִדישע עלעמענטן אָפּטיילן פֿון די אַלגעמיינע. זיי לאָזן זיך ניט אָפּטיילן אינעם מענטשן, זיי לאָזן זיך ניט אָפּטיילן אין דער סיטואַציע. איך גיב נאָך אַ געמעל צו די פֿריִערדיקע. אַ ייִדישער בחור, בײַ וועמען עס האָבן זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן די פּאָלוציעס און צוליב דעם איז פֿאַרשטערט זײַן פּסיכישע גלײַכוואָג, האָט הײַנט אַ קאָנפֿליקט מיט אַ קריסטלעכן לערער וועלכער איז געקומען אין שול נאָך אַ ניט-דערשלאָפֿענער נאַכט. דאָ האָט זיך אַלץ אויפֿגעפֿלאָכטן אין איינעם: דעם בחורס צערודערטקייט און דאָס, וואָס ער איז דעם לערער פֿון לאַנג אָן חושד אין אַנטי-סעמיטיזם, דעם לערערס ניט-אויסגעשלאָפֿנקייט און זײַן אַלגעמיינע אומבאַפֿרידיקטקייט פֿון לערערײַ. עס קען אויך זײַן, אַז׳ דער לערער האָט פֿײַנט געלע (דער ייִדישער תּלמיד איז גראָד אַ געלער), און דאָס נעמט זיך גאָר פֿון אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ שומר אין אַ מאַיאָנטעק אַזש אין דעם לערערס קינדערשע יאָרן. אַ געוויסע אומפֿרײַנדלעכקייט צו ייִדן איז אפֿשר בײַם לערער אויך פֿאַראַן, און דאָס וואָרצלט אויך טיף אין זײַנע קינדערשע איבערלעבונגען און אײַנריידעניש. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צום איצטיקן קאָנפֿליקט, ווו דער תּלמיד טענהט, אַז ס׳איז אַנטיסעמיטיזם, און דער לערער ענטפֿערט, אַז עס הייבט זיך ניט אָן, און ביידע צדדים זײַנען גערעכט, אָבער ביידע זײַנען אומגערעכט אויך. מיט איין וואָרט: יעדער מאָל שטייט אַ *גאַנצער* מענטש אַנטקעגן אַ *גאַנצער* סיטואַציע, און אויב בכלל, איז נאָר דורך אַנאַליזירן אַחר-המעשה קענען מיר איזאָלירן די פֿאַרשיידענע עלעמענטן.

אָט דאָס מוז מען געדענקען, ווען מיר קומען צו ריידן וועגן די פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, אין וועלכע דער ייִדישער יוגנטלעכער רעאַגירט אויף די קאָנפֿליקט-סיטואַציעס. מיט דער באַוואָרעניש נעם איך זיך קלאַסיפֿיצירן.

און וועגן דער עצם קלאַסיפֿיקאַציע נאָך אַ באַוואָרעניש.

אמת גוט איז אַ קלאַסיפֿיקאַציע, בשעת אַלע ערשײַנונגען וואָס זי נעמט אַרום לייגן זיך אויס אין איר אָן אַ נשאר. אין אונדזער פֿאַל איז דאָס ניט מיגלעך — ניט נאָר איבער דעם וואָס מיר האָבן נאָך ניט דעם ריכטיקן קלאַסיפֿיציר-פּרינציפּ, נאָר ווײַל די ערשײַנונגען גופֿא זײַנען אונדז נאָך אויך ניט אין גאַנצן קלאָר. דעריבער וועט אין מײַן קלאַסיפֿיקאַציע ניט שווער זײַן צו געפֿינען פּגימות. מײַן פֿאַרענטפֿער איז, אַז דער חסרון שטעקט ניט אין דער קלאַסיפֿיקאַציע, נאָר אין דעם וואָס דער מאַטעריאַל איז נאָך ניט גענוג אויסגעפֿאָרשט. אַלץ וואָס איך גיב דאָ איז ניט

מער ווי אַ טראַכטן אויף אַ קול, כּדי אַרײַנצוברענגען אַ ביסל מער סדר אין דעם כאַאָס פֿון די פֿאַקטן.[64]

דער יונגערמאַן וועלכן מיר האָבן ציטירט אין אַ פֿריִערדיקן קאַפּיטל[65] האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער ציוניזם רופֿט צו דער ייִדישער יוגנט: „זאָל זיך ראַטעווען ווער עס קען!" ער האָט דאָס געמיינט פּשוטו כּמשמעו—אַרויסראַטעווען זיך פֿון גלות. אָבער מען דאַרף דאָס נעמען ברייטער. ווען עס וואָלט טאַקע געגאַנגען נאָר וועגן דעם שאַנס צו פֿאַרלאָזן דעם גלות, וואָלט דאָך די דיספּראָפּאָרציע צווישן וועלן און קענען געווען קלאָר פֿאַר מלופּם-קינדער. פֿאַר וואָס זשע נעמט דער ציוניזם אַזוי שטאַרק אויס בײַ גרויסע טיילן ייִדישע יוגנט? פֿאַר וואָס „נעמען ניט" דעם ציוניסט קיין שום ניכטערע אויסרעכענונגען וועגן דער אויפֿנעמעוודיקייט פֿון ארץ־ישראל, וועגן דעם וואַקסנדיקן כּוח פֿון די אַראַבער און אַזוי ווײַטער? ווײַל דער געגענער אַפּעלירט צום ציוניסטס שכל, און זײַן ציוניזם וואַקסט גאָר פֿון אַ סך טיפֿערע פּסיכישע שיכטן. דער ציוניסט האָט זיך „געראַטעוועט" מיט זײַן ציוניזם. דאָ געפֿינט ער (אפֿשר נאָר ביז אַ צײַט, און אפֿשר אויפֿן גאַנצן לעבן) אַ תּיקון פֿאַר זיך אַפֿילו אויב דער וועג קיין ארץ־ישראל איז פֿאַר אים פֿאַרשפּאַרט. ניט ער ראַטעוועט זיך קיין פּאַלעסטינע, נאָר ער ראַטעוועט זיך אין פּאַלעסטיניזם אַרײַן; דער ציוניזם איז פֿאַר אים ניט קיין רעאַליסטישער אויסוועג, נאָר אַ פּ ס י כ י ש ע ר „ראַטונעק" אין דעם זינען ווי מיר האָבן גערעדט וועגן דעם אויף ז׳ 122.

דאָס אייגענע קען זײַן פֿאַרשטייט זיך אַ פּסיכישער אויסגאַנג פֿון געוויסע קאָנפֿליקט־סיטואַציעס די צוגעהעריקייט צו יעדער אַנדער פּאַרטיי אויך. און נאָך מער (דערמיט וויל איך חלילה ניט מינערן די ווערדע פֿון פּאַרטייען): קלײַבן מאַרקעס, אָדער אונטערשטעלן אַ פֿאַרבײַגייער אַ פֿיסל, אָדער אַרײַנלאָזן זיך אין סעקסועלע עקסצעסן איז אויך אַ פּסיכישער אויסגאַנג.

טאָ אויף וואָסער אופֿן קענען מיר אַרײַנטראָגן אַ שטיקל סדר אין דעם ים ערשײַנונגען?

איך פּרוּוו טראַכטן אַזוי: אויב עמעצער ווערט אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט אַ קאָנפֿליקט־סיטואַציע, איז איין רעאַקציע (איך זאָג ניט, אַז דווקא די ערשטע):

---

64 מיר האָט שטאַרק צוגעטראָפֿן דאָס וואָס איך האָב געפֿונען בײַם אַמעריקאַנער פּסיכיאַטער פּאַרטרידזש:

„קלאַסיפֿיקאַציע איז אַן עניִן..., וואָס צו פֿיל צײַט אָפּגעבן דערויף איז ניט כּדאַי. אויב מיר קענען ניט אַרויסברענגען קיין באַפֿרידיקנדיקע נאָרמען פֿאַר פֿונאַנדערטיילן די פֿאַלן לפֿי־ערך לײַכט און קלאָר, איז דאָס אַ גענוג זיכערער סימן, אַז מיר דאַרפֿן זען אויפֿצוקלײַבן מער פֿאַקטן איידער מיר גייען אָן ווײַטער מיטן קלאַסיפֿיצירן."

Partridge, G. E. Current Conceptions of Psychopathic Personality. In: American Journal of Psychiatry X (1930/31), p. 53.

65 ז׳ 76.

אַ נ ט ל ו י פ ן. אויב למשל מען יאָגט זיך נאָך אַ באַשולדיקטן און אים גיט זיך איַין אַריבערצוכאַפּן זיך אויף יענער זײַט גרענעץ, ווי קיינער וועט אים שוין ניט טשעפּען, האָט ער רעאַגירט ראַדיקאַל און בעצם ליקווידירט די קאָנפליקט-סיטואַציע. בײַ יונגע קינדער וואָס ווייסן נאָך ניט רעכט דעם גרענעץ צווישן מיגלעך און ניטמיגלעך, קען זיך אויפוועקן דער חשק צו אַנטלויפן אויך פון זייער נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט. אין ווינטער 34/1933, ווען די אַטמאָספער אין עסטרײַך איז שוין געווען גאָר געדיכט, האָט זיך אַ נײַגיאַריקער ייִדישער בחור אין ווין, אַ זון פון מײַנעם אַ באַקאַנטן, אָפּגערופן צו זײַן פאָטער:

— Ich bleib ka Jud!

אָבער ווען מען ווערט עלטער און מען פאַרשטייט שוין, אַז אַנטלויפן איז ניט שייך, קענען געמאָלט זײַן אַזוינע פיר אויסגאַנגען:

א) מען לייקנט אָפּ די סיטואַציע, אָדער

ב) מען זוכט אַרומצוגיין די סיטואַציע, אָדער

ג) מען פּאַסט זיך אַרײַן אין דער סיטואַציע, אָדער

ד) מען באַקעמפט די סיטואַציע.

מיט וויסנשאַפטלעכע פאַכווערטער וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז דער פּסיכישער אויסגאַנג קען זײַן:

א) אַן אויטיסטישער,

ב) אַן עגאָצענטרישער,

ג) אַן אינדיווידואַליסטישער,

ד) אַ געזעלשאַפטלעכער.

אין דער ווירקלעכקייט, ווען מיר זעען אַ ביסל שפּעטער, איז די זאַך אַ סך קאָמפּליצירטער, נאָר דערווײַל לאָמיר פּרוּוון אָפּערירן מיט די פאַראייַנפאַכטע באַגריפן.

56. אויטיסטישע רעאַקציעס

אויב עס איז ניט מיגלעך, איבער די אָדער יענע טעמים, צו אַנטלויפן ממש פון דער אומבאַקוועמער סיטואַציע, קען געמאָלט זײַן אַ במקום-אַנטלויפן, אַ פּליטה אין דער אומרעאַליטעט אַרײַן. מען ל י י ק נ ט אָ פּ די סיטואַציע; אַ מענטש קען זיך דאָס פאַרגינען אַדאַנק דעם וואָס ער פאַרמאָגט אַן ע ו ל ם - ה ד מ י ו ן. לאָמיר זיך דאָ ניט פאַרטיפן אין דער פראַגע, וואָס פאַר אַן אָרט די פאַנטאַזיע פאַרנעמט בדרך-כּלל אין אונדזער פּסיכישער סיסטעם; אַ פאַקט איז יעדנפאַלס, אַז זי קומט אונדז גוט צו ניץ און אַז אין טייל פאַלן, בײַ די רעאַקציעס וואָס מיר גייען איצט פונאַנדערקלײַבן, קען זי זיך אַרויסרוקן אויבן אָן.

דאָס וואָרט אויטיסטיש האָט אויפגעבראַכט דער באַוווּסטער שווייצער פּסיכיאַטער בלוילער. ער שיידט אָפּ א ו י ט י ס ט י ש דענקען פון ר ע אַ ל י ס ט י ש דענקען. ווען איך קלער, אַז אויף צו טייטן מײַן שונא דאַרף איך אים טרעפן

מיט מײַן שפּיז, איז דאָס געטראַכט רעאַליסטיש; ווען איך שטעל זיך פֿאָר, אַז איך וועל אים אומברענגען דורך פֿאַרברענען זײַנס אַן אָפּבילד, איז דאָס געטראַכט אויטיסטיש. „דער ערשטער סימן פֿון אויטיזם, זאָגט בלוילער, איז דערפֿילונג פֿון אַ פֿאַרלאַנג״ — דערפֿילונג, פֿאַרשטייט זיך, אין דימיון. מיר וועלן זיך דאָ דערמאָנען וועגן דער בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פֿונעם חוש פֿאַר רעאַליטעט בײַ קינדער.[66]

עס איז ניט אין גאַנצן גרינג צו ציִען דעם גרענעץ צווישן אויטיסטיש און רעאַליסטיש. פֿאַר איינעם וואָס גלייבט אין כּישוף איז אַ גאַנץ „רעאַליסטישער״ גאַנג צו זאָגן דעם געהעריקן שפּראָך בשעת ער נייטיקט זיך אין רעגן. פֿאַרקערט קען בײַ אַ פֿאַרגרעבטן דאַרפֿסמאַן אויסקומען „אויטיסטיש״, ווען איך וויל אים אײַנ-שמועסן, אַז קוקנדיק אויף אַ גלעזערן קעסטעלע מיט אַ ווײַזער אינעווייניק קען איך אים זאָגן, צי עס גייט אויף אַ רעגן צי ניט. מען מוז זיך באַנוגענען מיט דער אומקלאָרער דעפֿיניציע, אַז דאָס וואָס עס איז בהסכּם מיטן אַלגעמיינעם אויספֿרווו רופֿן מיר רעאַליסטיש. אָבער מיר דאַרפֿן זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז דער אויספֿרווו פֿונעם עולם בײַט זיך. באַשמירן אַ ווונד מיט אַ געהייליקטן „גן-עדן-ווענסערל״ און באַשמירן זי מיט יאָד זײַנען טוונגען וואָס שפּיגלען אָפּ פֿאַרשיידענע מדרגות אויטיזם און רעאַליזם אויף פֿאַרשיידענע מדרגות פֿון מענטשלעכער קולטור.

ל. וויגאָטסקי, דער 1934 געשטאָרבענער זייער פֿעיִקער סאָוועטישער פּסיכאָלאָג, גיט איבער, אַז ער האָט דורך אַ ספּעציעלער אויספֿאָרשונג געפֿונען צוויי פֿעריִאָדן אין לעבן פֿון אַ מענטשן, ווען דאָס אויטיסטישע דענקען ברייטערט זיך שטאַרק אויס: איין מאָל אויפֿן דריטן יאָר פֿון לעבן, נאָך דעם ווי דאָס קינד האָט באַהערשט די טעכניק פֿון ריידן, דאָס צווייטע מאָל אין דער צײַט פֿון סעקסועלער צײַטיקונג.[67]

וועגן די „וואָר-חלומות״ פֿון דערוואַקסלינגען איז נאָך כּמעט גאָרניט געאַרבעט געוואָרן; אַ ביסל מער ווייסן מיר וועגן דער פֿאַנטאַזיר-טעטיקייט פֿון קינדער[68]. עס איז למשל באַוווּסט, אַז קינדער אין עלטער פֿון 3 ביז 6, איבער-הויפּט איינציקע אָדער איינזאַמע קינדער, טראַכטן אויס אַ חבֿר אָדער אַ חבֿרטע,

---

66 זע אויבן ז׳ 57 א״וו.

67 זע וויגאָטסקיס לעצט בוך (אַרויס שוין נאָך זײַן טויט):

Выготский, Л. С. Мышление и речь. Огиз-Соцекгиз. М.–Л. 1934, 324 стр.

די דערמאָנטע מיטטיילונג איז געגעבן אין אַ קלײנער אַגבֿ-אורחאדיקער הערה אונטערן טעקסט אויף ז׳ 47. אין וואָס די ספּעציעלע אויספֿאָרשונג איז באַשטאַנען דערציילט ניט דער מחבר. פֿאַר מיר אָבער האָט די באַמערקונג פֿאָרט געהאַט אַ גרויסן ווערט, מחמת איך האָב דאָ דערזען, ווי נאָענט וויגאָטסקיס פֿעסטשטעלונגען וועגן די צוויי פּעריִאָדן קומען צו צו מײַן היפּאָטעז (וועלכן איך האָב פֿאָרמולירט נאָך אָנהייב 1933) וועגן די צוויי צײַטאָפּשניטן, אין וועלכע עס שפּילן זיך אָפּ די „אַטאַקן פֿון ייִדישקייט״.

63 וועגן ייִדישע קינדער איז פֿאַראַן מאַטעריאַל בײַ פּראָפֿ׳ פּ. שניאורסאָן. די קאַטאַסטראָפֿאַלע צײַטן און די וואַקסנדיקע דורות. בערלין 1923, 250 זז׳.

מיט וועלכן זיי שפּילן זיך און ריידן אַמאָל שעהנלאַנג; כאָטש קיינער, און זיי אַליין אויך ניט, האָבן אָט דעם פֿרײַנד קיינמאָל ניט געזען, איז ער פֿאַר זיי אַ גרויסע הילף, זיי לייגן אויף אים אַרויף זייערע אייגענע קלעמענישן און דורכפֿאַלן[69]. צוויי אַמעריקאַנער מחברים, מאָנראָו און לעווי, האָבן פֿון שיקאַגער שולן, דורך אַ שריפֿטלעכער אַרבעט אין קלאַס, באַקומען באַריכטן וועגן וואָר-חלומות (פֿאַנטאַזיעס) בײַ צטלעכע הונדערט קינדער. זיי זײַנען געקומען צום באַשלוס, אַז דער גרעסטער טייל פֿאַנטאַזיעס בײַ די סאָציאַל נידעריקערע קינדער גייט זייער ניט ווײַט. זיי פֿאַנטאַזירן ניט וועגן העראָיזם אָדער וועגן ווערן זייער באַרימט, נאָר וועגן דעם, אַז קליינע טאָגטעגלעכע פֿאַרלאַנגען זייערע זאָלן מקוים געוואָרן[70]. אויף וויפֿל דאָס איז אַן אַלגעמיינער כּלל אין פֿאַרשיידענע עלטערס און אין פֿאַרשיידענע סבֿיבֿות וואָלט מען נאָך ערשט געדאַרפֿט אויסגעפֿינען.

אַן אַמעריקאַנער לערערין האָט געמאַכט אַזאַ עקספּערימענט. זי האָט אויף דער לעקציע פֿון ענגליש געגעבן צו שרײַבן די קינדער וועגן דעם, וואָס זיי וואָלטן וועלן זײַן ווען זיי וועלן אויסוואַקסן. אין דרײַ וואָכן אַרום האָט זי זיי געבעטן, ווידער אַ מאָל אויף דער לעקציע פֿון ענגליש, אָנצושרײַבן וועגן זייערע וואָר-חלומות. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע פֿאַרבינדונג צווישן די וואָר-חלומות און זייערע אַמביציעס; די וואָר-חלומות, קען מען זאָגן, שפּיגלען אָפּ די אַמביציעס[71].

זייער וויכטיק אויף צו פֿאַרשטיין די קאָמפּענסאַטאָרישע ווערדע פֿון דער פֿאַנטאַזיר-טעטיקייט, און ממילא ספּעציעל אינסטרוקטיוו פֿאַר אונדזער טעמע פֿון „נאַציאָנאַלע" קאָמפּענסאַציעס, ווײַזט מיר אויס צו זײַן קימינסעס מיטטיילונג וועגן בלינדע און טויבע קינדער[72]; אמת, ער רעדט וועגן חלומות ממש, אָבער אויב עס איז ניט הײַנו הך, איז אַ גזרה שווה מעגן מיר יעדנפֿאַלס אָפּלערנען.

די פּראָבלעם איז געווען, וואָס עס איז דער אינהאַלט פֿון די חלומות בײַ בלינדע און טויבע קינדער אין פֿאַרגלײַך מיט נאָרמאַלע. האָט זיך צווישן אַנדערע אַרויסגעוויזן:

„חלומות, אין וועלכע עס באַגעגענען זיך שמועסן, זײַנען פֿאַראַן בײַ בלינדע קינדער אַן ערך אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע ווי בײַ נאָרמאַלע קינדער; אָבער בײַ טויבע קינדער טרעפֿן זיי זיך אַ סך אָפּטער, די פּראָפּאָרציע איז 13 צו 5."

---

[69] Cf. Chadwick, M. Difficulties in Child Development. London, 1928

צוויי קינדער אין ווילנע, וואָס איך קען, האָבן אויסגעטראַכט אייגענע לענדער. וועגן די דאָזיקע קינדערשע „אוטאָפּיעס" וואָלט מען געדאַרפֿט דערציילן באַריכות.

[70] פֿון אַן אומפֿאַרעפֿנטלעכטער פֿאָרשונג; רעפֿערירט אויף אַ זיצונג פֿון דער אָרטאָפּסיכיאַטרישער אַסאָציאַציע אין אַמעריקע אין 1931. דאָ דערציילט לויט:

Murphy, Experimental Social Psychology. N. Y. 1931, pp. 414, 440.

[71] Henderson, L. Ambitions and Daydreams of Children. In: School and Society, 21 (1925), pp. 95—101.

[72] Kimmins, C. W. Childrens' Dreams. In: Handbook of Child Psychology, Worcester 1931, p. 549

צי דאַרף מען נאָך אַ בולטערן באַווײַז פֿאַר דער פּסיכישער פֿונקציע פֿון אַלע מינים פֿאַנטאַזיר־טעטיקייט?

ווען דער פּעריאָד פֿון קלײנקינדשאַפֿט ענדיקט זיך און דאָס קינד גייט אַריבער אין שולעלטער, אָדער ווען דער דערוואַקסלינג ווערט אַ דערוואַקסענער, רעדוציִרט זיך דער חלק פֿון אויטיסטישן דענקען און דער אַלגעמײנער דענק־אַרבעט ווערט שטאַרק.

זייער שטאַרק, אָבער ניט ביז נול. בשעת מיר קויפֿן אײַן סחורה, טראַכטן מיר רעאַליסטיש, מיר „פֿאַרלאָזן זיך ניט אויף קיין ניסים". נאָר אין ווערטער־שפּילן און אין וויצן בכלל, אין ליטעראַרישע שאַפֿונגען און דאָס גלײַכן האָבן מיר זיך רעזערווירט אַ פֿעלד, ווו דאָס אויטיסטישע דענקען מעג זיך געוועל־טיקן. חלומות בײַ נאַכט און אויף דער וואָר זײַנען דאָך אַוודאי אויך ניט שייך אַהער; און ווען עס איז זייער גוט אָדער זייער ביטער אויפֿן האַרצן, פֿאַרחלומט זיך אויף דער וואָר אַפֿילו דער סאַמע אָנגעבלאָזנסטער, טרוקנסטער רעאַליסט.

און ס'איז אַ גליק, וואָס מיר פֿאַרמאָגן פֿאַנטאַזיע. ווען ניט זי, וואָלט ניט געווען קיין אַנטוויקלונג פֿון קונסט און פֿון וויסנשאַפֿט, אָן איר וואָלט ניט געווען מיסתּמא קיין שום געזעלשאַפֿטלעכער פּראָגרעס.

אָבער פֿאַנטאַזיע איז אַ זאַך, פֿון וועלכער עס קענען אויך וואַקסן גרויסע שוועריקייטן פֿאַרן מענטשן. איך טראַכט דאָס וועגן יענער קאַטעגאָריע וואָס מיר באַצייכענען מיטן נאָמען „פֿאַרטראַכטע" אָדער „איינזאַמע". זיי גייען אָן מיט זייער לעבנס־טעטיקייט, לערנען אין אַ שול אָדער אַרבעטן בײַ אַ פֿאַך, און די וועלט קען גאָרניט האָבן צו זיי. אָבער זיי מיט דער וועלט איז ניט היימלעך. זיי טרוימען אויס פֿאַר זיך אַן אייגענע דמיון־וועלט און רײַסן זיך אָפּ פֿון דער שטוב און פֿון דער סבֿיבֿה. ממילא ווערט אַמאָל דער סבֿיבֿה אויך שווער מיט זיי.

„... אין מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטדעקן פּסיכאָלאָגישע נייגונגען צו באַטראַכטן פֿאַרשיידענע געשעענישן—און כ'האָב אָנגעהויבן צו ווערן איינזאַם. די שטוב איז פֿאַר מיר געווען קאַלט. כ'פֿלעג שווײַגנד עסן די מאָלצײַטן, דער טאַטע פֿלעגט קוקן אויף מיר מיט שווײַגנדער בעטנדיקער בענקשאַפֿט, מיר אָפּטמאָל פֿויגן, הלמאַי אַנדערע קינדער אַזעלכע פֿריילעכע, צוגעלאָזענע, לאַכן, שמועסן אין שטוב, און איך אַזוי פֿרעמד! כ'האָב דאָן כמעט ווי גאָרנישט געענטפֿערט, נאָר פֿלעג שנעל אַרויסגיין פֿון שטוב, אַראָפּגיין אויף אַ זײַטיקן וועג הינטערן שטעטל און קלערן אָן וואָס דער טאַטע האָט פֿריִער גערעדט. אָבער אַנדערש האָב איך נישט געקענט ווערן... "[73]

ס'איז אומעטיק דעם יונגנמאַן, וואָס ער פֿאַרלירט דעם קאָנטאַקט מיט דער פֿאַמיליע; ער פֿאַרזיכערט אַפֿילו, אַז ער האָט „שטענדיק געטראָגן מיט זיך בענקשאַפֿט און טרײַשאַפֿט צו אַלע מײַנע אין שטוב"—אָבער גוט פֿלעגט אים ווערן ווען ער פֿלעגט זיך מתיחד זײַן.

---

73 אויטאָביאָג.־אַפּיע נומ' 288, ז' 12.

אַ מיידלשע אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון צווישן די ייִוואָ-דאָקומענטן ווײַזט אונדז אַ ביסל אַן אַנדער טיפּ איינזאַמען מענטש; די געזעלשאַפֿטלעכע מאָטיווירונג טרעט דאָ אַרויס אין פֿאָדערגרונט, און די שרײַבערין איז געוויס אויפֿריכטיק; אָבער ס׳איז קיין ראַיה ניט, אַז זי אַליין פֿאַרשטייט די מאָטיוון-שפּיל וואָס שפּילט זיך אָפּ אין איר.

„זיי האָבן פֿאַר מיר אויסגעזוכט אַ פֿאַך ... יעדער האָט גענומען רימען פֿאַר מיר די מלאָכה און די גרויסע פֿאַרדינסטן וואָס זי גיט. לאַנגווײַליק איז מיר שוין דאַן געווען ביז גאָר, ווײַל אין שטעטל איז טויט, אַן אמתער בית-עולם, עס איז נישטאָ קיין שום גרופּע, צו וועלכער מען זאָל זיך קענען צוטוליען. האָב איך זיי געפֿאָלגט און בין אַוועק אַרבעטן בײַ ... איך אַרבעט, און עס איז מיר אומעטיק. נאָך דער אַרבעט גיי איך שפּאַצירן אין פֿעלד. איך האָב ליב די ברייטע פֿעלדער, איך האָב ליב, אַז דער ווינט זאָל מיר דורכנעמען אין גאַנצן. קאָמיש קומט עס אויס אונדזערע שטעטלדיקע. טרוימעריין רופֿן זיי מיך. זיי שפּאַסן פֿון מיר, אַמאָל גוט-מוטיק און אַמאָל בײַסיק. זיי ווייסן נישט, אַז איך לעב זיך נישט אויס, אַז עס איז מיר ענג, אַז ווען נישט די פֿרײַע פֿעלדער, וואָלט איך דערשטיקט געוואָרן קלאַפּנדיק די ... און קוקנדיק אויף דער אָרעמקייט אין שטעטל. פֿאַרהוישכטע פּנימער פֿון קרעמער און בעלי-מלאָכות. ווען אײַנעם דריקט צו די אָרעמקייט זייער שטאַרק, טרען זיך אָן אַ פּאָר מיידלעך אין די שבתדיקע קליידער, נעמען אַ גרויסע האַנט-בײַטל און גייען קלײַבן נדבות בײַ די אָרעמע אײַנוווינער פֿאַר זייער נאָך אָרעמערן ברודער. יעדער שטעטלדיקער בחור און יעדער שטעטלדיקע מיידל האָפֿט ווי אויף משיחן אויף אַ סערטיפֿיקאַט קיין פּאַלעסטינע. גלײַכגילטיק זײַנען זיי צו דער אומדערטרעגלעכער לאַגע, אין וועלכער דאָס שטעטל געפֿינט זיך. עס איז נישטאָ מיט וועמען זיך צו פֿאַרשטענדיקן, מיט וועמען צוזאַמען אַרבעטן אויף צו ענדערן די לאַגע". 74

אַנדערע יונגעלײַט — און צופֿעליק ווייסן מיר פֿון אַנדערע אויטאָביאָגראַפֿיעס, אַז אַפֿילו אינעם זעלבן שטעטל זײַנען פֿאַראַן אַזוינע — האָבן זיך ניט מיאש געווען, זיי מיינען, אַז עס איז יאָ פֿאַראַן „מיט וועמען זיך צו פֿאַרשטענדיקן", כּדי „צוזאַמען אַרבעטן אויף צו ענדערן די לאַגע". אָבער אונדזער שרײַבערין באַמערקט זיי ניט, זי איז אַן אויטיסטישער מענטש. אויטיזם מיינט ניט פֿאַרגעסן וועגן סאָציאַלע פּראָבלעמען, אויטיזם מיינט: אַ מאַך טון אויף זיי מיט דער האַנט, ווײַל „עס וועט סײַ ווי ניט העלפֿן", אָדער ווײַל „ס׳איז ניטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש", אָדער... די מאָטיווירונג איז ניט וויכטיק, וויכטיק איז נאָר וואָס מען גייט ניט צום טיש און מען איז זיך מתיחד.

נאָך אַ שאַרפֿערע פֿאָרם פֿון אַ כּמו-געזעלשאַפֿטלעכן אויטיזם געפֿינען מיר בײַ אַ וואַרשעווער בחור. ער גאַרט נאָך אַ שטורעם, אָבער ער אַרבעט ניט פֿאַרן שטורעם, ער בעט בלויז און וואַרט:

74 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 114, ז׳ 5.

„... אָ, איר אָנגעפּרעסטע צופֿרידענע פּרצופֿער! איך וואָלט אײַך געקענט האָבן אײַער גליק, זײַן אַזוי זאַט, אַזוי צופֿרידן ווי איר, ליגן ערגעץ אין אַ פּראַווינצלאָך און אויסהויכן די נשמה אויף אַ בעט פֿול מיט פֿעדערנעס. מיך דישעט אָבער, מיך עקלט אײַער גליק! איר שרעקט זיך פֿאַר מילחמה? און וואָס פֿאַר אַ שאָדן, גלייבט איר, וועט האָבן די וועלט, ווען הונדערט, ווען טויזנט אַזעלכע ווי איר, ווי איך וועלן פֿאַרלירן זייערע לעבנס? איר זאָרגט נישט, זאָגט איר, פֿאַר דער וועלט, איר זאָרגט בלויז פֿאַר זיך? מסכּים מיט אײַך, איך פֿאַרזאָרג אויך נישט די וועלט. אײַך איז אָבער גוט אין דעם לעבן וואָס איר לעבט, מיר איז שלעכט; מיר איז ענג דאָ ווו איך לעב, און פֿאַרמאַכט איז פֿאַר מיר יעדער אַנדערער אָרט לעבן, עס בלײַבט מיר בלויז בעטן און וואַרטן אויף אַ שטורעם — איך וואַרט!“[75]

57. די פּסיכישע פֿונקציע פֿון לייענען

די מאָדערנע קולטור האָט אַרויסגעבראַכט אַ טײַערן מיטל אונטערצוהאַלטן און צו כּפֿלען די פֿאַנטאַזיר-טעטיקייט: דאָס איז דאָס בוך. ס'קען זײַן אַ מיטל צו אַנטלויפֿן פֿון וועלט און לעבן.

פּרץ ברענגט עס אַרויס:[76]

„מיט דער הילף פֿון דער ליטעראַטור ווײַסט זיך דער מענטש פֿון געפֿענגעניש אַרויס: קען דער שוסטער דורכלעבן אַ ריטערלעך אָדער אַריסטאָקראַטיש פּרונק-לעבן גייט דער שוואַכער האַנט אין האַנט מיט אַן אַלכּסנדר מוקדון עראָבערן די וועלט. אָדער זיצט מיט נאַפּאָלעאָן אין סאַנקט העלענע און לעבט נאָך אַ מאָל איבער וואַטערלאָ; ווערט דער אָרעמסטער רײַך ווי ראָטשילד און באַשיט די אָרעמסטע מיט גאָלד; און דער שטילסטער לעבט דורך די שטאַרקסטע לײַדנשאַפֿטלעכע אָרקאַנען. טויזנטפֿאַך און רעגנבויגן-פֿאַרביק ווערט דאָס לעבן...

... און אָפֿט פֿאַרשטייט דער מענטש זײַן אייגן לעבן נישט. עס ליגן אין זײַן טיפֿסטן האַרץ זאָמען פֿון די פֿלאַמענדיקסטע רויזן; ער קען זיי נישט וועקן... און קומט דער דיכטער, — שפּריצט ער טוי אויף די רויזן אין האַרץ און זיי פֿלאַמען אויף און שטראַלן אויסן מענטשנס אויגן אַרויס און דופֿטן... און ער פֿורעמט די צעפֿלאָסענע נעפּל פֿון האַרציקע געפֿילן, און זיי לעבן אויף, און טיף, און שיין, און הויך, און פֿול ווערט דאָס לעבן, ווי פֿון דער זון געבענטשטע טריבן.“

קיין חידוש ניט, וואָס אַזוי פֿיל יונגעלײַט, וואָס עס איז זיי שווער אויפֿן האַרצן און זיי האָבן ניט קיין כּוח צו שטעלן זיך אַנטקעגן די שוועריקייטן, ציִען זיך אײַן אין זיך און געפֿינען אין בוך אַ במקום-לעבן. מענטשן ריידן, טוען, אַמאָל גיבן זיי אַ שטורך און טרעטן אָן אויפֿן פֿוס; מיטן בוך איז אַ מחיה.

---

75 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 235, ז' 105.

76 „געדאַנקען איבער ליטעראַטור“, אַלע ווערק ב' VIII, ווילנע 1922, ז"ז 293—304.

„...מײַן סאַמע בעסטער פֿרײַנד איז אַלע צײַטן איז אַ בוך. מיט אַ בוך איז מיר קײנמאָל ניט לאַנגווײַליק. אין בוך געפֿין איך שטענדיק אַ טרייסט. לייענענדיק פֿאַרגעס איך אין זיך, פֿאַרגעס אָן אַרום. איך לעב זיך אין גאַנצן אַרײַן אין דער וועלט, וועגן וועלכער איך לייען. אָפֿט פֿיל איך אַזאַ מין דאַנקבאַרקייט צו די אַלע שרײַבער וועלכע שאַפֿן אַזוי פֿיל שיינע זאַכן. כ'האָב גאָר אַ באַזונדערן פֿאַרגעניגן איבערלייענענדיק אַ גוטן בוך, דאָס איז אַ באַזונדערער גענוס, וועלכער איז ניט גלײַך צו אַלע אַנדערע...”[77]

פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט יעדער פֿאַל פֿון „שלינגען ביכער” מוז האָבן דווקא אַזאַ פּסיכישן אונטערשלאַק. מען קען לייענען ביכער, כּדי זיך אויסצופֿײַנען:

„...דאָס לייענען ביכער ווערט אַ ספּאָרטזאַך, איך נעם נישט גוט אויף דאָס בוך וואָס כ'לייען. דער ציל איז וואָס שנעלער אויסלייענען 3-4 ביכער אַ וואָך. ס'גייט אַ געיעג; וויפֿל האָסטו געלייענט, פֿרעגט איינער בײַם צווייטן. און אַזוי לייענט מען אָן אַ סדר און אָן אַ ציל, ביז מען ווערט מיד און מען שטייט אָפּ. מיט מיר איז געווען דאָס זעלבע. דער ביבליאָטעקער העלפֿט מיר דערצו. סאָציאָלאָגיע דאָס איז ס'ערשטע וואָס מען שפּײַזט איינס נאָכן צווייטן. מען מוז דאָך זאָרגן וועגן אויס־וואַקסן גוטע סאָציאַליסטן און מען דערגרייכט דערבײַ דאָס צווייטע. די ביבליאָטעק וואָס איז איינגנטלעך דאָס טײַערסטע קולטור־ווינקעלע אין קליינעם שטעטל דערגרייכט אויף אַזאַ אופֿן נישט אין דער מינימאַלער מאָס איר געשטעלטע אויפֿגאַבע. אויף מײַנע פּליִצעס פֿיל איך עס גוט...”[78]

מען קען זיך אויך כאַפּן צו ביכער זוכנדיק דאָרטן אַן ענטפֿער אויף געוויסע פֿראַגעס און ספֿקות, לאָמיר זאָגן סעקסועלע. אין דעם ווײַטערדיקן אויסצוג האָבן מיר אַ קלאָר בילד פֿון דעם אָ דראַנג צו ביכער, הגם עס בלײַבט אַבסאָלוט אומקלאָר, צוליב וואָסערע פּסיכישע טעמים און מיט וואָסערע פּסיכישע כּוחות דער יונגערמאַן האָט גובר געווען זײַן חשק צו דעם סאָרט ליטעראַטור, וועלכן ער שמיצט דאָ מיט אַזאַ בייזקייט:[79]

„אַ געוויסע צײַט בין איך אויך אַרונטערגעפֿאַלן אונטער אָט אָ דער עפּידעמיע. אָנגעהויבן צו לעזן ביכער, ערציילונגען, אין וועלכע דער דיכטער פֿאַרהערלעכט און פֿאַרגעטערט די באַציִונגען צווישן פֿרוי און מאַן, ייִנגל און מיידל. ווי דאָס ייִנגל נאָך פֿאַרשיידענע שווערע קאַמפֿן מיט געגנער באַזיגט דאָס האַרץ פֿון זײַן געליבטער און זי ווערט זײַן פֿרוי, ער באַזיצט איר. דער דיכטער באַזינגט אָט דעם מאָמענט, ווען די צוויי באַשערטע טרעפֿן זיך צונויף און ער געווינט איר פֿאַר אַ פֿרוי.

77 אַ מיידל פֿון לעטלאַנד, אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 205 אין ייִוואָ, זז' 150—511.

78 אויטאָב' נומ' 238, זז' 18—19 (דער שרײַבער איז אַ בחור פֿון אַ קליין שטעטל אין לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפֿט).

79 אויטאָב' נומ' 204 (פֿון אַ בחור פֿון צענטראַל־פּוילן), זז' 22—23.

לייענענדיק אָט די אַלע װערק מיט דעם אינהאַלט בין איך געװאָרן װי אַרײַנגע־צויגן אין אָט דער מיטשפּיל. עס האָט שטאַרק געװירקט אויף מײַן פּסיכאָלאָגיע, און דעמאָלט װערט דער יוגנטלעכער אַרײַנגעפֿירט אין דראַנג נאָך אָט דאָס האַרץ פֿון אַ פּרוי און דאָס געשלעכטלעכע צוזאַמענלעבן. װי סמעדיק עס פֿלעגן װירקן אַזעלכע מין װערק, װי דאָס פֿלעגט צערײַצן די נשמה. איך מוז לײדער מודה זײַן, אַז מיט דעם הילף פֿון אַזעלכע װערק זײַנען טייל יוגנט־חבֿרים מײַנע אַרײַנגעפֿאַלן אין תּהום פֿון אָפּגרונט[!]. סוף כּל סוף האָב איך זיך אָפּגעריסן פֿון אָט דער װירקונג, און מיט עקל פֿלעג איך זיך פֿון איר אָפּשטויסן און געבן צו פֿאַרשטײן מײַנע חבֿרים, װאָס פֿאַר אַ שעדלעכע ראָל עס שפּילן אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אָט די װערק, װאָס זײַער ציל איז נאָר אַראָפּצופֿירן אונדז פֿון קלאַסנװעג, פֿאַרסמען אונדז מיט אַזאַ אָפּיום...״

איז בײַ דער פֿאַרשײדנקייט פֿון פּסיכישער מאָטיװאַציע, װאָס קענען מיר אָפּלערנען אַשטײגער פֿון אַזאַ מין מיטטײלונג װי די װײַטערדיקע?

„...אַז איך האָב געלײענט אַ ביכל אָדער אַ זשורנאַל, האָב איך זיך געמוזט היטן, אַז מײַן פֿאָטער זאָל נישט זען װאָס איך לײען, װײַל מײַן פֿאָטער אױסער אַ „ייִדישן טאָגבלאַט״ האָט ער מיר גאָרנישט ערלױבט צו לײענען. אײנמאָל, װען איך האָב געלײענט איך געװעלב אַ ביכל פֿון י. אָפּאַטאָשו א״נ „די פֿרילישע װעלדער״. איז צופֿעליק מײַן פֿאָטער אַרײַנגעגאַנגען אין געװעלב אַרײַן, און זעענדיק ליגן די 2טע טייל פֿון ביכל װאָס דאָס קאַפּיטל װאָס פֿאַנגט זיך אָן הייסט „דער אַפּיקורס״ מײַן פֿאָטער, זעענדיק דאָס קאַפּיטל פֿון דעם ביכל, האָט ער געװאָלט דאָס ביכל צערײַסן. װען איך זאָג אים נישט, אַז עס װעט אױסגײן צו זײַן קעשענע, װאָלט ער דאָס ביכל געװען צעריסן. איך האָב אים פֿאָרט געמוזט צוזאָגן, אַז איך װעל שוין מער קײן ביכלעך נישט לײענען. פֿון יענעם טאָג אָן האָט מיך מײַן פֿאָטער אָנגעהױבן נאָכצושפּיאָנירן, צי איך לײען יאָ, צי איך לײען נישט. איך האָב געזען, װי מײַן פֿאָטער שפּיאָנירט מיר נאָך, האָב איך זיך אָנגעהױבן צו היטן, אַז מײַן פֿאָטער זאָל נישט באַמערקן װי איך לײען ביכלעך.״[80]

מיר קענען נאָר אָפּלערנען, אַז עס זײַנען נאָך פֿאַראַן בײַ הײַנטיקן טאָג ייִדישע הײַזער, װוּ אַ ייִדיש בעלעטריסטיש בוך איז טרייף־פּסול, װוּ מען מוז אַזאַ בוך לייענען בשתּיקה. דאָס איז אַ װיכטיקער קולטורפֿאַקט; אָבער װעגן דער פֿערזענלעכקייט פֿונעם שרײַבער קענען מיר פֿון דעם טעקסט קײן שום אױספֿיר ניט מאַכן, מחמת אפֿשר זוכט ער די בעלעטריסטיק צוליב אָפּשײדן זיך פֿון דער װעלט, אפֿשר צוליב די עראָטישע עלעמענטן, אפֿשר זיך אױסצופֿײַנען פֿאַר זיך אָדער אַנדערע און אפֿשר איבער עפּעס אַ פֿערטן מאָטיװ. די אַלטע געשיכטע: דער זעלבער קולטור־פֿורעם, לייענען, קען האָבן די פֿאַרשײדנסטע פּסיכישע פֿונקציעס.

---

80 אױטאָב׳ נומ׳ 252 (אַ בחור פֿון אַ שטעטל ניט װײַט פֿון לובלין), זז׳ 56—57.

58. פּסיכאָזן

דאָס האָבן מיר ביז איצט אַלץ גערעדט וועגן נאָרמאַלע, געזונטע מענטשן. פֿאַראַן אָבער אַן אויטיזם וואָס איז בפּירוש אומנאָרמאַל אויך: דאָס איז דער אויטיזם פֿון פּסיכיש קראַנקע.

צי איז פֿאַראַן אַ שאַרפֿער גרענעץ צווישן נאָרמאַל און אומנאָרמאַל? איןווירקלעכן לעבן איז דאָס ניטאָ.[81] צווישן שוואַרץ און ווײַס ליגט אַ צאָל ניואַנסן (שוואַרצלעך, טונקלגרוי, גרוי, העלגרוי, ווײַסלעך אאַז"וו) וואָס שאַפֿן אַן אומבאַמערקלעכן איבערגאַנג. און וויפֿל ניואַנסן גייען דורך פֿון דעם מלמד אין „ווען איך בין ראָטשילד" ביזן משוגענעם בטלן? פֿאַראַן גענוג מענטשן וואָס עס וואָלט געווען אַ משוגעת צו זאָגן אויף זיי, אַז זיי זײַנען פּסיכיש קראַנק; אין בעסטן פֿאַל וועט מען אויף אַזעלכע זאָגן, אַז ער איז אַ פֿאַנטאַזיאָר אָדער אַ „מאָדנער מענטש", אָדער ווי מען זאָגט אין ווילנע: „בײַ אים איז פֿאַרפּוליעט די מאַרך". און אַמאָל קען זײַן, אַז אין זייער סבֿיבֿה (איבערהויפּט ווען ס'איז אַן ענגע סבֿיבֿה פֿון אַ שטעטל אָדער אַ ייִשובֿ), גייען זיי אַראָפּ אין גאַנצן גלאַט. אָבער פֿון דער זײַט גענומען באַדאַרף מען אויף זיי אויך קוקן ווי אויף מענטשן וואָס דאָס אויטיסטישע דענקען האָט איבער זיי די שליטה איבער דער דורכשניטלעכער מאָס. אין וואָס זשע באַשטייען זייערע פֿאַנטאַזיעס? און פֿון וואַנען, אין צוזאַמענהאַנג מיט וואָסערע איבערלעבונגען, האָבן זיי זיך גענומען אַרײַנגעצײַען אין זיך אַליין? עטלעכע אַזעלכע פֿאַלן, באַשריבן ניט כאַפּ־לאַפּ און ניט מיט צופֿוץ, נאָר גרונטיק און געוויסנדיק, וואָלטן היפּש אויסגעברייטערט אונדזער דערקענטעניש.

אין דער טעאָרעטישער פֿאָרמולירונג איז געוויינטלעך פֿאַראַן פֿון נאָרמאַל אויטיסטיש ביז אומנאָרמאַל אויטיסטיש אַ שאַרפֿער חילוק: שוואַרץ איז שוואַרץ און ווײַס איז ווײַס. בלוילער דעפֿינירט דאָס אַזוי:

„דער אויטיזם פֿון אַ נאָרמאַלן וואַכיקן מענטשן איז פֿאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט און אָפּערירט כמעט אויסשליסלעך מיט נאָרמאַל געפֿורעמטע און פֿעסט אײַנגעשטעלטע באַגריפֿן."

בײַ אומנאָרמאַלע, בײַ פּסיכיש קראַנקע איז דאָס אויטיסטישע דענקען פֿאַרכאַפּעריש און אַנעקטירט אַלץ גרעסערע ספֿערעס פֿון דער פּערזענלעכקייט. ס'קען דאָך דערגיין אַזוי ווײַט, אַז אַפֿילו זײַן נערונג און זײַן אויסשיידונג זאָל דער קראַנקער ניט קענען מער רעגולירן לויטן רעאַליסטישן פּרינציפּ.

אָט אין דער דאָזיקער גרויליקער וועלט פֿון פּ ס י כ אָ ז ן מוזן מיר אויך אַרײַנקוקן אין דעם איצטיקן צוזאַמענהאַנג, רײדנדיק וועגן דעם אופֿן, ווי אַזוי דער ייִדישער דערוואַקסלינג רעאַגירט אויף די שוועריקייטן פֿון לעבן.

---

81 זע אויבן זז' 69—71.

מען האָט אַ סך געשריבן וועגן פּסיכישע קראַנקייטן בײַ ייִדן, און ווייסן ווייסן מיר נאָך וועגן דעם גאָרניט. מיר ווייסן נאָך אַפֿילו ניט, צי ס׳איז ריכטיק די מיינונג וואָס עס האָט נאָך 1885 אַרויסגעזאָגט לאָמבראָזאָ אין זײַן „גאונות און משוגעת" און וואָס איז שפּעטער אָפֿט איבערגעחזרט געוואָרן: „...אַ מאָדנער, אָבער אַ פֿעסטגעשטעלטער פֿאַקט, אַז ייִדן ליווערן אַ צאָל גײַסטיקע קראַנקע וואָס איז פּראָפּאָרציאָנעל פֿיר ביז זעקס מאָל גרעסער איידער בײַ זייערע מיטבירגער פֿון אַנדערע גלויבנס."[82]

ספּעציעל וואָלט דאָס געווען וויכטיק צו וויסן וועגן סכיזאָפֿרעניע, ווײַל די אָ קראַנקייט איז דאָך גראָד כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יענע יאָרן, ווען דער יונגער מענטש טרעט אַרײַן אין לעבן און באַווײַזט דאָ, צי ער האָט גובר געווען די שוועריקייטן אָדער די שוועריקייטן האָבן אים גובֿר געווען.

פֿאַר דער כאַראַקטעריסטיק פֿון סכיזאָפֿרעניע — אַ באַגריף וואָס בלוילער האָט אויפֿגעבויט אויף קרעפּעלינס אַמאָליקער קאַטעגאָריע dementia praecox — ברענג איך אַ קורצן אויסצוג פֿון אַ מאָדערנעם פּסיכיאַטער.[83]

„אין צענטער פֿון דער סכיזאָפֿרעזישער פּסיכיק ליגט אַן אייגנאַרטיקער איבערבײַט אינעם באַוווּסטזײַן פֿונעם אייגענעם איך און פֿון דער גאַנצער פּערזענלעכקייט; דער נאָרמאַלער אײַנשטעל צום אַרום ווערט פֿאַרשטערט. וואָס ווײַטער אַלץ מער שליסט זיך אַזאַ מענטש אײַן אין זיך אַליין, ער פֿרעמדט זיך אָפּ פֿון אַלץ וואָס אַרום אים. בײַ אַזאַ מין אויטיזם באַקומט די פּערזענלעכקייט פֿונעם

---

82 אַ פּאָר נײַערע אַרבעטן וועגן דעם ענין:

Goldberg, J. A. and Malzberg, B. Mental Diseases among Jews. In: Psychiatric Quarterly 11 (April 1928), pp. 196–213.

Malzberg, B. The Prevalence of Mental Disease among Jews. In: Mental Hygiene 14 (1930), pp. 926–946.

Malzberg, B. Mental Disease among Jews. In: Mental Hygiene 15 (1931), pp. 766–774.

Matecki, W. i Szpidbaum H. Typy psychofizyczne w świetle własnych badań. In: Rocznik Psychjatryczny 1927, 5.

Becker, R. Choroby psychiczne wśród Żydów w Polsce. In: Warszawskie Czasopismo Lekarskie 8 (1931), Nr. 33—35.

שניאורסאָן, פֿ. נערוועזיטעט און געניאַליטעט בײַ אידען. אין: צוקונפֿט, יאַנואַר 1933, ז׳ 26–33.

ד״ר רפֿאל בעקער וואָס האָט אַ סך געשריבן וועגן דער טעמע האָט אויך פּובליקירט אַ ביבליאָגראַפֿישע איבערשטעלונג פֿון 193 נומערן:

Becker, Dr. Rafael. Bibliographische Übersicht der Literatur aus dem Gebiete: „Geistes-erkrankungen bei den Juden." In: Allgemeine Zeitschrift für Psychiatrie und psychisch-gerichtliche Medizin 98 (1932), Heft 1/4, 241–276.

83 Гиляровский, В. А. Психиатрия. М.–Л. 1935, стр. 285.

קראַנקן אַלץ מער דעם באַטײַט פֿון עפּעס אַליין־באַפֿרידיקנדיקס; דער מענטש געפֿינט אין זיך אַליין אַלץ וואָס ער דאַרף האָבן אויף אויפֿצוהאַלטן אַ געוויסע גלײַכוואָג, ער נייטיקט זיך ניט אין קיין שום סטימולן פֿון דער זײַט. פֿון דרויסן דריקט זיך אויס דער אויטיזם אין אײַנגעשלאָסנקייט, דער קראַנקער פֿרעמדט זיך אָפּ אַלץ מער פֿון דעם אַרום און שטעלט זיך אַפֿילו אַ ביסל אַקטיוו אַנטקעגן אַלע פּרוּוון צו פֿאַרשטערן זײַן אײַנגעשלאָסנקייט און אַרײַנצוטרעטן מיט אים אין אַ קאָנטאַקט. לויט זײַנע אינעווייניקסטע מעכאַניזמען פֿון אַנטוויקלונג שטייט דער אויטיזם אין פֿאַרבינדונג ... קודם־כּל מיט דער קאַרדינאַלער ערשײַנונג וואָס האָט געגעבן איר נאָמען דער גאַנצער קראַנקייט — מיט דער צעשפּאַלטונג פֿון דער פּסיכיק. דאָס דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס די עלעמענטן פֿון פּסיכיק זײַנען צעשאָטן, ניט פֿאַרבונדן אין איין האַרמאָנישער גאַנצהייט... אַפֿילו אַזוינע עלעמענטן פֿון דער פּסיכיק, וואָס קאָנטראַסטירן צווישן זיך, עקסיסטירן פֿאַר זיך, אומאָפּהענגיק איינס פֿון דאָס אַנדערע."

ווי נעמט מען כאָטש עטלעכע דעטאַלירטע קראַנקן־געשיכטעס פֿון ייִדישע סכיזאָפֿרעניקער, וואָס זאָלן ווי געהעריק נישטערן נאָכן ייִדישן עלעמענט?

איך מיין חלילה ניט, אַז מען האָט נאָר געוואָרט אויף מיר און אַז איצטער, ווען איך האָב אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף דער אויפֿגאַבע, וועט מען שוין וויסן וואָס מען האָט צו טון. אַנטקעגן אַזאַ חשד אין איבערפּשטות שפּיר איך זיך געזיכערט. איך האָב דאָך אַליין גענוג אונטערגעשטראָכן, אַז די שוועריקייטן אויפֿן נאַציאָנאַלן באָדן גיסן זיך אויף מיט שוועריקייטן עלטערדיקע און אינדיווידועלע; קען זיך דעריבער מאַכן, אַז דער געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלער באַזוּוּלטקייט זאָל זיך בײַם יוגנטלעכן אויסגיסן אין פֿאַנטאַזיעס וואָס האָבן לויט זייער אינהאַלט קיין ענלעכקייט ניט מיט די אָפּקומענישן פֿון אַ ייִדן צווישן אומפֿרײַנדלעכע ניט־ייִדן. אָבער לויט דער פֿונקציע קען דאָ יאָ זײַן אַ נאָענטע שײַכות, און דעריבער דאַרפֿן די ספּעציאַליסטן פֿריִער עקשנותדיק זוכן אין דער ריכטונג איידער מען וועט קענען זאָגן, צי עס לאָזט זיך ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע צי ניין.[84]

---

84 איך ווייס פֿון אַ גײַסטיק קראַנקן וואָס האָט בײַ זיך אין דמיון געשאַפֿן אין ווילנע שיִער ניט אַן אייגענע ייִדישע מלוכה. ער איז איבערצײַגט, אַז די זעלנער זײַנען ייִדיש מיליטער. אַלע גאַסן האָבן בײַ אים ייִדישע נעמען, אָבער ניט די טראַדיציאָנעלע, נאָר אָפֿיציעלע; ער זאָגט ניט „יאָנגאַס", נאָר דווקא „די גאַס פֿון הייליקן יאָן". ער האָט זיך געמאַכט אייגענע געלט פֿון טעקטור, ווי ס'איז אויפֿגעשריבן „פּרוטה", און אין אַ צײַטונג וואָס ער שרײַבט אַליין גיט ער אין דער אָפּטיילונג „בערזע" דעם קורס פֿון דער פּרוטה; דערבײַ איז כאַראַקטעריסטיש, אַז איר קורס הייבט זיך כּסדר.

אַזאַ פֿאַל, ווען מען זאָל אים גענוי אויספֿאָרשן, וועט זיכער געבן אַלגעמיינע דערקענטעניש אויך.

59. נעוורּאָזן

אַזוי ווי דאָס וואָרט עגאָצענטריש קען האָבן פֿאַרשיידענע קנייטשן, וועל איך קודם־כּל פֿאַרצייכענען, מיט וואָס פֿאַר אַ פּשט איך וויל עס דאָ ניצן פֿון מײַן באַקוועמקייט וועגן. איך ניץ עס שוין ניט מיטן טאָגטעגלעכן טײַטש ווי למשל אויף ז׳ 39. וועגן דעם פּשט פֿון ווערטער דאַרף מען זיך דאָך ניט שפּאַרן, נאָר דורכקומען צווישן זיך.

די פֿאַרהעלטעניש צווישן אויטיסטיש און עגאָצענטריש. איז פֿאַר מיר די זעלבע ווי די פֿאַרהעלטעניש צווישן פּסיכאָז און נעוורּאָז.

דער פּסיכאָטיקער שיידט זיך אָפּ פֿון דער וועלט, לייקנט אָפּ די וועלט און גייט אַוועק אין אַ דמיון־וועלט אַרײַן, ווו ער קען זיך אַמאָל שפּירן גאַנץ גוט. דער נעוורּאָטיקער לײַדט; ער קען ניט גובֿר זײַן די סיטואַציע, ער קען זיך ניט צופּאַסן צו איר — פּרוּווט ער אַרומגיין די סיטואַציע. דאָס גיט זיך אים ניט אײַן אין דער פֿולער מאָס, ווארעם ער האָט נאָך אין גאַנצן דעם קאָנטראָל איבער זײַן באַציִונג צו דער דרויסנדיקער וועלט ניט פֿאַרלוירן; לײַדט ער, ווײַל ער זעט אַליין זײַן אומפֿעיִקייט צו פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ אין דער וועלט וואָס ער אַליין האָט פֿאַר זיך באַשטימט.

איך וועל נעמען פֿרוידס אַ בײַשפּיל כּדי דאָס אַרויסצוברענגען קלערער.[85]

עליזאַבעט האָט ליב איר שוואָגער, דעם מאַן פֿון דער געליבטער שוועסטער. די באַציִונגען האָבן פּשוט דעם כאַראַקטער פֿון אַ פֿרײַנדשאַפֿט, עס קומט ניט צו קיין ברעקל אינטימקייט וואָס זאָל קענען עמעצן שאָקירן. נאָר אָט שטאַרבט די שוועסטער. עליזאַבעט איז גראָד ניטאָ, מען רופֿט זי אַרויס און זי קומט תּיכּף צו פֿאָרן קיין ווין. אין דעם מאָמענט ווען זי שטייט בײַ דער שוועסטערס טויטנבעט אַ צעבראָכענע פֿון דעם קלאַפּ פֿליט איר אַדורך דורכן קאָפּ נאָך אַן אַנדער געדאַנק: איצטער איז ער דאָך פֿרײַ, איצטער קען איך מיט אים חתונה האָבן. עס איז קלאָר, אַז אין איר אומבאַוווּסטזײַן איז שוין אָט די מחשבֿה געווען פֿריִער. דאָס איז אַזאַ שווערע, אַזאַ „זינדיקע" מחשבֿה, אַז לויט איר גאַנצער דערציִונג און סבֿיבֿה, לויט איר באַנעמען פֿליכטן אין לעבן קען זי דאָס ניט איבערטראָגן. זי מוז געפֿינען אַן אויסוועג.

אַ רעאַלער אויסגאַנג פֿון דער סיטואַציע וואָלט געווען, אויב די מיידל וואָלט אַ ביסל פֿריִער אָדער שפּעטער טאַקע חתונה האָבן מיטן שוואָגער. עס טרעפֿן דען ניט אַזוינע פֿאַלן? אָדער עס האָט איר געקאָנט געראָטן צו טרייסטן זיך ווי עס איז אויף אַן אַנדער אופֿן (לאָמיר זאָגן, מיט אַן אַנדער מאַן). נאָר איבער די אָדער יענע טעמים איז דאָס ניט צו שטאַנד געקומען.

---

85 דעם פֿאַל האָט פֿרויד באַריכות באַשריבן אין איינער פֿון זײַנע ערשטע אַרבעטן: Studien über Hysterie (צוזאַמען מיט ברויערן), ווין 1895; וועגן דער פּאַציענטין וואָס ער רופֿט אָן Fräulein Elizabeth von R. דערציילט ער אויף ז׳ 116—160. איבערגעדרוקט אין ערשטן באַנד פֿון זײַנע Gesammelte Schriften.

דער פּסיכאָטישער אויסגאַנג וואָלט געבראַכט צו פאַרלייקענען די דרויסנדיקע וועלט. די קראַנקע וואָלט למשל געקאָנט האַלוצינירן, אַז די שוועסטער לעבט נאָך און רעדט מיט איר; אָדער זי וואָלט זיך געקאָנט אײַנ־שמועסן, אַז זי האָט מיטן שוואָגער חתונה געהאַט.

דער נעוראָטישער אויסגאַנג אָנערקענט די דרויסנדיקע וועלט, די מיידל אַקצעפּטירט בלית־ברירה דאָס פֿאַרלירן די שוועסטער און דעם שוואָגער; נאָר דער ווייטאָג איבער די אָנווערן — אַזוי איז טאַקע געווען אין דעם פֿאַל — איז בײַ איר מגולגל געוואָרן אין פֿיזישע ווייטאָגן. זי האָט באַלד בײַם טויטנבעט „פֿאַרגעסן", ד"ה פֿאַרשטויסן די שווידערלעכע מחשבֿה, נאָר בײַ איר האָבן זיך אַנטוויקלט שטאַרקע ווייטאָגן אין די פֿיס. ערשט נאָך דעם ווי פֿרוידס באַהאַנדלונג האָט אַנטפּלעקט די פֿאַרשטויסענע „זינדיקע" ווילעניש איז די פּאַציענטין געזונט געוואָרן.[86]

ניט אין אַלע פֿאַלן גייט די קראַנקייט אַוועק דווקא אויף דעם וועג וואָס די פּסיכיאַטערס רופֿן אָן Konversionshysterie, conversion hysteria. עס קען אויך זײַן, אַז בײַ אַ מענטשן זאָל זיך אַנטוויקלען אַ מורא פֿאַר אַ געוויסער קאַטע־גאָריע בעלי־חיים (פֿערד, הינט, קעץ), אָדער אַ מורא צו גיין אַליין איבער דער גאַס, אָדער אַ צוואַנג צו גיין איבערן טראָטואַר דווקא אין אַ זיגזאַג־ליניע, אָדער מאַלע וואָס אַנדערש; אַלע סימפּטאָמען, און אַפֿילו אַלע פֿאָרמען פֿון נעוראָז, קענען מיר דאָ ניט אויסרעכענען. אָבער אַלעמאָל זײַנען בײַם נעוראָטיקער פֿאַראַן צוויי עלעמענטן: דער פּחד און דער חשק אויסצומײַדן דעם פּחד.[87]

און ניט נאָר חשק, נאָר אויך אַ געוויסע אַקטיוויטעט. דערין גייט מיר דאָ דער עיקר. אויב אַ מענטש ווערט אײַנגעבראָכן דורך דער משא פֿון לעבן און ער פֿאַלט אַרײַן אין עצבֿות, פֿאַררעכן איך אים צו די אויטיסטן, און די גאָר עקסטע פֿאָרם פֿון אויטיזם, האָבן מיר אײַנגעשטעלט, איז פּסיכאָז. אויב אַ מענטש קען ניט בײַשטיין אַנטקעגן דער סיטואַציע און ער נעמט עפּעס טון וואָס איז ניט צו דער זאַך[88], באַצייכענען מיר אים מיטן נאָמען עגאָצענטריקער; און די עקסטע פֿאָרם פֿון עגאָצענטריזם, פֿאָרמולירן מיר, איז נעוראָז.

---

86 Freud, Sigm. Der Realitätsverlust bei Neurose und Psychose. In: Internationale Zeitschrift für Psychoanalyse X (1924), 4, pp. 374—379.

87 „פּחד" גיין איך צו באַצייכענען פֿרוידס Angst להיפּוך צו Furcht (מורא) און Schreck (שרעק). פֿג"ל פֿרויד, Vorlesungen zur Einführung in die Psychoanalyse, לעקציע 25: „פּחד איז שײַך צום צושטאַנד און קוקט אַוועק פֿונעם אָביעקט, אין דער צײַט וואָס מורא שטעלט אָן איר אויפֿמערק דווקא אויפֿן אָביעקט. שרעק פֿאַרקערט האָט ווײַזט אויס אַ ספּעציעלן טײַטש, אונטער־צושטרײַכן די ווירקונג פֿון אַ סכּנה, בשעת עס איז ניט אָנגעגרייט קיין פּחד אויף זי מקבל פּנים צו זײַן. אַזוי אַז מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז דורך פּחד שיצט זיך דער מענטש פֿון שרעק."

88 אָדער מיט אים קומט עפּעס פֿאָר וואָס האָט ניט צו דער זאַך, ווי אין דעם פֿאַל פֿון עליזאַבעט פֿאָן ר., בײַ וועלכער די פּסיכישע לײַדן זײַנען מגולגל געוואָרן („קאָנווערטירט געוואָרן") אין פֿיזישע יסורים.

וועגן נעוורָאָזן ביי ייִדן האָט מען אויך געשריבן אַ סך, און ווייסן ווייס מען וועגן דעם סוף כּל סוף נאָך אויך גאָרנישט וואָס עס זאָל זיין געגרונטפעסטיקט. איך קאָנפראָנטיר דאָ צוויי זאַצן.

ד״ר רפאל בעקער:

„אָט דער פעסטגעשטעלטער פאַקט פון דער רעלאַטיוו גרעסערער אָפטקייט פון נערוועזע חולאָים ביי ייִדן...״[89]

פראָפ׳ פישל שניאורסאָן:

„אַלע באַהויפּטונגען וועגן דער אָפטקייט פון פונקציאָנעלע שטערונגען... ביי ייִדן זיינען ניט באַזירט אויף אָביעקטיווע סטאַטיסטישע דאַטן, נאָר קומען דורך סוביעקטיווע איינדרוקן און השערות וואָס האָבן [ניט] קיין אָביעקטיוון ווערט.״[90]

באַטאָנען מוז מען, אַז ביי דער גרויסער מערהייט, פאָרשער און סתּם עולם, איז אָנגענומען ד״ר בעקערס מיינונג. ווינציקער ווי אַלץ קען געוויינטלעך אין וויסנשאַפט גילטן דער כּלל פון „אַחרי רבים להטות״, אָבער עס איז כּדאַי זיך צו דערמאָנען, פונוואַנען אַזאַ פאָרשטעלונג איז אַרויסגעוואַקסן.

איין וואָרצל אירער איז דער פאַקט, אַז ייִדן מעלדן זיך מער צו דאָקטוירים און אין שפּיטעלער. דאָס באַווייזט די סטאַטיסטיק פון אַ גאַנצער ריי לענדער.

דער צווייטער וואָרצל, פונוואַנען עס וואַקסט די איבערצייגונג וועגן דער איבערמאָס פון גייסטיקע קראַנקייטן ביי ייִדן, איז אַן אַלגעמיינע חקירה. נאָך פון קראַפט-עבינגס צייטן, ד״ה פון העכער 50 יאָר, גייט אום די סבֿרא, אַז די באַדינגונגען פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, מיט אייזנבאַנען, פּאָסט און טעלעגראַף (וועגן עראָפּלאַנען און ראַדיאָ האָט נאָך קראַפט-עבינג ניט געוווּסט) באַגינציקן ספּעציעל די אַנטוויקלונג פון גייסטיקע קראַנקייטן. און היות ייִדן זיינען דאָך כּמעט דורכויס אַ שטאָטפאָלק, איז אַ סימן, אַז אַזוי. פרעגט זיך אָבער: אויב ייִדן אין די קליינע שטעטלעך זיינען שוין אויף אַזוי פיל אויסגעשטעלט אויף פּסיכישע שעדיקונגען, טאָ וואָס זאָל מען שוין זאָגן אויף די איינוווינער פון גרויס-ניו-יאָרק און די אַרומיקע שטעט, ווו ס׳זיינען אויף אַ לפּי-ערך קליינעם שטח צונויפגעפּרעסט 11 מיליאָן מענטשן? אַן אָנגעזעענער פּסיכיאַטער וואָס אַרבעט אויף יענעם שטח אינפאָרמירט אונדז:

„דאָס וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין די שפּיטעלער פאַר גייסטיק קראַנקע און אין מיין אייגענער פּסיכיאַטרישער פּראַקטיק ברענגט מיך צום געדאַנק, אַז די קאָנצענטראַציע פון דער באַפעלקערונג וואָלט געדאַרפט פירן יעדער איינעם צו אַ צושטאַנד פון משוגעת אָדער גייסטיקער קראַפטלאָזיקייט. אָבער די מערקווירדיקע זאַך איז, וואָס דאָס פּאַסירט ניט. ווען איך קוק אויף מיינע שכנים און אויפן עולם אין דעם דיסטריקט ווו איך אַרבעט זע איך, אַז זיי פּאַסן זיך קענטיק

[89] Becker, R. Die Nervosität bei den Juden. Zürich 1919, p. 9.

[90] שניאורסאָן, פ. ג רוועזיטעט און געניאַליטעט ביי אידען. צוקונפט, יאַנואַר 1933, ז׳ 28.

צו צו דער סאָציאָלאָגישער סיטואַציע אויף אַן אופֿן וואָס איך הייב ניט אָן צו פֿאַרשטיין".[91]

די סבֿרא פֿון קראַפֿט-עבינגס צײַטן, וואָס מען הערט נאָך הײַנט איבער-חזרן, איז געווען אַזאַ: שטאָטלײַט זײַנען צום מערסטן עלול צו באַקומען אַ פּסיכישע קראַנקייט, דאָרפֿסלײַט ווינציקער, פּרימיטיווע שבֿטים זײַנען אין גאַנצן פֿרײַ דערפֿון. הײַנט וועט קיין ערנצטער געלערנטער אַזוינס מער ניט זאָגן. אויב פּויערים היילן זיך ניט בײַ קיין נערוון-דאָקטאָר, הייסט דאָס ניט, אַז צווישן זיי זײַנען ניטאָ קיין פּסיכאָטיקער און נעווראָטיקער. אויב מען לאָזט איבער דעם „איוואַנושקא דוראַטשאָק" אין דער היימישער סבֿיבֿה און מען שלעפּט אים ניט צו דאָקטוירים, קען דאָס אפֿשר הייסן, אַז שטאָטלײַט (און ייִדן בפֿרט) האָבן מער האַלט זיך צו דאָקטערן, אָדער, ווי אַנדערע ווילן האָבן, אַז אין די לעבנס-באַדינגונגען פֿון שטאָט איז טאַקע שווערער צו האַלטן אַזאַ קראַנקע פּערזאָן אין דער היים — אָבער צו דער פֿראַגע וועגן דעם, צו זײַנען פֿ אַ ר אַ ן פּסיכישע קראַנקייטן, האָט דאָס ניט. און וואָס שייך פּרימיטיווע שבֿטים, זאָגן אונדז ערשטקלאַסיקע עטנאָלאָגן, אַז מען ווייס נאָך וועגן דעם גאָרניט. לאָמיר הערן פּראָפֿעסאָר סאַפּירן:

„מיר דוכט, אַז אײַנע פֿון די שרײַענדיקע נויטן אויפֿן גאַנצן פֿעלד פֿון מענטשלעכן אויפֿפֿיר איז אויסצוגעפֿינען, וואָס ניט-צופּאַסונג באַטײַט אין די מער אָפּגעלעגענע קולטורן... ניטאָ קיין אײַן לעבעדיקער מענטש וואָס זאָל האָבן וועגן דעם צו זאָגן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל האָבן אַ רעאַלן ווערט. מיר זײַנען ניט באַהאַוונט אין גײַסטיקע שטערונגען... אין וועלכער עס איז אַנדער ספֿערע חוץ אין אונדזער אייגענער".[92]

הייסט עס א ו י ב בײַ ייִדן זײַנען פֿאַראַן מער גײַסטיק קראַנקע, איז דאָס ניט איבער אונדזער שטאָטישקייט סתּם, נאָר איבער ספּעציעלע פֿאָרמען פֿון אונדזערע שטאָטישע לעבנס-באַדינגונגען אָדער איבער וועלכע עס איז אַנדערע סיבות. פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט מיר קענען דאָ פּסקענען, ווער עס איז גערעכט אין דער פּלוגתּא. עס איז אַ פֿראַגע וואָס פֿאָדערט, נאָך דער גרויסער ליטעראַטור וואָס מען האָט איר אָפּגעגעבן, גאָר אַ נײַ און גאָר אַ גרונטיק שטודיום. און פֿאַר אונדזערע ספּעציעלע צוועקן פֿון פּערזענלעכקייט- און קולטור-קענטעניש מוזן מיר האָבן וואָס וואָס מער „פּסיכאָגראַפֿיעס" פֿון נעווראָטיקער, ניט נאָר קראַנקן-געשיכטעס, ווי מיר געפֿינען זיי אין דער ריין פּסיכיאַטרישער ליטעראַטור.

---

[91] Plant, Dr. James. In: Proceedings. Second Colloquium on Personality Investigation, Nov. 29–30, 1929. Johns Hopkins Press, Baltimore 1930, p. 89.

[92] רעדע אויף דער קאָנפֿערענץ וועגן פּערזענלעכקייט, וואָס איז אָנגערופֿן אין דער פֿריִערדיקער הערה. זע פּראָטאָקאָלן ז' 122—123.

אויף דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ איז אַרויסגעשוווּמען אַ פֿראַגע, צי צווישן די עסקימאָס איז פֿאַראַן מער היסטעריע איידער אין דער ציוויליזירטער אַמעריקע אָדער ניט. קיין ענטפֿער איז ניט געגעבן געוואָרן, אָבער דאָס שטעלן די פֿראַגע גופֿא איז אַ ראיה, ווי ווײַט די מומחים זײַנען שוין אַוועק פֿון דער נאַיִווער רוסאָיִשער אידעאַליזאַציע פֿונעם „נאַטורמענטש".

.60 עגאָצענטרישע רעאַקציעס

פונקט אַזוי ווי מיר האָבן בײַם באַהאַנדלען דעם אויטיזם אָפּגעטײלט די בפירוש אומנאָרמאַלע, די פסיכאָטישע פאַלן פון די נאָרמאַלע, אַזוי וועלן מיר טון איצטער אויך: נאָך דעם ווי מיר האָבן גערעדט וועגן די עקסטע עגאָצענטריקער, די נעוראָטיקער, וועלן מיר זיך פרווון אַרײַנטראַכטן אין אַזוינע פאָרמען פון עגאָצענטריזם, וואָס גייען ניט אַרויס פונעם גדר פון נאָרמאַלקייט.

אפשר איז רעכט, איך זאָל ניט זשאַלעווען דאָס ביסל פלאַץ אויף אַ התנצלות, פאַר וואָס איך ניץ דווקא דעם טערמין עגאָצענטריקער ווי אַן אייבער-באַגריף פאַר נעוראָטיקער. איך גיי דאָ נאָך נאָך די נײַע אידעען וואָס פּיאַזשע האָט אַרײַנגעפירט אין דער פסיכאָלאָגישער ליטעראַטור מיט זײַנע גיך באַרימט געוואָרענע ביכער.[93] אויפן סמך פון זײַנע אָבסערוואַציעס אין אַ זשענעווער קינדער-גאָרטן האָט פּיאַזשע אויסגעפונען, אַז אין בײזשול-עלטער איז פאַראַן בײַ קינדער דאָס וואָס ער רופט אַן עגאָצענטרישע רייד; דער היפוך דערפון איז סאָציאַלע (פּיאַזשע זאָגט: „סאָציאַליזירטע") רייד. בײַם עגאָצענטרישן ריידן טראַכט ניט דאָס קינד וועגן קיין מיטשמועסער, ער איז באַפרידיקט פון ריידן אַליין. לויט פּיאַזשעס פעסטשטעלונגען מאַכן אויס די דאָזיקע עגאָצענטרישע רייד ביז אַ העלפט פון דעם קינדס אַלע אַרויסזאָגונגען.

> „מיר האָבן אָנגערופן דעם קינדערשן געדאַנק עגאָצענטריש, זאָגט פּיאַזשע אין זײַן דערמאָנטן בוך, ווײַל מיר ווילן דערמיט זאָגן, אַז אָט דער געדאַנק בלײַבט אָך אויטיסטיש לויט זײַן סטרוקטור, נאָר אַז זײַנע אינטערעסן זײַנען שוין געווענדט ניט דווקא אויף דער באַפרידיקונג פון די אָרגאַנישע באַדערפענישן אָדער די שפּיל-באַדערפענישן, ווי בײַם ריינעם אויטיזם, נאָר זיי זײַנען שוין געווענדט אויף שכלדיקער צופאַסונג אויך, אויפן שטייגער פונעם דערוואַקסענעמס געדאַנק."

פּיאַזשע, ווי ס'איז אָקאָרשט דערמאָנט געוואָרן, האָט געפונען, אַז דער פּראָצענט עגאָצענטרישע רייד דערגרייכט ביז 50. צי איז דאָס אָבער אַן אַלגע-מיינער כּלל אָדער ס'איז שייך נאָר צו יענע קאָנקרעטע קינדער, וועלכע פּיאַזשע האָט אויסגעפאָרשט אין זײַן זשענעווער קינדער-גאָרטן? אין איין צײַט און אומאָפּהענגיק איינס פונעם אַנדערן זײַנען אַמעריקאַנער און סאָוועטישע פאָרשער געקומען צום באַשלוס, אַז דער פּראָצענט עגאָצענטרישע רייד האָט אַ טענדענץ זיך צו פאַרגרעסערן בשעת דאָס קינד שטייט פאַר אַ האַרבער פּראָבלעם. דאָס קינד רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן, זאָל זײַן מיט אַנדערע ווערטער ווי דערוואַק-סענע טוען דאָס, אָדער ער טראַכט אויף אַ קול (דערוואַקסענע באַנוצן זיך

---

[93] אָנהייבנדיק מיט Piaget, J. Le langage et la pensée chez l'enfant. Neuchâtel-Paris 1923. 318 pp.

דאָס רובֿ אין אַזאַ פֿאַל מיט „ריידן אין זיך"). אויף אַזאַ אופֿן פּרוּווט דאָס קינד געפֿינען אַן אויסוועג פֿון דער סיטואַציע.[94]

הייסט עס בלויז פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿונעם „רעאַליסטישן" דערוואַקסענעם פֿלאַפּלט דאָס קינד סתּם אין דער וועלט אַרײַן; פֿאַרן קינד גופֿא האָט דאָס עגאָצענטרישע ריידן אַ וויכטיקע פּסיכישע פֿונקציע אויך (הגם אַן אַנדער פֿונקציע איידער דאָס סאָציאַלע ריידן).[95]

אָט דעם באַגריף פֿון „עגאָצענטרישע רייד" קען מען פֿאַרברייטערן אויף עגאָצענטרישן דענקען און אויך אויף עגאָצענטרישע טוונגען. אויב מיר האָבן אָנגערופֿן אויטיסטיש יענע טוונגען וואָס זײַנען אין גאַנצן אין אַ זײַט פֿונעם שכל, רופֿן מיר עגאָצענטריש יענע טוונגען וואָס זײַנען אויפֿן דרך פֿון שכל, הגם ניט שכלדיק אינעם רעאַליסטישן זינען. דערבײַ האָבן מיר אויך אין זינען די גרעסערע אַקטיווקייט כּלפּי חוץ פֿונעם נעוראָטיקער לגבי דעם פּסיכאָטיקער.

ווען מיר נעמען דעם עגאָצענטריקער וואָס איז ניט דערגאַנגען ביז אַ נעוראָז, איז דער עלעמענט פֿון אַקטיווקייט אין אים נאָך גרעסער. אָבער עס איז אַ במקום-אַקטיווקייט, געווענדט ניט אויף באַזײַטיקן די אָנגעטראָפֿענע שוועריקייטן, נאָר אויף באַפֿרידיקן זיך מיט עפּעס אַן אַנדער זאַך אָנשטאָט דער גוטיקייט וואָס מען קען ניט דערגרייכן. אויב איינער בענקט נאָך ווײַטע רײַזעס און קען זיך דאָס ניט פֿאַרגינען, וועט ער אפֿשר אויסזוכן אין גאַנץ שטאָט ביכער וועגן רײַזעס, אָדער ער וועט ווערן אַ לײַדנשאַפֿטלעכער גאַסט אין די קינאָען, ווּ מען ווײַזט בילדער פֿונדערווײַטנס, אָדער ער וועט נעמען קלײַבן מאַרקעס פֿון

---

94 Cf. Mc Carthy, D. A. A Comparison of Children's Language in Different Situations and Its Relation to Personality Traits. In: Journal of Genetic Psychology 36 (1929), pp. 583–592.

Vygotski, L. S. and Luria, A. R. The Function and Fate of Egocentric Speech. In: Ninth International Congress of Psychology, Proceedings and Papers. New Haven 1930, pp. 464-465.

95 פֿון פּיאַזשעס בוך קען אויסקומען, אַז דאָס עגאָצענטרישע דענקען איז איינע פֿון די גענעטישע סטאַדיעס וואָס דאָס קינדערשע דענקען גייט אַדורך: אויטיסטיש דענקען—עגאָצענטריש דענקען—רעאַליסטיש דענקען. דערויף האָט בלוילער אין זײַן בוך „Das autistisch-unlogische Denken בערלין 1927, אויפֿגעוויזן, אַז מען קען דאָ ניט ריידן וועגן סטאַדיעס אין צײַטעדיקן זינען: אַפֿילו אַ קינד פֿון זעקס יאָר איז אויך מער צופֿרידן פֿון אַ רעאַלן עפּל איידער פֿון אַ געדוכטן, און אַפֿילו אַ זויגקינד ווערט ניט באַפֿרידיקט פֿון אַ האַלוצינאַציע, ער וויל „אָפּעסן" אויף אַן אמת. וויגאָטסקי, אין זײַן פֿריִער ציטירטן בוך „Мышление и речь, נעמט אין גאַנצן אָן בלוילערס גאַנג און מאַכט דערפֿון נאָך ברייטערע אויספֿירן.

לײדער קענען מיר זיך ניט אַרײַנלאָזן צו ווײַט אין דעם ענין, כאָטש ער איז זייער אינטערעסאַנט אי פֿאַר קינדער-פּסיכאָלאָגיע, אי פֿאַר פּסיכאָלאָגיע סתּם; עס וואָלט אונדז אָוועקגעפֿירט אין אַ זײַט פֿון אונדזער דירעקטן ציל.

װײַטע לענדער. אָדער אײנער װאָס האָט געטרוימט צו זײַן אַ דאָקטאָר און ס'איז אים ניט געראָטן קען זיך אָנשטאָט דעם פֿאַרטיפֿן אין מעדיצינישער ליטעראַטור. אויב אײנער האָט פֿאַרלוירן זײַן געליבטע, װעט ער אפֿשר געפֿינען אַ שטיקל טרייסט אין קוקן אויף דער געליבטערס פּאָרטרעט.

אָבער דאָס זײַנען נאָר אײנפֿאַכע בײַשפּילן, װאָס אין אַזאַ אײנפֿאַכקײט טרעפֿן זײ זײער זעלטן, אויב בכלל. אין דער װירקלעכקײט איז ניטאָ אָט די אײנס־צו־אײנס־שײַכות. אויב ניט אַזאַ טװונג, איז זוכט מען אויס אַן אַנדערע. דער מענטש געפֿינט אָפּט אַ באַפֿרידיקונג אין במקום־טװונגען, װאָס לויט זײער אָנבליק האָבן זײ קײן שום ענלעכקײט ניט מיט דער ניט צו שטאַנד געקומענער טװונג. לאָמיר נעמען אַזאַ מין באַװוּסטע פּאָר פֿון טװונג און במקום־טװונג: אומגליקלעכע ליבע און לירישע פּאָעזיע. ניטאָ דאָך דאָ קײן שום אויסװײניקסטע געגליכנקײט, בלויז אַ פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז װײַזט אונדז די פֿאַרבינדונג. אַמאָל קען אומגליקלעכע ליבע ברענגען צו אַנדערע במקום־טװונגען (זעלבסטמאָרד, אָדער מאָרד, אָדער אַװעקלאָזן זיך װוּהין די אויגן טראָגן, אָדער מאַלע װאָס); און אַמאָל קען אַן אַנדער איבערלעבונג אויך ברענגען צו שרײַבערײַ.

דאָס װײַטערדיקע װײַזט מיר אויס צו זײַן אינסטרוקטיװ:[96]

„...אײן מאָל געדענק איך, אַז כ'האָב געשיקט צום ראָש פֿון די קרײנס חבֿרים, ר'זאָל זיך איבערבעטן מיט מיר. ר'האָט געענטפֿערט, כ'זאָל אויף אים װאַרטן אויפֿן גאַס. איך גײ אַרויס און װאַרט. קומט ער אַרויס און שטעקט מיר אַרויס דעם צונג און אַנטלויפֿט. איך בין שטאַרק פֿאַרשעמט געװאָרן און מיט אַ צעקאָכט האַרץ אַהײם געגאַנגען. די חרפּה האָט מיר געשטיקט אין האַלדז ביז טרערן, כ'האָב געזוכט אַ װעג, װי אַזױ אױסברעכן מײַן פֿאַרביטערונג. װי פֿון זיך אַלײן האָב איך אַ כאַפּ געטאָן מײַן פּען און אױפֿגעשריבן אױף לשון־קודש עטלעכע שאַרפֿע צײַלן, געװענדט אױף דעם גײַציקן חבֿר, װעלכע האָבן געלױטעט: אַל נאָ תתרהבֿ ככה! נמנים הם ששומעים בדבֿריך! ימים יבֿואו ונהפּכת לאיש קטן. ולא תתרהבֿ עוד בראש בלב ובבֿטן וכו'.

אין פֿרײַער איבערזעצונג: האַלט זיך נאָר נישט גרױס אַזױ! די װאָס הערן דיר, פֿאַרשלאָפֿן זײַנען זײ. ס'װעט קומען אַ צײַט, װעסט זיך האַלטן קלײן, מיטן קאָפּ, האַרץ און בױך זיך נישט גרײסן... אאַז"װ.

װי איך האָב עס אָנגעשריבן, איז מיר פּלוצים לײַכטער געװאָרן אױפֿן האַרץ, די שװערע געדריקטע שטימונג איז אַװעק. אױף איר אָרט האָט מיר באַהערשט אַ שטורמישע פֿרײד, דען כ'בין דעם אמת געזאָגט געװען אַנטציקט פֿון זיך אַלײן, פֿון די אָנגעשריבענע העברעיִשע פֿערזן. דען איך פֿלעג אַרומגײן מיט אַ שטאַרקער קינאה אױף די שרײַבער און מחבֿרים פֿון ספֿרים. איך פֿלעג טראַכטן, אַז זײ זײַנען טאַקע אַנדערש געבױרט װי יעדער מענטש, כ'האָב נאָך ניט זוכה

[96] פֿון דער אױטאָביאָגראַפֿיע פֿון אַ בחור פֿון װאָלין, נומ' 206 אין דער זאַמלונג פֿון ייִװאָ, ז"ז' 6—7.

געוועזן צו זײַן אַ מחבר. אַז מײַן טאַטע האָט מיר געקויפֿט „הדבור העברי" חלק שני, פֿלעג איך בײַ יעדער לידל שטיין פֿאַרקלערט: געוואַלד, ווי נעמט זיך אַזאַ קאָפּ אויסטראַכטן אַזאַ פֿערזן אַ ליד. און זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גרויסן קאָפּ מיט שטאַרק ליכטיקע אויגן און לאַנגע האָר, אַזוי ווי די העראָישע געשטאַלטן פֿון אַבֿרהם אָבֿינו און משה רבינו בײַ אונדז אויף דעם „מיזרח". איך האָב געקוקט אויף די עטלעכע פֿערזן, און אַ מעכטיקע האָפֿענונג האָט געשפּראָצט אין מײַן האַרץ: אפֿשר וועל איך זוכה זײַן צו קענען זײַן אַ מחבר? אויף גיך האָב איך עס באַהאַלטן אויפֿן בוידעם. קיינעם ניט דערציילט. נאָר שטיל אין זיך געקוואָלן מיט אַ ציטעריק געבעט. אָ ג—ט! פֿאַרמײַד נישט פֿון מיר דײַן ליכט. העלף מיר קומען צו דעם."

פֿון אַ קלייניקייט האָט זיך דאָ געעפֿנט אַ קוואַל חשק צו שרײַבערײַ; ווען עס זאָל נאָך זײַן צו דעם טאַלענט (איך בין ניט אויסן ערשט צו אַנאַליזירן, צי דאָס איז דאָ צי ניין) און אַנדערע גינציקע אומשטאַנדן, קען אַ מענטש פֿון אַזאַ שטאַרקן אימפּולס בלײַבן אַ שרײַבער.

אָבער שרײַבערײַ,[97] און קונסט בכלל, זײַנען ניט די איינציקע פֿאָרמען פֿון במקום-טעטיקייט. עטלעכע אַנדערע: קלײַבן מאַרקעס, לויפֿן איבער די קינאָען און ענלעכס האָבן מיר שוין דערמאָנט. נאָך וואָלטן מיר געקענט אָנרופֿן: פֿאָטאָגראַפֿירן, האָדעווען בלומען, פּוצן זיך, יאָגן זיך נאָך טויבן און יעטווידער אַנדער בולטע ליבהאָבערײַ, וואָס בײַ זײַטיקע מענטשן זעט זי שוין אויס ווי אַ מאַנקאָליע.

אין אַ געוויסן זינען וואָלט מען אַפֿילו געמעגט איטלעכע טעטיקייט אָנרופֿן במקום-טעטיקייט—אַחוץ יענע אַקטן וואָס זײַנען געווענדט דירעקט אויף צו באַפֿרידיקן די עלעמענטאַרע באַדערפֿעניש פֿון עסן, שלאָפֿן אאַז"וו—וואָרעם זעלטן ווען איז דאָך אַ מענטש ביכולת אָפּצוהאַלטן אַ ניצחון אין אַ פּסיכישן קאָנפֿליקט מיט דער הילף פֿון אַ פֿראָנטאַלן אַטאַק.[98] אָבער מיר האָבן דאָ אונטערן קעפּל „עגאָצענטרישע רעאַקציעס" צונויפֿגענומען נאָר יענע טוּונגען וואָס מײַדן אויס צוזאַמענשטויסן מיט דער סיטואַציע. מיר האָבן דאָ מער ניט ווי סקיצירט די דאָזיקע רעאַקציעס, אָבער פֿאַרן אָנהייב מוזן מיר זיך ניט ווילנדיק באַנוגענען דערמיט.

איצטער קומען מיר צו צו די לעצטע צוויי מינים רעאַקציעס. מיר האָבן פֿריִער דעפֿינירט דעם אונטערשייד אַזוי, אַז בײַ דער אינדיווידואַליסטישער רעאַקציע פּאַסט זיך דער יחיד צו צו דער סיטואַציע, בײַ דער געזעלשאַפֿטלעכער זוכט ער זי גובֿר צו זײַן. אַנדערש וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז בײַם אינדיווידואַליסטישן ענטפֿער זוכט דער יחיד איבערצואַרבעטן זיך, בײַם געזעלשאַפֿטלעכן ענטפֿער זוכט ער איבערצואַרבעטן די סבֿיבֿה.

---

97 אַרײַנגערעכנט דאָס שרײַבן אַ טאָגבוך.

98 זע אויבן קאַפּ' 30.

61. אינדיווידואַליסטישע רעאַקציעס

דער אינדיווידואַליסט, אַזוי ווי מיר באַשרײַבן אים דאָ, זונדערט זיך ניט אָפּ פֿון מענטשן און קלײַבט זיך אויך ניט צו קיין במקום-טעטיקייטן, נאָר ער גייט אַרײַן אין לעבן און טוט וואָס עס לאָזט זיך.

אין דער גרופּע נעם איך צונויף די אַלע רעאַקציעס, ווו מענטשן פֿאַרלאָזן זיך אויף די אייגענע כּוחות, כּדי זיך צו שאַפֿן אַ פּאָזיציע אין לעבן. אַנטקעגן זיי שטעל איך אַוועק יענע וואָס שטרעבן צו פֿאַרגרינגערן דאָס לעבן דורך **געזעלשאַפֿטלעכע** מיטלען.

לאָמיר פּרוּוון נעמען איין סיטואַציע, לאָמיר זאָגן די אָפּקומענישן פֿון אַ ייִדישן תּלמיד ערבֿ מאַטורע אין אַ ניט־ייִדישער גימנאַזיע, און סכעמאַטיש צונויפֿשטעלן די פֿאַרשיידענע רעאַקציעס לויט אונדזער קלאַסיפֿיקאַציע.

אויטיסטיש: דער תּלמיד ווערט אַ בעל־חלומות, ער פֿאַלט אַרײַן אין מרה־שחורה.

עגאָצענטריש: ער ווערט אַ פֿאַנאַטישער מאַרקעס־קלײַבער, אָדער פֿוטבאָל־שפּילער, אָדער קינאָ־באַזוכער.

אינדיווידואַליסטיש: ער וואַרפֿט אַוועק די גימנאַזיע און נעמט אַרבעטן בײַם טאַטן אין קראָם; אָדער ער פֿאָרט אַוועק קיין פֿראַנקרײַך און פֿאַר־דינגט זיך אין פֿרעמדן־לעגיאָן; אָדער דווקא פֿון דער שוועריקייט אַרויס שטרענגט ער אָן אַלע כּוחות און ווערט דער בעסטער שילער אין קלאַס.

געזעלשאַפֿטלעך: ער שטייט צו צו אַ באַוועגונג וואָס שטרעבט צו בײַטן די אָרדענונג, בײַ וועלכער אַזעלכע סיטואַציעס פֿון אַנטיסעמיטישע אָפּקו־מענישן זײַנען מיגלעך.

אין דער ווירקלעכקייט לאָזט זיך דער מאָטיוו מיטן פּועל־יוצא פֿאַרשטייט זיך ניט אַרויסשיילן אַזוי ריין; נאָר פֿון אָריענטירונג וועגן איז אַזאַ סכעמע נוציק.

די אַלע וועלכע מיר רופֿן שטרעבער, קאַריעריסטן, וואָס מיר זאָגן אויף זיי, אַז זיי לאָזן אין גאַנג די עלנבויגנס, אַז זיי זײַנען ניט קיין איבערקלײַבער אין מיטלען, פּאַסן זיך אַרײַן אין אָט דער „אינדיווידואַליסטישער" קאַטעגאָריע. זייער באַציִונג צו געזעלשאַפֿטלעכקייט איז ניט אַלעמאָל די זעלבע. פֿאַראַן אַזוינע וואָס זײַנען צו קיין כּלל־אַרבעט קיינמאָל ניט צוגעקומען. ניכטערע גייען זיי אַרויס פֿון שולעלטער און נעמען זיך צו עפּעס אַ פֿאַך, זיי טראַכטן נאָר וועגן ענדיקן די לער אָדער דאָס שטודיום און צוקומען צו אַ תּכלית. געזעלשאַפֿטלעכקייט „אינטערעסירט זיי ניט", אַזוי זאָגן זיי; אונטער דעם דאָזיקן ניט־אינטערעס קען שטעקן אי מורא פֿאַר אַ גרויסער חבֿרותא, אי אומגלויבן אין די אייגענע כּוחות, אי אינטעלעקטועלע באַגרענעצטקייט, אי אַ סך אַנדערע זאַכן וואָס לאָזן זיך פֿעסטשטעלן, אויב בכלל, איז נאָר אין יעדן קאָנקרעטן פֿאַל. אַזאַ בחור וואָס האַלט אין ענדיקן מעדיצין ווייס, אַז אַ געענדיקטער דאָקטאָר קען נעמען כּך־וכּך נדן, וועט ער זיך ממילא ניט לאָזן פֿאַרדרייען דעם קאָפּ פֿון אַן אָרעמער מיידל,

ווען זי זאָל אים אַפֿילו געפֿעלן. ער וועט בעסער בלײַבן אין שטוב, ווען עס גרייט זיך אַ דעמאָנסטראַציע אין אוניווערסיטעט צי אין גאַס, ווײַל ער האָט „פֿײַנט זיך צו רוקן".

פֿאַראַן אָבער אויך אַן אַנדער קאַטעגאָריע אינדיווידואַליסטן: דאָס זײַנען יענע וואָס האָבן אויסגעפּרוווט און זיך אַנטוישט. בײַ הײַנטיקע פֿאַרהעלטעניש, ווען גאַנץ יונגע קינדער ווערן אַרײַנגעצויגן אין געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען, איז קיין חידוש ניט צו באַגעגענען מענטשן, וואָס צו 20 יאָר זײַנען זיי שוין אויסגעוועזן אין די פּאַרטייען און באַרימען זיך שוין, אַז זיי האָבן אַלע אידעאַלן הינטער זיך. דאָס מיינט ניט דווקא, אַז זיי ווערן ציניקער, הגם דער מין פֿעלט אויך ניט; עס קען זײַן, אַז זיי האָבן זיך פּשוט מיאש געווען אין אַ געזעלשאַפֿטלעכן וועג פֿון פֿאַרריכטן די וועלט און האָבן גענומען האַלטן פֿונעם כּלל: „אם אין אני לי, מי לי".

אַט שרײַבט אַ יונגערמאַן וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ארץ־ישראל מיט אידעאַלן און הײַנט קוקט ער אויף דער וועלט מיט ניכטערע אויגן פֿון אַ „רעאַליסט"[99]:

„... צי בין איך דאָ אין א״י צופֿרידן? דאָס איז די באַנאַלע פֿראַגע וואָס פֿיל חברים פֿון חוץ־לאָרץ פֿרעגן מיר אָן אין בריוו צו מיר. שווער איז אָבער צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע. איך מײַד עס אין גאַנצן אויס וועגן דעם צו שרײַבן. איך לעב דאָ אַ פּשוט האָרעפּאַשנעס סטאַביליעס לעבן. אין די פֿרימאָרגן־שעהן, ווען גראָער טאָג רײַסט זיך אַפֿיר פֿון די ברעגן אין תּל־אָביב, ערוואַכסטו און פֿאָרסט זיך רויִק און קאַלט אַרויס צו דער אַרבעט. די 8 שעה גייען איבער אַמאָל שווערלעכער, אַמאָל לײַכטער. און ווידער איז פֿול מודעות אויף די ווענט. מ׳רופֿט דעם עולם פֿון אַלע זײַטן, די גאַסן זײַנען טומלדיק, ווימלדיק, אָבער אויך פּוסט און אינהאַלטסלאָז..." —

איך רעכן, אַז דאָ איז דער געהעריקער פּלאַץ צו באַטראַכטן, וואָס עס איז דער מער מיט די ספּעציפֿישע ייִדישע פֿעיִקייטן.

קיין פֿולע אײַנשטימיקייט איז וועגן דעם פּונקט אויך ניטאָ, אַזוי ווי וועגן דעם ייִדישן חלק אין גײַסטיקע קראַנקייטן, הגם וועגן דעם דאָזיקן עניין גייען שוין אויך וויכוחים אין משך פֿון צענדליגער יאָרן.[100] ס׳וואָלט געווען אַ וויכטיקע פֿאָרשערישע אויפֿגאַבע אַדורכצואַרבעטן די ביזאיצטיקע ליטעראַטור און צו קומען צו אַ באַשלוס, וואָסערע מעטאָדן וואָלטן דאָ צום בעסטן געקענט פֿירן צו אַ ציל.[101]

---

99 אויטאָב׳ נומ׳ 288, זז׳ 29 — 30.

100 פֿאַר טייל פֿון די וואָס האַלטן יאָ, אַז אַ דורכשניטלעכער ייִד איז אינטעליגענטער איידער אַ דורכשניטלעכער גוי, זײַנען די גײַסטיקע קראַנקייטן טאַקע אַ מין סיטרא־אַחרא פֿון דער ייִדישער אינטעליגענטקייט — אַזוי צו זאָגן דער פּרײַז וואָס ייִדן באַצאָלן פֿאַר זייער איבערפֿעיִקייט.

101 איך גיב צום סוף פֿון בוך (ז׳ 300 א״וו) אַ ביבליאָגראַפֿישע רשימה, געוויס ווײַט ניט קיין אויסשעפּיקע, פֿון בראָשורן און אַרטיקלען וועגן ייִדישער אינטעליגענטקייט. אפֿשר וועט דאָס צוגיין קומען עמעצן וואָס וועט זיך נעמען צו אַ פֿולדיקער אַרבעט אויף דער טעמע.

לויט דעם ווי די ידיעות אונדזערע שטייען הײַנט, טעזיס קעגן טעזיס, וואָלטן מיר דאָ אויך געקאָנט ציטירן מיינונגען, (געוווּנענע אויפֿן סמך פֿון פֿאָרשונגען, ניט סתּם אין דער וועלט אַרײַן!) וואָס גייען זיך פֿונאַנדער אויף 180 גראַד. רופּין (נומ׳ 1 אין אונדזער ביבליאָגראַפֿיע) און יאַקסאַ־ביקאָווסקי (נומ׳ 22) קאָנסטאַטירן אַ הינטערשטעליקייט פֿון די יידישע תּלמידים אין אַלגעמיינע שולן. דאָס רובֿ אויספֿאָרשער, איבערהויפּט פֿון אַמעריקע און ענגלאַנד, קומען צום באַשלוס, אַז יידישע קינדער שטייען בפּירוש העכער פֿון זייערע ניטיידישע קאָלעגן, זיי האַלטן נאָר פֿאַר נייטיק אויסצוגעפֿינען, „פֿון וואַנען עס נעמט זיך, וואָס יידן זײַנען אויף אַזוי פֿיל אינטעליגענטער פֿון די ניטיידן" (יוז, נומ׳ 13 אין דער רשימה). טייל רעכענען (למשל ראָזענטאַל, נומ׳ 19), אַז ס'איז ניט קיין איבערפֿעיִקייט, נאָר פּשוט יידישע קינדער ווערן גיכער צײַטיק, פֿיזיש און פּסיכיש. אַנדערע זאָגן, אַז דאָ ווירקט דאָס, וואָס דורות יידן האָבן געשאַרפֿט דעם מוח אויף דער גמרא.

נאָך אַנדערע ווײַזן אָן, אַז די ספּעציעלע סיטואַציע פֿון יידן בכלל (און ממילא אויך די סיטואַציע פֿון יידישע קינדער אין ניטיידישע שולן) ברענגט זיי דערצו, אַז זיי מוזן כּסדר האַלטן געשפּאַנט זייערע גײַסטיקע קרעפֿטן.[102] צי דאָס אַליין וואָלט געווען גענוג אָדער ניט, אָבער איינע פֿון די סיבות איז דאָס מיסתּמא. און דערפֿון נעמט זיך אפֿשר דאָס וואָס אָבסערוואַטאָרן זאָגן צײַטנווײַז — הגם קיין באַווײַזן קיין וויסנשאַפֿטלעכע האָט דערויף קיינער קיינמאָל ניט געבראַכט — אַז אויסצייכענען צייכענען זיך יידן אויס נאָר אין אַ ניט־יידישער סבֿיבֿה; אין אַ יידישער סבֿיבֿה, האַלטן זיי – און אַזוי אויך אין אַ ריין יידישער שול – איז דער דורכשניט בשום־אופֿן ניט קיין העכערער ווי בײַ ניטיידן אויף דער זעלבער מדרגה. דערויף וואָלט אויך כּדאַי געווען צו טון דורך אַ קוק אַ פֿאָרשערישן שפּאַקטיוו.[103]

די יידישע אינדיווידואַליסטישע רעאַקציע לאָזט זיך אָפּט פֿאָרמולירן אינעם זאָץ: „איך וועל זיי דווקא ווײַזן!" חבֿרה אין קלאַס ווילן ניט זיצן מיט מיר, די לערער אין קנעפּלעך טשעפּען זיך צו מיר—וועל איך זיך דווקא לערנען בעסער פֿון אַלעמען. אָן פֿינפֿן נעמט מען ניט אָן אין אוניווערסיטעט — וועל איך דווקא קריגן פֿינפֿן זיי אויף צו להכעיס. און דאָס אייגענע שפּעטער אין האַנדל און אין מלאָכה: זיי מײַנען מיך אויסצוהאָבן מיט שטײַערן און מיט קאָאָפּעראַטיוון – וועל איך זיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט און וועל זיך ניט לאָזן.

מען דאַרף מיך ניט פֿאַרשטיין אַזוי, אַז דער אָדער יענער „אינדיווידואַליסט" פֿון צווישן אונדזערע באַקאַנטע האָט אַרויסגעבראַכט אַזאַ פֿאָרמולירונג ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַ באַוווּסטזיניקער באַטראַכטונג; איך מיין נאָר, אַז דאָס איז די גרונטסכעמע פֿון זייער טון.

---

102 פֿאַרגלײַך אויבן זז׳ 202.

103 איידער זאָגן צוזאַמען מיט יוזן, אַז לויט די פֿאָרשונגען זײַנען יידן אינטעליגענטער, וועט זײַן אָפּגעהיטער צו פֿאָרמולירן דאָס אַזוי, אַז בײַ יידן איז דער אינטעליגענץ־וויפֿלער דורכשניטלעך העכער. עפּעס אַ ספּעציעלע פֿונקציע איז בײַ יידן אַנדערש. וואָס איז דאָס: פֿלינקייט? אַבסטראַהיר־פֿעיִקייט? דאָ קען מען אפֿשר צוקומען מיט די מעטאָדן פֿון עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע.

אַזאַ תּשובֿה אויף די שוועריקייטן איז דוכט זיך מיגלעך נאָר יעמאָלט, אויב ביַים דערוואַקסלינג האָט זיך איַינגעפֿונדעוועט דער געפֿיל, אַז אין גרונט זיַינען ייִדן לכל־הפּחות ניט ערגער איידער ניט־ייִדן; טאָמער איז ער באַהערשט פֿונעם אַתּה־בחרתּנו־געפֿיל, קען ער אין זיַינע פּראַקטישע טווּנגען נאָך גיכער נוטה זיַין צו „רעאַליזם” אָן געזעלשאַפֿטלעכע אילוזיעס. אָפֿט טרעפֿט אָבער, און אין די באַדינגונגען פֿון דער פֿרעמדער שול קען זיך דאָס דוכט זיך אַנטוויקלען אָפֿטער, אַז דער גלויבן אין דער גליַיכווערטיקייט פֿון ייִדן ווערט צעטרייסלט ביַי די ייִדישע קינדער גופֿא.

איינער פֿון צווישן די שריַיבער פֿון די ייִוואָ־אויטאָביאָגראַפֿיעס גיט איבער וועגן זיך:

„...איך האָב זיך געוואַקלט און זיך געוואָרפֿן פֿון שאָוויניסטישן ייִדישן משיחיזם ביז דער עקסטער פֿאַראַכטונג צו ייִדן ווי צו דער פֿאַרקערפּערונג פֿון אַל דאָס שלעכטס, פֿון מיִאוסקייט, אומפֿעיִקייט, עגאָיִזם אאַז״וו.”[104]

און עס קען זיך מאַכן, אַז די באַציִונג פֿון „עקסטער פֿאַראַכטונג צו ייִדן” בליַיבט שוין איבער, ווי אַ רעזולטאַט פֿון די ערשטע באַגעגענישן, ביַים דערוואַקסענעם אויך. איך ברענג דאָ, ווי זי שטייט און גייט, אַן אַרויסזאָגונג פֿון אַ וואַרשעווער סטודענטין:[105]

„...דעם פֿאָטערס געשעפֿטן זיַינען געווען פֿאַרבונדן מיט געשעפֿטן פֿון ניט־ייִדן. איך האָב באַמערקט, אַז ייִדן באַציִען זיך צו ניט־ייִדן מיט אומצוטרוי, און זיי ווידער צו אונדז מיט איראָניע, זיי לאַכן אויס דעם שטייגער ריידן און די געווינטשאַפֿטן פֿון ייִדן. איך מוז זיי אָנערקענען געוויסע מעלות. להיפּוך צו ייִדן זיַינען זיי געווען זייער גוט דערצויגן. דער ערגסטער כאָם איז געווען העפֿלעכער איידער אַ דורכשניטלעכער ייִד.

זיי פֿלעגן לאַכן פֿון ייִדן, פֿון דער ייִדישער קאַפּאָטע און די פּאות. איך האָב געהאַלטן, אַז אויב דער ייִד וואָלט געווען זויבערער אָנגעטאָן און וואָלט זיך ניט געדרוקט פּאַזע די ווענט, וואָלטן מיר ניט געווען קיין אָביעקט פֿון חוזק ביַי העפֿלעכע און פֿריַינדלעכע מענטשן.

דאָס פֿעלן פֿון דערציִונג און טאַקט איז אַ חסרון ניט נאָר פֿון אונדזערע עלטערן. ווי מיִאוס איז די אויפֿפֿירונג פֿון דער קולטורעלער יוגנט אין אוניווערסיטעט. איך האָב גערעדט מיט אַ קריסט אַ קאָמוניסט, וואָס אים איז די פֿראַגע פֿון ראַסע אוודאי גליַיכגילטיק; ער האָט מיר אָפֿן מודה געווען, אַז ער טראָגט ניט איבער קיין ייִדן. „עס איז גענוג, האָט ער געזאָגט, אַ קוק צו טון אויף די ייִדישע מיידלעך וואָס שטופּן זיך אין דער אוידיטאָריע, כּדי פֿיַינט צו קריִגן ייִדן”. איך האַלט, אַז ער איז אין גאַנצן גערעכט. דאָס אייגענע איז געווען אין שול. ווי עס פֿלעגט זיך נאָר אויפֿקליַיבן ייִדישע און ניט־ייִדישע יוגנט, פֿלעגט זיך וואַרפֿן אין די אויגן אונדזער שריַיִקייט און דאָס פֿעלן פֿון דערציִונג. אין דער אָרגאַניזאַציע

104 אויטאָב׳ נומ׳ 237 (אַ בחור), ז׳ 267.
105 אויטאָב׳ נומ׳ 201, זז׳ 31—32.

איז ניט געווען קיין דיסציפּלין. אויף דער נאַרישער עקשנות פֿון אַ מיטגליד האָט מען געקוקט ווי אויף אַ זשעסט פֿון אַ פֿרײַען מענטשן, און מסכּים זײַן, האָט מען געהאַלטן, איז אַן איבערבלײַב פֿון דער אַלטיִדישער פֿאַרשקלאַפֿונג און נאָכגיביקייט."

ווען די מחברטע וואָלט געזאָגט: זייער פֿיל ייִדן זײַנען אומקולטורעל, אָדער אַפֿילו: דאָס רובֿ ייִדן זײַנען אומקולטורעל, וואָלט מען געקענט משער זײַן, אַז זי ווייסט זיך ווי עס איז אַן עצה געבן מיט די געפֿילן וואָס שטיקן זי. אָבער ווען זי זאָגט, אַז "דער ערגסטער כאַם איז געווען העפֿלעכער איידער דער דורכשניטלעכער ייִד", אָדער ווען זי ברענגט מיט צושטימונג די ווערטער פֿונעם קאָמוניסט, "וואָס אים איז די פֿראַגע פֿון ראַסע אַוודאי גלײַכגילטיק", זעען מיר, אַז דאָ איז געשען עפּעס אַנדערש: די מיידל האָט פּשוט איבערגענומען די אַנטיסעמיטישע מאָס. עס האָט זיך אין איר אײַנגעגעסטיקט דער שטעכיקער געפֿיל, אַז יענע, די שטאַרקערע, זײַנען טאַקע די בעסערע. פֿון אַזאַ מין "מצדיק זײַן דעם דין" קען שוין ניט אַרויסשפּראָצן קיין אינדיווידואַליסטישע פֿאַרענטפֿערונג פֿון די לעבנס-פּראָבלעמען, און קיין געזעלשאַפֿטלעכע מיסתּמא אויך ניט; פֿונדאַנען, ווײַזט מיר אויס, פֿירט דער וועג צו עגאָצענטריזם אָדער אויטיזם.

אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג צווישן די אינדיווידואַליסטישע רעאַקציעס וואָלט געפֿאָדערט די געזעץ-ברעכונג צווישן דער ייִדישער יוגנט. על-פּי לאָגיק איז פֿאַרשטייט זיך ניטאָ קיין באַרעכטיקונג, אַז צוליב דער שווערער לאַגע פֿון ייִדן זאָל אַ ייִדישער בר-מיצווה-בחור נעמען צײַען זייגערלעך פֿון קעשענע בײַ "גויים", ווער רעדט נאָך בײַ ייִדן. אָבער בײַ דער אויפֿגעקנוילטקייט פֿון מאָטיווירונגען אין דעם רעאַלן מענטשן קען דווקא יאָ געמאָלט זײַן, אַז די שוועריקייטן וואָס נעמען זיך פֿון זײַן ייִדישקייט זאָלן אַרויסברענגען אַ יונגנמאַן פֿון זײַן פּסיכישער גלײַכוואָג און אים ברענגען אין קאָנפֿליקט מיטן געזעץ. אין אַ קרימינעלער סבֿיבֿה ווידער, ווו גראָד דער "פֿרײַער" איז דער יוצא-מן-הכּלל, איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, אַז אויך דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנטלעכער זאָל אַרײַנגיין אין דעם "פֿאַך"; און אַ פּסיכאָלאָגישע קשיה שווימט אַרויס פֿאַרקערט אין יענעם פֿאַל, ווען מיר זעען, אַז אַזאַ יוגנטלעכער איז געבליבן, אָדער געוואָרן, אַן "אָרנטלעכער מאַן". אויך דער דאָזיקער אומגעריכטער קער צו אָרנטלעכקייט קען האָבן פֿאַר אַן אונטערשלאַק "ייִדישע" מאָטיוון.

לײדער איז ניטאָ, אויף וויפֿל איך ווייס, קיין איין אויספֿאָרשונג וועגן ייִדישער יוגנטלעכער געזעץ-ברעכונג אין מיזרח-אייראָפּע — אַפֿילו קיין סטאַטיסטישע אויפֿשטעלונג אויך ניט. וואָס שווײַגן די פֿיל הונדערטער ייִדישע אַדוואָקאַטן, די טויזנטער ייִדישע סטודענטן פֿון רעכט? זאָלן כאָטש זײַן די עלעמענטאַרע סטאַטיסטישע קענטעניש, ווען מען יעמאָלט קענען טראַכטן וועגן גיין פֿאָרויס אַשטייגער אויפֿן וועג פֿון די שיקאַגער פֿאָרשונגען,[106] און לויט די ספּעציפֿישע פֿאַרהעלטענישן וועלן מיר קענען אויפֿטון נײַס אַפֿילו פֿאַר דער אַלגעמיינער וויסנשאַפֿט אויך.

---

106 זע אויבן קאַפּ׳ 28.

62. געזעלשאַפֿטלעכע רעאַקציעס

אין די פֿאַרהעלטענישן פֿון מיזרח־ייִדישן קיבוץ גיסן זיך אויס די געזעלשאַפֿטלעכע רעאַקציעס פֿונעם יחיד דערעיִקרשט אין דער פֿאָרם פֿון אָנטייל אין פּאַרטייען. (איך שליס אויס פֿון מײַן באַטראַכטונג די ייִדישע יוגנט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, מחמת דאָרט ווו ס'טאָר זײַן נאָר איין פּאַרטיי איז דאָך די לאַגע גאָר אַן אַנדערע). פֿאַר וואָס דאָס איז אַזוי, האָט נאָך קיינער ניט אַרויסגעבראַכט. אָבער וואָס עס זאָלן ניט זײַן די סיבות, דער פֿאַקט בלײַבט אַ פֿאַקט: די פּאָליטישע פּאַרטיי שטייט אויפֿן סאַמע אויבן אָן אין אונדזער יוגנטישן אָרגאַניזירטן לעבן.

„... פּאָליטיק אין לעבן איז היינט נישט נאָר אַן עניין פֿאַר ספּעציעלע גרויסע פּאָליטיקער, נאָר איז געוואָרן אַ טייל פֿון יעדן דענקנדן מענטש. נישטאָ דעריבער קיין אַנטלויפֿן פֿון פּאָליטיק, אַזוי גוט ווי מען קאָן נישט אַנטלויפֿן פֿון לעבן. און אָפֿטמאָל טו איך טאַקע אַ טראַכט: צי קען מען היינט שרײַבן פּאָעזיע? דיכטונג? ליריק? צי הייסט עס נישט אַ מין אַנטלויפֿן פֿון לעבן. אָבער דאָך פֿיל איך נאָך היינט אַ גרויסן דראַנג צו ליטעראַטור...״ 107 —

און דעריבער קען דער שרײַבער ניט געפֿינען קיין שלום מיט זיך אַליין.

אויב וועגן און מעסטן, וועלן מיר פֿאַרשטייט זיך באַלד אויסגעפֿינען, אַז עס איז אַ שטיקל גוזמא ווען מען זאָגט, אַז ס'איז נ י ט אָ געזעלשאַפֿטלעך קיין לעבן אָן פּאָליטיק. פֿאַראַן יוגנטלעכע וואָס האָבן יאָ געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן און ווילן ניט קיין פּאָליטיק. און גראָד ווײַל דער דאָזיקער מין יוגנטלעכער האָט קיין שאַנסן ניט צו קומען צום וואָרט אין אונדזער פּאַרטייִש אָרגאַניזירטער עפֿנטלעכקייט, איז אַ יושר צו ציטירן דאָ עטלעכע אַזעלכע אַרויסזאָגונגען:

„... אין אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן נעם איך נישט קיין אָנטייל, ווײַל מיר קען זי [!] גאָר נישט געבן בײַם היינטיקן טאָג, אויסער אײַנפּלאַנצן שינאה פֿון איין מענטש צום צווייטן, אויב ער דענקט פּאָליטיש אַנדערש, ווי למשל מײַן אָרגאַניזאַציע. אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל זײַן ריין פֿון פּאָליטיק, דאָס איז בנימצא נישטאָ. און דאָרט ווו עס איז דאָ צו פֿיל פּאָליטיק, דאָרט מוז אויך זײַן שינאה, ס'איז פֿאַרפֿאַלן.״ 108

אַ צווייטער, 17 יאָר אַלט, שרײַבט: [109]

„... אין קיין שום יוגנט־אָרגאַניזאַציע בין איך נישטאָ צוליב דעם וואָס כ'האָב זייער פֿײַנט די פּאַרטייִשע קרעמלעך. ווען בײַ אונדז אין שטאָט זאָל זײַן אַ יוגנטלעך־וויסנשאַפֿטלעך־קולטורעלע אָרגאַניזאַציע, וואָלט איך גיכער געווען אירס אַן אָנהענגער״.

---

107 אויטאָב׳ נומ׳ 288, ז׳ 30 (אַ בחור פֿון 21 יאָר).

108 אויטאָב׳ נומ׳ 143, ז׳ 65 (אויך אַן 21־יאָריקער).

109 אויטאָב׳ נומ׳ 97 אין די זאַמלונגען פֿון ייִוואָ.

אַ דריטער זאָגט:[110]

„...כ׳שטרעב זיך ניט צו באַהעפֿטן מיט שטח פֿון לעבן. כ׳בענק ניט נאָכן גערויש פֿון די פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. די אָרגאַניזאַציע זוכט ניט צו אַנטוויקלען דעם יחיד. זי איז קעגן יחיד. זי נעמט צו פֿון אים אַלע זײַנע פֿעיִקייטן. ער מוז זיך איך אין גאַנצן אונטערוואַרפֿן, מקריבֿ זײַן זײַן גאַנצע „איכוועלט" פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע. די הײַנטיקע אָרגאַניזאַציע שטרעבט... ניט צו דערהייבן די איינציקע יחידים, זיי גײַסטיק אַנטוויקלען, זיי געבן אַ לעבנסוועג, אַ לעבנס־אָנשוירונג. זי יאָגט נאָר אָן אויף זיי אירע אויסערלעכע פֿאָרמען... אָבער ווער אינטערעסירט זיך וועגן ייִדישן לעבן אין זײַנע פֿאַרשיידענע שאַטירונגען, וועגן גייסטיקער שאַפֿונג אין העברעיִש, אין ייִדיש? וועגן ייִדישער קונסט? וועגן מאָדערנע גייסטיקע וועגן?..."

אַ פֿערטער:[111]

„...און צום סוף עטלעכע ווערטער וועגן מײַן פּאַרטיי־צוגעהעריקייט: אָפֿיציעל בין איך אָנגעשלאָסן אין דער „אַגודה", ווײַל רעליגיעזיטעט איז מײַן ירושה און געוויינהייט צוזאַמען און תּלמוד מײַן הויפּט־באַשעפֿטיקונג און וואַר־שײַנלעך אויך מײַן ציל (טראָץ מײַן ווידערווילן צום רבנות, בײַ וועלכעס די פּערזענלעכע פֿרײַהייט ווערט געצוימט, זע איך פֿאָרלויפֿיק קיין צווייטן אויסוועג)— דאָך בין איך בכלל נישט מסכּים מיט אַ טייל פֿון זייער פֿאַנאַטיזם. איבערהויפּט מיט זייער ערציִונגס־סיסטעם, פֿון וועלכן איך בין אַ קרבן.

מײַנע פּאַרטיי־גענאָסן וואַרפֿן מיר פֿאָר אינדיווידואַליזם... אמת, איך פֿאַרטראָג נישט די נודנע פּאַרטיי־אַרבעט. דאָס פּערזענלעכע שטעל איך העכער, די פֿאַרפֿולקומונג ווי בכלל דעם לעבנס־גענוס..."

אויב בנוגע די פֿיר שרײַבער איז קלאָר, אַז דאָס זײַנען מענטשן מיט אויטיסטישע אָדער עגאָצענטרישע נטיות, קענען מיר פּרעזענטירן נאָך אַ פֿינפֿטן, גראָד אַן אַקטיוון סאָציאַליסטישן פּאַרטיימאַן, וואָס זוכט בפֿירוש אַנדערע פֿאָרמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, ווײַל אים באַפֿרידיקן ניט דאָס הײַנטיקע אויסזען פֿון אונדזער ייִדיש־פּאָליטישן לעבן:[112]

„...שטיל איז דאָס שטעטל, דאָ אין דער טיפֿעניש ברודזט אַ לעבן וואָס וואַרט, אים זאָלן מענטשן מיט אַ געזעלשאַפֿטלעכן דויש אַרויספֿירן אויף די וועגן פֿון דער וועלט. צום גרויס באַדויערן ווערט פֿיל ענערגיע פֿאַרשווענדט, אָנשטאָט צו אויפֿבוי, אויף פּאַרטייִשע קאַמפֿן. איך בין אַ בונדיסט און בין הימלווײַט פֿון אומפּאַרטייִשקייט. אָבער אין שטעטל מוזן די געזעלשאַפֿטלעכע טוער אַרויסרײַסן פֿון אַפּאַטיע דער יוגנט נאָר מיט געמיינזאַמע כּוחות. אָט איז בײַ אונדז דאָ

---

110 אויטאָב׳ נומ׳ 248, ז׳ 208 (אַ בחור פֿון 20 יאָר).

111 אויטאָב׳ נומ׳ 233, ז׳ 38 (אַ בחור פֿון 21 יאָר).

112 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 99, ז׳ 28; דער מחבר איז אַ 20־יאָריקער בחור פֿון אַ שטעטל אין ווילנער געגנט.

אַ גרויסע ביבליאָטעק. אין איר זיצן בונדיסטן, חלוצים און אַנדערע. יעדער פֿאַר זיך איז אַ כּוח, דאָך טוט קיינער ניט צוציען דער גאַנצער יוגנט, ווײַל דער פּאַרטייקאַמף האָט פֿרעמד געמאַכט יעדן חוש פֿאַר דער קלענסטער געמיינזאַמער אַרבעט. עס דראָט אַ געפֿאַר, די יוגנט זאָל ווײַטער בלײַבן בײַ שפּאַצירן פֿון איין ראָג ... גאַס ביזן צווייטן (דאָס איז אונדזער הויפּטגאַס)...

... איך בין ניט קיין אָנהענגער פֿון כּלל־ישׂראלקייט, אָבער צווישן דער בעסער[ער] טייל בײַ אונדז, צווישן דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ מוז דאָך געפֿירט ווערן אַן אַרבעט אויף אויסהאַלטן און אײַנהאַלטן די קולטורעלע און געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. אַנדערש וועלן מיר דאָך ווערן אָפּגעטעמפּט ווי חיות. מיר דוכט, דאָס די איניציאַטיוו דאַרף גאָר איצט קומען פֿון אַן אַנדער זײַט. באַרופֿן צו דעם איז הײַנט נאָר דער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט. איז דאָך דער ייִוואָ ניט נאָר אויף זאַמלען רעליקוויעס, נאָר פֿריִער פֿאַר אַלץ אין פֿאַרבינדן זײַן אַרבעט און טעטיקייט מיטן הײַנט. עס לעבט אַ גרויסע יוגנט, עס גליִען פֿונקען פֿון אַ גרויסן פֿײַער. די [!] ייִוואָ קען אים אָנצינדן אין נאָמען פֿון קאַמף פֿאַר אַ נײַער מענטשהייט, פֿאַר אַ קולטורעלן ייִדישן לעבן... ניט איבער די פּאַרטייען פֿון ייִדישן לעבן, נאָר מיט זיי...״

הכּלל: אַזוינע מיינונגען זײַנען פֿאַראַן. אָבער זיי זײַנען ניט רעפּרעזענ־טאַטיוו פֿאַר דער מערהייט אָרגאַניזירטע יוגנט. צי עמעצן געפֿעלט דאָס, אָדער עס געפֿעלט ניט, נאָר אַזוי איז דאָס הײַנט: ניט ספּאָרט און ניט פּראָדוקטיוויזירונג און ניט אַליין־דערציִונג און ניט קיין שום אַנדער מין געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט האָבן ניט אַזאַ מאַגנעטישן כּוח פֿאַר אונדזער יוגנט ווי די פּאָליטישע פּאַרטיי.

וואָס אַזוינס טרײַבט די יוגנט מיט אַזעלכע אימפּעטיקע כוואַליעס אין די פּאַרטייען אַרײַן? מיר קענען דאָ געבן מערגיט אַ קליינעם אויפֿגאַב אויף יענער גענויער אויספֿאָרשונג וואָס די פּראָבלעם פּאַרטיי איז בלי שום ספֿק ווערט. אָבער בשעת מיר ווייסן גאָרניט האָט דאָך עפּעס אויך אַ ווערדע.

63. לאָגיק און ליבידאָ

„איך האָב זיך אין דער אָרגאַניזאַציע געניטיקט אַזוי ווי אין לופֿט",

שרײַבט אַ מיטגליד פֿון יוגנטבונד „צוקונפֿט".[113] בלויז צופֿעליק האָבן מיר אויפֿגעמישט זײַן דאָקומענט און פֿונדאַנען אַרויסגענומען אַזאַ ענטוזיאַסטישן אָפּרוף. דאָס אייגענע הערן מיר פֿון חברים פֿון אַלע אַנדערע פּאַרטייען אויך.

מיט וואָס זשע ציט צו די אָרגאַניזאַציע אַזוי שטאַרק?

דאָס ערשטע וואָס עס בעט זיך אונטער דער פֿעדער איז דער ענטפֿער, אַז די פּאַרטייִשע פּ ר אָ ג ר אַ מ ע ן נעמען אויס. נו, פֿאַרשטייט זיך, די פּראָגראַם האָט אויך עפּעס צו זאָגן. אָבער יעדער איינער פֿון אונדז קען מענטשן וואָס זײַנען

113 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 127, ז׳ 58.

זיך מוסר-נפש פֿאַר זייער פּאַרטיי, הגם וועגן איר פּראָגראַם האָבן זיי, צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן, גאָר אַ קנאַפּע השגה. פֿאַרקערט, ווען עמעצער שרײַבט אָן אַזוינע קילע שורות:

„...אדאַנק דער אָרגאַניזאַציע בין איך געוואָרן אַ מענטש אַ רײַפֿער, וועלכער קען אויפֿנעמען אַלע געזעלשאַפֿטלעכע ערשײַנונגען און האָבן אַן אָריענטאַציע אין אַלעם וואָס קומט פֿאָר אַרום מיר און ווייס, וועלכע זײַנען אירע ליכטזײַטן און וועלכע אירע שאָטנזײַטן...״[114]

דערלויב איך זיך חושד צו זײַן, אַז דער פּאַרטיי-קאָמיטעט איז פֿון דעם חבֿר ניט איבעריק צופֿרידן. ווײַל ווען עמעצער איז צוגעבונדן צו זײַן פּאַרטיי נאָר מיט לאָגישע ראַיות, האָט דאָס זייער אַ שוואַכע האַפֿט.

דאָס וואָס עס טרײַבט אונדזער אידעאַליסטישע יוגנט אויף מסירת-נפֿש כּלפּי חוץ און אויף געשלעגן מיטאַנאַנד איז געוויס אַ בינדונג פֿון געפֿיל. אויב מען וועט אײַך זאָגן, אַז ראובֿן איז געוואָרן אַ קאָמוניסט ווײַל ער האָט זיך „איבערצײַגט״, דאָס הייסט ער האָט אויף אַ לאָגישן אופֿן באַנומען, אַז קאָמוניזם איז דער איינציקער ענטפֿער אויף דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פּראַגע, זאָלט איר ניט גלייבן. אפֿשר האָט טאַקע דער קאָמוניזם די אַלע מעלות וואָס זײַנע אָנהענגער שרײַבן אים צו; נאָר פֿאַר וואָס ווירקט ניט די זעלבע לאָגיק אויף אַלעמען? עס איז אַ פֿראַגע פֿון סאָציאַלער צוגעהעריקייט, וועט מען ענטפֿערן. גוט; אָבער פֿאַר וואָס געפֿינען מיר אין איין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין, צווישן מיטקינדער אין איין פֿאַמיליע אָנהענגער פֿון פֿאַרשיידענע פּאַרטייען? מען דאַרף פֿאַרשטיין, אַז די תשובֿה וועט זײַן: די וואָס האָבן נאָך ניט אָנגענומען דעם אמתן אמת געפֿינען זיך אונטער קליינבירגערלעכע השפּעות. זאָל זײַן אַזוי; אָבער צו וואָסער געביט „קליינבירגערלעכע השפּעות״ זאָלן ניט געהערן — מיט לאָגיק זײַנען זיי געוויס ניט קיין פּאַר קלײדער. דאָס איז כּולו פּסיכאָלאָגיע.

באמת: דער סימן-מובֿהק פֿון לאָגיק איז, וואָס זי איז פֿרײַ פֿון אַפֿעקט. לאָגיש נעמט מען אויף אַ מאַטעמאַטישע טעאָרעמע, און אונדזער באַציִונג צו איר איז טאַקע אַן אַנאַפֿעקטיקע. לאָמיר נאָר פֿאַרגלײַכן. ווען מיר לערנען, אַז די ערד דרייט זיך, איז דאָס פֿאַר אונדז אַ לאָגישער עניָן וואָס לאָזט אונדז קאַלט. זי דרייט זיך? מהיכא-תיתי, זייער אינטערעסאַנט. אָבער פֿאַר גאַלילעי איז דאָס געווען אַן אָביעקט פֿון קאַמף, אַ פֿראַגע פֿון געוויסן, פֿאַר אים זײַנען מיט דעם דאָזיקן עניָן יאָ געווען פֿאַרבונדן די שטאַרקסטע אַפֿעקטן.

אָדער נעמט די באַציִונג צו רעליגיעזע פֿורעמס, אַשטייגער צום גיין אָן אַ היטל אויף אַ לוויה. איינמאָל איז שוין פֿרײַער געקומען וועגן דעם צו רייד. פֿאַראַן ניטגלייביקע, וואָס זיי איז אַלץ איינס, יאָ צי ניין. זיי האָבן צו דער זאַך אַ לאָגישן אַנאַפֿעקטיקן צוגאַנג, און דעריבער וועלן זיי יאָ אָנטון אַ היטל, אויב דערבײַ זײַנען פֿאַראַן פֿרומע ייִדן, וואָס עס גרוילט זיי פֿאַר אַ חילול-הקודש. פֿאַראַן

---

114 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 204, ז׳ 27.

אָבער אַנדערע, וואָס זייער פֿרײַדענקערײַ איז קעמפֿערישע אַפּיקורסות. אפֿשר זײַנען דאָס אַזוינע, וואָס אַמאָל האָבן זיי געהאַט זייער אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו רעליגיע און דערנאָך איז מיט זיי געשען דאָס, וואָס די געשיכטע דערציילט אונדז וועגן גאַנצע פֿעלקער אויך: די פֿריִערדיקע געטער זײַנען פֿאַרקערט געוואָרן אין טײַוואָלים. אַזאַ פֿרײַדענקער מוז גיין דווקא אָן אַ היטל, פּונקט ווי דער פֿרומער ייִד מוז גיין ניט אַנדערש ווי אין אַ היטל. דאָ איז שוין ניט שייך לאָגיק, דאָ האָבן מיר שוין אַ צוזאַמענשטויס פֿון צוויי אַפֿעקטן.

איז ווען מיר ווילן פֿאַרשטיין, מיט וואָס קלעפּן זיך דאָס מענטשן צו אַזוי שטאַרק צו פּאַרטייען, דאַרפֿן מיר זוכן אַפֿעקטיווע ווערטן. און דאָס וועלן מיר האָבן אין זינען סײַ ווען מיר טראַכטן וועגן דעם באַטײַט פֿון אָרגאַניזאַציע בכלל, סײַ וועגן דער ספּעציפֿישער צוציקראַפֿט פֿון דער אָדער יענער אָרגאַניזאַציע.

לאָמיר אָנהייבן פֿונעם ערשטן פּונקט: אָרגאַניזאַציע אַנטקעגן ניטאָרגאַניזירטקייט, אָדער אָרגאַניזאַציע אַנטקעגן שטוב.

„בײַ אונדז בינדט זיך די יוגנט שטאַרק צו צו דער אָרגאַניזאַציע—שרײַבט זייער אַ טיפֿקלערעריקע מיידל—און אָפֿט איז בײַ איר די אָרגאַניזאַציע העכער איידער די שטוב. דאָס איז דערפֿאַר וואָס די אָרגאַניזאַציע פֿאַרשטייט דעם יוגנטלעכן, זי נעמט אים אויף ווי אַן אמתן מענטשן, מיט אַ באַזונדער וועלט געדאַנקען און געפֿילן, ניט ווי אַן אַדערווײַז אויף אַ מענטשן. זי שטראָפֿט אים ניט, זי גיט אים ניט אויף יעדן טראָט קיין באַפֿעלן און איסורים. זי לערנט אים אויס פֿאַרשטיין זיך אַליין, דערקענען די פֿאַרהוילענע כּוחות, די טרײַבן וואָס דרעמלען אויפֿן דעק פֿון דער נשמה. זי אַנטפּלעקט פֿאַר אים נײַע וועלטן פֿון דערקענטעניש און אויספֿרווו. דערפֿאַר האָבן מיר [אין דער אָרגאַניזאַציע] אָפּגעטאָן דעם „נס", אַז אונדזער האַדעוואַניק וועט מקריב זײַן פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע אַלע זײַנע גוטיקייטן, באַקוועמלעכקייטן, אפֿילו דאָס איינגס פֿון דער שטוב. די סבֿיבֿה, אין וועלכער מיר לעבן, די הײַנטיקע געזעלשאַפֿט האָט אַרויסגעבראַכט בײַם מענטשן די ערגסטע אינסטינקטן. די אָרגאַניזאַציע שטרעבט צו דערגרייכן דעם היפּוך. דערפֿאַר איז דער יוגנטס דאַנקבאַרקייט אָן אומבאַגרענעצטע."[115]

אַ שטיק אמת שטעקט געוויס אין די אָקאָרשט געבראַכטע ווערטער. אָבער וויפֿל אמת? לאָמיר ניט פֿרעגן בײַ יענע פֿיר עדות פֿון די זז' 243—244, ווײַל מיר האָבן זיי געפּסלט ווי געכאַפּטע אין אויטיזם אָדער עגאָצענטריזם. אָבער ווען מיר זאָלן זיך אָנפֿרעגן בײַ די עלטערן, וואָס קעגן זייערע דערצי-מעטאָדן זײַנען אומדירעקט געווענדט אונדזער שרײַבערינס פֿײַלן, וואָלטן טייל פֿון זיי אונדז מיסתּמא געזאָגט, אַז זייערע קינדער טרעפֿן פֿון בריק אין וואַסער: אָנשטאָט דער אומפֿרײַקייט פֿון שטוב פֿאַלן זיי אַרײַן נאָך אין אַ גרעסערער פֿאַרשקלאַפֿונג, וואָרעם די אָרגאַניזאַציע צוימט און שנורעוועט זיי דאָך נאָך אַ סך מער. דערויף וואָלט

---

115 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 167, זז' 11—12. די מחברטע איז אַ וואַר שעווערין.

אונדזער שרײַבערין מיסתּמא אָפּגעענטפֿערט, אַז קייטן וואָס זײַנען ליב זײַנען קיין קייטן ניט. דאָס איז ריכטיק, אָבער יעמאָלט איז דאָך די קשיא געבליבן אַ קשיא: מיט וואָס איז די אָרגאַניזאַציע ליבער פֿון דער היים, און וואָס שטעקט איר כּישוף.

איינע פֿון אירע מעלות באַשטייט זיכער פּשוט דערין, וואָס זי איז עפּעס אַנדערש ווי די היים, זי איז ניט די היים. אין דעם עלטער ווען דער יוגנטלעכער וויל זיך עמאַנסיפּירן פֿון דער פֿאַמיליע[116] איז דאָס אַ גוואַלדיקע מעלה.

די אָרגאַניזאַציע זאָגט צו, און טיילמאָל גיט זי טאַקע, ניט סתּם חבֿרשאַפֿט, נאָר אָרגאַניזירטע חבֿרשאַפֿט. אין אַ באַריכט וועגן אַ „ווילדן" (איך מיין צו זאָגן: ניט פֿאָרמעל פֿאַרטייִשן) ייִדיש-נאַציאָנאַלן יוגנטקרײַזל אין ווין[117] שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ טשיקאַווער טעטיקייט פֿון אַ גרופּע תּלמידים וואָס האָבן זיך חדשימלאַנג אָפּגעקהלט וועגן סטאַטוטן, וועגן באַציִונגען צו ניטמיטגלידער, וועגן פֿאַרהיטן פֿון „פֿאַרראַט" וכדומה, און אָסור אויב מען קען אַרויסזען—ווען מען זאָל גיין מיטן דרך פֿון לאָגיק—וואָסערע עס איז מאָטיוון, צוליב וועלכע מען האָט דאָס קרײַזל בכלל באַדאַרפֿט. אלא וואָס דען, דאָס עצם זײַן צוזאַמען, דאָס חבֿרן זיך גופֿא, דאָס קהלן זיך גופֿא האָט אַ וויכטיקע פּסיכישע פֿונקציע אין געוויסע פּסיכישע צושטאַנדן.

די פֿונקציע באַשטייט אין דעם, וואָס דאָ שאַפֿט זיך אַן אויסגאַנג פֿאַר דעם וואָס פֿרויד האָט אָנגערופֿן „ליבידאָ"—די לעבנס-ענערגיע[118] פֿונעם יחיד. אינעם דערוואַקסלינג וואַקסט אָן די דאָזיקע ליבידאָ מיט אַ באַזונדער אינטענסיוקייט. אָט די אויפֿגעבראַזטע לעבנס-ענערגיע, וואָס דער יחיד קען זי ניט קאָנטראָלירן און קען זיך אַפֿילו ניט אָפּגעבן פֿון איר קיין חשבון ווי ס'געהער צו זײַן, איז די ערשטיקע סיבה. בכדי צו פֿאַרשטיין אָט די ערשטיקע סיבה, מוזן מיר זיך דערמאָנען יענע ראָשי-פּרקים פֿון דעם יחידס אַנטוויקלונג, וואָס מיר האָבן אַרומגערעדט אין קאַפּיטל וועגן דעם וועג פֿון צײַטיקונג צו צײַטיקייט[119].

---

116 זע אויבן ז' 58 א"וו.

117 דער באַריכט, צונויפֿגעשטעלט פֿון גערהאַרד פֿוקס, איז אָפּגעדרוקט אין ד"ר זיגפֿריד בערנפֿעלדס בוך Vom Gemeinschaftsleben der Jugend, ווין, 1922, ז' 58—76, אונטערן קעפּל: Ein Schülerverein.

נאָך אַ צווייטע אַרבעט אינעם זעלבן בוך, ז' 76—144, איז דירעקט שייך צו אונדזער טעמע דהײַנו: Hoffer, Wilhelm. Ein Knabenbund in einer Schulgemeinde.

אַלע אַרטיקלען פֿון דעם דערמאָנטן בוך זײַנען אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן אין דעם אַמאָליקן „ייִדישן אינסטיטוט פֿאַר יוגנט-פֿאָרשונג און דערציִונג" אין ווין, וואָס ז. בערנפֿעלד איז געווען זײַן פֿאָרזיצער.

118 עס לוינט זיך ניט צו שפּאַרן וועגן דעם, צי מיינט „ליבידאָ" לעבנס-ענערגיע בכלל אָדער נאָר ליבע-ענערגיע; אין באַנעם פֿון די פֿרוידיאַנער זײַנען ביידע זאַכן אידענטיש.

119 זע ז' 45—51.

אָבער בײַם אָבסערווירן די אַרויסווײַזונגען פֿון דער ליבידאָ וועלן מיר אויך ניט אַרויסלאָזן פֿון אויג, אַז אָט דער ערשטיקער פֿאַקט פֿון ליבידאָ-אָנוווּקס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז קיינמאָל ניט אין זײַן ריינער ביאָלאָגישער פֿאָרם. די ליבידאָ איז דער גיסיקער מעטאַל וואָס שטראָמט פֿון שמעלצאויוון; דאָס „עמאַנסיפּירן זיך פֿון דער היים", דאָס „חבֿרן זיך", דאָס „קהלן זיך" זײַנען די פֿ ו ר ע מ ס, אין וועלכע דער מעטאַל גיסט זיך אויס. אויב בלײַבן ווײַטער בײַם בילד שטראָם און פֿורעם, קען מען זאָגן, אַז אַזוי ווי יעדע פֿליסיקייט נעמט אָן די פֿאָרם פֿון דער כּלי, אַזוי באַקומט אויך דער שטראָם לעבנס-ענערגיע זײַן פֿאָרם פֿון די ספּעציפֿישע לעבנס-פֿאַרהעלטענישן פֿונעם כּלל.

64. מיט וואָס ציט די פּאַרטיי?

די לעבנס-פֿאַקטן וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט אָרגאַניזאַציע פּאַסן זיך אַרײַן אין דער אַלגעמיינער ראָם פֿון דער ליבידאָ-אַנטוויקלונג און שאַפֿן די דעטאַלן פֿונעם בילד. אין דער פֿאַזע פֿון חוצפּה איז דעם יוגנטלעכן גרינגער צו שטעלן זיך אַנטקעגן דער שליטה פֿון די עלטערן בשעת ער האָט הינטער זיך ניט נאָר זײַן חבֿר חיימקען, נאָר די גאַנצע אַנאָנימע, און דווקא דערמיט אַזוי מעכטיקע, אָרגאַניזאַציע. אין דער פֿאַזע פֿון זוכן גלײַכגעשלעכטיקע חבֿרים איז אַ סקוויטישער רינג פּונקט דאָס וואָס מען דאַרף, און אויף דעם פּעריאָד פֿון זוכן אַן אָנשפּאַר אין אַ פֿירער זײַנען ווי אָנגעמאָסטן די ווערטער פֿון דער פֿריִער ציטירטער וואַרשעווער מיידל:[120]

„...מען זאָגט, אַז די יוגנט אָנערקענט ניט קיין אויטאָריטעטן. ניט ריכטיק! קיינער איז ניט אַזוי עלענד ווי די יוגנט צו אויטאָריטעטיזירן אויף אַן אמת. איך וואָלט געזאָגט מער: צו פֿאַרהערלעכן, אַרומצווינגלען מיט אַ נימבֿ און מיט ליבשאַפֿט. די יוגנט גאַרט צום מערסטן נאָך פֿירער און רײַסט זיך צו זיי צום מערסטן."

ווען עס קומט די צײַט פֿון (נעגאַטיוון אָדער פּאָזיטיוון) אינטערעס צו אַנדערש-געשלעכטיקע באַשעפֿענישן, שטעלט די אָרגאַניזאַציע ווידער צו דעם דערוואַקסלינג דעם לבֿוש פֿאַר די אַרויסווײַזונגען פֿון דער ליבידאָ.

„...מיר האָט מען איינציקע מאָל פֿאָרגעלייגט אַרײַנטרעטן אין „שומר הצעיר", אָבער כ'האָב געצעגערט, איך בין געווען קעגן דער נאָענטער באַציִונג פֿון ייִנגל און מיידל. זיי האָבן געהאַט אַ שלעכטן נאָמען."[121]

דאָס וואָס דער יונגערמאַן דערציילט דאָ איז פֿאַרשטייט זיך כאַראַקטעריסטיש ניט אַזוי פֿאַרן „השומר הצעיר" ווי פֿאַר אים גופֿא. וואָרעם אויב אַפֿילו דער „שלעכטער נאָמען" זאָל געווען זײַן באַרעכטיקט, האָט דאָך דאָס פֿאַר בחורים אין אַן אַנדער צושטאַנד, פֿאַר אַזוינע וואָס האָבן נ י ט מורא פֿאַר אַ מיידל, געדאַרפֿט

120 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 167, ז"ז 5–6.

121 אויטאָב' נומ' 179, ז' 22.

זײַן דווקא אַ מעלה. אָט דערציילט אונדז דער מחבר פֿון אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 31 (ז׳ 30), אַז מען האָט אים מיט נאָך חבֿרים געדופֿן אין „החלוץ הצעיר" אַרײַן. קיין אַנדערע אַרגומענטן האָבן ניט געווירקט, נאָר ווען מען האָט זיי געזאָגט: „דאָרט זײַנען פֿאַראַן פֿײַנע מיידלעך, איך וועל זיי מיט אײַך באַקענען", זײַנען זיי אַוועק. ניט געקוקט דערויף, איז ער אין „החלוץ הצעיר" פֿאָרט געוואָרן, לויט ווי ער גיט איבער, זייער אַ געטרײַער מיטגליד און טוער.

וועגן אָט דעם קומען „מתוך שלא לשמה" צום „לשמה" וועלן מיר נאָך ריידן בפֿרוטרוט אינעם נאָענטסטן קאַפּיטל. דערווײַל לאָמיר אָנווײַזן נאָך אויף איין וויכטיקן עלעמענט, וואָס די אָרגאַניזאַציע באַשענקט דערמיט אירע מיטגלידער: דאָס איז דער געפֿיל פֿון אָנגעהערן צו אַ גרויסן כּלל. אין געוויסע צושטאַנדן פֿון איינזאַמקייט איז דאָס אַ באַלזאַם פֿאַר יעטווידער יוגנטלעכן; און אין די באַדינגונגען פֿון יידישן לעבן, ווו מען שפּירט זיך אַזוי גרינג און אַזוי אָפֿט עלנט־הילפֿלאָז לגבי דער דרויסנדיקער וועלט, איז דאָס אַ ספּעציעלער געווינס פֿאַרן יוגנטלעכן אין די יאָרן, ווען דער צובונד צו דער היים ווערט גראָד אָפּגעשוואַכט.

„...כ׳קאָן דעם צוזאַמענפֿלי ניט פֿאַרשווײַגן, ווײַל דאָס איז געווען אַזאַ האַרמאָניש בילד וועלכעס שטייט מיר נאָך הײַנט צו טאָג פֿאַר די אויגן, פֿאַר וועלכן כ׳בין הײַנט צו טאָג נאָך פֿול מיט באַגײַסטערונג. כאָטש כ׳האָב זיך באַטייליקט מיט צוויי יאָר שפּעטער אין נאָך אַזאַ צוזאַמענפֿלי וועלכער האָט, וואָס אַן אמת, ווײַט איבערגעשטיגן אין אָרגאַניזירטקייט דעם ערשטן – דאָך ווי אַפּפֿרישנדיק אין מײַן צוויי־יאָריקער מאַטערניש איז געווען דער ערשטער צוזאַמענפֿלי. שטעלט אײַך פֿאָר אַ בילד: איך, אַ יוגנטלעכער, לייען און לערן פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכקייט, פֿון חבֿריש צוזאַמענלעבן פֿון פֿאַרשיידענע ראַסן און פעלקער, חברשאַפֿט אויף דער וועלט!... און דאָ, ווו ס׳האָט זיך צוזאַמענגעטראָפֿן אַ יוגנט פֿון צענדליקער שטעטלעך, וואָס פֿאַראַ חבֿרש צוזאַמענלעבן — אַנטציקונג און מער נישט — מיר קאָנען זיך שווין ווי אַלטע גוטע פֿרײַנט, מען שמועסט, מען זינגט, אַזוי אינטים, אַזוי האַרציק..."[122]

ס׳רובֿ שטעלט זיך די אָרגאַניזאַציע אין אַ סתּירה ניט נאָר צו דער היים, נאָר צו דער שול אויך, אָבער פֿאַרן יוגנטלעכן איז דאָס ניט קיין חיסרון.

„...אויף דער ייִדישער גאַס האָט געבלאָזן אַזאַ מין משיח־רוף. און געמיינט האָט מען, אַז אַלע ייִדן וועלן אויסגעלייזט ווערן. די שולע מיט דער באַוועגונג האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס געגנזאַצן צווישן זיך. די שולע האָט געלערנט רויִקייט, גוטע אויפֿפֿירונג, נייגונגען צו האַרטע וויסנשאַפֿטן. דאַגעגן די באַוועגונג האָט געוועקט אומרויִקייט, נייגונגען פֿון זעלבסט־דערקענטעניש, פֿון זיך געמיינזאַם אויסלעבן. אין מײַן ערשטן יאָר פֿון אַרײַנטריט אין דער באַוועגונג האָב איך אָנגעהויבן צו פֿילן אַ ווײַטקייט צו דער שולע, געשטרעבט וואָס גיכער זיך פֿון איר באַפֿרײַען, ווײַל כ׳האָב אָנגעהויבן מער אַרײַנדרינגען אין לעבן פֿון דער באַוועגונג.

---

122 אויטאָב׳ נומ׳ 169 (אַ בחור פֿון אַ שטעטל לעבן לובלין), ז׳ 8

זיך אָנגעהויבן אַ סדרה טיולים, אַספּות, קבוצות, געמיינזאַמע געשפּרעכן, אַספּות אויפֿן פֿרייַען פֿעלד, ספּאָרטיווע איבונגען, דאָס כאַראַקטעריזירן זיך און יענעם, דאָס וועקן צו אַקטועלע פּראָבלעמען אין לעבן. כ'האָב געפֿילט, ווי כ'געפֿין זיך דאָ מייַן אָרט, שטענדיק געהאַט אַן אינטערעס צו אַלץ וואָס מען האָט גערעדט...״[123]

פּרימיטיווערע, אָדער יינגערע, געפֿינען אַ באַפֿרידיקונג („לעבן זיך אויס״ איז דער הייַנטיקער מאָדע-טערמין) אין די עמאָציעס וואָס עס גיט דאָס אינעווייניקסטע לעבן פֿון דער אָרגאַניזאַציע, דאָס לעבן אין „לאָקאַל״.

„די וויכטיקסטע עלעמענטן וואָס האָבן אין מיר געוועקט און געשטאַרקט דעם קולט פֿאַר דער נאַציאָנאַלער אידעע זייַנען געווען געזאַנג און הוירא. מענטשן וואָס שטייען ווייַט פֿון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זייַנען קיינמאָל ניט בכוח צו פֿאַרשטיין דעם באַטייַט פֿון די דאָזיקע צוויי פֿאַקטאָרן פֿאַר דער עקסיסטענץ און דעם לעבן פֿון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס העברעיִשע ליד, מיט זייַן בענקשאַפֿטלעכן און האָפֿענונגס-פֿולן ריטם, כּישופֿט אַרויס פֿון די יוגנטלעכע נשמות ליבע, ברען, ענערגיע און צעשפּרייט זיך אין די ברוסטן מיט אַ מעכטיקן אַקאָרד...״[124]

די דאָזיקע אינטערעסאַנטע מיטטיילונג ווערט ערשט אויף אַן אמת אינטע-רעסאַנט, ווען איך וועל צוגעבן נאָך אַ טשיקאַווען פּרט: די אויטאָביאָגראַפֿיע איז געשריבן אויף פּ ו י ל י ש, און ס'איז אַ סבֿרא, אַז די שרייַבערין איז אין העברעיִש גאָרניט שטאַרק בקי. אָבער דאָס האָט ניט צו דער זאַך; אויף צו ווערן פֿון עפּעס אויפֿריכטיק באַגייַסטערט דאַרף מען ניט דווקא פֿאַרשטיין דעם פּירוש-המילות. אין אַן אַנדער אויטאָביאָגראַפֿיע לייענען מיר:[125]

„...ווי אַ יום-טובֿ איז געווען אינעם שטעטל, ווען מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז צו דער דערעפֿענונג פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט וועט דער לערער האַלטן אַ פֿאָרטראָג אין בית-מדרש. מיט שפּאַנונג זייַנען אַלע, יונג און אַלט, געלאָפֿן הערן ווערטער, וועלכע זיי זייַנען זיכער געווען, אַז זיי וועלן נישט פֿאַרשטיין. דאָס נישט-פֿאַרשטאַנענע איז באַקליידט מיט אַ לבֿוש פֿון מיסטעריע וואָס איז בייַ ייִדן דערהויבן און פֿאַרהייליקט...״

אין דער דאָזיקער שאַרפֿער אָבסערוואַציע דאַרף מען פֿאַרריכטן נאָר איינס: ס'איז בשום-אופֿן ניט קיין ספּעציפֿיש ייִדישע מידה. „די קאַטוילישע קירך האָט אַלעמאָל געהאַט אַ גוטן געפֿיל אין מאַסן-פּסיכאָלאָגיע, און אויב זי האָט זיך אייַנגעשפּאַרט, אַז מתפּלל זייַן זאָל מען דווקא ניט אין דער שמועסשפּראַך, נאָר אויף לאַטייַן, האָט זי מסתּמא געוווּסט, וואָס זי טוט. דער וואָס האָט מתפּלל געווען אין אַן אומפֿאַרשטענדלעכער שפּראַך, האָט דורך דעם געשפּירט, אַז ער דערנענטערט זיך צו י ע נ ע ר וועלט, וואָס אַנטקעגן איר איז ד י וועלט הבֿל-הבֿלים״.[126]

---

123 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 288, ז׳ 7.

124 אויטאָב׳ נומ׳ 253 (פֿון אַ וואַרשעווער מיידל), ז׳ 82.

125 נומ׳ 58, פֿון אַ בחור פֿון די מיזרח-קרעסן, ז׳ 29.

126 פֿ״גל מייַן אַרטיקל: „וואָס וואָלט ייִדיש געווען אָן העברעיִש?״ אין „צוקונפֿט״, מערץ 1931, קאַפּ׳ 3.

דאָס איז נאָך אַ גוטע אילוסטראַציע צו דעם וואָס מיר האָבן גערעדט אַ ביסל פֿריִער וועגן אַפֿעקטיקע און אָנאַפֿעקטיקע איבערלעבונגען.

אָבער די אָרגאַניזאַציע גיט דאָך נאָך מער ווי זינגען אָדער טאַנצן אין לאָקאַל. זי פֿירט אויך אַרויס די מיטגלידער אירע אין גאַס, און דאָס האָט אין אונדזערע פֿאַרהעלטענישן גאָר אַ ספּעציעלן באַטײַט. דער ייִדישער יוגנטלעכער, וואָס בײַ אים איז פֿון די ייִנגסטע יאָרן אײַנגעוואַקסן דער געפֿיל, אַז די גאַס איז אין רשות פֿון „שייגעץ", דערשפּירט מיט אַ מאָל, זאָל זײַן נאָר אויף אַ ווײַלע, אַז ער איז אויך אויפֿן פּלאַץ.

„אויף דער נאַכט איז געווען אַ פּאַקלצוג איבער דער שטאָט טשענס'. פֿון ספּאָרטפּלאַץ רירן מיר אַ גרויסער, אפֿשר מער ווי אַ 400-קעפּיקער עולם. מיר גייען נישט גוט אין די רייען. איך האָב דערפֿון פֿאַרדרוס, ווײַל [איך] וויל, אַז עס זאָל וואָס שענער אויסזען. מיר זינגען לידער, וואָס אַ מאָל שטאַרקט זיך אין מיר די זעלבסט-זיכערקייט און שטאַרקייט... ווײַל אַזאַ גרויסער צוג, און אַלע ווילן איינס, און אַזוי פֿיל פֿון דער זײַט גיבן אָפּ כּבֿוד דעם צוג... די פּענער, די בלוזעס... די הייליקסטע פּוילישע שטאָט—אַ פּאַקלצוג פֿון ייִדישע סאָציאַליסטישע ייִנגלעך, און מען באַפֿאַלט זיי נישט, ווײַל זיי זײַנען שטאַרק, ווײַל אונדזער איז דער זיג. פּוילישע און ייִדישע האָבן איין ציל! די גרויסקייט שטאַרקט, די געמיינזאַמקייט פֿעסטיקט! איבערן קערפּער גייט אַדורך אַ הייליקער ציטער... איינע אַזאַ דעמאָנסטראַציע קרעפֿטיקט מער ווי הונדערט רעפֿעראַטן."[127]

.65 פּילפּאַכיקע באַדינגטקייט

פֿון די אויסצוגן וואָס מיר האָבן געבראַכט אין די לעצטע צוויי קאַפּיטלעך האָט זיך, האָף איך, אַ ביסל אַ וואַקל געטאָן די פֿאָרשטעלונג, אַז אין אַ פּאַרטיי גייט מען, ווײַל מען האָט אָנערקענט פֿאַר ריכטיק און פֿאַר אויסגעהאַלטן און פֿאַר ריין מאַרקסיסטיש (אָדער ריין ציוניסטיש) איר פּראָגראַם. אַזוי פּראָסט-פּשוט זעט אויס די זאַך נאָר אין די חרטה-בריוולעך און אַ-טראַסק-אין-טיר-דעקלאַראַציעס אין די יוגנט-צײַטונגען. דיווירקלעכקייט איז אַ היפּש ביסל קאָמפּליצירטער, און זי האָט אונדז געבראַכט צו אָפּעדירן מיט אַזוינע באַגריפֿן ווי אָפּרײַסן זיך פֿון דער היים, בענקען נאָך אַ פֿירער, זוכן אַ סגולה צו איינזאַמקייט. איינמאָל האָבן מיר זיך אַפֿילו אָנגעשטויסן אויף אַ דערקלערונג פֿון אַ יונגנמאַן, אַז ער איז געגאַנגען אין אַן אָרגאַניזאַציע אַרײַן צוליב אַ מאָטיוו, וואָס אויף דער סקאַלע פֿון געזעלשאַפֿטלעכער ווערטונג שטייט ער נאָך נידעריקער: דהײַנו, צוליב שיינע מיידלעך.

ווען די פֿירער פֿון אַן אָרגאַניזאַציע זאָלן געוווּיר ווערן, אַז לאָמיר זאָגן פּופֿציק פּראָצענט בחורים זײַנען אַרײַנגעטראָטן צוליב אַ פּאָר שיינע מיידלעך, וואָלטן זיי זיך געוויס געשפּירט שטאַרק ניט מיט אַלעמען. אָבער די קלעמעניש

---

[127] אויטאָב' נומ' 184, ז' 201.

וואָלט ניט געווען באַרעכטיקט, ווײַל קיין שום פּחיתות־הכּבֿוד פֿאַר דער אָרגאַני־זאַציע און איר אידעאָלאָגיע וואָלט דערין ניט געשטעקט. מיר האָבן דאָך געזען בײַ יענעם בחור גופֿא, אַז כאָטש ער איז געקומען מיט אַזעלכע „ערדישע" מחשבֿות, איז ער אָבער אין גיכן געוואָרן אַ גוטער חבֿר וואָס האָט גענומען אַרבעטן לשמה. פּונקט אַזוי האָט געקענט זײַן פֿאַרקערט אויך: אַ מענטש זאָל קומען (אָדער ער זאָל גלייבן, אַז ער קומט) אין דער אָרגאַניזאַציע הויל צוליב אײַנשטימיקייט מיט דער פּראָגראַם, און אין דער אָרגאַניזאַציע גופֿא זאָל ער זיך צובינדן צו אַ מיידל און פֿאַרגעסן, צוליב וואָס די אָרגאַניזאַציע איז, לויט איר פּראָגראַם, געשאַפֿן געוואָרן. די מאָטיווירונג וואָס אַ מענטש גיט פֿאַר זײַן צושטיין צו דער אָדער יענער אָרגאַניזאַציע האָט ניט הייסט עס קיין גרויסע ממשות און איז ניט קיין ערבֿות, אַז דער מיטגליד וועט זיך פֿירן אַזוי ווי די דיסציפּלין פֿון דער אָרגאַ־ניזאַציע פֿאָדערט פֿון אים.[128]

אויב איך האָב יאָ באַרירט דעם עניָן און גיי אים איצטער באַהאַנדלען נאָך ברייטער, איז דאָס דערפֿאַר, ווײַל איך וויל צעשטערן נאָך אַ צווייטע פֿיל פֿאַרשפּרייטע אײַנריידעניש.

איידער מיר גיבן גוט אַ טראַכט איבער די זאַך, זײַנען מיר נוטה צו מיינען, אַז געזעלשאַפֿטלעכע מאָטיוון און טווּנגען זײַנען שאַרף אָפּגעשיידט פֿון אינדיווידועלע מאָטיוון און טווּנגען. אויב איך האָב למשל דערהרגעט אַ מענטשן (אינדיווידועלע טווּנג), וואַקסט דאָס פֿון אייפֿערזוכט, אָדער פֿון שׂינאה, אָדער פֿון געלטגײַציקייט (אינדיווידועלער מאָטיוו). אויב אָבער איך שטיי צו צו אַ פּאָליטישער פּאַרטיי (געזעלשאַפֿטלעכע טווּנג), איז דער מאָטיוו משמעות אויך אַ געזעלשאַפֿט־לעכער; למשל איך האָב ניט געקאָנט מער צוזען די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, אָדער איך האָב אײַנגעפֿונען, אַז מײַן ביזאיצטיקע פּאַרטיי פֿירט ניט קיין גענוג אויסגעהאַלטענע ליניע אין דער ארץ־ישׂראל־פֿראַגע, אָדער איך האָב זיך אַנטוישט אין דעמאָקראַטיע.

פֿון דער פּסיכישער רעאַליטעט איז אַזאַ „פּאַראַלעליסטישע" פֿאָרשטעלונג אַזוי ווײַט ווי דער הימל פֿון דער ערד. די צוויי ליניעס סאָציאַל און אינדיווידועל זײַנען ניט קיין פּאַראַלעלע, נאָר געכוואַליעטע ליניעס וואָס האַלטן זיך איין שנײַדן און צוריק פֿונאַנדערגיין. אויף דעם ספּעציעלן פֿאַל פֿון פּאַרטייִשער צוגעהעריקייט באַשטעטיקט זיך איבער אַ נײַס דער געדאַנק, וועגן וועלכן עס איז שוין געקומען צו רייד בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן[129] און וואָס איינער איז פֿון די ווינקל־שטיינער אין דעם גאַנצן בנין אונדזערן: אַז די פּסיכישע עלעמענטן זײַנען צונויפֿגעגאָסן און אַז איזאָלירן לאָזן זיי זיך, אויב דאָס איז בכלל מיגלעך, איז

---

128 איך רייד דאָ בכּיוון נאָר וועגן דעם בעל־דבֿרס אייגענער מאָטיווירונג; וואָס עס האָט אויף אַן אמת גורם געווען זײַן טווּנג ווייס ער דאָך דאָס רובֿ אַליין ניט. פֿאַרגלײַך די קאַפּיטלען 35 און 39 וועגן די מאָטיווירונגען בײַ אַן אויטאָביאָגראַפֿיע און בײַ אַ טאָגבוך.

129 אַשטייגער אין די קאַפּיטלען 6, 13, 19, 22, 27, 31, 44, 55.

נאָר דורך אַ טעאָרעטישן אַנאַליז אַחר־המעשה. עס איז ניטאָ בײַ מענטשן קיין איינס־צו־איינס־שײַכות צווישן מאָטיוו און טווּנג („דאָס און דאָס איז געשען, דעריבער האָב איך געטאָן אַזוי און אַזוי״); אַלעמאָל דאַרף מען צו דעם „דאָס און דאָס״ נאָך מצרף זײַן וועלכע עס איז פֿאַרדעמדיקע פֿאַקטן, כּדי צו פֿאַרשטיין דעם אָ מאָטיוו און די אָ סיטואַציע; און ווען מיר נעמען זיך צום פֿאַרדעמדיקן שטאַפּל, זעען מיר זיך אַרום, אַז מיר דאַרפֿן אַוועקגיין נאָך ווײַטער אויף צוריק. דעריבער איז אוממיגלעך פֿונאַנדערצוסאָרטירן די פֿאַרשיידענע „זאַצן״ פּסיכישע פֿאַקטאָרן וואָס נעמען זיך פֿון דעם מענטשנס צוגעהעריקייט צו זײַן פֿאַמיליע, צו זײַן קלאַס, צו זײַן פֿאָלק אאַז״וו.[130]

די ווײַטערדיקע עטלעכע אויסצוגן דאַרפֿן ליווערן נאָך מאַטעריאַל צו דער טעמע פּערזענלעך—כּללי.

„... עס איז געקומען דער צווייטער פֿרײַטיק צו נאַכטס, און איך בין ניט געגאַנגען צו דעם מנין ווו מײַן פֿאָטער האָט געדאַוונט, נאָר איך בין געגאַנגען דאַווענען אין בית־המדרש אַרײַן. איך בין נאָכן דאַווענען אַהיימגעגאַנגען עסן, האָט שוין מײַן פֿאָטער געהאַלטן נאָך קידוש, און ער איז זיך געגאַנגען וואַשן די שאו ידיכם. מײַן פֿאָטער האָט דערזען מײַן אַרײַנקומען אין שטוב אַרײַן, האָט ער מיט אַ בייז קול מיך געפֿרעגט: ווו האָסטו געדאַוונט, גוי? איידער איך האָב נאָך אַ וואָרט אויסגערעדט, איז מײַן פֿאָטער מיך באַפֿאַלן אַזוי ווי אַ מערדער באַפֿאַלט זײַן קרבן און מיט דעם גאַנצן כּוח וואָס ער האָט דאַמאָלסט באַזיצט האָט ער מיך אָנגעהויבן צו שלאָגן איבערן קאָפּ מיט די הענט. אפֿשר איז דאָס נאָך ווייניק געווען, האָט ער גענומען דאָס האַנטעך וואָס עס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט און מיך מיט דעם האַנטעך געשלאָגן ביזוואַן ער האָט נאָר כּוח געהאַט, און ווען כּולם האָט ער מיך אָנגענומען בײַ דער האָר און מיך אָנגעהויבן צו רײַסן, ביזוואַן איך בין געבליבן אין חלשות ליגן. מען האָב מיך אָפּגעמינטערט, האָב איך צו זיך געזאָגט: יעצט בין איך בײַ דיר אין דער האַנט, קענסטו מיך שלאָגן, וויפֿל דײַן בלוטדורשטיקער אינסטינקט פֿאָדערט פֿון דיר!!! פֿון יענעם אָוונט אָן האָב איך מיט מײַן פֿאָטער צוזאַמען בײַ איין טיש ניט געגעסן.

נאָך דער „שחיטה״ בין איך אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אויף מײַן געלעגער, און מײַנע געדאַנקען האָט זיך געענגבערט די פֿראַגע: וואָס וועט זײַן מײַן תּכלית? אַזוי זאָל איך זיך לאָזן טרעטן פֿון מײַן פֿאָטער? ניין! האָב איך בײַ זיך געטראַכט; עס טאָר אַזוי נישט זײַן! נאָך אַ גאַנצער נאַכט טראַכטענישן בין איך געקומען צו דער מסקנה: אַז קיין אַנדערן וועג האָב איך ניט ווי

... ווי וואָס מיינט איר: דערהרגענען חלילה דעם פֿאָטער? אונטערצינדן די שטוב? אַוועקגיין פֿון שטוב? ניין, דער זאַץ לייענט זיך ווײַטער בזה־הלשון:

„אַז קיין אַנדערן וועג האָב איך נישט ווי איך זאָל אָנהייבן צו „גנבֿענען״ בײַ אונדז אין געוועלב יעדן טאָג 50 גראָשן, וואָס עס וועט זיך אין דעם געוועלבל

130 זע אויבן זז׳ 125 און 170.

נישט אָנזען. נאָך דעם ווי איך וועל זיך אָנזאַמלען אַ 50 זלאָטעס, וועל איך אַריינ־טרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע „החלוץ" און אַוועקפאָרן אויף הכשרה, און נאָך הכשרה עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

עס איז אַוועקגעלאָפן אַ דריי מאָנאַטן נאָך יענעם אָוונט ווי איך בין געקומען צו דער אויבנדערמאָנטער מסקנה. איך האָב שוין געהאַט ביי 50 זלאָטעס וואָס איך האָב זיך געהאַט אָנגעזאַמלט במשך די בעסטע צייט—דאָס איז געווען הערבסט־צייט. איך בין געוואָרן אָנגענומען אַלס מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע „החלוץ" צו דער זעלבער צייט ווען איך בין אַלט געוואָרן 18 יאָר..."[131]

66. אינדיווידועלע און כללישע מאָטיוון

דאָס איז זייער אַ מאָדנע געשיכטע; ניט אַלע טאָג קומט אויס צו לייענען, אַז מענטשן זאָלן גיין אין אַן אָרגאַניזאַציע צוליב אַזוינע מאָטיוון. אָבער איך רעכן, אַז אַפילו דער שאַרפסטער געגענער פון „החלוץ" וועט ניט מיינען, אַז אויף דער אָרגאַניזאַציע פאַלט כאָטש אַ שפּרענקעלע איבער דעם. וואָרעם ווען מען זאָל גוט בודק זיין, וועט זיך געוויס אַרויסווייזן, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע פּערזענלעכע, יחידישע מאָטיוון האָבן געשפּילט אין י ע ד ע ר נ ס צושטיין צו וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציע. און עס איז אויך ניטאָ קיין ברעקל גרונד צו זיין לכתחילה סקעפּטיש וועגן דער טובה וואָס אַזאַ מין מיטגליד קען ברענגען דער אָרגאַניזאַציע. אָבער וועגן דעם אַ ביסל שפּעטער. לאָמיר נאָך פריִער אויס־הערן צוויי מיידלעך וואָס גיבן אויך איבער וועגן זייער באַציִונג צום „החלוץ". איינע שלאָגט זיך מיט דער דעה, צי זאָל זי אַריינטרעטן צי ניין, די צווייטע האָט שוין באַשלאָסן אויף יאָ. לאָמיר אָנרופן די ערשטע חנה און די צווייטע לאה; ביידע זיינען פון פּוילן. די ערשטע איז אַ ביסל נאַיִווער אין אירע פאָרמולירונגען, אָבער קיין גרויסע נפקא־מינה צווישן זיי ביידן איז ניטאָ.

חנה שרייבט:

„...איצט [אַרבעט] איך שוין צוויי יאָר און [אַרבעט] שוין זייער גוט. אָבער ביי אונדז אַ מיידל זאָל קענען נאָך בעסער ווי די מייסטראָווע אַליין, איז שווער צו קריגן געלט. און דאָס איז דער קלאָג, וואָס מען קען די אַרבעט. איך קריג שוין עפּעס געלד, אָבער נאָך ווייניק אויף טאַשנגעלט, וואָס ביי היינטיקער צייט אַ מיידל, אַפילו אַזאַ ווי איך, דאַרף האָבן. און איך אַרבעט, איך וועל זיך פאָרט דערלערנען די אַרבעט, ווייל ביי קיין רייכע עלטערן בין איך ניט; זאָל איך קענען אַ פאַך. דורך דער צייט איז ביי אונדז פון שטוב מיין עלטערע שוועסטער אַוועק אין אַ קיבוץ. ווייל זי איז געווען אַ חלוצה און זי האָט זיך באַקענט מיט אַ פיינעם יינגל, און זיי זיינען געקומען ביי אונדז און ספּעציעל חתונה געהאַט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. און זיי זיינען אַוועקגעפאָרן, און מיין שוועסטער שרייבט פון דאָרטן זייער גוטע בריוו. זי האָט טאַקע געטראָפן דעם אמתן אָרנטלעכן מענטשן, און גראַדע ניט קיין

131 אויטאָביאָגראַפיע נומ' 252 (פון אַ בחור פון קאָנגרעס־פּוילן), זז' 61—62.

אָרעמען. ער האָט נאָך אויסגעהאַלטן רייזע־קאָסטן פֿאַר איר אויך, און איצט לעבן זיי אויך זייער צופֿרידן.

דורך דעם וואָס זי האָט גוט דורכגעמאַכט, שרייַבט זי צו מיר אויך, אַז איך זאָל אויך זייַן איינגעשלאָסן אין אַ פּאַרטיי. און ווען זי האָט מיר געשריבן וועגן דעם, איך זאָל קערן צו [אַן] אָרגאַניזאַציע, האָב איך ניט געקענט אַרייַנטרעטן אין החלוץ, ווייַל איך בין נאָך צו יונג געווען. בין איך איצט אין... און איך בין זייער אַן איבערגעגעבענע חבֿרה. אין די צייַטן דאַרף איך איבערגייען אין החלוץ, און עס קען זייַן, אַז מיט דער צייַט זאָל איך קענען צוקומען אַזוי ווי מייַן שוועסטער. ווייַל פֿאַר אונדז, די יונגע מענטשן, איז קיין אַנדער צוועק ניט, ווי פֿאַרלאָזן די היים און זען אַ צוועק פֿון זיך.

איצט פֿאַרברענג איך מייַן צייַט אין אַרבעט, אָדער ווען איך האָב צייַט לייען איך די צייַטונג... און נאָך פֿאַרשיידענע פּאָליטישע ביכער. יעצט בין איך מיט מייַן לעבן זייער צופֿרידן, ווייַל איך האַלט אויף אַ בעסערן צוקונפֿט, און צו דעם גיט מיר צו מוט מייַן שוועסטער מיט אירע גוטע בריוו, און דאָס גלייַכן זע איך די צופֿרידנקייט פֿון מייַנע עלטערן, וואָס זיי האָבן מיט דער עלטסטער טאָכטער גוט אויסגעפֿירט." 132

עס רעדט זיך דאָ וועגן ארץ־ישראל, וועגן „החלוץ" און וועגן נאָך אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר האָבן זי, פֿון (אפֿשר אַן איבערגע־טריבענער) איידלקייט וועגן, ניט פֿורש בשמה געוועזן. דאָס זייַנען אַלץ קאַטעגאָריעס, מיט וועלכע מיר זייַנען איינגעוווינט זיך צו באַגעגענען בייַם באַטראַכטן געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַקטן. אָבער דאָס וואָס מיר לייענען דאָ אין די ניכטערע אויסרעכענונגען פֿון דער אָקאָרשט דערוואַקסענער מיידל איז, לויט אונדזערע באַצייכענונגען, אַ ריין **אינדיווידואַליסטישער** צוגאַנג צו זאַכן. און איך בין משער, אַז די שרייַבערין אַליין שפּירט דאָס גאָרניט; זי איז אַפֿנים איבערצייַגט, אַז דאָס וואָס זי רעדט איז ציוניזם.

די צווייטע מיידל, לאה[133], נאַרט זיך ווינציקער; זי דערציילט ניט וועגן זיך, אַז זי איז „זייער אַן איבערגעגעבענע חבֿרה".

„... אין דערהיים עצהט מען מיר, איך זאָל פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע. דאָס הייסט, אַז איך דאַרף אַרייַנטרעטן אין ‚החלוץ'... יעדערער וואָס פֿאָרט אין אָרץ שרייַבט באַגייַסטערטע בריוו. גוט, אָבער וויהין איך זאָל ניט פֿאָרן, מוז איך האָבן אַ ציל פֿאַר די אויגן ווי אַ פֿאַך אין האַנט. מייַנע ידיעות און קענטעניש [די שרייַבערין האָט אַ פּוילישע גימנאַזיאַלע מאַטורע] וועלן ניט געפֿינען קיין אָנווענדונג אין פּאַלעסטינע.

לאָמיר זאָגן, אַז איך וועל גיין נאָך די עלטערנס עצה. איך וועל אַרייַנטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע. נאָך אַ יאָר אָדער מער וועט מען מיך שיקן אויף הכשרה, וווּ איך וועל שווער אַרבעטן פֿיזיש האָב איך קיינמאָל ניט געאַרבעט. ס'איז הייסט

---

132 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 84, זז' 34–36.

133 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 201.

עס אומגליקלעך, איך זאָל דאָס קענען אויפֿטון. טאָ צו וואָס זאָל איך אָפּנאַרן זיך און אַנדערע? נאָר ווי עס איז וועט שווין זײַן. איך וועל דורכגיין הכשרה אויך. איך האָב אָפּגעלייגט אַ ביסל געלט. איך וועל קריגן אַ סערטיפֿיקאַט און אַוועק־פֿאָרן אין פּאַלעסטינע.

אין ארץ בלײַבט מיר נאָר איבער צו אַרבעטן אין אַ קיבוץ. צי וועל איך אין דער פֿיזישער אַרבעט קענען פֿאַרגעסן וועגן די באַדערפֿענישן פֿון גײַסט? צי וועל איך געפֿינען גוטע פֿרײַנד צווישן די אַרבעטנדיקע מענטשן? איך ווייס, ווי אַזוי מענטשן וואָס אַרבעטן פֿיזיש באַציִען זיך צו „אינטעליגענטקעס". נאָך אַזוי פֿיל יאָרן אָפּקומעניש, ווען איך וועל זיך שוין ענדלעך אײַנשאַפֿן אַ פּאָזיציע, וועט זײַן פֿאַר מיר צו שרעקלעך, אַז די מענטשן וואָס אַרבעטן מיט מיר צוזאַמען זאָלן מיך ניט פֿאַרשטיין און זיך באַציִען צו מיר פֿײַנדלעך.

איך רעכן אָבער, אַז איך וועל פֿאָרט אַזוי טון, כאָטש איך בין ניט צוגע־וווינט צו פֿיזישער אַרבעט. אפֿשר וועט די אַרבעט מיך אַ ביסל איבערפֿורעמען. איך מוז צונויפֿנעמען די כּוחות, כּדי גובֿר צו זײַן אַלע שוועריקייטן. און מיט מענטשן דאַרף מען זיך קענען באַגיין.

איך וועל דאָס טון ניט פֿון אידעיִשע טעמים וועגן, ניט לטובֿת הכּלל, נאָר דערפֿאַר ווײַל איך האָב ניט קיין אַנדער ברירה. דאָ, ווייס איך פֿון אָנהייב אָן, קען איך ניט האָבן קיין שום האָפֿענונג אויף אַ בעסערן מאָרגן. אויב איך וועל דעם טריט ניט מאַכן, וועל איך תּמיד האָבן צו זיך די טענה, אַז איך האָב זיך דערשראָקן פֿאַר די מניעות און שוועריקייטן פֿון לעבן. איך וויל ניט פֿאַראַכטן זיך אַליין פֿאַר אַרויסגעוויזענער פּחדנות. דאָס לעבן טראָגט אַמאָל אונטער דעם מענטשן גרויסע מיגלעכקייטן אויך. מען דאַרף זיי אויסניצן, וואָרעם די צײַט גייט אַוועק."[134]

וואָס קענען מיר אַרויסדרינגען פֿון דעם פֿראַגמענט, בשעת מער ווי דאָס ווייסן מיר ניט וועגן דער שרײַבערין? זי זאָגט דאָך, אַז זי לייענט בריוו פֿון ארץ־ישׂראל; אויב אַזוי, האָט זי געוויס אויך געהערט די באַגײַסטערטע גרוסן וועגן די וווּנדערבאַרע מענטשלעכע באַציִונגען אין די ארץ־ישׂראלדיקע קאָלעקטיוון. אָבער אָנשטאָט דעם, אַז דאָס זאָל אויף איר ווירקן, טראַכט זי גאָר וועגן דעם סקאַרבאָוון ווידעראַנאַנד אַרבעטער—אינטעליגענט. פֿאַר מיר איז קלאָר: זי האָט מורא פֿאַר מענטשן. זי וואָלט מער נוטה געווען צו אַן אויטיסטישער אָדער עגאָצענטרישער פֿאַרענטפֿערונג פֿון אירע לעבנס־פּראָבלעמען. דערויף זאָגן עדות אירע קווענקלענישן און איר קלאַמערן זיך פֿאַר אַלגעמיינע סענטענצן: מען מוז צונויפֿנעמען די כּוחות, מיט מענטשן דאַרף מען זיך קענען באַגיין, אַ מענטש טאָר ניט זײַן קיין פּחדן, מען דאַרף אויסניצן מיגלעכקייטן. אַזוינע רייד הערט מען ס'רובֿ גראָד פֿון מענטשן וואָס זײַנען ניט אין שטאַנד אויסצופֿאָלגן די כּללים.

134 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 201, זז' 40—41.

אונטערן דרוק פֿון וועלכע עס איז פסיכישע כּוחות (צי נאָר די השפּעה פֿון דער שטוב?) האָט לאה זיך פֿאָרט פֿאַרנומען אויף ארץ־ישׂראל, וואָס דאָס אַסאָציִרט זיך בײַ אונדז מיט געזעלשאַפֿטלעכע מאָטיוון.

אָבער בנוגע די ביידע מיידלעך, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט, איז די אַסאָציאַציע אַ פֿאַלשע. בײַ חנהן האָט זיך אין דעם ארץ־ישׂראל־לבֿוש אָנגעטאָן אַ ריין אינדיווידואַליסטישע רעאַקציע. ביי לאהן וועט אפשר פֿאָרקומען אַן אינדי־ווידואַליסטישע רעאַקציע, נאָר עס קען זײַן, אַז זי וועט פֿון ארץ־ישׂראל רעזיגנירן און אַוועק אויף עפּעס אַן עגאָצענטרישן וועג. כּדי צו ווײַזן, אַז דאָס איז מיגלעך, לאָמיך פֿאָרשטעלן פֿאַר אײַך נאָך אַ דריטע מיידל; לאָמיר זי אָנרופֿן שׂרה. אַן אויסגעשטודירטער דאָקטאָר מעדיצין מיט אַן אומגליקלעכער ליבע, איז איר געוואָרן שווער ניט איבערצוטראָגן דאָס לעבן צווישן אירע אייגענע אין פּוילן און זי איז אַוועק קיין ארץ־ישׂראל. איצט איז זי אַ דאָקטאָר און אַ קראַנקן־שוועסטער און אַ קעכין און וואָס מען דאַרף נאָר אין אַ קבֿוצה. קיין „אינדיווידיאַליסטישן" רעזולטאַט האָט איר ארץ־ישׂראל ניט געבראַכט; פֿאַר איר איז ארץ־ישׂראל דער „דורכפֿירער" (דעם טערמין לײַ איך פֿון דער לערע וועגן עלעקטריע) פֿון אַן עגאָצענטרישער רעאַקציע.

היוצא מדבֿרינו: דער זעלבער אָביעקט קען זײַן אַ „דורכפֿירער" אי פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכער, אי פֿון אַן אינדיווידואַליסטישער, אי פֿון אַן עגאָצענטרישער רעאַקציע.

67. טענות צו די „קאַריערׅיסטן"

נאָך איין בילד אַזאַ; ניט די האַנט פֿון אַ גוטן פֿרײַנד האָט דאָס געצייכנט, אָבער זאָל דאָס פֿון אונדז ניט פֿאַרשטעלן דעם אײַנדרוק, אַז דאָס איז געצייכנט פֿון דער נאַטור.

„... אין יענער צײַט האָט מען פֿון אַלע זײַטן גענומען שטראָמען אין „החלוץ" אַרײַן. ווינטער פֿון יאָר 1933 איז דאָ בטל געוואָרן דער „צוקונפֿט", און מ'האָט גענומען לויפֿן — די אין „החלוץ" און די צו די רויטע.[135] איינער אַ רויטער איז אויך אַריבער אין „החלוץ". דאָס איז געווען מײַן אַלטער באַקאַנטער... אויפֿהערנדיק זיך צו לערנען בײַ... איז ער געוואָרן אַ... און געוואָרן אַ חבֿר פֿון „פֿרײַהייט". אָפּגעווען אַ שטיקל צײַט אין „פֿרײַהייט", איז ער עפּעס משוגע געוואָרן און אַריבער אין בונד. אין בונד האָט ער לאַנג ניט אײַנגעזעסן און איז געוואָרן אַ טוער אין

135 מיט צוויי יאָר פֿריִער איז געווען אַ דראַנג פֿון ציוניזם צו די רויטע. ישׂראל כּהן, אַ טוער פֿון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע גורדוניה, האָט געשריבן אין „אונזער קינד" וואַרשע, IV (1931), 10, ז' 418: „מיר שטייען פֿאַר אַ פֿאַקט פֿון אַ עקסטרעמער ראַדיקאַליזאַציע אין דער ציוניסטישער יוגנט, וועלכע רײַסט אָפּ פֿון אונדזער קערפּער אַלץ נײַע אבֿרים. ס'זײַנען פֿאַראַן יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, בײַ וועלכע דאָס פֿאַרלאָזן די רייען פֿון דער ציוניסטישער אָרג' איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוויינלעכע [ר] ערשײַנונג". די פֿאָרשונג פֿון אונדזער יוגנט דאַרף אַרומנעמען אויך דעם דאָזיקן צופֿלוס און אָפּפֿלוס פֿון ראַדיקאַליזם.

דער קאָמ׳ פּאַרטיי. ער וואָלט געוויס געבליבן אין דער קאָמ׳ פּאַרטיי, ווען ניט זײַן שווערע מאַטעריעלע לאַגע. ס׳איז פֿאַר אים ניט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי צו עמיגרירן, און צוליב דעם איז ער שוין אַפֿילו געווען גרייט אַרײַנצוטרעטן אין ביתר... מ׳האָט אויף אים רחמנות געהאַט... צו פֿאָרן האָט אים אויסגעפֿעלט געלט און ער האָט זיך שוין געוואָלט הענגען... האָט מען אים אונטערשטיצט, און אים איז נאָך פּסח געלונגען זיך אַריבערצופּעקלען קיין ארץ־ישראל. דאָס איז אַ פּשוטע געשיכטע פֿון אַ ייִדישן יוגנטלעכן וועלכער וואָלט דאָ געוויס באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווען ניט ארץ־ישראל. פּראָסט־פּשוט: פֿאַר אַ גרויסן טייל פֿון דער ייִדישער יוגנט איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ. דאַן, ווינטער 1933 יאָר, איז דער „החלוץ“ געוואַקסן ווי אויף הייוון. פֿון 30 חח׳ איז געוואָרן 50, דערנאָך 70...“

ווען אונדז וואָלט אינטערעסירט דער פּריוואַטער שיקזאַל פֿון דעם אַ יחיד, וואָלטן מיר געקענט פֿרעגן, פֿאַר וואָס ער איז ניט אַוועק, ווי הונדערטער אַנדערע אין יענעם יאָר 33/1932, קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אָבער פֿאַר אונדזער פּראָבלעם האָט דאָס ניט קיין ממשות. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיטן פֿאַקט, ווי ער ווערט אונדז איבערגעגעבן.

געטרײַע חלוצים פֿונעם אַלטן שניט, די וואָס געדענקען די העראָישע צײַט פֿון דער באַוועגונג, זײַנען אויסער זיך פֿון דעם, וואָס עס האָט זיך צו זיי אַרײַנגעריסן אַזאַ „קאַריעריסטישער“ עלעמענט. אַ בחור גיט איבער זײַנע אײַנדרוקן:

„...צוקוקנדיק זיך צום עלעמענט, פֿון וועלכן דער „החלוץ“ באַשטייט און באַזירט, האָב איך באַשטימט בײַ מײַן גאַנצן יונגן פֿאַרשטאַנד, אַז דער רובֿ מנין און רובֿ בנין פֿון החלוץ וויל נישט „עולה“ זײַן אין ארץ־ישראל, נאָר פּראָסט פּשוט עמיגרירן קיין „פּאַלעסטינע“, אום בכדי זיך אײַנצואָרדענען און מאַכן די זעלבע געשעפֿטן ווי אַמאָל דער פֿעטער מנחם־מענדל אין אַמעריקע, מיטן אונטערשייד וואָס דאָ גייט אַזאַ מין חלוץ אונטער אַ מאַסקע, אונטער די פֿליגלען פֿון דער „החלוץ“־אָרגאַניזאַציע, וואָס מאַרטירער האָבן איר געבויט.

און נאָך צען מאָל מער מעלות האָט דער נאָמען חלוצה פֿאַר מיידלעך (פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט פֿאַר אַלע). עלטערן זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן פֿון דאגות בנות. „פּרו ורבו בנות בישראל“. פֿאַר אײַך איז אַ וועלט. מ׳דאַרף זיך שוין ניט ערנידעריקן און פֿאַלן צו די פֿיס דעם פֿעטער אין אַמעריקע, ער זאָל שיקן טויזנט דאָלאַר (די וואָס ער האָט יעצט ניט), אויב נישט ווערן נעבעך מיידלעך וואָס וואָלטן געווען גוטע מאַמעס פֿאַרזעסן. יעצט פֿאַר איינע פֿופֿציק, הונדערט דאָלאַר פּטר איך אַראָפּ אַ מיידל. אַזוי האָב איך פֿאַרשטאַנען די פּסיכאָלאָגיע פֿון די עלטערן, בעלי־בתים. אין קורצן: די מערהייט חלוצים—ות זײַנען ניט געגאַנגען אין די רייען פֿון החלוץ און אויך דערנאָך נישט געקומען צום באַוווּסטזײַן פֿון אַן אמתער אָנשווירונג [פֿון] חלוצישער ווירקלעכקייט...“[136]

136 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 141, ז׳ 32.

אָנגענומען אויף אַ רגע, אַז דער שרײַבער איז גערעכט אין זײַן פּעסימיזם און אַז טאַקע „די מערהייט חלוצים—ות״ זײַנען געקומען אין דער אָרגאַניזאַציע אַרײַן פֿון אויסרעכענונג וועגן—צי איז דאָס אַזאַ טרויעריקער פֿאַקט פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע? איך מיין, אַז ניט. אויב מיר האָבן זיך צו עפּעס דערוועגן ווען פֿילאָזאָפֿישער באַדינגטקייט, מוזן מיר דאָך דערפֿון אָפּלערנען, אַז „הויך״ צי „נידעריק״ (אויב מיר ווילן מאָראַלישע קוואַליפֿיקאַציעס) אָדער אינדיווידואַליסטיש צי געזעלשאַפֿטלעך קענען זײַן די טווּנגען פֿון מענטשן, אָבער אַז די מאָטיוון זייערע לאָזן זיך ניט קוואַליפֿיצירן לויט אַזוינע סימנים. און וואָס שייך דעם אונטערשייד אין דער מאָטיווירונג וואָס דער מענטש גופֿא גיט, קען מען זיך אפֿשר דערלויבן צו זאָגן, אַז זײַן אייגענע געזעלשאַפֿטלעך-אידעאַליסטישע ראַציאָנאַליזאַציע איז נאָך גאָרניט קיין ערבֿות, אַז ער וועט מקריבֿ זײַן זײַן פּריוואַט-אינטערעס פֿאַרן כּלל. אין שטעל זיך אַפֿילו אײַן צו טראַכטן: אַזאַ „אידעאַליסט״ וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דער באַוועגונג פֿון ריינער ליבע, קען אַמאָל חלילה ווערן אויס אידעאַליסט און לעבן אַ גוטן טאָג אויפֿן חשבון פֿון דער פּאַרטיי-קאַסע; און פֿאַרקערט אַ צווייטער, הגם ער איז געוואָרן אַ פּאַרטיי-פֿונקציאָנאַר נאָר דערפֿאַר ווײַל ער איז געבליבן אָן אַ שטעלע, קען זיך גאָר אויף אַזוי פֿיל אַרײַנציִען אין דער אַרבעט, אַז ער זאָל ווערן פֿון די נוציקסטע מענטשן אין דער פּאַרטיי. הערט זיך דעריבער ניט אײַן אַזוי שטאַרק אין די ראַציאָנאַליזאַציעס וואָס אַ מענטש גיט אײַך אויף, קוקט אויף דעם וואָס ער טוט.

איין „אָבער״ איז דאָ פֿאַראַן פֿאַרשטייט זיך: דער כאַראַקטער פֿון אַ פּאַרטיי ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמאַציע איז אין פֿאַרשיידענע צײַטן (אָדער אין פֿאַרשיידענע לענדער) פֿאַרשיידן. ממילא קען ניט יעטווידער פּאַרטיי אין יעטווידער צײַט דינען ווי אַ „דורכפֿירער״ פֿאַר אַלע מיני רעאַקציעס. ווען מיר נעמען למשל די תּקופֿה פֿון פֿאַר 1905, האָט קיין איין פּאַרטיי בײַ ייִדן ניט געהאַט וואָס צו געבן פּראַקטיש אירע מיטגלידער, און דער אונטערשייד צווישן זיי—איך לאָז אין אַ זײַט די אידעאָלאָגיעס—איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס צו טייל פּאַרטייען איז געווען געפֿערלעכער צו געהערן איידער צו אַנדערע, אָדער וואָס אין טייל פּאַרטייען איז געווען מער „געמיט״ איידער בײַ אַנדערע. אויב אַזוי, האָבן אינדיווידואַליסטישע רעאַקציעס ניט געקענט גיין אויפֿן וועג פֿון פּאַרטייִשער צוגעהעריקייט. בײַ הײַנטיקן טאָג, ווען עטלעכע באַוועגונגען זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן וועג פֿון פֿאַרווירקלעכונג (געגענער וועלן אפֿשר זאָגן: פֿון כּמו-פֿאַרווירקלעכונג), שאַפֿט זיך אַזאַ דיפֿערענצירונג, אַז דורך טייל פּאַרטייען זײַנען שוין מיגלעך אינדיווידואַליסטישע רעאַקציעס אויך. אויב מיר וועלן פֿאַרגלײַכן אין דער ערשטער העלפֿט 1935 אַשטייגער ציוניזם און טעריטאָריאַליזם, אָדער קאָמוניזם און בונדיזם, איז ניט שווער צו דערקענען, וועלכער טייל פֿון די דאָזיקע צוויי פּאָרן קען גיכער זײַן אַ דורכפֿירער פֿאַר אינדיווידואַליסטישע רעאַקציעס. געווייינטלעך באַשליסט דאָס ניט וועגן דעם, וועלכע פּאַרטיי עס איז „גערעכט״, און געוויס מיינט דאָס ניט, אַז אויב אַ פּאַרטיי קען געבן אירע

מיטגלידער מאַטעריעלע גליקן, זײַנען אַלע אירע מיטגלידער טאַקע געקומען בכדי עפּעס פֿון דער פּאַרטיי צו געניסן.

מיט דעם לעצטן „אָבער“ האָבן מיר זיך פֿאַרקערעוועט אויף אַ נײַעם וועג. נאָך דעם ווי מיר האָבן פֿעסטגעשטעלט, וואָס פֿאַר אַ פּלאַץ פּאַרטיי פֿאַרנעמט אין לעבן פֿון אונדזער יוגנט, האָבן מיר אַלץ גערעדט וועגן פּאַרטיי סתּם, ניט צו מאַכן קיין אונטערשייד צווישן דער אָדער יענער פּאַרטיי. מיר האָבן געוואָלט פֿריִער אַרויסאַרבעטן יענע שטריכן וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פּאַרטייער בכלל. איצטער האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן דערויף, אַז די צוגעהעריקייט צו פֿאַרשיידענע פּאַרטייען קען באַפֿרידיקן *פֿאַרשיידענע* פּסיכישע פֿונקציעס. דאָס קען הייסן, אַז אַ יוגנטלעכער, וואָס צוליב דער סטרוקטור פֿון זײַן פּערזענלעכקייט בענקט ער דווקא נאָך חבֿרשאַפֿט, זאָל זיך אויסקלײַבן אַ פּאַרטיי, וואָס זי האָט ניט קיין פּראַקטישע גוטיקייטן אין איר רשות, און ממילא איז דער עלעמענט פֿון חבֿרשאַפֿט, פֿון „אָפּקומען אין איינעם“, אין איר שטאַרקער פֿאַרטראָטן. אָדער לאָמיר געמען אַ יוגנטלעכן, וואָס זײַן מוטער איז געשטאָרבן און ער קען זיך ניט באַפֿרײַען פֿונעם געפֿיל, אַז ער האָט איר ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל צערטלעכקייט, וויפֿל זי האָט פֿאַרדינט. אונטער געוויסע אומשטאַנדן[136] קענען אַזוינע שולדגעפֿילן פֿירן צו אַ שווערן נעווראָז. אָבער עס קען אויך געמאָלט זײַן, אַז דער בעל-דבֿר זאָל בלײַבן אינעם גבֿול פֿון *געזעלשאַפֿטלעכע* רעאַקציעס, מערניט די שולדגעפֿילן זאָלן אים ברענגען דערצו, אַז פֿון אַ פּאַרטיי וואָס שמייכלט צו אים מיט דער פּערספּעקטיוו פֿון אַ באַקוועמען לעבן זאָל ער אַריבערגיין אין אַ פּאַרטיי וועלכע פֿירט אין תּפֿיסה אַרײַן.

68. מען בײַט פּאַרטייען: פֿון רעכטס אויף לינקס

אויבן אויפֿן פּאָליטישן שפּיץ באַרג, ווּ די פֿירער פֿון די פּאַרטייען קעמפֿן אַרום אידעאָלאָגיעס, דוכט זיך אויס, אַז צווישן די פֿאַרשיידענע לאַגערן איז אַ ברייטער און טיפֿער תּהום ניט אַריבערצושפּרײַזן. אָבער וואָס מער מען לאָזט זיך אַראָפּ אין דער נידער, אַלץ מטושטשער ווערט דער אונטערשייד, און דער תּהום פֿאַרשמעלערט זיך ביז אַ קליין גראָבנדל וואָס מען קען נעמען מיט איין שפּרונג. צוליב וואָס מאַכט דער אָ יחיד דעם שפּרונג אַהין אָדער צוריק? דערויף וואָלט מען יעדער מאָל באַדאַרפֿט אַ גרונטיקע פּסיכאָלאָגישע אויסגראָב-עקספּעדיציע; אָבער אַז ניט די אידעאָלאָגיע איז דאָ מכריִע בדרך-כּלל, מעגן מיר שוין אפֿשר זאָגן אויפֿן סמך פֿון אונדזערע ביזאיצטיקע באַטראַכטונגען.

איך וועל ניט קאַרגן קיין פּלאַץ אויף אויסצוגן, וואָרעם עס איז דאָך ניטאָ קיין אַנדער מקור וווּהין אָפּצושיקן; וועגן די אַלע זאַכן רעדט מען דאָך גאָרניט בײַ אונדז.

---

137 לאָמיר זיך דערמאָנען ד״ה ענלעכן פֿאַל מיט פֿרוידס פּאַציענטין עליזאַבעט פֿאָן ר., זע אויבן זז׳ 230—231.

פֿאַראַן אַ געוויסער צושטאַנד פֿון „דיפֿוזער" זוכעניש, ווען מען וויל עפּעס, נאָר וואָס מען וויל ווייס מען ניט. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די ווײַטערדיקע צוויי ציטאַטעס.

אַ בחור פֿון מיזרח־גאַליציע:

...„בימים ההם — בין איך געווען קראַנק אויף די חבלי לידה פֿון אַן אידעאָלאָגיע־זוכעניש; כ׳בין געווען דאַמאָלסט שטאַרק ראַדיקאַל געשטימט, אָבער כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס צו באַקעמפֿן און וואָס צו פֿאַרלאַנגען..."[138]

אַ בחור פֿון אַ קילאָמעטער 500 ווײַטער אויף צפֿון:

...„די לעצטע יאָרן האָבן... מיט זייערע געשעענישן אַרײַנגעבראַכט מיר אין אַזאַ כאַאָס, אַז איך ווייס אַליין ניט וואָס איך וויל. יעצט זיץ איך און קוק זיך אײַן אין מײַן פֿאַרגאַנגענהייט, ווי גליקלעך בין איך דאַן געווען, ווען איך האָב פֿון קיין זאַך ניט געוווּסט. יעצט גיי איך אַרום און זוך און זוך אַליין וואָס איך וויל. איך קלער און טראַכט, וואָס איז מיט מיר, ווו געפֿין איך זיך און וועלכע זאַך וואָלט מיר יע באַפֿרידיקט, אָבער איך קען דאָס ניט דערטאַפּן, עס איז צעמישט, אַלעס צעדרייט, איך ווייס אַליין ניט וואָס איך וויל. איך קעמף מיט זיך אַליין אויף דעם."[139]

פֿון אַזעלכע פּסיכישע צושטאַנדן אַרויס קען מען בײַ געוויסע אומשטאַנדן זוכן אַן אָנהאַלט אין דעם קולטור־פֿורעם פּאַרטיי. און אַז עס באַפֿרידיקט ניט, זוכט מען אַ צווייטע פּאַרטיי. וועלכע? דאָס ווייסן מיר ניט, פֿאַראַן פֿאַרשיידענע מאַרשרוטן.

אָט איז איין מאַרשרוט: פֿון די רעוויזיאָניסטן צו די לינקע פּועלי־ציון, מיט אַ קורצן צווישנאָפּשטעל בײַם מיזרחי. אַ לאַנגע באַשרײַבונג, אָבער ס׳איז אַ שאָד צו קירצן, וואָרעם אַזאַ מין אוממיטלבאַרקייט באַגעגנט מען ניט אָפֿט.[140]

„מײַן געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרגאַנגענהייט. מײַן ערשטער גאַנג איז געווען צום „ברית טרומפּלדור". זײַן אידעישע זײַט האָב איך בכלל ניט געוווּסט. גרייענדיק מיט חברים האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווו ס׳קומען זיך צונויף יינגלעך און מיידלעך און מען מאַכט מושטערעס. איך בין דאָרט אַהינגעגאַנגען. האָב איך געטראָפֿן אַ לאָקאַל גרויס ווי אַ גענעק, און אויף דער וואַנט הענגען פֿאַרשיידענע בילדער ווי זשאַבאָטינסקי, הערצל, נאָרדוי א״אַנד. ס׳האָט מיר זייער אימפּאָנירט. דער קאָמענדאַנט איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ בלוזע מיט אַ פּאַסיק, און די אַנדערע יינגלעך האָבן אים באַגריסט מיטן אויסרוף „תל־חי". כמעט יעדן טאָג האָט דער קאָמענדאַנט אויסגעשטעלט די ביתרים אין דער ריי און האָט מיט זיי געזונגען „התקוה".

138 אויטאָביאָגר׳ נומ׳ 138, ז׳ 19.

139 אויטאָביאָגר׳ נומ׳ 121, ז׳ 399.

140 אויטאָביאָגר׳ נומ׳ 186 (פֿון אַ בחור פֿון אַ גרעסערער שטאָט אין קאָנגרעס־פּוילן), ז׳ 9—11.

אָבער לאַנג פֿרייען זיך מיט דער אָרג׳ האָב איך זיך נישט [געקענט], ווײַל מײַן מאַמע האָט געוואָלט, אַז כ׳זאָל זײַן רעליגיעז... איינמאָל בעת דער פֿאָן־אַנטהילונג וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין דער אַלג׳ ציוני׳ אָרג׳, וועלכע דער לאָקאַל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, איז מײַן מאַמע אַרויפֿגעקומען צו מיר אין דעם ציוני׳ לאָקאַל און מיך געגעבן אַ נעם בײַם אָרעם און אַ זאָג געטאָן בקול רם: „גייסטו אַהיים צי נישט!״ מען קען זיך פֿאָרשטעלן מײַן דאַמאָלסטיקע לאַגע. כ׳האָב נישט געוווּסט, אויף וועלכער וועלט כ׳בין...

פֿאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב באַלד פֿאַרלאָזט דעם לאָקאַל און כ׳בין אַוועק אַהיים. אין דער היים האָב איך צעבראָכן אַלץ וועלכע [!] ס׳איז מיר געקומען אונטער דער האַנט. און איך געדענק, ווי מײַן טאַטע האָט געזאָגט דעמאָלט צו דער מאַמען: „ווילסט נישט, אַז דײַן זון זאָל זײַן אַ ציוניסט, וועט ער שפּעטער זײַן אַ קאָמוניסט״...

נאָך דער פּאָרציע בין איך ווײַטער געווען אַ ביתרי, נאָר געהיים: אָבער נישט לאַנג.

איך בין שפּעט[ער] אַרײַנגעטרעטן אין „סיני״ (מיזרחי). אָבער כ׳האָב ניט געהאַט קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אַ רעל׳ יוגנט־אָרג׳, כ׳האָב גיכער געפּילט אַ שׂינאה צו רעליגיע. זײַענדיק עטלעכע וואָכן דאָרט בין איך אַרויסגעטרעטן. אין דער היים האָט מען מיך געוואָלט צווינגען צו זײַן אין „מיזרחי״, אָבער אָן דערפֿאָלג.

איינמאָל גייענדיק אין גאַס מיט חבֿרים האָב איך געהערט זינגען פֿון אַ פֿענצטער. זאָגט איין חבֿר צו מיר: קום אַרויף, וועלן מיר הערן זינגען. בין איך אַרויפֿגעגאַנגען. האָב איך געזען יינגלעך און מיידלעך אָפּגעריסענע זיצן אויף לאַנגע בענק און זינגען לידער. אויף דער וואַנט איז קיין בילדער ניט געהאַנגען, נאָר איין לאַנג בילד, אַ מענטש מיט אַ רבישער באָרד (קאַרל מאַרקס). די יינגלעך זײַנען געזעסן אָן היטלען, און די שטוב איז פֿול געווען מיט אַזעלכע אָפּגעריסענע יינגלעך. איין יינגל גייט צו מיר צו און זאָגט: „חבֿר, זעצט אײַך״. אַ וואַרעמקייט איז מיר אַדורך, ווען דער יונגער חבֿר האָט זיך געוואָנדן צו מיר, אַז כ׳זאָל זיך זעצן.

כ׳האָב זיך געזעצט, אויסגעטאָן ס׳היטל און געקוקט ווי זיי זינגען. כ׳האָב אויפֿגעכאַפּט עטלעכע ווערטער ווי:

„עס זאַמלען זיך, עס זאַמלען זיך יונגע באַראַכאָוויסטן,
עס זאַמלען זיך, עס זאַמלען זיך פֿון נאָענט און פֿון ווײַט...״

כ׳האָב געפֿרעגט אַ יינגל, וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי דאָס איז, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דער „יונגבאָר״ (לינקע פּ״צ). נאָך דער לעקציע איז צוגעקומען צו מיר אַ יונגערמאַן און בריִלן און געגעבן מיר די האַנט. כ׳האָב זיך פֿאַרדרייטלט. היתּכן, געבן אַ יינגל אַ האַנט...? ר׳האָט זיך מיט מיר אַדורכגעשמועסט און געהייסן קומען אויפֿן צווייטן טאָג. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אויפֿן צווייטן טאָג בין איך געקומען...״

בײַם בית״ר האָבן אימפּאָנירט די בילדער אויף די ווענט, דער קאָמענדאַנט מיטן פּאַסיק; בײַם יונגבאָר איז געווען נאָר איין בילד, אָבער אַ ייִנגל האָט געזאָגט „חבֿר" און געאירצט. דער יונגערמאַן אין ברילן האָט געגעבן אַ האַנט. די שׂינאה צו דער רעליגיע (פֿונוואַנען זי וואַקסט, ווייסן מיר ניט) איז בלי שום ספֿק געשטאַרקט דורך אַ דערווידער צו דער שטוב וואָס וויל דעם ייִנגל דווקא אַרײַנשטופּן אין „סיני"... ווי ווײַט איז דאָס אַלץ פֿון יענע ראַציאָנאַליזאַציעס, וואָס מיר באַגעגענען אין דער פּאַרטייִשער ליטעראַטור!

אַ צווייטער מאַרשרוט: בונד—רעכטע פּועלי־ציון—„רויטע". ווידער מוז געמאַכט ווערן די באַוואָרעניש: שרײַבן שרײַבט דאָס ניט קיין גוטער פֿרײַנד. אָבער פֿאַר אונדז זײַנען וויכטיק ניט זײַנע אויסדרוקן און זײַנע געגנדזונפּיסלעך, נאָר די פֿאַקטן, וואָס זיי ווײַזן אויס צו זײַן אין גאַנצן גלייבווערדיק.

„...אין דער אמתן איז דער „פֿירער" פֿון די היגע רויטוואַרג אַ בחורל וועלכער באַנעמט אַלץ איבערפֿלעכלעך, און אַ ביסל אַ טיפֿערן פּראָבלעם הייבט ער ניט אָן צו פֿאַרשטיין. אַ גרויסער היצקאָפּ און ישיבֿה־בחורישער דרייקאָפּ. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין קאָמיטעט פֿון „י. ב. צוקונפֿט". איז עפּעס צעדרייט געוואָרן און האָט אַרײַנגעטראָטן אין „פֿרײַהייט". ס'איז כּדאַי איבערצוגעבן זײַן בריוו צום „פֿרײַהייט"־קאָמיטעט, ווײַל דער בריוו. שפּיגלט אָפּ אַם בעסטן די „זוכעניש" און „וואָגלעניש" פֿון אַ גרויסן טייל שוין פֿון דער „באַ־ וווסטזיניקער" קליינשטעטלדיקער יוגנט. דעם בריוו גיב איך איבער כּכתבֿו וכלשונו:

צום קאָמיטעט פֿון פֿרײַהייט. קומענדיק צו דער באַמתדיקער איבערצײַגונג, בין איך אַרויסגעטראָטן פֿון די רייען פֿון „יוגנט־בונד צוקונפֿט", וואָס איך בין דאָרט אַ לענגערע צייט געשטאַנען. זײַענדיק אין קאָמיטעט און פֿירנדיק $1\frac{1}{2}$ [יאָר] די פּרעסע, האָב איך אַרויסגעזען, אַז זייער גאַנצער ליאַרעם אויפֿן ציוניזם און זייער גאַנצער כּעס אויפֿן באַוווסטזיניקן פּועלי־ציוניזם דערקלערט זיך דערמיט מיט זייער אייגענעם באַנקראָט, ווײַל די אויפֿריכטיקע אַרבעטערשאַפֿט האָט שוין לאַנג געפֿונען די רייען פֿון פּ"צ און פֿרײַהייט, ווײַל זי פֿירט די דערלייזונג און באַפֿרײַונג פֿון די אונטערדריקטע און פֿאַרשמאַכטע, דערפֿירן זיי צום ציל פֿון באַמתדיקן פּאַלעסטיניזם. בעט איך דעם קאָמיטעט פֿון „פֿרײַהייט" מיך אָננעמען פֿאַר אַ מיטגליד און אַלס צייכן פֿון טרײַהייט גיב איך 1 זל' אויפֿן פּרעסע־פֿאָנד פֿון אונדזער פֿרײַהייט. [אונטערשריפֿט]

אָפּזײַענדיק עטלעכע מאָנאַטן אין „פֿרײַהייט", האָט ער שוין געפֿונען אַן אַנדער וועג וועלכע „פֿירט די דערלייזונג און באַפֿרײַונג פֿון די אונטערדריקטע און פֿאַרשמאַכטע..."

אַ דריטער מאַרשרוט: פֿון זשאַבאָטינסקין גלײַך צו לענינען. אַ יונגערמאַן פֿון אַן אוניווערסיטעטישער שטאָט דערמאָנט זיך פֿון זײַן אייגענער פֿאַרגאַנ־ גענהייט:

„... אַ פּאָר צוזאַמענקונפֿטן אין סטודענטן־פֿאַראיין, אַ פּאָר רעפֿעראַטן, בראָ־ שורן, „מאַסוווקעס", און דער קאָנפֿליקט וועלכער האָט [זיך] שוין באַוויזן אין מײַן

> קריטישן צוגאַנג צום ביתּר ווערט פֿולשטענדיק ווײַט צום שפּרונג פֿון זשאַבאָ־טינסקי... ביז לענין. אַז כ׳טראַכט אַמאָל נאָך, שטעל איך פֿעסט, אַז ס׳האָבן דערבײַ אַם ווייניקסטן דעצידירט ראַציאָנעלע מאָטיוון. ס׳האָט דעצידירט קודם כּל דער מאָמענט פֿון געפֿיל, נאַטור, שווּנג, דער אײַנגעבוירענער מאַקסימאַליזם און אידעאַליזם, דער אײַזערנער ווילן צו זײַן אַקטיוו, זיך אויס־צולעבן פֿאַרנונפֿטיק, אויסלאָדן דעם אימפּולס פֿון גײַסטי־קער און פֿיזישער ענערגיע. דאָס ווערט מיר קלאָר, אַרײַנקוקנדיק אין די שריפֿטלעכע שפּורן וועלכע כ׳האָב צו יענער צײַט איבערגעלאָזן..."

דער שרײַבער איז כאָטש אויף אַזוי פֿיל קלאָר אין זיך, אַז ער קען פֿעסט־שטעלן, אַז „ס׳האָבן דערבײַ אַם ווייניקסטן דעצידירט ראַציאָנעלע מאָטיוון". נאָר וואָס זשע דען? „דער מאָמענט פֿון געפֿיל, נאַטור, שווּנג, דער אײַנגעבוירענער מאַקסימאַליזם און אידעאַליזם, דער אײַזערנער ווילן צו זײַן אַקטיוו, זיך אויסצו־לעבן פֿאַרנונפֿטיק, אויסלאָדן דעם אימפּולס פֿון גײַסטיקער און פֿיזישער ענערגיע". איך האָב בכּיוון איבערגעשריבן נאָך אַ מאָל די אַלע 28 ווערטער, כּדי דער לייענער זאָל זיך איבערצײַגן צוזאַמען מיט מיר, אַז די גאַנצע דערקלערונג דערקלערט גאָרניט. אונדז גייט דאָ ניט אָן, צי דאַרף מען גיין מיט זשאַבאָטינסקין צי מיט לענינען צי מיט אַ דריטן; נאָר פֿאַר וואָס קען מען ניט מיט די אַלע מאָטיוון וואָס דער שרײַבער ברענגט, אַרײַנגערעכנט נאַטור, שווּנג, אײַנגעבוירענעם מאַקסימאַליזם אאַז"וו, זײַן דווקא אַ רעוויזיאָניסט אָדער אַ לינקער פּועלי־ציוניסט? גענוג אָפֿט טרעפֿט דאָך דאָס. איז ווען מיר לייענען אַזאַ אויסצוג, קענען מיר נאָר זאָגן: עפּעס וואָס האָט אַ שטופּ געטאָן דעם שרײַבער פֿון זײַן אַלטער פּאַרטיי אין אַ נײַער; אָבער וואָס איז געווען דער אימפּולס ווייסן מיר ניט. בכדי דאָס געוווּיר צו ווערן, דאַרפֿן מיר קודם דורכשטודירן זײַן גאַנצע אויטאָביאָ־גראַפֿיע; נאָר גיכער ווי אַלץ וועט אונדז די אויטאָביאָגראַפֿיע אויך ניט קלעקן, וואָרעם דאָס וואָס דער מחבר ווייס וועגן זיך און דערציילט וועגן זיך שפּיגלט דאָך אָפּ נאָר אַ קליינעם טייל פֿון זײַן פּסיכיק.[141]

69. מען בײַט פּאַרטייען: פֿון לינקס אויף רעכטס

„רעכטס" און „לינקס" ניץ איך דאָ מיטן סקאַרבאָוון טײַטש, קיין שום ווערטאָפּשאַץ איז בײַ מיר מיט די ווערטער ניט פֿאַרבונדן. אַרײַנפֿירן פֿיר איך דאָ אַרײַן די טערמינען נאָר פֿון מײַן אייגענער און דעם לייענערס טובֿה וועגן, כּדי איך זאָל האָבן וועלכן עס איז סימן בײַם גרופּירן; אַז די אמתע מאָטיוון פֿון „בײַטן די איבערצײַגונגען" האָבן מיט דער פּאָליטישער וועלט פֿון רעכטס און לינקס גאָרניט אַזאַ ענגע שײַכות, האָבן מיר זיך שוין אַרומגעזען.

אין דעם ווײַטערדיקן אויסצוג זעען מיר ווײַטער אַ שפּרונג איבערן שמאָלן גראָבנדל צווישן די פּאַרטייען, אָבער דאָסמאָל אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג, פֿון

---

141 זע אויבן קאַפּ׳ 41.

די „רויטע״ צום ציוניזם.[142] און ווידער ווערן מיר פֿאַרחידושט פֿון דער פּשטות און דער פֿלומרשטיקער אוממאָטיווירטקייט, מיט וועלכער דער אויסדריי ווערט געשילדערט פֿונעם בעל־דבר אַליין. „פֿלומרשטיקע״ אוממאָטיווירטקייט זאָג איך, ווײַל דער שכל טראָגט אויס, אַז עס האָבן געמוזט זײַן גאָר וואָגיקע מאָטיוון, מערניט וואָס מיר ווייסן זיי ניט, און משמעות דער שרײַבער גופֿא—לאָמיר אים אָנרופֿן לייזער—אויך ניט.

„... גלײַכצײַטיק האָט אין דעם וואַרשטאַט געאַרבעט נאָך אַן אַרבעטער וועלכער איז געווען אַ רויטער, און ער האָט מיר אויך געוואָלט אָרגאַניזירן. אָבער איך, מורא האָבנדיק פֿאַר מײַנע עלטערן, האָב איך ניט געוואָלט ווערן קיין רויטער... בײַ נאַכט, ווען איך קום אַהיים פֿון דער אַרבעט, לעז איך בסדר ביכער, איך באַקען זיך מיט סאָציאָלאָגישער ליטעראַטור, הייב איך אָן צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס איך האָב געטראָפֿן אין מײַנע קינדער־ און חדר־יאָרן אָפּגעריסענע, הונגעריקע קינדער און פֿאַר וואָס אומשולדיק בלוט איז פֿאַרגאָסן געוואָרן אויף די שלאַכט־פֿעלדער. אַם בעסטן האָט אויף מיר געווירקט פּראַקטער קראָפּאָטקין און סינקלערס בעלעטריסטישע ליטעראַטור. איך ניט קוקנדיק אויף די פֿאָלגן וואָס איך וועל האָבן פֿון מײַנע עלטערן טרעט איך אַרײַן אין די רייען פֿון קאָמוניזם ... זײַענדיק באַלעזן ניט מען מיר באַלד אַ פֿונקציע, אָבער אין שטוב קומט אויס צו פֿירן אַ שרעקלעכן קאַמף מיט מײַנע עלטערן ...״

דאָ הייבט זיך אָן דער נײַער עטאַפּ.

„... אין אַ געוויסן זומער־אָוונט בין איך געגאַנגען מיט מײַנער אַ געוועזענער חבֿרטע, באַגעגנט מיר מײַנער אַ חבֿר וועלכער איז געווען אַ רויטער און דערנאָך אַוועק צו דעם חלוץ. ער רופֿט מיר אַוועק און זאָגט מיר, אַז ער דאַרף מיר אַ געוויסע זאַך זאָגן. איך און מײַן חבֿר פֿירן מיר אָפּ דאָס מיידל, און מיר ביידע בלײַבן אַליין. די נאַכט איז אַ לויטערע, דער הימל איז העל בלאָ באַדעקט... אויף מערבֿ שטייט אַ שיינע זילבערנע לבֿנה, וועלכע זי באַלײַכט די גאַנצע וועלט, און גלײַכצײַטיק דערגרייכן די שטראַלן אויך צו אונדזער שטעטל. אונדזער שטעטל זעט אויס בלויז זילבער. די קליינע הײַזער זעען אויס, ווי זיי וואָלטן דאַנקען דער לבֿנה פֿאַר איר באַצירן זיי מיט אַ זילבערנעם קאָליר. אויך מיר ביידע חבֿרים זעען אויס, ווי די לבֿנה וואָלט אונדז וועלן באַגריסן מיט העפֿלעכקייט... איך פֿרעג מײַן קאָלעגע, וואָס ער וויל מיר זאָגן. אַן ענטפֿער באַקום איך פֿון אים, אַז די מאַטער־יעלע לאַגע איז אַ שלעכטע... און מיר הייבן זיך אָן פֿונאַנדערצושמועסן. און ער לייגט מיר פֿאָר, אַז איך זאָל אַרײַן אין חלוץ און אַוועקפֿאָרן קיין ארץ... איך, אַלס נאָך זײַענדיק אַ געגנער פֿון חלוציזם, האָב איך ניט געוואָלט מסכּים זײַן מיט מײַן חבֿר צו ווערן אַ חלוץ.

ס׳איז שפּעט בײַ נאַכט, די גאַסן זײַנען שוין ליידיק פֿון מענטשן, אָט זעט מען נאָך אַ פּאָרל אַהיימגיין פֿון שפּאַציר, און עטלעכע שיכּורים וואַלגערן זיך אין

---

142 ביים אָנהייב פֿון קאַפּ׳ 67 האָבן מיר זיך שוין באַקענט מיט איין פֿאַל אַזאַ.

די ראָוועס... און מיר בײדע באַשליסן אויך אַהײמצוגײן. מיר געזעגנען זיך פֿרײַנדלעך און מיר צעשײדן זיך פֿונאַנאַנדער...

איך בין געקומען אַהײם, הײב איך אָן צו דענקען און טראַכטן װעגן דעם פּלאַן װאָס מײַן חבֿר האָט מיר פֿאָרגעלײגט. אַדורכטראַכטנדיק גוט דעם פּלאַן, זע איך גאָרניט קײן שרעקלעכעס אין דעם פּלאַן, באַװײַל אויך זע, אַז דאָ אין פּוילן איז ניט פֿאַראַן קײן שום אויסװעג בײַ דעם יעצטיקן מאָמענט פֿאַר מיר, און אויך גלײַכצײַטיק פֿאַר דער גאַנצער ייִדישער יוגנט װעלכע לעבט פֿון לופֿטאַרבעט און טאָגטעגלעך װערן זײ אַרױסגעשטויסן פֿון זײערע פּאָזיציעס. און איך באַשליס בײַ זיך, אַז איך װעל מסכּים זײַן מיט מײַן חבֿר... און איך שליס זיך אָן אין די רײען פֿון פּועלי־ציון און חלוץ, װעלכעס איך זע פֿאַר פֿאַר זיך און גלײַכצײַטיק פֿאַר דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק אַ בעסערן מאָרגן אין ארץ־ישׂראל. אָפּזײַענדיק אַ גאָר קורצע צײַט אין דער באַװעגונג פֿון דער פּועלי־ציון־יוגנט, איך „פֿרײַהײט״, געװוּן איך דעם צוטרוי פֿון מײַנע חבֿרים און איך װער אויסגעװײלט אַלס קאָמי־טעט־מיטגליד. און בײַ יעצטיקן מאָמענט איז מײַן צוקונפֿט ארץ־ישׂראל״.[143]

דעם צוטרוי װאָס דער שרײַבער האָט געװוּנען בײַ זײַנע נײַע חבֿרים װילן מיר ניט אונטערשװענקען אויף אַ האָר; לויט אונדזערע ביזאַיצטיקע אויסגעפֿינסן דאַרפֿן זיך פּאַרטײען ניט קװאַפּען דווקא אויף אַזעלכע מיטגלידער װאָס קומען לויט שכלדיקע אויסרעכענונגען. אונדז אינטערעסירט נאָר דער אַנטװיקלונגס־גאַנג פֿונעם יונגנמאַן. אָבער דאָ זיצט אַ רעטעניש אויף אַ רעטעניש.

די „סאָציאָלאָגישע״ ליטעראַטור, װי ער רופֿט עס מיטן אומפּינקטלעכן, אָבער אײַנגעבירגערטן טערמין, האָט אים געװיזן די סיבות פֿון זײַן שװערער עקאָנאָ־מישער און סאָציאַלער לאַגע. אַז דאָס זאָל װעקן אַ דראַנג צום סאָציאַליזם איז פֿאַרשטענדלעך; אָבער פֿאַר װאָס דווקא צו זײַן קאָמוניסטישן נוסח? מיסתּמא האָט דאָ מיטגעװירקט אַ ליבידאָ־בינדונג צו יענעם עלטערן אַרבעטער װאָס האָט אים „געװאָלט אָרגאַניזירן״. װײַל אָט האָבן מיר אַ צװײטע אויטאָביאָגראַפֿיע װאָס רעדט װעגן די מאָטיװן פֿון װערן אַ סאָציאַליסט כּמעט אין די נעמלעכע װערטער, נאָר דאָרטן איז דער „ער״ געװען אַ בונדיסט, איז אונדזער שרײַבער אויך אַװעק אויפֿן זעלבן װעג:

„...דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ברענגען דעם חודש־אָרגאַן פֿון יב״צ [יוגנט־בונד צוקונפֿט], דעם „יוגנט־װעקער״. איך האָב אים אָנגעהויבן לײענען, און אין אים איז געװען קלאָר אויסגעדריקט דאָס װאָס איך האָב אומקלאָר געפֿילט. איך האָב זיך פֿון אים דערװוּסט, אַז מײַן מאַמע איז ניט די אײנציקע װעלכע האָט געדאַרפֿט פֿאַסטן, װײַל זי [האָט] ניט געהאַט װאָס צו עסן, און אַז מײַן שװעסטער איז ניט די אײנציקע װאָס האָט געבעטן אַ שטיקעלע ברויט, נאָר אַז מיליאָנען מאַמעס הונגערן, און מיליאָנען קלײנע קינדער בעטן בײַ זײערע מאַמעס

143 דער מחבר איז אַלט 20 יאָר.

א שטיקעלע ברויט. כ'האָב פֿאַר זיך דערזען דעם מענטשלעכן מין צעטיילט אויף 2 טיילן, איינער וואָס לעבט אין לוקסוס און אַ צווייטער וואָס פֿאַרגייט פֿון הונגער. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ניט גאָט האָט דאָס אַזוי געמאַכט, נאָר די מענטשן אַליין, און דערפֿאַר דאַרפֿן אַלע וואָס ליַידן פֿירן אַ קאַמף מיט די וועלכע ווילן, אַז אַזוי זאָל זיַין..."[144]

צי איז לייזערס ווערן אַ ציוניסט געווען אַ רעזולטאַט פֿון אַ פֿאַרשטאַרקטער כוואַליע אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד? אַז אַזוינס קען ברענגען צום ציוניזם ווייסן מיר דאָך:

„קיין ארץ־ישׂראל וואָלט איך געפֿאָרן אָן קיין שום באַוואָרענישן. די נאַראַ־יונגען אויף מיַין דאַטשעאָרט, אויף וועמעס כּסדרדיקע באַליידיקונגען כ'האָב גערדאַרפֿט רעאַגירן, האָבן מיר דערצו אָנגערעגט."[145]

„...אַ ניַיער „קיעראָווניק" אין „פּאָווּשעכנע" איז דעם יאָר אָנגעקומען—שריַיבט אַ צווייטער—פֿאַרנעמט ער זיך מיט פֿאַרשפּרייטן אָפֿן ראַסנהאַס צווישן קינדער. ער האָט געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיוו, און עס ווערן דאָרט געהאַלטן ייִדן־פֿרעסערישע דרשות. מען אַגיטירט ניט צו קויפֿן ביַי ייִדן. די באַפֿעלקערונג ווערט נאָך מער נידערשלאָגן, און אויך אָט דעם חורבן וואַקסן ווי אויף הייוון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. עס קאָנקורירן צווישן זיך גרופּן מיט פּאַרטייעלעך, יעדער פֿאַרזיכערט אַ גרויסע צאָל סערטיפֿיקאַטן. עס זיַינען שוין דאָ אַזעלכע וואָס האָבן אין איין וואָך געביטן פֿון פּועלי־ציון ביז מיזרחי. דאָס רוב שטייט מען אַנטוישטע, אָן קיין שום הילף, אָן אַן אויסוועג."[146]

אָבער דער דאָזיקער צווייטער שריַיבער, ווי מען הערט באַלד אַרויס פֿון זיַין אַגרעסיוון טאָן („אויף אָט דעם חורבן וואַקסן ווי אויף הייוון... גרופּן מיט פּאַרטייעלעך") איז ניט אָנגעצונדן געוואָרן פֿון דער אַלגעמיינער פֿלאַם, און ער איז גאָר אַ בונדיסט, און הגם מען זוכט אים אָפּצוריַיסן פֿון זיַין פּאַרטיי, לאָזט ער זיך ניט:[147]

„...איך ווייס ניט, ווי איז דער לעבן אין דער גרויסער שטאָט. אין... איז די קליינע גרופּע פֿון „בונד" די איינציקע וועלכע האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון נעכטן און טראָגן אויף זייערע איַינגעפֿאַלענע פּלייצעס דעם ניַיעם לעבן. און דעריבער איז דער „בונד" אַזוי פֿאַרהאַסט.

איך הער אָפּט פֿון פֿאַרשיידענע עצה־געבער טענות, פֿאַר וואָס איך האָב אויסגעקליבן דעם „בונד" אַלס מיַין וועגוויַיזער. איך קוק אויף דער ציוניסטיש־

---

144 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 146, ז' 35.

145 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 233, זז' 38.— נאָך דעם גייען נאָך אַזוינע כאַראַקטעריסטישע זאַצן: „נאָר ניט דורך „הכשרה"־וועגן, וויַיל אין מיַין בלוט איז דאָ עפּעס אַריסטאָקראַטישעס וואָס ליַידט ניט קיין פֿיזישע אַרבעט. דאָרט אין ארץ־ישׂראל וואָלט מיר די נויט און אידעאַליזם באַזיגט און כ'וואָלט זיך געוויס נישט אָפּגעשטעלט פֿאַר שווערסטער פֿיזישער אַרבעט."

146 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 99, ז' 18.

147 דאָרט גופֿא, זז' 13—14.

סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זיי זײַנען אַזוי פֿאַרנומען מיט ראַטעווען דעם ייִדישן לעבן אין ערגעץ ווײַט פֿון דער ווירקלעכקייט, דאָס זיי בלײַבט קיין צײַט ניט פֿאַר אַ ממשותדיקער אַרבעט דאָ אין צעפֿוילטן שטעטלדיקן לעבן. עס ראַנגלט זיך אַ יוגנט מיט דעם אַלטן דור, עס גייט אין ראַטעווען פֿון אָפּגעשטאַנענקייט דעם שווײַגנדיקן אַרבעטער-ייִנגל, מיט אַנדערע ווערטער: אין טאָן סאָציאַליסטישע אַרבעט, און אויף דעם האָבן ניט [קיין] מעגלעכקייט, בײַ זייער בעסטן ווילן, עפּעס צו טאָן אונדזערע פּועלים. מען קומט צו זיי ווי אויף אַ וואָקזאַל, ווו מען וואַרט אויפֿן באַן מיטן טשעמאָדאַן אין האַנט. עס טרעפֿן די גרעסטע סקאַנדאַלן פֿאַר ניט אָפּפֿאָרן אין דער צוגעזאָגטער צײַט אין קיבוץ. קיין אידעיִשער אינהאַלט, עס טרײַבט אַ פּוסטקייט, אין וועלכער מען קען ניט אָטעמען. זיי האָב איך ניט געקענט אויסקלײַבן פֿאַר מײַן וועג.

אויך האָב איך ניט געזען טוענדיק עפּעס קעגן דער קליינבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע די רעוואָלוציאָנערן וואָס שרײַען אויפֿן „בונד”. איך האָב זיי גראָד געזען נאָענט בײַ דער אַרבעט, און ווי צו אַזאַ קאַמף. דעם „בונד” אויסראָטן זײַנען זיי גרייט, און וועגן ווײַטער דאַרף מען דערווײַל ניט טראַכטן...”

ווער עס קען אַ ביסל דעם עניָנים, דער ווייס, אַז דער זעלבער אינטער-פּאַרטייִשער לעקסיקאָן („אידעיִשע פּוסטקייט”, „וועגן ווײַטער דאַרף מען דערווײַל ניט טראַכטן”) ווערט אויסגענוצט אַ נ ט ק ע ג ן דעם „בונד” אויך. נאָר אונדז גייט דאָ ניט אין דעם, ווער עס איז גערעכט, אונדז גייט בלויז אין פֿעסטשטעלן, אַז אַנטיסעמיטיזם קען ברענגען אי צו ציוניזם, אי צו אַנטיציוניזם; ס'איז געווענדט אינעם מענטשן. און ס'איז געווענדט אין דער צײַט אויך, וואָרעם אַנטיסעמיטיזם איז ניט די גאַנצע סיטואַציע, נאָר בלויז איין באַשטאַנדטייל פֿון דער סיטואַציע: די פּאָגראָמען פֿון די אַכציקער יאָרן האָבן גורם געווען צו אַ שטאַרקן וווּקס פֿון חיבת-ציון, דער קעשענעווער פּאָגראָם צו אַ שטאַרקן וווּקס פֿון דער „דאָיִקער” פֿרײַהייטס-באַוועגונג.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער לייזערן. לאָמיר אָננעמען, אַז זײַן פּאָליטישע אַליין-באַשטימונג אין ערשטן גילגול פֿאָדערט מער ניט קיין אויפֿקלע-רונגען. אָבער פֿאַר וואָס ווערט ער א ו י ס „רויטער”? פֿון לאָגישע ראַיות געפֿינען מיר בײַ אים נאָר: 1) „די מאַטעריעלע לאַגע איז אַ שלעכטע”; 2) „אין פּוילן איז ניט פֿאַראַן קיין שום אויסוועג בײַ דעם יעצטיקן מאָמענט פֿאַר מיר, און אויך גלײַכצײַטיק פֿאַר דער גאַנצער ייִדישער יוגנט וועלכע לעבט פֿון לופֿטאַרבעט און טאָגטעגלעך ווערן זיי אַרויסגעשטויסן פֿון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס”. ביידע זאַכן זײַנען אפֿשר אמת, אָבער קיין נײַס האָט מען דאָך דאָ לייזערן ניט אָנגע-זאָגט. זיכער האָט מען אים די דאָזיקע ביידע אַרגומענטן (אין גרונט איז דאָס נאָר איין אַרגומענט) גענוג מאָל אונטערגעטראָגן אין דיסקוסיעס. מען דאַרף ניט האָבן צו פֿיל פֿאַנטאַזיע אויף אָנצושטויסן זיך, וואָס ער פֿלעגט דערויף ענטפֿערן. מיסתמא פֿלעגט ער זאָגן, אַז הײַנט איז טאַקע ניטאָ קיין אויסוועג, אָבער מען דאַרף איבערבויען די געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג, וועט זיך יעמאָלט אַלץ בײַטן,

אַ ראיה האָט איר ראַטן-פֿאַרבאַנד; און אַז פֿאַרקערט ארץ-ישראל איז נאָר אַ פֿאַרבלענדעניש, וואָרעם אי דאָס לאַנד קען אַרײַנגנעמען נאָר אַ קליינע צאָל מענטשן, אי מען בויט דאָרטן אַ גן-עדן פֿאַר דער בורזשואַזיע, אי מען גייט דאָרטן אונטערדריקן די אַראַבער מאַז"ו—מיט איין וואָרט דער דיסקוטיר-שאַבלאָן האָט גענוג לאַנג געקלעקט אויף אײַנצוהאַלטן אין אַן אידעאָלאָגישער גלײַכוואָג סײַ לייזערן אַליין און סײַ זײַנע אָפּאָנענטן. אויב אין דעם באַשריבענעם אָוונט איז לייזערס אידעאָלאָגיע אײַנגעבראָכן געוואָרן, איז דאָס געוויס ניט דערפֿאַר וואָס דעם צד-שכנגד איז מיט אַמאָל צוגעקומען לאָגישע וואָג, און בײַ מיר איז רעכט, אַז אין דער זעלבער פּאָעטיש באַשריבענער ליטערער לבֿנה-נאַכט איז אין דעם זעלבן שטעטל אַ ציוניסט געוואָרן אַ „רויטער".

נאָר עס איז אַ סך גרינגער צו זאָגן וואָס ניט, איידער וואָס יאָ. איינס נאָר מעגן מיר אָננעמען פֿאַר זיכער: אַז דער איבערבראָך האָט זיך צוגעגרייט פּאַמעלעך. צי האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע די „געוועזענע חבֿרטע" אָדער די פֿאַרערגערטע לאַגע אין שטוב האָט דערבראַכט דערצו, אַז אונדזער שרײַבער זאָל זיך פֿאַרטראַכטן וועגן אַ תּכלית? איידער מיר וועלן וויסן עפּעס מער וועגן פּסיכישער דינאַמיק, קענען דאָ מער ווי אומדערווײַזלעכע סבֿרות ניט זײַן. מיר קענען נאָר שטיין בשתּוממדיקע פֿאַרן פּראָצעס פון פּערזענלעכקייט-יצירה.

70. אינדיווידואַליסטישע פּאַרטייִשקייט

איך קען זיך געוויס ניט באַרימען, אַז איך האָב צוגעפּירט דעם לייענער צו אַ סוף פּסוק אין דער פֿראַגע פּאַרטיי און פּאַרטייִשקייט. גיכער בין איך וווּרט די פּאָלעמישע באַמערקונג, אַז דער ענין זעט איצטער אויס אַ סך פֿאַרפּלאָנטערטער ווי צום אָנהייב. מײַן פֿאַרענטפֿער איז נאָר, אַז ניט א י ך האָב פֿאַרפּלאָנטערט, נאָר איך האָב אויפֿגעוויזן, אַז דער ע נ י ן איז פֿאַרפּלאָנטערטער איידער מען נעמט אים אויף דאָס רובֿ. ווי באַלד אַזוי, איז דאָך יאָ עפּעס דערגרייכט געוואָרן. בשעת פֿריִער האָט מען געמיינט, אַז עס איז גאָר קיין קשיה ניט, איז דאָס דערזען אַ פּראָבלעם שוין אויך אַ מדרגה.

די פֿעסטשטעלונג, וואָס צו איר זײַנען מיר לעת-עתּה געקומען, לאָזט זיך איבערגעבן אַזוי. אויב מיר דערוויסן זיך, אַז דער און דער איז אַ פּאַרטיימאַן, ווייסן מיר נאָך וועגן אים גאָר ווינציק. אויב מיר ווערן שוין געוווירר, אין וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי ער איז אײַנגעשריבן, קומט אונדז נאָך אויך צו וויסן ניט גענוג אויף צו דערקענען אים. ווײַל דער זעלבער פֿורעם, די צוגעהעריקייט צו אַ פּאַרטיי, קען האָבן בײַ פֿאַרשיידענע מענטשן גאַנץ פֿאַרשיידענע פּסיכישע וואָרצלען.

אָט האָב איך זיך למשל אויסגעשוירן פֿון אַ ווילנער בלאַט[148] אַזאַ מין גאָטיק:

148 „אַ נײַער קוריר", פעברואר 10, 1934, ז' 2.

העגעך פון ווילייקע

פאַרט פון מאַגניטאָגאָרסק קיין מאָסקווע

העגעך סאָלאָוויטשיק פון ניי־ווילייקע איז אַ יונגער ייִדישער שרייבער. זיין אַרבעט איז געווען: גיין אין דאָרף, קויפן אַ קאַלב, עטלעכע פעלכלעך. פּאַרנאָסע איז געווען איבערן האַלדז.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ער אַוועק אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַנומלט איז אָנגעקומען פון אים אַ בריוו. אַ פּאָר אויסצוגן:

...איך בין שוין 2 טעג אין מאָסקווע. געפין זיך אין שענסטן האָטעל. עס מיטאָגן אין גרעסטן רעסטאָראַן פון די סאָוועטישע שרייבער. מאָרגן טרעף איך זיך ביי אַ גלעזל טיי מיט די ייִדישע שרייבער. איך בין דאָ אין די אינטערעסן פון דער מאַגניטאָגאָרסקער „ייִד' ליטער' סעקציע וועלכע איך האָב געשאַפן. איך בין געפאָרן 3000 וויאָרסט אין אַ שלאָפוואַגאָן, געגעסן אין וואַגאָן־רעסטאָראַן. אויף אַלץ האָט מען מיר געגעבן געלט—500 רובל.

...די מענטשן אין מאָסקווע זעען אויס גוט, אָנגעטאָן פיין און מיט געשמאַק. בעוודע! איך שטעל וויין, קומט טרינקט. זעט, ווי איך זע אויס! און צו וואָס איך האָב דערלעבט! איך, העגעך פון ווילייקע!"

איך האָב דאָס איבערגעשריבן וואָרט ביי וואָרט, ניט געמינערט קיין האָר אין טעקסט, כדי דער איינדרוק זאָל זיין אַ פולער, אַזוי ווי ביי מיר גופא בשעת איך האָב דאָס געלייענט.

איך פאַרמאַך די אויגן און איך זע פאַר זיך אַ ייִדן וואָס איז אַוועק פון ווילנע אָדער ווילייקע פאַר דער מילחמה קיין אַמעריקע. אפשר איז דאָס געווען העגעכס אַ פעטער. ער איז אין דער היים געווען אַ דאָרפסגייער, „פרנסה איז געווען איבערן האַלדז". נאָר אין קאָלומבוסעס מדינה האָט אים גאָט געהאָלפן, ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. ער האָט אויך געקענט ענדיקן זיין „לעטער" אַהיים מיט די ווערטער: „איך שטעל וויין, קומט טרינקט. זעט, ווי איך זע אויס! און צו וואָס איך האָב דערלעבט!"

ווער וועט עס ניט פאַרגינען דעם אָרעמטשיק זיין גדולה? עס איז דאָך אַ גליק, וואָס נאָך הונדערטער יאָרן הונגערן אין די לעכער פון אייראָפּע האָבן ייִדן צום ערשטן מאָל געפונען אַ לאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ זיי האָבן זיך געקענט אָנעסן צו זאַט. און דאָס אייגענע: ווער וועט זיך ניט פרייען, וואָס אַ ייִדישער שרייבער קען פאָרן דריי טויזנט וויאָרסט אין אַ שלאָפוואַגאָן און עסן אין וואַגאָן־רעסטאָראַן און וווינען אין שענסטן האָטעל? אָבער אין דעם טאָן איז פאַראַן עפּעס וואָס צווינגט זיך צו פאַרטראַכטן.

לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס בילד וואָס „העגעך פון ווילייקע" מאָלט איז אַ דבר בכל יום פאַר סאָוועטישע שרייבער. זיבעצן יאָר האָט זיך געבויט דער ראַטן־פאַרבאַנד קעגן אַ וועלט פון שונאים און ענדלעך דערלעבט צו אַזאַ מדרגה. אָבער וועגן אונדזער שרייבער הערן מיר דאָך, אַז ער איז געקומען אַהין סך־הכל „מיט אַ פּאָר יאָר צוריק". וואָס פאַר אַ חלק האָט ער איינגעלייגט? עס איז די

זעלבע זאַך ווי מיטן אַמעריקאַנער פעטער, וואָס פון זײַנטוועגן האָט קאָלומבוס אויפגעדעקט אַמעריקע און פון זײַנטוועגן האָבן פּיאָנירן דרײַ הונדערט יאָר געהאָרעוועט מיטן ביקס און מיטן רידל. הענעכן ווידער האָט אָפּגעגאָלטן, וואָס וועלט-היסטאָרישע געשעענישן האָבן גורם געווען צו אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ביידע זײַנען געקומען אויף אַלעם גרייטן.

איין אונטערשייד איז אין פלוג יאָ פאַראַן. דער פעטער פון אַמעריקע האָט ניט געהאַט קיין אידעאָלאָגיע, ער איז זיך געגאַנגען מיטן ראַיעלן גאַנג, אַז מען דאַרף מאַכן אַ לעבן. הענעך האַלט זיך פאַר אַ קעמפער, ער איז דער פאַרזיצער פון אַ ליטסעקציע,[149] און ער איז אַוודאי זיכער, אַז זײַן טעטיקייט איז זייער נייטיק פאַרן אַרבעטער-קלאַס. אָבער רוקט זיך אָפּ אויף דרײַ טריט און גיט נאָך אַ מאָל אַ קוק: צי איז דאָס אַן עיקרדיקער אונטערשייד? ניין, בײַ ביידן איז דער צוגאַנג אַ ריין אינדיווידואַליסטישער. דאָס וואָס בײַ איינעם איז דער תכלית אײַנגעוויקלט אין אַן אידעאָלאָגיע האָט בײַם באַשטימען די פּסיכישע פונקציע ניט מער די ווערדע ווי דער קאָליר פון דעם פּאַקפּאַפּיר, אין וועלכן דער קרעמער וויקלט אונדז אײַן דעם לאַבן ברויט. פּאַפּיר קען אויך זײַן אַמאָל אַ וויכטיקער אַרטיקל, פאַראַן פּאַפּיר-פאַבריקן און פּאַפּירקראָמען; אָבער אין דער קראָם, לאָמיר געדענקען, פאַרקויפט מען ברויט. ס'איז אויף איין ליניע מיט יענער חנה וואָס איז געוואָרן „זייער אַ געטרײַע חברה",[150] ווײַל איר שוועסטער האָט געטאָן אַ גוטן שידוך מיט אַן אויסוואַנדערער קיין ארץ-ישראל.

לגנאַי זאָג איך דאָס ניט. איך בין ניט אויסן צו כאַפּן בײַ עוולות. איך האַלט גאָרניט, אַז זוכן ברויט איז אַ דערונטערדיקע שטרעבונג. איך וויל נאָר פאַרשטיין.

לאָמיר פּרוּוון אויף טשיקאַוועס אַנאַליזירן די עלעמענטן פון אַ באַוועגונג וואָס האַלט אין אונדזער צײַט פאַרכאַפּט אַ קענטלעכן טייל פאַרטייִש אָריענטירטע יידישע יוגנט: דעם קאָמוניזם. איך פאַרבייג דאָ אין גאַנצן די פּאָליטישע זײַט; מיר גייט אין אויסגעפינען, וואָס אַזוינס דער יידישער יוגנטלעכער געפינט דאָ.

איין עלעמענט פון די קאָמוניסטישע שטימונגען האָבן מיר שוין אָקאָרשט געזען. נאָכן צווייטן „אַטאַק פון יידישקייט" קומט דער יוגנטלעכער אין מיטל-אייראָפּע צו פאַרגלײַכן זײַן אייגענע לאַגע מיט דער לאַגע פון דער יידישער יוגנט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. פאַר אים איז דער ראַטן-פאַרבאַנד אפשר קודם-כל אַ מלוכה, ווי ער, אָדער זײַנסגלײַכן, קען זײַן אַ טייל פונעם פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַט, ניט נאָר אַן אָביעקט פון מלוכה-פּאָליטיק.

און בײַ הײַנטיקן טאָג, ווען די מלוכה איז דער גרעסטער אַרבעט-געבער און רעגולירט אַפילו דעם פריוואַטן אַרבעטמאַרק, איז דאָס ניט נאָר אַ פראַגע פון

---

149 זע די קאָרעספּאָנדענץ אין „ווילנער טאָג" פון 1934/IV/27: „עמיגראַנטן-שרײַבער אין מאַגניטאָגאָרסק".

150 זע אויבן ז' 255–256

פארוואלטן, נאר א פראגע פון ארבעטן און עסן. איינע פון די שווערסטע מוראס פונעם דערוואקסלינג (אפילו אין יענע ווייטע גוטע יארן, ווען ארבעט איז געווען לרוב), איז אלעמאל די מורא צו שטיין אויף די אייגענע פיס. איך וועל ציטירן א טוץ שורות פון אן אמעריקאנער מחבר:

„א סך יונגע מענטשן לעבן אין א שרעקלעכער מורא ווען זיי טראכטן, אז זיי מוזן ווערן עקאנאמיש אומאפהענגיק: ניטא קיין געלט זיך אנצושפארן דערויף, סיידן דו אליין פארדינסט עס. לאמיר זאגן, דו פארלירסט די ארבעט! ניטא קיין טאטע, מיט אן אפענעם טייסטער, דיר צו העלפן, ניטא קיין באקוועמע היים ארייצולאזן דיך אהין, בשעת די ארבעט ווערט אומאנגענעם. אויב דער דערוואקסלינג דערזעט דאס פלוצלינג, דופט דאס אפט ארויס ביי אים ממש אן אימה, און אויב דער מענטש פארמאגט נית די געוויסנשאפט אמת געזונט און מוטיק אויפצונעמען פראבלעמאטישע לעבנס־סיטואציעס, וועט ער זיך ניט קענען צופאסן דערצו אן אויסמיידונג“.151

דאס איז געשריבן געווארן אין אמעריקע, וווּ ס'איז נאך הײַנט א סך בעסער ווי אין אייראפע, און אין 1921, ווען אין דער גאלדענער מדינה האט געגרענגט גאלד. טא וואס זאלן מיר שוין זאגן?

דער גאנג געפילן ברענגט עס דעם יוגנטלעכן אויסצונוצן דעם ראטן־פארבאנד ווי א „דורכפירער“ פון אן אינדיווידואליסטישער רעאקציע. „אויסנוצן“ מיינט דא ניט, פארשטייט זיך, באוווּסטזיניק אויסחשבונען, אז אזוי לוינט בעסער. די סימפאטיעס קומען צו שטאנד כמעט אין גאנצן, און אפשר אין גאנצן, מחוץ דעם באוווּסטזיין; דער באוווּסטזיין שטעלט נאר צו די אידעאלאגישע ראציאנאליזאציע.

.71 עגאצענטרישע פארטייאישקייט

פאראן אבער נאך אנדערע קאמפלעקסן געפילן וואס שטופן אין דער ריכטונג צום ראטן־פארבאנד. זיי ליגן מער אויף דער ליניע פון עגאצענטרישע פארענטפערונגען.

„יענע זייט“ איז אן אומאויסשעפלעכער קוואל פון ראמאנטיק. דארטן קערט מען איבער א וועלט, און טאקע גיך, פון הײַנט אויף מארגן. דארטן בויט זיך,

---

151 Taft, Jessie. Mental Hygiene Problems of Normal Adolescence. In: Mental Hygiene V (1921), 4, pp. 741—751.

„אויסמיידונג“ (evasion) איז דא גענוצט מיטן פשט פון אויסמיידן א ר ע א ל ע פארענטפערונג פון דער פראבלעם; לויט אונדזער טערמינאלאגיע וועט דאס הייסן, אז „אויב דער מענטש פארמאגט ניט די געוויסנשאפט אמת געזונט און מוטיק אויפצונעמען פראבלעמאטישע לעבנס־סיטואציעס“, וועט ער זוכן אוועק אויפן וועג פון אן אויטיסטישער אדער אן עגאצענטרישער רעאקציע.

ווי אזוי מען קומט צו צו אזא „געוויסנשאפט“ ווייסן נאך ליידער די טוער פאר פסיכישער היגיענע אליין אויך ניט.

אַזוי הערט דער יוגנטלעכער, אַ וווּנדערוועלט פֿון טעכניק; אין דער היים איז קיין זכר ניטאָ פֿון אַ מיגלעכקייט צו באַפֿרידיקן די באַדערפֿעניש אין מאַשין־ראָמאַנטיק, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אונדזער תּקופֿה.

אין יענע לענדער, ווו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פֿאַרווערט, איז פֿאַראַן נאָך אַ קלאַס יוגנטלעכע, וואָס ווערט אַרײַנגעצויגן אין קאָמוניזם. די „אינדיווידואַליסטן" האַלטן זיך אין דער זײַט און באַנוגענען זיך מיט „מיטפֿילן". פֿאַראַן אָבער אַזוינע, וועמען עס ציט דווקא די ראָמאַנטיק פֿון דער אומלעגאַלער אַרבעט. בײַ דעם קלאַס מענטשן איז דווקא אַ מעלה, וואָס דער אָנטייל אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז פֿאַרבונדן מיט סכּנות פֿאַר פֿרײַקייט, געזונט און לעבן. זייער דראַנג צום קאָמוניזם ליגט אפֿשר אויף דער זעלבער ליניע, ווי אַמאָליקע יאָרהונדערטער דער חשק אויפֿצודעקן פֿרעמדע לענדער; רײַזנדערס פֿלעגן דאָך אַרויספֿאָרן, כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז עס זײַנען פֿאַראַן נײַן שאַנסן פֿון צען אומצוקומען אונטערוועגנס.

דער דראַנג „אַהין" קען אויך זײַן פֿאַרבונדן מיט אַ באַדערפֿעניש אין אידעאַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס אין זיי זאָל מען זיך קענען שפּיגלען, וואָס צו זיי זאָל מען זיך קענען גלײַכן (הגם מען ווייס, אַז מען וועט דעם שטאַפּל קיינמאָל ניט דערגרייכן), וואָס ווי אַ חלק פֿון זיי זאָל מען זיך שפּירן.[152] אין דער היים איז אַלץ קליין, מען זעט יעדערן שטעטלדיק נאָענט. „דאָרטן" איז די אָנפֿירונג פֿון דער מלוכה געוווּנג ווײַט, קענען זיך וועבן לעגענדעס אַרום די פֿירער.

האָבן מיר שוין הייסט עס פֿיר קוואַלן פֿון „רויטקייט": תּכלית־זוכעניש, ראָמאַנטיק, סענסאַציע־זוכעניש, אידעאַל־זוכעניש. איך קען אָנרופֿן נאָך אַ פֿינפֿטן קוואַל: יסורים־זוכעניש. יעדער איינער פֿון אונדז קען מענטשן, וואָס עס פֿאַרשאַפֿט זיי הנאה צו לײַדן. איבער די אָדער יענע פּסיכישע סיבות טראָגן זיי אויף זיך די משא פֿון שולדגעפֿילן. אַזאַ מענטשן קען מען מיט קיין רדיפֿות, אַפֿילו מיט עינויים ניט אָפּשרעקן. אַדרבא, ער גייט כּסדר אום מיטן געפֿיל, אַז ער קומט עפּעס דער וועלט, און בשעת ער לײַדט, ווערט אים גרינגער,[153] ווײַל ער קויפֿט דערמיט אויס אַ טייל פֿון זײַנע זינד. וווּנדערלעך שיין גיט דאָס איבער אונדזער ייִדיש וואָרט „אָפּקומען": עס מיינט אי לײַדן סתּם, אי טראָגן אויף זיך אַ שטראָף. דער תּענית־תּשובֿה פֿון למכן אין פּרצס „מקובלים" באַלאַנגט אַהער, דאָס פּײַניקן זיך פֿון די פֿלאַגעלאַנטן באַלאַנגט אַהער.

ניט אַלע וועגן צום קאָמוניזם זע איך, און אַפֿילו מיט די וואָס איך זע בין איך נאָך אויך ניט פֿאַרטיק. דער קאָמוניזם קען אַשטייגער צוציִען מענטשן וואָס עס באַגײַסטערט זיי די אומבררחמנותדיקייט, דאָס ניט רעכענען זיך מיט גאָרניט בײַם דורכפֿירן איינמאָל אָנגענומענע באַשלוסן. לאָמיר אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז דער

152 די פּסיכאָאַנאַליטיקער רופֿן דאָס: אידענטיפֿיצירונג.

153 דערמאָנט זיך בײַ הײנען: Ich schmachte nach Bitternissen.

„דאָרטן" ציט, ווײַל „דאָרטן" איז אַלץ אַ פֿולקומע פֿאַרניינונג פֿון דעם לעבן בײַ טאַטע-מאַמע, וואָס האָט זיך אַזוי צוגעגעסן, אַ פֿאַרניינונג פֿונעם גראָשנדיקן געוועלב און פֿון די גראָשנדיקע השגות.

אַ גרויסן באַטײַט קען אויך האָבן פֿאַר טייל יוגנטלעכע דער געפֿיל פֿון צוגעהעריקייט צו אַ גרויסן כּלל. דאָס איז אַ קעגנגיפֿט קעגן דער עלנטקייט און דער הילפֿלאָזיקייט וואָס עס שפּירט ספּעציעל דער ייִדישער יוגנטלעכער. מיר האָבן געזען די באַגײַסטערונג פֿון ביידע יוגנטלעכע אויף ז' 250 און 252: „איך ...לייען און לערן פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכקייט, פֿון חבֿריש צוזאַמענלעבן פֿון פֿאַרשיידענע ראַסן און פֿעלקער, חבֿרשאַפֿט אויף דער וועלט!..." „אַ פֿאַקלצוג פֿון ייִדישע סאָציאַליסטישע ייִנגלעך, און מען באַפֿאַלט זיי נישט, ווײַל זיי זײַנען שטאַרק... פּוילישע און ייִדישע האָבן איין ציל!..." ביידע שרײַבער זײַנען בונדיסטן. אָבער בײַם בונדיסט איז דאָס דערעיִקרשט אַ גלויבן אין דעם סאָציאַליסטישן „באַחרית הימים"; דער קאָמוניסטיש געשטימטער יוגנטלעכער קען זיך אָנשפּאַרן אויך אויף דער הײַנטיקייט פֿון ראַטן-פֿאַרבאַנד, ווו גרויסע און קליינע פֿעלקער ווערן באַהאַנדלט אין גאַנצן גלײַך.[154]

נאָר געבנוג דוגמאות. דער געדאַנק מוז שוין זײַן קלאָר: קאָמוניזם ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמאַציע איז איינהייטלעך און איינטײַטשיק, דער פּאַרטיי-בילעט איז פֿון איין טיפּ. אָבער קאָמוניזם ווי אַ רעאַקציע פֿון פּערזענלעכקייטן אויף דער דרויסנדיקער וועלט איז פֿילפֿאָרמיק און פֿילטײַטשיק. איינער גייט אין דער קאָמפּאַרטיי, כאָטש מען זעצט דערפֿאַר אין תּפֿיסה, אַ צווייטער, ווײַל מען זעצט אין תּפֿיסה. איינעם ציט בפֿירוש צום טעראָר, דער צווייטער טרייסט זיך דערמיט, אַז אַנדערש קען מען ניט פֿירן קיין מלוכה קעגן אַ וועלט מיט שונאים—און אַגבֿ, באַרויִקט ער זיך, זײַנען 90% טעראָר-ידיעות אויסגעטראַכט פֿון דער בורזשואַזער פּרעסע.

סאַראַ געוואַלדיקער מהלך צווישן דעם יונגנמאַן וואָס גייט אויף סכּנות צוליב איבערקערן דעם פּאָליטישן סדר בײַ זיך אין לאַנד און אַ צווייטן, וואָס ער האָט זיך מיאש געווען אין אַ שאַנס פֿאַר זיך און וויל דעריבער וואָס גיכער עמיגרירן קיין ראַטן-רוסלאַנד. דער צווייטער איז בעצם גאָרניט אַזוי ווײַט פֿונם ציוניסט וואָס האָט זיך מיאש געווען אין גלות, אָדער אין בעסטן פֿאַל איז ער אינדי-פֿערענט צום גלות. דער ערשטער האָט אין זײַנע געזעלשאַפֿטלעכע אַרויסווײַזונגען אַ געוויסע ענלעכקייט מיט ציוניסטן פֿונעם טיפּ לייבל טוביש וועלכער האָט אין זײַנע ייִנגערע יאָרן געהאַט די אמתע התלהבֿות פֿאַר איבערבויען דעם גלות.

---

154 עס וואָלט כּדאַי געווען אויסצופֿאָרשן בפֿרוטרוט, וואָס פֿאַר אַן אָרט עס פֿאַרנעמט אָט דער מאָטיוו פֿון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט אין דער פּראָפּאַגאַנדע- און אַגיטאַציע-ליטעראַטור פֿון די ערשטע יאָרן פֿון ייִדישן סאָציאַליזם. איך בין משער, אַז אָט דער געפֿיל פֿון באַהעפֿטן זיך צו דער גרויסער איינהייט פֿון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט האָט פֿאַר דער טראַגיש איזאָלירטער ייִדישער מאַסע געהאַט אַ באַזונדערע כּישוף-קראַפֿט.

קאָמוניזם ווי אַן עלעמענט פֿון אויספֿורעמען די פּערזענלעכקייט שטייט אין זייער אַ קאָמפּליצירטער פֿאַרהעלטעניש צו קאָמוניזם ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכע דאָקטרין. דער אידעאַל פֿון אַן אָנקלאַסנדיקער געזעלשאַפֿט איז געבונדן מיט קאָמוניזם (אָדער סאָציאַליזם). אָבער פּרנסה, אָן באַגרענעצונגען פֿאַר ייִדן, האָט אַמאָל געגעבן אויך אַמעריקע. אַ פֿולע אָפּזונדערונג פֿונעם אַלטן שטייגער לעבן קען מען געפֿינען אויך אין אַן ארץ־ישׂראלדיקער קבוצה. אַן אויספֿורעמונג פֿון לעגענדעס אַרום פֿירער איז געווען בײַ ייִדן אין די צײַטן פֿון שבתי־צבֿי. מיט מאַשין־ראָמאַנטיק קען זיך דאָך אַמעריקע געוויס איבערנעמען. איז אויב אַ יונגער־מאַן ווערט אַ „רויטער", הייסט דאָס ניט, אַז ער האָט אָנערקענט די קאָמוניסטישע פּראָגראַם אָדער פּאָליטיק פֿאַר ריכטיק. דער עיקר איז: זי געפֿעלט אים, זי ציט אים צו, זי „אַפּעלירט" צו אים, ווי אַמעריקאַנער זאָגן.

ווען אַזאַ יוגנטלעכער הערט אָדער לייענט, אַז „אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איז ניטאָ קיין פּערזענלעכע פֿרײַהייט", קלעפּט זיך דאָס צו אים צו, מגושמדיק גערעדט, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. עס דערגייט אַפֿילו ניט צו זײַן באַוווסטזײַן.

די וואָס ציִען זיך צו ארץ־ישׂראל שטייען פּאָליטיש געוויס אויפֿן אַנדערן פּאָל. אָבער פּסיכיש, זעען מיר, איז דער אָפּשטאַנד גאָרניט אַלעמאָל אַזוי גרויס.

אין געוויסע פּרטים איז ארץ־ישׂראל, לויט אירע פּסיכישע אויסשטראַלונגען, געגליכן צום ראַטן־פֿאַרבאַנד. בײַ הײַנטיקן מאָמענט גיט זי אַרבעט — קיין ווונדער ניט, וואָס זי ציט צו. זי גיט דעם ייִדן אַ געפֿיל פֿון ניט זײַן צווישן פֿרעמדע.[155] זי איז ווײַט פֿון דער היים אין אָרט, ס'איז שווער אַהין צוצוקומען — דאָס איז אַ מעלה. זי איז ווײַט פֿון דער היים אין שפּראַך, לכל־הפּחות אין דער געוואָלטער — דאָס איז אַ מעלה. ארץ־ישׂראל גיט אַן אָנזאָג אויף אַן אייגן מלוכיש לעבן, מיט העברעיִשע אותיות אויף די פּאָסטמאַרקעס, מיט העברעיִשע עטיקעטן אויף פֿאַבריק־אויסאַרבעטונגען, מיט ייִדן־פּאָליציאַנטן אַפֿילו. דאָס גאַנצע איז טאַקע קליין, אָבער עס וועקט האָפֿענונגען אויף עפּעס גרעסערס, און איך, חיים אָדער חנה, קען אויך זײַן דערבײַ. אָט דערויף איז כּדאַי אַוועקצוגעבן כּוחות!

מיר האָבן זיך דאָ איבער אַ נײַס אָנגעשטויסן אויפֿן פּונקט, אַז יוגנטלעכע אין דער פֿרעמד זײַנען גרייט צו נעמען אויף זיך גרעסערע שוועריקייטן איידער אין דער היים. נאָך אַן אילוסטראַציע צו די וואָס זײַנען שוין געבראַכט געוואָרן:[156]

„אַז דער טאַטע איז געזונט געוואָרן, האָב איך אין קראָם שוין זעלטענער אַרײַנגעשמעקט. כ'האָב מיך אַרומגעדרייט שלינג און שלאַנג איבער די גאַסן און

---

155 ווי אַ קעגנבילד צו דער היטלער־געשיכטע מיטן פּערד (זע אויבן ז' 187) ברענג איך דאָ אַ געשיכטע וואָס איך האָב געהערט דערציילנדיק פֿון תּל־אָביב, וועגן אַ פֿאַמיליע וואָס איז אַריבער־געפֿאָרן אַהין פֿון מיזרח־אייראָפּע.

די מאַמע צום ייִנגל: „שטיף ניט אַזוי!"

דער זון: „פֿאַר וועמען דאַרף איך דאָ מורא האָבן?"

156 זע אויבן זז' 210 און 216.

גערטנער. צײַטנווײַז איז מיר באַפֿאַלן אַזאַ ווילן צו פֿיזישער אַרבעט, אַז כ׳בין מקנא געווען די גאַסן־ברוקירער. וואָלט עס געווען אין אַן אַנדער שטאָט, וואָלט איך מיטן גרעסטן כּבֿוד אַוועקגעזעצט [!] זיך ברוקירן די גאַסן. נאָר דאָ, ווו יעדער שטיין קען מיר, איז מיר מיאוס געוואָרן דאָס אַרומגיין, האָב איך מיר צוגעזעצט שרײַבן. פֿון מײַנע ווערק בין איך געווען דער אײנציקער לייענער."[157]

פֿרעגט זיך: פֿאַר וואָס קען מען זײַן אַ מיסטפֿירער אין תּל־אָבֿיבֿ אָדער אַ גאַסן־ברוקירער אין מאַגניטאָגאָרסק, בשעת ווען אין ווילנע וואָלט מען זיך צו אַזאַ אַרבעט ניט גענומען אַפֿילו ווען ס׳וואָלט זיך געמאַכט?

דאָס איז אַ גרונטפֿראַגע פֿון דער ייִדישער פּערזענלעכקייט. אָבער דאָס איז אויך אַ גרונטפֿראַגע—אפֿשר מעג מען זאָגן: די גרונטפֿראַגע—פֿון דער ייִדישער כּללישער עקסיסטענץ.

אַז אין דער פֿרעמד, ווען ס׳איז לית ברירה, קומען צו נײַע כּוחות, איז קיין נאָווינע ניט. די געשיכטע פֿון אַמעריקע ווײַזט, אַז אויסוואַנדערער זײַנען גרעסערע בריות איידער די היימבלײַבער, און פֿון אונדזער אייגענער קורצער געשיכטע אין אַמעריקע ווייסן מיר דאָס אויך. אָבער אין דער גאַנצער וועלט טוען דאָך מענטשן עפּעס אויף אין די היימלענדער אויך. בײַ אונדז מוז זיך די יוגנט אין גאַנצן אָפּרײַסן פֿון דער היימישער סבֿיבֿה מיט אירע בינדונגען, כּדי צו קענען אַרויסצאַפּן פֿון זיך גרעסערע סכומען ענערגיע. בײַ אונדז ווילן אַוועקפֿאָרן אַפֿילו אַזעלכע וואָס זײַנען אײַנגעאָרדנט, בײַ אונדז ווילן שוין ניט קלערן וועגן אײַנאָרדענען זיך אַפֿילו אַזוינע וואָס וואָלטן יאָ עפּעס געפֿונען. בײַ אונדז וויל מען אַפֿילו ניט קוקן אויפֿן אייגענעם שטייגער לעבן, ווײַל מען שטייט, אויב ניט בפֿועל־ממש, איז פּסיכאָלאָגיש אויף דער פֿור.[158]

---

157 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 34 (פֿון אַ ווילנער בחור), ז׳ 24.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער לאַפּסוס: „אַוועקגעזעצט זיך". אַפֿילו בשעת די פֿעדער רעדט שוין וועגן ברוקירן די גאַסן, טרוימט ער נאָך אַלץ וועגן אַ זיציקער אַרבעט.

158 אילוסטראַציעס צו די לעצטע צוויי זאַצן.

אַ ווילנער סוחר דערציילט מיר, אַז זײַנער אַן אָנגעשטעלטער איז זיך מיט אים מישבֿ, וווהין ער זאָל עמיגרירן: קיין ארץ־ישׂראל אָדער קיין אַרגענטינע. פֿרעגט אים דער סוחר (גראָד אַ ציוניסט): „אַ בחור זײַט איר אייגער אַליין, 40 גילדן אַ וואָך האָט איר; וואָס דאַרפֿט איר פֿאָרן?" ענטפֿערט דער יונגערמאַן: „איך ווייס? אַלע פֿאָרן..."

דער ייִוואָ האָט זיך געווענדט צו אַלע אָנטיילנעמער אין קאָנקורס פֿון אויטאָביאָגראַפֿיעס, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין קלײַבן מאַטעריאַל וועגן זייערע וווינערטער (אינסטרוקציע אין די „ידיעות פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט" נומ׳ 50). ענטפֿערט איינער אַ חלוץ וואָס האַלט ערבֿ עולה זײַן: „וואָס שייך די וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט אויף די ערטער, קען איך לײדער אײַך ניש באַפֿרידיקן, ווײַל דאָס אַלעס איז ווײַט פֿון מײַן גײַסט; עס וואַרט אַנטקעגן מיר אַ סך אַרבעט פֿון לעבן וואָס וואַכט אויף" (פֿון מחבר גופֿא אונטערגעשטראָכן).

וועגן טייל זאַכן וואָס זײַנען געקניפּט מיט דער דאָזיקער ערשײַנונג האָבן מיר שוין גערעדט פֿריִער. פֿאַראַן נאָך איין אומשטאַנד וואָס מען טאָר ניט אַרויס־לאָזן פֿון אויג: צווישן די פֿאַרשיידענע בינדונגען, פֿון וועלכע מען באַפֿרײַט זיך בײַם עמיגרירן, איז אויך פֿאַראַן דער אײַנגעשטעלטער קאָדעקס פֿון בחור־מיידל־באַציִונגען.

ווי „פֿרײַ" מען זאָל ניט זײַן טעאָרעטיש, איז מען אָבער אין דער היים געבונדן דורך אַ זיידן מיט אַ פֿעטער, דורך שכנות און מומינקעס, דורך אייגענער אומדרייסטקייט. אין רוסלאַנד, אין ארץ־ישראל איז מען טאַקע, זאָגט מען, באמת פֿרײַ, מען דאַרף ניט קיין קישנס מיט קיין פּערענעס, מען דאַרף אַפֿילו ניט שטעלן חופּה. ווי שווער עס וועגט דער פֿאַקטאָר דאַרף נאָך ערשט אויסגעפֿאָרשט ווערן, אָבער אַז ער איז געננוג שווער זעט מען פֿון דער היפּשער צאָל עמיגרירנ־דיקע פּאָרלעך, סײַ קיין ארץ־ישראל, סײַ אין דער מאַסן־וואַנדערונג קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד 33/1932.

דאָס אַלץ וואָס איז פֿירגעבראַכט געוואָרן אין די לעצטע עטלעכע קאַפּיטלעך לערנט אונדז, אַז אויב מען זאָגט אונדז: „שמאָל פּראַקטיש ווי אַ בונדיסט", „פּילפּולדיק ווי אַ לינקער פּועלי־ציון", „פֿאַנאַטיש ווי אַ קאָמוניסט", „אומקריטיש ווי אַ רעוויזיאָניסט" אד"גל (אַלץ באַצייכענונגען וואָס שטאַמען פֿון געגענער), איז דערמיט דערגרייכט ניט מער ווי דורך ענלעכע „ווי'ען": „געלטגײַציק ווי אַ ייִד" אָדער „קאַרג ווי אַן ענגלענדער". אויף צו כאַראַקטעריזירן די גרופּע קען דאָס האָבן אַ ווערט, אויף צו כאַראַקטעריזירן דעם יחיד גיט דאָס אונדז מערניט ווי אַן אילוזיע, אַז מיר האָבן עפּעס פֿאַרשטאַנען.

72. פֿון וואָסער זײַט מען קוקט

מיר האָבן געזען, אַז אויף זײַנע פּערזענלעכקייט־שוועריקייטן (בתוכם אויך אויף יענע שוועריקייטן וואָס דרינגען אַרויס פֿון זײַן צוגעהעריקייט צו אַ באַעוולטן קלאַס אָדער אַ באַעוולטן פֿאָלק) קען אַ יחיד רעאַגירן אי מיט אַן אויטיסטישן, אי מיט אַן עגאָצענטרישן, אי מיט אַן אינדיווידואַליסטישן ענטפֿער. פֿון די דרײַ קען אפֿשר נאָר אויטיזם ניט אָנטון זיך אין לבֿוש פֿון פּאַרטייִשקייט, וואָרעם אויטיזם מיינט דאָך, לויט אונדזער דעפֿיניציע, אָפּשיידן זיך פֿון מענטשן, ניט מתחבר זײַן זיך צו מענטשן[159]. אָבער ווײַטער קען דאָס צושטיין צו אַ פּאַרטיי העלפֿן דעם מענטשן צו עמאַנסיפּירן זיך פֿון דער היים, אָדער צו געפֿינען אַן אָנשפּאַר אין חבֿרים, אָדער צו פֿאַרענטפֿערן די פּראָבלעם פֿון זײַן מאַטעריעלער

159 ווען איך הער פֿון גאָרדאָניסטן, אַז „אַרבעט דערגענטערט צום קאָסמאָס", הייב איך אָן גלייבן, אַז אַפֿילו אויטיזם קען זיך אויך אָנטון אין פּאַרטייִשקייט.

עקסיסטענץ, אָדער אײַנצוגעמען פּײַן און יסורים כּדי צו לינדערן זײַנע אייגענע שולדגעפֿילן.[160]

טאָ ווי זשע איז די עצם „געזעלשאַפֿטלעכע" רעאַקציע, וואָס מיר האָבן זי אין אונדזער תּחילתדיקער סכעמע[161] געהאַט אַוועקגעשטעלט ווי אַ פּערטע אין דער ריי?

דער אַנאַליז פֿונעם אונטערשלאַק פֿון פּאַרטייִשקייט האָט אונדז דערפֿירט צו אַן אומגעריכטן רעזולטאַט: דער עצם באַגריף פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכער רעאַקציע ווערט מוטל בספֿק. דער באַגריף איז צעפֿליִיגן געוואָרן צווישן אונדזערע פֿינגער אַזוי ווי שפּינוועבס, ווען מען פּרוווט עס אויסגלעטן.

מיר קענען שוין איצט ניט זאָגן, אַז דאָס צושטייַן צו אַ פּאַרטיי איז דעם יחידס ענטפֿער אויף זײַנע נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע שוועריקייטן. פֿאַרן יחיד זײַנען די סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע שוועריקייטן בלויז פּרט־פֿאָרמען פֿון זײַנע פּערזענלעכקייט־שוועריקייטן. די געזעלשאַפֿטלעכע רעאַקציע איז בלויז די ערשײַנונגס־פֿאָרם פֿאַר דעם מענטשנס אינדיווידואַליזם אָדער עגאָצענטריזם (און אפֿשר אויך אויטיזם).

אָבער אויב מיר זאָלן אָננעמען אַזאַ ברוטאַלן אויספֿיר, אַז יעדער פּאַרטיי־מיטגליד באַפֿרידיקט אין דער פּאַרטיי וועלכע עס איז פּערזענלעכע באַדערפֿענישן, וואָס זשע איז די פּאַרטיי אין איינעם — אַ חבֿרה מענטשן וואָס האָבן זיך צונויפֿגענומען פֿון זייער אייגענער טובֿה וועגן און שיטן דעם עולם זאַמד אין די אויגן? איך פֿאַרהאָף, אַז קיינער וועט מיך ניט חושד זײַן אין אַזאַ געדאַנק. דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן גערעדט ביז איצטער איז געווען געקוקט פֿון דעם יחידס זײַט. קומט מען אָבער צו צו דער זעלבער פּראָבלעם פֿון דער זײַט פֿון קיבוץ, זעט דאָס אויס גאָר אַנדערש.

אין ערשטן טייל בוך[162] האָבן מיר געשריבן: „ניטאָ קיין אַנדער וועג צו פֿאַרשטיין קולטור־פּראָצעסן אין אַ קיבוץ ווי דורך אויספֿאָרשן די לעבנס־פּראַקטיק פֿון מיטגלידער פֿון אָט דעם קיבוץ". דאָ שטייט בפֿירוש: פֿ אַ ר ש ט י י ן. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דער קיבוץ באַשטייט נאָר פֿון די פּערזענלעכקייט־עלעמענטן פֿון זײַנע מיטגלידער. איך מוז מודה זײַן, אַז איך האָב ניט לעת־עתּה קיין באַפֿרידיקנדיקע דעפֿיניציע, וואָס עס איז אַזוינס דאָס כּללישע נאָך דעם ווי

160 קיין ריינע „טיפּן" זײַנען ניטאָ, לכל־הפּחות זע א י ך ניט קיין מיגלעכקייט זיי אַרויסצושיילן. אין די פּערזענלעכקייטן, מיט וועלכע מיר באַגעגענען זיך פֿאַקטיש, זײַנען די פֿאַרשיידענע רעאַקציעס איבערגעמישט און אויפֿגעפֿלאָכטן. עס קען זײַן אַ קאָמוניסט וואָס ליידט אויף אַ נעווראָז, אַ סוחר מיט אַ שוואַכקייט צו קלייבן מאַרקעס. דאָס אָנוואַרפֿן גרופּעס לדוגמא דאַרף דעריבער ניט אויפֿגענומען ווערן ווי אַ פּרווו צו קאָנסטרויִרן אַ סדרה „טיפּן", און עס איז דאָ קיין סתּירה ניטאָ צו דער סקעפּטישער אָפּשאַצונג פֿון „טיפּאָלאָגיעס", וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק אויף ז' 40.

161 זע קאַפּ' 55.

162 ז' 65.

מען נעמט אַראָפּ דורך חיסור די סומע פֿון די פּערזענלעכקייט־עלעמענטן. אָבער על־כּל־פּנים איז דאָס כּללישע אויך פֿאַראַן במציאות. פֿאַרן קיבוץ—פֿאַר אַ קלאַס, פֿאַר אַ פֿאָלק—זײַנען יאָ פֿאַראַן סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע שוועריקייטן. ממילא זײַנען פֿאַראַן געזעלשאַפֿטלעכע טוונגען אויך, און געגרײַזט האָבן מיר נאָר מיט דעם, וואָס מיר האָבן געזוכט כּלליש־מאָטיווירטע טוונגען בײַ יחידים. יחידים גייען מיט אַן אויטיסטישן, עגאָצענטרישן, אינדיווידואַליסטישן גאַנג, און דאָס געזעלשאַפֿטלעכע איז נאָר איינער פֿון די מיגלעכע לבֿושים. אָבער קיבוצדיקע פֿאָרמאַציעס, זעט זיך אָן, און פּאַרטייען בתוכם, זײַנען אויך אַ רעאַליטעט, און אַ פּאַרטיי ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמאַציע ווערט כאַראַקטעריזירט דורך געזעלשאַפֿטלעכע סימנים און געזעלשאַפֿטלעכע טוונגען.

מיט דער דאָזיקער קאָנסטרוקציע עפֿנט זיך אפֿשר אַ טויער צו פֿאַרשטיין דעם תּחילת אומפֿאַרשטענדלעכן פֿאַקט, וואָס גרויסע מאַסן מענטשן קענען לפֿי־ערך גיך בײַטן זייערע איבערצײַגונגען. על־פּי לאָגיק קומען צו אַ פּאַרטיי (אויב מען קומט בכלל מיט דעם וועג) נאָר יחידים. דער כּלל איז, אַז מענטשן בינדן זיך צו צו אַ פּאַרטיי אַפֿעקטיוו, און דערפֿון נעמט זיך, וואָס מענטשן פֿאַרלירן אין גאַנצן די מאָס פֿון לאָגיק בשעת עס גייט וועגן זייער אייגענער פּאַרטיי: ליבע בלענדט.

קיין סך בײַשפּילן דערויף דאַרף מען ניט, יעדערער האָט דאָס צוגעזען מיט די אייגענע אויגן... בײַ יענעם. אָבער איין בײַשפּיל וועל איך ברענגען:

„... אָט אַזוי האָט מען געשטורעמט [דאָס שטעטל] דרײַ טעג און מען האָט אַרויסגעפֿירט פֿאַר דרײַ טעג פֿון שטעטל 500 גילדן!... און אין דער זעלבער צײַט איז דאָ אין שטעטל אַ גמילות־חסד וועלכער נייטיקט זיך אין געלטשטיצע, און די שטעטל איז פֿאַראָרעמט, און די נויט איז גרויס, און 30 גילדן אַן הלוואה איז בײַ אַ ייִדן אַן עולם ומלואה — וואָלט ניט אפֿשר גלײַכער געווען אָפּגעבן די 500 גילדן פֿאַרן גמילות־חסד און ראַטעווען אַ שטעטל מיט אָרעמעלײַט און האָבן אַ קרן־של־קימאַ?! — נאָר גיי פֿרעג קשיות!"

איר זײַט דאָך געוויס זיכער, אַז דאָס האָט געשריבן אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון אַ פֿאָלקיסטישער צײַטונג מכּוח אַן אַקציע, לאָמיר זאָגן, פֿון קרן־היסוד. איך וואָלט מיסתּמא אויך אַזוי געמיינט, ווען איך זאָל ניט געווען זען דאָס אָפּגעדרוקט שוואַרץ אויף ווײַס אין אַ ציוניסטיש בלאַט![163] ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זײַן, אַז ציוניסטן זאָלן ברענגען דעם אַרגומענט, אַז ס'איז אַן עוולה אַרויסצופֿירן געלט פֿון די שטעטלעך אָנשטאָט צו פֿאַרגיצן עס אויף אָרטיקע הצטרכותן? גאָר פּשוט: עס רעדט זיך ניט וועגן קיין ציוניסטישן פֿאָנד, נאָר וועגן אָרטאָדאָקסישן „קרן הייִשובֿ". אָבער באַלד אויף מאָרגן[164] האָט זיך אין דער זעלבער צײַטונג, גלײַך ווי גאָרניט, באַוויזן אַ גרויסער צווייספּאַלטיקער אויפֿרוף וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

163 „צײַט" (ווילנע), מערץ 8, 1934.

164 טאַקע אויף מאָרגן, דעם 9טן מערץ 1934.

> „ייִדן! מיר, דאָס נײַע דירעקטאָריום וואָס איז געוויילט געוואָרן אויף דער לעצטער קאָנפֿערענץ פֿון „קרן־היסוד“ אין פּוילן, ווענדן זיך צו אײַך מיטן פֿײַערלעכן רוף: זעצט פֿאָר און פֿאַרשטאַרקט די אַרבעט פֿאַרן קרן־היסוד“.

אומקאָנסעקווענט? יאָ, אָבער אין פּאַרטיייִשקייט געוועלטיקן אַפֿעקטן, און זיי ליבע סײַ האַס מאַכן בלינד.

אין פֿיל־ווינציק שטילע צײַטן גייט זיך יעדערער מיט זײַן וועג און האַלט זיך בײַ דעם געזעלשאַפֿטלעכן פֿורעם וואָס ער האָט געפֿונען. אָבער ווען עס קומט אַ סאָציאַלער אויפֿברויז אָדער אַ סאָציאַלער חורבן, בײַט דער שטראָם זײַן געלעגער, און גרויסע מאַסן מענטשן בײַטן דעם געזעלשאַפֿטלעכן לבֿוש פֿאַר זייערע פּערזענלעכע רעאַקציעס. אַזאַ מין גענעראַלן איבעררוק רופֿן די אַמעריקאַנער landslide, ערדגליטש. אַזוי האָבן זיך אין 1917 אין רוסלאַנד די מאַסן געטראָגן פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן צו די באָלשעוויקעס, אין דײַטשלאַנד 1931–1933 פֿון די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן צו היטלערן, בײַ אונדז אין די לעצטע פּאָר יאָר פֿון די ציוניסטן צו די רויטע און צוריק. אין אַזוינע צײַטן ווערט די פּאָפּולערע פּאַרטיי נאָך אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ווי פֿריִער אַ בית־קיבול פֿאַר אָן אַ שיִעור פּערזענלעכקייט־וואַריאַנטן.

די גרויסע פּראָבלעם וועט פֿאַרשטייט זיך אַלעמאָל זײַן, פֿאַר וואָס איז אין דער און דער תּקופֿה, אין דעם און דעם אָרט, דווקא די פּאַרטיי און ניט יענע פּאַרטיי געוואָרן דער בית־קיבול. אויף ווײַל עס רעדט וועגן דעם דער היסטאָריקער וועלן אים, קען זײַן, קלעקן כּללישע סיבות. אָבער דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָג קען זיך דערמיט ניט באַגרענעצן. די סיטואַציע אַליין (לאָמיר זאָגן: דער יוגנטלעכער פּנים־אל־פּנים מיט אַן אַסאָרטימענט פֿון פּאַרטייען) זאָגט אים ניט גענוג. די סיטואַציע איז קיינמאָל ניט אַזאַ, אַז אונטער געוויסע אומשטאַנדן ווערט פֿון מענטשן דאָס און דאָס. די וואָס האָבן אין דײַטשלאַנד גערעכנט לויטן רוסישן קאַלענדאַר און געמיינט, אַז נאָך פֿעברואַר מוז קומען אַ יולי און אַן אָקטאָבער, האָבן פֿאַרזען דעם אויפֿשטאַנד פֿון מיטלקלאַס און פֿון די דעקלאַסירטע, וועלכער האָט דערפֿירט צום היטלעריזם.

אָבער דער מענטש אַליין איז אויך ניט גענוג אויף צו פֿאַרשטיין די געזעלשאַפֿטלעכע עוואָלוציע. דער זעלבער מענטש איז אין געוויסע מאָמענטן פֿעיִק אויף אַקטן פֿון העראָיִשקייט אָדער אַקטן פֿון שיִפֿלות, וואָס אין אַנדערע באַדינגונגען וואָלט ער זיי ניט באַגאַנגען.

אויב אַזוי, עקט זיך דאָך בכלל די וועלט? ניין, זי עקט זיך ניט, מען דאַרף זי אָבער אויספֿאָרשן.

קומען מיר נאָך אַ מאָל צום באַשלוס: אויף צו פֿאַרשטיין אַ מענטשן אין אַ באַוועגונג דאַרפֿן מיר האָבן סײַ אַן אַנאַליז פֿון דעם מענטשנס פּסיכיק, סײַ אַן אַנאַליז פֿון דער באַוועגונג. אויף צו פֿאַרשטיין דאָס לעבן דאַרפֿן מיר האָבן די גאַנצע סיטואַציע און דעם גאַנצן מענטשן.

73. פּאָרש־אויפֿגאַבעס

ניט אומזיסט האָבן מיר מתרה געווען בײַם צוגיין צו די פּראָבלעמען פֿון אונדזער יוגנט־פֿאָרשונג,[165] אַז דער לייענער וועט דאָ געפֿינען מער פֿראַגעס איידער ענטפֿערס. מיר זײַנען אין דעם פּרט נאָך אומבאַהאָלפֿענער איידער דער ניט־ייִדישער פֿאָרשער. בײַ אים איז אַן אָפּהאַלט אין דער אינטערפּרעטאַציע, אין דער טעאָרעטישער פֿאַרקײַלעכונג; בײַ אונדז איז נאָך אַפֿילו קיין אָנצוהערעניש ניטאָ אויפֿן מאַטעריאַל צום אינטערפּרעטירן. די אַזוי גערופֿענע „וויסנשאַפֿט דעס יודענטומס", וואָס די דײַטשע ייִדן האָבן זי געשאַפֿן און די אַסימילירטע גרופּעס אין אַנדערע לענדער האָבן זי ממשיך געווען, האָט זיך געוויס ניט וואָס צו שעמען מיט איר הונדערטיאָריקן געראָט, אָבער זי איז געווען און געבליבן אַ טעאָלאָגיש־פֿילאָלאָגיש־פֿילאָזאָפֿיש אָריענטירטע וויסנשאַפֿט וואָס איז פֿאַרנומען מיט אויספֿאָרשן גזרות, ספֿרים אָדער אידעען פֿון דער ייִדישער פֿאַרגאַנגענהייט, און וואָס ווײַטער די פֿאַרגאַנגענהייט אַלץ בעסער.

איין קליינער בײַשפּיל. די ייִדישע פֿאַמיליע איז אַ שם־דבֿר. עס ווײַזט אויס, אַז די ייִדישע פֿאַמיליע איז געווען איינער פֿון די ווינקלשטיינער פֿון ייִדישער סטאַבילקייט דורך די יאָרהונדערטער פֿון אויפֿטרייסלונגען. גוצקאָוו האָט דאָס אַזוי אויסגע־דריקט אין זײַן „אוריִאל אַקאָסטאַ": „טיף בײַ אונדז אין האַרצן איז פֿאַרוואָרצלט דער כּישוף פֿון דער פֿאַמיליע... אין גלות, ווען מיר זײַנען געווען פֿאַרפֿאָלגט, ווען מיר האָבן אין אונדזער אומגליק ניט געהאַט גאָרניט אַחוץ דער נחמה, אַז פֿאָרט האָבן אונדז קינדער ליב, אַז פֿאָרט שיצט אונדז אַ פֿאָטער אין אַ צרה, אַז פֿאָרט רופֿט אונדז אַ ברודער ברודער,—יעמאָלט האָט זיך פֿעסטער אַרומגעוויקלט אַרום אונדז דער פֿאָדעם פֿון יראת־הכּבֿוד פֿאַר דעם הייליקן היימבראַנד."

צי איז ניט באַמערקווערדיק, אַז דווקא אַ ניטייִד האָט צוגעשריבן די דאָזיקע ווערטער אַ ייִדישן העלד פֿון זײַן דראַמע? איך וואָלט ניט געקענט ציטירן עפּעס ענלעכס פֿון וועלכן עס איז ייִדישן מקור. איך בין משער, אַז אונדזערע רבנים און גדולים האָבן גאָרניט דערקענט, אַז די פֿאַמיליע איז דאָס אמתע קעמערל פֿון ייִדישן קיבוץ. היות ווי די גאַנצע ייִדישקייט איז יעמאָלט ראַציאָנאַליזירט געוואָרן אין רעליגיעזע טערמינען, האָט זיך געשאַפֿן די פֿאָרשטעלונג, אַז די פֿאַמיליע איז נאָר דער טרעגער פֿון געוויסע פֿאָזעס פֿון רעליגיעזן לעבן. אַזוי ווי יעדער אַנדער צווײַג פֿון ערדישן לעבן און טעטיקייט, האָבן אויך די פֿאַמיליע־באַציִונגען געדאַרפֿט אײַנגעצאַמט און רעגולירט ווערן דורך רעליגיעזע דינים, און דער גאַנצער כּבֿוד האָט געקומט דער רעליגיע.

נו, אויף רבנים האָבן מיר ניט וואָס צו פֿרעגן קיין קשיות. זייער געדאַנק גייט מיט ספּעציפֿישע וועגן. אָבער פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט וואָלטן מיר זיך דאָך געמעגט ריכטן, אַז זי זאָל יאָ באַמערקן דעם אויבנאָניקן פּלאַץ פֿון דער

---

165 זע אויבן ז' 169.

פֿאַמיליע אין ייִדישן קיבוץ־לעבן און זאָל געבן דערויף די געהעריקע סאָציאַל־פסיכאָלאָגישע אינטערפּרעטאַציע. נאָר אָט נעמען מיר די אַמעריקאַנער Jewish Encyclopedia פֿון 1903, אַ סומירונג פֿון דער גאַנצער יעמאָלטיקער „וויסנשאַפֿט דעס יודענטומס“ אין 12 בענד פֿון מער ווי 1000 שפּאַלטן יעדערער. דער אַרטיקל Family and Family Life פֿאַרנעמט דאָרטן... קנאַפּע צוויי זײַטן און איז אָנגעפּילט דערהויפּט מיט ציטאַטן פֿון ביבל און פֿון תּלמוד; מערניט ווי די לעצטע צוואַנציק שורות גיבן אַ ברעקל רמז אויף דער פּראָבלעם. זאָלן מיר פֿאַרענטפֿערן דעם שרײַבער פֿון יענעם אַרטיקל מיט דעם וואָס ס׳איז שוין אַ מעשה פֿון 30 יאָר און אין יענער צײַט האָבן נאָך די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן אין אַמעריקע געשטעלט די ערשטע טריט? אין דער Еврейская Энциклопедия, מיט צען יאָר שפּעטער, איז קיין זוכוואָרט „פֿאַמיליע“ בכלל ניטאָ; מען איז יוצא מיט „פֿאַמיליע־רעכט“. אין דער Encyclopaedia Judaica פֿון 1930, נאָך אַ פּרעכטיקערע אויסגאַבע ווי די ענגלישע, וואָס דאַרף באַשטיין פֿון 16 בענד, איז יאָ פֿאַראַן אַן אַרטיקל Familie. אָבער ער האַלט עפּעס איבער צוויי זײַטן און באַשטייט בלויז פֿון צוויי קאַפּיטלען: 1) אין תּנך, 2) אין תּלמוד. וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון די לעצטע פֿופֿצן הונדערט יאָר האָט די טעאָלאָגיש אָנגעשטעלטע „וויסנשאַפֿט דעס יודענטומס“ גאָרניט וואָס צו באַמערקן; וועגן דעם סאָציאָלאָגישן און סאָציאַל־פסיכאָלאָגישן אַספּעקט פֿון דער פֿראַגע איז אַפֿילו בנוגע דער פֿאַרגאַנגענהייט קיין וואָרט ניטאָ.

מען קען זאָגן, אַז ערשט מיט דער גרינדונג פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין 1925 איז געשאַפֿן געוואָרן די אינסטיטוציע וואָס גיט זיך אָפּ אַ פֿולן חשבון וועגן דער וואָגיקייט פֿון די ייִדישע סאָציאָלאָגישע און סאָציאַל־פסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען. ענדלעך איז געשאַפֿן געוואָרן אַן אינסטיטוציע וואָס אַרבעט אויפֿן אָרט, וואָס איז אַרײַנגעוואַקסן אין דעם לעבנס־שטייגער, ווי די דאָזיקע פּראָבלעמען ברענען, און וואָס האַלט, אַז דאָס דאָזיקע נײַע פֿעלד וויסן איז איר אַרבעטפֿעלד.

עס וואָלט אַגבֿ געווען אַ טעות צו מיינען, אַז אָט די פּראָבלעמען זײַנען באַגרענעצט אויף מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע. איבער מעטאָדישע טעמים האָבן מיר פֿאַרן ערשטן עטאַפּ אײַנגעענגט די טעריטאָריע פֿון אונדזער פֿאָרשונג; אָבער ווען מען קוקט זיך אײַן נעענטער, זעט מען, אַז דער עניין האָט אויך אַ גרויסע ווערדע למשל פֿאַר די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווו די ווײַט גרעסטע מערהייט ייִדן זײַנען מיזרח־ייִדן. „עס איז וויכטיק, האָט געשריבן אַן אָנגעזעענער אַמעריקאַנער וויסנשאַפֿטלער, צו קענען דעם סאָציאַלן אונטערשלאַק פֿון דער אַלטער וועלט, וואָס דער אימיגראַנט ברענגט מיט אַהער; זײַנע מינהגים, פֿאָראורטיילן, נאַציאָנאַלע און ראַסנדיקע געפֿילן. מער און מער נעמען מיר פֿאַרשטיין, אַז אויב מיר ווילן אײַנשטעלן אויף אַן אינטעליגענטן שטייגער די באַציִונגען מיט אונדזערע אימיגראַנטישע גרופּעס, דאַרפֿן מיר קענען זייער אונטערשלאַק אין זייערע היימלענדער.“

אָבער עס איז ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די פֿאָרשונג פֿון ייִדישער יוגנט (און ברייטער גענומען, פֿון ייִדישער קולטור און פּערזענלעכקייט בכלל) איז וויכטיק ניט נאָר פֿאַר יענע געלערנטע וואָס זײַנען פֿאַראינטערעסירט אין ספּעציפֿיש ייִדישע עינינים. פֿאַר אונדזער אַרבעט וואָלט געווען מער ווי גענוג באַרעכטיקונג, ווען מיר זאָלן געפֿינען אַ וועג צו פֿאַרשטיין די ווײטאָגדיקע פּראָבלעמען פֿון אונדזער יוגנט; פֿ אַ ר ש ט י י ן, כּדי לויט אונדזערע כּוחות צו ב ײַ ט ן וואָס עס איז שלעכט. אָבער עס איז געוויס אײַנגענעם צו וויסן, אַז די אַרבעט וואָס מען טוט האָט אויך אַ ברייטערן אויסקוק. און אַזוי איז דאָס מיט דער ייִדישער יוגנט-פֿאָרשונג. עס ווײַזט אויס, אַז ניט נאָר עפֿענען מיר דאָ אַ נײַעם אָדער אַרץ פֿאַר דעם סאָציאַל-פּסיכאָלאָג, נאָר מיר העלפֿן אויך דורכלייגן אַ וועג, ווען עס איז צו פֿאַרגרינגערן אויך אַלגעמיינע סאָציאַלע שוועריקייטן. וואָרעם די קאָמפּענסאַציעס און במקום-טעטיקייטן, צו וועלכע מיר וועלן זיך דערגרונטעווען, קענען אפֿשר, אַפֿילו אויב פֿאַר זיך זײַנען זיי אומאויסמײַדלעך, פֿאַרוואַנדלט ווערן אין נוציקע און פּרוכפּערדיקע, אויב מען זאָל זיי פֿאַרשטיין און איבערקערעווען ווי עס געהער צו זײַן.

דער אַרבעט-היפּאָטעז וואָס מיר האָבן פֿונאַנדערגעוויקלט אין דריטן טייל פֿון אונדזער בוך לאָזט זיך בקיצור פֿאָרמולירן אַזוי: די צוגעהעריקייט צו אַ געצייכנטן (און ספּעציעל צו אַ באַעוולטן) קיבוץ ברענגט דערצו, אַז עס קומען אויף און שטאַרקן זיך פּסיכישע מעכאַניזמען אויף איבערצוקומען עמאָציאָנעלע (און אַפֿילו ממשותדיקע) שוועריקייטן. די דאָזיקע מעכאַניזמען קומען אויף בלי-שום-ספֿק נאָך אין די קינדערשע יאָרן און הערן ניט אויף צו אַנטוויקלען זיך ביז אין דער דערוואַקסנשאַפֿט אַרײַן. גיי איך מיטן גאַנג, אַז עס איז ניטאָ קיין פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן די מעכאַניזמען וואָס עס אַנטוויקלט דער מיטגליד פֿון אַ באַעוולטן קיבוץ און די מעכאַניזמען וואָס עס מוז אָנווענדן אַ קינד, לאָמיר זאָגן, בײַם אַנטוויינען פֿון דער מאַמעס ברוסט אָדער בײַם אויסלערנען זיך צו האַלטן זיך ריין. אי דאָ אי דאָרטן איז אין תּוך, ווײַזט מיר אויס, דאָס אייגענע: מען מוז זיך אָפּזאָגן פֿון אַ גוטיקייט אונטער אַ דרויסנדיקן צוואַנג. די פֿ אַ ק ט ן דאָ און דאָרטן זײַנען פֿאַרשיידן, די פּסיכישע אונטערשטע שורה איז זייער ענלעך.

היינע האָט זיך אַמאָל באַוואָרנט, מען זאָל ניט פֿרעגן, מיט וואָסערע מיטלען ער האָט איבערגעטראָגן זײַן פּסיכישע פּײַן:

Und ich hab es doch getragen,
Aber fragt mich nur nicht, wie.

נאָר מיר וועלן אים ניט פֿאָלגן און מיר וועלן יאָ פֿרעגן, ווי אַזוי; מיר וועלן יאָ שטרעבן אויפֿצודעקן די פּסיכישע מעכאַניזמען. ייִדן האָבן אין פּרט פֿון צופּאַסן זיך צום לעבן („אַבער פֿראַגט מיך נור ניכט, ווי“) באַוויזן די גרעסטע בריהשקייט. דערפֿון איז געדרונגען, אַז אונדזער ייִדישע יוגנט-פֿאָרשונג וועט אונדז ניט נאָר באַשיידן ייִדישע יוגנט-פּראָבלעמען, נאָר זי וועט אויך זײַן אַ צושטײַער צו דער אַלגעמיינער

פּראָבלעם, ווי אַזוי אַ מענטש גיט זיך אַן עצה בײַם צוזאַמענשטויסן זיך מיט די אומאויסמײַדלעכע „לאָ־תעשׂהס" פֿון לעבן.

און דאָס לאָזט זיך זאָגן ניט נאָר וועגן אונדזערע יוגנט־פּראָבלעמען, נאָר ממש יעדער ווינקל פֿון דער מיזרח־ייִדישער פּראָבלעמאַטיק האָט אַן אַלגעמיינעם אָנבליק אויך. דאָס וואָס אונדזער לעבן איז נאָר אַ קליין פּינטל אין פֿאַרגלײַך מיט דער גאַנצער גרויסער וועלט מאַכט ניט אויס פֿאַר דער וויסנשאַפֿט; איך וויל דערמאָנען, אַז טאָמאַס־זנאַניעצקיס The Polish Peasant, הגם ס'באַהאַנדלט אויך אַן איינציקע קולטור (און אויך אַ ווײַטלעכע פֿאַר דער אַמעריקאַ'ער וויסנשאַפֿטלעכער וועלט, וואָס איר איז דאָס ווערק צום ערשטן דערלאַנגט געוואָרן) איז אין משך פֿון אַ קורצער צײַט געוואָרן אַן אויסגאַנגפּונקט פֿאַר אַ מעכטיקער באַנײַטער באַוועגונג אין די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן בכלל. איך נעם זיך דאָס רעכט צו מיינען, אַז אַ פֿאָרשונג פֿון ייִדישער קולטור און פּערזענלעכקייט קען אויך האָבן אַ באַטײַט ניט נאָר אין זיך גופֿא, נאָר אַז זי האָט אין אַ געוויסער מאָס אַ סטראַטעגישן באַטײַט. ווען עס זאָל אונדז געראָטן אָפּצודעקן די פּסיכאָלאָגישע רעאַליטעטן וואָס שטעקן אין די קולטור־איבעראַנדערשונגען פֿון דער ייִדישער סבֿיבֿה מיט איר איינציק־אַרטיקן אויסמיש פֿון עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, פּאָליטישע, לינגוויסטישע און אַנדערע פֿאַקטאָרן, וועט דאָס וואַרפֿן היפּש נײַע שײַן אויפֿן סאָציאַלן פּראָצעס אין אַלגעמיין. איך דערמאָן זיך דאָ, אַז אויך די מחברים פֿון The Polish Peasant ריידן וועגן שטודיעס צווישן אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס, וואָס דאַרפֿן קומען, „אויב מיר ווילן, אַז אונדזער באַקאַנטשאַפֿט מיט דער סאָציאַלער רעאַליטעט זאָל זײַן פֿולשטענדיק", און דערבײַ טײַטן זיי בפֿירוש אויך אויף ייִדן, „וואָס רעפּרעזענטירן ספּעציפֿישע סאָציאַלע צופּאַסונגען אונטער אַ ספּעציפֿישן סאָציאַלן דרוק".

איך וויל זיך דאָ באַנוגענען מיט אַ פּאָר בײַשפּילן אַחוץ די שוין דערמאָנטע, אַז די ייִדישע קולטור־ און פּערזענלעכקייט־פֿאָרשונג קען צושטעלן פּרווו־בײַשפּילן פֿאַר אַלגעמיינע פּראָבלעמען. דער כאַראַקטער און דער פֿאַרנעם פֿון די אַזוי גערופֿענע ייִדישע פֿעיִקייטן איז אַ טייל פֿון דער פּראָבלעם, אונטער וואָסערע אומשטאַנדן „עס שאַרפֿט זיך דער מוח" אין דער אָדער יענער ריכטונג. די פּסיכאָלאָגישע און דערציִונגדיקע זײַטן פֿון צווייִשפּראַכיקייט זײַנען אַ לעבנס־פֿראַגע פֿאַר שיינע עטלעכע צענדליקער מיליאָן מענטשן אין אייראָפּע און אַנדערשוו. די פֿאַרבאַדינגען און די רעזולטאַטן פֿון די שטרעבונגען צו איבערשיכטונג, קודם־כּל צו אַגראַריזירונג, ווײַזן זיך אַרויס מיט אַ ספּעציעלער בולטקייט צווישן ייִדן וואָס זײַנען אַזוינע טיפּישע שטאָטמענטשן. עקאָנאָמישער חורבן ווי אַ סיבה און באַגלייטער פֿון קולטור־איבעראַנדערשונגען איז אויך ניט קיין ספּעציפֿישע מיזרח־ייִדישע פּראָבלעם.

אַ גרויסן אַלגעמיינעם באַטײַט האָט דאָס פֿאָרשן די ייִדישע קולטור און פּערזענלעכקייט אויך פֿאַר יענער פּראָבלעם וואָס האָט אין אַמעריקאַנער ענגליש באַקומען די באַצייכענונג „אַקולטוריזאַציע" (acculturation). אינעם ערשטיקן

טײַטש איז דאָס די פּראַגע, ווי אַזוי דער יחיד וואָס ווערט אַרײַנגעבוירן אין אַ קיבוץ נעמט אָן די קולטור פונעם דאָזיקן קיבוץ.[166] מיט אַנדערע ווערטער מיינט דאָס, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען און אויף וואָסערע וועגן די געזעלשאַפט צווינגט אַרויף אירע דינים און מינהגים אויפֿן אונטערוואַקסנדיקן דור. מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דעם, סאַראַ גרויסע ווערדע עס האָט פאַר דער דאָזיקער פּראָבלעם אונדזער יוגנט-פאָרשונג.

אַ צווייטער וואַריאַנט פון דעם באַגריף אַקולטוראַציע איז דער אַריבערגאַנג פון איין קולטור צו אַ צווייטער: למשל ווען אַ דערוואַקסענער אימיגראַנט קומט אין אַ פרעמדער מדינה און דאַרף זיך דאָרט אַרײַנפּאַסן אין אַ נײַער שפּראַך, אין אַ נײַעם שטייגער לעבן אאַז״וו. אָבער די „אַקולטוריזאַציע״-פּראָבלעם פון אונדזערע יידן אין מיזרח-אייראָפּע איז גאָר אַן אַנדערע ווי, לאָמיר זאָגן, אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. אין מיזרח-אייראָפּע זײַנען יידן ניט קיין נײַ-געקומענע, נאָר מיר זיצן אויף די טעריטאָריעס צווישן באַלטישן און שוואַרצן ים שוין זעקס הונדערט יאָר אָדער מער. די קולטור-פּראָצעסן וואָס קומען פאָר בײַ יידן אין מיזרח-אייראָפּע זײַנען דעריבער ניט סתם אַ שטרעבונג צום סטאַנדאַרד פון דער אוממיטלבאַרער אַרומרינגלונג. געגנוג אָפט איז דאָס ניט קיין צופּאַסונג צו די שכנים, נאָר אַ „מערביזירונג״ אין פאַרזיכדיקע יידישע פאָרמען, פּאַראַלעל מיט אַן ענלעכן פּראָצעס בײַ ניט־יידן. יידן האָבן זייערע אייגענע פאַרבינדונגען מיטן מערב, און דעריבער קומען צו אונדז מערבֿדיקע השפּעות ניט דווקא דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אַרומרינגלונג. איך האַלט אַשטייגער, אַז יידן האָבן אין מיזרח-אייראָפּע אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר געבורטן-קאָנטראָל פונקט ווי זיי זײַנען אין פריערדיקע יאָרהונדערטער געגאַנגען פאָרויס בײַם אײַנפירן געלטווירטשאַפט. טייל פאָרעמס פון יידישן לעבן זײַנען דעריבער ענלעך צו מערבֿדיקע פאָרעמס, אָבער זיי דעקן זיך ניט מיט די שכנישע פּוילישע, ליטווישע אָדער רומענישע. די וואַרשעווער יידישע צײַטונגען, כאַפּ איך אָן, זײַנען אין טייל זאַכן מער געגליכן צו דער יידישער פּרעסע אין ניו-יאָרק איידער צו דער פּוילישער פּרעסע פון וואַרשע.

ווען מיר זאָלן זיך הייסט עס דערגרונטעווען צו די פאַרשיידענע גראַדן מערבֿיזירונג בײַ יידן און ניט־יידן, וועט דאָס האָבן אַ גרויסע ווערדע בײַם פאַרשטיין די פּסיכישע אַקטן, דורך וועלכע נײַע קולטור-עלעמענטן ווערן בכלל איבערגענומען און אינקאָרפּאָרירט אין די אַלטע קולטור-פאָרעמס אַרײַן.

איצטער האָבן מיר נאָך אַ דריטן אָנבליק פון אַקולטוריזאַציע, דהײַנו די אַרײַנפּאַסונג פון מיזרח-יידן אין דער וועלטקולטור, און ווידער אַ מאָל קען אונדז דאָ די פאָרשונג פון יידישער קולטור און פּערזענלעכקייט שטאַרק צודינען. עדוואַרד סאַפּיר האָט דאָס אַרויסגעבראַכט אַזוי:

---

166 וועגן דעם ברייטן פשט פון קולטור זע אויבן זז׳ 60 און 67.

„דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום איז באמת אַן עיקר־פּונקט אין דער נײַע־רער פּסיכאָלאָגישער געשיכטע פֿון קולטור. דער היסטאָרישער באַזיס וואָס איז פֿאַר־וואָרצלט אין דער רעליגיעזער פֿאַרגאַנגענהייט איז זייער ווײַט פֿונעם קאָנווענציאָנעלן שליאַך פֿון דער מערבֿדיקער ציוויליזאַציע; און פֿאָרט האָט דער הײַנטיקער אייראָפּעיִשער ייִד גענומען אַ גאַנץ באַשײַמפּערלעכן אָנטייל אין יענער אַלגעמיינער קאָסמאָפּאָליטישער ציוויליזאַציע, וואָס זי האַלט אין פֿאַרשפּרייטן זיך איבער דער וועלט, אַריבערשפּרײַזנדיק איבער נאַציאָנאַלע, ראַסנדיקע און רעליגיעזע גרענעצן. אין דער סיטואַציע שטעקט דעריבער עפּעס אַזוינס ווי אַ פּאַראַדאָקס. ס׳איז אַ גרונטפּראָבלעם פֿון דער סאָציאַלער וויסנשאַפֿט אויסצופֿאָרשן, צי עס איז טאַקע אַ פּאַראַדאָקס, און צו דערקלערן, אין וואָס ער באַשטייט. דאָס קען געטאָן ווערן נאָר דורך זייער אַ זאָרגעוודיקער אויספֿאָרשונג פֿונעם גרונט־אונטערשלאַק פֿון מאָדערנעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן לעבן און דורך אַ פֿולן שטודיום פֿון די פּסיכאָלאָגישע און עקאָנאָמישע דעטערמינאַנטן וואָס באַגינציקן גיכע און באַטײַטיקע שינויים און אַן אַסימילאַציע מיט דער וועלטקולטור.“

74. וויסנשאַפֿט לשמה און וויסנשאַפֿט פֿאַרן לעבן

אויב עס איז פֿאַראַן וואָסער עס איז געביט פֿון וויסן, וואָס האָט, חוץ זײַן ריינעם פֿאָרשווערט, אַ באַטײַט פֿאַרן פּראַקטישן לעבן אויך, זײַנען דאָס די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן. געוויינטלעך קען מען אַפֿילו בײַ עקאָנאָמיק צי בײַ פּאָליטיק זײַן פֿאַראינטערעסירט אין דער וויסנשאַפֿט אין זיך, אין איר געשיכטע, מעטאָדאָלאָגיע און איר אָפּגרענעצונג אַנטקעגן די אַנדערע דיסציפּלינען. איך קלײַב זיך ניט צו זאָגן קיין מבֿינות אויף אַזאַ מין וויסנשאַפֿט לשמה און אויך ניט אויף די מענטשן וואָס טוען אַנטוויקלען אַזאַ וויסנשאַפֿט, אויף זייער אידעאַליזם אָדער זייער וועלט־פֿרעמדקייט. אָבער אויב אַפֿילו דער פֿאָרשער שטרעבט ניט אײַנצושטעלן קיין שום באַציִונג צו די באַדערפֿענישן און פֿאָדערונגען פֿון דער טאָגטעגלעכקייט, וועט פֿאָרט אַ ביסל פֿריִער צי שפּעטער קומען אַ צײַט, ווען די דערגרייכטע דערקענ־טעניש וועט העלפֿן דעם פֿאָרשער גופֿא אָדער זײַנע נאָכקומער צו אָריענטירן זיך אין די פּלאָנטערנישן פֿון לעבן. איך האַלט, אַז אונדזער יונגע דיסציפּלין פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט, וואָס האָט נאָך אַפֿילו ניט קיין אַדעקוואַטן נאָמען, וועט אויך מיט דער צײַט באַקומען אַ גרויסע פּראַקטישע ווערדע. ממילא איז אונדזער ייִדישע יוגנט־פֿאָרשונג, ווען מען טראַכט זיך אַרײַן דערין טיפֿער, אין תּוך זייער אַ פּראַקטישע וויסנשאַפֿט.

דאָס איז ניט קיין סתּירה צום פּאָסטולאַט פֿון פֿולער וויסנשאַפֿטלעכקייט. „ריין וויסנשאַפֿטלעך“ דאַרפֿן מיר זיך מיט אַלע כּוחות פֿלײַסן צו זײַן אין אָנווענדן מעטאָדן, אין ניט אויסמײַדן וויכטיקן מאַטעריאַל; ווי ווײַט מיגלעך וועלן מיר אײַנצאַמען אונדזערע עמאָציעס און שטרעבן צו קוקן אין די אויגן אַרײַן די אויספֿירן, אַפֿילו ווען זיי זאָלן אונדז ניט זײַן צום האַרצן. מיר וועלן פֿאָלגן דעם גאָלדענעם כּלל פֿון דעקאַרטן:

„אויף צו דערגרייכן דעם אמת, דאַרף מען זיך איינמאָל אין לעבן אויסטון פֿון אַלע מיינונגען וואָס מען האָט איבערגענומען און רעקאָנסטרויִרן פֿון דאָס נײַ, פֿון סאַמע פֿונדאַמענט, אַלע סיסטעמען פֿון דעם וואָס, מען ווייס.“

אָבער אין אָפּמאַרקירן דאָס פֿעלד און אין שטעלן די פֿראַגעס זײַנען מיר בפֿירוש אויסן צו טון פֿאַרן לעבן. יעדער נײַ ברעקל וויסן וואָס מען דערגרייכט קען זײַן אַ מיטל צו מאַכן דאָס לעבן גרינגער אָדער פֿולער. מיר ווייסן נאָך למשל הײַנט לפֿי־ערך ווייניק וועגן די פּסיכישע רעזולטאַטן פֿון פֿאַלשער דערנערונג בײַ עופֿעלעך, אָדער פֿון איבערגעטריבענער באַקעמפֿונג פֿון אָנאַניזם. אָבער אין דער מאָס ווי דאָס וואָס מען ווייס שוין יאָ ווערט אַן אייגנס פֿון גאָר ברייטן עולם, ווערן דורך דעם אַ סך קינדער געראַטעוועט פֿון קאָנפֿליקטן, צו וועלכע זיי וואָלטן געווען אויסגעשטעלט. אויב מען דערקענט בײַצײַטנס די „אָפּגעשטאַנענע“ קינדער און מען טיילט זיי אויס אין ספּעציעלע קלאַסן, ווערן זיי אָפּטמאָל פֿולווערטיקע מענטשן; ס׳קאָן געמאָלט זײַן, אַז זייער „אָפּגעשטאַנענקייט“ איז נאָר אַ ספּעציעלע פֿאַרטיילונג פֿון פֿעיִקייטן. וואָלטן זיי אָבער געבליבן אין די אַלגעמיינע קלאַסן, איז אי מען וואָלט זיי פֿאַרהוקעט און געמאַכט פֿאַר באמת דעפֿעקטיווע, אי זיי וואָלטן כּסדר געשטערט די „נאָרמאַלע“.

אַזוי איז מיט יעדער סאָציאַלער וויסנשאַפֿט, אַזוי איז מיט דער וויסנשאַפֿט פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט, און אַזוי איז מיט איר צווײַג וואָס הייסט יוגנט־פֿאָרשונג. „ריינע“ וויסנשאַפֿט פֿאַרוואַנדלט זיך גיך אין אָנגעווענדעטער וויסנשאַפֿט.

פֿאַרברייטערנדיק אַ ביסל די אָנגענומענע דעפֿיניציע פֿונעם באַגריף „טעכנאָלאָגיע“, וואָלט איך וועלן ניצן דעם דאָזיקן טערמין פֿאַר יעדער אָנגעווענדטער וויסנשאַפֿט, וואָס איר צוועק איז אײַנצוסדרן און צו פֿאַרגרינגערן דאָס לעבן. אויב אַזוי, וועט זײַן נוציק אונטערצושיידן צווישן דרײַ ספֿערעס פֿון טעטיקייט:

1) די ספֿערע פֿון מכשירים־טעכנאָלאָגיע;

2) די ספֿערע פֿון געזעלשאַפֿט־טעכנאָלאָגיע;

3) די ספֿערע פֿון מענטשלעכער טעכנאָלאָגיע.

זאָל זײַן, אַז די דאָזיקע פֿונאַנדערגרענעצונג האַלט ניט אויס דעם שטרענגסטן פּרווו, אָבער זי ווײַזט דאָס, אין וואָס עס גייט מיר אין דעם איצטיקן צוזאַמענהאַנג; דהײַנו, עס זעט זיך דאָ בולט אַרויס, אַז די וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשעוודיקייט איז געווען זייער ניט־גלײַכמעסיק צעטיילט צווישן די דאָזיקע דרײַ ספֿערעס.

אויף אײַנצונעמען די מאַטעריעלע וועלט האָט דער מענטש אין פֿאַרלויף פֿון טויזנטער יאָרן אָפּגעגעבן אָנשטרענגונג אָן אַ שיִעור. פֿון 19טן יאָרהונדערט אָן האָט די וויסנשאַפֿט אויפֿגעטאָן זייער פֿיל אויף צו לאָזן אונדז פֿאַרשטיין די עקאָנאָמישע און אַנדערע כּוחות וואָס רעגירן די וועלט. אָבער מען רעדט און מען טוט וועגן איבערקערן דעם סדר, און מען מיינט, אַז די מענטשלעכע פּסיכיק וועט זיך שוין בײַטן ממילא. נאָר אויב אַזוי, פֿאַר וואָס זײַנען ניט אַלע רעוואָלוציעס מנצח? די אמתע פֿירער פֿון רעוואָלוציעס, פּונקט ווי די וואָס ווילן צו

קיין רעוואָלוציעס ניט דערלאָזן, ווייסן זייער גוט, אַז אויף מענטשן דאַרף מען משפּיע זײַן, אַז די מענטשלעכע פּסיכיק דאַרף מען פֿורעמען. אָבער די וויסנשאַפֿט וועגן סאָציאַלע פֿאָרמאַציעס, די געזעלשאַפֿט-טעכנאָלאָגיע, איז אויסגעוואַקסן אין דער טיף און אין דער ברייט, און די וויסנשאַפֿט וועגן פּסיכישע פֿאָרמאַציעס, די מענטשלעכע טעכנאָלאָגיע, שטעקט נאָך אַלץ אין די קינדער-שיכלעך.

דער אופֿן, ווי אַזוי מענטשן באַגייען זיך מיט מענטשן, איז ווײַט אויף מײַלן פֿון יענע וויסנשאַפֿטלעכע מעטאָדן, צו וועלכע מיר זײַנען צוגעוווינט, אָדער צו וועלכע מיר שטרעבן לכל-הפּחות, אין די ספֿערעס פֿון מכשירים-טעכנאָלאָגיע און פֿון געזעלשאַפֿט-טעכנאָלאָגיע. עס איז ניט קיין גוזמא און ניט קיין טענה צו וועמען עס איז (מחמת דאָס איז שייך צו אַלעמען צו גלײַך), אַז אויף וויפֿל מען פּרוּווט בײַ אונדז ווירקן אויף מענטשן, טוט מען דאָס אויפֿן וועג פֿון הייסן און פֿאַרווערן. טאָמאַס און זנאַניעצקי האָבן זייער טרעפֿיק אָנגעוויזן, אַז אין גרונט איז דאָס אַן איבערבלײַב פֿון מאַגיע אין אונדזער הײַנטיקן לעבן.

„די סאָציאַלע טעכניק פֿון „הייסן און פֿאַרווערן" באַשטייט אין דעם, וואָס מען זוכט אָפּצורופֿן אַ שווערייקייט דורך אַ מוטווילליקן אַקט פֿון ווילן, מיט וועלכן מען דעקרעטירט, אַז די אומגעוווינטלעכע ערשײַנונג זאָל פֿאַרשווינדן ווערן אָדער אַז די געוווינטלעכע זאָל זיך באַווײַזן, און מען ווענדט אָן מוטווילליקן פֿיזישן כּוח צו נייטן דורכפֿירן דעם דעקרעט. דער דאָזיקער מעטאָד איז אין גאַנצן געגליכן צו דער מאַגישער פֿאַזע פֿון דער נאַטור-טעכניק. אין ביידע פֿאַלן שטעלט מען זיך פֿיל-ווינציק באַוווּסטזיניק פֿאָר, אַז דער אמתער מיטל צו ברענגען צו אַ באַשטימטן רעזולטאַט איז דער ווילנסאַקט גופֿא, דורך וועלכן דער רעזולטאַט ווערט דעקרעטירט פֿאַר געוווּנטשן; די טוּונג איז נאָר אַ נייטיקער דורכפֿירער אָדער אינסטרומענט. אין ביידע פֿאַלן בלײַבט דער פּראָצעס, דורך וועלכן די סיבה (דער ווילנסאַקט און די פֿיזישע טוּונג) ברענגט כּלומרשט צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם רעזולטאַט, מחוץ דעם גדר פֿון אויספֿאָרשונג. אין ביידע ענדלעך ווערט אַרײַנגעפֿירט, אויב דער רעזולטאַט איז ניט דערגרייכט געוואָרן, עפּעס אַ נײַער ווילנסאַקט מיט אַ נײַעם מאַטעריאַל, אָנשטאָט מען זאָל זען אויסצוגעפֿינען און צו באַזײַטיקן די שטערערישע סיבות. אַ גוטער בײַשפּיל דערפֿון אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן פֿעלד איז די טיפּישע געזעצגעבערישע פּראָצעדור פֿון הײַנטיקן טאָג.

סײַ בײַ דער מאַגישער טעכניק און סײַ בײַ דער טעכניק פֿון הייסן און פֿאַרווערן טרעפֿט אָפֿט, אַז די מיטלען, דורך וועלכן דער ווילנסאַקט איז אונטערגעשטיצט געוואָרן, ווירקן טאַקע, און ממילא איז דער רעזולטאַט דערגרייכט. אָבער היות דער פּראָצעס פֿון סיבה—רעזולטאַט איז אומבאַקאַנט, קען ער ניט קאָנטראָלירט ווערן, און ממילא איז דער ערפֿאָלג אַלעמאָל פֿיל-ווייניק צופֿעליק און אָפּהענגיק פֿון דער סטאַבילקייט פֿון די אַלגעמיינע באַדינגונגען. ווען די דאָזיקע אַלגעמיינע באַדינגונגען בײַטן זיך, קומט ניט די ווירקונג, אויף וועלכער מען ריכט זיך. דער בעל-דבר קען ניט אָנווײַזן די סיבות פֿונעם דורכפֿאַל און קען נאָר פּרוּוון מעשה

רעטעניש טרעפֿן אויף עפּעס אַן אַנדער מיטל. און נאָך אָפּטער, קען מען זאָגן, איידער אַזאַ צופֿעליקער ערפֿאָלג איז דער רעזולטאַט אַזאַ, אַז די טוונג ברענגט עפּעס אַ ווירקונג, אָבער ניט די וואָס מען האָט געוואָלט.

איין חילוק פֿון דער טעכניק פֿון הייסן און פֿאַרווערן ביז מאַגיע איז יאָ פֿאַראַן. אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן קען אַמאָל אַן אַרויסגעבראַכטער ווילנסאַקט זײַן אַן אמתע סיבה, אויב דער מענטש אָדער די קערפּערשאַפֿט, פֿון וועמען דער ווילנסאַקט קומט, האָט אַ באַזונדער אויטאָריטעט בײַ יענע, צו וועמען דער באַפֿעל אָדער דער איסור איז געווענדט. אָבער דאָס בײַט ניט די נאַטור פֿון דער דאָזיקער טעכניק אין זיך...״[167]

דאָס איז גערעדט געוואָרן, ווען דער מענטש, אָדער די קערפּערשאַפֿט, האָט דעם כּוח פֿון אַרויפֿצווינגען. אויב ניט, פֿאַרבײַט מען דאָס הייסן און פֿאַרווערן מיט מוסר־זאָגן. אָבער אַזוי, צי אַזוי, אַרום און אַרום זײַנען נאָך די פּאָליטיקער און כּלל־טוער אַלץ אויסגעשטעלט אויפֿן חסד פֿון געניאַלער אינטויציע אָדער — דאָס רובֿ — פֿון פּאַרטאַטשישן טאַפּן אין דער פֿינצטער. דאָס קלאָגן זיך אויף „ייִדישע אינטריגעס״ אָדער אויף „העצעס מצד די רעשטלעך פֿון דער רעכטער אָפּאָזיציע״ אָדער אויף „קאָמוניסטישער אַגיטאַציע״ אָדער אויף „ציוניסטישע אילוזיעס״ איז געגליכן צו די טענות פֿונעם שאַמאַן וואָס האָט געפּרעפּלט אויף היילונג פֿאַר אַ קראַנקן און זיך ניט דערפּרעפּלט אָדער צו דער דערקלערונג פֿון אַ בעל־שם, אַז זײַן דורכפֿאַל איז „מעשה־שטן״. ווײַל מיט וואָס איז עס יענע טײַוולאָנישע כּוחות דווקא איצט געראָטן אײַנצונעמען די מוחות, דאָס איז געווען און געבליבן אומבאַוווּסט.

נאָך ווינציקער האָבן מיר זיך צו באַרימען מיט דעם וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן אין פּרט פֿון אַרויסהעלפֿן מענטשן אין זייערע אייגענע פּסיכישע שוועריקייטן. פּראַקטיקער פֿון פֿאַרשיידענע געביטן האָבן אויפֿגעבויט אַ סימפּאַטישע באַוועגונג וואָס זיי רופֿן „פּסיכישע היגיענע״, און עס קלײַבן זיך שוין אַפֿילו אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן פֿאַר פּסיכישער היגיענע; אָבער דער וויסנשאַפֿטלעכער אונטערבוי דערפֿון איז נאָך בעצם ניטאָ.

אָט דאָ, ניט ווי אַ קאָנקורענץ צו די ביזאיצטיקע סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן, נאָר ווי אַ דערגאַנצונג צו זיי, דאַרף צוקומען די נײַע וויסנשאַפֿט פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט, כּדי פֿון איר זײַט אַרײַנצוטראָגן אין דעם מישמאַש פֿון אונדזער לעבן מער פּלאַנמעסיקייט און פֿאָרויסזעעוודיקייט. עס ווילט זיך האָפֿן, אַז אין אַ ניט צו ווײַטער צוקונפֿט וועט די פֿאָרשונג פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט אַרויסברענגען אַ סיסטעם פֿון אָנגעווענדטן וויסן, פּונקט אַזוי ווי די מכשירים־טעכנאָלאָגיע איז געבויט אויף די געזעצן פֿון פֿיזיק, אָדער אַזוי ווי מעדיצין איז אַרויסגעפֿירט פֿון די אויסגעפֿינסן פֿון אַנאַטאָמיע, פֿיזיאָלאָגיע, כעמיע אאַז״וו.

---

167 Thomas and Znaniecki, The Polish Peasant. New York 1927, pp. 3–4.

.75 גליקן אָדער גליק

אין קאַפּיטל 3 פֿון אונדזער בוך, באַלד בײַם צוגײן צום ענין יחיד און קיבוץ, האָבן מיר אַוועקגעשטעלט צוויי פֿראַגעס, וואָס מיר מעגן זיי אָנרופֿן די פֿונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פֿון קולטור- און פּערזענלעכקייט-פֿאָרשונג. זיי האָבן זיך געלייענט אַזוי: אויב אין אַ געוויסער סבֿיבֿהדיקער סיטואַציע S בײַט זיך דער עלעמענט s_1 אויף s_2, וואָסערע שינויים קומען יעמאָלט פֿאָר אין דער פּערזענלעכקייט פֿונעם יחיד I? און צוריק, פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון דער פּערזענלעכקייט: אויב אין דער פּערזענלעכקייט פֿונעם יחיד I בײַט זיך דער עלעמענט i_1 אויף i_2, וואָסערע שינויים קומען יעמאָלט פֿאָר אין דער סבֿיבֿהדיקער סיטואַציע S?

אויב מיר וועלן איבערבײַגן די דאָזיקע פֿונדאַמענטאַלע פֿאָרשפּראָבלעמען לויט די באַדערפֿעניש פֿון דעם, וואָס מיר האָבן אָנגערופֿן מענטשלעכע טעכנאָלאָגיע, וועלן מיר קומען צו אַזוינע פֿאָרמולירונגען:

אָנגענומען, אַז מיר וועלן אין דער סבֿיבֿהדיקער סיטואַציע S בײַטן דעם פֿאַקטאָר s_1 אויף s_2, וואָסערע שינויים וועלן דערפֿון אַרויסקומען אין דער פּערזענלעכקייט פֿון דעם יחיד I?

און, פֿון דער אַנדער זײַט:

אָנגענומען, אַז מיר וועלן אין דער פּערזענלעכקייט פֿון דעם יחיד I בײַטן דעם פֿאַקטאָר i_1 אויף i_2, וואָסערע שינויים וועלן דערפֿון אַרויסקומען אין דער סבֿיבֿהדיקער סיטואַציע S?

מיט אַ פּאָר ווערטער לאָמיר נאָך אילוסטרירן, וואָס דאָס פֿעלד פֿון מענטשלעכער טעכנאָלאָגיע איז אין זיך כּולל.

אויפֿן געביט פֿון געזעלשאַפֿט-טעכנאָלאָגיע, קען מען זאָגן, קאָנצענטרירט זיך דער עיקר אינטערעס אַרום די באַגריפֿן פּראָדוקציע און פֿאַרטיילונג. די פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי וואַרפֿט מען אַריבער אַ בריק פֿון דעם שטאַנד פֿון סחורה-פּראָדוקציע, וועלכער האָט שוין דערגרייכט אַזאַ אימפּאָנירנדיקע הייך, צום הילפֿלאָז כאַאָטישן שטאַנד פֿון פֿאַרטיילונג. וואָס שייך צו מענטשלעכער טעכנאָלאָגיע, וואָלט איך געזאָגט, אַז אין צענטער שטייען די פּראָבלעמען פֿון אויסגעשטימטקייט און אַרײַנגעפּאַסטקייט.[168]

דער באַגריף אַרײַנגעפּאַסטקייט, ווי אַזוי מען זאָל אים ניט דעפֿינירן אין די פּרטים, מיינט די פֿעיִקייט פֿונעם יחיד צו זײַן אין אַ הסכּם מיט זײַן סבֿיבֿה. דאָס איז די ערשטע זאַך וואָס די געזעלשאַפֿט פֿאָדערט פֿון אירע מיטגלידער, ווי

---

[168] מיט „אויסגעשטימטקייט" (צושטאַנד) און „אויסשטימונג" (טוונג) גיב איך איבער דאָס ענגלישע integration, מיט „אַרײַנגעפּאַסטקייט" (צושטאַנד) און „אַרײַנפּאַסונג" (טוונג) דעם טערמין adjustment. אָבער די פֿונאַנדערגרענעצונג פֿון די ביידע באַגריפֿן, וואָס איך גיב דאָ ווײַטער, איז מײַן אייגענע.

פֿאַרשיידן עס זאָלן ניט זײַן די פֿאַקטישע פֿאָדערונגען אין דער אָדער אין יענער געזעלשאַפֿט און לויט דער סאָציאַלער פּאָזיציע פֿון דער אָדער יענער פּערזאָן. אַ מענטש וואָס מאַכט אָן צרות דורך אַן אָפּוויַיכיקן אויפֿפֿיר איז אַ בעל־עבֿרהניק, אַ פּושע־ישראל, אַן אַפּיקורס, אַ משומד, אַ מומר־להכעיס; אַ הערעטיקער, אַ סעקטאַנט; אַן אָפּנייגלער, אַ פֿראַקציאָנער, אַן אָפּאָזיציאָנער, אַן אַגענט פֿון דער בורזשואַזיע; אַ געזעץ־ברעכער, אַ פֿאַרברעכער, אַ מערדער; אַ מאָדנער מענטש, אַ גערירטער, אַ חסר־דעה, אַ מטורף און אַזוי ווײַטער. קהל וויל ניט לײַדן קיין אָפּוויַיכונגען. טוט ער מיט הייסן און פֿאַרווערן, ער טוט מיט געוואַלד, נאָר אַזוי ווי דעם פֿולן גלויבן אין דערווירקעוודיקייט פֿון כּוח האָבן מענטשן שוין פֿאַרלוירן, פּרוווט מען אָפּעלירן נאָך הילף צו די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן. אַז מען דאַרף האָבן אַרײַנגעפּאַסטקייט איז הייסט עס קלאָר פֿון זיך אַליין, הגם בײַם אויסהערן דעם אַפּעל פֿון דער געזעלשאַפֿט וואָלט די מענטשלעכע טעכנאָלאָגיע געמעגט ענטפֿערן, אַז די אַרײַנפּאַסונג אָדער ניט־אַרײַנפּאַסונג פֿון מענטשן איז גאָר אין אַ גרויסער מאָס געווענדט אין דעם, צי די געזעלשאַפֿט־טעכנאָלאָגיע וועט זײַן בכּוח צופֿרידנ־שטעליק צו פֿאַרענטפֿערן די פּראָבלעם פֿון פּראָדוקציע און פֿאַרטיילונג.

דער צווייטער באַגריף, אויסגעשטימטקייט, איז אַ סך אַ סובטילערער. אויב אַרײַנפּאַסונג איז סוף־כּל־סוף שייך צו דעם, צי די סבֿיבֿה איז צופֿרידן פֿון דעם אַ מענטשן, קען אויסגעשטימטקייט דעפֿינירט ווערן פֿאַרקערט: ס'איז די אינעווייניקסטע באַפֿרידיקונג פֿון אַ מענטשן מיט זײַן פּלאַץ אין דער סבֿיבֿה.

געוויינטלעך לאָזן זיך ניטביידע באַגריפֿן גאָר שטרענג אָפּטיילן פֿונאַנאַנד. אָבער בדרך־כּלל מעגן מיר דוכט זיך זאָגן, אַז דאָס פֿעלן פֿון אַרײַנפּאַסונג באַשאַפֿט דעם אויטיסטיש (אַסאָציאַלן) מענטשן; אויב עס פֿעלט אויסגעשטימטקייט, האָבן מיר צו טון מיט אַ נעוראָטיקער, אַלץ איינס צי מען קען אין אים דערקענען אַ קלאַסיפֿיצירלעכן נעווראָז אָדער מערניט צעשאָטענע נעוראָטישע שטריכן.

עס איז קלאָר, אַז אונדזער אויסגעטרוימטע מענטשלעכע טעכנאָלאָגיע וואָלט ניט געווען איבעריק אין קיין שום געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג. אין צײַטן ווי אונדזערע וואָלט די מענטשלעכע טעכנאָלאָגיע געדאַרפֿט געפֿינען אַ וועג, ווי אַזוי אַרײַנצופֿירן נײַע פּסיכישע פֿאַקטאָרן, כּדי צו פֿאַרלײַכטערן די אויסשטימונג אין באַדינגונגען וואָס מאַכן אַזוי געוואַלדיק שווער די אַרײַנפּאַסונג. צי האָבן מיר ניט געזען מענטשן אין מאַרזשענטאַל, וואָס זײַנען ניט אײַנגעבראָכן געוואָרן ניט געקוקט אויף דער שוידערלעכער לאַגע? צי מײַדט ניט דער פּוילישער ייִד זייער אָפֿט אויס דעם וועג פֿון פֿאַרברעכערישקייט, וואָס על־פּי סטאַטיסטיק, לויטן פּרינציפּ פֿון גלײַך־באַרעכטיקונג, וואָלט ער אים געמעגט אויסקלײַבן? מען דאַרף נאָר אַרויסקריגן דעם סוד, ווי אַזוי עס געראָט די דאָזיקע מענטשן צו ברעכן די נאָרמע.

אַ טענה קען זײַן, אַז מיט שטרעבן צו אויסשטימונג אין די הײַנטיקע באַדינגונגען פֿון אַרײַנפּאַסונג ציט מען אָפּ פֿונעם קאַמף פֿאַר אַ בעסערער אַרײַנ־

פֿאַסונג. אָבער די טענה ווײַזט מיר אויס צו זײַן געבויט אויף דער הנחה, אַז וואָס וואָס ערגער, אַלץ בעסער; וואָרעם אָט גיט מען זיך דאָך אָפּ מיט ספּאָרט און מיט פֿיזישער היגיענע אין די באַדינגונגען פֿון אונדזער הײַנטיקן דלות און דירות־דוחק אויך.

אויב אָבער די געזעלשאַפֿט וועט אויפֿהערן צו פֿרעסן, אַזוי ווי קראָנאָס אין גריכישן מיטאָס, אירע אייגענע קינדער, וועט מען נאָך אויך דאַרפֿן אַ גוטע מענטשלעכע טעכנאָלאָגיע. מען דאַרף ניט פּטרן קיין סך ווערטער צו דערווײַזן, אַז אַרײַנגעפּאַסטקייט איז ווײַט ניט אַלעמאָל באַגלייט פֿון אויסגעשטימטקייט. אַ מענטש קען האָבן פּרנסה בשפֿע און פֿאַרנעמען אַ גוטע געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציע און פֿאָרט אַרומגיין כּסדר מיט אַ נאָגנדיקן געפֿיל פֿון אומבאַפֿרידיקטקייט אין האַרצן. דעם ערפֿאָלג־רײַכן געשעפֿטסמאַן קען זיך איבער דער אָדער יענער סיבה דוכטן, אַז דער לעצטער פֿון זײַנע אָנגעשטעלטע איז גליקלעכער פֿאַר אים. ווען מען זאָל זיך אײַנקוקן נעענטער, קען זיך אַרויסווײַזן, אַז די גליקלעכקייט פֿון דעם מענטשן וועמען ער איז מקנא איז מערניט ווי אַן אילוזיע; אָבער די אומגליקלעכקייט פֿון דעם בעל־מקנא אַליין בלײַבט פֿונדעסטוועגן אין גאַנצן רעאַל.

הענרי אַדאַמס, אַ פֿאָרשטייער פֿון דער באַרימטער צפֿון־אַמעריקאַנער פֿאַמיליע אַדאַמס, דער מחבר פֿון זייער אַ פּאָפּולערער אויטאָביאָגראַפֿיע, איז געווען פּראָפֿעסאָר פֿון געשיכטע אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט און רעדאַקטאָר פֿון דעם באַוווסטן זשורנאַל North American Review. פֿיל טויזנטער אין אַמעריקע וואָלטן זיך געשאַצט גליקלעך, ווען זיי וואָלטן דערגרייכט אַזאַ פּאָזיציע; אָבער הענרי האָט זיך זײַן גאַנץ לעבן געהאַלטן פֿאַר אַ לא־יוצלח, וואָרעם ער איז געבליבן מחוץ פּאָליטיק, בשעת ווען זײַן פֿאָטער איז געווען אַמבאַסאַדאָר פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן בײַם הויף פֿון קיניג פֿון ענגלאַנד אין דער תּקופֿה פֿון אַמעריקאַנער בירגערקריג. אָבער אויך דער דאָזיקער פֿאָטער, טשאַרלז פֿרענסיס אַדאַמס, איינער פֿון די פֿעיִקסטע דיפּלאָמאַטן וואָס אַמעריקע האָט ווען געהאַט, איז אויך געווען זײַן גאַנץ לעבן טיף אומגליקלעך, ווײַל מער ווי אַמבאַסאַדאָר איז ער ניט געוואָרן; זײַן פֿאָטער און זײַן זיידע, דזשאַן קווינסי אַדאַמס און דזשאַן אַדאַמס, זײַנען ביידע (1797—1801 און 1825—1829) געווען פּרעזידענטן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.[169]

מען קען דאָ אַרײַנוואַרפֿן דעם אַרגומענט, אַז ווען אַלע וואָלטן געווען באַפֿרידיקט („אויסגעשטימט”), וואָלט די וועלט געוואָרן אַ בלאָטקעלע; גראָד די אומבאַפֿרידיקטקייט פֿון מענטשן איז גורם צו פּראָגרעס. דאָס איז אפֿשר ריכטיק, אָבער מען דאַרף דאָך האָבן אין זינען, אַז באַפֿרידיקטקייט, אָדער אויסגעשטימטקייט, איז ניט אידענטיש מיט פּאַטשן זיך אין בײַכעלע פֿון זעלבסט־צופֿרידנקייט. דוכט זיך פֿרויד דערמאָנט די טענה, אַז אויב אַ מענטש ווערט

169 The Education of Henry Adams. By Henry Adams. Introduction by John Truslow Adams. New York 1931.

געטריבן דורך זײַן נעווראָז אָפּצוגעבן פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטלעכן צוועק צען שעה אַ טאָג, קען דאָס זײַן אַ שאָדן פֿאַר אים אָדער פֿאַר זײַן פֿאַמיליע, נאָר פֿאַרן כּלל איז דאָס גראָד אַ טובֿה. דער ענטפֿער איז, אַז אויב דער זעלביקער מענטש וואָלט אויסגעהיילט געוואָרן און וואָלט דערנאָך אָפּגעגעבן נאָר צוויי שעה אַ טאָג פֿאַר דעם זעלבן צוועק, וואָלט פֿון זײַן אַרבעט, אַפֿילו פֿון כּלל־שטאַנדפּונקט, געווען מער תּכלית. דאַרף מען הייסט עס פֿאַרשטיין, אַז אויב פּראָגרעס איז אין אַ געוויסן זינען אַ רעזולטאַט פֿון נעווראָזן, זײַנען אָבער אַ סך מער נעווראָזן אַ בפּירושער און שווערער שטער פֿאַרן פּראָגרעס.

אַן אָנצוהערעניש אויף דער דיספּראָפּאָרציע צווישן אַרײַנגעפּאַסטקייט און אויסגעשטימטקייט קען מען געבן אין דער ייִדישער ווערטער־שפּיל וואָס לאָזט זיך ניט איבערזעצן: אַ כּפּרה אַלע גליקן פֿאַר איין פּיצעלע גליק. נאָר נאָך אַלעמען מעג מען איבערלאָזן צו דער לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע פֿונעם יחיד (וועלכע איז ווידער אַ מאָל געווענדט אין זײַן פּערזענלעכקייט און אין די פּסיכישע פֿאַקטאָרן וואָס הינטער איר) צו באַשליסן, צי אין אַ קאָנפֿליקט צווישן ערפֿאָלג און גליק איז בעסער אויסצוקלײַבן דאָס ערשטע אָדער דאָס צווייטע. קיינער וועט אָבער ניט לייקענען, אַז עס איז וויכטיק צו דערגיין צום סוד פֿון קערעווען די אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט סײַ אין דער ריכטונג פֿון אַרײַנגעפּאַסטקייט, סײַ אין דער ריכטונג פֿון אויסגעשטימטקייט. אָט דאָס איז דער ענדציל—אוי ווי ווײַט דערפֿון מיר האַלטן נאָך!—צו וועלכן עס דאַרף לעתיד־לבֿוא דערגיין די מענטשלעכע טעכנאָלאָגיע, אייפֿגעבויט אויף דער וויסנשאַפֿט פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט.

איך זע זייער גוט, אַז עס זײַנען פֿאַראַן גרויסע חילוקי־דעות וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ גראַד פּינקטלעכקייט עס קען דערגרייכט ווערן אויף דעם דאָזיקן געביט, און צי מען וועט בכלל ווען עס איז קענען צוגלײַכן דאָס קערעווען מענטשן (אַרײַנרעכענענדיק דאָס קערעווען זיך אַליין) צו דער געוויינטלעכער אינזשעניערישער קונסט. ענטפֿער איך דערויף: זײַענדיק מאָנעריש אין מעטאָ־דאָלאָגיע, זײַענדיק מחמיר אין אָפּשאַצן אונדזערע ראַיות און העכסט באַשיידן אין אוממיטלבאַרע אויספֿירן, מעגן מיר זיך פֿאַרגינען צו זײַן אַמביציעז אין אָנמערקן אונדזער ציל. איך ווייס, עס איז אַן אײַנשטעלעניש; אָבער איך גלייב, אַז עס איז געווענדט אין די פֿאָרשער אויף דעם פֿעלד, ווען און אין וואָס פֿאַר אַ מאָס די דאָזיקע דרייסטע פּראָגראַם וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן.

הוספות

צו ז׳ 22:

פֿרומקייט און אפּיקורסות

I. „...עס דערמאָנט זיך מיר אַ קוריאָז פֿון מײַן חומש־לערנען: מיר האָבן געלערנט, ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט און אַלץ וואָס עס געפֿינט זיך אויף דער ערד. זיך איך איינמאָל אַזוי פֿאַרטראַכט: איך פֿאַרשטיי, אַמאָל איז קיין וועלט, קיין לעבן ניט געווען, האָט עס גאָט באַשאַפֿן; און ווער האָט גאָט באַשאַפֿן?

איך טראַכט און טראַכט, זוך אַן ענטפֿער און—ניטאָ. די פֿראַגע לאָזט מיר אָבער ניט [קיין] רו. זאָל איך פֿרעגן בײַם לערער? בײַ אַ לערער פֿון תּלמוד־תּורה עפּעס פֿרעגן דאַרף מען האָבן גענוג דרייסטקייט. דערצייל איך עס מײַנער אַ חבֿרטע. אפשר ווייס זי?... אויך זי ווייס ניט. איך הייס איר פֿרעגן בײַם לערער—זי וויל ניט, זי שעמט זיך. עס אַרט איר ניט, אַז זי וועט ניט וויסן. איך וויל דאָך פֿאָרט וויסן—פֿרעג איך בײַם טאַטן. נאָך אַזאַ צײַט זוכן אַן ענטפֿער וועל איך עס ענדלעך וויסן... אָבער... וואָס פֿאַר אַ תּשובֿה באַקום איך? „ווער האָט עס דיר געהייסן פֿרעגן אַזאַ נאַרישע פֿראַגע? מער זאָלסטו אַזעלכעס ניט פֿרעגן, ווײַל מען טאָר ניט!"

איך בלײַב זיצן מיט אַן אָפֿן מויל. איך פֿאַרשטיי בכלל ניט, וואָס האָט ער אויף מיר געשריִען, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נאַרישע קשיא און פֿאַרוואָס טאָר מען אַזוינע פֿראַגן ניט פֿרעגן?... פֿאַרשטייט זיך, אַז מער האָב איך שוין ניט געפֿרעגט, נאָר דער ענטפֿער האָט מיר אויך ניט באַפֿרידיקט... עס פֿאַרגנבֿעט זיך אַ צווייפֿל אין האַרצן, ער זיצט דאָרט אין אַ ווינקעלע פֿאַרבאָרגן שיינע עטלעכע יאָר און האָט מורא זיך אַ ריר צו טון..."[1]

II. „...געבוירן אין אַ חסידישער היים, געווען איין זון, נישט צוגעקוקט ווי מען איז מחלל־שבת. צוזאַמענגעקומען זיך מיט חסידישע יִנגלעך, און דאָך געפֿילט כמעט אַ שׂינאה צום דאַוונען, און אוודאי צום לערנען. פֿאַר וואָס? און אָט וועל איך צוגיין צום עיקר. ביז 13—14 יאָר בין איך געגאַנגען אין חדר. פֿאַרשטייט זיך, כ׳בין געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ייִדיש היטעלע, אַ ייִבּיצל.[2] פֿאַרשטייט זיך גוייִש איז מיר נישט געווען ערלויבט, כ׳קען נאָך אַראָפּ פֿון דרך־הישר... געגאַנגען בין איך 8 פֿרי אין חדר. דעמאָלסט גייען קינדער אין פֿאַרשיידענע שולן. האָב איך געזען יִנגלעך אָנגעטאָן אין מאַרינאַרקעס, ווער אין אַ היטל, ווער אָן אַ היטל, גייען זיך פֿראַנק און פֿרײַ אין גאַס. לאַכן, ריידן פֿרײַ אאַז"וו. האָט זיך מיר דערוועקט אַ קנאה צו זיי און אַ שׂינאה צו מיר, צו מײַנע מלבושים. און אָט די שׂינאה איז

---

1 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 175 (אַ מיידל פֿון די מיזרח־קרעסן), זז׳ 19—20.

2 זשופּיצע.

מיר געבליבן, ביז כ׳האָב געענדיקט דאָס הדר. שפּעטער אַרײַן פֿאַרשטייט זיך, ווען כ׳האָב מיך אָריענטירט אויפֿן פּראָלעטאַרישן געדאַנק, האָב איך אַוודאי געפֿילט אַ שׂינאה צו רעליגיע...״[3]

III. „...אַנדערש איז געווען דער שבתדיקער טאָג. פֿאַר טאָג האָט דער טאַטע געוועקט דעם ברודער גיין דאַווענען. פֿאַר אונדז פֿלעגט ער האַלטן אַ לעקציע, מיר זאָלן זיך ניט וואַשן מיט קיין זייף, ניט פֿאַרקאַמען די קאָפּ, ווײַל מען טאָר ניט. שרעקן אונדז מיט גאָט וועלכער זעט אַלץ, ווייס אַלץ און וועט זיך נוקם זײַן. וויניק האָב איך די רייד פֿאַרשטאַנען. איינס האָט זיך בײַ מיר דערוועקט: אַ שטאַרקע נקמה צו גאָט. אויב, ווי דער טאַטע זאָגט, גאָט זעט אַלץ און ווייס אַלץ, פֿאַר וואָס לאָזט ער אונדז אַזוי פֿיל לײַדן? כ׳האָב באַשלאָסן זיך אָפּרעכענען מיט אים אויף אַן אויסטערלישן אופֿן. ווען דער טאַטע פֿלעג׳ן דאַווענען, פֿלעג איך זיך וואַשן מיט זייף מער ווי ס׳גאַנצע וואָך. אַם מיינסטן שבת. אויב דאָס איז נאָך וויניק געווען פֿאַר גאָט פֿאַר די שלעכטס וואָס ער טוט מיט אונדז, האָב איך אויסגעפֿונען נאָך אַן אופֿן פֿון נקמה. נאָכן „טשאָלנט״, ווען דער טאַטע פֿלעגט כראָפּען אונטערן פּערענע, די מאַמע מיט די איבעריקע קינדער אויפֿן הויף, פֿלעג איך בלײַבן אין דער היים. שטיל פֿלעג איך זיך אַרײַנגנבֿענען אין אָפּגעצאַמטן ווינקל, ווו ס׳איז געשטאַנען 2 צעבראָכענע בעטן, וואָס נאָר אַ גרטער פֿאַכמאַן וואָלט פֿעסטגעשטעלט, פֿון וועלכע האָלץ און פֿאַרב זיי זײַנען אַמאָל געווען. שטענדיק איז דאָרט אויך געשטאַנען אַ האַלב צעבראָכן וויגל וועלכע איז קיינמאָל ליידיק ניט געווען.[4] נאָך ביז הײַנט פֿאַרשטיי איך ניט, פֿאַר וואָס מען האָט דאָס דאַזיקע ווינקל אַ נאָמען געגעבן קאַמער. דער נאָמען איז נאָך געבליבן אַ ירושה פֿון דער באָבען. אין דעם ווינקל פֿלעג איך זיך שבת באַהאַלטן און צינדן שוועבעלעך איינע נאָך דער אַנדערער. איך האָב געוווסט פֿון טאַטן, אַז מאַכן פֿײַער שבת דאָס איז דאָס ערגסטע זינד פֿאַר גאָט. אויף אַזאַ אופֿן פֿלעג איך זיך מיט אים אָפּרעכענען פֿאַר די ליידן פֿון אַ גאַנצער וואָך...״[5]

IV. „...די טאָכטער פֿון זעלבן... [זייער אַ באַוווּסטער חסיד] האָט זיך אַמאָל אויף דער פּלאַזשע „באַרימט״: „קוקט, אָבער איך עס שינקע״. דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך בײַ די חסידישע טעכטער. לאָזט מען זיי אַרויס פֿון שטײַג, דאַן ווערן זיי ווילדער און לעכערלעכער פֿון די לעכערלעכסטע. דער פֿאָטער קען דאָך אויף זיי נישט אַכטונג געבן. ער דאַרף דאָך היטן דאָס כשרות בײַ יענעם...״[6]

---

3 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 186 (אַ בחור פֿון אַ שטאָט אין זאַגלעמביע), זז׳ 22—23.

4 אפֿשר האָט דער אומשטאַנד, וואָס דאָ איז געשטאַנען דאָס וויגל מיט ייִנגערע קינדער, געהאַט אַ באַדײַטונג? אַזאַ חשש איז געוויס באַרעכטיקט. אויב יאָ, איז דאָס אויך אַן אילוסטראַציע צו ז׳ 37 (מיטקינדער־באַציִונגען).

5 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 108 (אַ מיידל פֿון אַ פֿאַבריקשטאָט אויף די מיזרח־קרעסן), זז׳ 7—8.

6 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 232 (אַ בחור פֿון וואַרשע), ז׳ 84.

צו ז׳ 37:

מיטקינדער־באַציִונגען

I. „אַ יאָר אָנדערטהאַלבן נאָך דעם ווי איך בין געבוירן געוואָרן האָט מײַן מוטער געהאַט נאָך אַ טאָכטער און מיר איז דערמיט צוגעקומען אַ שוועסטער וואָס איז געקומען אַזוי ווי מיך מסיג־גבֿול צו זײַן... איך געדענק אַ בילד וואָס האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין זכּרון... איך פֿויזע אום אויף דער פּאָדלאָגע, און מײַן מאַמע זיצט אויף דער באַנק בײַם אויוון און זויגט מײַן קליינע שוועסטער. איך בין איר זייער מקנא אין דעם מאָמענט און עס איז גרויס מײַן תּשוקה צו פֿאַרנעמען איר אָרט אויף דער מאַמעס שויס.— נאָך איינס געדענק איך, אַז איך האָב אָן אויפֿהער געזויגן דעם פֿינגער, און אַלע תּחבולות וואָס מײַן מאַמע האָט אויסגעקלערט אויף אָפּצוגעוווינען מיך דערפֿון האָבן ניט געהאָלפֿן. ביז הײַנט איז מיר אויפֿן שפּיץ צונג געבליבן אַ סימן פֿון דעם דאָזיקן זויגן.״[7]

II. „קיין נחת פֿון מיר האָבן די עלטערן ניט געהאַט. פֿאַר דערפֿאַר האָבן זיי נחת געהאַט פֿון די עלטערע צוויי און אַ יִינגערן פֿון מיר, וועלכער איז געגאַנגען אין ערשטן קלאַס. דער יִינגערער פֿון מיר, אַ פֿלײַסיקער שילער, האָט מיר אין לערנען איבערגעיאָגט, נאָך צוליב זײַנע יאָרן האָט ער געמוזט זיצן אין ערשטן קלאַס. און עס דויערט נישט לאַנג, בײַ דעם ענדע פֿון שוליאָר קריגט דער יִינגערער ברודער אַ מתּנה פֿון דער קלאַסן־לערערקע, אַ מתּנה פֿון אַמעריקע, אַ גומענעם קאָסטיום פֿאַר זײַן גוט לערנען און קריגן אויף דער ידיעה „לערנט זיך זייער גוט״. דאָס איז געווען די ערשטע ידיעה אַזאַ גוטע, צײַט די שול האָט עקסיסטירט. איך האָב אים מקנא געווען, און פֿון דעם טאָג אָן האָט געהערשט אַ שׂינאה צווישן מיר און אים...״[8]

צו ז׳ 46:

ערשטע און צווייטע פֿאַזע

„אַ פּרט: ווי אַ „נאַציאָנאַלער ייִד״, ווי אַ פּראָפּאַגאַטאָר פֿון נאַציאָנאַל־ייִדישע פֿאָרמען האָב איך זיך ניט געוואָלט צופּאַסן צום אָנגענומענעם שטייגער פֿון גריסן זיך דורך אַראָפּנעמען דאָס היטל. גריסן זיך מיט אַ קאָפּנייג בין איך אָבער געווען צו שעמעוודיק, איז ווען איך פֿלעג דערזען אַ באַקאַנטן און דערעָקרשט אַ באַקאַנטע, פֿלעגן מיך באַשלאָגן אַנגסטן און איך פֿלעג אָפּקערן דעם קאָפּ. מענטשן פֿלעגן מיך האַלטן פֿאַר אַ גראָבן יונג, און אין דער אמתן איז דאָס געווען פּשוטע אומדרייסטקייט. איך פֿלעג פֿאַראַכטן די קאָנווענאַנסן, די „צירליך־מאַנירלעכע״ עלעגאַנטקייט פֿון די גימנאַזיע־קאָלעגינס; ווי אַ סימן פֿון פּראָטעסט פֿלעג איך זיי בכלל ניט גריסן. געווען אַ צײַט, ווען איך האָב אַזוינע אַרויסווײַזונגען פֿון „מוט״ און אומאָפּהענגיקייט געהאַלטן פֿאַר העלדישקייטן. אויפֿגעלייגט און האָפֿערדיק פֿלעג איך ווערן אין אַ ציִבור, אין קלאַס; דאָ פֿלעג איך זײַן פֿרעך, בעל־גאווהדיק

7 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 280 (אַ מיידל), זז׳ 1—2.

8 אויטאָביאָגראַפֿיע נומ׳ 192 (אַ בחור), ז׳ 18.

און גדלותדיק אי לגבי די לערער, אי לגבי די קאָלעגן. די לערער פּלעגן געוויס פאַרלירן דעם קאָפּ, ווען זיי פלעגן ריידן מיט מיר פריוואַט; דאָ האָבן זיי געהאַט צו טון מיט אַ דערוואַקסלינג וואָס רייטלט זיך און טרעט פון אַ פוס אויף אַ פוס. ערגעץ וווהין פלעגן פאַרפאַלן ווערן מייַן גרויסקייט און מייַן חוצפה...״[9]

צו ז׳ 138:

בייַ וואָסערע אומשטאַנדן מען האָט געשריבן די אויטאָ-ביאָגראַפיעס

I. „...אין 1933 ווער איך געשיקט אויף אַ 7-טאָגיקן רעפערענטן-קורס, אייַנגעאָרדנט דורך דער לאָדזשער „צוקונפט". מיט פרייד נעם איך אויף דעם באַשלוס. דער קורס האָט ווידער אַ מאָל באַוויזן פאַר מיר, ווי אָרעם איך בין אין וויסן, און אייַנגעקריצט אין זיכרון האָבן זיך מיר די ווערטער פון ח׳ ... (וואַרשע): אונדזער תורה איז ניט אַזאַ [וואָס מען קען זיך] אויסלערנען אויף איין פוס, נאָר שטענדיק לערנען און לערנען. דער דורשט נאָך וויסן האָט זיך בייַ מיר פילפאַך פאַרשטאַרקט. אָבער ווי אַזוי, ווען לייענען? צי שפּעט אין אָוונט אַהיימקומענדיק, די עלטערן שלאָפן, דושנע אין שטוב, זעצסט זיך אַוועק לייענען, און דאָ מינטערט מען דיך כסדר: וואָס גייסטו זיך נישט לייגן? דרייַ אַראָפּ די לאָמפּ, מיר קענען ניט שלאָפן, דאַרפן זיך אויפהייבן פרי. ... אין זין האָט מען אויטאָביאָגראַפיע. מען מוז זיך צוזאָגן, דער טערמין רוקט זיך אָן. איך זיץ און שרייַב, און שטשורעס לויפן איבער דער שטוב. אָט שטייט איינע אויף דער קיך, שטשירעט עפּעס, ס׳עקלט פאַר דעם באַשעפעניש. ווי אַזוי קען מען דאַן זיך עפּעס לערנען, אָדער כאָטש עפּעס לייענען? דערצו שלאָפסטו אייַן אין מיטן דערינען פון דער מידיקייט פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט"...[10]

II. „...אָנצושרייַבן די ביאָגראַפיע איז מיר אָנגעקומען זייער שווער, אַ גליק וואָס מ׳האָט פאַרלענגערט דעם טערמין, אַנישט וואָלט איך [ניט] געווען פאַרטיק מיטן שרייַבן. וואָרן אין דער היים האָב איך נישט געקענט שרייַבן. אין דער פרי אויפצושטיין און שרייַבן האָב איך נישט געקענט אויפמאַכן די אויגן דורך אַ גאַנצער נאַכט נישט שלאָפן, ווייַל די שטשורעס דודערן אַזוי בייַ נאַכט ... די לעצטע פאָר חדשים איז עס נישט צום אויסהאַלטן, עס העלפט נישט קיין קאַץ, זיי בריען אום אויף די קעפּ. און אין דער פרי, ווען עס ווערט שטיל, ווילט זיך שלאָפן. אויף דער נאַכט ווידער איז ראשית נישטאָ אויף קיין נאַפט, און אַז עס איז יאָ דאָ, דאַרף מען עס האָבן אויף אַ גאַנצער נאַכט, ווייַל עס מוז ברענען דער לאָמפּ אַ גאַנצע נאַכט, אַנישט איז פינצטער ווי אין אַ פאַרמאַכטן קעלער. אין געוועלב איז אויך נישט מיגלעך. עס קומען אַרייַן פאַרשיידענע מענטשן, און באַלד דאַרפ׳ן אַ גיי טון אויף אַן אַרבעט, אָדער אַרבעטן אין געוועלב, און אין מיטן איבערשלאָגן פאַרגעסט מען, ווו מען האַלט...״[11]

---

9 אויטאָביאָגראַפיע נומ׳ 237 (אַ בחור).

10 אויטאָביאָגראַפיע נומ׳ 238 (אַ בחור).

11 אויטאָביאָגראַפיע נומ׳ 250 (אַ בחור).

צו ז' 238 א"וו:

דאָס סעקסועלע לעבן פֿון דער ייִדישער יוגנט

איך זע קלאָר דעם בלויז פֿון דעם בוך, וואָס עס איז כּמעט ווי גאָרניט געקומען צו רייד וועגן דעם סעקסועלן לעבן פֿון דער ייִדישער יוגנט, בפֿרט נאָך אַז אין ערשטן טייל, בײַם באַהאַנדלען דעם וועג פֿון קינדהייט צו צײַטיקייט, איז די ראָלע פֿון סעקסואַליטעט אַזוי שטאַרק אונטערגעשטראָכן געוואָרן. דער בלויז נעמט זיך פֿון אַ פּשוטער סיבה: איך ווייס גאָרניט וועגן ספּעציפֿישע פֿאָרמען פֿון סעקסועלער אַנטוויקלונג בײַ אונדזער יוגנט. מען דאַרף דאָס נאָך ערשט אויספֿאָרשן, און די וואָס פֿאַרשטייען די נייטיקייט פֿון אויספֿאָרשן מוזן אונדז קומען צו הילף מיט זייערע אָבסערוואַציעס אויף זיך און אויף יענעם, ווי שווער עס זאָל ניט זײַן צו שיידן זיך מיט סודות פֿון אַזאַ אינטימען כאַראַקטער.

יעדנפֿאַלס זאָל מען דעם בלויז ניט טײַטשן ווי אַ הנחה מײַנע, אַז אויפֿן פֿעלד פֿון סעקסואַליטעט איז קיין ייִדישע ספּעציפֿישקייט ניטאָ.

ווי אַ מאַטעריאַל צום דיסקוטירן גיב איך דאָ די מיינונג פֿון אַן 18־יאָריקן בחור פֿון קאָנגרעס־פּוילן:

„די ייִדישע יוגנט פֿאַרנעמט [אין דער סעקסועלער פֿראַגע] אַ געוויסע פּאָזיציע. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס מען האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דער שליטה פֿון קלער, און חוץ דעם שאַפֿט דער קאַמף פֿאַרן קיום אַ סך ברענענדיקערע פּראָבלעמען. קודם־כּל איז דער גאַנצער צוגאַנג פֿרײַ פֿון אָנשמוץ און פֿון עבֿירות. באַזונדער האָט זיך מיר די ערשײַנונג געוואָרפֿן אין די אויגן בײַם פֿאַרגלײַכן דאָס, לאָמיר זאָגן, מיט די פֿאַרהעלטענישן אין גימנאַזיע. [פּוילישע] דערוואַקסענע פֿרײַלינס פֿלעגן מאַכן אַ מינע, גלײַך זיי ווייסן ניט אין זייער מיידלשער צניעות, פֿונוואַנען עס נעמען זיך קינדער, חוץ דעם אָבער פֿלעגן זיי שטיפֿעריש קאָקעטירן מיט די ייִנגלעך און לאָזן זיך, כּלומרשט אין טומל, קוועטשן. די ייִנגלעך ווידער פֿלעגן נאַגעוואַלט אויף אַ קול דונערן מיט די חלבֿדיקסטע וויצן; די פּאַניענקעס וואָס זײַנען אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן אויף קראַשעווסקין פֿלעגן פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל, זיי זאָלן ניט אַרויספּלאַצן, און פֿלעגן כּלומרשט ניט וויסן, וועגן וואָס עס גייט. בלי־ספֿק האָבן די מיידלעך מיט אַ זיסן ציטער געטרוימט וועגן ליבע... ייִדן האָבן ניט קיין שום פֿעאָדאַל־ריטערשע טראַדיציעס, האָבן זיי זיך ליב „האַרט, באַלעבאַטיש". סאַראַ פֿרײַקייט און פּשוטקייט בײַם אָנרירן „קיצל־דיקע ענינים". אַ ייִנגל מיט אַ מיידל „גייען" אַ געוויסע צײַט, דערנאָך האָבן זיי חתונה. די פֿראַגע וועגן דער אומגלײַכקייט פֿון די געשלעכטן איז שוין פֿון פֿאָרויס באַשטימט אין זינען פֿון גלײַך־באַרעכטיקונג. גטן זיך קען מען, אָבער פֿונדעסט־וועגן זײַנען גטן זעלטן..."[12]

---

[12] אויטאָביאָגראַפֿיע נומ' 237, ז' 368—369.

צו ז׳ 239:

ליטעראַטור וועגן ספּעציפֿישע ייִדישע פֿעיִקייטן

1. Ruppin, A. Begabungsunterschiede christlicher und jüdischer Kinder. In: Zs. für Demographie und Statistik der Juden 2 (1906), Nr. 8/9, pp. 129-137.

2. [Anonym]. Ein rassenpsychologischer Beitrag zur Schülerkunde. In: Zs. f. pädag. Psychologie 16 (1915), p. 516.

3. Spielrein, I. Über Kinderuntersuchungen in Rostow am Don [1913]. In: Zs. f. pädag. Psychologie 17 (1916), pp. 108-113.

4. Němeček, O. Zur Psychologie christlicher und jüdischer Schüler. Langensalza 1916, 51 pp. =„Beiträge zur Kinderforschung u. Heilerziehung“, Heft 128.

5. Scheibner, Otto. [Über die Begabung jüdischer Schüler von Dr. O. Němeček]. In: Zs. f. pädag. Psychologie 17 (1916), p. 332-335.

6. Deuchler, Gustav. Rassenunterschiede in der Schulentwicklung mit Hilfe des Koeffizienten r bestimmt. In: Zs. f. pädag. Psychologie 18 (1917), pp. 456-474.

7. Adler, Dr. Gibt es Unterschiede der Begabung zwischen jüdischen und nichtjüdischen Schülern? In: Ost und West 17 (1917), pp. 19-32.

8. Bere, May. A Comparative Study of the Mental Capacity of Children of Foreign Parentage. Teachers College, Col. U., N. Y. 1924. 105 pp. =Contributions to Education, Nr. 154.

9. Hildreth, Gertrude Howell. The Resemblance of Siblings in Intelligence and Achievement. Teachers College, Columbia University, N. Y. 1925.

10. Seago, Dorothy W. and Koldin, Theresa Sh. A Comparative Study of the Mental Capacity of Sixth Grade Jewish and Italian Children. In: School and Society 22 (1925), pp. 564-568.

11. Graham, Virginia Taylor <Department of Mental Diseases, State House, Boston>. The Intelligence of Italian and Jewish Children in the Habit Clinics of the Massachusets Division of Mental Hygiene. In: Journal of Abnormal and Social Psychology 20 (1925/26), pp. 371-376.

12. Cohen, Irma Loeb. The Intelligence of Jews as Compared with Non-Jews. Ohio State University Studies, Contributions to Psychology Nr. 8. 1927. [קריטיש רעפֿערירט דורך ל. לעהרער אין די ייִוואָבלעטער I (1931), 3, זז׳ 269—271].

13. Davies, Mary and Hughes, A. G. An Investigation into the Comparative Intelligence and Attainments of Jewish and Non-Jewish School Children. In: The British Journal of Psychology 28 (1927). Part 2. October 1927, pp. 134-146.

14. Hughes, A. G. Jews and Gentiles Their Intellectual and Temperamental Differences. In: Eugenics Review, London, 20, 2 (July, 1928), pp. 89-94.

14a. Юз. А. Г. Сравнительное исследование интеллекта и психики еврейских и нееврейских школьников Лондона. In: Вопр. биол. и патол. евреев III, 1, pp. 112-117.

15. Murdoch, Katharine, Maddow, Doris, and Berg, Nettie Lesser. A Study of the Relation between the Intelligence and the Acquisition of English. In: 27th Yearbook of the National Society for the Study of Education I (1928), pp. 342—353.

16. Jones, Alice M. A Vocabulary Study of Children in a Foreign Industrial Community. In: Psychological Clinic (Phila, Pa.) 17 (1928/29), pp. 13-21.

17. Winch, W. H. Christian and Jewish Children in East-End Elementary Schools. In: Journal of Psychology 20,3 (1929/30), pp. 261—273.

18. Garrett, H. E. Jews and Others. Some Group Differences in Personality, Intelligence, and College Achievement. In: The Personnel Journal, N. Y. 7 (1929), pp. 341–348.

19. Penz. Begabung der Schüler in den bayerischen Volksschulen. In: Archiv f. Rassenhygiene, 1931.

20. Rosenthal, Hugo. Der Beginn der Pubertät bei jüdischen Kindern. In: Zeitschrift für pädagogische Psychologie 33 (1932), pp. 62–69.

21. פענטיל, לעד. די גערעטענסטע קינדער אין אמעריקאנער שולן זיינען ענגלישע, סקאָטישע און אידישע. אין: פאָרווערטס 1932, מערץ 16.

22. Jaxa-Bykowski, L. Poziom intelektualny młodzieży polskiej i żydowskiej w naszych gimnazjach. In: Psychometrja, Poznań, 1935, Nr. 1.

צו ז׳ 285:

צווייִשפּראַכיקייט

זע מײַנע אַרטיקלען: צווייִשפּראַכיקייט (ייִוואָבלעטער I,2), מוטערשפּראַך און צווייטע שפּראַך (ייִוואָבלעטער I,4), צווייִשפּראַכיקייט אין בענגאַל (ייִוואָבלעטער III,3). דאָרט איז אָנגעוויזן מער ליטעראַטור וועגן דעם ענין.

װאָס יעדער אײנער קען טון פֿאַר דער יוגנט־פֿאָרשונג

כּדי דער אָפּצװײַג יוגנט־פֿאָרשונג פֿון ייִװאָ זאָל קענען דורכפֿירן די פֿאָרשפּראָגראַם װאָס איז אָנגעצײכנט אין דעם בוך, דאַרף ער האָבן װאָס מער מאַטעריאַל. יוגנטלעכע, עלטערן, לערער, דערציִער קענען דאָ זײער פֿיל מיטהעלפֿן.

מיר רעכענען אױס לדוגמא זאַכן װאָס זײַנען װיכטיק פֿאַר דער יוגנט־פֿאָרשונג:

1) אױטאָביאָגראַפֿיעס.

2) טאָגביכער.

3) קאָרעספּאָנדענץ מיט יוגנטלעכע אָדער פֿון יוגנטלעכע צװישן זיך.

4) אַרכיװן פֿון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, שילערקרײַזן, קיבוצים.

5) שילער־זשורנאַלן.

6) בעלעטריסטישע שאַפֿונגען פֿון קינדער און פֿון יוגנטלעכע.

7) טאָגביכער פֿון עלטערן װעגן זײערע קינדער (שפּראַך־אַנטװיקלונג; אױף װאָס גײט אַװעק די צײַט; קינדערשע פֿראַגעס; קינדערשע צײכענונגען; השפּעה פֿון קינאָ אאַז״װ).

8) באַריכטן פֿון פֿירער פֿון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

9) באַשולדיקונגס־אַקטן אין פּראָצעסן, פּאָליטישע אָדער קרימינעלע, קעגן יוגנטלעכע.

10) פֿאַרצײכענונגען און אױספֿאָרשונגען פֿון לערער, פֿון אָנפֿירער אין קינדערהײמען (װאָס ברענגען די קינדער פֿאַר מיטזיכס דורך אַ װאָך צײַט? װעגן װאָס קומען די עלטערן זיך אױסטענהן אין שול? לײען־אינטערעסן פֿון די קינדער. סעקסועלע פֿאָרשעװדיקײט. ייִנגלעך און מײדלעך).

האָט אין זינען, אַז אַפֿילו קורצע מיטטײלונגען װעגן אײנציקע פֿאַלן קענען האָבן אַ גרױסן װערט. דערבײַ דאַרפֿן אָבער די פּרטים װאָס זײַנען שײך צו די פּערזאָנען און די סיטואַציעס געגעבן װערן װי װײַט מיגלעך גענוי. למשל בײַם צושיקן די קאָרעספּאָנדענץ פֿון יוגנטלעכע דאַרף מען כאַראַקטעריזירן די שרײַבער, אָנװײַזן, װי אַלט זײַנען זײ געװען בשעת־מעשה אאַז״װ; בײַם איבערשיקן מאַטעריאַל פֿון אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז נײטיק צו געבן ידיִעות װעגן די גרינדער פֿון דער אָרגאַניזאַציע, צאָל מיטגלידער, סיבות פֿון פֿונאַנדערפֿאַל אאַז״װ.

שרײַבן אױפֿן אַדרעס:

Żydowski Instytut Naukowy, Wiwulskiego 18, Wilno

זוכצעטל

אַדאַמס, דזש. 293
אַדאַמס, דזש. ק. 293
אַדאַמס, הענרי 293
אַדלער ד״ר 300
אַדלער, אַ. 39
אַדרענין 30 א״וו
אויטאָביאָגראַפיע 129, 132, 133—165, 265
אויטאָעראָטיק 41, 46, 50
אויטיזם 219—229, 238, 247, 273, 278 א״וו, 292
אויסגעשטימטקייט 291—294
אויסשיידונגען 36, 284
אויפפיר 113, 292
אויפפיר-פורעם 133, 152
אומבאַוווּסטזיין 164, 192
אומנאָרמאַל 126
אונגאַרן 179, 212
אָרען, ר. 115
אָרען, ר. ד. 114
אורבאַניזירונג 179, 233
אַטאַקן פון ייִדישקייט 186—193, 203—207, 220, 272
איבערשיכטונג 285
אידעאַל, נאַציאָנאַלער 194
אידעאָלאָגיע 53, 252 א״וו, 260, 261, 262, 270, 272
אידענטיפיצירונג 274
איטאַליענער 100
איינזאַמקייט 222 א״וו, 250, 252, 275, 278
איינסן, אויסמעסטלעכע 110, 128 א״וו, 173
איינשטיין, אַ. 196
אימיגראַנטן 100, 179, 283
אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע 23
אינדיווידואַליזם 237—242, 256—258, 260, 270—273, 274, 278 א״וו
אינדיווידועל—סאָציאַל (כּלליש) 69, 174 א״וו, 253—258, 279 א״וו
אינטעליגענץ 101 א״וו
אינטעליגענץ-וויפלער 96—105, 240
אינטעליגענץ-טעסטן 93—105, 106, 110, 127
אינטעליגענץ-עקזאַמען 85
אינטעלעקטועלקייט, ייִדישע 201—203
אינסטיטוציעס 13
איסערליס 101
אַלף - וואָו—זע: אינטעליגענץ-וויפלער
אַמביציעס 221
אַמעריקאַניזירטקייט 104, 283
אַנאַל-עראָטיק 42, 46, 50
אָנאַניזם 9, 288
אַנטוויקלונג 35, 177, 284
אַנטוישונג 239
אַנטיסעמיטיזם 175, 186—190, 191 א״וו, 198—200, 204 א״וו, 241, 269
אַנ—סקי, ש. 114
אַנקעטעס 87—90
אַסאָציאַל 292
אַסימילאַציע 169
אָפּאַטאָשו, י. 114
אָפּגעשטאַנענקייט 288
אָפּנוואָרקייט 129, 161—166
אַפעקט 163, 246, 247, 252, 281
אַקאַדעמיקער 210—213
אַקולטוריזאַציע 285—287
אַקט, פּסיכישער 125, 128, 163, 165, 286
אַרבעט, פיזישע 207 א״וו
אַרבעטסלאָזיקייט 90—92, 203—216, 272
אַרבעט-פעיִקייט 70
אַרבעטער-באַוועגונג 209, 275
אַרבעטפרייד 88 א״ה, 278
אָרגל 112
אַרגענטינע 277
אָרטאָדאָקסן 280
אַריינגעפּאַסטקייט 291—294
אַריער 172
„אַרמי אַלפאַ״ 99 א״וו
„אַרמי בעטאַ״ 100 א״וו
„אָרעמע ווייסע״ 172
ארץ-ישראל 11, 132, 183, 216, 239, 256, 258 א״וו, 267, 268, 272, 276, 277, 278
אַש, ש. 22, 114
אתה בחרתנו 241
באָאַז, פ. 55
באַדינגונגען, גלייכע 36 א״וו
באַרלי, אַ. 73, 75
באַלאַרד 101
באַוווּסטקייט 66, 171—178, 188 א״וו, 193 א״וו, 204—207, 229, 278, 284
באַקאַרי 22
ברזעמאַן, אַ. 110
ברייער, אָ. 72

בורידזשעס, ע. 73, 75, 76, 77, 115, 134, 136, 142, 147
בורירג, נ. 301
בוירקס, ב. 99
בונד 244, 245, 258, 263, 267, 268 א״ו, 275, 278, 298
ביאַליסטאָק 132, 181
ביאַליק, ח. נ. 11
ביזגעבורטיקע סטאַדיע 30, 32, 167, 189
ביזיצ־רהדיקע סטאַדיע 32
בילער, ש. 24, 44, 148, 149, 150, 151, 152, 154, 158, 159, 161
בינע, א. 94 א״ו
ביסמאַרק 17
ביר, מ. 300
ביראָבידזשאַן 216
בירגערטום 152
ביתר — זע: רעוויזיאָניסטן
בלאָנסקי, פּ. 130
בלוט 28
בלוילער 219, 220, 227, 228, 235
בלעטש, וו. 47
במקום־טוונגען 235—237
בן־יחידעפּט 39
בענגאַל 301
בעקער, ר. 228, 232
בערנפעלד, ז. 150, 153, 155, 156, 158, 160 א״ו, 163, 248
בערנשטיין, י. 208, 210
בראַון, פּ. 197
בראַנדעס, ג. 191 א״ו
ברוייער, י. 230.
ברוקליין 101
בריל, א. 39
ברינגהעם, ק. 100, 104
גאָלאָמב, א. 96, 107, 209
גאָלדבערג, דזש. 228
גאַליציע 132
גאנצהייטן 20, 26, 177 א״ו, 217
גאַרעטה 301
גוטקאָוו, ק. 282
גורדוניה 258, 278
גטן 74, 79
גייסטיק קראַנקע 99
גיליאַראָווסקי, וו. 228
גלאָגור, ק. 147
גלאָווער, ע. 70, 71
גליק 203, 291—294
גנבה 82
גניעזנע 198
געבוירין ווערן, דער אַקט פֿון 32
געבורטן־קאָנטראָל 184, 286
געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישער מעמד 84—87.
געזעלשאַפטלעכקייט 237, 238, 243—251, 258, 279, 294
געזעץ־ברעכונג 99, 114
געזעץ־ברעכונג, יוגנטלעכע 82, 115—119, 242
געטאָ 179 א״ו, 193
געניטאַלע פֿאַזע 42
גענעטיק 28, 29, 168
געשלעכטס־סימנים, סעקונדערע 45
גראָדנע 132
גריכן 100
גרינע 100
גרעהעם, וו. 300
דאַלאַרד, ד. 71
דאַמען־ערע 63
דריכלער, ג. 300
דורכשניט 120, 129
דזשאָרנס, ע. 41, 46, 47, 55, 89, 112
דזשאָנס, א. 301
דזשאָרדאַן, ר. 80
„דזשויש ענסייקלאָפּידיאַ״ 283
„דזשעק־ראָלער״ 118, 134
דייווריס, מ. 300
דײַטשלאַנד 212, 213, 281
דײַטשן 100
דינאַמיק, פּסיכישע 68, 114, 121, 124, 127, 270
דיסאינטעגראַציע 126
דע מאַן, ה. 88, 89, 90
דעמענציאַ פּרעקאָקס 228
דעניס, ל. 83
דענעבאָרג 181
דעקאַרט, 287 א״ו
דערוואַקסלינגשאַפט 10, 153, 197 א״ו, 203 א״ו, 220, 222, 227, 241, 248, 273, 298
האַדאַן ד״ר 10
האַלוצינאַציעס 47, 57, 235
האָלינגוואָרטה, ל. 60
האָמאָסעקסואַליטעט 42, 47, 71
האַפּקע, ע. 28
האָפּמאַן 153
האָפּער, וו. 248
האַרטשוירן, ה. 107, 109
האַרלעם 55
האַרניק, א. 189
הורג־העלמוט, ה. 39
הורגאַ, וו. 22
הורסקאָוויטס, מ. 55, 62
הונט ווי אַ סימבאָל 22
„החלוץ״ — זע: חלוצים
היגיענע, פּסיכישע 273, 290
היימיל 35
הילדרעטה, דזש. 300

היסטעריע 231, 233
היפּנאָז 164
הכנסת־כּלה 51
העברעיִש 76, 81, 173 א״וו, 251, 276
העטעראָסעקסועלע פּאָזע 42, 50
העלמאַנט, אַ. 53
הענדערסאָן, ל. 221
הענמאַן 101
הענקינס, ס. 28
העררינג, דזש. 93
הערצל 262
הערש, ל. 17 א״וו, 19, 77, 79, 114, 179
הרכּבֿי, אַ. 195
השומר הצעיר 249
וואַטסאָן, דזש. 39, 109
וואָלבערג, ד. 175
וואָר־חלום — זע: פֿאַנטאַזיע
וואַרשע, 96, 132, 181, 191, 212
וודהייַם, וו. 70
וודראָף 101
ווישטשעכאָווסקי, י. 142
וווירדמה, ל. 179 א״וו
וויגאָטסקי, ל. 220, 235
וויל, ב. 38
ווײַסרוסלאַנד 52
וויכטיק, וואָס איז 68
ווילקינס 99
ווילייקע 271
ווילנע, 76, 96, 132, 181, 182, 183, 227, 229, 271, 277
ווינטש, וו. 84, 301
וויסנשאַפֿט פֿון קולטור און פּערזענלעכקייט 19—20, 127 א״וו, 278—294
וויסנשאַפֿטלעך און ליטעראַריש 15
„וויסנשאַפֿט דעם יודענטומס” 282
ווישניעווסקי, וול. 119, 145
וועגענער, וו. 22
ווערעסאַיעוו, וו. 10, 59
זאַלקינד, אַ. ב. 10
זאָנעס, ערגאָגענע 44
זאַצן פּסיכישע פֿאַקטאָרן 125, 170 א״וו, 254
זיכּרון 143 א״וו, 146, 149
זנאַניעצקי, פֿ. 119, 143, 145, 285, 289 א״וו
זשאַבאָטינסקי 262, 264 א״וו
חוצפּה בײַם יוגנטלעכן 46, 249
חורבן, עקאָנאָמישער 285
חוש פֿון רעאַליטעט 57 א״וו
חלומות 221 א״וו
חלוצים 209, 250, 255, 258 א״וו, 266 א״וו, 277
חנופּה 196
חתונות, געמישטע 24
טאָגבוך 47, 149—165
טאָמאַס, וו. 77, 94, 99, 101, 105, 109, 115, 119, 127, 145, 285, 289 א״וו
טאַסקיגי 193
טהאָרנדײַק 73, 101
טהרעשער, פֿ. 115
טובערקולאָז 27, 30
טריביש, ל. 275
טרירמאַן 96, 97, 98, 99, 101, 102, 103
טײַלאָר, ע. 61
טיפּאָלאָגיעס 40, 279
טענדענץ, סאָציאַלע 74
טעכנאָלאָגיע 168, 288—294
טעפּט, דזש. 273
טשילדערז, אַ. 35
טשעכאָסלאָוואַקײַ 179, 212 א״וו, 214
„טשערנאָוויצער בלעטער” 139
טשעדוויק, מ. 221
טשעפּמען, דזש. 87
יאַקסאַ־ביקאָווסקי, ל. 240, 301
יאָרצײַט 111
יוגנט־פֿאָרשונג פֿון ייִוואָ 12, 65 א״וו, 118, 129, 132, 137, 139, 148, 160, 162, 169, 201, 203, 216, 277, 282, 284, 287, 298, 302
יודז, אַ. 240, 301
יול 75
יונגבאָר — זע: פּועלי־ציון, לינקע
יונגער און אַלטער דור 9, 11
יחיד און קיבוץ 15—19, 20, 26, 62, 169, 186, 203 א״וו, 279—281, 291
ייִדיש 251
ייִוואָ 79, 132, 179, 283
„יעווריסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ” 283
יעיל־אוניווערסיטעט 127
ירושה, ביאָלאָגישע און סאָציאַלע 26—32, 123, 167 א״וו, 189
ירשונג 28 א״וו, 176
ישיבֿה 112
יתומים־הײַזער, קינדער אין 55 א״וו
כּהן, י. 258
כאַלאַשינסקי, י. 143
כאַראַקטער־שטריכן 108, 113
כּעלעם 132
לאָגיק 245—249, 265, 267, 280
לאָדזש 96, 132, 181
לאַטענצצײַט 44
לאַנגלעביקייט 76
לאָמבראָזאָ, טש. 228
לאָנדאָן 84
לאַצאַרספעלד, פּ. 90

לויִסאָן, ל. 23 א״וו, 170
לונדבערג, דזש. 73
לוריאַ, אַ. 235
ליבידאָ 42, 245—249, 267
ליבע־אָביעקט 42
ליטע 132, 179
„ליטעראַטורעוועו״ 140 א״וו, 236 א״וו
„ליטעראַרישע בלעטער״ 11
לייענען 224—226, 298
לעהרער, ל. 61, 300
לעווי, ד. 35, 221
לעווין, ק. 111, 128, 178
לעטלאַנד 132, 173, 179
לעמבערג 132
לענגשניטיקע פאָרשונגען 14, 167
לענין 17, 264 א״וו
לעשטשינסקי, י. 79
מאגיע 289 א״וו
מאגניטאָגאָרסק 271, 277
מאַרדער, ע. 78
מאָטיווירונג 108, 112, 225, 253, 265
מאַטעצקי, וו. 228
מאַלצבערג, ב. 228
מאַנדעלמאַן, מ. 198
מאָנראָ 221
מאָסקווע 271
מאָראַל־סטאַטיסטיק 72
מאָראַלישקייט, דראַנג צו 47 – 50
מאָראָסאָפּאָס 70
מאַרדאָק, ק. 301
מאַרינגער, ס. 202
מאַריִענטאַל 90–92, 213, 292
מאַרקי, אָ. 59
מאַרקס, ק. 263
מאַרשאַק, ס. 193
מוטער איבערגעוואַלד 34
מוטערשפּראַך 76, 79—80, 81, 112, 301
מויד, אַלטע 51
מורמאַן, ע. 94
מורפּער, ג. 221
מומיקייט 22
מוסר 176, 290
מורא 231
מחמד 17
מיד, מ. 51
מיזרח־יידן 178—186, 243, 283, 286
מיזרחי 262
מיטקינדער־באַציִונגען 37, 43, 296, 297
מייר, מ. 107, 109
מירזל, נ. 11
מילה 189
מילער, אַ. 85, 89
מינסק 182
מינערקייט־געפיל 22 א״וו, 37
מיעוט 22, 172 א״וו, 193, 216 א״וו
מיש, ג. 133
מעדאָר, ד. 301
מעטאָדן כמותדיקע 72—110, 128 א״וו
מעטאָד, סטאַטיסטישער 18, 72–84, 110, 211, 242
מעכאַניזמען, פּסיכישע 122, 125, 284
מענג, ד״ר 10
מענטש־וויסנשאַפט 20
מעק־קאַרטי, ד. 235
מערב־יזירונג 286
משנה 195
נאַטאַנסען, ה. 191
נאָכגעבורטיקע סטאַדיע 32
נאַציאָנאַל—אַלגעמיין מענטשלעך 68, 174, 201, 216 א״וו, 229, 279 א״וו, 297 א״וו
נאַציאָנאַלע סימנים פון דער פערזענלעכקייט 21 א״וו, 23 א״וו, 26, 169—178, 189, 233
נאָרדרי 262
נאָרדיקס 100
נאָרמאַל—אומנאָרמאַל 50, 69—71, 227
נאַרציזם 47
ניו־יאָרק 232
ניעמעטשעק, אָ. 300
נעגערס 55, 100 א״וו, 171 א״וו, 190 א״וו, 193, 194 א״וו
נעגריזירונג 192
נעוראָז 43, 51, 122, 230—235, 261, 279, 292, 294
נערונג, ווירקונג פון 33 א״וו, 121 א״וו, 288
סאַדיזם 46
סאָלאָווייטשיק, ה. 271
סאַמאָאַ 51
סאַפּיר, ע. 4, 62, 65, 166 א״וו, 233, 286 א״וו
סאָציאָגראַפיע 90
סאָציאַל־עקאָנאָמישער מעמד 80
סאָציאַליזם 267, 269, 275 א״וו
סביבות לויט סאָציאַל־קולטורעלע סימנים 13, 178 א״וו
סובלימירונג 46, 122
„סוירוויי״ 91 א״וו
סטאָדאַרד, דזש. 83
סטאַניסלאַוו 132
סטיווענסאָן, י. 128
סטערן, וו. 101

סיגאַר, ד. 300
סיטואַציע, גאַנצע 110—115, 252—255, 269, 281
סימפּטאָמען, נעווראָטישע 70, 231, 293
„סיני"—זע: מיזרחי
סינסיגנטי 101
סכיזאָפרעניע 47, 228 א"וו
סימבאָליק 63
סלאָנימסקי, א. 191
סעקסואַליטעט 10, 40—51, 148, 225, 249, 252, 278, 299
סעקרעציע, אינעווייניקסטע 45
סקאַנדינאַוויער 80, 100
עגאָיסטן 70
עגאָצענטריזם 39, 230—238, 247, 258, 273—278, 279
עופּעלעשאָפּט 36, 235
עטנאָלאָגיע 61, 63, 233
עלטער, גײַסטיקער 93 א"וו, 98
עלטער-פאַזע 13, 152, 249, 297 א"וו
עליס, ה. 22
עלעמענט, פּסיכישער 66, 125 א"וו, 128, 170, 176, 253 א"וו
עמאַנסיפּאַציע פונעם קינד 57—60, 248, 250, 252, 278
עמאָציאָנעלקייט 201—203
עמיגראַנטישקייט 84, 210, 215 א"וו, 276—278
ענגלענדער 100, 171, 172, 278
ענגעלס, פ. 92
ענורעסיס 36
„ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ" 283
עסטלאַנד 179
עסטרײַך 212, 213
עסקימאָס 233
עקסהיביציאָניזם 42, 134
עראָטיק, קינדערשע 36
פּאָליאַקן 210
פּאַרטיייִשקייט 206, 207, 218, 243—282
פּאַרטרידזש, דזש. 218
פּאַרק, ר. 65, 115
פּובערטעט 153
פּויליש 112, 251
פּוילן 132, 177, 194, 203, 269
פּועלי-ציון 258, 263, 267, 268
פּועלי-ציון, לינקע 262, 265, 278
פּחד 231
פּיאַזשע 234 א"וו
פּיאָטער דער גרויסער 17
פּינטנער, ר. 93, 95, 96, 97, 101, 102
פּלאַנט, דזש. 233
פּסיכאָאַנאַליז 10, 26 א"וו, 36, 40, 42, 44, 57, 129, 161—165, 187
פּסיכאָגראַפיע 127, 129—133, 233
פּסיכאָזן 227—231, 235
פּסיכאָלאָגיע, דינאַמישע 61, 163
פּסיכאָלאָגיע, עקספּערימענטאַלע 128, 240
פּענסיל, לעד 301
פּענק 301
פּערווערסיעס 43, 71
פּערזענלעכקייט 18, 19 א"וו, 26, 61, 113 א"וו, 125, 128, 225, 279 א"וו
פּערזענלעכקייט, גאַנצע 110—115, 252 — 255, 269, 281
פּערזענלעכקייט - טעסטן 105—110, 127
פּערזענלעכקייט - פאָרשונג 105, 133, 149, 163, 186, 285
פּראָטאַגאָראַס 70
פּראָצעס, פּסיכישער 124, 128
פּרווו-מאָביליזאַציע 40 א"וו
פּרעגעניטאַלע פאַזע 41
פּרעסע, ייִדישע 286
פּריק, ר. ל. 134, 224, 274
פאָלקיזם 280
פאַמיליע 9, 24, 52 א"וו, 58, 83, 184, 282 א"וו
פאַמיליע-סיטואַציע 37, 38, 113, 174
פאַנטאַזיע 122, 124, 147, 164, 219 א"וו, 222, 227
פאַקטאָר, ביאָלאָגישער 10, 16, 26 א"וו, 32, 38, 50, 123, 167 א"וו, 189, 249
פאַקטאָר, סאָציאַלער 51, 58
פאַקטאָרן, סבֿיבֿהדיקע 16—17, 27, 52, 54 א"וו, 114, 167, 240, 291
פאַקטאָר, פּסיכישער 16, 105, 124, 289
פאַקטן, אָפּקליַיב פון 12 א"וו
פאַראייניקטע שטאַטן 79—80, 99, 172, 183, 195, 271 א"וו
פאַראַכטונג צו ייִדן 241 א"וו
פאַרבּרעכערישקייט 27 א"וו, 103
פאַרבּרעכערישקייט, ייִדישע 17, 77, 114, 292
פאַריס, ע. 62
פאַרשטויסונג 122, 189
פּרירפּי, פּ. 109

פונקציע, פסיכישע 21, 123, 158, 207, 222, 224 א״וו, 229, 235, 248, 261
פוקס, ג. 248
פורעם 61 א״וו, 146, 249, 270
פורעם, פסיכישער 125, 128, 169—173, 176
פורעם־פאקטאר פון דער פערזענלעכקייט — זע: פאקטאר, פסיכישער
פיזיאלאגיש—פסיכיש 69
פיכמאן, י. 11
פעיִקייטן, יידישע 84, 196, 239—241, 285, 300—301
פערד ווי א סימבאל 22
פערענצי, ס. 57
פראנקרייך 214
פרויד, אנא 26, 41, 43
פרויד, זיגמונד 37, 42, 43, 46, 59, 60, 114, 158, 163, 165, 230, 231, 261
„פרייהייט", זע: פועלי־ציון
פרימאן, פ. 101
פרענק, ל. ק. 36, 123
צאנטעכניקעריי 209
צווייִשפראכיקייט 285, 301
צווילינגען, אידענטישע 168
„צוקונפט"—זע: בונד
ציוניזם 76, 218, 256, 266, 268, 277, 280 א״וו
צייטיקונג 45 א״וו, 204, 248, 299
צייטיקייט, סעקסועלע 69, 240
ציילונגען, ספעציעלע 78
צעזאר 17
קאהען, א. 300
קאוואַרסקי, ה. 114
קאוונע 182
קאלדין, טה. 300
קאלווין, ס. 107
קאמוניזם 241 א״וו, 246, 258 א״וו, 263, 266, 267, 269, 272—276, 278, 279, 281
קאמפענסאציעס, פסיכישע 173, 194—197, 221 א״וו
קאנאדער, פראנצויזישע 80
קאנפליקט, פסיכישער 90, 121—123, 170, 186, 198, 216—219, 237, 294
קאפיטאליזם 180 א״וו, 232
קאריעריזם 258—261
קארפף, מ. 15
קארפאטן־רוסלאנד 80 א״וו
קאשובן 22
קוואטע פאר אימיגראנטן 100
קוואנטיטאטיווע מעטאדן — זע: מעטאדן, כמותדיקע
קווערשניטיקע פארשונגען 14, 65, 132, 133
קולטור 16, 19 א״וו, 26, 60—67, 71, 128, 167, 183, 285—287
קולטור־פורעם 60 — 67, 153, 166, 181 א״וו, 226, 246 א״וו, 262, 286, 297 א״וו
קולר, טש. 15, 78
קיבוץ—זע: יחיד
קימינס, ס. 221
קינגסבערי, פ. 93
קינד—דערוואקסענער 68
קינדהייט, גליקלעכע 33
קינדהייט, פרייִקע 27, 68, 222
קירך, קאטוילישע 251
קלאסיפיקאציע 217 א״וו
קעמל 93
קעטלע, א. 72
קענאן, וו. 31
קעשענעוו 181
קראפט־עבינג 232, 233
קראקע 132
ראבאק, א. א. 107, 108, 109
ראזענטאל, ה. 175, 240, 301
ראטן־פארבאנד 170, 179, 181, 182 א״וו, 243, 258, 270, 271, 272, 275, 278
ראנק, א. 58, 59
ראסין, א. 82
ראציאנאליזאציע 89, 143, 194, 209, 260, 282
רובינשטיין, מ. 150, 159
רומעניע 132, 179
רופין, א. 240, 300
ריבניקאוו, נ. 152, 155, 160
ריוועס, ס. 52, 53
רייכארדט, ה. 130
ריינלעכקייט 69
ריכלינסקי, ס. 15, 74, 87, 142
רעאליזם 219 א״וו, 222, 230, 235, 239, 241, 273
רעאקציעס אויף קאנפליקטן 216—245, 258, 260, 278
רעגרעסיע 44
רעוויזיאניסטן 262, 265, 278
רעליגיע 53, 63, 246 א״וו, 263, 295 א״וו
שא, ק. 115, 116, 118, 119, 137
שאצקי, י. 115
שבתי־צבי 276

שול 52 א״ו, 197 — 203, 208 א״ו, 238, 240, 250 א״ו
שול־פעולות און אלף־וואָוו 104
שולדגעפילן 147, 261, 274, 279
שטייגער־פאָרמען, יידישע 21 א״ו, 197
שטיינמעץ, ר. 90
שרײַבנער, אָ. 300
שיקאַגאָ 115 א״ו, 137, 242
שלום־עליכם 136, 148
שניאורסאָן, פּ. 20, 220, 232
שניפּישאָק 76
שענקערוויטש, ה. 145
שפּידבורים, ה. 228
שפּילדריין, ר. 300
שפּראַנגער, ע. 202
שקצים 175, 186, 252
שרעק 231
תּכלית 203, 208, 270, 274, 278
תּל־אָביב 216, 276

אַ קיִצור פֿון דעם בוך איז אַרויס אין פּויליש:

MAKS WEINREICH

STUDJUM O MŁODZIEŻY ŻYDOWSKIEJ

PROGRAM i METODA

WYDZIAŁU BADANIA MŁODZIEŻY

ŻYDOWSKIEGO INSTYTUTU NAUKOWEGO

POZNAŃ 1935

(Odbitka z „Przeglądu Socjologicznego“ III, 1935)

55 זײַטן. פּרײַז 1.50 גל׳

אַנדערע ביכער פֿון דעם מחבר:

1. שטאַפּלען. פֿיר עטיודן צו דער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור־געשיכטע. פֿאַרלאַג „וואָסטאָק“, בערלין 1923. 260 זז׳.
2. מכּירת־יוסף. פֿאַרלאַג „וואָסטאָק“, בערלין 1923. [84 זז׳]
3. שטורעמווינט. בילדער פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין 17טן יאָרהונדערט. פֿאַרלאַג „טאָמאָר“, ווילנע 1927. 220 זז׳.
4. בילדער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע פֿון די אָנהייבן ביז מענדעלע מוכר־ספֿרים, ווילנע 1928. 370 זז׳.

אויסגאַבעס פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

פילאָלאָגישע שריפטן, באַנד I: לאַנדוי-בוך.
XXVIII+428+XVI שפאַלטן גרויס-קוואַרט. ווילנע 1926.
פרייז 14 גילדן, אין אויסלאַנד 3 דאָלאַר.

פילאָלאָגישע שריפטן, באַנד II.
XXXVI+516+XVI שפאַלטן גרויס-קוואַרט. ווילנע 1928. פרייז 20 גילדן.

פילאָלאָגישע שריפטן, באַנד III.
XXIV+622+XVI שפאַלטן גרויס-קוואַרט. ווילנע 1929. פרייז 26 גילדן.

שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק, באַנד I.
34+524+XVI שפאַלטן גרויס-קוואַרט. בערלין 1928. פרייז 25 גילדן.

עקאָנאָמישע שריפטן, באַנד II.
4+202+XV זייטן גר׳ קוואַרט. פרייז 18 גילדן.

היסטאָרישע שריפטן, באַנד I.
L+828+XX שפאַלטן גרויס-קוואַרט. וואַרשע 1929. פרייז 30 גילדן.

אַרכיוו צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע, באַנד I.
536+VIII זייטן גרויס-אָקטאַוו. ווילנע 1930. פרייז 25 גילדן.

פנקס א פערטליאָריקער זשורנאַל פאַר דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע. אַרויסגעגעבן פון אַמעריקאַנער אָפּטייל פון ייוואָ.
באַנד I, העפט 1—4. 400 זייטן גרויס-אָקטאַוו. ניו-יאָרק 1927—1928. פרייז 3 דאָלאַר.
באַנד II, העפט 1, 96 זייטן. ניו-יאָרק 1929. פרייז 75 סענט.

ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט באַנד I—1926.
XXVI+446+XXIV זייטן גרויס-אָקטאַוו. וואַרשע 1928. פרייז 17 גילדן.

פראָפ׳ **ש. דובנאָוו: געשיכטע פון חסידיזם,**
אויפן יסוד פון אָריגינעלע מקורים, געדרוקטע און כתב-ידן.
באַנד I. 276+XVI זייטן 8^0. ווילנע 1930. פרייז 8 גילדן.

די ערשטע יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ.
באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, 1908.
288+XVI זייטן, 8^0. ווילנע 1931. פרייז 10 גילדן.

באַריכט פון דער קאָנפערענץ פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט,
אָפּגעהאַלטן אין ווילנע פון 24טן ביזן 27טן אָקטאָבער 1929.
172+IV זייטן 8^0. ווילנע 1930. פרייז 3 גילדן.

דער איינהייטלעכער יידישער אויסלייג.
מאַטעריאַלן און פּראָיעקטן צו דער אָרטאָגראַפישער קאָנפערענץ פון ייוואָ.
ערשטע זאַמלונג. 124+VIII זייטן, 8^0. ווילנע 1930. פרייז 2.50 גילדן.

מענדל לעפין: „קהלת".
אָריגינאַל/פירוש/ יידישע איבערזעצונג.
פאָטאָגראַפישער איבערדרוק לויט דעם כתב-יד
פון דער יוסף-פערל-ביבליאָטעק אין טאַרנאָפּאָל. ווילנע 1930. פרייז 2 דאָלאַר.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Żydowski Instytut Naukowy, Wiwulskiego, 18, Wilno

Konto P. K. O. 81.396 פּאָסט-טשעק-קאָנטאָ

ביבליאָטעק פון ייִוואָ:

1. פּראָפ׳ ש. דובנאָוו. געשיכטע פון חסידיזם. באַנד I. 1930. פּרײַז 8 גילדן.

2. די ערשטע ייִדישע שפּראַך־קאָנפערענץ. 1930. . . . פּרײַז 10 גילדן.

3. פּראָפ׳ ש. דובנאָוו. געשיכטע פון חסידיזם. באַנד II. 1933. פּרײַז 8 גילדן.

4. ד״ר ב. וואַכשטיין. אַ ייִדיש קהל אין 18טן יאָרהונדערט. 1933. פּרײַז 2 גילדן.

5. ד״ר ש. בירנבוים. די געשיכטע פון די u־קלאַנגען
אין ייִדיש. 1933. פּרײַז 2 גילדן.

6. ד״ר צ. שאַבאַד אויטאָביאָגראַפיע. 1935. . . . פּרייז 1.50 גילדן.

7. ד״ר מ. ווײַנרײַך. דער וועג צו אונזער יוגנט. 1935. . פּרײַז 7 גילדן.

„ביבליאָטעק פון ייִוואָ״ נומ׳ 1 (7), יולי 1935

אַרויסגעבער:

פאַר דער געזעלשאַפט „פרײַנד פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט״: י. שור

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: מ. ווײַנרײַך

53. Youth witwout a way out. 54. "Everyone is doing badly". 55. Conflict and reaction. 56. Autistic reactions. 57. The psychic function of reading. 58. Psychoses. 59. Neuroses. 60. Egocentric reactions. 61. Individualistic reactions. 62. Social reactions. 63. Logic vs. libido. 64. The attractiveness of the political party. 65. Multiple conditioning. 66. Individual vs. social motivation. 67. Blaming the ambitious. 68. Changing the political affiliation: from right to left. 69. Changing the political affiliation: from left to right. 70. Egocentric interest in politics. 71. It depends on the point of view. 72. Research problems. 73. Science for science vs. science for life. 74. Success vs. happiness.

Addenda: Piety and unbelieving. Siblings' relations. The first and the second phase. In what circumstances the autobiographies for the contest of the Yiddish Scientific Institute were written. The sexual life of Jewish youth. Literature on specific Jewish abilities. Bilingualism. What anybody can do for the youth study of the Yiddish Scientific Institute.

Index.

TABLE OF CONTENTS:

I. ELEMENTS: 1. Two aims of youth research. 2. The facts. 3. The individual and the group. 4. The study of culture and personality. 5. Belonging to a distinct group. 6. "Universal" and "Jewish" personality elements. 7. Biological heritage and social heritage. 8. It is hard to be a child. 9. "Equal conditions". 10. The first cycle: a trial mobilization. 11. The second cycle: from puberty to maturity. 12. School and family. 13. Finally grown-up. 14. Culture and cultural patterns. 15. The meaning of cultural patterns.

II. METHODS: 16. Seven negative statements. 17. The statistical method. 18. The applicability of statistics. 19. Special censuses. 20. The socio-economic status. 21. Questionnaires. 22. Sociographic studies. 23. Intelligence tests. 24. The I.Q. 25. A discussion of intelligence testing. 26. Personality tests. 27. The whole situation and the whole person. 28. Juvenile delinquency studies in Chicago. 29. What's the use of studying individuals. 30. The psychic conflict. 31. A set of fundamental concepts. 32. The overt psychography (life-history). 33. The problem of autobiographies. 34. Autobiographies by older people and by adolescents. 35. Motives for writing an autobiography. 36. "Lying" in autobiography. 37. Embellishing the story. 38. Autobiography and diary. 39. Motives for writing diaries. 40. The reliability of diaries. 41. The overt document vs. psychoanalytic confession. 42. Genetic studies.

III. PROBLEMS: 43. Ethnic elements of personality. 44. Jewish psychic specificity. 45. The Eastern Jewish group. 46. Contrasts within the group. 47. The first "attack of Jewishness". 48. Educational problems. 49. The first compensations. 50. The school not of one's own. 51. Emotionality vs. intellectuality. 52 The second attack.

53. Młodzież bez jutra. 54. „Wszystkim jest źle". 55. Konflikt a reakcja. 56. Reakcje autystyczne. 57. Funkcja psychiczna czytania. 58. Psychozy. 59. Nerwice. 60. Reakcje egocentryczne. 61. Reakcje indywidualistyczne. 62. Reakcje społeczne. 63. Logika a libido. 64. Czem przyciąga partja? 65. Wielorakie uwarunkowanie. 66. Motywy indywidualne a społeczne. 67. Pretensje do „karjerowiczów". 68. Zmiana partji: z prawa na lewo. 69. Zmiana partji: z lewa na prawo. 70. Partyjność egocentryczna. 71. Z jakiej strony się patrzy. 72. Zagadnienia badawcze. 73. Nauka dla nauki a nauka dla życia. 74. Powodzenie a szczęście.

Uzupełnienia: Pobożność a niedowiarstwo. Stosunki wzajemne rodzeństwa. Faza pierwsza a druga. W jakich warunkach pisano autobiografje do konkursu Jiwo. Życie seksualne młodzieży żydowskiej. Literatura o specyficznych zdolnościach żydowskich. Dwujęzyczność. Czem każdy może być pomocny przy badaniu młodzieży.

Skorowidz.

Streszczenie polskie niniejszej książki ukazało się p. t.: Studjum o młodzieży żydowskiej. Program i metoda wydziału badania młodzieży Żydowskiego Instytutu Naukowego. Poznań 1935, str. 55. (Odbitka z „Przeglądu Socjologicznego" III, 1935, Nr. 1—2).

SPIS RZECZY:

I. PODSTAWY: 1. Dwa cele badania młodzieży. 2. Fakty. 3. Jednostka a zbiorowość. 4. Nauka o kulturze i osobowości. 5. Należenie do zbiorowiska napiętnowanego. 6. „Ogólne" i „żydowskie" pierwiastki osobowości. 7. Dziedziczność biologiczna a społeczna. 8. Trudno być dzieckiem. 9. „Jednakowe warunki". 10. Okres pierwszy: mobilizacja próbna. 11. Okres drugi: od pokwitania do dojrzałości. 12. Szkoła i rodzina. 13. Nareszcie dorosły. 14. Kultura i wzory kulturowe. 15. Znaczenie wzoru kulturowego.

II. METODY: 16. Siedem zasad negatywnych. 17. Metoda statystyczna. 18. Zastosowalność statystyki. 19. Spisy specjalne. 20. Stan społeczno-gospodarczy. 21. Ankiety. 22. Studja socjograficzne. 23. Testy inteligencji. 24. Iloraz inteligencji. 25. Krytyka testów inteligencji. 26. Testy osobowości. 27. Cała sytuacja i cały człowiek. 28. Studja nad przestępczością młodocianych w Chicago. 29. Poco badać jednostki. 30. Konflikt psychiczny. 31. Pojęcia zasadnicze. 32. Psychografja. 33. Problemy autobiografji. 34. Autobiografje starszych i młodzieńców. 35. Uzasadnienie autobiografji. 36. „Kłamstwo" w autobiografji. 37. Upiększenie autobiografji. 38. Autobiografja a pamiętniki. 39. Uzasadnienie pamiętników. 40. Czy można polegać na pamiętnikach. 41. Świadomy dokument a spowiedź analityczna. 42. Studja genetyczne.

III. ZAGADNIENIA: 43. Pierwiastki etniczne osobowości. 44. Żydowska specyficzność umysłowa. 45. Zbiorowość wschodnio-żydowska. 46. Kontrasty wewnętrzne. 47. Pierwszy „atak żydowskości". 48. Problemy wychowawcze. 49. Pierwsze kompensacje. 50. Obca szkoła. 51. Emocjonalność a intelektualność. 52. Drugi atak.

PRINTED IN POLAND
DRUKARNIA D. KREJNESA
WILNO, UL. RUDNICKA 2

THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE (YIVO)
YOUTH RESEARCH DEPARTMENT

MAX WEINREICH

THE WAY TO OUR YOUTH

ELEMENTS, METHODS, AND PROBLEMS OF JEWISH YOUTH RESEARCH

TABLE OF CONTENTS IN ENGLISH, PP. VII-VIII

WILNO / 1935

ŻYDOWSKI INSTYTUT NAUKOWY (JIWO)
WYDZIAŁ BADANIA MŁODZIEŻY

MAKS WEINREICH

DROGA DO NASZEJ MŁODZIEŻY

PODSTAWY, METODY, ZAGADNIENIA BADANIA MŁODZIEŻY ŻYDOWSKIEJ

SPIS RZECZY W JĘZYKU POLSKIM NA STR. V—VI

WILNO / 1935

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

„BIBLIOTEK FUN JIWO" Numer 1 (7) Lipiec 1935
/Bibljoteka Żydowskiego Instytutu Naukowego/

Jidišer visnšaftlecher institut. Opcvajg jugnt-foršung.

DR. MAKS WEINREICH. DER VEG CU UNDZER JUGNT.